DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13877

Maków-Mazowiecki Memorial Book

Sefer zikaron li-ḳehilat Maḳov-Mazovyetsḳ

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

©2003 THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY AND
THE NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman


•

Original publication data

TITLE	Sefer zikaron li-ḳehilat Maḳov-Mazovyetsḳ / [ʾorekh, Yitshaḳ Brat].
IMPRINT	880-03 Tel-Aviv : Irgun yotse Maḳov-Mazovyetsḳ be-Yiśraʾel uve-Artsot-ha-Berit, 729 [1969]
DESCRIPT	505 p. : ill., facsims., map, ports. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Maków-Mazowiecki.
	Maków-Mazowiecki (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Maków-Mazowiecki.
ADD'L NAME	Brat, Yitshaḳ.
ADD'L TITLE	Maḳov-Mazovyetsḳ yizker-bukh

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING

PRINTED IN THE U.S.A.



די מאפע פון מאקאוו-מאזאוויעצק
PULTUSK - WARSZAWA
ROZAN
LOMZA - OSTROLENKA
ORZYC
GARBARSKA
MOSTOWA
RYNEK
GRABOWA
ZIELONY
KANALOWA
DUNAJ
BUZNICZNA
FRANCISZKANSKA
POPRZECZNA
BRZOZOWA
KOSCIELNA
KOSCIUSZKI
3-GO MAJA
PRZASNYSZ-MLAWA-CHORZELE
PRZASNYSZKA
CIECHANOWSKA
CIECHANOW-PLOCK
PULTUSKA
PULTUSK - WARSZAWA
1 דאס אלטע בית הקברות
2 " נייע "
3 רייטשיק
4 דאס הויז פון ציעכאנאווער
5 דער שעכט הויז פאר עופות
6 דער נייער בית המדרש
7 די שול
8 דער אלטער בית המדרש (יבנה)
9 גמינע-דעד רב
10 די מקוה
11 אמשענאווער שטיבל
12 גערער שטיבל, חדר הכללה
13 פאלקס שולע
14 די יאטקעס
15 די פאטשעקאלניע
16 דער מאגיסטראט
17 דאס קינע
18 בית יעקב
19 דער קאשטשול
20 סטאראסטע
21 די עלעקטראווניע
22 די טורבינע
23 די פאלקס שולן
24 די פליאזיע
25 דער וואלד
26 דער צמענטארז
27 ווילעמבערג
פארבויטער שטח
גאסן אין שאסייען
גרענעץ פון געטא
מפה ללא קנה-מידה - געצייכנט פון זכרון: ארכי׳ ח. נאוואמינסקי-1968

Provided by the Library of Congress
Public Law 480 Program

מאקוב־מזוביצק

74-9516

ספר זכרון לקהילת

מאקוב־מזוביצק

בהוצאת ארגון יוצאי מאקוב־מזוביצק
בישראל ובארצות־הברית

תל־אביב, תשכ"ט — 1969

מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק

יזכור־בוך

Maków-Mazowiecki

PL 450

נדפס בישראל

ארויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פון מאַקאָווער לאַנדסמאַנשאַפטן
אין ישראל און אַמעריקע

דפוס „אורלי״, תל־אביב

ועד־הספר בניו־יורק:

בוך־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק:

לייבל גאָלדוואַסער, אברהם גאַרפינקעל, שמואל הילערט, יהושע וואָלפאָוויטש, אברהם לעסמאַן, יעקב־חיים סאָבעל, יחזקאל סעגאַל, יהושע פרידמאַן, מרדכי ציוויינער, שרגאי קאָהען, הלל רייטשיק, שלום שולדענריין.

חברי המערכת בישראל:

רעדאקציע־קאָלעגיום אין ישראל:

יחזקאל איצקוביץ׳, אידה בר־גרפינקל, יעקב־משה סקורניק, ישראל פרנקל, מרדכי צ׳כנובר, נתן שחר (מונצ׳קובסקי)

עורך: רעדאַקטאָר:

י צ ח ק ב ר אַ ט

פתח דבר

"יזכור החי את מתיו כי הם
מנגד לנו,
הנה נבטות עיניהם סביב סביב.
ואַל דמי, אל דמי לנו עד יהיו חיינו
ראויים לזכרם.

(אבא קובנר: מתוך יזכור
ליום הזכרון והשואה).

ספר־זכרון זה לא נועד לספק צורך מסויים של ציבור הקוראים. והוא אחד ממאות ספרי הזכרון של קהילות ישראל, שנהרסו ונחרבו על־ידי פריצי החיות הנאצים וגרוריהם.

הספר נועד בראש וראשונה לעצמנו, לשארית הפליטה של בני עירנו בישראל ובארצות שונות בעולם; כביטוי לאבל וליגון, לצער ולזעם על אבדן הורינו, אחינו, אחיותינו, קרובינו וידידינו אנשים ונשים, זקנים וטף — שנרצחו ביחד עם ששת מיליון יהודים במיתות משונות, בלי חטא ועוון בידיהם.

וכדי לדעת ולזכור עד סוף כל הדורות את אשר עוללו לנו הרוצחים — העלו בכתב, יחידים שניצלו על־פי־נס מן הכבשנים — את הזוועות, עינויי־הגוף והנפש ובלהות המוות, שהיו מנת־חלקם יום יום; את ההשמדה האיומה והאכזרית שראו במו־עיניהם, מיום שהגרמנים כבשו את העיר, ועד שהשתחררו בסוף המלחמה, והם רצוצים ומדוכאים. דברי העדות שלהם נדפסו בספר ככתבם וכלשונם, בלא כחל ושרק.

תחילה סרבו האנשים לשוב ולזכור ולהיזכר בתקופת הדמים ההיא אם בכתב ואם בעל־פה. שכן הסחת־הדעת ממנה, היא הדרך היחידה לעבור ממצבים של טרוף לחיי אדם תקינים. אולם אחרי לבטים רבים הכירו בחשיבות הנודעת לדברי עדות שלהם, כדי שייחרתו לדראון־עולם עד סוף כל הדורות.

משהתחלנו לקרוא את מגילת השואה שהעלו על הכתב, הזדעזענו מרוב צער וכאב ונאלצנו לדחות את המשך הקריאה למחרת היום. אולם גם בפעם

השניה והשלישית התפרצו אחדים מאתנו בבכי היסטרי בשעת הקריאה — ולא יכלו עוד.

קראתי ושמעתי הרבה על תקופת השואה; אף־על־פי־כן קשה היה לי להרדם בלילות בתקופת הקריאה במגילת היגונות הנוראה הזאת. ולא רק משום מראות הבלהות והסיוטים שראיתי איך ניספו אמי, אחיותי, אחי וילדיהם; שנתי נדדה גם מגודל הזעם העצור וחסר־האונים, מפני השאלה הטורדת־מנוחה: מדוע ולמה המיטו הגרמנים חורבן ושואה על עם ישראל?!

אני היום כבן שבעים, והנני מעיד ומצהיר בזה לדורות הבאים: כל מה שכתוב בספר זה על העינויים, מעשי־הרצח וההתעללות — הכל אמת לאמיתו הוא! הכל נכתב על־פי עדותם של בני מאקוב משארית הפליטה.

„ואל דמי, ואל דמי לכם עד יהיו חייכם ראויים לזכרם!"

פרקי ההיסטוריה, הזכרונות והשירים על היהודים בעיר, על חייהם, מנהגיהם אורחם־ורבעם — נכתבו בידי אנשי עירנו, רובם יהודים פשוטים, המספרים דברים כהווייתם על יקירי נפשם שניספו, מתרפקים באהבה על נוף העיירה בה נולדו וגדלו, והרשימות — כרשימות החרותות על המצבות שאנו מקימים בספר זה על קבריהם הבלתי־נודעים של קדושינו.

למען ידעו בנינו ובני בנינו, אחרינו, שהרוצחים הנאצים עשו בנו שמות לא משום שהיינו הגרועים שבעמים, אלא מפני שהיינו הטובים והחלשים שבהם.

יעקב מ. סקורניק / קבוץ שובל

פאָרוואָרט

בדחילו ורחימו האָב איך גענומען אויף זיך די הייליקע אַרבעט — צו רעדאַקטירן דעם דאָזיקן יזכור־ספר.

אין מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק בין איך קיינמאָל נישט געווען. כ׳האָב נישט געקענט די יידן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט, די אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבן געשאַפן, די שולן און בתי־מדרשים, וואָס זיי האָבן אין משך פון יאָרן אויס־געבויט.

מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק איז געווען אַן אַלטע, אין משך פון יאָרן טיף־פאַרוואָרצלטע און איינגעפונדעוועטע קהלה, מיט איר יידישן לעבנסשטייגער, מיט אירע טראַדיציעס, מיט אירע ליידן און פריידן. אַ צווייג פון גרויסן בוים: פויליש יידנטום.

איז געקומען די בלוטיקע היטלער־תקופה. סיי דער גרויסער בוים און סיי זיינע צווייגן זענען פאַרשניטן און פאַרטיליקט געוואָרן. מאַקאָוו האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע יידישע קהלות אין פוילן אין יענע יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג.

ווי געזאָגט, איז מיר מאַקאָוו, תחילת פרעמד געווען. אָבער ווען כ׳האָב גענומען לייענען און באַאַרבעטן די מענגעס דערהאַלטענע מאַטעריאַלן, דורכ־פירן די גביית־עדות, איז מיר מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק מיט יעדן טאָג אַלץ היימישער געוואָרן, נאָענטער, ווי איך אַליין וואָלט געווען אַ מאַקאָווער. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז צוזאַמען מיט די מאַקאָווער יוגנטלעכע האָב איך שפּאַצירט אין „גזשאַנקע״־וועלדל, געשפּיגלט זיך אין די וואַסערן פון אָזשיץ, בייגעוווינט זייערע פאַרזאַמלונגען, מאַרשירט מיט די קינדער איבער די מאַקאָווער גאַסן אין די טעג פון די ל״ג־בעומר־פייערונגען, מיטבאַטייליקט זיך אין די ציוניסטישע מאַניפעסטאַציעס, בלימל־טעג, באַזאַרן, באַוווּנדערט די איבערגעגעבענע יידישע עסקנים פון די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, פון די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, פון מאַגיסטראַט — עסקנים, וואָס האָבן מיט מסירת־נפש געאַרבעט לטובת הכלל שלא על מנת לקבל פרס.

כ׳האָב זיך באַקענט מיט דער געשיכטע פון מאַקאָוו זינט דעם 16־טן יאָרהונדערט, מיט אירע גדולי־התורה, רבנים, גאונים, משכילים, ראשי־ישיבות, לערער, דערציער, שרייבער און דיכטער. כ׳האָב שפּאַציט אויפן גרויסן מאַרק־פּלאַץ, געזעסן אין דער „פּאָטשעקאַלניע״, באַגלייט די יידישע קינדער אין די גני־ילדים, חדרים, פּאָלקס־שולן, אין דער יידישער גימנאַזיע; כ׳האָב געזען יידישע סוחרים, קרעמער, בעלי־מלאכות, יאַרידים־פאָרער,

פעלצן־הענדלער, ציצות־מאַכער; כ׳האָב געזען די נשים צדקניות פון שטאָט, וואָס האָבן יעדן ערב שבת און ערב יום־טוב צונויפגענומען חלות פאַר יידישע נויטבאַדערפטיקע, געהאַט דיזשורן ביי עלנטע קראַנקע אין שפּיטאָלן. כ׳האָב געזען די יידן, אויסגעפּוצטע אין זייערע שבת־יום־טובדיקע בגדים, ווי זיי גייען אין שול אַריין מתפּלל צו זיין, אַז דער רבונו־של־עולם זאָל זיי מוחל זיין חטאים, וואָס זיי זענען בכלל נישט באַגאַנגען.

און דערפאַר האָט מיין האַנט געציטערט און דאָס האַרץ האָט געוויייטיקט, ווען כ׳האָב געדאַרפט פאַרצייכענען די גרויזאַמע שילדערונגען וועגן אומקום פון דער דאָזיקער קהלה.

ווער קען באַנעמען, ווער קען אויסדערציילן דעם גיהנומדיקן יסורים־וועג פון די קרבנות.

די על־פּי־נס געראַטעוועטע פון די היטלערישע מאָרדאָוניעס האָבן אין משך פון לאַנגע שעהן געשילדערט די דייטשע מאַסן־רציחות איבער יידן אין די אומקום־לאַגערן, אין די געטאָס, די ראַפינירטע נאַצישע פּייניקונגס־ און מאָרד־מעטאָדן פון די סאַדיסטן־רוצחים. געשפּענסטיקע בילדער האָבן מיך גענומען פאַרפאָלגן: אָט טרייבט מען אַ גאַנצע עדה יידן, אַלטע לייט, פרויען און קינדער אין די וואַגאָנעס. ווער עס שטייט אָפּ, ווערט אויפן אָרט דער־שלאָגן אָדער דערשאָסן. אומעטום — טויט, טויט און טויט... סעלעקציעס, גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס — פאַבריקן פונעם מלאך־המוות, די אַשמדאיס אין ס.ס.־מונדירן פּירן־אויס מיט אייפער היטלערס באַפעל וועגן דער „ענד־גילטיקער לייזונג פון דער יידן־פראַגע״.

דאָס אַלץ איז פון דער ערשטער קוועלע דערציילט און באַשריבן גע־וואָרן — אויך די גבורה־טאַטן פון די מאַקאָווער יוגנטלעכע אין די טויט־לאַגערן און אין אַנדערע ערטער. די דאָזיקע מאַטעריאַלן וועלן דינען דעם קומענדיקן היסטאָריקער ווי דאָקומענטן, וואָס וועלן עדות זאָגן וועגן דעם גרעסטן מאָרד אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וועלכן די דייטשן און זייערע מיטהעלפער האָבן אויסגעפירט איבער יידן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס וועט אויך מאָנען פון אונדז און פון די קומענדיקע דורות צו געדענקען און קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס עמלק־דייטש האָט געטאָן מיט אונדזער פאָלק.

דער ארגון יוצאי מאַקוב אין ישראל און די מאַקאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע האָבן מיטן אַרויסגעבן דעם דאָזיקן יזכור־ספר געשטעלט אַן אייביקן מאָנומענט זייער פאַרשניטענער קהלה.

זאָל דער דאָזיקער ספר דינען אַלס אָנדענק־מצבה פאַר די קדושים וטהורים פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, וועלכע זענען אַזוי אַכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען יידן.

געבענטשט זאָל זיין זייער אָנדענק!

יצחק בראַט

תל־אביב, אדר, תשכ״ט.

דער פנקס הדמים

מיט אַ ציטערדיקער האַנט און מיט אַ געפיל פון קדושה און יראת־הכבוד טראָגן מיר אייך צו, ליבע שוועסטער און ברידער, דעם ספר־הזכרון, דעם פנקס הדמים פון אונדזער טראַגיש פאַרשניטענער קהילה.

אויף אונדז, לעבנגעבליבענע, האָט דער טראַגישער גורל אַרויפגעלייגט די הייליקע פליכט צו שילדערן פאַר אייך און פאַר די צוקונפטיקע דורות די שרעקלעכע און אויפטרייסלענדיקע תקופה, אין וועלכער אונדזער שטעטל איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים — אַ תקופה, אין וועלכער עס איז אויסגעפירט געוואָרן קעגן יידן דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער מענטש־לעכער געשיכטע, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

זאָל דער ספר־הזכרון דינען אַלס ווירדיקע מצבה פאַר אונדזערע טויזנטער טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער, זין און טעכטער, וואָס זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען אויף קידוש־השם, וועמענס ביינער און אַש עס זענען צעשפרייט און צעזייט איבער וויסטע פעלדער און וועלדער אין אייראָפּע.

נישט לייכט איז אונדז אָנגעקומען דאָס זאַמלען און צונויפשטעלן דעם מאַטעריאַל פאַר דעם בוך. אַלע מאַקאָווער היסטאָרישע קוועלן און אַרכיוון זענען חרוב געוואָרן צוזאַמען מיטן שטעטל. נאָר דער שטאַרקער רצון, עקשנות און די גרויסע אחריות האָבן אונדז באַוויזן און געשטויסן צו דער הייליקער אַרבעט. מיר האָבן געזאַמלט מאַטעריאַלן פון פאַרשיידענע קוועלן. מיט אומ־געהויערער מי איז אונדז געלונגען צו לייגן אַ ציגל צו אַ ציגל און אויפשטעלן די דאָזיקע מצבה.

מיר האָבן זיך באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, אָפּצושפּיגלען אין דעם ספר דאָס שטעטל אין אַלע זיינע ליכט־ און שאָטן־זייטן, אָנהויבנדיק פון דער געשיכטע פון זיין אויפקום ביז דער טראַגישער תקופה פון אומקום. דאָס בוך אַנטהאַלט באַשרייבונגען, שילדערונגען און זכרונות וועגן פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, פּאַרטייען, קולטור־פאַרבאַנדן, פּערזענלעכקייטן, רבנים, עסק־נים, פאָלקס־טיפּן א. א. וו.

אַ גרויסן טייל אין דעם ספר פאַרנעמט די תקופה פון אומקום און גבורה. די יעניקע פון אונדזער שטעטל, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט שבעה מדורי גיהנום און על־פּי נס ניצול געוואָרן, האָבן מיט אומגעהויערן פּיין און גרויסער אָנשטרענגונג באַמיט זיך צו אויפלעבן אין זייער זכרון יענע שוידערלעכע בילדער פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן און געטאָס און זיי אַרויפּברענגען אויפן פּאַפּיר. זיי האָבן אויך געשילדערט דעם אויפשטאַנד אין אוישוויצער פאַר־

ניכטונגס־לאַגער, אין וועלכן עס האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען אַ סך פון אונדזערע מאַקאָווער זין און אומגעקומען מיט אַ העלדישן טויט.

דאָס האַרץ בלוטיקט, ווען דו זעסט, ביים לייענען, די בילדער פון יענע פינצטערע טעג, ווי טויזנטער מאַקאָווער יידישע לעבנס האָבן גרויליק געצאַפּלט אין פּחד און אין נויט, אין קעלט און אין הונגער, אין תהום פון גרויליקן טויט — און די וועלט האָט געשוויגן ;

דאָס האַרץ בלוטיקט אויף די אומגעבראַכטע יידישע קינדערלעך, וועלכע האָבן נישט באַגריפן, וואָס מען וויל פון זיי און וואָס עס קומט פאָר. מ׳האָט זיי אַוועקגעריסן פון דער מאַמעס אָרעמס, פון דער מאַמעס ברוסט — און זיי אומגעבראַכט ;

פון דעם ספר הערט זיך דער וויי־געשריי פון אָט די אַלע מאַקאָווער קדו־שים און גיבורים, וואָס זענען אַזוי אכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן.

דאָס האַרץ ווייטיקט, בלוטיקט, בעת דו לייענסט די געשיכטע פון דיין פאַרטיליקטער היים, מיט וועלכער דו ביסט נאָך עד־היום צוזאַמענגעוואָקסן, צוזאַמענגעגלידערט מיט דיין משפּחה־נעסט, טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברי־דער, קינדער און פריינט ;

עס ווייטיקט דאָס האַרץ נאָך אונדזער טייער שטעטל, נאָך די אַלע מאַקאָ־ווער קדושים, די אַלע למדנים און גדולים, תמימים און פאָלקס־מענטשן, די אַלע מאַקאָווער גיבורים, וועלכע זענען געפאַלן ביי אַלערליי אומשטענדן, ביים שטעלן אַ ווידערשטאַנד די רוצחים ;

עס ווייטיקט דאָס האַרץ נאָך די אַלע פאַרשניטענע לעבנס, נאָך די אַלע אין פיין אויסגעהויכטע נשמות אין גרעסטן חורבן פון אונדזער געשיכטע.

יהי זכרם ברוך !

יחזקאל איצקאָוויטש / תל־אביב

מרדכי ציעכאַנאָווער

די געשיכטע פון יזכור־בוך

אָנגעהויבן האָט עס זיך נאָך דעמאָלט, אויף דער אזכרה, ג׳ טבת תש״ו (1945). די ערשטע ניצול־געוואָרענע זענען אָנגעקומען מיט דער אומלעגאַלער עליה קיין ארץ־ישראל. עס זענען נאָך געווען פריש די ווונדן אין די הערצער, און אויך אויף די קערפּערס זענען זיי נאָך נישט פאַרהיילט געוואָרן. נאָך דעם „אל מלא רחמים" פון חזן און קדיש פון גאַנצן קהל, האָט איינער פון די געראַטעוועטע דערציילט מיט אַ פשוטן מאַקאָווער אַקצענט, ווי אַזוי די מאַקאָווער יידן זענען פאַרשניטן געוואָרן. במשך פון צוויי שעה האָט ער געשילדערט דעם שרעקלעכן אומקום, אָנהייבנדיק פון דער נאַציסטער אָקופּאַציע ביז דעם לעצטן וועג פון די מאַקאָווער קדושים. די פאַרזאַמלטע זענען געווען דערשיטערט. אַלע האָבן געוויינט: ווער — בקול רם און ווער — אין דער שטיל. יעדן האָט זיך געדוכט, אַז ער שטייט ביים אָפענעם קבר פון זיינע נאָענטע. אין דאָזיקן אָוונט איז איינגעקריצט געוואָרן אין די הערצער פון יעדן איינעם פון זיי דאָס געבאָט: „אַל תשכח — דו זאָלסט נישט פאַרגעסן". שוין דעמאָלט האָבן די פאַרזאַמלטע געגעבן אַ נדר צו שטעלן אַ מצבה אויף די אַלע אומבאַקאַנטע קברים. עס איז פאַרגעלייגט געוואָרן צו פלאַנצן אַ „יער הקדושים". אַנדערע האָבן פאַרגעלייגט אַרויסצוגעבן אַ יזכור־ספר.

יאָרן זענען פאַרביי. וועגן ספר איז גאָר נישט געטאָן געוואָרן.

דורך דער איניציאַטיוו פון „יד ושם" און פלייסיקע מיטאַרבעטער פון אַמעריקאַנער „רעליעף", האָט דער אירגון יוצאי מאַקאָוו אין ישראל מצליח געווען אויפצושטעלן אַ מצבה, אין פאָרם פון אַ וועלדל, אין יער הקדושים, אין ירושלים. שפּעטער זענען אויך אויפגעשטעלט געוואָרן צוויי מצבות — איינע אין מרתף־השואה און די צווייטע — אין יער הקדושים, אויפן הר־ציון.

דאָס האָט אָבער נישט באַפרידיקט אַ סך פון די לעבנגעבליבענע. עס האָט זיי נישט געלאָזט רוען. זיי האָבן געוואָלט, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ ספר־זכרון. ביי יעדער געלעגנהייט — צי איז דאָס געווען אַ פאַרזאַמלונג, אָדער אַ יזכור־אָוונט — איז דערמאָנט געוואָרן דער פּלאַן פון אַ יזכור־ספר. אַ גרויסער טייל פון די מאַקאָווער האָט געצווייפלט אין דער דאָזיקער מעגלעכקייט. זיי האָבן געטענהט, אַז מיט די איצטיקע אָרעמע מאַקאָווער כוחות, איז נישט מעגלעך אויסצופירן דעם דאָזיקן פּלאַן. אַ טייל מאַקאָווער איז געווען בכלל פּאַסיוו און נישט רעאַגירט. זיי האָבן נאָר באַטאַנט, אַז ווען עס וואָלטן זיך געפונען אַ פּאָר מאַקאָווער „משוגעים" פאַרן דאָזיקן ענין, וואָלט אפשר מעגלעך געווען צו טראַכטן וועגן שרייבן אַ ספר־זכרון.

צום סוף, האָבן זיך אַזעלכע עטלעכע „משוגעים״ געפונען. זיי האָבן געטענהט, אַז אַ ספר־זכרון מוז דערשיינען. זיי האָבן נישט פאַרגעסן די צוואה פון די קדושים, גייענדיק אויף קידוש־השם, אַז מען זאָל זיי געדענקען, דערמאָנען און באַשרייבן דעם גרויסן חורבן, אַז די קומענדיקע דורות זאָלן וויסן. געדענקען און אויך נקמה נעמען.

עס זענען געווען אַ סך שוועריקייטן און שטערונגען אויפן וועג פון רעאַליזירן דעם געדאַנק וועגן אַרויסגעבן אַ ספר. דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט גובר זיין.

באַלד נאָך דער באַפרייאונגס־מלחמה, האָט ישראל פרענקעל אַ פּאָר מאָל זיך גע־ווענדעט צו מיר, ווי אויך צו אַנדערע, מיט אַ פאָרשלאָג אָנצוהייבן עפּעס טאָן וועגן אַ יזכור־בוך. הערנדיק וועגן דער שרעקלעכער פאַרגאַנגענהייט, פלעגט ישראל ביי אַ באַגעגע־נישט תמיד זאָגן: „פאַרוואָס ווערט דאָס אַלץ נישט פאַרצייכנט? די זכרונות דאַרפן גע־זאַמלט ווערן און זיין אַ יסוד פאַר אַ יזכור־בוך״. מיט אַלע מאַקאָווער האָט זיך ישראל פרענקעל געטראָפן, איבערהויפּט מיט די, וואָס געדענקען און קענען דערציילן. זיין איבערצייגונגס־כוח האָט אַ סך געווירקט, סיי ביי די ערשטע שריט און סיי ביי דער שפּעטערדיקער טעטיקייט, בשייכות מיטן אַרויסגעבן דעם ספר.

דעם 22־טן פעברואַר 1964, איז גערופן געוואָרן אַ זיצונג, געווידמעט בלויז דעם ספר. באַטייליקט אין יענער זיצונג האָבן זיך: ישראל פרענקעל, יחזקאל איצקאָוויטש, נתן שחר, חיים ווילענבערג, דוד בוכנער, ניסן זילבערבערג, רחל מאַקאָווער (גאָלדוואַסער), דבורה העלער (גאָלדוואַסער) און מרדכי ציעכאַנאָווער. אויך אויף דער דאָזיקער זיצונג זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן סקעפּטיש זיך באַצויגן צום ענין. אַ דאַנק דער איבער־צייגונגס־קראַפט פון 3—4 מיטבאַטייליקטע, האָט די מערהייט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ ספר. אויף דער זעלבער זיצונג איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ „וועד למען הספר״, אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל:

1. יעקב משה סקורניק — פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט.
2. יחזקאל איצקאָוויטש — אויסערלעכער סעקרעטאַר, קאָנצענטרירט אויף דעם מאַטעריאַל.
3. ישראל פרענקעל — וויצער־פאָרזיצער.
4. נתן שחר — קאַסירער.
5. מרדכי ציעכאַנאָווער — סעקרעטאַר.

יעדער איינער פון די פינף חברים איז גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט בלב ונפש. חוץ די פונקציעס פון יעדן איינעם, איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דער זיצונג פון 7.3.64 פאָלגנדיקס:

א. יעקב משה סקורניק, וועט זיך פאַרבינדן מיט דער ביבליאָטעק פון ירושלימער אוניווערסיטעט און אַנדערע אַרכיוון, כדי צו זוכן מאַטעריאַל וועגן יידישן לעבן אין מאַקאָוו, און שפּעטער באַאַרבעטן דאָס מאַטעריאַל.

ב. נתן שחר, וועט שרייבן צום יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע און בעטן פון דאָרט היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן מאַקאָווער יידנטום.

ג. יחזקאל איצקאָוויטש און נתן שחר, דאַרפן זיך פאַרבינדן מיטן ה׳ צינוביץ (היסטאָרישער פאָרשער פון יידישן לעבן אין פוילן) און גלייכצייטיק זוכן אַ פּאַסיקן רעדאַקטאָר.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער טעטיקייט אין ישראל, האָט זיך אויך אין אַמעריקע געשאַפן אַ „קאָמיטעט למען הספר״. צווישן די דאָזיקעביידע קאָמיטעטן איז געשאַפן געוואָרן אַ נאָנטער קאָנטאַקט. די קאָרעספּאָנדענץ פון ישראל האָט געפירט יחזקאל איצקאָוויטש און פון אַמעריקע — יעקב־חיים סאָבאָל. אַזוי האָבן ביידע קאָמיטעטן געמיינזאַם געאַרבעט, און איינער דעם אַנדערן האָט איבערגעגעבן וועגן זיין טעטיקייט.

אין מערץ 1964, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן נאָך אַ מאָל אַ צירקולאַר צו אַלע מאַקאָווער לאַנדסלייט. זיי זענען געבעטן געוואָרן צו שיקן באַשרייבונגען, דאָקומענטן, בילדער און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַרן ספר. גלייכצייטיק האָט מען זיך געוואָנדן צום מאַקאָווער מאַגיסטראַט, און אויך באַזונדער צום סעקרעטאַר, וועגן מאַטעריאַל און אויך וועגן אַ מאַפּע פון דער שטאָט מאַקאָוו. לײדער האָבן מיר פון דאָרט גאָרנישט דערהאַלטן.

די ערשטע סומע (1000 ל״י) האָבן מיר באַקומען אַלס הלוואה פון וועד אירגון יוצאי מאַקאָוו.

ביז אָקטאָבער 1964 האָט זיך יחזקאל איצקאָוויטש באַגעגנט מיט עטלעכע רעדאַקטאָרן. איינער פון זיי איז געווען אונדזער איצטיקער רעדאַקטאָר ה׳ יצחק בראַט. נאָך דעם, ווי אַלע מיטגלידער פונעם בוך־קאָמיטעט האָבן זיך באַקענט מיטן ה׳ בראַט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער זאָל רעדאַגירן דעם ספר. אַ וויכטיקער פּונקט אין אונדזער הסכם איז געווען, אַז ה׳ בראַט זאָל זיך טרעפן מיט מאַקאָווער, וואָס געדענקען אַ סך, בעיקר פון דער שואה. זיי וועלן אים דערציילן און ער וועט שרייבן. גלייכצייטיק איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן אויפרוף צו אַלע לאַנדסלייט, אַז יעדער, וואָס וויל עפּעס איבערגעבן, אָדער דערציילן דעם רעדאַקטאָר, ווערט געבעטן צו פאַרבינדן זיך מיטן וועד הספר. אויף אַזאַ אופן זענען געשאַפן געוואָרן די ערשטע באַשרייבונגען.

אַ דאַנק דעם שריפטלעכן קאָנטאַקט פון נתן שחר מיט פּראָפעסאָר בער מאַרק ז״ל (געוועזענער לייטער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע), האָבן מיר באַקומען עטלעכע זייער וויכטיקע דאָקומענטן.

די קאָרעספּאָנדענץ פון אונדזער קאָמיטעט מיט יעקב־חיים סאָבאָל (סעקרעטאַר פון אַמעריקאַנער וועד הספר) האָט זיך געפירט זייער אינטענסיוו. די וואַרעמע בריוו און די דערמוטיקונג, וואָס אונדזער וועד האָט באַקומען פון יעקב־חיים סאָבאָל, האָבן אַ סך געווירקט לטובת אונדזער ציל. אין איינעם פון זיינע בריוו, שרייבט יעקב־חיים: „מיר גייען מיט אייך האַנט ביי האַנט צום דערשיינען פון יזכור־בוך, וואָס וועט בלייבן אַ מצבה

ŻYDOWSKI INSTYTUT HISTORYCZNY
יידישער היסטארישער אינסטיטוט
WARSZAWA, AL. GEN. ŚWIERCZEWSKIEGO 79

Telefony: 66530, [illegible]

W-wa, dn. 26. V. 1964 r.

L.dz.789/64 /64 S.G.

Do

Zarządu Związku Makowiar

ul. Aleksander Janai 23

Tel Aviv

I s r a e l

W związku z prośbą Sz.PP. w załączeniu przesyłamy odpisy czterech dokumentów pochodzących z akt "Jointu" /nr 135/, znajdujących się w naszym Archiwum :

1. Pismo gminy żydowskiej w Makowie do Jointu z 22.III.40
2. Zaświadczenie burmistrza m.Makowa z 22.IV.1940 r.
3. Pismo Jointu do gminy żydowskiej w Makowie z 2 maja 1940 r.
4. Pismo gminy żydowskiej w Makowie do Jointu z 19.XII. 1940 r.

Kierownik Archiwum
/mgr T.Berenstein/

„Prasa", Tarczyńska 8, zam. 918 — H-6

חלופי־מכתבים עם הפרופ' ברל מארק ז"ל, ורשה

בריוו־אויסטויש מיט פּראָפעסאָר בערל מאַרק ז"ל, וואַרשע

לדורי דורות. מיר ווערן אייך העלפֿן גײַסטיק, טעכניש און מאַטעריעל אין אַלץ, וואָס איר וועט נאָר פֿאַרלאַנגען".

אַזוי האָט אונדז דער אַמעריקאַנער "וועד למען הספר" באַגלייט פֿון אָנהייב אָן, ביז צום דערשיינען פֿון ספר.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אונדזער חבר הלל רייטשיק — איינער פֿון די טיכ־טיקסטע מיטאַרבעטער פֿון אַמעריקאַנער וועד, געצווייפֿלט אין דער רעאַליזאַציע פֿונעם פּלאַן. ער האָט געמיינט, אַז אונדזערע מעגלעכקייטן זענען זייער באַגרענעצט. מיט אַ צייט שפּעטער, ווען ער האָט געזען, אַז אונדזערע חלומות ווערן פֿאַרווירקלעכט, האָט ער זיך ממש מוסר־נפֿש געווען, געטאָן אַלץ, כדי אונדז בייהילפֿיק צו זיין אין אַלע הינזיכטן.

אין סעפּטעמבער 1966 זענען געקומען פֿון אַמעריקע, כדי צו באַזעצן זיך אין ישראל, די חברים אידאַ און אברהמל גאַרפֿינקעל. אַלס טיכטיקע מיטגלידער פֿונעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט, האָבן זיי אונדז איבערגעגעבן אַ גענויעם באַריכט פֿון דער טעטיקייט דאָרט. אין דעצעמבער 1966 זענען אָנגעקומען פֿון אַמעריקע די ערשטע באַשרייבונגען און בילדער. אויך האָט אָנגעהויבן אָנצוקומען מער מאַטעריאַל פֿון מאַקאָווער לאַנדסלייט אין ישראל. אין דער זעלבער צייט האָט דער "וועד למען הספר" אין ישראל באַשלאָסן צו־קאָאָפּטירן צום וועד אין ישראל די חברים אידאַ און אברהמל גאַרפֿינקעל. זיי האָבן פֿלייסיק מיטגעאַרבעט און אָנטייל גענומען אין די זיצונגען פֿון וועד, וואָס זענען יעדן מיטוואָך פֿאָרגעקומען אין דער וווינונג פֿון דער משפּחה גאַרפֿינקעל.

פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך די אַרבעט אויסגעברייטערט. מ'האָט געדאַרפֿט אַדורכ־קוקן דעם צוגעשיקטן מאַטעריאַל, אויסבעסערן, איבערשרייבן, צופּאַסן געהעריקע בילדער צום טעקסט און נאָך וויכטיקע איינצלהייטן האָבן געפֿאָדערט אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט. דאָס זעלבע — דאָס צונויפֿשטעלן די רשימות פֿון די קדושים. אונדזער ציל איז געווען — נישט דורכלאָזן, ווי ווייט מעגלעך, קיין איינעם פֿון זיי. טראָץ דעם, וואָס אַ טייל פֿון די נעמען האָבן מיר באַקומען פֿון אַמעריקע, זענען מיר געזעסן לאַנגע נעכט און געמאַכט אַ "שפּאַציר" איבער מאַקאָוו, פֿון גאַס צו גאַס, פֿון הויז צו הויז. און אַ דאַנק דער אינטענסיווער אַרבעט ביים אויפֿזוכן די נעמען, האָבן מיר דערגרייכט די מאַקסימאַל־סטע צאָל נעמען פֿון די מאַקאָווער קדושים.

זעענדיק, ווי דער מאַטעריאַל מערט זיך פֿון טאָג צו טאָג, האָט זיך אונדזער חבר יעקב־משה סקורניק גענומען אינטענסיוו צו דער אַרבעט. במשך פֿון אַ לאַנגער צייט האָט ער פֿאַרלאָזט זיין קיבוץ שובל און געזעסן אין די ביבליאָטעקן אין ירושלים און אין תל־אביב. ער האָט נאָטירט, געזאַמלט מאַטעריאַל, פֿאַרבעסערט, ביז מיר האָבן באַקומען די אינטערעסאַנטסטע היסטאָרישע באַשרייבונג פֿון דעם יידישן לעבן אין מאַקאָוו.

איך קען מיר נישט פֿאָרשטעלן, ווי דער ספר וואָלט אויסגעזען, אָדער צי ער וואָלט בכלל דערשינען, ווען נישט די אינטענסיווע אַרבעט און מסירת־נפֿש פֿון יחזקאל איצ־קאָוויטש פֿאַרן דאָזיקן ענין. ער האָט געפֿירט די קאָרעספּאָנדענץ מיט די חברים פֿון

אויסלאַנד, אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן רעדאַקטאָר, געווען דער רוח־החיה פון „וועד למען הספר״.

האָבנדיק דעם פולן צוטרוי צום אַמעריקאַנער „וועד למען הספר״, אַז ער וועט אונדז העלפן סיי פינאַנסיעל און סיי בנוגע מאַטעריאַל פאַרן יזכור־בוך, זענען מיר, אין דעצעמ־בער 1967, צוגעטראָטן פראַקטיש אויסצופירן דעם פּלאַן. מיר האָבן אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט דער דרוקעריי און אויך ענדגילטיק רעגולירט דעם ענין מיטן רעדאַק־טאָר פונעם ספר. דער „וועד למען הספר״ אין ישראל האָט זיך פאַרפליכטעט צוצושטעלן דעם מאַטעריאַל און גלייכצייטיק האָט ער גאַראַנטירט פאַר די סומען, וואָס ער האָט זיך מתחייב געווען, לויטן קאָנטראַקט, צו באַצאָלן. די דרוקעריי און אויך דער רעדאַקטאָר האָבן פון זייער זייט זיך פאַרפליכטעט אויסצופירן זייער אַרבעט צום באַשטימטן טערמין.

דער וועד איז נאָך געשטאַנען פאַר אַ פּראָבלעם, צו צייכענען אַ מאַפּע פון דער שטאָט מאַקאָוו. צום גליק האָט זיך געפונען אַן אַרכיטעקט, וואָס שטאַמט פון מאַקאָוו. דאָס איז: נאָוואָמייסקי־שעלסקי. ער האָט גענומען אויף זיך די דאָזיקע אַרבעט, און מיט דער הילף פון משה כ״ץ, יצחק שלאַמאָוויטש, שמואל טאַוב, דוד גראָמב און אַנדערע, איז די מאַפּע געצייכנט געוואָרן פון זכרון. אונדזער דאַנק די דאָזיקע חברים און פריינד פאַר זייער וויכטיקער אַרבעט.

מיר דאַנקען גלייכצייטיק דעם חבר שולדענריין פון אַמעריקע, וואָס האָט געצייכנט דעם שער־בלאַט. די פלאַמענדיקע אותיות דריקן אויס דעם אינהאַלט פון ספר.

די אַלע, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט ביים אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע יזכור־בוך — ווער מיט רעדאַקציע־מאַטעריאַל, ווער מיט רעגיסטרירן און איבער־שיקן די נעמען פון די קדושים און ווער מיט מאַטעריעלער הילף און דערמוטיקונג — אַ האַרציקער דאַנק!

ואחרון אחרון, בין איך מחוייב אין נאָמען פון וועד הספר אין ישראל און אין אַמע־ריקע, ווי אויך אין נאָמען פון אַלע מאַקאָווער לאַנדסלייט צו דאַנקען דעם רעדאַקטאָר פון ספר, ה׳ יצחק בראַט, וואָס האָט אונדז באַגלייט דעם גאַנצן וועג פון אָנהייב ביזן טאָג, ווען דער ספר איז דערשינען.

ישראל פרנקל / גבעתיים

פעולת ארגון יוצאי מאקוב בישראל

לקראת הופעת הספר „יזכור" להנצחת קהילת מאקוב, הוטל עלי למסור סקירה על התארגנות האגודה של יוצאי מאקוב בארץ, על חבלי ה„לידה" להקמתה, ועל דרכי הפעולה שלה עד היום.

בניגוד למקובל בין יוצאי עירנו לראות ראשית האגוד עם ייסודה של קופת הגמ"ח — ואילו לפי דעתי לא מהווה ייסוד קופת הגמ"ח בשנת 1951 אלא אחת מהפעולות בהן עסק הארגון, שהיה קיים, כפי שנראה להלן, כבר משנת 1945.

לצערי, לא מצאתי בארכיון תאריכים מהתקופה הקודמת הזאת, לפי זכרוני, היוותה הקמת האירגון נושא לשיחה בין החברים, כבר בהתחלת שנות השלושים. חלוצי העליה המעטים מבני עירנו פזורים היו בכל קצוי הארץ. לפעמים היו מזדמנים יחד על פי מקרה, ואז השתלשלה השיחה על הצורך בהקמת ארגון כזה של יוצאי מאקוב. היו חלוקי־דעות, והמתנגדים להקמת הארגון נמקו את עמדתם בצורך „לשרוף את כל הגשרים", לגמור עם ה„קליינשטעטלדיקייט". כזה היה אז הלך־הרוח בין אלה, שאמרו להאחז בארץ הזאת לבנות חברה חדשה ולעצב טיפוס של יהודי חדש.

אני נמניתי עם הבעד — „נקים". כמובן שלא יכולתי לחזות את אשר עומד להתרחש לעם היהודי, אבל למדתי מפי המעטים מבני עירנו שהגיעו ארצה אחרי, עד כמה זקוקים היו כאן לכתובת של בני־עירם. זכורני את בואו ארצה של ברקה הנדל ז"ל, ואת חבלי הקליטה שלו. הבעיה של מיזוג־גלויות היתה קיימת גם אז. המציאות בארץ היתה שונה מזו של תקופת ה„הכשרה" וה„מחנות" של השומר־הצעיר (תנועה אליה השתייך). הוא התלבט מאד בבעיה החברתית ומאושר היה למצוא את ביתי פתוח לפניו. (התארח זמן־מה אצלי). מכאן יצא לפגוש אנשים, מכרים, למד את תנאי הארץ וכן בדק את האפשרות להשתלם במקצועו — היתה לו נטיה לשרטוט. היו גם פניות אחרות של אנשי מאקוב, ביניהם: יחיאל־מאיר פלאטאו, יעקב חיים גולדשטיין, שביקשו חות־דעת על האפשרויות להסתדר בארץ.

קוויתי לעוד פניות כגון אלה, ולא רציתי שתשובתי תהיה תשובת־יחיד. היו כאלה שבאו כ„תיירים", ונכונים היו להפסיד את דמי הנסיעה חזרה; אם במקרה ולא יצליחו להסתדר כאן, זקוקים היו לעדוד והשיגו זאת, ע"י קירוב־לבבות, הסבר־פנים, יחס חברי ולפעמים גם: „באשר נלון תלון גם אתה, עוד עגבניה לסלט, ויספיק לכולנו..."

גם על בשרי אני חשתי את הגורל של „עולה חדש", למרות שאחי היה כבר בעל ותק של קרוב לשנתיים בארץ. הוא ועוד קרובי משפחה עזרו לי בצעדי הראשונים

להקלט בארץ החדשה. רצון עז פעם בקרבי להפגש עם אנשי מאקוב שהקדימו אותי בעלותם ארצה, לשוחח אתם על נסיונם, בדרכי המעבר מהחיים שבעיירה, לחיים יותר משמעותיים ועל דרכי הגשמת הרעיונות, אותם שאבנו מאותו מקור בעיירה. את כל זה חשתי מחדש, בעת שנתבקשתי להביע דעתי על הצורך בהקמת הארגון של יוצאי־מאקוב. ולמרות הזכרונות הנעימים שאני נושא בלבי מאותם מעשים טובים, שיחידים גמלו זה לזה. ואשר אני אישית יצאתי נשכר מהם, כגון: הבית של שרה נשר־אורליק שם נפגשתי בראשונה עם בני־עירנו הניכי התנועה הציונית, המשפחה — דובה ויצחק שיינברג מותיקי העולים של מאקוב; למרות הלבביות הרבה בה נתקבלתי בביתם, — ידעתי, שאלו תופעות חד־פעמיות ומקריות מאוד. הצורך הכללי מצדיק בהחלט יצירת כתובת ציבורית, אליה יפנה כל נזקק וכל מי הרוצה בכך.

כאמור: היו אלה רק חלופי־דברים בין חברים אבל למעשים־של־ממש זה לא הגיע. מציאות חדשה (ולא כל כך חדשה) נוצרה בארץ. הערבים ערכו מהומות ופשטו בכל הארץ. הדרכים נשתבשו. הישוב נכנס לתקופה של „מאורעות" חדשים. כמנין השרפות במאקוב, שציינו תקופות שונות בחיי היהודים בעירה — כן מאורעות הדמים בארץ, תקופת המאורעות של 1936—39 נמשכה עד פרוץ מלחמת העולם השניה. כל בני הישוב טרודים היו אחרי שעות העבודה בשמירה ובאמונים, והשיחו דעתם מדברים בעלי ערך משנה. ואם בכל זאת קם הארגון ונוצרה כתובת, שאפשר לפנות אליה — הרי שיש לראות בו את הגשמת הרעיון שהתעורר אצל חברים בשנים הקודמות.



קבוצת חלוצים עם משה קלינר לקראת עליתו לארץ־ישראל, בשנת 1930
משה קליינער צו זיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל מיט אַ גרופע חלוצים, אין יאָר 1930

הזכרתי לעיל שאין תאריך רשום לייסודו של הארגון, אבל על פי קבלות שניתנו בשנת 1945 לתורמים שונים, אפשר ללמוד, שההתארגנות כבר היתה קימת בהתחלת שנת 45 ואפילו לפני כן. באותה שנה אנו מוצאים רשימה מאנשים שתרמו 330 לירות ארץ־ישראליות, שנאספו ע״י החברים דבורה הלר־גולדווסר, אפשטיין־וילנברג, שרה ודוד בוכנר.

למרבה הצער לא עסק הוועד בפעולות אשר עליהן חלמו בעלי הרעיון הקודמים אלא בדברים שהזמן גרמם: בעניינים שניכפו עלינו כתוצאה מההשמדה שהביא על עמנו ה„המן" של המאה העשרים.

במכתב מחיים (ליבל) וילנברג מיום 13.9.45 עם גמר מלחמת העולם השניה, שנשלח על ידו ממאקוב — הוא מודיע על אנשים שידוע לו כי נשארו בחיים; אזרילביץ, דוברס, גולדוסר, פלוטקה, סטודנט, רחל בלום, רייצ׳יק (באסטוניה) ואינגברמן ז״ל (נספה בדרכו מניו־יורק לישראל במטוס „אל־על" בשמי בולגריה). כמו כן הוא מודה על חבילות־המזון שנשלחו למאקוב, ואשר טרם נתקבלו. כפי הרשום בפנקס ההוצאות של אותה שנה, נשלחו חבילות כאלה גם לפליטי־עירנו אשר ברוסיה.

באותה שנה התחילו להגיע מכתבים (לאו דווקא מאנשי מאקוב), ובהם בקשה למסור להם ידיעות על גורל קרוביהם שגורשו מעיירותיהם לגטו מאקוב. המכתבים הללו, הכתובים בסגנון של תחנונים מזעזעים, הגיעו לרוב לפי הכתובת של יהושע מקובר ז״ל. (מי יודע עד כמה השפיעו על ליבו החלש...?)

בשנת 1946 הגיע המכתב הראשון מאיטה סגל שבניו־יורק, בו היא מתארת את העבודה הרבה הרובצת עליהם, בהשתדלם לקשור קשר בין הניצולים ובין קרוביהם הנמצאים באמריקה. באותו מכתב שואלת איטה על האפשרויות שבידינו לעזור לאלה הנמצאים בפולין או בגרמניה ואשר ברצונם לעלות ארצה. למטרה זו מוכנים היו לאסוף כספים נוספים על ה־200 דולאר, ששלחו קודם לכן תמיכה לנצרכים. היא מוסיפה לתאר את הרושם המזעזע שהשאיר עליהם ראשון הניצולים — יעקב שינברג בהגיעו לניו־יורק. אישיותו שיקפה את כל הסבל, את כל העינויים, אשר עברו על בני־עירנו תחת שלטונו של היטלר י״ש.

מאז נקשר הקשר בין הועד של הארגון כאן, לבין ה„הילפס־קאמיטעט" שבניו־יורק. באחד המכתבים שואל הלל ריצ׳יק (המזכיר של ארגון יוצאי מאקוב בארה״ב) על 200 הדולארים הנוספים ששלחו לועד ולא קבלו עליהם אשור רשמי — אף על פי שבעקיפין נודע להם שהכסף הגיע לתעודתו. כמו כן הוא מבקש שנשלח „דרישה" עבור הרב ניומן לבקר בארץ, ובבואו — לדאוג לו לחדר־מגורים.

בינתיים הגיעו ארצה אנשים מפליטי מאקוב, והועד נחלץ לעזרתם. כיוון שהאמצעים שעמדו לרשותו היו דלים, יצא הוועד בקריאה לכל אנשי מאקוב באשר הם שם, לקום ולהתארגן, לערוך מגביות ולתמוך בארגון כאן, בכדי שיוכל להגיש כל עזרה הנדרשת ממנו. לצערנו, רק אנשי מאקוב שבניו־יורק נענו לקריאה, הם הגבירו את משלוחי חבילות

המזון וההלבשה, ולעיתים גם שלחו קצת כסף, לפי העקרון: „צדקה מתן בסתר". העזרה הזאת מצד אנשי מאקוב שבניו־יורק, היתה בשעתו מועילה מאוד, אבל בהמשך הזמן שוב לא היתה הולמת את הצרכים הגוברים.

צורת העזרה הזאת לא היתה לפי רוחם של האנשים כאן, אומנם ראו את עצמם כשליחי־מצוה, אבל טענו, שאי־אפשר לנהל את הפעולות בצורה כזאת. דעתם היתה, שיש להפוך את התמיכה לעזרה קונסטרוקטיבית: לעזור לבעל־המלאכה לרכוש כלי־עבודה, למצוא מקור פרנסה, שיכון וכדו׳... על כן הם ראו בייסודה של קופת־גמ"ח את המכשיר היעיל לכך. אנשי הועד כאן הסבירו באריכות את הרעיון הזה לאנשי הועד שבארה"ב; את התועלת שתצמח מהמפנה של חלוקת הכספים כמתנות שלא על מנת להחזיר — למתן כספים כהלוואה ללא ריבית ובתשלומים קטנים.

כתוצאה מההסבר הזה הגבירו החברים מארצות־הברית את תמיכתם, אבל בצרוף רשימה של נצרכים, היינו: המשך העקרון המקובל על אנשי אמריקה, שכל כך מנוגד היה לרוחם של האנשים כאן בארץ.

בינואר 1950 נתקבל מכתב ממר סובול — חבר ועד הארגון בארה"ב, בו הוא מודה על המכתב המפורט ועל הפעולות שהועד עוסק בהם ומודיע על סכום של אלף דולאר, שהם עומדים לשלח כהתחלה לבטוי של הוקרה, ואשר תסייע לנו למלא את החסר בעבודה הקדושה שאנו עוסקים בה.

הידיעה הנ"ל חיזקה את רוחם של חברי הועד, אשר נלאו לפעול באמצעים כה דלים. הם התאוששו קצת משראו כי ישנה תקוה להמשיך ולפעול בהתאמה עם חברינו שבארה"ב. אך עד־מהרה התחילו מחדש חלופי המכתבים המיגעים, „הסחבת" גברה ואתה האכזבה. החברים קצרי־הרוח הגיבו מי בהתפטרות ומי באדישות גמורה. מה גדול היה צערו של חבר הועד אליעזר שחר (מונצ׳קובסקי), כאשר חברה עולה חדשה, ביקשה ממנו לאשר לה הלוואה לצרכי סדורים, בצעדיה הראשונים לעלותה ארצה — והוא נאלץ היה להשיב פניה ריקם. וזאת — בגלל שהונה של הקופה, הנאמד ב־60 ל"י מחולק בין לווים שאין באפשרותם לעמוד בהתחייבויותיהם.

היו חברים שלא אמרו נואש, וראו ב„סחבת", אי־הבנה בלבד, שבסופה תסולק, והאמינו ברצונם הטוב של האנשים באמריקה, העוסקים בדבר לשם־שמים.

בינתיים עסק הועד בפעולות שאינן כרוכות בכספים מרובים. הוא עמד בקשר עם המוסדות שאמרו להקים „מונומנט" לזכר הקהילות שנחרבו, וכן הוסיף לברר את סבת השהיית הכסף שהובטח ע"י הח׳ סובול. מתוך אמונה בחברים שבאמריקה, ראינו בהבטחה הזאת יסוד להקמת קופת הגמ"ח, ובאסיפה הכללית של שנת 1951, הוחלט ליסדה בתקוה שהועד באמריקה יחלץ לעזרתה. כמו כן הוחלט להמשיך לפעול להנצחת שמה של הקהילה ע"י הוצאת הספר „יזכור".

בשנת 1952/53 היתה התחלה של התרמת אנשים בנטיעת חורשה על שם קדושי

פאראייניקטער מאקאווער רעליף קאמיטעט

ב״ה, כ״ג אדר שני, תש״ו.

26טער מערץ, 1946.

ליבע ברידער
אברהם גארפינקל,
יצחק גראַניעוויץ,
יעקב שיינבערג
און אלע אונדזערע פארבליבענע מאַקאווער ברידער:

אייער בריוו מיט דער רשימה פון די איבערגעבליבענע צוויי און פערציק מאקאווער ייִדן וועגן וועלכע איר ווייסט האָבן מיר דערהאלטן. מיר האָבן איבערגעגעבן דער ייִדישער פרעסע די רשימה צום געמען צום פארעפנטלעכן און אזוי ווי מיר וועלן האָבן [illegible] גענויערע רעזולטאטן פון די משפחות, וועלן מיר אייך אינפארמירן.

שרייבט אונדז גענוי און אויספירלעך אין וואס איר נייטיקט זיך אַם־מערסטן; ווי און מיט וואס מיר קענען לינדערן אייערע ביטערע לאגע. גיט איבער א וואַרעמען און הארציקן מיטפילנדיקן גרוס אונדזערע אומגליקלעכע געטראָפענע ברידער; זאָגט זיי. אז א מיטפיליד ראַרץ פון זייער לאנדסמאנשאפט טראכט וועגן זיי; ווייל און ווען ס׳איז זיי מיטהעלפן ווערט געפאלן: מוטיקט זיך ס׳איז א פאקט! נעמט אָן דעם פאקט מיט [illegible] קוראזש און מוטיקייט! מיר פון אונדזער זייט וועלן העלפן די לעבעדיקע

די מאקאווער לאנדסמאנשאפט האָט אפגעהאלטן מיט א קורצער צייט צוריק א מאסמיטינג לטובת די פארבליבענע די פארזאמעלטע האָבן ארויסגעוויזן א טיפן און וואַרעמען אינטערעס פאר אייך.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר געשיקט א טעלעגראַם צו די 10 ייִדן אין מאקאָוו, אָנפרעגנדיק אין וואס זיי נייטיקן זיך אמבעסטן. מיר האָבן באצאָלט פארן ענטפער אין פאראויס אָבער מיר האָבן נאָכנישט געקראָגן קיין ענטפער. אויב מעגלעך שרייבט וואס אָטער. גיט אָן נעמען, וועלכע איר געפינט אוים. אויב מעגלעך דערמאָנט ערטער, ווו זיי געפינען זיך.

מיר ליגן ביי עטלעכע אינטערנאציאָנאלע סארקן,

זייט אלע הארציק געגריסט

מיט וואַרעמע הארציקע געפילן

פאראייניקטער מאקאווער רעליף קאמיטעט,

דויד ז.ר. כהן

אדרעס פאר בריוו:

Mr. Hilel Raichek
956 - 51st St.,
Brooklyn , N.Y.

דערמוטיקונגס־בריוו פון מאַקאָווער רעליף־קאָמיטעט אין אַמעריקע צו דער מאַקאָווער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד.

מכתב־עדוד מאת „הרליף״ המקובאי בארצות־הברית לאנשי שארית הפליטה ממאקוב בגרמניה

מאקוב ביער־הקדושים, ושוב התחילה פעולה מיגעת לשתף במיבצע זה את בני עירנו שבארה״ב.

בשנת 1954 ביקר בארץ מר כשאַנובר, חבר פעיל בארגון שבניו־יורק. נפגשנו אתו והבאנו לפניו את דעת חברי־הועד בדבר הצורך לשנות את צורת העזרה מ„חלוקה״ פשוטה, ולהחליפה בצורה של מתן הלוואות. מר כשאַנובר שוכנע בצדקת הדעה הזאת, והבטיח עם שובו לארצות־הברית לרכוש לה תומכים מבין חברי הועד שלו.

בשנת 1955 נתקבל מכתב מהועד שבניו־יורק, כתוב בידי מר דוד הרש הנדל (בנו של יצחק אברהמטשעס) ומר כשאנובר. במכתב זה הם ביקשו לדעת מי ומי הם החברים בועד בארץ. באותו מכתב הם תארו את הקושיים בהם הם נתקלים מצד החברים האחרים בקשר לרפורמה שעומדים להנהיג בכספים שיישלחו משם. אך הם מקווים, כי יעלה בידם להתגבר על דעת המתנגדים ולשכנע אותם בתועלת שתצמח מהרפורמה.

ימים אחדים לאחר המכתב הנ״ל כתב מר כשאנובר, שבפורים התקיימה ישיבת הועד בביתם של משפחת יחזקאל מנדל סגל, בה הוחלט למסור לידו סכום של 700 דולאר על מנת להעבירם לטובת קופת הגמ״ח — בניגוד לדעת אחדים מחברי הועד, שתבעו לשלוח בעד הכסף הזה 70 „סקריפס״ לנצרכים. אולם הוא מעכב את המשלוח מכיוון שאינו יודע ברור על איזה שמות לשלחם. בינתיים, הואיל וימי החג מתקרבים, מבקש הוא שנחלק לנצרכים, מהכספים שהועד כאן הבטיח לאסוף למען הקופה — כספים אלה בנוסף ל־700 הדולאר יישלחו לנו אחרי שידע את שמות החברים המוסמכים לקבל את הכספים. סוף־סוף נתקבלו ה־700 דולאר על שמם של הח׳ אליעזר שחר וחיים וילנברג ואחרי זמן קצר נתקבלו עוד 300 דולאר ע״י הח׳ שרגא כהן, שביקר בארץ.

על ההישג הזה שבא לנו בעיקר הודות לפעילותו של ח׳ כשאנובר נמסר באספה הכללית שהתקיימה ב־3 למאי 1955 והוחלט להצטרף למרכז המחוזי של האגודות לקופות גמ״ח בארץ. וב־7 לדצמבר אותה שנה נתקבל מהממונה על המחוז, מר קופרמן, האשור של האגודה בשם: „קופת גמילות חסדים על שם קדושי מאקוב מאַזוב., תל־אביב״.

ואלה החברים שנבחרו ל ה נ ה ל ת ה ק ו פ ה: אליעזר שחר — (מונצ׳קובסקי). דוד בוכנר, חיים וילנברג, ושרה אפשטיין־וילנברג. ל ו ע ד ה כ ל ל י נבחרו החברים: ישראל פרנקל, מרדכי צ׳כאַנובר, סימה ושינסקי־פרלברג. וכץ משה. ל ו ע ד ת ה ב ק ו ר ת נבחרו באותו מעמד החברים: יהושוע כץ, חיפה, בין־ציון הנדל, ראשון לציון וש. גאלנט, תל־אביב.

בישיבה הראשונה של הועד החדש דנו החברים בעיקר בשאלת ספר „יזכור״, ובאו לידי הסכמה שהעבודה להוצאת הספר היא רבה מאד, ולכן הוחלט לבחור בועדת־משנה, בועדה נבחרו: מרדכי צ׳כאנובר, שרה אפשטיין־וילנברג, דוד בוכנר ומשה כץ.

הרחבתי את הדבור על העמל הרב שהושקע בהשגת ההבנה וגיבוש עמדה אחידה בינינו ובין חברינו באמריקה בקשר לתמיכה בקופת הגמ״ח ובקשר לצורה בה עליה לפעול. תבוא בזה על הברכה החברה שרה אפשטיין, אשר שקדה ללא לאות ובסבלנות

רבה עמדה בקשר מתמיד עם אנשי מאקוב באמריקה, ביחד עם החבר כשאנובר מהועד של הארגון בניו־יורק, אשר פעל לרעיון הזה בין חברי הועד — עד אשר הושגה לבסוף המטרה. כמו כן יש להזכיר את העבודה הרבה שהועד השקיע לסיומו של מפעל נטיעות העצים ביער הקדושים, שבהצלחתו יש לציין בעיקר את תמיכתה של משפחת גרפינקל שבארה״ב, את שרה אפשטיין ויחזקאל איצקוביץ מטעם הארגון בארץ.

באספה הכללית שהתקיימה אחרי ערב האזכרה השנתית ב־1957, נבחרו לועד: פרנקל, איצקוביץ, זילברברג, שחר, אפשטיין, הנדל, בוכנר, וישינסקי, ווילנברג, צ׳כאנובר וכץ. עם בחירת ועד זה חל שיפור ניכר בניהול פנקסי הקופה. הקשר בין הועד והלווים היה בידי הח׳ זילברברג, — ובמזכירות — בידי הח׳ איצקוביץ, אשר שתף עצמו בכל פעולות הועד, נוסף על התפקיד של מזכיר הארגון.

באותה שנה התקיימה עליה לקברו של הח׳ ברקה הנדל בקיבוץ עין־שמר, בו מצא את מותו בנופלו על משמרתו.

ב־י״א בטבת תשי״ט 22.12.58 התקיימה אזכרה שנתית לזכרם של קדושי עירנו ולאחר־מכן נערכה האספה הכללית השנתית, ונבחרו לועד: פרנקל, איצקוביץ, וילנברג, זילברברג, הנדל (ראשון־לציון) וגרומב (חיפה).

לועדת הביקורת נבחרו: אליעזר שחר ולוינסון (מרחובות).

בסיפוק רב קראנו את מכתבו של הח׳ הלל ריצ׳יק מטעם הועד של „המאַקאָווער רעליף" על הנשף המוצלח שערכו בניו־יורק, בהשתתפותם של המונים מ„הלנדסמנ־שפטים". היתה להם חוויה לפגוש זה את זה וגם ההכנסה החומרית היתה יפה.

לפי דבריו, גרם לכך הדו״ח המפורט שנשלח להם מהועד כאן ועל ידי כך ראו את עצמם מאוחדים עם בני־עירם היושבים בישראל. היתה לנו „סטיספקציה" גדולה לאחר שהיינו רגילים לקרא תמיד על הקשיים המרובים, בהם הם נתקלים בעסקנותם מחמת האדישות של הציבור. ביחוד ראה הח׳ איצקוביץ שכר בעמלו בטיפוח יחסי אימון הדדיים בינינו ובין אנשי מאקוב שבאמריקה.

מהכספים שנאספו בנשף הנ״ל, שלחו לטובת הקופה 800 דולאר, וכסף זה סייע להרחיב את הפעולה של הקופה. כמו כן שמחנו על הידיעה שמשפחת כהן (הורים של שרגא), הפעילים מאד יחד עם הבן שרגא בארגון מאקוב שבארה״ב — עומדים לבקר בישראל. נעשו כל ההכנות להנעים להם את זמן שהותם כאן.

בכ״ז בניסן תשי״ט, 5.5.59, יום השואה והגבורה, התקיימה אזכרה כללית ביער הקדושים ולאחר מכן התייחדנו ליד לוח הזכרון שבחורשת מאקוב, הרשומה במפת „יער קדושי פולין" מספר 5, חלקה 105. בתאריך זה יש לראות את סיום נטיעת החורשה, ותשאר מעתה מצבת־עד לכל הדורות.

באותה שנה ביקרו בארץ המשפחות בורשטין ומרוצקי, מאוסטרליה. הואיל והועד לא הצליח לקשור קשרים עם אנשי מאקוב ביבשת זו והואיל ומאחוריהם פעולה ציבורית רבה בעיקר במפלגת ה„בונד" במאקוב — תלינו בביקורם תקוות רבות ליצירת

הקשר המיוחל הזה. בעיקר חשבנו לקבל חומר למען הספר ממר בורשטין, אשר עד היום לא הפסיק לעסוק בעיתונאות. לשם כך ערכנו פגישה אתם באולם הספריה ע״ש קורסקי. הם התענינו בפעולות הארגון ובמאזן של הקופה, והוכיחו אותנו על שאנחנו לא עושים מספיק למען היידיש. אבל מצד שני הבטיחו לשמור על קשרים אתנו, לכתוב למען הספר וגם לתמוך בנו בכספים. אך מכל ההבטחות האלה לא יצא דבר.

בסוף שנת 1959 תמו ההתלבטויות לביסוס הארגון, ולביצוע פעולות שונות שהזמן גרמן. המינהל עלה על פסים סדירים עם הון מכובד בקופת הגמ״ח, אשר משנות השישים ואילך הלך וגדל. הודות לתמיכה של אנשי מאקוב בארה״ב ומסירותם של חברי ועד הארגון בניו־יורק — הגיע הסכום בקופה למעלה מעשרים אלף ל״י.

גם החלומות על הוצאת הספר התחילו להתממש. לאט לאט הגיע חומר בשביל הספר, בעיקר מתקופת מלחמת היטלר י״ש; הפצעים של השואה הגלידו במקצת, ואנשים, שעברוה על בשרם, התאוששו עד כדי אפשרות לנסות לשחזר את המאורעות בדמיונם. תוך זעזועים קשים התחילו לעיין ברשימות שבאמתחתם, לרכזן ולהפכן לחומר קריאה. הדאגה להשגת חומר היסטורי מתקופות קודמות, נמוגה עם עלייתם ארצה של בני משפחת סקורניק. האמנו ביכולתו של האיש, אשר ידו היתה בכל ענין ציבורי במאקוב, לתרום את תרומתו בנושא זה, ואמנם — הוא לא הכזיב!

כאמור, עבר הטפול למען הספר לידי ועדת־המשנה שנבחרה לשם כך. לכן יכול היה הועד הכללי להמשיך בטיפול שיגרתי ושוטף בענינים, כגון: הלוואות, תמיכה לנצרך, פגישות עם אנשי מאקוב הבאים מעבר לים לבקר בארץ, וכו׳ וכו׳.

בעיות אחדות, בעיקר טכניות, לא באו על פתרונן עד היום הזה, כגון: תרומות שנתיות גלובליות של אנשי מאקוב בארץ לטובת הארגון, החלפת כהונתם של חברי הועד והרחקת החשדות של אנשי חיפה על קיפוחם בפעולות הארגון (אגב: הנסיון לשתף אותם בועד לא עלה יפה). ביזמת הועד למען הספר, קמה בחיפה, בראשותו של הח׳ משה כץ, ועדה יוזמת, ונערכה בחיפה אספה כללית באולם „ביתנו״. מאיזור תל־אביב השתתפו מטעם הארגון הח״ח צ׳כאנובר, גרפינקל, איצקוביץ ופרנקל. הסעיף „ספר יזכור״ עמד בראש הדיון ועבורו הושגו תוצאות חיוביות מידיות, כגון: חומר נוסף על הגיטו במאקוב ועל חלקם של אנשי מאקוב במרד שהתחולל במחנות ההשמדה. כמו כן השגנו בחיפה ציון שמות של אנשי מאקוב בלתי ידועים לנו ואת מפת העיר.

באותה אספה העלינו גם בעיות ארגוניות כלליות, הושמעו כל מיני טענות, בעיקר מיושנות, והוחלט שהועד יעלה על סדר־יומו את כל אותן השאלות ולמצוא במשותף עם אנשי חיפה את פתרונן.

לסיום הנני מביע תקוה: כשם שהתגברנו על מכשולים רבים בדרך ביסוסו של הארגון, כן נתגבר להבא על הבעיות הקיימות והמתעוררות, והארגון ימשיך להתקיים כגוף־מקשר של כל יוצאי מאקוב באשר הם, ויביא תועלת לאנשיו וישא את זכרונה של הקהילה המפוארת שהיתה קיימת רבות בשנים בעיר מאקוב.

פרקי היסטוריה

ג ע ש י כ ט ע

יעקב מ. סקורניק / קיבוץ שובל

מ אַ ק אָ ו ו

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיינע צוויי אומפאַר־געסלעכע, יונג־פאַרשטאָרבענע טעכטער: מרים און רחל ז״ל.

געשיכטע פון דער פאַרטיליקטער קהילה

אין צפון־מזרח פון מאַזאָוושע, גרויס־פוילן, אויפן טייך אָרזשיץ, צווישן געדיכטע וועלדער און טיפע זאַמדן, געפינט זיך די פּאָוויאַטאָווע (קרייז) שטאָט מאַקאָוו מאַזאָוויעצק, אָדער „מאַקאָוו נאַד אָזשיצעם״, אין שכנות מיט די שטעט: פולטוסק, טשעכאַנאָוו און פּרושניץ (פּשאַסניש). צום מאַקאָווער קרייז געהערן אויך די שטעטלעך רוזשאַן און קראַסנאָ־שיעלץ.

אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1065, געשריבן אין לאַטיין, ווערט דאָס ערשטע מאָל דער־מאָנט מאַקאָוו ווי אַ טראַנספּאָרט־פּונקט אויפן טייך אָרזשיץ, וואָס האָט געדינט ווי אַ וואַסער־וועג פאַר קאָמוניקאַציע, האָלץ־טראַנספּאָרט, האַנדל און פּראָדוקטן־טויש פון די קורפּיע סטעפּעס ביז דעם טייך נאַרעוו און מוטער־טייך ווייסל (ווִיסלאַ), וואָס פאַלט אַריין אין באַלטישן ים.

אין יאָר 1421 טיילט־צו דער פירשט יאַנוש מאַזאָוויעצקי מאַקאָוו דעם סטאַטוט פון אַ שטאָט מיט רעכט פון אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג און געריכט, לויטן מאַגדעבורגער געזעץ פון שטעט. מאַזאָוושע איז ביזן יאָר 1527 געווען אַ זעלבשטענדיק פירשטנטום, זיך פאַרייניקט מיט קרוין־פוילן אין דער צייט פון קעניג זיגמונד אויגוסט.

יידן אין מאַקאָוו

מיר ווייסן נישט ווען יידן האָבן זיך באַזעצט אין שטאָט. לויט די ריין פוילישע פאַמיליע־נעמען, ווי אַרענדאַזש, דרינדאַזש א.ד.ג. פון יידן אין שטאָט אַמאָל, זעט אויס, אַז די ערשטע יידישע איינוווינער שטאַמען נישט פון די אַנטלאָפענע, פאַרפאָלגטע יידן פון

דייטשלאַנד, אָנגעקומענע קיין פּוילן אין 14־טן י.ה. אין דער צייט פון קאַזימיר דעם גרויסן, וועמענס פאַמיליע־נעמען ענדיקן זיך מיט שטיין, בערג, קראַנץ א.ד.ג.

נאָך דער פאַרייניקונג פון מאַזאָווזשע מיט קרוין־פוילן, טרעפן מיר שוין אין שטאָט יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות, איבערהויפּט שניידער. אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1731 איז פאַרשריבן, אַז דער אַמט פון בירגערמייסטער לייגט אַרויף אַ שטייער פון 10 זלאָטעס יערלעך לטובת דער שטאָט, אויף אַנדערש־גלויביקע (יידישע) שניידער, פאַר די רעכט אָנצוגייען מיט זייער אַרבעט. אין יענער צייט באַקומט אַ ייד, מיטן נאָמען יאָסל, פון דער שטאָטישער רעגירונג אַ דערלויבעניש, אויפצושטעלן אַ ברויערײַ אויף דער בריק־גאַס. יידן האָבן דעמאָלט אויך געקריגן אין אַרענדע דעם האַנדל פון זאַלץ און נאַפט.[1]

קהילה

די ערשטע ידיעות וועגן אַן אָרגאַניזירט יידיש לעבן אין שטאָט שטאַמען פון דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט, ווען די קהילה איז אָרגאַניזירט געוואָרן. וועגן דער צאָל יידן אין שטאָט, באַשעפטיקונג, בירגערלעכע רעכט און שוץ פון מאַקאָ־ווער יידן אין יענער צייט ווייסן מיר נישט. די ערשטע פּנקסים פון דער קהילה און חברה קדישא זיינען פאַרברענט געוואָרן אין דער גרויסער שריפה פון דער שטאָט אין יאָר 1787.

אין אַן אַקט, וואָס שטאַמט פון דער צווייטער העלפט פון 16־טן י.ה. איז פאַרשריבן, אַז די קירכע האָט געגעבן אין אַרענדע דעם יידישן קהל פּלעצער, פאַרן אָפּצאָל פון 86 זלאָטעס מיט 18 גראָשן יערלעך, אויסער פּראָדוקטן. שפּעטער האָט דער קאָמיסאַר געענדערט דעם אָפּצאָל אויף 112 זלאָטעס מיט 15 גראָשן יערלעך, אָן פּראָדוקטן.

אויף די פּלעצער, וואָס האָבן זיך געפונען נעבן טייך און שפּעטער זיך גערופן דער „גרינער מאַרק", איז אויפגעבויט געוואָרן אַ בית־המדרש, אַ מקוה און אַ הקדש פאַר אַלטע און קראַנקע. דער בית־עלמין איז געווען אויף דער צווייטער זייט טייך. פון אים זענען נישט געבליבן קיין שום שפּורן. די מאַקאָווער קהילה, אַזוי ווי די קלענערע קהילות פון די שטעט מלאַווע, פּלוינסק, יאַנושיצע און אַנדערע אין דער געגנט, איז געווען אונטערגעוואָרפן, איבערהויפּט אין שטייער און אַדמיניסטראַטיווע ענינים, אונטער דער ראַיאָן־קהילה, אין טשעכאַנאָוו, ביז דער ערשטער העלפט פון 18־טן י.ה. צווישן די קליינע קהילות, אין דער ראַיאָן־קהילה, פלעגן פאָרקומען סכסוכים און מחלוקות, ספּעציעל צוליב דעם, וואָס די קלענערע קהילות זיינען באַעוולט געוואָרן ביים אַרויפלייגן און פונאַנדערטיילן די פיל שטייערן, וואָס יידן האָבן געמוזט צאָלן.

---

[1] י. ווערסאָלעק: מאָנאָגראַפיע פון דער שטאָט מאַקאָוו (פּויליש), אַרויסגעגעבן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין יאָר 1938.

מאַקאָוו אין ועד ארבע ארצות

אויפן צוזאַמענפאָר פון ועד ארבע ארצות, אין יאַראָסלאַוו, אין יאָר 1726, ווערט מאַקאָוו דערמאָנט צווישן אַנדערע קהילות, וועמען עס איז צוגעטיילט געוואָרן געלט־שטיצע. „די יידן אין מאַקאָוו", ווערט דאָרט געשריבן, „איז געגעבן געוואָרן שטיצע די סומע פון צוויי הונדערט זלאָטעס".[2] הגם עס ווערט נישט דערמאָנט אויף וועלכע צוועקן די שטיצע איז געגעבן געוואָרן, ווייסן מיר פון דער געשיכטע, אַז די קהילות אין פוילן פון יענער צייט זיינען שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן צוליב די פאַרשיידענע שווערע שטייערן, וואָס די הערשער האָבן אויסגעפרעסט פון יידן, און צוליב די גרויסע הוצאות, וואָס די קהילות האָבן געהאַט ביים אויסקויפן זיך פון גזירות, גירושים, פאָגראָמען און אָפטע בלוט־ און אַנדערע בלבולים, וואָס יידן אין פוילן זיינען אויסגע־שטאַנען. בפרט די יידן אין מאַזאָוושע.[3]

אויף דער פאַרזאַמלונג פון ועד ארבע ארצות אין יאַראָסלאַוו, דעם 18־טן סעפּ־טעמבער 1753, מיטן אָנטייל פון אַ רעגירונגס־פאָרשטייער, האָט דער ספּעציעלער שליח פון דער טשעכאַנאָווער ראַיאָן־קהילה, אברהם בן־לייזר, אָנגעקלאָגט די קהילות פון מאַקאָוו, מלאַווע, פלוינסק און יאַנושיצע, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער טשעכאַנאָ־ווער ראַיאָן־קהילה, צו וועלכער זיי געהערן פון אַמאָליקן צייטן אָן, ביים באַשטימען און צעטיילן שטייערן. דערצו האָבן זיי אַוועקגענומען, אָן שום גרונט קהילות, וואָס זיינען אונטער טשעכאַנאָוו, פון אַלטע צייטן.

מאַקאָוו ווערט אויך דערמאָנט, צווישן אַנדערע קהילות, אויף דער ספּעציעלער זיצונג פון דער קאָמיסיע צו שאַפן געלט, צו באַצאָלן די חובות פון ועד ארבע ארצות, און פון די ראַיאָן־ועדים. נאָכן אויפלעזן זיך פון די ועדים, לויטן דעקרעט פון סיים אין יאָר 1764, האָבן די חובות פון די ועדים באַטראָפן די ריזן־סומע פון קרוב דריי מיליאָן זלאָטעס, אויף אַ באַפעלקערונג פון פינף הונדערט און פופציק טויזנט יידן אין קרוין־פוילן, אַריינגערעכנט קינדער.[4] די גרעסטע טייל חובות זיינען די ועדים געווען שולדיק דער רעגירונג פאַר שטייערן, און דאָס איבעריקע די גלחים און מאַגנאַטן, פאַר הלוואות און פּראָצענט. די קאָמיסיע איז זיך צונויפגעקומען דעם 21־טן מערץ 1767, און אונטערן דרוק פון דער רעגירונג און בעלי־חובות איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויפ־צולייגן אַ ספּעציעלן קאָפּ־שטייער פון 3 זלאָטעס אויף יעדן ייד, כדי צו ליקווידירן די חובות.[5]

---

[2] ישראל האַלפּערן: פּנקס פון ועד אַרבע ארצות. קאַפּירט ספּעציעל פאַרן ספר פון מ. צינאָוויטש.

[3] גרעץ: דברי ימי ישראל, מתורגם מאת ש. פ. ראַבינאָוויטש, באַנד 8, ז"ז 419, 435 ; ש. דובנוב: דברי ימי עם עולם, באַנד 7, זייט 102 ; רפאל מאַהלער: תולדות היהודים בפולין, ז"ט 174.

[4] ש. דובנוב: דברי ימי עם עולם, באַנד 7, זייט 102 ; רפאל מאהלער: תולדות היהודים בפולין עד מאה ה־19, ז"ז 234, 325, 326.

[5] האַלפּערן: פּנקס ועד ארבע ארצות, זייטן 84, 381

רדיפות אויף יידן אין שטאָט

די בלוטיקע געשעענישן אין פּוילן פון יאָר 1648, באַקאַנט אונטערן שרעק־נאָמען גזירות ת״ח ות״ט, און די שפּעטערדיקע אָנפאַלן פון די היידאַמאַקעס אויף יידישע ישובים, האָבן נישט דערגרייכט ביז מאַזאָוושע. אונדזער געגנט האָט אָבער נישט אויס־געמיטן די אָנפאַלן און עקסצעסן אויף יידן מצד דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין 18־טן יאָרהונדערט.[6]

אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1747 איז פאַרשריבן, אַז די קהילה־פּרנסים האָבן דער־לאַנגט אַ „פּראָטעסטאַציע" צום בירגערמייסטער און דער שטאָט־רעגירונג, קעגן די אָנפאַלן און גוואַלדטאַטן פון פּאָליאַקן איבער יידן אויף די וועגן. די „פּראָטעסטאַציע" איז אונטערגעשריבן אויף יידיש פון די פּרנסים: אַבראַמאָוויטש, לעפּעק, טשעכאַנאָווסקי און נאָטקעוויטש. לויטן דאָקומענט, האָט דער בירגערמייסטער פאַרזיכערט די יידן שוץ קעגן אָנפאַלן.[7]

ווען די פּוילישע לעגיאָנען האָבן באַזיגט די שוועדן, אונטער דער אָנפירונג פון שונא־ישראל און אכזר סטעפאַן טשערניצקי (1755—1756), זיינען די לעגיאָנערן אָנגע־פאַלן אויף יידן אין די שטעט, געראַובט און געמאָרדעט, פאַרברענט בתי־מדרשים און שולן און חרוב געמאַכט פיל קהילות.[8] דער מלחמה־שטורעם, מיט די בלוטיקע פאָלגן פאַר יידן, האָט אויך נישט אויסגעמיטן די יידישע קהילה אין מאַקאָוו.

אין בוך „תולדות היהודים בפולין" פון ד״ר רפאל מאַהלער, זייט 36, שרייבט דער חשובער מחבר: „פון היסטאָרישע לידער אין יידיש קען מען צוגעבן צו דער בלוט־רשימה נאָך נעמען פון פאַרפייניקטע, וואָס זיינען אומגעקומען אין יענער צייט צוליב בלבולים. צווישן די אויסגערעכנטע פאַרפייניקטע געפינט זיך דער מאַרטירער נחמן בן נתן פון מאַקאָוו".

ר ב נ י ם

לויט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון מאַקאָוו, געדרוקט אין „הצפירה" פון יאָר 1900, וועלכע מיר ברענגען אין ספר, איז אונדזער שטאָט געווען באַרימט מיט אירע גרויסע רבנים, גאונים, מיט וועלט־נעמען. נאָך אַ סך פון די רבנים זיינען פאַרבליבן ספרים איבער הלכה, דרש, שאלות־תשובות און קבלה. דער באַרימטער וואַרשעווער רב ר׳ אריה לייב צונץ, מחבר פון אַ גאַנצער ריי ספרים, איז געווען אַ צייט לאַנג רב אין מאַקאָוו. אין זיין ספר „פני אריה" שטייט געשריבן: „בעת ששנינו סוגיא זו בק״ק מאַקאָוו, בשנת

---

[6] גרעץ: דברי ימי ישראל, מתורגם מאת ש. פ. ראַבינאָוויטש, באַנד 7, ז״ז 348, 332.

[7] ווערסאלעק: מאָנאָגראַפיע פון דער שטאָט מאַקאָוו.

[8] גרעץ הנ״ל, באַנד 8, זייט 151; דובנוב, באַנד 7, ז״ז 19־20; ר. מאַהלער, ז״ז 348, 352.

תקפ״ז" (ווען מיר האָבן געלערנט די סוגיא אין דער קהילה־קדושה מאַקאָוו אין יאָר תקפ״ז). די רבנים האָבן געלערנט תורה און תלמוד מיט בחורים פון נאָנט און ווייט. מאַקאָוו איז באַקאַנט געווען אין יענע צייטן אַלס אַ שטאָט פון תורה און לומדות. הרב ר׳ משה צבי זינגער שרייבט אין זיין ספר „חידושי מהר״ם צבי", חלק שני, עמוד 54: „רוב מהדרוש הנ״ל דרשתי בק״ק מאַקאָווע בפרשת ויגש כשנתקבלתי להיות שם לרב, והיה זה הדרוש לפתיחה, באמרי, לפי ערך הקהילה שהורגלה בגדולי ישראל היה מן הראוי לדרוש לפי ערכם". (די גרעסטע טייל פון דער דרשה האָב איך געהאַלטן אין דער קהילה קדושה מאַקאָוו אויף דער פרשה ויגש, ווען איך בין אויפגענומען געוואָרן דאָרט פאַר אַ רב. אַזוי ווי דאָס איז געווען מיין ערשטע דרשה דאָרט, האָב איך געטראַכט, אַז דאָס דאַרף זיין אַ וויכטיקער דרש צוגעפּאַסט צו דער וויכטיקייט פון אַ קהילה, וואָס איז צוגעוווינט צו גדולי־ישראל).

לויט דער קאָרעספּאָנדענץ אין „הצפירה", איז דער ערשטער רב אין שטאָט געווען ר׳ אברהם אַביש ז״ל. נפטר געוואָרן אין יאָר תקי״ד (בערך 1757).

ר׳ דוד מגיד

אין יאָר 1774 האָט הר״ב ר׳ דוד מגיד, מורה הוראה אין שטאָט, געגרינדעט די חברה משניות, מיט וועלכער ער אַליין פלעגט לערנען יעדן אָוונט, צווישן מנחה און מעריב און שבת פאַר מנחה.

די חברה איז געווען פּאָפּולער אין שטאָט און עקזיסטירט ביז דער לעצטער צייט, געהאַט איר אייגענעם מנין, אויפן ערשטן שטאָק פון אַלטן בית־המדרש, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן אין יאָר 1930. אין פנקס פון דער חברה זענען געווען פאַרשריבן אייניקע געשעענישן אין שטאָט פון יענער צייט, צווישן זיי — די גרויסע שריפה וואָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1787, אין וועלכער אַ האַלבע שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן. אויך די עפּידעמיע (כאָלערע), וואָס האָט געבושעוועט אין די יאָרן 1866־67, אין וועלכער פיל יידן אין שטאָט זיינען אויסגעשטאָרבן. „אין איין טאָג", דערציילט דער כראָניקער, „זיינען פאַרגעקומען 17 לויות". דאָרט ווערט אויך דערציילט וועגן יידן, וואָס האָבן מיט מסירות־נפש זיך מטפל געווען מיט די קראַנקע און פיל געראַטעוועט פון טויט. באַזונדער ווערט געלויבט די חברה קדישא פאַר איר הילף צו די קראַנקע און פאַרן מתעסק זיין זיך מיט די טויטע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות.

דער פנקס פון דער חברה משניות איז פאַרפאַלן אָדער פאַרברענט געוואָרן אין דער צווייטער (אָדער גאָר דריטער) שריפה פון יאָר 1898.

ר׳ דוד מגיד איז אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פון יידן אין פוילן, פון יענער צייט, צוליב זיין למדנות, גרויסאַרטיקער טעטיקייט און איבערהויפּט צוליב זיין קנאישער קעגנערשאַפט צו די חסידים און זייערע רביים, וועלכע ער האָט שטאַרק באַקעמפט אין זיינע שאַרפע דרשות און אין שריפט. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט

מיט יראת הכבוד פון גדולי הדור אין זיין צייט, צו וועלכע ער פלעגט זיך ווענדן מיט שאלות אין עניני־הלכה. אין ספר „חמדת שלמה" פון ר׳ שלמה־זלמן, רב אין פויזן, געפינט זיך אַ תשובה אויף אַ שאלה פון ר׳ דוד מגיד, וועגן אַ פרוי, וואָס האָט זיך מתיחד געווען מיט אַ סאָלדאַט, און דער מאַן וויל נעמען אַן אַנדער ווייב, נישט גטנדיק די ערשטע.

אין דער תשובה ווענדעט זיך דער פויזנער רב צו ר׳ דוד מגיד מיטן טיטל: „לידידי הרב המהוה"נ, החריף ובקיא, הצדיק המפורסם, כבוד מו"ה דוד דק"ק מאַקאָווי".

פאָרשער און היסטאָריקער פון די גרויסע מחלוקות צווישן די מתנגדים און חסידים דערמאָנען ר׳ דוד מגיד ווי דעם קלאַסישן, פאַנאַטישן קעמפער קעגן חסידות און רביים, לויט זיין ספר „זמיר עריצים", געשריבן אין גראַמען און אַנדערע ספרים וואָס זיינען געבליבן אין כתב־יד. אָט זיינען אייניקע כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון ספר „זמיר עריצים": „די רביים וועלן פעט און האָבן גוידערס". „זיי זיינען רייך און גרויס געוואָרן פון פרעמד געלט, פון פדיון נפש, וואָס זיי נעמען פון אומגליקלעכע אָרעמע". „די חסידים זיינען אַזוי ווי די פריימויערער" (מאַסאָנען)". אין אַן אַנדער אָרט אין ספר לייענען מיר: „די חסידים דינען צו בילדער און געטשן". „די הויפן פון די צדיקים זיינען אַלטאַרס פאַרן אָפּגאָט בעל". „זיי מאַכן זיך פריילעך מיט סעודות און מאַלצייטן און רויכערן ליולקע־ציבעק". „זיי פאַרנעמען זיך מיט היילן קראַנקע און עקרות". „זיי יאָגן זיך נאָר צו קריגן באַצאָלט". „זיי פילן אַן זייערע הייזער מיט געלט פון פאַרטרויעריקטע אָרעמע לייט" א. אַז. וו. א. אַז. וו.

אַ צווייטער ספר פון ר׳ דוד מגיד „שבר פושעים" — דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון די מחלוקות פון די מתנגדים מיט די חסידים, איז נישט דערשינען אין דרוק, נאָר ער איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין שריפטלעכע קאָפּיעס. לויט ווי ר׳ דוד מגיד דערציילט אין זיין ערשטן ספר, האָט דער קאָזשיצער מגיד געשיקט אַ שליח צו די נגידים קיין וואַרשע זיי זאָלן אָפּהאַלטן די דרוקער נישט צו דרוקן מער קיין ספר קעגן חסידות.[9]

אין ספר „קריה נאמנה" שרייבט דער מחבר, אַז ביי אים געפינט זיך אַ חיבור פון ר׳ דוד מגיד מיטן נאָמען „זמרת עם הארץ". אין דער ביבליאָטעק פון אָקספאָרד איז פאַראַן אַ כתב־יד קעגן חסידות פון ר׳ דוד מגיד מיטן נאָמען: „ספר זאת תורת הקנאים".[10]

ר׳ דוד מגיד איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1815. דאָס גאַנצע פוילישע יידנטום האָט אים מספיד געווען. דער דרשן ר׳ משה זאב, פון ביאַליסטאָק, האָט געהאַלטן אַ גרויסן הספד, וואָס איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זיין ספר „אגודת אזוב", תקפ"ד, דרש חמישי, דף פ"ח. אויף זיין קבר, אויפן אַלטן בית־עלמין, איז געשטאַנען אַן אוהל.

---

[9] פראָפ. מאַהלער: דברי ימי ישראל, דורות אחרונים, 1־טער באַנד, דריטער בוך, ז"ז 260, 303, 306.

[10] פרופ׳ גרעץ: דברי ימי ישראל, החלק האחרון, מתורגם על ידי י. א. טריווש, ווילנה תרס"ט, ציון 2, זייט XI.

פון נאָענט און ווייט פלעגן יידן קומען צום קבר, ספּעציעל צו דער יאָרצייט, דאָרט מתפלל זיין און לייגן קוויטלעך.

צענדליקער יאָרן נאָך דער פּטירה פון מגיד, זיינען פאָרגעקומען אין שטאָט שאַרפע מחלוקות צווישן מתנגדים און חסידים, וועמענס צאָל ס'איז געוואַקסן, איבערהויפּט אין דער צייט פון אויפנעמען אַ רב. מחלוקות, וואָס האָבן נישט איינמאָל גורם געווען צו ערנסטע געשלעגן און אויך קריגערייען צווישן שווער און איידעם, וואָס האָבן אָפּט געפירט דערצו, אַז דאָס יונגע פּאָרל זאָל זיך מוזן גטן. דער סוף איז געווען, אַז חסידות האָט געזיגט אין שטאָט, און פיל אָפּשטאַמיקע פון מגיד זיינען געווען גערער און אַמשינאָווער חסידים.

נאָך דער צעטיילונג פון פוילן

אין פאַרלויף פון צוויי־צענדליק יאָר איז פוילן דריי מאָל צעטיילט געוואָרן — נאָך מלחמות און אינערלעכע מהומות — צווישן פּרייסן, רוסלאַנד און עסטרייך. די פּאָליטישע און רעכטלעכע לאַגע פון יידן אין פוילן האָט זיך גאָרנישט פאַרבעסערט אין די ערשטע צייטן נאָך דער צעטיילונג. טראָץ דעם, האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין שטאָט כסדר פאַרגרעסערט. אין יאָר 1775 האָט די קהילה געקריגן, אין אייביקער אַרענדע פון דער קירכע, 5 פלעצער נעבן דער פּרושניצער גאַס, מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג און ביסקופּ, אויך אַ הלוואה פון טויזנט זלאָטעס אויף 5 פּראָצענט יערלעך. די הלוואה האָבן אונטערגעשריבן: הערש נאָטקעוויטש, גדליה גערשאַנאָוויטש און עקיבא נאַכמאַנאָוויטש.[11]

לויט דער דערציילונג פון יאָר 1808, האָט די יידישע קהילה געציילט 2007 נפשות און אויסגעמאַכט 72% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין שטאָט.[12] די קהילה־בנינים זיינען געווען אַלט און קליין פאַר דער פאַרגרעסערטער יידישער באַפעלקערונג. אויף די אַרענדירטע פלעצער איז ביסלעכווייז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ בית־המדרש, אַ מקוה צוזאַמען מיט אַ באָד, און אַ תלמוד־תורה פאַר אָרעמע קינדער. די קהילה, צוזאַמען מיט די עסקנים, האָבן אויספּלאַנירט אויפצושטעלן אַ גרויסע שול.

די שול

עס איז שווער צו פאַרשטיין, ווי האָבן יידן אין שטאָט געוואַגט, און ווו האָבן זיי געקריגן די געלט־מיטלען, כדי אויפצושטעלן אַזאַ גרויסן, הויכן בנין, מיט דיקע ווענט, וואָס האָט פאַרנומען, צוזאַמען מיט דער עזרת־נשים פון ביידע זייטן, אַ גאַנצן קוואַרטאַל

---

[11] י. וועסאָלעק: מאָנאָגראַפיע פון דער שטאָט מאַקאָוו.

[12] רפאל מאַהלער: דברי ימי ישראל דורות אחרונים, באַנד ו, פּרק III, זייט 64.

אויף דער שפּעטער געראָפּענער שול־גאַס; אין אַ צייט ווען די קהילות אין פּוילן זיינען געווען פאַראָרעמט צוליב גזירות, גרויסע שטייערן, מלחמות און אינערלעכע מהומות.


די שולן, בתי מדרשים, ישיבות תלמוד־תורהס און אַנדערע קהלשע אַנשטאַלטן, וואָס יידן, מיט זייערע אָרעמע גראָשנס האָבן אויפגעשטעלט אין פּוילן, און אין אַנדערע גלותן, אין אַלע צייטן און ביי אַלע אומשטענדן, באַווייזן די וויטאַליטעט פון יידישן פאָלק, וואָס האָט מיט מסירות־נפש, עקשנות און בטחון, שטענדיק געזאָרגט, אַז דער מאור היהדות והיהודים זאָל קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן אין די אַלע ערטער, ווּהין זיי זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן.

מיין זיידע, הערשקע כ״ץ, וואָס איז געווען אויף דער עלטער גבאי פון שול, האָט מיר דערציילט צווישן אַנדערן, אַז יידישע מוליאַרעס האָבן פרייוויליק געלייגט די ציגל פון די דיקע ווענט. יידישע בויער און סטאָליאַרעס האָבן אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אָן שום לוין, ביים אויסלייגן פּילצאָליקע דיקע ברעטער און בעלקעס פון קאָמפּליצירטן דאַך, אין ביזאַנטישן סטיל, וואָס איז געדעקט געוואָרן צום ערשטן מאָל מיט דאַכאָזוקעס און שפּעטער מיט צינקבלעך.

די קינסטלערישע אויל־מאָלערייען פון די ווענט און סופיט און די אָרנאַמענטיק פון די הויכע זיילן אין די 4 זייטן פון דער בימה, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם סופיט, האָט געמאָלן און אויסגעפּאַרטיקט אַ מאָלער, אַ בן־עיר, אַ פרומער ייד מיט טאַלאַנט פון אַ קינסטלער. פון סופיט זיינען, אויף בראָנזענע קייטן אָראָפּגעהאָנגען גרויסע קאָנדע־לאַברעס אין בראָנדזענע הענג־לייכטער. רפּעציעל האָבן מבינים באַוואונדערט דעם גרויסן קאָנדעלאַבער, וואָס איז געגעבן געוואָרן אַלס מתנה פאַר דער שול פון יצחק און חנה גאָלדשטיין פון דאַנציג, אין יאָר 1837. דער קאָנדעלאַבער איז געהאָנגען צווישן דער בימה און אָרון־קודש, אונטער אַ געמעל אויפן סופיט — אַ הימל מיט לייכטע, בלויכעלע וואָלקנס, אין האָריזאָנט. אַ זון, וואָס האָט געלויכטן ביי טאָג און ביינאַכט. ווען דער קאָנדעלאַבער האָט געברענט, האָט געשיינט אַ האַלבע, העלע לבנה אין געגלאַנצט שטערן. דער גרויסער אָרון־קודש, אַרויפצוגיין פוןביידע זייטן עמוד אויף ברייטע טרעפּ, איז געווען באַפּוצט פון ביידע זייטן מיט האָלץ־שניצערייען פון שפּיל־אינסטרומענטן געפאַרבט אין גאָלד אויף אַ ווייסן הינטערגרונט. די אינסטרומענטן האָבן אויסגעזען — און געלאָזט זיך פוצן — ווי מעטאַל, און דערפאַר שטענדיק געבליאַסקעט.

איבערן אָרון־קודש — די טראַדיציאָנעלע צוויי גרויסע לייבן אין זייער נאַטירלעכן קאָליר, וואָס האַלטן די לוחות־הברית. איבער די לוחות — אַ גאָלדענע קרוין און אין דער הויך — אַן אויפשריפט מיט גאָלדענע גרויסע אותיות: „כתר תורה״.

דער אָרון־קודש איז געווען פאַרצויגן מיט פּרוכתן פון אַטלאַס, סאַמעט און פּליוש, צוגעפּאַסטע קאָלירן אויף שבתים און ימים טובים. פּורפּור־ווייס און בלוי, אויסגעשטיקטע מיט גאָלדענע פעדים, בלומען און ביימער, הירשן און לייבן, פּסוקים פון דער תורה — דורך צאַרטע, איידעלע פינגער פון צניעותדיקע כלות און גאָטספאַרכטיקע מאַמעס,



חגיגה בבית הכנסת הגדול במאקוב, לרגל פתיחת האוניברסיטה העברית בירושלים

פייערונג אין דער גרויסער שול צו דער דערעפענונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט, אין יאָר 1925

וועלכע פלעגן אַריינהעפטן אין די פּרוכתן זייערע טרוימען און האָפענונגען, זייער צער און פרייד, זייער אומרו און בענקשאַפט.

אין אָרון־קודש — 2 צענדליק ספרי־תורה׳ס, אַלטע און נייע, קליינע און גרויסע, מיט קינסטלעריש־אויסגעאַרבעטע עץ־חיימס פון האָלץ און העלפאַנט־ביין, אָנגעטאָן אין אויסגעהאַפטענע מענטעלעך פון סאַמעט און זייד, אויף טייל פון די ספרי־תורה׳ס זענען געהאָנגען זילבערנע ידות, צו טייטלען דעם בעל־קורא, און ציצים מיט אויסגראַווירטע נעמען פון קינדערלאָזע פּאָרלעך, וועלכע האָבן פאַר זייערע שווער־פאַרהאַרעוועטע אָפּשפּאָ־רונגען געלאָזט שרייבן אַ ספר־תורה, עס זאָל בלייבן נאָך זיי אַ יד־ושם אויף לאַנגע צייטן. און ווען די ספר־תורה איז פייערלעך געפירט געוואָרן אין שול, אונטער דער חופּה, מיט פאַקלען, מוזיק און טענץ, מיטן אָנטייל פון דער גאַנצער יידישער עדה און געסט פון דער פרעמד, האָבן די קינדערלאָזע מאַן און פרוי געהאַט דעם פרייד־געפיל פון טאַטע־מאַמע, וואָס פירן זייער קינד צו דער חופּה.

אין ביידע זייטן פון גרויסן פּאָליש, אונטן און אויפן ערשטן, צווייטן און דריטן גאָרן, זענען געווען די אַזוי גערופענע „קהל־שטיבלעך״. דאָרט האָבן געדאַוונט די חברות תהילים, עין־יעקב, מדרש און בעלי־מלאכות — לויט די פאַכן. יעדע חברה האָט געהאַט אַ רבי, וואָס פלעגט מיט זיי לערנען, ספּעציעל אין די שבתים נאָך מיטאָג.

די זעלטענע, גרויסע, שיינע שול, איינע פון די וויניקע אין פּוילן, האָבן די נאַציס ימ״ש אויסגערויבט, פאַרשוועכט די ספרי־תורה׳ס און חרוב געמאַכט ביזן פונדאַמענט, צוזאַמען מיט דער יידישער עדה. הי״ד.

מאַקאָוו אין דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן, און אין די אויפשטאַנדן קעגן רוסלאַנד

אין די יאָרן 1806—1809 נעמט־איין די נאַפּאָלעאָן־אַרמיי דעם טייל פּוילן פון פּרייסן און עסטרייך, און שאַפט אונטער זיין פּראָטעקטאָראַט דאָס פּוילישע פירשטנטום מיט וואַרשע אַלס הויפּט־שטאָט. די נאַפּאָלעאָן־קאָנסטיטוציע פּראָקלאַמירט רעליגיעזע פריי־הייט און גלייכע געזעצן פאַר אַלע בירגער אין פּוילן, וואָס איז לגבי יידן, פּאַקטיש, קיינמאָל נישט אָנגעוואָנדן געוואָרן. ווידער גזירות אויף יידן. פאַרבאָט צו קויפן פּריצישע ערד, באַגרענעצונגען אין האַנדל, גירוש פון יידישע בעלי־מלאכות און אַרענדאַרן פון די דערפער און פון אַ ריי שטעט. און אין אַנדערע — אַריינגעשפּאַרט די יידן אין געטאָס. לויט דער פאָדערונג פון די פּאָליאַקן אין שטאָט, איז אויך אין מאַקאָוו באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלער קוואַרטאַל פאַר יידן צו וווינען (געזעץ פון 29־טן יאַנואַר 1813).[13]

אין אַ כראָניק פון דער קירכע אין שטאָט, פון יאָר 1827, איז פאַרשריבן, אַז אין די יאָרן 1806־1807 האָט דער פראַנצויזישער מיליטערישער גאַרניזאָן איינגעאָרדנט

[13] רפאל מאַהלער: דברי ימי ישראל, דורות אחרונים, ערשטער באַנד, דריט בוך, זייט 74.

אין דער קירכע אַ מיליטערישע בעקעריי, אַריינגעשטעלט דאָרט 3 באַק־אויוונס, פונאַנדערגענומען פּאַרקנס, שטאַלן, שפּייכלערס און קאַמערן אויף האָלץ, כדי צו באַקן ברויט פאַרן מיליטער, רעקוויזירט תבואות און מעל. אין שטאָט האָט געהערשט הונגער און נויט. די סאָלדאַטן האָבן אויסגעליידיקט און פאַראָרעמט די שטאָט. עס האָט געדאַרפט נעמען יאָרן זי צו רעסטאַווירן.[14]

נאָך דער מפלה פון נאַפּאָלעאָנס אַרמיי הינטער מאָסקווע, פאַלט אַרונטער כמעט דאָס גאַנצע פּוילישע פירשטנטום אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד. די קאָנסטיטוציע פון 27־סטן אָקטאָבער 1815, וואָס דער רוסישער צאַר האָט געגעבן פּוילן, האָט פּאַקטיש לעגאַליזירט געזעצלעך די יידישע רעכטלאָזיקייט. איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס אין די אויפשטאַנדן פון פּאָליאַקן קעגן רוסלאַנד האָבן זיך באַטייליקט יידן, האָפנדיק, אַז דורך דעם וועלן זיי ווערן אויסגעגלייכט אין זייערע רעכט מיט די איבעריקע בירגער אין לאַנד.[15]

אין אויפשטאַנד פון יאָר 1863 זענען פאָרגעקומען קאַמפן אין די וועלדער און דערפער אַרום דער שטאָט. און אַ צוזאַמענשטויס מיט אַן אָפּטיילונג פון 156 קאָזאַקן נעבן דאָרף קאַרניאָווא, זענען געפאַלן איניקע שטעטישע אויפשטענדלער, צווישן זיי דער ייד איגנאַצי גאָלדשטיין. ער איז געשטאָרבן פון די וווּנדן, אין געפאַנגענשאַפט. די רוסישע זשאַנדאַרמען און קאָזאַקן פלעגן עפנטלעך שמייסן אומבאַוואָפנטע בירגער, פאַרן מינדסטן חשד פון געבן הילף די אויפשטענדלער. אַ סך יידן אין שטאָט, און אין די דערפער אַרום, זענען דעמאָלט געשמיסן געוואָרן.

כאַראַקטעריסטיש איז די כראָניק פון פּוילישן מקור, וואָס דערציילט: „בראש פון אַן אָפּטיילונג אויפשטענדלער אין אונדזער געגנט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט צושטעלן פּראָוויאַנט און אָפּרוימען שפּיאָנען, איז געשטאַנען אַ יונגע יידישקע „młoda żydówka" קאַראָלינאַ מיכעלסאָן, געבוירן אין קאַליש".

„אויף אַ ווייס פערד" — דערציילט ווייטער דער מקור — „באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, אין דער שפּיץ פון אַן אָפּטיילונג פּאַטריאָטן, האָט זי זיך געיאָגט איבער פעלדער און וועלדער, פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף, רופנדיק צום אויפשטאַנד, גערעדט און אַגיטירט, געזאַמלט געלט, געווער, פערד און ווערבירט רעקרוטן" א. א. וו. דער וואַלד־סוחר, ר' פייוול בלום, האָט געשטיצט די אויפשטענדלער מיט געלט און געווער. איינער פון די בלומס האָט געקעמפט אין די רייען פון די אויפשטענדלער אין פּלאָצקער געגנט. נאָכן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, איז ער אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך. פון דער דאָזיקער פאַמיליע שטאַמט דער געוועזענער פראַנצויזישער פּרעמיער־מיניסטער לעאָן בלום".[16]

---

[14] י. ווּעסאָלעק: מאָנאָגראַפיע פון דער שטאָט מאַקאָוו.

[15] אפרים קופּפער: יורידישע און פּאַקטישע לאַגע פון די יידן אין פּוילן, בלעטער פאַר געשיכטע, באַנד V.

[16] י. ווּעסאָלעק: מאָנאָגראַפיע פון דער שטאָט מאַקאָוו.

אין שטאָט שטייט נאָך, ביז היינט, אַ דריי־גאָרנדיק גרויס הויז, אַמאָל דאָס העכסטע אין שטאָט, אייגנטום פון דער פאַמיליע בלום. דאָרט האָט געוווינט כהנא, דער זייגער־מאַכער, אַ קרוב פון די בלומ׳ס, וועלכער האָט אויך פאַרוואַלטעט מיטן הויז.

הרב ר׳ אפרים־פישל סאַלאָמאָן ז״ל

אויפגענומען אַלס רב אין יאָר תרט״ז (1855). צוליב זיין חכמה, גוטהאַרציקייט און אהבת הבריות, ווערט ער באַליבט אין שטאָט, אַפילו ביי נישט־יידן. געווען באַרימט ווי אַ למדן און גרויסער פוסק. אין ספר „מנחה חדשה״ ווערט דער רב דערמאָנט מיטן טיטל: „המאור הגדול בתורה ויראה, הצדיק המפורסם חכם ושלם ר״ש מו״ה אפרים־פישל שליטא אבדק״ק מאַקאָווי״.[17] לויט זיין איניציאַטיוו — אין גרעסטן טייל מיט זיין געלט — איז אויפגעבויט געוואָרן, אין די יאָרן 58־1857, דער נייער בית־המדרש אין שכנות מיט דער שול. איבערן בית־המדרש האָט געוווינט דער רב, וועלכער פלעגט יעדן טאָג לערנען מיט בחורים, געווען טעטיק און איינגעפירט אָרדענונג אין די חברות און אין דער קהילה. 25 יאָר איז הרב ר׳ אפרים־פישל ז״ל געזעסן אויף דער כס הרבנות אין מאַקאָוו און געווען אַ טרייער מנהיג פון זיין עדה.

ר׳ אפרים־פישל, וואָס יידן האָבן אים, אויס ליבע און אַכטונג, גערופן: ר׳ פישעלע, איז נפטר געוואָרן כ׳ שבט תרמ״א. אויפן קבר איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אוהל. אין טאָג פון זיין יאָרצייט פלעגן, ביז די לעצטע צייטן, אָנגעצונדן ווערן ליכט אין די בתי־מדרשים, יידן האָבן געלערנט משניות פאַר עלית הנשמה און געגאַנגען אויפן קבר זאָגן תהילים. אין יאָר תרמ״ה איז אויך נפטר געוואָרן די רבנית, רבקה ז״ל, וועלכע די נשים צדקניות פלעגן דערמאָנען צום גוטן, מיטן נאָמען: רבקהלע די רביצין, אָדער רבקהלע די צדיקת.

אין אַ רשימה פון תורמים (שפענדער) אין שטאָט פאַר די פאָגראָם־געליטענע יידן, אין דרום רוסלאַנד, פאַרעפנטלעכט אין „הצפירה״ פון יוני 1881, געפינט זיך אויך: „אמ״ז הרבנית אלמנת א״ז הרה״ג מו״ה אפרים פישל ז״ל האב״ד דפה — 50 קאָפּ.״ (קאָפּעקעס).

די קאָרעספּאָנדענץ פון מאַקאָוו איז אונטערגעשריבן פון זייער אייניקל, שפּעטער מיטאַרבעטער פון „הצפירה״, קענער פון שפּראַכן און געלערנטער, אליעזר־דוד בהר״מ נ״י (בן הרב מרדכי, נרו יאיר) פינקעל, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די אַקציע און זיך באַשטייערט מיט 2 רובל. הרב ר׳ מרדכי ניימאַן ז״ל, אַן איידעם פון אפרים פישעלעס אַ טאָכטער — מרים, איז געווען מו״צ אין שטאָט. מען האָט אים גערופן: ר׳ מאָטעלע דיין. ער האָט געוווינט איבערן נייעם בית־המדרש, אין זיידנס דירה.

ר׳ מאָטעלע איז נפטר געוואָרן כ״ה כסלו תרע״ה און געקומען צו קבורה נעבן

[17] אפרים פישל ניימאַן: בית אפרים, ניו־יאָרק תרפ״ג, זייט 31.

הרב ר׳ אפרים־פישל ז״ל. ר׳ מאַטעלעס זון, געהייסן נאָכן זיידן ר׳ אפרים־פישל, איז געווען רב אין דער מאַקאָווער שול, אין ניו־יאָרק.

נחום סאָקאָלאָוו

אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז אין שטאָט געווען אַ דינע שיכט פון פאַרמעגלעכע יידן, וואַלד־און תבואה־סוחרים, אַרענדאַרן פון וואַסער־ און ווינט־מילן. ר׳ יצחק־הערש סעגאַל איז געווען אַ גוטבאַזיצער, אייגנטימער פון אַ וואַסער־מיל אין דאָרף פאָדעש, געהאַט אין מאַרק אַ גרויס איק־גאַרנדיק הויז, ווו ער האָט געוווינט מיט זיין פרוי דאָבע, גערופן דאָבעלע, און קינדער, זין און טעכטער. די מיידלעך זענען, לויט יענער צייט, געווען וויל־געלערנטע, געקענט לייענען און שרייבן יידיש, פויליש און רוסיש. דאָס הויז — פרום־יידיש, אָבער נישט פאַנאַטיש. יצחק־הערש סעגאַל איז געווען אַ מתנגד, געדאַוונט אין נייעם בית־המדרש, ווו מען האָט טאָלערירט די צוויי קורץ־געקליידעטע יידן — דעם לערער פון דער רוסישער פאָלקס־שול פאַר יידישע קינדער, שאַצקי, און כהנא — דער זייגערמאַכער, וואָס פלעגן יעדן שבת קומען צום דאַוונען.

יידן, פאַרמעגלעכע, פלעגן זוכן פאַר זייערע טעכטער איידעמס וויל־לערנער, צוזאָגן נדן, אייניקע יאָר קעסט און שפּעטער העלפן זוכן תכלית, פרנסה, וואָס איז נישט לייכט אָנגעקומען. ר׳ יצחק־הערש סעגאַל איז חוץ אַ גביר געווען אויך אַ מיוחס, אַן אָפּשטאַמיקער פון ר׳ דוד מגיד, האָט ער געזוכט אַ גוטן שידוך פאַר זיין עלטסטער, גראָטענער טאָכטער, רבקהלע (רעבעקאַ). נחום סאָקאָלאָווס עלטערן, וואָס האָבן געוווינט אין פּלאָצק, זענען געווען ווייטע קרובים פון די סעגאַלס. נחום־טוביה איז געווען אַ תלמיד פון דעמאָלט באַקאַנטן רב אין קוטנע, ר׳ ישראל יהושע טרונק, באַקאַנט מיטן נאָמען: ר׳ יהושועלע קוטנער. שוין יינגערהייט האָט נחום געשמט פאַר אַן עילוי. ר׳ יצחק־הערש סעגאַל שיקט קיין פּלאָצק זיינס אַ פריינט, ר׳ רפאל הירש ז״ל, אַ ייד אַ למדן, בעל־עצה און בורר אין שטאָט, צו רעדן מיט נחומס עלטערן וועגן שידוך, און אויך פאַרהערן נחומען, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען 14 יאָר. ר׳ רפאל־הירש האָט אָפּגעגעבן אַ גע־הויבענע מיינונג וועגן 14־יאָריקן בחורל, נחום־טוביה, און געעצהט צו טאָן דעם שידוך. ר׳ הערש סעגאַל, צוזאַמען מיט זיין פרוי דאָבעלע, זענען גלייך אַוועק קיין פּלאָצק. נאָך לענ־גערע אונטערהאַנדלונגען מיט נחומס עלטערן וועגן נדן, קעסט און אַנדערע ענינים — וואָס די צדדים פלעגן אין יענע צייטן פירן ביים שליסן שידוכים — זענען, מיט מזל, געשריבן געוואָרן תנאים, און אין יאָר 1876, ווען נחום איז אַלט געוואָרן 17 יאָר, איז פאַרגעקומען די פייערלעכע חתונה אין שטאָט. דאָס יונגע פּאָרל, רבקהלע מיט נחומען, זענען געבליבן וווינען אויפן ערשטן גאָרן פון שווער און שוויגערס הויז.

זייענדיק באַפרייט פון פרנסה־עול, האָט נחום סאָקאָלאָוו זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן געשיכטע, געאָגראַפיע, ליטעראַטור, לערנען שפּראַכן — און אויך מיט שרייבן. די שוויגער

פלעגט זאָגן פאַר די שכנות: „מיין איידעם זיצט טאָג און נאַכט אינדערהויך, בראָנטשעט און בראָנטשעט". פאַקטיש אָבער, האָט אים קיינער פון די שטוב־מענטשן נישט גע־שטערט אין זיין לערנען און שרייבן. זיין פרוי, רבקהלע, און זיין שווער האָבן זיך גוט געקענט אויף דעם יונגנמאַנס פעיקייטן און געווען צופרידן פון זיין לערנען — אַפילו לימודי־חול.

נחום האָט געפונען אין שטאָט געציילטע יידן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַפריינדעט. דער נאָענטסטער ידיד און חבר זיינער איז געווען ר׳ אברהם־יוסף ראָזענטאַל, אַן אייניקל פון ר׳ דוד מגיד, אַ זעלטענער מענטש, מיט אַלע מעלות: תורה, חכמה, גוטע מידות און טיפער אַנאַליטישער שכל. הגם ער איז געווען פיל עלטער פון נחומען, האָט זיך צווישן זיי פאַרבונדן אַ שטאַרקע פריינטשאַפט. זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן. אין אַ מאמר נאָכן טויט פון ר׳ אברהם־יוסף ראָזענטאַל, דערשינען אין „הצפירה" און שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין בוך־פאָרם, שרייבט נחום סאָקאָלאָוו: „ווי טרויבן אין מדבר האָב איך געפונען דעם געהויבענעם מאַן, דעם אויסגעצייכנטן אַלזייטיקן מענטש, אין דער שטאָט ווו כ האָב געוווינט אַ צאָל יאָרן. כ׳בין געווען שטאַרק צוגעבונדן צו אים בלב ונפש. עס איז מיר שווער געווען זיך מיט אים צו שיידן בעת מיין פאַרלאָזן די שטאָט".

נאָך אַ פריינד פון מאַקאָוו, וועגן וועלכן נ. סאָקאָלאָוו האָט פאַרעפנטלעכט טרויער־און טרייסט־ווערטער אין „הצפירה" נאָך זיין פטירה, איז געווען הרב רבי מרדכי פינקעל ז"ל. אַ ייד אַ תלמיד־חכם און משכיל, בעל צדקה און עוסק בצרכי ציבור, זון פון רב ר׳ אפרים פישעלע ז"ל.

נחום האָט געפּרוווט ווערן אַ סוחר. 3 יאָר נאָך דער חתונה פאָרט ער אין מסחר־ענינים קיין דייטשלאַנד. ער איז קיין געשעפטס־מאַן נישט געוואָרן, אָבער זיין ערשטער אַרויספאָר קיין אויסלאַנד האָט געעפנט פאַר אים דעם וועג פאַר זיינע שפּעטערדיקע רייזעס און וויכטיקע נאַציאָנאַלע שליחותן, ווי אַ מנהיג, איבער לענדער און קאָנטינענטן. די העכער 5 יאָר וואָס נ. סאָקאָלאָוו האָט פאַרבראַכט ביי שווער און שוויגער אין הויז, זענען, לויט זיינע רייד, געווען די בעסטע אין זיין לעבן: „גוטע און געזונטע זאַנגען זענען זיי פאַר מיר געווען. כ׳האָב מיר איינגעשאַפט אַ סך ספרים און גרינטלעך אויסגעלערנט 8 שפּראַכן, אַלטע און נייע, אויסער נאַטורוויסנשאַפט און היסטאָריע, וועלכע זענען מיינע אויסדערוויילטע לימודים („מובחר למודי"). אין יאָר 1880 ווערט נחום סאָקאָלאָוו הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג „הצפירה". ער ווערט שנעל פּאָפּולער און באַליבט ביי דעם העברעישן לייענער, מערסטנס ישיבה־ און בית־מדרש־בחורים און יידן בני־תורה, וועמענס מענטאַליטעט ער האָט גוט געקענט, מיט זיין געלייטערטן העברעיש, געשעפּט פון אַלע קוואַלן, אַלטע און נייע, האָט ער געוווסט צו רעדן צום האַרץ און מוח פון זיינע יידן. פון דער רעדאַקציע „הצפירה" פירט דער וועג פון נחום סאָקאָלאָוו צום גרויסן רום אַלס שרייבער, דיפּלאָמאַט, מנהיג און וועלט־באַרימטקייט.

48 יאָר האָט רבקה־רעבעקאַ באַגלייט איר גרויסן מאַן אויף זיין דערפּאָלגרייכן אָבער שווערן לעבנס־וועג. און ווען זי איז געשטאָרבן, אין 1924, אין לאָנדאָן, האָט נחום געשריבן צו זיין פריינד ד״ר קלאַצקין: „זינט איך לעב, האָב איך נישט געשפּירט אַזאַ דער־דריקנדיקן ווייטיק, וואָס באַטריבט דעם גוף מיט דער נשמה, ווי אין דעם ביטערן טאָג, ווען ס'איז פון מיר אַוועקגענומען געוואָרן מיין יוגנט־פרוי״.

פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן ז״ל האָט געזאָגט אין זיין הספד: „זי איז געווען דער סימבאָל פון דער יידישער פרוי, אַ געטרייע פרוי פון אַ געלערנטן, וועלכע האָט פאַר־שטאַנען צו שעצן איר מאַן און זיין אים אַ הילף אין זיין לעבן און אַרבעט, אין טעג פון פיין ווי אין טעג פון גליק״. דאָס בוך וועגן שפּינאָזאַ, וואָס איז שפּעטער דערשינען, האָט נחום געווידמעט: „לזכר נשמת אשת נעורי וחברתי בחיים״.[18]

נחום סאָקאָלאָוו טויט, אין לאָנדאָן, אין יאָר 1936, האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער ביי יידן אויף דער גאַנצער וועלט, אויך ביי פירנדע פּערזענלעכקייטן פון די פעלקער, וואָס אַ סך פון זיי האָבן אים געקענט און געשעצט. דאָס באַנייטע ישראל האָט געברענגט דאָס געביין פון גרויסן ייד נחום סאָקאָלאָוו אין לאַנד אַריין און ער האָט געפונען זיין אייביקע רו אויפן הר־הרצל, אין ירושלים.

פּאָגראָם־שרעק אין שטאָט

די כוואַליע פון פּאָגראָמען אין שחיטות אויף יידן אין דרום רוסלאַנד, אין די יאָרן 1881, וואָס האָט זיך איבערגעטראָגן אויך קיין וואַרשע, האָבן געוואָרפן אַ פּחד אויף יידן אין פּוילן. אין אַ בריוו, פאַרעפנטלעכט אין „הצפירה״ פון יאַנואַר 1881, לייענען מיר: „פון דער שטאָט מאַקאָוו איז מען אונדז מודיע: נאָכן הערן וועגן די עקסצעסן אין וואַרשע, האָבן די יידן געציטערט, אַז דער המון וועט אויך דאָרט (אין מאַקאָוו — י. מ. ס.) מאַכן פּאָגראָמען. האָבן זיי זיך געוואַנדן צו די אָרנטלעכע קריסטן, די משכילים, זיי זאָלן רעדן צו די אומוויסנדיקע, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אין געהיים אָנרייצן און ברענגען אומגליק אין שטאָט. צו אונדזער פרייד האָט דער קאָמענדאַנט פון דער פייערלעשער־חברה, וואָס איז דאָ פאַראַיאָרן געגרינדעט געוואָרן, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע פייער־לעשער, אָנגעטאָן אין די אוניפאָרמען, מיט זייערע געצייגן און אַרבעטער, ווי אויך די שטאָטישע, זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין טעאַטער־זאַל. ווען אַלע זענען געווען פאַרזאַמלט, האָט דער קריסטלעכער געלערנטער, ד״ר קראַף, געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „די אויפגאַבע פון פייערלעשער איז נישט בלויז צו באַקעמפן פייער, וואָס פאַרוואַנדלט אַ שטאָט אין אַש, נאָר אויך צו באַקעמפן יעדן פאַרניכטונגס־אינסטרו־מענט, וואָס קען ברענגען אומגליק פאַר אונדז אַלע״.

---

[18] ספר סוקולוב, בעריכת שמעון רבידוביץ, ירושלים תש״ג, „פּערזענלעכקייטן אין פאָלק״, אַרויס־געגעבן פון הספריה הציונית, תשכ״ג.

מיט שאַרפע ווערטער האָט ער זיי אויפגעקלערט, אַז דאָס פּעבל אין וואַרשע איז באַגאַנגען אַ זינד קעגן גאָט און זיין געזאַלבטן מיט דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן צו די אומשולדיקע יידן. ער האָט זיי דערציילט און אויסגערעכנט די דערהויבענע מעלות און גוטע מידות פון אייביקן פאָלק ישראל. „עס איז אַ ליגן" — האָט ער געזאָגט — „וואָס מען רעדט אייך איין, אַז יעדער ייד שלאָפט אויף אַ זאַק געלט. מען רופט מיך אָפט צו זייערע קראַנקע, זע איך די גרויסע אָרעמקייט און נויט אין זייערע וווינונגען, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער. ביי דעם אַלעם האָב איך אין לעבן נישט געזען, אַזאַ שטאַרקע ליבע פון אַרבעטנדיקן, האָרעפּאַשנעם פאָטער, צו זיין קינד און פרוי ווי אין די דאָזיקע אָרעמע געצעלטן".

„2 שעה האָט דער דאָקטאָר געפּרעדיקט און מען האָט געפילט, אַז זיינע ווערטער טרעפן אין ציל. אייניקע פון די פּאַרזאַמלטע קריסטן זענען געוואָרן גערירט ביז טרערן. נאָכן ענדיקן רעדן האָבן אַלע געפּאַטשט בראַוואָ, און אונדזערע חשובע פריינד, דער אַדוואָקאַט יעזשערסקי, דער לערער שאַצקי און נאָך אייניקע יידן, זיינען אַרויף אויף דער בימה און געדאַנקט דעם דאָקטאָר אין נאָמען פון דער יידישער עדה."

און דער קאָרעספּאָנדענט ענדיקט:

„און עס איז גלייך, און ער איז ווערט, אַז זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן צום גוטן אין דער צייטונג."

יידן אין שטאָט זענען אַדאַנק דעם אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק און געזאַמלט געלט פאַר די געליטענע אין די פּאָגראָמירטע שטעט. אין דער „הצפירה" פון 12־טן יוני 1881 איז אָפּגעדרוקט אַ רשימה פון תורמים אין שטאָט. די אַקציע האָבן דורכגעפירט אליעזר בהר"מ נ"י פינקעל און זיין פריינד נתן אביגדור ראָזענבערג. ס"ה איז געזאַמלט געוואָרן 29 רובל.

הרב ר' יהודה־לייב גרויבאַרד ז"ל

הרב ר' יהודה־לייב גרויבאַרד ז"ל, אַ יונגערמאַן פון 27 יאָר, האָט איינגענומען די שטאָט, „וואָס איז געווינט געווען צו גרויסע רבנים", מיט דער ערשטער דרשה, און שנעל געוווּנען מיט זיין תורה, חכמה און חריפות די סימפּאַטיע פון די למדנים און פון די פאָלקס־מענטשן צוגלייך. לויט דער איניציאַטיוו פון הרב ר' יהודה־לייב גרויבאַרד, איז געגרינדעט געוואָרן אין שטאָט אַ ישיבה. די באַוווּסטע מאַקאָווער ישיבה, אונטער דער הנהלה פון ר' נטעלע חילינאָוויטש פון לאָמזשע וועלכער איז געווען אויך ראש הישיבה. העכער 300 תלמידים האָבן געלערנט אין די 3 כיתות פון דער ישיבה — די מערהייט פון דער פרעמד. די ישיבה־בחורים האָבן „געגעסן טעג", דאָס הייסט יעדן טאָג אין וואָך ביי אַן אַנדער פאַמיליע. דינסטיק און פרייטיק זענען געווען מאַרק־טעג אין שטאָט. אַזוי ווי מסחר האָבן ס'רוב געפירט די פרויען, זענען זיי געווען פאַרנומען אין די דאָזיקע 2 טעג, נישט האָבנדיק קיין צייט אָפּצוקאָכן עסן אַפילו פאַר די אייגענע קינדער. האָבן טאַקע די דינסטיקס און די פרייטיקס אויסגעפעלט די ישיבה־בחורים,

וועלכע האָבן געמוזט אויסקומען אין די דאָזיקע צוויי טעג בלויז מיט שוואַרץ ברויט און וואַסער. אָבער זיי האָבן דאָס אָנגענומען ווי נאַטירלעך, ווייל „אַזוי איז דער וועג פון תורה: ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן און וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן" א. אַז. וו. — דאָס האָבן יידן געלערנט, יעדן זומער, אין די שבתים, אין פרקי אבות. איז עס דעריבער געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך.


ספר
חבלים בנעימים
דברי יהודה
פיעטרקוב
СЕФЕРЪ
ХАВОЛИМЪ БАНИМИМЪ
въ Типографія С. ПАНСКАГО

דער רב מיטן ראש הישיבה, ר' נטעלע, האָבן איינגעפירט די שיטת הלימודים פון גמרא מיט תוספות „אויפן אָרט". דאָס הייסט, אָן פלפול. מוסר האָט מען נישט געלערנט, נאָר געהערט איין מאָל אין וואָך, שבת ביי שלוש־סעודות, פון ר' נטעלען. פון דער ישיבה זענען אַרויסגעקומען רבנים, תלמידי חכמים, שרייבער און געלערנטע. זי האָט עקזיסטירט (לעצטנס אונטער דער הנהלה פון ר' שמעון חיים חילינאָוויטש, הי"ד) ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער ערשטער ספר „חבלים בנעימים" פון הרב יהודה־לייב גרויבאַרדס גרויסן חיבור אין 5 בענדער, איז דערשינען בעת זיין זיצן אויפן כס הרבנות אין מאַקאָוו.

אין יאָר תרס"א פאַרלאָזט הרב יהודה־לייב גרויבאַרד אונדזער שטאָט און ווערט מיט גרויס כבוד אויפגענומען אַלס רב און אב"ד אין סטאַשאָוו, קעלצער קרייז. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן באַקאַנט מיטן נאָמען „דער סטאַשאָווער רב".

מאַקאָווער יידן, עלטערע מענטשן, האָבן אַ סך דערציילט וועגן דעם רבס אויפטועו אין די 17 יאָר, אין שטאָט, און האָבן געהאַט טענות צו דער קהילה און דאָזאָרעס, וואָס האָבן געלאָזט אַזאַ גרויסן רב פאַרלאָזן די שטאָט, צוליב — לויט זייערע רייד — אַ פּאָר רובל אַ חודש הוספה.

ער איז נפטר געוואָרן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, ב' מרחשון תרצ"ח (6 אָקטאָבער 1937).

לויט זיין לעצטן ספר „יביע אומר", געשריבן אויך אין יידיש, דערשינען אין יאָר 1936, וועגן אַקטועלע טעמעס, פיל מיט טיפע געדאַנקען און ציטירטע שטעלן פון די גריכישע פילאָזאָפן, קען געזאָגט ווערן אויף הרב יהודה־לייב גרויבאַרד ז"ל דער באַקאַנטער מאמר אין שבת: „תלמידי חכמים, כל זמן שמזקינין חכמה נתוספת בהם". כבוד זיין אָנדענק![19]

די גרויסע שריפה

אין „הצפירה" פון 9־טן אויגוסט 1898 לייענען מיר:

„אַ זייער טרויעריקע בשורה איז אָנגעקומען צו אונדז פון דער שטאָט מאַקאָוו, לאָמזשער גובערניע, פון הרב הגביר ר' מרדכי פינקעל.

„די וואָך, מאָנטיק, האָט גאָטס האַנט געבראַכט אַן אומגליק אויף דער שטאָט, וועלכע איז פאַרברענט געוואָרן פון אַ בראַנדפייער. אין דריי ערטער איז דאָס פייער אויסגעבראָכן אין דערזעלבער מינוט, און אַ שטורעם האָט געטראָגן די פלאַמען, וואָס האָבן אָנגעצונדן אַלץ אַרום, נישט צו פאַרלעשן. צום גרויסן אומגליק איז דער טאָג געווען אַ יום־טוב פאַר דער קריסטלעכער קירכע אין איינעם פון די נאָענטע דערפער, און די גאַנצע קריסטלעכע באַפעלקערונג איז אַוועק אין דעם דאָרף און מיט זיי אויך די פייערלעשער. אין שטאָט זענען געבליבן בלויז די יידישע איינוווינער. דאָס פייער איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז אין פאַרלויף פון מינוטן זענען 6 גאַסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טייכן פון פייער. אונדזערע ברידער זענען געווען הילפסלאָז, און די מענטשן צעטומלט. נישט געראַטעוועט אַפילו זייער פאַרמעגן, קוים געראַטעוועט זייערע נפשות,

[19] אַ גרעסערע ביאָגראַפיע וועגן הרב יהודה־לייב גרויבאַרד ז"ל, געשריבן מיט ליבע און פאַרערונג צום גרויסן נפטר, פון שריפטשטעלער נ. שמן, געפינט זיך אין ספר סטאַשוב, דערשינען אין יאַנואַר 1962, ישראל.

דערצו האָט נאָך געפּעלט וואַסער. מען האָט גאַרנישט געקענט טאָן ביז עס זענען אָנגע־קומען פייערלעשער פון צוויי נאָענטע דערפער. דעמאָלט איז ביסלעכווייז איינגעלאָשן געוואָרן דאָס פייער.

דערווייל זענען אַוועק מיטן פייער איניקע הונדערט ווין־הייזער און דריי טויזנט משפחות זענען געבליבן נאַקעט און בלויז. אָן ברויט און אָן אַ דאַך.

די פייערלעשער האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט, ביז 8 אינדערפרי. געלאָשן די האָלע־וועשקעס, וואָס רויכערן נאָך איצט. דאָס אויסזען פון דער פאַרברענטער שטאָט, די רעשטלעך חורבות און איינגעפאַלענע הייזער, מאַכן נאָך אַ שרעקלעכערן איינדרוק, דער־מאָנענדיק זיך, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק זענען אויף דעם אָרט געזעסן מענטשן געמיטלעך, אויך רייכע, ביי וועמען דאָס רעדל האָט זיך איבערנאַכט איבערגעדרייט און זיי זענען געוואָרן אָרעמעלייט, אביונים, וואָס דאַרפן בעטן אַ נדבה ביי גוטע מענטשן. די דאָזיקע אַלטע שטאָט האָט געשפּייזט אַ ישיבה מיט אירע 300 בחורים, תורה־לערנער, די שטאָט־מענטשן פון חסד זענען אַצינד געוואָרן מענטשן, וואָס בעטן אַליין חסד און דערבאַרעמונג אין טאָג פון צרה און ענגשאַפט. גרויס איז דער בראָך, ווער קען דאָס אויסהאַלטן! עס ווערן געגרינדעט קאָמיטעטן צו שטיצן די געליטענע פון דער שריפה. אויך דער שרייבער פון די שורות איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ חבר פון קאָמיטעט צו נעמען נדבות, וואָס וועלן געשיקט ווערן פאַר אונדזערע אומגליקלעכע ברידער, אין דער צייט ווען דער רב איז נישטאָ אין שטאָט. די הילף איז זייער נייטיק און מען דאַרף זיך צואיילן, עס זאָל קומען אין דער צייט, ווייל דער זומער איז אַדורך און דער ווינטער שטייט אונטער דער וואַנט און די אומגליקלעכע געליטענע פון דער שריפה זענען אויס־געשטעלט אויף פראָסט און קעלט.״

עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די הייזקעס זענען געווען געבויט פון האָלץ, געדעקט מיט שינדל־דעכער, צוגעטוליעט איינס צום צווייטן. די געסלעך — שמאָל, יעדער מינדסטער פייער האָט באַדראָט די גאַנצע שטאָט.

דאָס יאָר פון דער שריפה איז געוואָרן אַ דאַטע, לויט וועלכער יידן האָבן באַצייכנט געשעענישן אין זייער לעבן. מיין מאַמע פלעגט מיר זאָגן: „דו ביסט געבוירן געוואָרן איין יאָר פאַר דער שריפה און די שוועסטער שיינדל איין יאָר נאָך דער שריפה״. אַזוי אויך חתונות און אַנדערע גרעסערע און קלענערע פּאַסירונגען אין דער פאַמיליע און אין שטאָט, פלעגן גערעכנט ווערן לויט די יאָרן פון פאַר אָדער נאָך דער שריפה.

נאָך דער שריפה איז אַרויס אַ געזעץ, אַז יעדעס געבויטע הויז דאַרף האָבן אַ גע־מויערטע ציגל־וואַנט אין דער רעכטער זייט פון דער געבײדע, די אַזוי גערופענע „בראַנד־וואַנט״ אָדער „פייער־וואַנט״.

ביסלעכווייז האָבן יידן אויפגעבויט די פאַרברענטע הייזער, טייל האָבן אויפגעשטעלט שענערע און גרעסערע הייזער ווי פריער, ווער מיט אייגענע כוחות און מיטלען און ווער מיט דער הילף פון קאָמיטעט, אָנגעפירט פון ענערגישן רב, הרב יהודה־לייב גרויבאַרד

ז״ל, און דעמאָלט באַקאַנטן תלמיד־חכם, בעל־צדקה און גביר ר׳ מרדכי פינקעל ז״ל. דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט אַזוי, אַז אין יוני 1903, 5 יאָר נאָך דער שריפה, געפינט זיך אין „הצפירה״ אַ רשימה פון קנאַפּע 100 משפּחות אין שטאָט, וואָס האָבן זיך באַשטייערט מיט גרעסערע און קלענערע סומעס לטובת די געליטענע יידן פון פּאָגראָם אין קישעניאָוו, איינער פון די בלוטיקסטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, וואָס האָט אויפגעטרייסלט יידישע הערצער נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אויף דער גאַנצער וועלט. געזאַמלט איז געוואָרן 76 רובל מיט 80 קאָפּיקעס. פאַראַן שפּענדונגען פון 3 און 2 רובל, 16 מנדבים 1 רובל יעדער. דאָס באַווייזט, אַז אין שטאָט זענען ווידער געווען פאַרמעגלעכע יידן.

אינדוסטריע, מלאכה און האַנדל

יידישע באַאַמטע זענען נישט געווען ביי דער רעגירונג און נישט אין מאַגיסטראַט. קיין גרויס־אינדוסטריע האָט די שטאָט קיינמאָל נישט געהאַט. געווען אַ צוקער־פאַבריק אין אַ גוט פון אַ פּוילישן מאַגנאַט. 9 קילאָמעטער פון שטאָט, וואָס האָט געאַרבעט אין די ווינטער־חדשים, האָבן יידן דאָרט קיין אַרבעט נישט באַקומען, אויסער 1 יידישע פאַמיליע, פאָטער און זין, ספּעציאַליסטן און קופּער (מאָשענזשניקעס). 2 קליינע לעדער־פאַבריקן, אויפגעשטעלט דורך די יידן מאַטעס רייטשיק (מאַטעס גאַרבער) און זלמן אָרליק (זלמן גאַרבער), אין ענדע פון 19־טן יאָרהונדערט, אויסגעאַרבעט מיט די הענט האַרטע און יוכט־לעדער. שפּעטער, טיילווייז זיך מעכאַניזירט, און דערגרייכט צוזאַמען ביז 80 אַרבעטער, מערסטנס פּאָליאַקן. 3 האַנט קאַשע־מילן, 3 קליינע אונטער־נעמונגען צו פּרעסן אויל („אָלעיאַרניעס״), וואָס האָבן געאַרבעט נאָר ווינטער, ווען די פּויערים זענען געקומען מיט די קערנער אויסצופּרעסן פון זיי דעם אייל. 2 האַנט־שפּינערייען צו מאַכן ציצית, אַ פאַבריק פאַר סאָדע־וואַסער און קוואַס, 2 שטריק־מאַכערס און 2 זייף־קאָכער.

בעלי־מלאכות זענען געווען מערסטנס שניידער, מער ווי 50 משפּחות מענער און אויך דאַמען־שניידער, אויסגעאַרבעט ביליקע (טאַנדעט) קליידונג פאַרן דאָרף און פאַר־קויפט אין די מאַרק־טעג און אויף ירידים אין שטאָט און די שכנותדיקע שטעט. די שטאָפן האָבן די שניידער געקויפט ביי גרעסערע סוחרים אין שטאָט, וואָס פלעגן זיי ברענגען פון לאָדזש און וואַרשע. שפּעטער זענען די רייכערע שניידער אַליין געפאָרן ברענגען שטאָפן. שניידער אין שטאָט זענען געווען בלויז יידן. אייניקע שניידער פלעגן אויפקויפן געניצטע אַלטע קליידער, מיינסטנס געבראַכטע פון דייטשלאַנד, זיי איבער־געאַרבעט, אויספאַריכט און פאַרקויפט צו פּויערים. מיר פלעגן זיי טרעפן אָנגעטוענע אין פּרעק מיט געקעסטלטע הויזן, אָדער דריי־פערטלדיקע מאַנטלען מיט לאַנגע שפּאַלטן, ברייטע קלאַפּעס, באַזעצט מיט פיל קעשענעס — גרויסע און קליינע, און נאָך ענלעכע, אויסטערלישע מלבושים, וואָס האָבן געקאָסט ביליק, צוגעפּאַסט צו די מעגלעכקייטן פון אָרעמען פּויער.

שוסטערס, אַן ערך 30 פאַמיליעס, האָבן אויסגעאַרבעט פויערישע שטיוול. דאַמען־שיך פלעגן אויסאַרבעטן פוילישע שוסטערס און פאַרקויפט אין די מערק־טעג און ירידים. געווען אייניקע שוסטער־וואַרשטאַטן, וואָס פלעגן אַרבעטן נאָר אויף באַשטעלונג. היטל־מאכער און קירזשנער, וואָס פלעגן ווינטער פאַרקויפן אויך פעלצן. די היטל־מאַכער, וואָס זענען אויך געווען קירזשנער, פלעגן פאָרן איין מאָל אין יאָר קיין לאָיעוויטש אויפן יאַריד פון אויסגעאַרבעטע פעלכלעך. דאָרט האָבן זיי איינגעקויפט פעלכלעך. טיילמאָל אויך גרייטע פעלצן. דאָס אַלץ גענייט און צוגעגרייט צום ווינטער־סעזאָן. דער פאַרקויף איז פאָרגעקומען אויף די מערק און אין די יאַריד־טעג.

געווען אויך יידן סטאָלאַרעס, בלעכערס, שמידן, וואָס פלעגן אויך מאַכן וועגענער, סטעלמאַכערס, טאָקערס, 1 שלאָסער, מולאַרעס, מאַלערעס, בעקער, קצבים, לעקעך־ און צוקערלעך־מאַכער, זאָטל־מאַכער און געשפאַן פאַר פערד, זייגערמאַכער און גאָלד־שמידן, שערער און ראַזירער, 1 פעלדשער, 1 דענטיסט, שפּעטער 2 דענטיסטן, טיילמאָל אויך אַ יידישער דאָקטאָר, אַן אַקושערקע און 2 גרויסע מאַנגלען מיט רעדער, צו וועש

די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן, אין יענע צייטן — פון פרי ביז נאַכט. דער געזעלן, ס׳רוב אַ בחור (נאָך דער חתונה פלעגט יעדער געזעלן „גיין פאַר זיך״ און ווערן אַ מייסטער), פלעגט עסן ביים בעל־הבית, מיינסטנס ביי דער מאַשין אָדער שוסטער־טישל. די לוינען — קליינע. די מייסטער אַליין — אָרעם. צוליב דער גרויסער קאָנקורענץ אויף די מערק, האָט מען נישט געקענט געבן בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען (זע ביי פּרצן: „אַמאָל איז געווען אַ מלך״). דאָך האָט זיך געהערט געזאַנג, חזנישע „שטיקלעך״, שפּעטער אויך פאָלקס־לידער, פאַרבייגייענדיק אַ שטוב פון אַ שניידער אָדער שוסטער. געטרבעט האָט מען דאָרט, ווו מען האָט געוווינט.

קיין פאַך־שולן זענען אין שטאָט קיינמאָל נישט געווען. ווען אַ ייד, אַן אָרעמאַן, האָט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל ווערן אַ בעל־מלאכה, האָט ער אים געדאַרפט אַוועקגעבן אין עלטער פון 13־14 יאָר אויף דער לער, וואָס האָט געדויערט אייניקע יאָר, אָן שום לוין. דאָס לערן־ייִנגל האָט געדאַרפט פאַרקערן די שטוב, ברענגען וואַסער, האָלץ, הייצן דעם אויוון, האַלטן דאָס קינד ביז די בעל־הביתטע וועט אָפּקאָכן עסן, און סתם פאָלגן אַ גאַנג. שפּעטער האָט מען אים צוגעלאָזט צונייען אַ קנעפּל אין די הויזן אָדער אַריינקלאַפּן אַ פלעקל. נאָך אייניקע יאָרן מוטשען זיך, פלעגט ער דאָך ווי עס איז זיך אויסלערנען די מלאכה, אָנהויבן באַקומען עסן און שפּעטער אויך אַ ביסל געלט. די פאַכן פלעגן איבערגיין פון פאָטער צו קינדער. געווען בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געלאָזט די זין לערנען, געקריגן פאַר זיי „גוטע״ שידוכים. טייל פון זיי זענען געוואָרן סוחרים, טייל זענען אַפילו דערגאַנגען ביז סמיכות אויף רבנות.

סוחרים זענען געווען אין שטאָט אַלערליי. ביז דעם אַנטי־יידישן באָיקאָט אין יאָר 1905 — בלויז יידן. קליינע סוחרים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע קלייטן, האָבן פאַרקויפט זייער סחורה: שטאָפן, גאַלאַנטעריע, אָדער טיכער אויף טישן אָדער בענק

(שטעלן) אין די טעג פון מערק און יאַרידים 2 מאָל אין וואָך, דינסטיק און פרייטיק זענען געווען מאַרק־טעג און יעדן זעקסטן מיטוואָך איז פאָרגעקומען אַ יאַריד (שפּעטער יעדן מיטוואָך נאָכן 1־טן). נאָך שניט און פאַר קריסטלעכע יום־טובים זענען די מאַרק־טעג און יאַרידים געווען גרעסערע. דער גרויסער פיר־עקיקער מאַרק האָט נישט געהאַט גענוג פּלאַץ פאַר אַלע פויערישע וועגענער, ווייל דער גרעסטער טייל פון מאַרק איז געווען פאַרנומען, אין די טעג פון יאַרידים, דורך אָרטיקע סוחרים און בעלי־מלאכות און אויך פון אָנגעקומענע, פון די אַרומיקע שטעט. אַ סך פון די סוחרים און שניידער האָבן אויפגעשטעלט פון פריער צוגעגרייטע בודעס, באַדעקט און פאַרשטעלט די ווענט מיט דיקן פּאַק־לייוונט, און אויסגעלייגט דאָרט זייערע סחורות צום פאַרקויפן.

די גאַסן אַרום מאַרק זענען געווען פול מיט וועגענער פון פויערים, וואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט און נישט געהאַט קיין אָרט ווו אַוועקצושטעלן זייערע פערד און וועגענער אין מאַרק. פּאָליציאַנטן אָדער באַאַמטע פון מאַגיסטראַט, האָבן געהאַלטן אָרדענונג ביים איינשטעלן די וועגענער, ליקווידירט קריגערייען, טיילמאָל אויך געשלעגן, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן די אָנגעקומענע פון דער פרעמד סוחרים און בעלי־מלאכות, צוליב אַ פּלאַץ פאַר די בודעס אָדער שטעלן פאַר די סחורות.

יידן, תבואה־סוחרים, האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די פּויערישע וועגענער, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען אָפענע זעק קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער און אַנדערע תבואות. מיינסטנס — קאָרן. באַקוקט די תבואה, זיך באַדינגען מיטן פּויער, אויב געקויפט — געגעבן אַ טייל געלט און געהייסן ברענגען די תבואה פאַרנאַכט צום שפּייכלער. דאָרט איבערגעוויגן, באַרעכנט און באַצאָלט. געווען פאַלן, ווען אומבאַקאַנטע פּויערים האָבן גענומען פון איינעם האַנט־געלט, פאַרקויפט די תבואה אַן אַנדערן און... אַנטלאָפן. קלענערע תבואה־סוחרים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע שפּייכלערס, פלעגן קויפן און באַלד פאַרקויפן די סחורה גרעסערע סוחרים, אָדער דעם אייגנטימער פון דער גרויסער דאַמף־מיל, ר׳ בצלאל ווילענבערג, גענומען דאָס געלט און ווידער געלאָפן אין מאַרק אַריין. געווען יידן, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט צו קויפן אַפילו אַ זעקל תבואה. זיי האָבן פאַרן יאַריד באַקומען געלט ביי די גרעסערע סוחרים, כדי איינצוקויפן פאַר זיי.

צום יאַריד זענען געקומען בעטלערס, קאַליקעס, געזעסן אויף די טראָטואַרן, געזונגען — באַגלייט פון אַלטע, הייזעריקע אַקאָרדיאָנען — איינטאָניקע קירכן־לידער. ביים געבן אַ נדבה האָט מען זיי איינגערוימט עפּעס אין אויער און די בעטלער האָבן געפּרעפּלט אַ תפילה, זיך אָפּגעצלמט, און ווייטער געזונגען און געשפּילט.

צום יאַריד זענען אויך געקומען קאַטערינטשיקעס — אויסטערלישע, פון זון אָפּגעברענטע פאַרשוינען, ס׳רוב יידן. אויף דער קאַטאַרינקע, וועלכע איז געשטאַנען אויף איין פוס, האָבן זיי „אויסגעדרייט" אַלטע רוסישע נגונים. אינדערהויך, אין אַ שטייגל — אַ קליינער פּאַפּוגיי. זיי האָבן געקענט אַרויסציען פון אַ קעסטעלע קליינע, ווייסע, קאָנווערטלעך, אין וועלכע עס זענען געלעגן ביליקע רינגלעך, אויערינגלעך, בראָשקעס

א. ד. גל. די פויערטעס, מיינסטנס יונגע, האָבן באַצאָלט, אויסגעהערט דאָס שפּילן און געפרייט זיך מיט דעם, וואָס דער פּאַפּוגיי אָדער דאָס מייזעלע האָט עפּעס אַרויסגעצויגן.

צום יאַריד זענען אויך געקומען אַלערליי גנבים — קעשענע־גנבים, גנבים פון סחורות און סתם שווינדלער, וואָס האָבן אָפּגענאַרט נאַיווע פויערים און אויך יידן.

ווען אַ מאַרק־טאָג אָדער יאַריד איז אויסגעפאַלן אין אַ יידישן יום־טוב, פלעגט דער מאַרק און דער יאַריד נישט פאָרקומען. די פויערים האָבן שוין געוווּסט נישט צו קומען אין שטאָט אַריין, ווען אין אַ דינסטיק אָדער פרייטיק איז אויסגעפאַלן אַ יידישער יום־טוב. אויב אַ יאַריד האָט געדאַרפט אויספאַלן מיטוואָך, אין אַ יידישן יום־טוב, איז ער אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ וואָך שפּעטער. דער מאַגיסטראַט־פויקער, מיט דער גרויסער פויק, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין די עקן פון מאַרק און גאַסן, אין די צוויי מאַרק־טעג פאַרן יאַריד, און זונטיק, ווען די פויערים זענען אַרויס פון דער קירכע, געפּויקט שטאַרק און הויך, ביז עס זענען זיך צונויפגעקומען אַ סך מענטשן. דאַן האָט ער הויך, אויפן קול, אויסגעשריען, אַז דער יאַריד ווערט אָפּגעלייגט צוליב דעם יידישן יום־טוב.

געווען פאַלן, ווען איינצלנע פויערים פון ווייט האָבן דערפון נישט געוווּסט און געקומען מיטן וואָגן תבואה אָדער האָלץ צום מאַרק אָדער יאַריד אין אַ טאָג פון יידישן יום־טוב. אַזאַ פויער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, ווען ער איז געקומען אין מאַרק און געטראָפן אַלע קלייטן, אויסער די פוילישע קיילער־קלייטן און בראָנפן־מאָנאָפּאָלן, געשלאָסן. אויפן מאַרק — שטיל, מען זעט כמעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען. „איז היינט דינסטיק, אָדער מיטוואָך?" — האָט ער פאַרחידושט געפרעגט — „וואָס איז מיטן מאַרק, מיטן יאַריד?" סיי פּאָליאַקן און סיי יידן פלעגן זיך פריילעך מאַכן איבער דעם צעטומלטן פויער. ער פלעגט מוזן פאַרקויפן ביליק זיינע פּראָדוקטן צו פּאָליאַקן, אָדער זיי אַהיימפירן צוריק, ווי ער איז מיט זיי געקומען.

צוויי עפּיזאָדן פון יענער צייט קען איך נישט פאַרגעסן. זיי דאַרפן פאַרשריבן ווערן לדורות, כדי צו געדענקען די גייסטיקע גבורה פון יענע פרומע יידן, וואָס מען האָט דאָס נישט געזען ביי קיין שום אומה ולשון.

דער קורצער פרייטיק פאַלט אויס אין פוילן פאַר די קריסטלעכע ווייַנאַכטן און ניי־יאָר. אין שטאָט האָבן זיך געשטעלט, אין די פרייטיקן גרויסע מערק, ווי יאַרידן. דער טאָג — אַ קורצער. 8 אין דער פרי ווערט ליכטיק. ביז די פויערים קומען אין מאַרק, פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און גייען אין שענק אָדער טיי־הויז עסן און טרינקען, איז שוין נאָך האַלבן טאָג. עס פילן זיך אָן די קלייטן מיט פויערים און פויערטעס צו קויפן וואָס זיי דאַרפן. די שוסטער און שניידער און די טישן פון די פאַרשיידענע קליינע סוחרים אין מאַרק זענען אַרומגערינגלט פון דאָרפישע קונים. עס איז אוממעגלעך אַלעמען פאַר אַמאָל צו ענטפערן און פאַרקויפן. און אָט באַווייזן זיך, אַרום 3 נאָכמיטאָג, אין מאַרק

דער דיין מיט צוויי יידן, אָנגעטאָן שבתדיק אין רופן יידן צו פאַרמאַכן די קלייטן און די מאַרק־סוחרים זאָלן איינפּאַקן די סחורה און מאַכן שבת. די קרעמער האָבן אין איילע־ניש צוגעמאַכט די טירן און אַרויסגעטריבן די דאָרפישע קונים, וואָס האָבן געבעטן מען זאָל זיי פאַרקויפן די נויטיקע אַרטיקלען. די מאַרק־שטייער האָבן אַריינגעוואָרפן די סחורות אין קאַסטנס און שנעל זיי אַהיימגעפירט אויף קליינע שליטנס. שניידער־געזעלן האָבן געכאַפּט פעקלעך הויזן און קורטקעס אויף די פּלייצעס אין שנעל געלאָפן איבערן צעטראָטענעם שניי, אַהיים. נאָך זיי — די בעלי־בתים מיט די שטעלן; די שוסטערס האָבן געלאָזט די קונים, גענומען די געשטעלן צוזאַמען מיט די שטיוול, וואָס זענען געהאָנגען אויף זיי — און געלאָפן אַהיים.

מיר האָבן געהאַט אַ קלייט פון דאַמען־שטאָפן און טיכער. מיין מאַמע, פּערל, הי״ד, איז געווען אַן אַלמנה מיט 5 קליינע קינדער. דער טאַטע, יחיאל־אַלטער ז״ל, איז אַוועק פון דער וועלט אין עלטער פון 36 יאָר. איך בין געווען דער עלטסטער אין שטוב. געדענק איך אַמאָל, אַזאַ פרייטיק פאַרנאַכט. אין קלייט זענען שוין נישט געווען קיין סך קונים. איך האָב צוגעמאַכט איין טיר פון געשעפט, געוואָלט שנעל פאַרקויפן די סחורה און צומאַכן די קלייט. די מאַמע איז אַריין אין שטוב צוגרייטן די ליכט צום בענטשן. זי איז באַלד אַרויסגעקומען און צו מיר געזאָגט: „אום גאָטעס ווילן, יעקב־משה, וואָס טוסטו? שיק אַוועק אַלעמען, מאַך צו די קלייט, איך דאַרף שוין בענטשן ליכט״. און אַזוי האָב איך, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, געמוזט טאָן. די צענדליקער רובלס, וואָס מיר, אַזוי ווי אַנדערע סוחרים, האָבן נאָך געקענט לייזן ביז נאכט, וואָלטן אונדז גוט צונוץ געקומען. חוץ אויף פּרנסה, אויך צו צאָלן אַ וועקסל באַלד נאָך שבת און נישט דאַרפן גיין אין באַנק, בעטן צווואַרטן נאָך אַ טאָג און נישט מאַכן קיין פּראָטעסט. אָבער אַז ס׳איז שוין 5 מינוט פאַר ליכט־בענטשן, דאַרפן די קלייטן פאַרמאַכט ווערן און דער מאַרק — אויסגעליידיקט פון סוחרים. יידן מאַכן שבת — שבת פאַר יעדן פּרייז.

מיטוואָך, ערב יום־כּפור. אין שטאָט איז אַ יאַריד. סוחרים און בעלי־מלאכות פון ווייטערע מקומות זענען דאָס מאָל צום יאַריד נישט געקומען. מען קען נישט באַוויזן צוריקקערן אַהיים צו דער סעודה המפסקת. אָבער פון די נעענטערע שטעט און שטעטלעך, צו וועלכע מען קען אָנקומען אין פאַרלויף פון דריטהאַלבן שעה, זענען סוחרים יאָ געקומען, אויפגעשטעלט די שטעלן, אויסגעלייגט און אויסגעהאָנגען די סחורות — מלבושים און שטיוול. די צייט: סוף זומער, נאָכן שניידן און דרעשן. די פּויערים פאַרקויפן שוין נייע תבואה. די פּויערטעס — יונגע עופות, אייער, קעז און פּוטער און גייען אַרום באַטראַכטן, מעסטן־אָן, דינגען זיך אויפן פּרייז. דער סוחר מיטן פּויער פּאַטשן זיך אין די הענט, ביז מען ווערט מושווה מיטן פּרייז. אין מאַרק — אַ גערויש, אַ געטומל. אין סאַמע מיטן פון דאָזיקן טומל, אַרום 3 אַזייגער נאָך מיטאָג, האָבן די פרעמדע סוחרים אָנגעהויבן אין איילעניש, איינפּאַקן זייערע סחורות — די מלבושים, די שטיוול — אין די וועגענער אַריין. פּויערים, וואָס האָבן זיך פריער געדונגען און אַוועק זוכן ערגעץ־

ווי ביליקער, האָבן שוין אַצינד געוואָלט קויפן די מאַנטלען אָדער שטיוול פאַרן פריערדיקן פרייז. מ'האָט דאָך שוין פריער אַלץ אָנגעמאָסטן. מ'האָט נאָר געפרווט עפּעס אַראָפּ־דינגען פון פרייז. די פויערים האָבן אָבער נישט אויסגערעכנט אויף דעם, אַז די יידן וועלן פלוצלינג כאַפּן האַק און פּאַק — און אַנטלויפן. און ווי אַזוי קענען יידן נישט אַנטלויפן, אַז היינט איז ערב יום־כפּור. מ'מוז דאָך קומען באַצייטנס צו מנחה. די פויערים, וואָס האָבן צוגעזען די איילעניש פון די יידן, דאָס פּאַקן די סחורות און דאָס אַנטלויפן אין מיטן העלן טאָג, האָבן זיך איבערגעשראָקן, געמיינט ווער ווייסט וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָבן זיי אויך געכאַפּט זייערע פערד און וואָגן און אַנטלאָפן אַהיים.

אַזוי האָבן זיך נוהג געווען אונדזערע טאַטעס און זיידעס. די, וואָס די נאַציס ימ״ש האָבן אַזוי אכזריותדיק אויסגעראָטן, כדי מיט זייער בלוט אויפצובויען אַ „טויזנט־יאָריקן רייך" פאַר דער „העכערער אַרישער ראַסע".

ייד און פויער

די באַציאונגען צווישן ייד און קריסטלעכן פויער אין אונדזער געגנט זענען געווען געמיטלעכע, פריינדלעכע, זינט דער באַפרייאונג פון די פויערים אין פוילן, ביז דעם אויפשטייג פון נאַציזם. יידן זענען געגאַנגען איבער דערפער, אויפגעקויפט ביי די פויערים פאַרשידענע אַרטיקלען. אַנדערע האָבן געטראָגן פּעק שטאָפן און גאַלאַנטעריע, געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, פאַרקויפט, אַמאָל אויך געקויפט ביי די פויערים. אין די גרעסערע דערפער אַרום מאַקאָוו האָבן געוווינט יידן. אין טייל — אייניקע משפּחות. זיי האָבן דאָרט געהאַט קלייטן. אַנדערע זענען געווען „פּאַקטערס", וואָס האָבן אָפּגעקויפט ביים פּריץ און ביי די פויערים די מילך און געפירט אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן, געמאַכט קעז און פּוטער. דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז פרומע יידן האָבן, צוליב כשרות, נישט געקויפט קיין מילך, פּוטער און קעז ביי נישט־יידן. זיי האָבן די אַרטיקלען יאָ געקויפט ביים יידישן „פּאַקטער", וואָס איז אָנוועזנד געווען ביים מעלקן די קי און אַכטונג געגעבן עס זאָל זיין כשר. צוליב דעם, איז דער מילך־ייד געווען נויטיק דעם פּריץ און פויער נישט ווייניקער ווי דעם שטאָטישן ייד. געווען אין שטאָט אַ ספּעציעלער דאָרף־שוחט, וואָס פלעגט אין פאַרלויף פון דער וואָך פאָרן, אָדער גיין פון דאָרף צו דאָרף, ווו יידן האָבן געוווינט, שעכטן פאַר זיי עופות און אַמאָל אויך אַ בהמה אויף שבת אָדער יום־טוב. אויף ראש־השנה און יום־כפּור זענען די דאָרפס־יידן געקומען מיט די משפּחות אין שטאָט. די גרעסערע דערפער, וואָס זענען געלעגן נישט ווייט איינער פון צווייטן, האָבן אַליין איינגעאָרדנט אַ מנין, געבערענגט אַ בעל־תּפילה פון שטאָט אויף ראש־השנה, און אים מיטגעגעבן אַהיים פון כל־טוב פאַר ווייב און קינדער. כדי מען זאָל מעגן שבת קומען צום מנין און גיין צוריק נאָכן דאַוונען, האָבן די יידן געמאַכט אַן ערוב־תּחומים. אָפט איז דאָס געמאַכט געוואָרן לויט דער אָנווייזונג פון חזן. ערב יום־כפּור האָבן זיי געגעסן צוזאַמען די סעודה המפסקת, און אויך נאָכן תּענית — אין הויז פון דאָרפס־ייד, ווו מען האָט געדאַוונט און נישט אַהיימגעגאַנגען ביז מוצאי יום־כפּור.

געווען אייניקע פאַמיליעס, גערופן האָט מען זיי „די קרעמערס״, וואָס ברידער אָדער פאָטער און זין זענען אַרומגעפאָרן, מיט פערד און וועגעלע, אין די נאָנטע דערפער פאַרקויפן שטאָפן, טיכער, וועש און אַנדערע אַרטיקלען. אַרויספאָרן פון דער היים פלעגן זיי זונטיק און צוריקגעקומען דאָנערשטיק פאַרנאַכט, זומער און ווינטער. זיי האָבן גענעכטיקט ביי די פויערים און ביי זיי געגעסן. די פויערטעס האָבן געווּסט וואָס דער „סטאַרי זאַקאָנני״ מעג און וואָס ער טאָר נישט עסן; געוווּסט זיך פרעגן אין דער פרי, צי האָט ער זיך שוין געמאָדליעט (געדאַוונט). אַלע זענען זיי געווען פרומע יידן און נישט איינמאָל געדאַוונט אין דער פרי מיט טלית און תפילין אין הויז אָדער שייער פון פויער. און ווען די זעלבע פויערים זענען געקומען אין שטאָט, פלעגן זיי האָבן זייער אכסניה — מיט די פעק און זעק — ביי די „קרעמערס״ אין הויז. ווייניק פאַלן געווען, ביז די לעצטע צייטן, מען זאָל יידן אין די שכנותדיקע דערפער באַליידיקן אָדער שלעכטס טאָן. בלויז איין טרויעריקער פאַל איז געווען אין יענער צייט, ווען אַ ייד, אַ דאָרפסגייער, ראָבעק האָט ער געהייסן, איז אַרויס אין דאָרף האַנדלען און איז מער נישט צוריקגעקומען. די רוסישע פאָליציי און זשאַנדאַרן האָבן געזוכט און געפאָרשט, און עד היום ווייסט מען נישט ווו דער ייד איז פאַרשוווּנדן. ער האָט איבערגעלאָזט קינדער און אַ יונגע עגונה, וואָס האָט קיינמאָל נישט געטאָרט חתונה האָבן.

טראַנספּאָרט

די שטאָט האָט זיך געפונען 35 קילאָמעטער פון אַ באַן־סטאַציע, און ווייניק זענען אין יענע צייטן געווען געפלאַסטערטע וועגן. די טראַנספּאָרט־מיטלען זענען געווען — בוידן, געשפּאַנט צו 2 פערד. אַזוי איז מען געפאָרן אין די ווייטערע שטעט, ווי אין דער גובערניע־שטאָט פלאָצק, שפּעטער לאָמזשע אָדער קיין וואַרשע. דאַקעגן אין די נאָענטע שטעטלעך איז די קאָמוניקאַציע געווען מיט פערד און וועגעלעך, דערנאָך מיט דראָזשקעס (בריטשקעס). בעלי־עגלות פון די דאָזיקע טראַנספּאָרט־מיטלען זענען געווען נאָר יידן. ווען אָבער זיי האָבן באַשעפטיקט פּאָליאַקן, שמייסער, האָבן די דאָזיקע גערעדט יידיש, אַזוי ווי יידן. די פּיאָנערן פון טראַנספּאָרט־וועזן מאַקאָוו—וואַרשע זענען געווען די חונאָוויטשעס. חנא חונאָוויטש און שפּעטער זיינע זין — פיינע, ערלעכע יידן. נאָכדעם איז צוגעקומען אויף דער ליניע נאָך אַ פאַמיליע: נאָטקע קאַשטאַן, אַ טיפּישער בעל־עגלה, אַ מין שלום עליכמס טוביה, וואָס פלעגט שיטן מיט פּסוקים און מאמרי חז״ל. צוויי אייניקלעך פון חנא כונאָוויטש זענען היינט רבנים אין אַמעריקע. אַן אַנדער בעל־עגלה, אברהם וואָנסקאָלאַסער, וואָס האָט געהאַט אַ דראָזשקע צום פאַרדינגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ נאָענטער קרוב (אַ פעטער) פון די באַזיצער פון דער באַוווּסטער פילם־קאָמפּאַניע „וואַרנער בראָדערס״. זיי שטאַמען פון פולטוסק. קינדער פון אברהם וואָנסקאָלאַסערס אַ ברודער, געוווינט אין פולטוסק.

קיין וואַרשע, אַ מהלך פון 85 קילאָמעטער, פלעגט מען פאָרן אין די בוידן פון

16 ביז 18 שעה אָפּשטעלנדיק זיך אין יעדער שטאָט פּאַשען די פערד. ווינטער, נאָכן פֿאַלן פֿון אַ סך שניי, איז די נסיעה פֿאָרגעקומען אויך אין בוידן, אָבער אויף שליטנס. אין די בוידן, קיין וואַרשע, האָט מען געפֿירט, אויסער פּאַסאַזשירן, אויך קעלבער, שטייגן עופות, רויע פֿעל און אַנדערע מאַטעריאַלן. פּראַכט־וועגענער, געשפּאַנט אין 3, טיילמאָל 4 פערד, האָבן געפֿירט קיין וואַרשע לאַדונג, ווי: אויסגעאַרבעטע לעדער, מעל פֿון וואַסער־מילן א. ד. גל. און פֿון וואַרשע געבראַכט סחורות, וואָס יידן, סוחרים, האָבן איינגעקויפט. שפּעטער האָבן די בעלי־עגלות איינגעפֿירט אָמניבוסן, געשפּאַנט אין 4 פערד, צו פֿאָרן קיין וואַרשע. די בוידן, פּראַכטוועגענער און אָמניבוסן זענען געשטאַנען אויף אַ גרויסן הויף, אויף באָניפּראַטן נומער 17. דאָרט זענען געשטאַנען וועגענער פֿון נאָך אייניקע שטעט. אין דעם הויף זענען פֿאַרקויפט געוואָרן די עופות און אייער וואָס די הענדלער, מיינסטנס הענדלערקעס, האָבן געבראַכט פֿון דער פּראָווינץ. אין די פֿרי־מאָרגן־שעהן איז דאָרט שטענדיק געווען אַ גערויש און געפּילדער. דאָס שילכל איז תמיד געווען פֿול מיט יידן, וואָס זענען געקומען קיין וואַרשע מאַכן קניות און באַלד אין דער פֿרי זיך אַריינגעכאַפּט, קודם כל, אָפּדאַווענען. אין דאָזיקן הויף האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין גנבים, די באַוווסטע וואַרשעווער „מאַראַוויכער", וואָס פֿלעגן לקחענען וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

„שקאָלעס" און חדרים

„שקאָלעס" — אַ סלאַוויש וואָרט אַריינגענומען אין פּוילישן יידיש, וואָס מיינט ביי יידן רעגירונגס־שולן, ווו מען לערנט די לאַנד־שפּראַך און וועלטלעכע לימודים. פֿרומע יידן האָבן מורא געהאַט פֿאַר „שקאָלעס" און גימנאַזיעס, פֿון וואַנען עס קומען אַרויס משכּילים, וואָס אַנטלויפֿן פֿון יידישקייט און פֿרומקייט, ווערן אַפּיקורסים, אויב נישט נאָך ערגער, ווי עס איז געשען מיט דער יידישער יוגנט אין מערב־אייראָפּע און אין צענטראַל־ און דרום־רוסלאַנד. ווען עס איז דערשינען, אין יאָר תרנ"ד, ביאַליקס ליד „על סף בית המדרש", ווו דער דיכטער גיסט־אויס זיין האַרץ אויפֿן פֿאַרוויסטן בית־המדרש, אויף דעם אָרון אָן תורה, זענען נאָך בחורים געזעסן ביי אונדז אין בית המדרש און אין חסידים־שטיבלעך און געשמאַק געלערנט.

נאָכן לעצטן, דורכגעפֿאַלענעם, פּוילישן אויפֿשטאַנד, זענען אין שטאָט געעפֿנט געוואָרן 2 רוסישע עלעמענטאַר־שולן, איינע פֿאַר קריסטלעכע קינדער, די אַנדערע פֿאַר יידישע קינדער, מיטן זעלבן אָרעמען פּראָגראַם, וואָס זענען שבת געווען געשלאָסן. די שולן האָבן געהאַט 4 קלאַסן: אַ צוגרייטונגס־קלאַס און ערשטע צווייטע און דריטע. דער פּעדאַגאָגישער ניוואָ פֿון די שולן איז געווען אַ נידעריקער. די שולע האָט געהאַט בלויז 2 צימערן, 2 קלאַסן אין יעדן צימער, נאָר 1 לערער. מיט די שילער פֿון דריטן קלאַס האָט מען זיך באַנוצט צו לערנען אין די נידעריקערע קלאַסן. אין דער שולע פֿאַר יידישע קינדער האָט געאַרבעט אַ יידישער לערער, וואָס האָט געדאַרפֿט, אין די

ערשטע יאָרן, גיין איבער יידישע הייזער, בעטן צו שיקן די קינדער אין שולע. פרומע יידן, ווי געזאָגט, האָבן מורא געהאַט צו שיקן די קינדער אין „שקאָלע" זיי זאָלן נישט „קאַליע ווערן". האָבן באַזוכט די שולע קליינע גרופּעס מיידלעך און ייִנגלעך, בלויז פון איינצלנע פאַמיליעס, איבערהויפּט קינדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אין חדר אַריין, אָדער סתם קינדער, שווערע קעפּ צום לערנען. און פּאַר אַ בעל־מלאכה האָט נישט געפּאַסט זיי אַוועקצוגעבן. פון דער שולע זענען אַרויסגעקומען די גרינדער פון ביבליאָטעקן און אָנפירער פון די ערשטע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט.

אַלע יידישע קינדער — אָרעם און רייך — האָבן געלערנט אין „חדר", אָנהויבנדיק פון 4 יאָריקן עלטער. די, וואָס האָבן נישט געקענט צאָלן שכר־לימוד, האָבן געשיקט די קינדער אין תלמוד־תורה. געווען אויך דרדקי־מלמדים, וואָס האָבן געלערנט עברי און דאַווענען; חומש און רש"י־מלמדים און גמרא־מלמדים, פון אַ האַלבן עמוד גמרא אַ וואָך ביז מלמדים פון גמרא מיט תוספות. די סדרה פון דער וואָך האָט מען נאָר געלערנט אין „חדר". ווייניקסטנס מעביר־סדרה געווען יעדן פרייטיק. מ'האָט אויך געלערנט נביאים און כתובים. זעלטן האָט געטראָפן, אַז יידן לומדים זאָלן וויסן דורכצולייענען קאָרעקט אַ ציטירטן פּסוק פון תנ"ך און תלמוד. פון חדר איז מען אַריבער לערנען אין ישיבה, אין בית־המדרש, אָדער לערנען אַ פאַך נאָכן ווערן אַ בר־מצוה. דער בית־המדרש איז פול געווען מיט לערנער. מען האָט געדאַרפט קומען פרי, כדי צו



כיתת בית הספר העממי במאקוב, בשנת 1924

אַ קלאַס פון דער פאָלקס־שולע אין מאַקאָוו, אין יאָר 1924

האָבן אַן אָרט צום זיצן, אַז נישט האָט מען געמוזט שטיין ביים שטענדער און לערנען. מען קען נישט זאָגן אַז אַלע בחורים האָבן געלערנט תורה לשמה, געוועז אַזעלכע וואָס האָבן געוווסט, אַז אויב זיי וועלן קענען גוט לערנען, האָבן זיי שאַנסן צו קריגן אַ כלה מיט אַ רייכן שווער, אַ גוטן נדן און לאַנגע יאָרן קעסט. יעדער ייד האָט געשטרעבט צו קריגן פאַר זיין טאָכטער אַ בחור, אַ בן־תורה. שוין אין די שפּעטערע יאָרן, ווען לומדות האָט פאַרלוירן זיין אַמאָליקע חשיבות, פלעגן כלה־מיידלעך אַפילו געלערנטע, זיך רימען פאַר זייערע חברטעס : „מיין חתן איז אַן אינטעליגענט און תלמודיסט".

מיידלעך זענען ביי אונדז נישט געגאַנגען אין „חדר". ספּעציעלע רביצינס האָבן זיי געלערנט „זאָגן עברי" און לייענען אין טייטש־חומש. אַ מיידל, וואָס האָט געקענט דאַוונען און אָנשרייבן אַ יידיש־דייטשמערישן בריוו מיט אַ רוסישן אַדרעס, האָט אין יענע צייטן געהייסן אַ וויל־געלערנטע. יעדער ייד אין שטאָט האָט געקענט דאַוונען, און די מערהייט — אָנשרייבן אַ יידיש בריוול. נישט אַלע האָבן געקענט אָנשרייבן אַ רוסישן אַדרעס. יידן האָבן אויך געקענט רעכענען, אַמווייניקסטן חבור, חסור און כפל. חסידים און פרומע יידן, „מורדי אור", וואָס זאָלן אַלע זיין שווינדלעס, צבועקעס און רשעים ווי זיי ווערן געשילדערט פון אַ טייל השכלה־ שרייבער, אָדער סתם טפשים און שוטים, ווי די יידן אין מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי", זענען על כל פּנים ביי אונדז אין מאַקאָוו נישט געווען און אַוודאי נישט קיין רבנים, ווי אין פּרצעס „שטריימל". אונטערן שטריימל פון רוב מאַקאָווער רבנים זענען געווען קלוגע קעפּ מיט שאַרפע מוחות, באַהאַוונט אויך אין הויות העולם. די לעצטע צוויי רבנים אין שטאָט, הרב מרדכי־דב איידעלבערג און הרב יצחק צבי אַדעלבערג, הי"ד, זענען געווען גרויסע תלמידי־חכמים און אויך געהאַט מיטל־בילדונג, געקענט שפּראַכן און עפּנטלעך אַרויס־געטרעטן פאַר שטודירנדער יוגנט און נישט־יידן, מיט רעדעס אין אַ קאָרעקטן פּויליש.

אַוודאי זענען געווען פרומע יידן, קנאים, וואָס האָבן שטאַרק געקעמפט פאַר פרומקייט און לעבנס־שטייגער לויטן שולחן־ערוך, איז עס אָבער געווען נישט צוליב אייגננוצן, איינפלוס אָדער כבוד, נאָר צוליב זייער פעסטן גלויבן, אַז נאָר דער דאָזיקער וועג איז גוט פאַר יידן און פאַרן קיום האומה. אוי, ווו נעמט מען יענע תמימותדיקע, אָרנטלעכע, כשרע יידן, מיט זייערע ערלעכע, צניעותדיקע טעכטער און זין ?

נייע צייטן

די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה פון די יאָרן 1904 און 1905, הגם זי איז פאָרגעקומען טויזנטער קילאָמעטער ווייט, האָט געבראַכט פּראָספּעריטי אין שטאָט. די פּויערים פון דאָרף האָבן גוט פאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן. שוסטער, שניידער און אַנדערע בעלי־מלאכות האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט. די צוויי לעדער־פאַבריקן האָבן פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע און באַשעפטיקט מער ווי 80 אַרבעטער — יידן און פּאָליאַקן. אָבער די לאַגע פון די אַרבעטער און געזעלן האָט זיך כמעט נישט פאַרבעסערט. אַרבעטנדיק 12—14 שעה אַ טאָג, האָט, למשל, אַ לעדער־אַרבעטער פאַרדינט קוים אויף אַן אָרעם לעבן.

דער אַרבעטער איז געווען אויסגעשטעלט אויפֿן חסד פון אַרבעטס־געבער, דעם בעל־הבית. די רוסישע רעגירונג האָט נישט דערלויבט די אַרבעטער זיך אָרגאַניזירן אָדער צו שטרייקן. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון יענער צייט אין רוסלאַנד, און די שטרייקן פון די אַרבעטער האָבן דערגרייכט אויך אונדזער שטאָט. פון איין זייט האָבן זיך אָרגאַניזירט די בירגערלעכע פּאַרטייען, אַנגעטאָן 4־קאַנטיקע נאַציאָנאַלע היטלען און געגרייט זיך צו אַן אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד. פון דער צווייטער זייט, די אַרבעטער — צו שטרייקן, כדי צו פֿאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע. די ערשטע זענען אַרויס אין שטרייק די לעדער־אַרבעטער, אָנגעפירט פונעם אַרבעטער אברהם באַומגאַרטן. באַלד האָבן אויך געשטרייקט די שוסטער־ און שניידער־אַרבעטער, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט פון אהרון גוטמאַן, פּסעוודאָנים „קאָפּ", יעקב גערליץ, לייבל ביילים און דער פּריוואַטער לערער הערשל כץ. די אַרויסגעשטעלטע פֿאָדערונגען: העכערער געהאַלט, קירצערער, 10־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג, און לערן־ייִנגלעך זאָלן נישט באַשעפטיקט ווערן ביי הויז־אַרבעט.

די געהיימע און קאָנספּיראַטיווע פֿאַרזאַמלונגען זענען פֿאָרגעקומען אין קליינע גרופּעס אין נאָענטן וואַלד. אין שטאָט זענען געווען דריי רוסישע פּאָליציאַנטן צו היטן די אָרדענונג און צוויי זשאַנדאַרן צו אונטערדריקן יעדע נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע באַוועגונג. ווען די נאַציאָנאַלע אויפשטאַנד־באַוועגונג און שטרייקן האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט האָבן די זשאַנדאַרן אַרויסגערופן 10 קאָזאַקן און צוזאַמען אָנגעהויבן מאַכן „אָרדענונג". זיי האָבן אַרעסטירט דעם אָנפירער פון די אויפשטענדלער, דעם גוט־באַזיצער פּאָדטשאַסקי. אַ קאַמפּס־גרופּע האָט זיך אַריינגעריסן אין אַרעסט־הויז, אַרויסגענומען דעם אַרעסטירטן און אים באַהאַלטן אין דער אַפּטייק. אַ גרעסערע גרופּע פּאָליאַקן מיט די פייערלעשער און זייער אָרקעסטער, מיט דער פּוילישער נאַציאָנאַלער פאָן, איז אַרויס אין אַ דעמאָנסטראַציע אין מאַרק. עס זענען אָנגעקומען די קאָזאַקן אויף זייערע פערד, געשאָסן אין דער לופט. אין שטאָט איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. די געשעפטן האָט מען געשלאָסן, און אַלע זענען זיך צעלאָפן. עס זענען פֿאָרגעקומען אַרעסטן. אויך אברהם באומגאַרטען איז אַרעסטירט געוואָרן און פֿאַרשיקט מיט נאָך פּאָליאַקן קיין סיביר. פון דאָרט איז ער אַנטלאָפן קיין פּאַריז. די נאַציאָנאַלע, פּוילישע אויפשטאַנד־באַוועגונג איז אונטערדריקט געוואָרן און די שטרייקן געבראָכן דורך טעראָר און „נאַגייקעס" פון די קאָזאַקן. דאָך איז פֿאַרבעסערט געוואָרן, צו ביסלעך, די לאַגע פון אַרבעטער אין שטאָט. די פֿאַרבעסערונג האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ קליינער לוין־העכערונג און סיי אין אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג.

די רעוואָלוציע און שטרייקן פון יאָר 1905, די ציוניסטישע קאָנגרעסן, די פֿאַרשפּרייטונג פון פּאָליטישן ציוניזם צווישן יידן אין פּוילן און דער טויט פון ד"ר טעאָדאָר הערצל, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע יידישע וועלט, האָבן אָנגעהויבן ווירקן צווישן די בית־המדרש־לערנער און ישיבה־בחורים אין שטאָט.

מאַקאָוו, טראָץ דעם, וואָס זי איז געווען באַקאַנט ווי אַ שטאָט פון חסידים און פרומע יידן, האָט שטענדיק געהאַט אַ קליינע צאָל משכילים, אָפענע און באַהאַלטענע, משכילים פון טיפּ ווי ר׳ יוסף ראָזענטאַל, געבוירן אין יאָר 1811, נחום סאָקאָלאָווס אַן עלטערער חבר. ר׳ מרדכי פינקעל, געבוירן אין 1833, וועמענס פיין־געשריבענע קאָרעספּאָנדענצן פון שטאָט, זענען אין די 80־ער יאָרן, דערשינען אין „הצפירה״. ביידע האָט סאָקאָלאָוו געווידמעט אַרטיקלען, אין „הצפירה״, נאָך זייער טויט. און נאָך משכילים, פון אַלטן שניט, ביי וועמען השכלה און דת, אַ בלאַט גמרא און אַ מאמר אין „השחר״ וועגן תקונים בדת, האָבן געקענט הויזן צוזאַמען. פאַלן, אַז יידישע יונגעלייט זאָלן אַנטלויפן פון בית־המדרש, פון עלטערנס הויז, ווערן אַפּיקורסים, קעמפנדע אַטעאיסטן און אַסי־מילאַטאָרן, האָבן ביי אונדז כמעט נישט פּאַסירט ביז די רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון 1905. אין סוף פון 19־טן י.ה. איז געווען אַ פאַל, ווען אַ יידישע טאָכטער פון אַן אָנגעזעענער, פאַרמעגלעכער פאַמיליע אין שטאָט האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון אַ יונגן קריסט, אַן אַקציזניק, און זי איז מיט אים אַנטלאָפן, זיך געשמדט און חתונה געהאַט אין קירכע. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ טרויער נישט נאָר ביי דער פאַמיליע פון דעם מיידל, וואָס האָט אַלץ געטאָן כדי זי צו ראַטעווען, נאָר אויך איינגעהילט אין טרויער די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט דאָס דערמאָנט מיט ווייטיק און חרפּה אַפילו צענדליקער יאָרן שפּעטער.

פון צוויי ריכטונגען גלייכצייטיק איז געקומען דער אָנגריף אויף דעם פרומען לעבנס־שטייגער פון יידישן יוגנטלעכן און בית־המדרש־לערנער אין שטאָט; פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. נאָך די דערפאָלגרייכע שטרייקן, טעראָר און אַרעסטן, ווערט אין געהיים געשאַפן די אַרבעטער־פּאַרטיי „בונד״, וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן, אין ווילנע, אין יאָר 1897 און געוואָרן שנעל פּאָפּולער ביים יידישן אַרבעטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן.

די גרינדער זענען געווען יעקב גערליץ (היינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן), לייבל ביילִיס (אַוועק קיין לאָנדאָן) און דער פּריוואַטער לערער הערשל כץ. אין דער זעלבער צייט האָט אַ גרופּע יוגנטלעכע געפּרוווט באַקומען פון דער רוסישער מאַכט אַ דער־לויבעניש צו גרינדן אַ ביבליאָטעק אונטערן נאָמען „לעזע ליבהאַבער״. נישט קריגנדיק די דערלויבעניש, איז די ביבליאָטעק געגרינדעט געוואָרן אין געהיים און זיך געפונען אין דער פּריוואַטער וווינונג פון מאַרקוס ווילענבערג, וועלכער האָט אויך אָנגעפירט מיט דער ביבליאָטעק, צוזאַמען מיט יחיאל מאיר פליאַטאָ און שרה סעגאַל.

איינצלנע ציוניסטן, חובבי ציון און שקל־קויפער, זענען געווען אין שטאָט נאָך פון פריער. אין יאָר 1910 איז געגרינדעט געוואָרן אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „צעירי ציון״. די גרינדער זענען געווען: יחזקאל דזשאַלאָשינסקי, זיין שוועסטער פייגעלע, יוסף טיטאָנאָוויטש, משה בזשאָזאַ און זיין שוועסטער אסתר, שלמה אַבלודזינער, אסתר מאַקאָווער (היינט אין ישראל), יחזקאל־מענדל סעגאַל, יוסף הענדעל, מאיר אָסטרי,

יוטה רעכטמאַן, שמעון ראָזענטאַל און אַנדערע. אַלס פּרעזידענט איז אויסגעוויילט געוואָרן שמעון ראָזענטאַל און אַלס סעקרעטאַר — משה בזשאָזאַ, אַ זון פון אַ פּאַרמעגלעכער פאַמיליע, געענדיקט די רוסישע פאָלקס־שול, געקענט העברעיש און יידיש און איז געווען ביז זיין אָפּפאָר, אין יאָר 1917, דער אָנפירער און רוח החיה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטאָט. מיר האָבן געוווינט אין הויז פון זיינע עלטערן. איך האָב געלערנט אין דער ישיבה. איינמאָל האָט ער מיך אַרויפגעפירט אויפן בוידעם פון הויז און געוויזן אין אַ ווינקל, הינטער אַ ווענטל, אויף אַ טיש, הערצלס בילד, ווייס־בלויע „קרן־קימת״־פּושקעס, אייניקע ציוניסטישע בראָשורן און אַ העפט מיט פּראָטאָקאָלן פון דער טעטיקייט פון די „צעירי ציון״. ער האָט מיר אָנגעזאָגט קיינעם נישט דערציילן, וואָס כ׳האָב געזען. די בית־המדרש בחורים האָבן אָנגעהויבן באַהאַלטענערהייט לייענען ביכער, לערנען זיך רוסיש, געוואָרן מיטגלידער אין „צעירי ציון״ און „בונד״. אויף דעם באָדן זענען פאַר־געקומען קאָנפליקטן צווישן טאַטעס און קינדער. בחורים זענען אַוועק אין די גרעסערע שטעט, אַנדערע קיין אַמעריקע. בן־ציון חילינאָוויטש, זון פונעם ראש־ישיבה ר׳ נטעלע, וואָס האָט זיך געגרייט צו רבנות, האָט דעמאָלט פאַרלאָזט די ישיבה, די היים, אַוועק קיין ביאַליסטאָק, געלערנט וועלטלעכע לימודים און שפּעטער געוואָרן מיטאַרבעטער פון דער וואַרשעווער טאָג־צייטונג „מאָמענט״ און פון אַנדערע צייטונגען אין פּוילן.

די בתי־מדרשים זענען ביסלעכווייז אויסגעליידיקט געוואָרן פון די בחורים, גמרא־לערנער. געבליבן זענען איינציקע בחורים אין די חסידים־שטיבלעך פון גער, אַמשינאָוו און אַלעקסאַנדער.

אַ גרויסע מחלוקת צווישן עלטערן און קינדער איז אויסגעבראָכן, ווען די יוגנט האָט אָנגעהויבן גרייטן אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישן אָוונט אונטער דער אָנפירונג פון יחיאל־מאיר פליאַטאָ, וועלכער האָט געהאַט אַ שיינע טענאָר־שטימע און געקענט זינגען. די עלטערן פון די קינדער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דאָזיקן אָוונט, האָט מען גערופן צום רב, הרב ישראל־ניסן קופּערשטאָך, וועלכער איז געווען, לויט זיין התנהגות און גאַנג, מער חסידישער רבי ווי רב. די עלטערן זענען געוואָרנט געוואָרן נישט לאָזן זייערע קינדער אָנטייל צו נעמען אין אָוונט. טראָץ אַלעם, איז דער אָוונט פאָרגעקומען אין דער פּריוואַטער וווינונג פון הערשל פעלדשער. דער זאַל איז געווען צו קליין אַריינ־צונעמען די אַלע, וואָס זענען געקומען. די גאַס איז געווען פול מיט יוגנטלעכע. אויך עלטערע האָבן זיך צוגעהערט צו די געזאַנגען פון כאָר, וועלכע מען האָט געקענט הערן דורך די אָפענע פענצטער פון ערשטן שטאָק. עס איז געשפּילט געוואָרן שלום עליכמס איינאַקטער „נאָר אַ דאָקטאָר״. די יוגנט אין שטאָט האָט אַ לאַנגע צייט געזונגען די לידער „חושו אחים חושו״, „ווידער איז דער מאַי געקומען״, „די זון פאַרגייט אין פלאַמען״, „גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער״ און אַנדערע, וואָס דער כאָר האָט געזונגען אויפן אָוונט.

רעפאָרמען אין „חדר"

עס האָט נישט געהאָלפן די שתדלנות פון די מלמדים און דאָס אונטערקויפן גראָמ־נימען, דעם העכערן פּאָליציאַנט אין שטאָט, ער זאָל נישט צווינגען די מלמדים אויסצופירן די „גזירות" צו לערנען מיט די קינדער אין אַ באַזונדערן צימער. און אַז די תלמידים טאָרן נישט זיצן אַרום טיש, נאָר ביי ספּעציעלע, לאַנגע, שמאָלע טישן, געמאַכט צוזאַמען מיט בענק, וואָס מען האָט גערופן „לאַווקעס". די דאָזיקע „לאַווקעס" זענען געווען איינגעשטעלט אָדער איינער הינטער דער צווייטער, אָדער אין דער פאָרם פון אַ „ח", און די קינדער האָבן געמוזט לערנען, יעדן טאָג צוויי שעה, אין דער מלוכהשער, עלעמענטאַר־שולע רוסיש און רעכענען.

אין דער רוסישער עלעמענטאַר־שולע איז דעמאָלט געווען לערער חייקל גוטמאַן, אַ סימפּאַטישער ליטווישער, רעליגיעזער ייד, וואָס פלעגט יעדן שבת גיין דאַוונען אין נייעם בית־המדרש. ס׳רוב טאַטעס זענען שוין געווען צופרידן, וואָס די קינדער גייען אין „שקאָלע". זאָלן זיי זיך אויסלערנען אַ ביסל רוסיש און חשבון. אָבער פאַרוואָס זאָלן זיי זיצן אין די בלויזע קעפּ? יידישע קינדער טאָרן נישט גיין אָפּגעדעקט דעם קאָפּ.

איז געגאַנגען אַ דעלעגאַציע צו חייקל דעם לערער, פּועלן, אַז די קינדער, וואָס מוזן גיין צו אים אין „שקאָלע", זאָל ער זיי לאָזן זיצן אין די היטלען. חייקל דער לערער האָט זיי אָנגעוויזן אויפן בילד פון צאַר און אויף דער רוסישער פאָן וואָס איז געווען אין דער שולע. ער האָט דערקלערט, אַז לויטן „זאַקאָן" (געזעץ) מוז מען אויסטאָן דאָס היטל ווען מען קומט אַריין אין אַן אָרט, ווו עס געפינט זיך דאָס בילד פון צאַר און די רוסישע פאָן, און „דינא דמלכותא דינא". ער האָט זיי געגעבן אַן עצה: אַראָפּצוברענגען אַ דיפּלאָמירטן יידישן לערער, וועט ער קענען, לויטן געזעץ, לערנען רוסיש מיט די קינדער אין חדר, זיי וועלן נישט דאַרפן גיין אין „שקאָלע" און אויך נישט אויסטאָן די היטלען. פרומע יידישע טאַטעס האָבן געפּאָלגט די דאָזיקע עצה, געברענגט אַ לערער, אַ פרומען ייד מיט אַ יידיש היטעלע, באָרד און פיאות און לאַנגער קאַפּאָטע, גראָסמאַן האָט ער געהייסן. ער פלעגט גיין אַ גאַנצן טאָג פון איין „חדר" צום צווייטן, געבן „אוראָקן" (לעקציעס), רויכערן ציגאַרן און דערציילן מעשיות דווקא אויף יידיש, מיינסטנס דעם רבין. און מיר, תלמידים, האָבן אונטערגעהערט. ווען עס איז געקומען דער שול־אינספּעקטאָר פון לאָמזשע אויף אַן אינספּעקציע אין דער רעגירונגס־שולע און חדרים, האָט גראָמניען, דער העכערער פּאָליציאַנט, באַלד אינדערפרי אָנגעזאָגט די מלמדים די „בשורה". עס איז געוואָרן אַ מהומה. דער לערער גראָסמאַן האָט גערעדט געשווינד־געשווינד: „מען דאַרף שוין אַראָפּנעמען דאָס שפּינוועבס פון דיווינקלען; אָפּרייניקן דעם שטויב, וואַשן די פּאָדלאָגע, מען דאַרף... מען דאַרף..." און ער איז געלאָפן ווייטער. ווען דער אינספּעקטאָר איז סוף כל סוף געקומען צוזאַמען מיטן לערער און מיט גראָמניען דעם פּאָליציאַנט, האָבן אַלע יינגלעך אויסגעטאָן די היטלען. אויך דער רבי איז געבליבן שטיין אין קאַפּל, זיך אויפגעשטעלט, ביז דער אינספּעקטאָר האָט געהייסן זיצן. נאָכן

פאַרהערן די תלמידים אין רוסיש און אין חשבון, האָט זיך דער אינספעקטאָר געוואָנדן צום לערער גראָסמאַן און אָנגעהויבן רעדן הויך, מיט געבייזער. דער לערער איז געוואָרן בלייך און געציטערט פאַר שרעק. וואָס דער אינספעקטאָר האָט געזאָגט דעם לערער, האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען. אויך האָבן מיר נישט געוווּסט, וואָס ער שרייט אויפן רבין, ווּעלכער איז געווען אינגאַנצן צעטומלט. צומאָרגנס האָט דער רבי געפרעגט דעם לערער גראָסמאַן, פאַרוואָס האָט זיך דער רשע, דער אינספעקטאָר, געבייזערט אויף אים. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט געהאַט טענות, פאַרוואָס מען האָט נישט געקאַלכט די ווענט און דעם דיל אַזאַ לאַנגע צייט. אייניקע טעג נאָך דער אינספעקציע, האָט דער לערער גראָסמאַן דערציילט דעם רבין פאַרשיידענע מעשיות פון די אינספעקציעס אין די „חדרים" און אַז דער אינספעקטאָר האָט אים איבערגעבעטן פאַרן בייזערן זיך.

אין דער צייט פון לערער חייקל גוטמאַן, האָבן עלטערן שוין געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען אין דער רעגירונגס־שולע, איבערהויפּט מיידלעך. עס איז אָבער געווען פלאַץ בלויז פאַר 1 קינד פון יעדער פאַמיליע. חייקלס פרוי, וואָס האָט געקענט שפּראַכן, האָט געעפנט אָוונט־קורסן אין שולע, ווו יעדער האָט געקענט לערנען, פאַר 1 רובל אַ חודש, יידיש, רוסיש, פויליש, אויך דייטש. אַ סך יידישע קינדער אין שטאָט האָבן אַ דאַנק דער דאָזיקער אינטעליגענטנער פרוי זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן יידיש, רוסיש און פויליש. ס'איז אויך געווען אַ פּריוואַטער לערער, דוד רפאַלקעס, מיטן ביינאָמען ראָזענטאַל, וואָס האָט געלערנט יידישע קינדער שרייבן בריוו פון אַ בריוונ־שטעלער און אָנשרייבן אַן אַדרעס אויף רוסיש. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אַלע יידישע קינדער געקענט לייענען און שרייבן יידיש, אַ גרויסער טייל אויך העברעיש, פויליש און רוסיש.

עס איז אָנגעקומען אין שטאָט בעריש ווייסבערג ז"ל, דעם פּרושניצער רבס אַן איידעם. אַ ייד, אַ בן־תורה. געהאַט סמיכות אויף רבנות, אַ משכיל, אַ קענער פון תנ"ך און בעל־דקדוק. זיינער אַ זון, יששכר, וווינט היינט מיט זיין פאַמיליע אין נתניה. (אין דער 6־טאָגיקער מלחמה איז יששכר ווייסבערגס אַ זון געפאַלן אין קאַמף). בעריש ווייסבערג האָט געעפנט אין מאַקאָוו אַ דרוקעריי. ער האָט אויך געגעבן העברעישע לעקציעס, אייניקע יוגנטלעכע האָבן זיך ביי אים אויסגעלערנט אַ גרונטלעכן עברית און געוואָרן לייענער פון דער העברעישער ליטעראַטור און פּרעסע. אַ דאַנק בעריש ווייסבערגן האָט די יוגנט אין שטאָט, ואני בתוכם, אָנגעהויבן לערנען העברעיש, דקדוק און תורת הניקוד. ער איז אומגעקומען אין היטלער־חורבן צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פאַ־מיליע. הי"ד.

אַזכרה־אָוונט

כ' תמוז פון יאָר 1911 איז אין אַן איינזאַם הויז, צווישן אַ געדיכטן סאָסנאָווען וואַלד, וווהין מ'פלעגט קומען אויף זומער־וווינונג, פאַרגעקומען דער ערשטער אומלעגאַלער

הערצל יזכור־אָוונט, מיטן אָנטייל פון דריי צענדליק חברים. מיין שכן, דער פירער פון דער אומלעגאַלער „צעירי ציון", משה בזשאַזאַ, האָט מיך מיטגענומען אויפן אָוונט, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אין אַ גרויסן טונקעלן צימער מיט פאַרמאַכטע לאָדנס, איז געשטאַנען אויף אַ טיש אַ בילד פון ד"ר טעאָדאָר הערצל, איינגעהילט אין שוואַרצער קרעפּע פונעם בילד מיטן בלייכן פנים האָבן אַראָפּגעקוקט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, איינגעראַמט אין געדיכטע ברעמען, אַ רבנישע באָרד. צוויי לייכטער מיט ווייסע, אָנגעצונדענע ליכט, אַרומגעבונדן מיט שוואַרצע שלייפן. אונטער די לייכטער — אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות „אם תרצו אין זו אגדה". קיינער האָט נישט גערעדט צווישן זיך. ווען יחיאל־מאיר פליאַטאָ האָט, שטילערהייט, געמאַכט מיט זיין ווייכער טענאָר־שטימע, דעם „אל מלא רחמים", האָבן טרערן זיך באַוויזן אין אַלעמענס אויגן.

וועגן ד"ר הערצל האָט גערעדט משה בזשאַזאַ און יוסף טיטאַנאָוויטש — אַ געלערנטער בחור און גוטער רעדנער. (געשטאָרבן פון טובערקולאָז אין יאָר 1914. אין „הצפירה" פון 10־טן פעברואַר 1914 איז אָפּגעדרוקט אַ נעקראָלאָג, אונטערגעשריבן „צעירי ציון" מאַקאָוו, וועלכע פלאַנצט אַ בוים אין יער הרצל צו זיין אָנדענק).

באָיקאָט אויף יידן

אין רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע האָט רוסלאַנד באַקומען פון צאַר, אין יאָר 1906, אַ פּאַרלאַמענט, „דומאַ" אויף רוסיש, וואָס האָט פאַר יידן אין רוסלאַנד געבראַכט צרות און אומגליק, מאַסן־פּאָגראָמען און עקסצעסן אין אַ סך שטעט. אין פּוילן האָט דאָמינירט אַ נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע פּאַרטיי פון דער שליאַכטע, שטאָטישע בורזשואַזיע און קליינבירגער אונטערן נאָמען „נאַראָדאָוואַ דעמאָקראַטיאַ" (נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטיע) פאַרקירצט: „ענדעקעס". זייער פאַרשטייער אין „דומאַ", דמאָוסקי, אַ פאַנאַטישער אַנטיסעמיט און יידן־פיינט, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט די רוסישע רעאַקציאָנערע פּאַרטייען און זיי געשטיצט אין די גזירות אויף יידן. אין די יאָרן 1909—1910 איז אין וואַרשע אויסגעוויילט געוואָרן, מיט דער הילף פון די יידישע שטימען, אַלס דעפּוטאַט אין „דומאַ" דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַט יאַגעלאָ, קעגן ווילן פון די „ענדעקעס", וואָס האָבן געפאָדערט, אַז יידן זאָלן שטימען פאַר זייער קאַנדידאַט קוכאַזשעווסקי, אַ באַקאַנטער אַנטיסעמיט. אַלס נקמה האָבן זיי פּראָקלאַמירט אַ באָיקאָט אויף יידן. די פּוילישע צייטונגען, וועלכע האָבן כסדר געפירט אַן אַנטי־יידישע העצע, האָבן גערופן די פּאָליאַקן נישט צו קויפן ביי יידן. אין עפנטלעכע פּלעצער און צייטונגען האָבן זיך באַוויזן גרויסע אויפשריפטן: „סוואָי דאָ סוועגאָ" (אייגענע צו אייגענע). ווי געזאָגט, האָט די פּוילישע באַפעלקערונג אין אונדזער געגנט געלעבט גוט מיט יידן. אין שטאָט זענען געווען וויניק פּוילישע קלייטן. אַ פּויער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף קויפן ביי אַ ייד און אויך פאַרקויפן צו יידן.

די ענדעקעס אין שטאָט האָבן געעפנט אַ קאָאָפּעראַטיוו פון שפּייז־אַרטיקלען, דער־

מוטיקט און געהאָלפן מיט הלוואות פאַר פּאָליאַקן, זיי זאָלן עפענען קלייטן אין שטאָט און אין די דערפער, געפירט פּראָפּאַגאַנדע, מיט דער הילף פון גלח אין קירכע, נישט צו קויפן ביי יידן. יידישע סוחרים זענען געווען באַאומרואיקט. דער באָיקאָט האָט זיך גוט געפילט. ביסלעכווייז האָבן פויערים ווידער אָנגעהויבן קויפן ביי יידן, ווו זיי האָבן נישט געדאַרפט שטיין אין דער ריי און געפילט זיך פרייער און היימישער ווי אין גרויסן געשעפט פון קאָאָפּעראַטיוו. צוליבן באָיקאָט און פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם, האָבן פיל יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות פאַרלוירן זייערע פּרנסות און געמוזט אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע, ווו עס האָבן זיך שוין פון פריער געפונען יידן פון מאַקאָוו. זיי האָבן געשיקט פאַר זייערע פאַמיליעס אין דער אַלטער היים דאָלאַרן און געשריבן, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען טאַקע שווער אַרבעטן, אָבער מען קען „מאַכן אַ לעבן" — און מען טשעפּעט נישט קיין יידן. שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק פלעגן יידן, וואָס האָבן געדאַרפט נדנים פאַר זייערע טעכטער, פאָרן קיין אַמעריקע. דאָרטן האָבן זיי געוויילט איניקע יאָר, געבראַכט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, חתונה געמאַכט אַ טאָכטער. דאָס געלט וואָס איז געבליבן האָט מען שנעל „אויפגעגעסן" און... צוריקגעפאָרן אין „גאָלדענעם לאַנד". נאָך איניקע מאָל פאָרן הין און צוריק, האָבן טייל מענער אַריבערגענומען די פאַמיליעס קיין אַמעריקע. געווען אין שטאָט אַ סך פרויען „אַמעריקאַנקעס" מיט קינדער, וואָס פלעגן לאַנגע יאָרן קריגן געלט פון זייערע מענער מעבר לים אויף צו לעבן, ביז זיי האָבן זיך מיט זיי פאַראייניקט.

מענדל בייליס

דער אַרעסט פון מענדל בייליס אין קיעוו, אין יאָר 1911, און דאָס באַשולדיקן אים אין דערמאָרדן דאָס קריסטלעכע ייִנגל יושטשינסקי פאַר ריטועלע צוועקן, האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף יידן. די אַנטיסעמיטן אין שטאָט, ווי אין פוילן בכלל, האָבן זיך באַנוצט מיט שענדלעכע בלוט־בלבולים אין זייער העצע קעגן יידן. אַפילו נאָך בייליסעס באַפרייאונג, אין יאָר 1913, פלעגן פּאָליאַקן אין די שטעט, מייִנסטנס יוגנטלעכע, נאָכ־שרייען יידן „זשידזשע בייליס", אָפטמאָל באַגלייט מיט נאָכגעוואָרפענע שטיינער. נאָכן פאַרמשפּטן דעם גלח מאַצאָך אויף לאַנגע יאָרן תּפיסה פאַר מאָרד און פאַר אַרויסגנבענען די ברילִיאַנטענע אויגן פון דער „מאַמע־גאָט", אין אַ גרויסער צענטראַלער קירכע אין דער שטאָט טשענסטאָכאָוו, האָבן יידן און יידישע קינדער געענטפערט די פּאָליאַקן, וואָס האָבן נאָכגעשריגן „זשידזשע בייליס": „בייליס זשיע אַ מאַצאָך גניע" — בייליס לעבט און מאַצאָך פוילט.

די מלחמה פון יאָר 1914

אונדזער שטאָט געפינט זיך 40 קילאָמעטער פון דער גרענעץ מיט מזרח־דייטשלאַנד. ביים אויסברוך פון דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד זענען אָנגעקומען אין שטאָט יידן פון די גרענעץ־שטעטלעך כאָרזשעל און יאַנאָווע, אַרויסגעטריבענע דורך

דער מיליטערישער מאַכט, צווישן זיי משפחות, וואָס די הויפט־שפייזער זייערע האָט מען מאָביליזירט אין דער מלחמה. די יידן, וואָס האָבן באַקומען דעם נאָמען „היימלאָזע", האָבן זיך באַזעצט אין די בתי מדרשים, ווייבער־שולן, קהל־שטיבלעך און קעלערס און אין פריוואַטע הייזער — צו 4־5 משפחות אין אַ וווינונג. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָמיטעט צו העלפן די אָרעמע היימלאָזע. צוליב מאַנגל אין מיטלען, האָט דער קאָמיטעט ווייניק געקענט העלפן די גרויסע צאָל נויטבאַדערפטיקע. אין שטאָט האָט זיך די מלחמה אָנגעהויבן גוט פילן. מאַסן מיליטער פון אַלע פאָרמאַציעס האָבן דורכמאַרשירט און דורכגעפאָרן צום פראָנט. די סאָלדאַטן האָבן זיך, מיט קליינע אויסנאַמען, גוט אויפגעפירט און זיך געפרעגט צי איז נאָך ווייט קיין בערלין. פיל מאָל זענען איינגעשטעלט געוואָרן אין פריוואַטע הייזער זעלנער צו נעכטיקן. מענער, יידן און פאָליאַקן האָט דער קאָמענדאַנט מאָביליזירט צו היטן ביינאַכט די טעלעגראַף־סלופעס, אויף אַ מרחק פון 7 קילאָמעטער פון שטאָט. די רוסישע אַרמיי איז אַריין אין מזרח־דייטשלאַנד, איינגענומען דייטשישע שטעט און געגרייט אַ מאַרש אויף בערלין. נאָך אַ שטאַרקער קעגן־אָפענסיווע פון דייטשישן מיליטער, איז דער רוסישער פראָנט אַרומגערינגלט און געבראָכן געוואָרן. טיילן פון דער רוסישער אַרמיי זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און די איבערגעבליבענע זענען געלאָפן צוריק, אין אומאָרדענונג. די אָפטרעטנדיקע סאָלדאַטן האָבן ראַבירט יידישע קלייטן און הייזער, באַליידיקט און געשלאָגן יידן, באַשולדיקט זיי אין שפיאָנירן לטובת דייטשלאַנד. צוויי יידן, פורמאַנסקי און אָרליק, זענען דורך קאָזאַקן דערשאָסן און באַרויבט געוואָרן, בעת זיי זענען געפאָרן מיט פערד און וועגעלע אין אַ דאָרף אַריין האָנדלען. דער שרעקלעכער דאָפל־מאָרד און די דראַמאַטישע לויה, באַגלייט מיט יאָמער און געוויין פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה. טרויער און פאַרצווייפלונג האָט געהערשט ביי יידן אין שטאָט, וואָס האָבן פלוצים דערזען, אַז זייער לעבן איז הפקר. פון דער נאָענטער שטאָט פרושניץ (פשאַסניש) זענען אָנגעקומען מאַסן פליטים, וואָס האָבן דערציילט, אַז די דייטשן באָמבאַרדירן די שטאָט, וועלכע איז איבערגעגאַנגען אַ פאָר מאָל פון האַנט צו האַנט און איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן. הונדערטער פאַרוווּנדעטע רוסישע סאָלדאַטן, געברענגט אין וועגעלעך פון פראָנט, זענען געלעגן אויף זעק, אויף שטרוי, ביי די ווענט, אויף טראָטואַרן פון מאַרק און גאַסן. יידישע פרויען האָבן זיי דערלאַנגט עסן, טרינקען. יידישע מיידלעך און יינגלעך זענען אַרומגעגאַנגען מיט טשייניקעס טיי, מיט ברויט, פרוכטן און געגעבן דעם, וואָס האָט נאָר געקענט עסן און טרינקען. צענדליקער זעלנער זענען אויסגעגאַנגען נישט באַקומענדיק קיין מעדיצינישע הילף. זיי זענען געלעגן עטלעכע טעג ביז מען האָט זיי צוגענומען. עס איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפידעמיע. די שטערבלעכקייט איז געווען גרויס. 9 אָנגעזעענע בעלי־בתים פון שטאָט האָבן באַקומען פון דער מיליטערישער מאַכט אַ באַפעל, אַז זיי מוזן, צוליב זיכערהייטס־טעמים, פאַרלאָזן די שטאָט און אַרויספאָרן קיין וויטעבסק, ווייסרוסלאַנד.

הילף פון יידן אין רוסלאַנד

אין יוני 1915 זענען אָנגעקומען אין שטאָט פאָרשטייער פון „מאָסקווער יידישן קאָמיטעט", ה' שטיינבערג און פּרוי, צו אָרגאַניזירן די הילפס־אַרבעט פאַר די היימלאָזע. 600 אַרבעטספעיקע מענער האָבן זיי אַוועקגעשיקט קיין האָמעל. דאָרט האָט מיט זיי זיך פאַרנומען אַן אָפּטיילונג פון „מאָסקווער קאָמיטעט" און איינגעאָרדנט זיי ביי אַרבעט. פאַמיליעס וואָס האָבן געוווינט אין ענגשאַפט און אין שלעכטע סאַניטאַרע באַדינגונגען, האָבן באַקומען גרעסערע און בעסערע צייטווייליקע דירות, איבערגעבויט פון פאַרשיי־דענע געביידעס. אַ ספּעציעלער פּרויען־קאָמיטעט האָט זיי געהאָלפן זיך איינאָרדענען, אָפּט זיי באַזוכט און דערלאַנגט יעדע מעגלעכע הילף. פאַר דריי הונדערט רעגיסטרירטע, אָרעמע משפחות, איז געעפנט געוואָרן אַ קלייט, ווו זיי האָבן געקריגן אומזיסט שפּייז־אַרטיקלען. פּרוי שטיינבערג האָט איינגעאָרדנט אַן אינטערנאַט פאַר קינדער פון די היימלאָזע. דאָרט האָבן זיי באַקומען געהעריקע דערציאונג פון אַ לערערין און אויך פולע באַשפּייזונג. מיט דער לערערין האָט מיטגעאַרבעט אַ קאָמיטעט פון מיידלעך און פּרויען, וואָס האָבן געוואַשן, געקעמט און געפירט די קינדער שפּאַצירן. די יוגנט איז אָרגאַניזירט געוואָרן צו העלפן די היימלאָזע און פאַרלייכטערן זייער לאַגע. ה' שטיינבערג האָט אָפּגעדונגען אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן וואַלד און דאָרט איינגעאָרדנט אַן איזאָלאַציע־אָרט פאַר טיפוס־קראַנקע, אונטער דער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר און קראַנקנשוועסטער.[20]

די רוסן פאַרלאָזן די שטאָט

דער מלחמה־פראָנט האָט זיך דערנענטערט. טאָג און נאַכט האָט זיך געהערט דאָס דונערן פון האַרמאַטן. אין די נעכט איז דער הימל רויט געווען פון שריפות. די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, דער מאַגיסטראַט און די קאָמענדאַנטור, זענען אַוועק פון שטאָט. עס איז נעגרינדעט געוואָרן אַ ציווילע מיליץ פון יידן און פּאָליאַקן צו האַלטן אָרדענונג. אויסשפּיר־פּאַטראָלן אין קליינע גרופּעס, קאַוואַלעריע, מיינסטנס קאָזאַקן, האָבן אַלע מאָל באַזוכט די שטאָט און אָפּט טעראָריזירט די יידישע באַפעלקערונג. אייניקע באָמבעס פון דייטשע עראָפּלאַנען זענען געפאַלן אין שטאָט. אין די אָנגעשטרענגטע מלחמה־טעג, האָט די „צעירי־ציון־אָרגאַניזאַציע איינגעאָרדנט אין דער פּריוואַטער וווינונג פון מענדל דזשערשגאָווסקי, צו כ' תמוז, אַ יזכור־אָוונט נאָך ד"ר טעאָדאָר הערצל. דאָס איז געמאַכט געוואָרן אומלעגאַל און איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת נפשות. אין גרויסן אויפנאַם־זאַל, אָן הערצלס בילד און אָן אָנגעצונדענע ליכט, זיינען געזעסן די פאַרזאַמלטע און אויס־געהערט דעם „אל מלא רחמים" פון יחיאל מאיר פּליאַטאָ, אַ קורצע רעדע פון משה בזשאָזאַ און אויסצוגן פון הערצלס בוך „אַלט־ניי לאַנד". די גאַסן זענען געווען פול

[20] משה בזשאָזאַ: „הצפירה", 17־טן יוני 1915.

מיט מיליטער און מיליטערישע וועגעלעך. שטילערהייט, איינציקווייז, זענען די חברים זיך צונויפגעקומען און שטילערהייט, איינציקווייז, זיך אַרויסגעשלייכט אַהיים, אַרום 10 אין אָוונט.

אין חודש אָב פון יאָר 1915 זענען פאָרגעקומען שלאַכטן אַרום און אין שטאָט. יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערן. איין רוסישער סאָלדאַט איז אַריין אין הויז פון לייביש ריבאַק, אַרויסגעכאַפּט אַ זייגערל. אַרויסלויפנדיק פון הויז איז ער, פון אַ שראַפּנעל, דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט.

די רוסן זענען אָפּגעטרעטן, אונטערצינדנדיק די הילצערנע בריק, דעם מזרח־טייל פון דער שטאָט, נעבן טייך, און אַ טייל פון מאַרק. פאַרנאַכט זענען אַריין די דייטשן. יידן האָבן זיך געווונטשן „מזל־טוב״, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון די קאָזאַקן און פון טויט־שרעק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון די שיסערייען און באָמבעס איז איין פרוי, רבקה פּרעשבערג, דערהרגעט געוואָרן און איניקע יידן — לייכט פאַרוווּנדעט. פייערלעשער, מיט דער הילף פון דער יוגנט, האָבן אָנגעהויבן לעשן דאָס פייער. איניקע זענען לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן אין די פיס, פון קוילן פון די אָפּטרעטנדיקע רוסן. דער גאַנצער וווין־קוואַרטאַל לעבן טייך, איז פאַרברענט געוואָרן. עס איז פאַרמיטן געוואָרן, אַז דאָס פייער זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער דער שטאָט.

אין מלחמה־יאָר 1914־1915, בעתן טעראָר און טויט־שרעק, האָבן יידן, סוחרים און בעלי־מלאכות, גאַסן־פאַרקויפערס פון געבעקס, לימאָנאַד און פּרוכטן, געמאַכט גוטע געשעפטן. די מאַסן דורכגייענדיקע סאָלדאַטן האָבן געקויפט אַלץ. איניקע פון זיי האָבן אויך געכאַפּט שפּייז און אַנטלאָפן. „פּאָדריאַדטשיקעס״ (קבלנים) האָבן געקויפט אין שטאָט אַלץ, וואָס זיי האָבן געקריגן פאַר דער אַרמיי. רוסישע אָפיצירן האָבן געקויפט די בעסטע שטאָפן, וועש, טיכער, פאַרפומען, שאָקאָלאַד און דעליקאַטעסן. דאָס אַלץ — אַהיימגעשיקט אָדער אַוועקגעשענקט „באַרישניעס״ (מיידלעך), וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך. סאָלדאַטן, וואָס האָבן געדינט הינטערן פראָנט האָבן געקויפט שטיוול, פּאַפּיראָסן, גאַלאַנטעריע און עסנוואַרג. נאָכן פאַרנעמען דורך די דייטשן די שטאָט זענען סוחרים געבליבן ביי וויניק סחורה, מיט אַ סך טויזנטער רובלס און רוסישע אָבליגאַציעס. יידן, וואָס זענען געווען זיכער אַז „פּאָניע וועט נישט באַנקראָטירן״, האָבן געהאַלטן די טויזנטער פּאַפּירענע רובלס און די אָבליגאַציעס, ביז זיי האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן זייער ווערט.

אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע

(אין דער ערשטער וועלט־מלחמה)

יידן אין שטאָט האָבן זיך געפילט פרייער און זיכערער אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, ווי אונטער דער רוסישער הערשאַפט. די יידישע שפּראַך האָט פאַרלייכטערט

דאָס פאַרשטענדיקן זיך מיט די דייטשן. צום ערשטן מאָל אויף פּוילישער ערד, האָבן אויך יידישע באַאַמטע באַקומען אַרבעט אין פּאָוויאַט, אין מאַגיסטראַט און אין אַנדערע רעגירונגס־ און מוניציפּאַלע אַנשטאַלטן. עס זענען געעפנט געוואָרן פאַרגרעסערטע פאָלקס־שולן מיט דער פּוילישער און דייטשישער אונטעריכט־שפּראַכן. איינע פאַר פּוילישע און די אַנדערע פאַר יידישע קינדער, ווו עס האָבן אונטעררריכט יידישע לערער אַלע טאָג — חוץ שבת. מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט איז געגרינדעט געוואָרן אַ קולטור־געזעלשאַפט אונטערן אַמאָליקן, אומלעגאַלן נאָמען „לעזע־ליבהאַבער”. די געזעלשאַפט, וואָס האָט פון פריער פאַרמאָגט אַן אייגענע ביבליאָטעק, האָט געדונגען די לאָקאַלן מיט אַ טעאַטער־זאַל, ווו עס איז געווען די פּוילישע געזעלשאַפט „ליוטניא”, וועלכע האָט אָפּגעשטעלט איר טעטיקייט מיטן אָנקומען פון די דייטשן. אין דער געזעל־שאַפט „לעזע־ליבהאָבער”, וואָס איז שפּעטער אָנגערופן געוואָרן „בית העם”, האָט זיך קאָנצענטרירט די קולטור־טעטיקייט פון דער יוגנט אין שטאָט, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. נישט געווען דעמאָלט נאָך קיין קינאָ, קיין ראַדיאָ, זענען די לאָקאַלן יעדן אָוונט געווען פול מיט מענטשן, ספּעציעל אין פרייטיק־צו־נאַכטסן, ווען עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן די אַזוי גערופענע „קעסטל־אָוונטן” און ליטעראַרישע משפּטים, אָדער סתם פאָרלעזונגען. פון צייט צו צייט האָט די דראַמאַטישע סעקציע אויפגעפירט איינאַקטערס, מאָנאָלאָגן און אויך דראַמעס, ווי למשל, „דער יידישער קעניג ליר” פון גאָרדאָן. עס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון וואַרשע ליטעראַטן, שרייבער און פּאַרטיי־פירער אויף לעקציעס און רעפעראַטן. דאָס ערשטע מאָל איז דאָרט איינ־געאָרדנט געוואָרן אַ פּורים־אָוונט מיט טענץ.

מיט דער צייט זענען אין שטאָט געוואָרן טעטיק אָפּטיילונגען פון פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן שפּעטער פאָרמירט דאָס יידישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פּוילן, ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, די אָרטאָדאָקסישע „שלומי אמוני



חגיגת ל״ג בעומר של „פרחי־ציון״ במאקוב, בשנת 1918

ל״ג־בעומר־פייערונג פון „פרחי־ציון״ אין מאַקאָוו, אין יאָר 1918

ישראל", "בונד", "מזרחי", "פועלי ציון", "צעירי מזרחי", אַ ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע "פרחי ציון" א.א.וו.

באַזוך פון הלל צייטלין הי"ד

אין מאַי 1916 איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון שלום עליכם אין ניו־יאָרק. שלום עליכם איז געווען שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט ביים יידישן לייענער, יונג און אַלט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן איינצואָרדנען אַ טרויער־אָוונט מיטן אָנטייל פון אַ באַקאַנטן שרייבער. אין יענער צייט איז ר' הלל צייטלין ז"ל געווען ביי אונדז דער באַרימטסטער שרייבער און זשורנאַליסט. די טאָג־צייטונג "דער מאָמענט", ווו הלל צייטלין האָט מיטגעאַרבעט איז געווען די מיינסטנס געלייענטע אין שטאָט, צוליב זיינע פּאָלעמישע און אַנדערע אַרטיקלען. דערפאַר איז הלל צייטלין איינגעלאַדן געוואָרן צום טרויער־אָוונט אַלס רעדנער. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קבלת־פּנים קאָמיטעט, וועלכער האָט באַשלאָסן, אַז דער חשובער גאַסט זאָל איינשטיין אין הויז פון גביר ר' וועלוול בזשאָזאַ. הלל צייטלין איז אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע מיט דער נאַדווישלאַנסקער באַן און אָפּגעשטיגן אויף דער קליינער באַן־סטאַציע פּאַשעקי, 35 קילאָמעטער פון שטאָט. דאָרט האָט אויף אים געוואַרט אַ קאָטש (קאַרעטע), געשפּאַנט צו 2 פערד וואָס איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן, מיט אייניקע חברים, צו ברענגען דעם גאַסט אין שטאָט. אַ דעלעגאַציע־גרופּע איז אַרויס הינטער דער שטאָט אים מקבל־פּנים זיין. די מיידלעך האָבן געטראָגן בלומען. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָבן זיי אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען פון הלל צייטלין. ענדלעך איז די קאָטש אָנגעקומען. דער בעל־עגלה האָט אָפּגעשטעלט די פאַרשוויצטע שווער־סאָפּנדיקע פערד. ווען הלל צייטלין מיט די באַגלייטער זענען אַרויס פון קאָטש, האָט איינער פון זיי פאָרגעשטעלט פאַר אים דעם קבלת־פּנים קאָמיטעט. די מיידלעך האָבן אים דערלאַנגט בלומען. הלל צייטלין מיט זיין לאַנגער באָרד, ווייכע אויגן,



בקורו של הלל צייטלין במאקוב, בשנת 1918

באַזוך פון הלל צייטלין אין מאַקאָוו, אין יאָר 1918

קאַפּעליויש און דריי־פּערטלדיקן סורדוט, האָט געמאַכט דעם איינדרוק נישט פון אַ שרייבער ווי פּרץ אָדער שלום עליכם, נאָר ווי אַ רבי. אַזוי איז אויך געווען די באַציאונג צו אים פון די יוגנטלעכע, וואָס האָבן אים אויפגענומען און באַהאַנדלט ווי חסידים — אַ רבין. די מערהייט פון דער יוגנט אין שטאָט האָט דאָס ערשטע מאָל זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיט אַ שרייבער. ווען די קאָטש מיט הלל צייטלין איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט, איז דער מאַרק און די גאַס, ווו ער האָט געדאַרפט דורכפאָרן, געווען פול מיט מענטשן. דאָס זעלבע אויך דער הויף פון הויז, ווו ער איז איינגעשטאַנען.

עס האָבן אין יענע צייטן באַזוכט די שטאָט די שרייבער און זשורנאַליסטן יוסף העפּטמאַן, ישראל שטערן, ז. סעגאַלאָוויטש, שפּעטער — פּרץ מאַרקיש, אָרזשעך, ערליך, יעקב פּאַט (איינגעלאַדן דורכן „בונד") און אַנדערע. ווי אויך אַרטיסטן, ווי יאָסעלע קאָלאָדני און סתם וואַנדערנדיקע אַרטיסטישע טרופּעס, גוטע און שלעכטע, וואָס פלעגן שפּילן ביי פולע זאַלן.

ישראל שטערן ז"ל

אין שטאָט האָט געוווינט אַ יונגערמאַן, אַ מאַקאָווער איידעם, קלמן שטערן פון אָסטראָלענקע, אַ ייד אַ בן־תורה, אַ חסיד, וואָס האָט אויך געהאַט אַ ידיעה אין וועלטלעכע ענינים. געווען איז ער אַ סופר און אויך פאַרקויפט טליתים. ישראל שטערן איז געווען זיין ברודער. ער פלעגט אַמאָל קומען צו אים, צו גאַסט.

זייענדיק אַמאָל, פּסח, ביים ברודער, האָבן מיר אים, ישראל שטערנען געבעטן, ער זאָל רעדן אויף אַ יזכור־אָוונט צו דער יאָרצייט פון י. ל. פּרץ, וואָס פאַלט אויס פּסח. ווען מיר זיינען געקומען צום ברודער אין הויז, צו רעדן מיט אים וועגן דעם, האָבן מיר דאָרט געטראָפן אַ גרויס אָרעמקייט. און נאָכמער אביונות האָט אַראָפּגעקוקט פון ישראל שטערנס פּנים, קליידער און שיך. אונדז אַליין איז באַפאַלן אַ בושה: אַ יידישער דיכטער זאָל אַזוי אויסזען! מיר האָבן אויסגעהערט זיין אינטערעסאַנטע, אָריגינעלע און שיינע רעדע וועגן פּרצן. ישראל שטערן ז"ל האָט דורכגעפירט אַן אַנאַלאָגיע צווישן פּרצעס „גאָלדענע קייט" און היבסנס „בראַנד". צווישן רבין ר' שלמה, וואָס וויל ברענגען אַן אייביקן שבת און יידן לאָזן נישט, און דעם גלח בראַנד, וואָס וויל פירן זיינע גלויביקע אין אָרעמען פישער־שטעטל, ביי די נאָרוועגישע פיאָרדן, צו אַ שענער און העכער לעבן, און זיי פאַרלאָזן אים, הערנדיק, אַז דער ים איז רואיק און פול מיט פיש.

ישראל שטערן האָט בעתן רעדן אַרומגעשפּאַנט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן איבער דער בימה, און מיט זיין דיכטערישער שפּראַך און באַפליגלט וואָרט אַוועקגעטראָגן די צושויער און עולמות עליונים. און ער אַליין, דער דיכטער ישראל שטערן, האָט אונדז אויסגעזען אין יענעם מאָמענט, ווי אַ גייסטיקער פּרינץ, וואָס לייכט און שיינט מיט אומזעבאַרע שטראַלן. אויפן באַנקעט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן ביי אַ חבר אין הויז, האָט ער פאָרגעלייענט איניקע פון זיינע לידער, וואָס נישט אַלע האָבן מיר פאַרשטאַנען. ער האָט אונדז אויסגעלערנט זינגען די לידער: „עס איז שוין נישטאָ דער

נעכטן" און „אויפן באַרג, אונטערן באַרג שטייען טויבן־פּאָרן" מיט זיינס אַן אינטער־פּרעטאַציע פון אומעט, בענקשאַפט און תפילה.

דער „בונד" גייט אַוועק פון בית־העם

מיט דער פאַרשטאַרקטער טעטיקייט פון „בונד" אין פוילן און זיין קאַמף מיטן ציוניזם האָבן זיך פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן די בונדיסטן און דעם נאַציאָנאַלן טייל פון דער יוגנט אין בית־העם. זיי האָבן אַראָפּגענומען ד"ר הערצלס בילד, וואָס איז געהאָנגען אין איינעם פון די צימערן; געשטערט ציוניסטישע רעדנער, וואָס זענען אויפגעטראָטן. דאָס האָט גורם געווען צו סקאַנדאַלן און קריגערייען.

אין פעברואַר 1918 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אזכרה־אָוונט נאָכן נאָר־וואָס פאַר־שטאָרבענעם ד"ר יחיאל טשלענאָוו. די אַנוועזנדע בונדיסטן האָבן געמאַכט כסדרדיקע צווישנרופן די רעדנער, חוזק געמאַכט און געשטערט דורכפירן די אזכרה. עס איז אויס־געבראָכן אַ קריגערייַ און אַ געשלעג. ס'איז קוים געלונגען צו באַרואיקן די געמיטער און דורכפירן דעם אָוונט. די ציוניסטן האָבן אָפּגעצאָלט דעם „בונד" מידה כנגד מידה אויף זייערע אונטערנעמונגען, ביז עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו אַרבעטן צוזאַמען אונ־טער איין דאַך. אין בית־העם האָבן די ציוניסטן געהאַט אַ מערהייט. זענען זיי ווי עס איז דורכגעקומען מיט די חברים פון „בונד" זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם בית־העם און פירן זייער טעטיקייט באַזונדער.

דער „בונד" האָט געדונגען אַן אייגענעם לאָקאַל, געגרינדעט אַ ביבליאָטעק און גע־פירט אַ ברייטע קולטור־אַרבעט צווישן די מיטגלידער. זייער דראַמאַטישע סעקציע האָט מיט דערפאָלג אויפגעפירט איניקע יידישע פיעסן, צווישן זיי שלום אַש'ס „מאָטקע גנב", אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעצייכנט, אין דער ראָל פון מאָטקע, זייערס אַ חבר לייבל גאָגאָל, אַ פאַנאַטישער טעאַטער־ליבהאָבער. ער איז נישט לאַנג געשטאָרבן אין ישראל. זיין זון, שמואל גאָגאָל, איז אַ באַקאַנטער מויל־גאַרמאָשקע־קינסטלער אין תל־אביב.

די דיסקוסיעס צווישן בונדיסטן און ציוניסטן האָבן אין שטאָט נישט אויפגעהערט עס פלעגן פאָרקומען שאַרפע פאָלעמיקעס. ווי נאָר ס'איז געקומען פון וואַרשע אַ רעדנער פון „בונד" אָדער פון ציוניסטישער צענטראַלע, פלעגן ציוניסטן מיט „שאַרפע צינגלעך" „נעמען אַ וואָרט" נאָך די רעדעס פון די בונדישע פרעלעגענטן, און די בונדיסטן — נאָך די רעדעס פון ציוניסטן. אַזוי האָט זיך געפירט אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן. דאָס האָט אַריינגעבראַכט לעבן, אינטערעס און וואַרעמקייט און פאַרטריבן די לאַנגווייליקייט פון דער אָרעמער, יידישער גאַס.

נאָכן אַוועקגיין פון די בונדיסטן איז דער „בית העם" אַריבער צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט דאָרט געפירט אַן אינטענסיווע קולטור־ און דערציאונגס־טעטיקייט.

די עקאָנאָמישע לאַגע אונטער דייטשער אָקופּאַציע, אין יאָר 1915

די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן נישט גערודפט ספּעציעל יידן. די סאָלדאַטן האָבן כמעט נישט ראַבירט יידיש האָב און גוטס. די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט אָבער באַרויבט דאָס לאַנד „אין אַנגראָ״, דורך קאָנפיסקאַציעס און רעקוויזיציעס פון רויִשטאָפן, מעטאַלן, תבואות און אויסגעאַרבעטע פאַבריקאַטן. דאָס דייטשע וואָרט „באַשלאַגט״, איז געווען חל אויף אַלעם. ביים אָנקומען פון די דייטשן איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע מעשענע און קופּערנע כלים און חפצים אין הויז — אַפילו לייכטער — דאַרפן צוגעשטעלט ווערן צו דער דייטשער מאַכט, אויך מעשענע קליאַמקעס פון די טירן. דאָס אַלץ האָט געמוזט ווערן געבראַכט אין אַ באַשטימט אָרט, אין קעגנפאַל האָט געדראָט אַ גרויסע שטראָף. די דייטשן האָבן אַפילו צוגענומען די קופּערנע, גרויסע סאָדע־וואַסער־באַלאָנען פון דער סאָדע־וואַסער־פאַבריק. זיי האָבן אויך געפּרוווט צונעמען די דריי גרויסע מעשענע גלאָקן פון קירך־טורעם. די שטאָטישע קריסטן האָבן אָבער שאַרף פּראָטעסטירט, האָבן די דייטשן רעקווירירט נאָר צוויי, און דעם דריטן גלאָק איבערגעלאָזט אויפן טורעם. סוחרים האָבן געמוזט צושטעלן אַ רשימה פון אַלע זייערע סחורות, אָנהייבנדיק פון שפּייז ביז טעקסטיל, לעדער און זייף. עס האָט געדאַרפט פאַרשריבן ווערן אַלץ וואָס איז פאַרקויפט און געקויפט געוואָרן. כדי צו באַקומען אַ באַשייניקונג (דערלויבעניש) צו ברענגען אַ באַשטימטן קוואַנטום טעקסטיל־סחורות פון וואַרשע, האָט דער סוחר געדאַרפט צושטעלן אין קרייז־אַמט אַ צען רובלדיקן גאָלד־שטיק. פּויערים האָבן נישט געטאָרט פאַרקויפן זייערע תבואות פריי, נאָר געמוזט צושטעלן אין אַ באַשטימט אָרט אין שטאָט, און דערפאַר באַקומען אַן אָפיציעלן רעגירונגס־פּרייז. אַלע מילן אין ראַיאָן זענען פאַרחתמעט געוואָרן, אויסער איין גרויסע מיל אין שטאָט — פון ר׳ בצלאל ווילענבערג —, וואָס האָט געמאָלן נאָר פאַר די דייטשן און אונטער זייער קאָנטראָל. אויך אַלע בעקעריי־ און באַק־אויוונס אין שטאָט זענען פאַרחתמעט געוואָרן, אויסער איין בעקעריי, וואָס האָט געבאַקן ברויט, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן אויף ברויט־קאַרטן. דאָס ברויט איז געווען שוואַרץ, געבאַקן פון מעל געמישט מיט פאַרשיידענע ערזאַצן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין טעם און געברענט אין מאָגן. אויך אויף צוקער זענען איינגעפירט געוואָרן קאַרטן. ס׳איז נישט געווען קיין זייף, קיין נאַפט. עלעקטרישע באַלייכטונג איז אין שטאָט נאָך נישט געווען, האָט מען באַלויכטן די וווינונגען מיט קאַרביד־לאָמפּן, וואָס האָבן פאַרפעסטעט די לופט אין שטוב, איבערהויפּט ווינטער, ווען טיר און פענסטער זענען געווען פאַרמאַכט. קיין נייע מלבושים האָט מען נישט געקענט נייען, פלעגט מען די אַלטע קליידער, אַנשטאָט זיי אַוועקוואַרפן, פאַרלאַטען, איבערניצעווען, מאַכן פון גרויס קליין און ווייטער נוצן. אין יענער צייט איז געוואָרן פּאָפּולער דאָס פאָלקס־ליד „כ׳האָב געהאַט אַמאָל אַן אַלטן טוך״. אַנשטאָט שיך פון לעדער, האָט מען געטראָגן האָלצענע שיך און סאַנדאַלן פון פאַרשידענע פאָרמען און סטילן. אין שטאָט האָט געהערשט אָרעמקייט און נויט. יידן האָבן געאַרבעט ביי עפּנטלעכע

אַרבעטן, אויף די שאָסייען און ביים האַקן וועלדער, וואָס די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט צו לינדערן אַ ביסל די אַרבעטסלאָזיקייט. די וויניקע, וואָס האָבן געהאַט די פעיקייט און דאָס גליק זיך צו באַקענען מיט די דייטשע מאַכטהאָבער אין שטאָט האָבן דורך פאַרשידענע וועגן באַקומען שפייז־פּראָדוקטן און געמאַכט דערביי גוטע געשעפטן.

די נויט און אַרבעטלאָזיקייט ביי יידן, דאָס פעלן פון אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, האָט געשאַפן אַ קלאַס ס:חרים, וואָס האָבן זיך גערופן: „שמוגלער". עלטערע, דערפאַרענע סוחרים, זענען געווען אומבאַהאָלפן לגבי די דייטשע דראַקאָנישע געזעצן — רעקווי־זיציעס און „באַשלאַגנאַמען". דרייסטע יונגעלייט פלעגן אין די נעכט, דורך אונטערוועגן, ברענגען פון די דערפער אָדער פון די נאָענטע שטעט, פאַרשידענע לעבנס־מיטלען, פעטס, נאַפט אָדער געקויפט ביי פויערים אין דאָרף ווייץ, אָפּגעמאָלן ערגעץ אין אַ פאַר־וואָרפענער געגנט, אין אַ קליינער וואַסער־מיל, דאָס מעל געבראַכט אין שטאָט און געהיים פאַרקויפט צו די, וואָס האָבן נאָך געהאַט נישט־פאַרחתמעטע באַק־אויוונס. די פרויען פלעגן באַקן חלות אויף שבת אָדער סתם בולקעס. די דייטשן האָבן געשאַפן אַ שטאָטישע מיליץ פון יידן און פּאָליאַקן צו היטן די אָרדנונג און העלפן די זשאַנדאַרן באַקעמפן דעם שמוגל.

ווען די מיליץ־לייט האָבן געכאַפּט אַ שמוגלער, האָט ער פון זיי זיך נישט געקענט אויסקויפן. אַלץ האָבן זיי גענומען: מעל, ווייס געבעקס ביי די אומגליקלעכע בעקערינס, פלייש ביי די אומלעגאַלע קצבים. טיילמאָל האָבן זיי אויך געבראַכט דעם שמוגלער צו די זשאַנדאַרן, וואָס פלעגן רעקווירירן די סחורה צוזאַמען מיטן פערד און וועגעלע, און דערצו שלאָגן אים מכות רצח בכלל האָבן די דייטשן פאַר יעדער קלייניקייט געגעבן קלעפּ — אָן אונטערשייד אַלט צי יונג.

אין אַפּריל 1917 האָט דער קרייז־שעף פאַראָרדנט וואַלן צו אַ שטאָט־ראָט און מאַגיסטראַט לויטן קוריען־סיסטעם: 3 קוריעס זאָלן אויסקלייבן 9 ראַטמענער. יידן זענען געווען מער ווי 75% אין שטאָט, די פּאָליאַקן האָבן געפאָדערט, אַז די יידן זאָלן זיי געבן אַן אַבסאָלוטע מערהייט אין שטאָט־ראָט. יידן האָבן באַשטאַנען מוותר צו זיין אויף זייער רעכט פון אַ מערהייט און געבן די פּאָליאַקן 50 פּראָצענט ראַטמענער. די פּאָליאַקן האָבן נישט מסכים געווען און באָיקאָטירט די וואַלן. זענען אויסגעוויילט געוואָרן אַלע 9 ראַטמענער — יידן. דאָך זענען איינצע פּאָליאַקן באַשטאַנען אויסגעוויילט צו ווערן אין מאַגיסטראַט. אַלס בירגערמייסטער איז אויסגעוויילט געוואָרן דער יידישער סוחר יעקב מאיר סעגאַל, און וויצע־בירגערמייסטער — דער פּאָליאַק סטאַש אַרטיפּי־קעוויטש. נאָך איין מיטגליד, אַ פּאָליאַק — אין דער לייטונג פון מאַגיסטראַט. אויף איינער פון די זיצונגען פון שטאָט־ראָט איז באַשלאָסן געוואָרן קעגן די שטימען פון די אָרטאָדאָקסן, איינצופירן יידישע לימודים פאַר יידישע קינדער אין די שטאָטישע פאָלקס־שולן. די מיינונג פון די אָרטאָדאָקסישע ראַטמענער איז געווען, אַז יידישע לימודים דאַרף מען לערנען אין חדר.

לויט דער איניציאַטיוו פון ישעיה רעקאָנט ז״ל, אַ הייסער ייד, משכיל און קענער פון העברעיש, איז געגרינדעט געוואָרן, מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, אַ גן־ילדים אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַ דיפּלאָמירטער גננת (פּרעבליסטין) פרוי ל. אשעראָוויסקי, פון וואַרשע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ העברעישע שולע, אַן עלטערן־קאָמיטעט, מיט ישעיה רעקאָנט בראש. מ׳האָט אַראָפּגעברענגט דעם לערער אַנשל קאָציאַק, אַ ייד אַ תלמיד־חכם און גוטער פּעדאַגאָג, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער שולע, וואָס האָט אַ סך געהאָלפן פאַרשפרייטן העברעיש און יידיש וויסן אין שטאָט. ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זענען געעפנט געוואָרן העברעישע אָוונט־קורסן, ווו צענדליקער יונגעלייט און מיידלעך האָבן געלערנט עברית, תנ״ך און יידישע געשיכטע.

כדי צו העלפן דער גרויסער צאָל נויטבאַדערפטיקע איז געעפנט געוואָרן אַן אומזיסטע קיך, וואָס האָט פאַרטיילט דריי הונדערט וואַרעמע מאָלצייטן טעגלעך. איינער פון די טעטיקסטע עסקנים, וואָס האָט זיך בלב ונפש איבערגעגעבן דעם דאָזיקן ענין, איז געווען דער געזעלשאַפטלעכער טוער מאיר אָסטרי, מ׳האָט אים דערפאַר געקרוינט מיטן צונאָמען: ״קאָך־לעפל״. אויך איז דאַן געשאַפן געוואָרן אַן אינטערנאַט פאַר אָרעמע קינדער, וועלכע האָבן אויסער חינוך, געקריגן אויך עסן און טיילוויז קליידונג. מיט דער אַרבעט אין דער קיך און אין אינטערנאַט האָט זיך פאַרנומען, פרייוויליק, די יוגנט.

בכלל קען מען זאָגן, אַז די דעמאָלטיקע דייטשע אָקופּאַציע האָט פון איין זייט געבראַכט אַ האַנדלס־קריזיס, אַרבעטסלאָזיקייט און נויט, אָבער פון דער אַנדערער זייט געגעבן דער יוגנט און דער יידישער געזעלשאַפט מעגלעכקייטן זיך צו אָרגאַניזירן. די יידישע פאַרטייען און קולטור־געזעלשאַפטן — צו זיין טעטיק. זיי האָבן פאַרגעזעצט און אויסגעברייטערט זייער אַרבעט אויך שפּעטער אין באַפרייטן פוילן, ביזן אָנקומען פון די נאַציס, ימח שמם, וואָס האָבן אומגעבראַכט די יידן צוזאַמען מיט זייערע פיל רעליגיעזע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — אויסגעבויטע אין פאַר־לויף פון טויזנט יאָר געשיכטע פון יידן אין פוילן.

אין זעלבשטענדיקן פוילן

די נויט אין שטאָט אין לעצטן יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז געווען גרויס. בעלי־מלאכות האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט און סוחרים קיין פּרנסה. אַ היפּש ביסל פרויען און קינדער, וועמענס מענער און טאַטעס זענען געווען אין אַמעריקע, ענגלאַנד, אָדער אַנדערע מקומות מעבר לים, האָבן געהונגערט, ווייל די מענער האָבן פון דאָרט נישט געקענט שיקן קיין געלט צו זייערע נאָנטע אין אַ לאַנד, ווו עס האָבן געהערשט די דייטשן, וועלכע זענען געווען אין קריג מיט אַמעריקע און ענגלאַנד. די קהילה ווי אויך אַנדערע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זענען געווען פאַראָרעמט און נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע. איז די מערהייט יידן אין שטאָט געווען

צופרידן מיטן אַוועקגיין פון די דייטשן, וועלכע האָבן געלאָזט לעבן פיזיש, אָבער צו־גענומען דעם ביסן ברויט פון מויל.

די מאַכט אין שטאָט איז איבערגענומען געוואָרן דורך פּ.אָ.וו.,* וועלכע איז געווען אומלעגאַל אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. יידן האָבן מורא באַקומען, זעענדיק יונגע פּאָליאַקן באַוואָפנטע מיט ביקסן. זיי, די פּאָליאַקן און פּוילישע צייטונגען האָבן געדראָט מיט נקמה, ווען די דייטשן וועלן אַוועק.

דעם 10־טן נאָוועמבער 1918 האָבן די פּאָליאַקן אין שטאָט געגרינדעט אַ בירגער־קאָמיטעט, וועלכער האָט איינגעאָרדנט אַ מיטינג און אַ פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע אין מאַרק. די רעדנער אויפן מיטינג האָבן בכלל נישט דערמאָנט קיין יידן. דאָך זענען די



מועצת העיר עם ראש העיר היהודי יעקב מאיר סגל, בתקופת הכיבוש הגרמני במלחמת־העולם הראשונה.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג מיט דעם יידישן בירגערמייסטער יעקב מאיר סעגאַל בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, אין ערשטן וועלט־קריג.

לעצטע אין שטאָט געווען באַאומרואיקט און פול מיט פּחד צוליב די ידיעות אין די יידי־שע צייטונגען וועגן אָנפאַלן אויף יידן אין וואַרשע און אין אַ סך אַנדערע מקומות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד מיט דער באַפרייאונג פון פּוילן. זייער הויך־פּונקט איז גע־ווען — דער שרעקלעכער פּאָגראָם, מערדערייען און אונטערצינדונגען פון יידישע הייזער און בית־כנסת אין לעמבערג, סוף 1918. די מערהייט פון דער פּוילישער פּרעסע, מיטן אויסנאַם פון דער אַרבעטער־צייטונג „ראָבאָטניק", האָבן צוזאַמען מיט פּאַטריאָטישע אַרטיקלען לכבוד דער באַפרייאונג פון פּוילן, פאַרעפנטלעכט פּאַשקווילן און אויסגע־טראַכטע שענדלעכע בלבולים אויף יידן.

* Polska Organizacja Wojskowa

עס זענען אָנגעקומען אין שטאָט סאָלדאַטן אָנגעטאָן אין שוואַרצע מונדירן מיט מעשענע קנעפּ, שוואַרצע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס. גערופן האָבן זיי זיך „לודאָווצי״. יידן האָבן נאָך מער מורא געקריגן: „ווער ווייסט וואָס פאַר אַ חברה דאָס איז?״ געווען איז דאָס מיליטער פון דער סאָציאַליסטישער פאָלקס־רעגירונג, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין לובלין, מיטן אַרבעטער־פירער דאַשינסקי בראש. די זעלנער האָבן זיך העפלעך אויפגעפירט און קאָרעקט געהאַלטן אין דער קורצער צייט פון זייער זיין אין שטאָט.

דעם 14־טן דעצעמבער 1919, זענען פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט. אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 23 ראַטמענער זענען אויסגעוויילט געוואָרן 14 יידן, 9 פון נאַציאָנאַלן בלאָק און 5 פון „בונד״. בראש פון די פוילישע ראַטמענער איז געשטאַנען דער גלח טעאָדאָר מאָטעאושעוויטש. אויף דער ערשטער זיצונג פון שטאָטראַט האָט ער אַפּעלירט צו די יידישע ראַטמענער זיי זאָלן אים העלפן אויפהאַלטן די גוטע באַציאונגען צווישן פּאָליאַקן און יידן דורך ווייַלן אַ שטאָטראַט (מאַגיסטראַט) פון בלויז פּאָליאַקן. אַנדערע פוילישע ראַטמענער האָבן דערקלערט, אַז אויב יידן וועלן נישט אָננעמען דעם פאָרשלאָג פון גלח, וועלן די פּאָליאַקן אַרויסטרעטן פון שטאָטראַט.

צוליבן טעראָר אויף יידן אין לאַנד און דער געדריקטער שטימונג ביי זיי אין שטאָט, האָבן די יידישע ראַטמענער, נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת, זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פון די פּאָליאַקן. אויף דער צווייטער זיצונג פון שטאָטראַט זענען אויסגעוויילט געוואָרן — דער בירגערמייסטער, וויצע־בירגערמייסטער און אייין לאַווניק — פּאָליאַקן. דאַקעגן דער צווייטער לאַווניק — אַ ייד, דער מזרחיסט הלל שיינבערג. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ פּאָליטישער פעלער, ווייל דערמיט האָט זיך געשאַפן אַ פּרעצעדענס פאַר דער צוקונפט. עס איז דערנאָך קיינמאָל נישט אויסגעוויילט געוואָרן אין שטאָט אַ ייד אַלס בירגערמייסטער, הגם יידן זענען געווען 60—70 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין שטאָט.

כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל פוילישע ווילער צום שטאָט־ראַט, האָט דער סטאַראָסטע צוקאָאָפּטירט צוויי נאָנטע דערפער צו דער שטאָט און דערמיט פאַרגרעסערט די צאָל פוילישע ראַטמענער.

אין דער צייט פון וואַלן צום שטאָטראַט אַזוי ווי צום סיים, זענען פאָרגעקומען קאַמפן צווישן די יידישע פּאַרטייען און גרופּירונגען, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט באַזונדערע רשימות. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן מיטינגען אין די בתי־מדרשים, פּאַרטיי־לאָקאַלן און אויך אין מאַרק. צו די מיטינגען פלעגן קומען רעדנער, פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן פון וואַרשע. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען דיסקוטירט, זיך געקריגט און טיילמאָל אויך געשלאָגן. דער „בונד״ האָט ביי יעדן וואַל־קאַמף אַראָפּגעבראַכט דעם בונדישן פּאָפּולערן זשורנאַליסט און שרייבער יעקב פּאַט (ווילנער) ע״ה. זיינע שאַרפע און קלוגע

האַלב־מגידישע רעדעס, דורכגעפלאָכטן מיט פסוקים פון תנ״ך און מעשיות פון מדרש, האָבן שטענדיק אויסגענומען ביים המון, וואָס פלעגט קומען מאַסנווייז אים הערן.

איינעם פון די פיל קוריאָזן אין שייכות מיטן וואַל־יריד אין שטעטל איז כדאי צו פאַרצייכענען :

בעת די וואַלן צום צווייטן שטאָטראַט, וואָס זענען פאָרגעקומען אין חודש אלול פון יאָר 1927, האָט דער „בונד״ אין שטאָט אַרויסגעלאָזט אַ וואַל־פּראָקלאַמאַציע קעגן די קאַנדידאַטן פון דער פאַראייניקטער נאַציאָנאַלער רשימה, פאָרוואַרפנדיק דעם ציוניסטישן קאַנדידאַט, אַז ער האָט דערלאַנגט פרייטיק־צו־נאַכטס אַ פּאַפּיראָס דעם רב, ווען ער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פרומע יידן, זענען געקומען אין ציוניסטישן לאָקאַל צו מוסרן די ציוניסטן פאַר חילול־שבת בפרהסיה. ווייטער איז אין דעם בונדישן פּאַשקוויל אָנגעגעבן געוואָרן, אַז אַ צווייטער ציוניסטישער קאַנדידאַט פון נאַציאָנאַלן בלאָק זאָל האָבן אָרגאַניזירט אַ גרופּע יוגנטלעכע, געפאָרן אום יום־כפור אין אַ דערבייאיק שטעטל און דאָרט איינגעאָרדנט אַ הוליאַנקע. דער אויפרוף האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „ווער עס וויל האָבן אַן אמתע כתיבה וחתימה טובה, זאָל שטימען פאַר דער בונדישער ליסטע״.

די צייטונג פון די לינקע „פּועלי־ציון״ אין פּוילן האָט אָפּגעדרוקט אַ פאַקסימיליע



תנועת פועלי־ציון במאקוב, בשנת 1919

פּועלי־ציון באַוועגונג אין מאַקאָוו, אין יאָר 1919

פון דעם אויפרוף צו באַווייזן ווי ווייט דער „בונד" האָט זיך פאַרגאַלאָפּירט אין גאַנג פון דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע צו די שטאָטראַטן, כדי צו געווינען די שטימען פון פרומע ווײלער.

די אָנגעגריפענע ציוניסטישע קאַנדידאַטן האָבן אָנגעקלאָגט דעם מחבר פון אויפ־רוף אין שטאָטישן געריכט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו אַן ערן־געריכט. עס איז געקומען צום „בונד" אַ ספּעציעלער שליח פון וואַרשע און געמאַכט אַ שאַרפן פאַרוואורף די חברים פאַר דעם אינהאַלט פון אויפרוף, וואָס האָט פאַרשאַפט חרפה דער בונדישער פּאַרטיי. דער מחבר פון דער פּראָקלאַמאַציע האָט זיך עפנטלעך אַנטשולדיקט, צוריקגעצויגן די באַשולדיקונגען קעגן די ציוניסטן, באַצאָלט אויך אַ געלט־שטראָף, און דער שלום צווישן די פּאַרטייען איז צוריקגעשטעלט געוואָרן.

אין דעם ערשטן געוויילטן שטאָטראַט האָט געהערשט אַ האַרמאָניע און פאַרשטענדע־ניש צווישן יידן און פּאָליאַקן. אַלע האָבן געהאַט גוטע כוונות און געמיינזאַם געזוכט מיטלען און וועגן אויפצובויען און אַנטוויקלען די שטאָט לטובת יידן און פּאָליאַקן צוזאַ־מען. עס איז געלונגען צו באַקומען פון דער רעגירונג אַ הלוואה פון הונדערט טויזנט מאַרק אויף עפנטלעכע אַרבעטן, צו לינדערן די אַרבעטסלאָזיקייט אין שטאָט. לויט די פאָרשלאָגן און איניציאַטיוו פון די יידישע ראַטמענער, האָט דער מאַגיסטראַט זיך געוואָנדן צו דער רעגירונג און באַקומען אַ דערלויבעניש צו נעמען פון די נאָנטע רעגירונגס־וועלדער האָלץ פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג צום קאָכן און הייצן די אויוונס אום ווינטער, איינגעקויפט מעל און קאַטאָפל, אויסערן קאָנטינגענט, כדי פונאַנ־דערצוטיילן צווישן די נויטבאַדערפטיקע אין שטאָט. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אויך געגרינדעט און אויסגעהאַלטן צוויי פרעבל־שולעס פאַר אָרעמע קינדער — יידישע און פּוילישע. די יידישע פרעבל־שולע איז געשטעלט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון אַ ספּעציעלער יידישער קאָמיסיע, וואָס איז דערצו געוויילט געוואָרן.

די פּויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה

די מלחמה, וועלכע איז אויסגעבראָכן אין יאַנואַר 1920 האָט צעטרייסלט די אַזוי אויך רואינירטע ווירטשאַפט, וואָס איז געבליבן נאָך דער דייטשישער אָקופּאַציע, גורם געווען צו פרייזן־שטייגערונג פון אַלע אַרטיקלען און אינפלאַציע, פאַרגרעסערט די אָרעמ־קייט אין לאַנד, ספּעציעל אין די שטעט און שטעטלעך.

דערצו האָבן יידן געליטן פון פאַרשטאַרקטע רדיפות, עקסצעסן, מאָרד־אָנפאַלן און רויבערייען פון באַוואָפנטע פּוילישע סאָלדאַטן.

די פּוילישע פּרעסע האָט אין אַלע צרות, אַפילו אין דער מלחמה, באַשולדיקט די יידן, געשריבן, אַז זיי זענען „באָלשעוויקעס, ספּעקולאַנטן און שונאים פון לאַנד".

יידן אין אונדזער שטאָט זענען אין יענער צייט אָפּגעקומען „בלויז" מיט שענדלעכע אַקציעס מצד די „האַלערטשיקעס", וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט שערן אָדער

אויספליקן יידישע בערד און מיט וואַרפן יידן פון די לויפנדיקע צוגן. דער ערשטער קרבן איז געווען אַן עלטערער ייד, ר׳ משה רעכטמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע און גרויסע האַלב־גרויע באָרד. די „האַלערטשיקעס" האָבן אים געטראָפן אין מאַרק און אַ העלפט פון איר אָפּגעשוירן. ר׳ משה איז אַ צייט לאַנג געגאַנגען אונטערגעבונדן די גאָמבע, ביז די אָפּגעשוירענע באָרד איז אונטערגעוואַקסן.

אין יאָר 1920 איז די בונדישע פּאַרטיי אין פּוילן פאַרבאָטן געוואָרן. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן אירע אַקטיוויסטן און ראַטמענער ישראל שיקאָראַ (היינט אין ישראל), יהונתן ניימאַן, אהרון יוסף אַראָנאָוויטש (קירטשעקאָוו), דוד מינאָגאַ, (דוד „תורה"), אברהם מאַלאַך און לייבל גאָגאָל ז"ל, דער פאָטער פון פּאָפּולערן אין ישראל קינסטלער פון מויל־האַרמאָשקע ה׳ שמואל גאָגאָל. געזאָלט האָבן זיי פאַרשיקט ווערן אין דאַן טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז בערעזאַ, אָבער אינצווישנצייט איז די געגנט פאַרנומען געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס.

9 חדשים האָבן די בונדישע עסקנים זיך אַרומגעוואַלגערט און געפּייניקט געוואָרן אין פאַרשידענע תפיסות. ערשט נאָך דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע זענען זיי באַפרייט געוואָרן און געקומען אַהיים דערשלאָגענע און צעבראָכענע. עס האָט לאַנג געדויערט ביז זיי זענען געקומען צו זיך און געקענט אָנהייבן אויפסניי אַ נאָרמאַל לעבן.

נישט נאָר ציווילע בירגער זענען טעראָריזירט געוואָרן דורך פּוילישע סאָלדאַטן, אויך יידישע רעקרוטן זענען פאַרפאָלגט און געפּייניקט געוואָרן דורך זייערע פּוילישע



מגויסי־צבא במאקוב, בשנת 1927

מאַקאָווער רעקרוטן, אין יאָר 1927

סאָלדאַטן. פון יידישן רעקרוט האָט מען, ביים אָנקומען אין מיליטערישן לאַגער, צוגענומען אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַפילו קליידער און שיך — און אים זיי מער נישט צוריק־געקערט. ספּעציעל האָבן יידישע רעקרוטן געליטן פון די אינסטרוקטאָרן, סאָלדאַטן פון נידעריקן מיליטערישן ראַנג. בעת די מיליטערישע איבונגען האָבן זיי זיך פאַרווײַלט דורך פּייניקן און איזדעקעווען זיך איבער די אומבאַהאָלפענע יידישע רעקרוטן. זיי האָבן געכאַפּט קלעפּ פון אַלע זייטן, אַפילו בעת זיי זענען געשטאַנען אין דער ריי צו נעמען עסן. אין די נעכט האָט מען זיי געוועקט צו פאַרשידענע אַרבעטן אָדער סתם געיאָגט האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע אין דרויסן. איך אַליין, קומענדיק דעם ערשטן טאָג אין אַ מיליטערישן לאַגער אין מאָקאָטאָוו, וואַרשע, האָב שטייענדיק אין דער ריי נאָך עסן, באַקומען מיטן הערינג אַ שמיץ איבערן פּנים און איבער די אויגן. ווען איך בין געלאָפן אויפצוהייבן דעם אַוועקגעשליידערטן הערינג, זיך איינגעבויגן אים אויפצוהייבן, בין איך אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. ו„את חטאי אני מזכיר היום" — מער ווי דעם איינעם טאָג בין איך אין לאַגער נישט געווען. פאַר גוט געלט בין איך, אין זעלבן אָוונט, פון דאָרט אַרויסגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון עפּעס אַ פעלדשער, וואָס האָט מיר דערמעגלעכט צו נעכטיקן אין אַ האָטעל.

שטאָטישע יונגעלייט, וואָס האָבן נישט געקענט איבערטראָגן די עינויים, זענען אַנטלאָפן פון מיליטער. אַנדערע האָבן לכתחילה זיך נישט צוגעשטעלט צו די מיליטע־רישע קאָמיסיעס און ווערבירונג־פּלעצער. דורך אומלעגאַלע וועגן זענען זיי אַוועק קיין דייטשלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך. אַ טייל פון זיי אויך קיין אַמעריקע.

געווען אויך יידישע סאָלדאַטן פון שטאָט, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער מלחמה. אייניקע זענען געפאַלן אין שלאַכט, ווי לייב קערש, דוד ווייסמאַן אהרון באָטשאַן און אַנד. זייערע נעמען ווערן דערמאָנט אין אַ באַריכט פון דער פּ.אָ.וו. אין אונדזער ראַיאָן.*

די באָלשעוויקעס אין שטאָט

אָנהייב אויגוסט 1920 זענען די באָלשעוויקעס אַריין אין שטאָט. קיין אָרגאַניזירטע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ביי אונדז נישט געווען. בראש פון שטאָט־קאָמיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן באָלשעוויסטישן קאָמיסאַר, זענען געשטאַנען: אַן עלטערער פּאָליאַק, וואָס האָט געאַרבעט ביי אַ פרעס־מאַשין אויפן שאָסיי און אַ יידישער יונגערמאַן, פייוול בלום, וואָס איז נישט לאַנג געווען באַקאַנט אין שטאָט ווי אַ ציוניסטישער טוער און רעדנער, חבר פון די „צעירי ציון", מיטגרינדער פון די „פרחי־ציון" — אַ יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע אין וועלכער ער איז געווען טעטיק. נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז ער אַוועק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אויך ער איז אַנטלאָפן פון פּוילישן מיליטער

* I. Wesołek: Monografia m. Makowa, 1938.

און געוועזן באַהאַלטן ביזן אָנקום פון די באָלשעוויקעס. דער פּאַליאַק און פּייוול בלום פלעגן אויפטרעטן מיט שאַרפע קאָמוניסטישע רעדעס אויף די מיטינגען, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין מאַרק אין יידיש, רוסיש און פּויליש. אַלס בירגערמייסטער פון שטאָט איז באַשטימט געוואָרן דער פּאָליאַק אַרטיפּיקעוויטש. דער מאַגיסטראַט איז באַזעצט געוואָרן דורך דעם פּאָטער, שוועסטער און ברודער פון פּייוול בלום. זיי האָבן קיין געהאַלט נאָך נישט באַקומען, אָבער אַ לעבל שוואַרץ ברויט און אַ ביסל שפּייז אָפּצועסן איז דערוויל געווען.

באַלד אין די ערשטע טעג האָבן די באָלשעוויקעס אַרעסטירט דעם גלח. יידן האָבן זיך באַמיט מען זאָל אים באַפרייען. מיר האָבן געגעבן צו פאַרשטיין פּייוול בלום, דעם אָנפירער פון שטאָט־קאָמיטעט, וועלכער איז געבליבן אונדזער פריינד אַפילו נאָכן פאַרלאָזן די ציוניסטישע באַוועגונג, אַז דאָס אַרעסטירן דעם גלח קען אַמאָל ברענגען אַן אומגליק אויף יידן. דאָס האָט, זעט־אויס, געהאָלפן. דער גלח איז באַפרייט געוואָרן און יידן האָבן פריי אָפּגעאָטעמט.

די שלעכט־געקליידעטע רוסישע סאָלדאַטן און אָפיצירן האָבן געקויפט אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקריגן, און געצאָלט מיט פּאַפּיר־געלט — קליינע באַנקנאָטן, געריסן אָדער געשוירן פון לאַנגע בויגנס, ווי גרויסע פּאָסט־מארקעס.

עס איז אַרויס אַ באַפעל פון שטאָט־קאָמיסאַר, אַז סוחרים דאַרפן אויפנעמען און רעגיסטרירן זייער סחורות אין קעגנוואַרט פון אַ קאָמוניסטישן פונקציאָנאַר.

צו אונדז אין שניט־קראָם איז געקומען אויפנעמען די סחורה מיין חבר און פריינד פּייוול בלום. ער איז געשטאַנען אין קלייט און אַכטונג געגעבן ווי איך האָב איבערגעמאָסטן די שטאָפן, געציילט די טיכער און אַלץ פּינקטלעך פאַרצייכנט. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי דאַרף און מוז געטאָן ווערן לטובת דער רעוואָלוציע און לטובת דער אָרעמער באַפעלקערונג און די אַרבעטער, וועלכע ווערן עקספּלאָאַטירט דורך דער בורזשואַזיע. דערביי האָט ער מיך באַרואיקט, אַז מיר וועלן נישט זיין די ערשטע, ביי וועמען מען וועט די סחורה קאָנפיסקירן, ווייל מיין מאַמע איז אַן אַלמנה, און ער האַלט אונדז נישט פאַר בורזשויען, נאָר פאַר קליינבירגער, וועלכע מען דאַרף געווינען פאַר דער רעוואָלוציע.

דערווייל איז דער רוסישער פראָנט געבראָכן געוואָרן נעבן וואַרשע. די באָלשעוויקעס, געיאָגט פון פּוילישן מיליטער, זענען געלאָפן און אומאָרדענונג צוריק, און נישט באַוויזן צונעמען אין אונדזער שטאָט די שוין־רעגיסטרירטע סחורות. אָבער סיי־ווי האָבן זיי שוין געהאַט, אין דער קורצער צייט, האַלב־אויסגעליידיקט די קלייטן, קויפנדיק פאַר די ווערטלאָזע פּאַפּירענע רובלס, און טייל מאָל אויך כאַפּנדיק ביי אָרעמע שניידער און שוסטער מלבושים און שטיוול.

צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס זענען אַוועק אויך צענדליקער אַנטלאָפענע פון מיליטער. בלויז אַ קליינער טייל פון זיי האָט באַוויזן אַריבערצוגיין די פּוילישע גרענעץ. די

מערהייט האָבן נישט געקענט נאָכלויפן די שנעל־אָפּטרעטנדיקע באָלשעוויקעס, און זענען געכאַפּט געוואָרן דורכן פוילישן מיליטער, אַריינגעזעצט געוואָרן אין די טורמעס און געקריגן דערביי שטאַרקע קלעפּ. די עלטערן פון די געכאַפּטע זין צוזאַמען מיט די יידן אין שטאָט, זענען געווען שטאַרק באַאומרואיקט צוליבן גורל פון די אַרעסטירטע. פאַר דעזערציע האָט מען דאַן לויטן געזעץ, געקענט באַקומען טויט־שטראָף. געווען אַ סך פאַלן, ווען יידישע ווי אויך פוילישע דעזערטירן זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין סיים, מיט יצחק גרינבוים בראש, האָט אינטערוועניִרט ביי דער פוילישער מיליטערישער מאַכט און ביי דער רעגירונג וועגן אַמנעסטיע צוליבן זיג איבער די באָלשעוויקעס. אַן אַמנעסטיע, וואָס זאָל אַרומנעמען אויך דעזערטירן, וואָס די גרעסטע מערהייט פון זיי זענען געווען פּאָליאַקן. דעם 20־טן סעפּטעמבער 1920 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַמנעסטיע, אונטערגעשריבן פון יוזעף פּילסודסקי, שעף פון דער פוילישער אַרמיי. די מערהייט פון די אַרעסטירטע איז באַלד באַפרייט געוואָרן און די איבעריקע — אין אַ קורצער צייט אַרום.

פּייוול בלום — קאָמוניסטישער פונקציאָנאַר און שרייבער

מיט די לעצטע באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן איז אויך אַוועק פון שטאָט פּייוול בלום. אין אַ וואַרעמער נאַכט פון סוף חודש אויגוסט איז ער געקומען צו אונדז, זיינע יוגנט־פריינד, זיך געזעגענען. זיין שטענדיק בלאַסער פּנים איז געווען ווייס און אין זיינע שוואַרצע אויגן האָט געברענט אַ שוואַך פייערל פון אַ טובערקולאָז־קראַנקן. אויף דער פּלייצע —אַ רוקזאַק, געמאַכט פון זיין טאַטנס טלית־זעקל; אויפן אָרעם — אַ ביקס. די מיידלעך האָבן נישט געוואָלט מיט אים זיך געזעגענען, אַפילו נישט רייִדן, ווייל אויף אַ מיטינג האָט ער מיט פאַראַכטונג גערעדט וועגן „די צאַרטע מיידלשע הענט, וואָס אַרבעטן נישט און גייען אַרום גאַנצע טעג פּוסט און פּאַסט". דערביי האָט ער געדראָט, אַז „די הענטלעך וועלן אָפּגעהאַקט ווערן אויב זיי וועלן זיך אויפהייבן קעגן דער באָלשעוויסטישער מאַכט". שטילערהייט, כמעט אָן ווערטער, האָבן מיר זיך געגעבן די הענט. מען האָט דערקענט אין אים, אַז שווער קומט אים אָן די שיידונג פון שטעטל, פון זיין קרייז חברים און חברטעס, מיט וועלכע ער האָט אַ סך יאָרן פאַרבראַכט. אויך אונדז האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן. אַ שאָד געווען צו פאַרלירן אַזאַ פריילעכן —און שאַרפזיניקן חבר, וואָס איז אַרויס לתרבות רעה. קיינער האָט נישט באַוויזן אַזוי מייסטערהאַפט פאַר־צולייענען שלום עליכמס דערציילונגען און מאָנאָלאָגן ווי ער; אַוודאי נישט רעציטירן רייזענס אַ ליד אַזוי האַרציק און געפילפול ווי פּייוול, וואָס האָט אַליין אויך געשריבן לידער.

אין אַ בריוו פון מינסק, וואָס איך האָב פון אים דערהאַלטן אין אַ צייט אַרום, האָט ער געשריבן, אַז ער איז אַ מיטאַרבעטער פון אַ צייטונג, טעטיק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און שרייבט אַ בוך, ווו ער שילדערט יידישע טיפּן אין מאַקאָוו.

איין מאָל איז פון אים אָנגעקומען פון ווילנע אַ בריוו. לויטן אינהאַלט און אַדרעס האָב איך געזען, אַז ער איז געקומען אַהין אויף אַ פאַלשן פּאַס, אין אַ פּאַרטיי־מיסיע. ער האָט געשריבן אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין ווילנער „טאָג", זיינע הומאָריסטישע בריוועלעך פון ווילנע, וואָס זענען דערשינען יעדן פרייטיק אין צייטונג, האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג ביי די לייענער. געשריבן האָט ער אונטערן פסעוודאָנים „פּיוועלע". ער האָט חתונה געהאַט אין ווילנע און זיין זון, וואָס איז ביי אים געבוירן געוואָרן, האָט ער אַ נאָמען געגעבן „אָקטיאַבער". דערוויסנדיק זיך, אַז די געהיים־פּאָליציי האַלט אויף אים אַן אויג איז ער צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, דאָרט קראַנק געוואָרן, אויף זיין משפּחה־קראַנקהייט — טובערקולאָז, געפאָרן קיין קרים, ביים שוואַרצן ים אויף קוראַציע. איך האָב דערהאַלטן פון אים אייניקע פריילעכע בריוו פון אַ דאָרטיקן קור־אָרט. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 32—33 יאָר. געבליבן נאָך אים איז אַ קליין ביכל א. נ. „סאָמום" פון פּ. בלום, דערציילונגען פון לעבן פון די פּלאַנטאַציע־אַרבעטער אויף סומאַרע, פאַרלאַג „שול און בוך", מאָסקווע 1928" (פון שער־בלאַט).

ווען איר וועט טרעפן אין „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" דעם נאָמען בלום פּ., מחבר פון בוך „סאָמום", אַן איינצלהייטן פון זיין לעבן און טויט, זאָלט איר וויסן, אַז ער איז געווען אַ זון פון אַן אָרעמער פאַמיליע אין מאַקאָוו, געבוירן אין יאָר 1896.

צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס איז אויך אַנטלאָפן פּיוועלס יונגערער ברודער וועלוול בלום, גרינדער און פירער פון די לינקע פּועלי־ציון אין שטאָט.

אויף די מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן איינגעאָרדנט אין מאַרק, פלעגט דער רוס, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די פאַרזאַמלונגען, אויסרופן, ווי נאָר פּיוול האָט געענדיקט זיין רעדע: „סעיטשאַס בודיעט גאָוואָריט טאָוואַרישטש בלום, ווטאָראָי" (באַלד וועט רעדן חבר בלום, דער צווייטער).

וועלוול, אַ נידעריקער מיט אַ שיקלדיק אייגל, איז אַרויף אויף דער טריבונע און אַרויסגערופן געלעכטער ביי די פאַרזאַמלטע. ער האָט גערעדט שנעל, און אין איין אָטעם ציטירט מאַרקסן, לענינען און... באַראַכאָוון.

די ערשטע יאָרן האָבן זיינע חברים דערהאַלטן בריוו פון אים. ער איז געווען לערער אין אַ יידישער שולע. אין דער צייט פון די מאַסן־אַרעסטן אין רוסלאַנד איז ער אַרעסטירט געוואָרן, מער האָבן מיר פון אים נישט געהערט.

קאַמף קעגן שפּעקולאַציע און יידן

דער מאַנגל אין אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה און נאָך איר, האָט גורם געווען צו אַ פּרייזן־שטייגערונג, אינפלאַציע און דעם פאַלן פונעם ווערט פון דער פּוילישער וואַליוטע. אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָט

די רעגירונג געשאַפן אַמטן צו באַקעמפן שפּעקולאַציע און ליכווע, וועמענס שאַרף עס איז געווען געוואָנדן, קודם כל, קעגן קליינעם יידישן סוחר און קרעמער. די אַמטן האָבן באַשטימט פּרייזן אויף אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסגעהאָנגען ווערן אין די קלייטן און פאַרקויפס־שטעלן אויף אַן אָנזעעוודיק אָרט. פאַר נעמען מער ווי די אָפיציעלע פּרייזן זענען אָנגעווענדעט געוואָרן גרויסע געלד־שטראָפן און אויך אַרעסט. די געשטעלטע פּרייזן אויף די אַרטיקלען זיינען אָפּטמאָל געווען נישט רעאַלע. אויב זיי זיינען געווען צוגעפּאַסט היינט, האָבן זיי שוין נישט געטויגט מאָרגן, ווייל אַלץ איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. דער פּויער און גוט־באַזיצער האָבן גענומען פאַר זייערע פּראָדוקטן וויפל זיי האָבן נאָר געוואָלט. דער הורט־סוחר, אימ־פּאָרטער און פאַבריקאַנט האָט זיך נישט גערעכנט מיטן אַמט צו באַקעמפן דעם יקרות. די אַגענטן פון אַמט קעגן שפּעקולאַציע האָבן זיך ממש אָנגעזעצט אויף די יידישע סוחרים, וועלכע זענען אַלע מאָל באַשטראָפט געוואָרן מיט גרעסערע געלט־סומעס פאַר נעמען אַ גראָשן אָדער צוויי מער איבער דעם אָפיציעלן פּרייז, אָדער געמוזט געבן כאַבאַר דעם אַגענט ער זאָל אים לאָזן צורו. צוליב דעם האָבן אויסגעפּעלט אין שטאָט אַרטיקלען ווי זאַלץ, נאַפט, צוקער א״דגל.

מיטן פאַלן פונעם ווערט פון פּוילישן מאַרק און צוליבן שנעלן הייבן זיך פון די פּרייזן פון אַלע אַרטיקלען, זענען די איינציקע פאַרמעגלעכע סוחרים אין שטאָט, וואָס האָבן געהאַט גרויסע קרעדיטן, נאָך רייכער געוואָרן. אויך די אָרעמע זיינען, אייגנטלעך, אויך רייכער געוואָרן מיט טויזנטער און מיליאָנען מאַרקן, אָבער זייער סטאָק סחורה איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג איינגעשרומפּן.

געווען אין שטאָט אַ ייד, אַ גביר — מאָטל הורוויץ. ער האָט מקנא געווען די גרויסע שניט־סוחרים, וועלכע „מאַכן מיליאָנען”. האָט ער פאַרקויפט זיין וואַסער־מיל און אָנגע־הויבן האַנדלען מיט שניט־סחורה און קאָנפעקציע. ער האָט געקויפט און פאַרקויפט, געמאַכט אומזאַצן אויף מיליאָנען, ביז... ער איז געבליבן ביי איין איינציקע טוץ ביליקע הויזן. וועלכע האָבן באַטראָפן צענדליקער מיליאָנען מאַרקן, אָבער ער האָט פאַר די דאָזיקע מיליאָנען נישט געקענט צוריקקויפן אַפילו איין שטיין פון זיין מיל.

סוחרים האָבן געבאָרגט ביי „אַמעריקאַנערינס” (פרויען וועמענס מענער זענען געווען אין אַמעריקע) הונדערטער דאָלאַרן אויף פּראָצענט; געליען דאָלאַרן אָדער ענגלישע פונטן ביי מיידלעך, וואָס האָבן דאָס געלט אָנגעזאַמלט אויף נדנים. דער פּרייז פון דאָלאַר אָדער פונט איז צען פאַכיק געשטיגן און סחורה אין קלייט איז געוואָרן וויניקער. ווען דער סוחר זאָל אַלץ פאַרקויפן, וואָלטן די מיליאָנען פּוילישע מאַרקן נישט געסטאַיעט צו באַצאָלן פאַר די דאָלאַרן וואָס ער האָט געבאָרגט. צוליב דעם זענען אין שטאָט געווען קריגערייען, געווייִנען, אַפילו געשלעגן. יידן, בוררים, קהל־מענטשן, האָבן זיך אַריינ־געמישט, ווי עס איז אויסגעגלייכט דעם שווערן סכסוך. די בעלי־חובות האָבן זיך מתחייב געווען אויסצוצאָלן דאָס געבאָרגטע געלט. אָבער היטלערס מערדערישע חיילות

ימ״ש האָבן פאַרפייניקט און פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס סיי דעם לווה און סיי דעם מלוה, צוזאַמען מיט אַלע יידן פון שטאָט.

אין מאַקאָוו זענען געווען 7 געשעפטן מיט קאָנצעסיעס צו פאַרקויפן אַלקאָהאָל־געטראַנקען — 5 יידישע און 2 פוילישע. נאָכן אָננעמען אין סיים דאָס געזעץ צו באַגרענעצן דעם קאָנסום פון אַלקאָהאָל, האָט די רעגירונג צוגענומען, אין יאָר 1920, די 5 קאָנצעסיעס ביי די יידן אין שטאָט. דאַקעגן די 2 פוילישע סוחרים זענען געבליבן ביי די דערלויבענישן צו פאַרקויפן שאַרפע געטראַנקען. דאָס זעלבע איז געשען אין אַ סך אַנדערע שטעט. די יידישע דעפּוטאַטן האָבן דערלאַנגט אַן אינטערפּעלאַציע אין סיים.

אַ סיים־דעפּוטאַט רעדט און פּאָליאַקן וויינען

אין דער וואַרשעווער טאָג־צייטונג „היינט״ פון 22־טן סעפּטעמבער 1921, אין דער אָפּטיילונג „וואָס ברענגט אונדז די פּאָסט״, דערציילט ה׳ ק. פון מאַקאָוו:

אין אַ חגא־טאָג האָט דער סיים־דעפּוטאַט פון מאַקאָווער קרייז זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער גאַס, נעבן קאָשטשאָל (קירכע) און גענומען רעדן.

אָבער, אַנשטאָט אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן זיין אייגענער טעטיקייט, האָט ער גאָר געליי͏ענט אַ הספד נאָך דער רעגירונג. ער האָט געזידלט די געזעצן וועגן פאַרצעלאַציע, 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און נאָכמער די... יידן. אין אַלץ — האָט ער געזאָגט — זענען שולדיק די יידן. יידן מאַכן אינפלאַציע, יידן פאַרטאַכליעווען אויבער־שלעזיע א.א.וו. און דאָ האָט דער סיים־דעפּוטאַט דערציילט אַ געשיכטע וועגן אַ צלם אין סיים: „די יידן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די סאָציאַליסטן און געפּועלט, אַז מען זאָל דעם צלם אַוועקשטעלן נישט אינעווייניק אין סיים, נאָר אין דרויסן, אין קאָרידאָר. דער גאַנצער סיים זעט־אויס ווי אַ יידישע שול״.

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט דער המון אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין. עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען: „אַ טויט די יידן!״, „נידער מיטן סיים!״ נאָכן דעפּוטאַט האָט גענומען דאָס וואָרט אַ סעקרעטאַר פון עפּעס אַ גמינע. ער האָט אויך גערעדט קעגן יידן. ער האָט געזאָגט, אַז שלאָגן יידן טאָר מען נישט, עס פּאַסט נישט, אָבער דעם באָיקאָט מוז מען אָנווענדן. מען דאַרף נישט האַנדלען מיט יידן. און בכלל — האָט דער „קלוגער״ אַנטיסעמיט געדרשנט — לוינט גאַרנישט צו פאַרקויפן, ווייל די מאַרקן וואָס די יידן געבן זענען גאַרנישט ווערט...״

און די פּאָליציי איז געשטאַנען אין אַ זייט און שטאַרק אָפּגעהיט די דעפּוטאַטיש־אַנטיסעמיטיש־באָיקאָטיסטישע אומבאַרירלעכקייט.

די נאָטיץ ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„און אונדזער פאָלקס־וויצלינג, ר׳ אלי׳ מאַקאָווער, ליגט דאָרט אין קבר און הערט

זיך צו צו די אַנטיסעמיטישע שטותים פון מאַקאָווער סיים־דעפּוטאַט. ער דרייט זיך איבער פון געלעכטער צוהערנדיק זיך, פון וואָס דער מאַקאָווער המון צעווײנט זיך".

געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטיקייטן

די געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע טעטיקייטן אין שטאָט האָבן זיך נישט אָפּגע־שטעלט אַפילו אין דער מלחמה־צייט מיט די באָלשעוויקעס. די לאָקאַלן פון בית־העם, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פון דער נאַציאָנאַלער יוגנט און די ביבליאָטעק, האָט מען געדאַרפט אָפּגעבן דער פּוילישער געזעלשאַפט „לוטניאַ", וואָס האָט באַנייט איר אַרבעט. אין שטאָט איז אוממעגלעך געווען צו קריגן אַ פּאַסיקן לאָקאַל. איז דער בית־העם אַריבער אין אַ וווינונג פון אַן אַלט, הילצערן איין גאָרנדיק הויז, מיט סקריפּענדיקע טרעפּ, נעבן נייעם בית־המדרש. אָבער דאָס האָט מיט גאָרנישט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער און קולטורעלער אַרבעט.

צו דער ערשטער פאַרזאַמלונג אין דער נייער וווינונג צו באַהאַנדלען די פּראָגן,



ערב פרידה למר משה בז'וזה לקראת נסיעתו ללודז', בשנת 1918

געזעגענונגס־אָוונט לכבוד ה' משה בזשאָזאַ צו זיין אָפּפאָר קיין לאָדזש, אין יאָר 1918

וואָס זענען געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער פערטער ציוניסטישער לאַנד־קאָנפערענץ אין וואַרשע דעם 17־טן אויגוסט 1919, איז געקומען אַ גרויסער עולם. אַלס דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ איז דאַן אויסגעוויילט געוואָרן חבר נתן מאָנטש־קאָווסקי (היינט שחר, אין ישראל).

בלעטערנדיק די צייטונג „הצפירה" פון יאָר 1920, האָב איך געטראָפן רשימות פון „קרן קימת"־שפענדער און זאַמלער פון פיל שטעט און שטעטלעך אין פוילן, צווישן זיי אויך מאַקאָוו. 2 פון די דאָזיקע רשימות ברענג איך דאָ, אין העברעישן אָריגינאַל. זיי האָבן אַ היסטאָרישן ווערט צוליב די חתונות, תנאים און אָוונטן, וואָס זענען פאָרגע־קומען אין דעם קריזיס־יאָר, און ווערן דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט די זאַמלונגען פאַרן „קרן קימת".

„הצפירה", 6 מערץ 1920

מקוב, אגודת „צעירי ציון"

הקרואים אל הנשף אצל החברה הנדיל פישברג נוטעים 2 עצים על שמה.

הקרואים אל הנשף אצל החתן ר' גליקסברג והכלה ש. לילנטל —.20 מרק

שני עצים ע"ש הזוג —.20 מרק

משה פרידמן, עץ אחד —.15 מרק

שמחה צענטורא, עץ אחד —.10 חרק

„הצפירה" 23 מרץ 1920

מקוב, אגודת „צעירי ציון"

מינדל ברמזון ובריגה ליפסון עץ אחד —.10 מרק

משה רוזנברג ע"ש דוד מיינר, עץ אחד —.10 מרק

החברות: רבקה ריבק, שרה בלום ואסתר שרה הרצברג

ע"ש הכלה מינדל בלום וי. מ. סקורניק, עץ אחד —.10 מרק

גיטל סגל לאירושיה, נוטעות החברות 4 עצים —.40 מרק

לאה חילינאוויטש ע"ש מינדל בלום וי. מ. סקורניק

לנשואיהם, עץ אחד —.10 מרק

ע"י החברות צ. שאמאוויטש ולאה חילינאוויטש

ע"ש מינדל ווילנברג ויעקב פישל מונקרש לנשואיהם, 13 עצים 134.50 מ'

ע"י חברי „צעירי ציון" —.157 מ'

ע"י חברי „צעירי ציון", ספר הזהב 129.55 מ'

אין די רשימות פון שפענדער און זאַמלער פון „קרן קימת" אין די צייטונגען פון יענע יאָרן, ווערן דערמאָנט צענדליקער נעמען פון יידן אין מאַקאָוו, באַקאַנטע נעמען

פון טייערע, תמימותדיקע יוגנטלעכע, מיט וועלכע מיר האָבן צוזאַמען געטאָן געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט, געלערנט, דיסקוטירט, געטרוימט, געזונגען „כי נפשי עוד דרור שואפת" און געגלייבט אין אַ שענערן מאָרגן, וואָס דאַרף ברענגען די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד. בלויז איינצלנע פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון דייטשיש־נאַצישן גיהנום. די מערהייט איז מער נישטאָ. מיר ווייסן נישט אַפילו ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

אין מאַי 1920 האָבן מיר, צוזאַמען מיטן וועלט־יידנטום געפייערט דעם גרויסן נצחון פון דער ציוניסטישער באַוועגונג נאָכן אַריינגעמען אין שלום־טראַקטאַט מיט טערקיי, אין סאַן־רעמאָ, די באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכע גיט יידן די רעכט צו בויען זייער היים אין פאַלעסטינע. אַ גרויסע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין נייעם בית־המדרש, וואָס איז געווען איבערפולט מיט יידן, יונג און אַלט. אַ פייערלעכע רעדע האָט געהאַלטן דער העברעישער לערער, טאַלאַנטפולער רעדנער און ציוניסטישער עסקן שמואל בערענהאָלץ ע"ה פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק. אויף די פייערונגען און פאַרזאַמלונגען איז פאַרגעלייענט געוואָרן די באַגריסונג־טעלעגראַמע פון לאָנדאָן צום ועד הפועל אין וואַרשע, פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען, און געווען אונטערגעשריבן פון רבקה סאָקאָלאָוו, די פרוי פון נחום סאָקאָלאָוו און טאָכטער פון יצחק־הערש סגל פון מאַקאָוו. די באַגריסונג, אונטערגעשריבן פון אַ מאַקאָווער, האָט אונדז געגעבן דאָס געפיל פון מחותנים אויף דער שמחה. דערצו האָבן מיר געמיינט, אַז מיטן אַריינגעמען די באַלפור־דעקלאַראַציע אין אָפּמאַך מיט טערקיי, וועט די טערקישע רעגירונג עפענען טיר און טויער פון ארץ־ישראל און רופן יידן זיי זאָלן קומען זיך באַזעצן, אַזוי ווי מיר, אין אונדזער נאַיִווקייט האָבן געמיינט, אַז מיט פוילנס אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך, ווו עס זענען פאַר־זיכערט געוואָרן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועט זיך אָנהייבן אַ ניי קאַפּיטל פאַר יידן אין פוילן, אָן דיסקרימינאַציעס און אָן רדיפות.

באַזוך פון אַלכסנדר אָלשוואַנגער און משה גאָרדאָן

אין אַ קאַלטער, שנייאיקער ווינטער־נאַכט, זענען געקומען פון דער באַן־סטאַציע פּאַשעקי, אַ מהלך פון 36 קילאָמעטער, אַדוואָקאַט אָלשוואַנגער און דער סטודענט משה גאָרדאָן אין שליחות פון דער וואַרשעווער צענטראַלע. אַדוואָקאַט אָלשוואַנגער, מיט אַ קליין בערדל, אַ הויכער, אַ באַברילטער, געקליידט ווי אַ פּוילישער אָפיציר, מיט אַ רוק־זאַק אויף דער פּלייצע, און משה גאָרדאָן, אָנגעטאָן ווי אַ סקאַוט מיט נאָך אַ גרעסערן רוק־זאַק. זיי זענען באַלד געוואָרן מיט אונדז היימיש.

אויף דער דרינגענדער חברים־באַראַטונג, וואָס איז גערופן געוואָרן אין דער זעלבער נאַכט, אין דער וווינונג פון יחיאל־מאיר פּליאַטאָ, הי"ד, פּרעזידענט פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, דאָזאָר און ראַטמאַן, האָט אַדוו. אָלשוואַנגער דערקלערט, אַז ער

קומט, לויט דעם צירקוליאַר וואָס מיר האָבן דערהאַלטן, אין שליחות פון ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע, צו רעאָרגאַניזירן די ציוניסטישע טעטיקייט אין שטאָט, פאַרבינדן די אָרגאַניזאַציע מיט דער צענטראַלע אין וואַרשע און אויך באַהאַנדלען איניקע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן קאַמף פון דעם צייטווייליקן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט פאַר די רעכט פון יידן אין פּוילן. אַן ענין, וואָס קען שריפטלעך נישט באַהאַנדלט ווערן.

משה גאָרדאָן האָט דערציילט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן גרינדן אַ יוגנט־סקויטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף זיך אויך פאַרנעמען מיט נאַציאָנאַלער דערציאונג פון דער יוגנט. ער האָט פאָרגעלייגט אַ פּלאַן פון אַרבעט פאַר די ערשטע מאָנאַטן, איבערגעגעבן איניקע עקזעמפּלאַרן פון דער צייטשריפט „השומר" אין פּויליש, און אויך אַ בראָשור וועגן יוגנט־סקויט פון באַדן פּאַול אין פּויליש.

די סקויטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַלד געגרינדעט געוואָרן דורך חברים פון די „צעירי ציון", איז באַשטאַנען מערסטנס פון שול־יוגנט. דער סקויטן־שטעקן, בלוזקע, בינדע, הוט און קורצע הויזן, צוזאַמען מיט די שפּאַצירן, שפּיל און געזאַנג האָבן צו־געצויגן די יוגנט פון שטאָט פון אַלע שיכטן — אַפילו פון פרומע היימען. די יוגנט־באַוועגונג, וואָס האָט זיך שפּעטער גערופן „השומר הצעיר", האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אין שטאָט, אָנטייל גענומען אין אַלע נאַציאָנאַלע אַרבעטן און געלט־זאַמלונגען פאַר די ציוניסטישע פאָנדן. די יאָרן, ווען יהודה גאָטהעלף, היינט רעדאַקטאָר פון



קבוצת צופים „ראובן" במאקוב, בשנת 1918

אַ גרופּע סקויטן „ראובן" אין מאַקאָוו, אין יאָר 1918

„דבר", איז געשטאַנען בראש פון דער „הנהגה הראשית" אין פוילן, זענען געווען די בעסטע און דערפאָלגרייכסטע פאַר דער טעטיקייט פון „השומר הצעיר" אין שטאָט אויף אַלע געביטן פון דערציאונג און סקויטונג. פון דער „הנהגה" איז כסדר אָנגעקומען גוט־צונויפגעקליבענער און באַלערנדיקער מאַטעריאַל פאַר דער קולטור־דערציִערישער אַר־בעט אין אַלע „שכבות". די „מדריכים"־העפטן, רעדאַגירט און צונויפגעשטעלט פון יהודה גאָטהעלף, האָבן אַ סך געהאָלפן די ראשי־קבוצות אין זייער איבערגעגעבענער אַרבעט. דערביי האָבן זיי אויך אַליין געלערנט און געוועקט אינטערעס ביי אַנדערע צו לערנען און לייענען. קינדער, יינגלעך און מיידלעך פון פרומע, פאַנאַטישע עלטערן, האָבן געליטן אין שטוב, געקריגן געשלאָגן, טיילמאָל זענען זיי אויך דורכן פאָטער פאַר די צעפּ אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון „קן" (קעמערל). מיידלעך, וועמענס עלטערן האָבן נישט באַשטאַנען, אַז זייערע קינדער זאָלן גיין אין אַן אָרט, ווו מען לערנט זיי „אַל תשמע בן למוסר אָב, ולתורת אם אַל אוזן הט"... אַ ליד פון דוד שמעוני, געווען פּאָפּולער ביי די שומרים.

די קינדער האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דעם צוואַנג פון די עלטערן און ווייטער געקומען אין „קן", ווו עס האָט געהערשט פריילעכקייט, געזאַנג און טענץ. ווען מען טרעפט זיך מיט די אַמאָליקע שומרים און שומרות פון מאַקאָוו, היינט שוין זיידעס און באָבעס, דערמאָנען זיי מיט ליבע און נאָסטאַלגיע יענע ראָמאַנטישע יוגנט־יאָרן אין „השומר הצעיר", די „מדורות" אין פעלד אין העלע, זומערדיקע נעכט, די אָרגאַ־ניזירטע שפּאַצירן אין די געדיכטע וועלדער נעבן שטאָט און אין די נאָענטע שטעטלעך און דערפער, די זומער־קאָלאָניעס צוזאַמען מיט „קנים" (קעמערלעך) פון ראַיאָן, די געזאַנגען און האָרא־טענץ אין „קן", וואָס האָבן געגעבן פיל יוגנט־פרייד און פאַרטריבן די טאָג־טעגלעכע זאָרגן פון דער ייִדישער היים אין שטאָט. אַ סך פון זיי זיינען אַוועק אויף הכשרה און געפינען זיך היינט אין ישראל, טייל אין קבוצים, אַנדערע — צעשפּרייט אין פאַרשידענע לענדער און קאָנטינענטן. זיי טראָגן מיט זיך מיט די הדרכה און נאַציאָ־נאַלע דערציאונג, וואָס זיי האָבן באַקומען אין „השומר הצעיר" און אויף די העברעישע אָוונט־קורסן, ווו זיי האָבן געלערנט אויסער עברית, אויך תנ"ך, ייִדישע געשיכטע און ליטעראַטור.

עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ, די נשמה הילט זיך איין אין טרויער, צוליב די אומ־געבראַכטע הונדערטער שומרים און שומרות פון מאַקאָוו, האַרציקע אידעאַליסטישע יוגנטלעכע, וואָס זענען דורך די נאַצישע מערדער ימ"ש פאַרשלעפּט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן צוזאַמען מיט זייערע עלטערן און אַלע ייִדן פון שטאָט.

לויט דער איניציאַטיוו פון אַפּטייקער ישעיהו רעקאָנט, הי"ד, און אַנדערע, איז געגרינדעט געוואָרן אין דער זעלבער צייט אַ סניף פון „תרבות", וועלכער האָט געהאַט דאָס רעכט צו עפענען העברעאישע דערציאונג־אַנשטאַלטן, ביבליאָטעקן און ספּאָרט־קלובן. ביים „תרבות" איז געעפנט געוואָרן אַ גן־ילדים, אָנגעפירט דורך דער דיפּלאָמירטער

גננת (פרעבליסטין) גאָלדע (זהבה) דזיענקעוויטש, אגב דערצויגן אין „השומר הצעיר" און אויף די העברעיִשע אָוונט־קורסן. זהבה איז היינט אַ לערערין אין קבוץ בית־אלפא.

„אגודת שלומי אמוני ישראל"

די אָרטאָדאָקסישע פּאַרטיי אין פּוילן „שלומי אמוני ישראל" האָט געהאַט אַן אָפּטיילונג אויך אין מאַקאָוו. די פירער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי אין שטאָט, ר' וועלוול פיינצייג און קלמן שטערן, אַ סופר, זענען געווען קלוגע יידן און קעמפנדע אָרטאָדאָקסן, מיט וועלכע מיר פלעגן פירן שטרייטן אין דער צייט פון וואַלן צום סיים און שטאָט־ראַט. זיי האָבן אַמאָל אין די ווינטערדיקע פרייטיק־צו־נאַכטסן אַריינגעפירט דעם רב פון שטאָט ר' ישראל־ניסן קופּערשטאָך ז"ל (נפטר געוואָרן אין ישראל) אין זאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בעת דאָרט איז פול געווען מיט חברים און חברות וואָס זענען געקומען הערן אַ לעקציע וועגן ליטעראַטור. מיר זענען איבערראַשט געוואָרן פון פלוצלונגדיקן באַזוך פונעם רב מיט נאָך אייניקע יידן. טייל אָנוועזנדע, פון פרומע היימען, האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די טישן. דער רעדנער, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ טישל נעבן דער אַריינגאַנגס־טיר, האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט העפלעך אויפגענומען די אומגעבעטענע געסט און געפרעגט וואָס זיי פאַרלאַנגען. דער רב, וואָס איז געווען אַ גוטער ייד און געפירט זיך ווי אַ רבי, האָט זיך, אַלס אַ רעדנער קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט. אין אָפּגעהאַקטע זאַצן האָט ער געזאָגט:

„איך בין געקומען, ווייל מען האָט מיר דערציילט, אַז ביי די ציוניסטן איז מען מחלל שבת בפרהסיה, מען זיצט אין די בלויזע קעפּ — יינגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען — און דאָס איז אַ גרויסע עבירה".

דער רעדנער האָט אים געענטפערט, אַז „ווען די בחורים מיט די מיידלעך זאָלן אַצינד נישט זיין דאָ, וואָלטן זיי מיט די זעלבע מיידלעך געגאַנגען אין טונקעלן שטאָט־גאָרטן און וואָלטן מן הסתם דאָרט מחלל שבת געווען. איז שוין גלייכער מיר זאָלן דאָ זיין אַלע צוזאַמען און לערנען אַ יידיש וואָרט".

קלמן סופר האָט געזאָגט אַ פּאָר מוסר־ווערטער און אָנגעהויבן אַוועקצוגיין, אָבער דאָ האָט איינער פון די יידן באַמערקט, אַז ער האָט נישט קיין מזוזה אַ קוש צו געבן ביים אַרויסגאַנג. דער רב איז צוריק אַריינגעקומען און געבעטן מען זאָל למען השם אָנקלאַפּן אַ מזוזה. געזאָגט „אַ גוטן שבת" און אַוועק.

אין יאָר 1924 האָבן די „שלומי אמונה ישראל" מיט דער הילף פון גביר אין שטאָט, ר' בצלאל ווילענבערג ע"ה, אויפגעשטעלט אַ גרויסן הילצערנעם בנין פאַר אַ „חדר" אונטערן נאָמען „יסודי־תורה". דער מנהל פון חדר, ווו עס האָבן געלערנט אַ 240 יינגלעך, איז געווען ר' וועלוול פיינצייג. פּויליש און אַלגעמיינע לימודים זענען געלערנט געוואָרן אין „חדר" לויטן רעגירונגס־פּראָגראַם פאַר פּריוואַטע פאָלקס־שולן, אונטער דער אָנפי־

רונג פון שמואל פיאַנקאַ, מנהל פון די רעגירונג פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינדער אין שטאָט. די תלמידים האָבן געצאָלט שכר־לימוד, אָרעמע קינדער האָבן געלערנט אומזיסט. דעם דעפיציט פון „חדר" האָט אין אַ גרויסער מאָס געדעקט ר׳ בצלאל ווילענבערג, אייגנטימער פון אַ מיל און דאָזאַר אין דער קהילה.

מיר ברענגען דאָ אַ בריוו פון שטאָט, געדרוקט אין דער טאָג־צייטונג „היום" אין יאָר 1926, נישט לשם קנטור, חס וחלילה, ווייל די מערהייט פון יענע יידן פון די פאַר־שידענע פאַרטייען, מיט וועלכע מיר האָבן געהאַט שטרייטן, זענען שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. אַלע גלייך זענען זיי אכזריותדיק אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די חיילות פון „ערן־פאָלק", אין אייראָפּע. מיר דרוקן־איבער די קאָרעספּאָנדענץ, ווי אַ זכר פון אַ טייל מחלוקתן, וואָס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען — בלויז לשם היסטאָרישן אמת.

„היום, וורשה 17 פברואר 1926.

ביום ג׳ כ״ח שבט, הגיע למאַקוב הרה״ג האגר הנודע בעולם הציוני בתור דברן ועסקן גדול של ה„קרן הקיימת".

בשמוע אנשי ה„אגודה" על דבר בואו, השתדלו להבאיש את ריחו בעיני ההמון בזלזולים שונים, אך למרות כל אלה נשא בו ביום את נאומו באולם ה„מזרחי" בנוכחותם של חברי ה„מזרחי" והציונים.

הרצאתו היתה מלאת ענין והקסימה את כל הנאספים, ופה אחד נתקבלה החלטה ע״ד השנות ההרצאה גם למחר, ז.א. ביום ד׳ בבית המדרש.

הידיעה ע״ד ההרצאה בבית המדרש נפוצה חיש מהר בין כל שדרות ההמון, ועם נטות היום לערוב כבר היה בית המדרש מלא מפה לפה. ובשעה חמש פתח הרב את נאומו, אשר הקסים את לבות כל שומעיו.

אך ה„אגודה" לא תנום ולא תישן ו„תרק את חניכיה" ופרחחיה, למען הקים שאון ולהפריע לרב המרצה בעבודתו הלאומית. מעשיהם אלו עוררו התמרמרות עצומה בקרב הנאספים בביהמ״ד ובקול תרועת־נקם התאזרו להגן על כבוד הרב, והוציאו את הפרחחים מבית המדרש והרב הפסיק את הרצאתו, בכדי למנוע מחרחור הריב אשר התפרץ בין ההמון וה„אגודה".

והעיר הומה ורותחת כמרקחה; אי אפשר להשקיט ולהרגיע את כעס ההמון וקצפו ובתור אות מחאה נגד חוצפת ה„אגודה" להחלץ חושים לטובת הקהק״ל.

הנה כן נהפכה מחשבתם הרעה של אנשי „אגודה" לטובה. כי המקרה הזה יביא תועלת רבה בשביל הקהק״ל, והקופסאות שהושלכו על ידי אנשי ה„אגודה" החוצה טרם בוא הרב תוכנסנה שוב, ומקוים כי הכנסות ה„קרן הקיימת" תעלינה בהרבה מאשר עד הנה.

י. ל.

עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער אמת: געווען אין שטאָט אגודהניקעס, וואָס האָבן זיך באַשטייערט פאַרן „קרן קיימת" ביי פאַרשידענע אַקציעס, און נישט אַלע פרומע יידן זענען געווען אָנהענגער פון דער „אגודה", וועלכע איז אין גרונט געווען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי אָנגעפירט פון געֶרער רבינס הויף.

פּויפּעריזאַציע פון יידן אין שטאָט

מיט דער דערמוטיקונג פון דער רעגירונג און מיט דער הילף פון פּוילישע פינאַנסיעלע אינסטיטוציעס, האָבן זיך געעפנט אין שטאָט פּוילישע געשעפטן. דער קאָאָפּעראַטיוו פון לעבנסמיטל, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פאַר דער מלחמה, איז אַ סך פאַרגרעסערט געוואָרן. עס זענען אַנטשטאַנען נייע פּוילישע געשעפטן פון מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע, אייזן, בוי־מאַטעריאַלן און אַנדערע.

אויך אין די דערפער האָבן זיך פאַרמערט קלייטן פון שפּייז און אַנדערע אַרטיקלען. ביז דער מלחמה פון יאָר 1914 האָבן פיל יידישע פאַמיליעס געוווינט אין די גרויסע דערפער אַרום שטאָט, געהאַט קלייטן, זיך פאַרנומען מיט האַנדל און קרעמעריי, און געמאַכט אַ שייַן לעבן. מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן די דערפער און זיך מער נישט צוריקגעקערט. אַ סך פון זיי האָבן נאָך אין יענער צייט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. די קליינע פּויערים, הגם זיי זענען אין אונדזער געגנט, אין זייער מערהייט, געווען אַ רואיקער עלעמענט און פריינדלעך צו יידן, זענען דאָך באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער כסדרדיקער אַנטיסעמיטישער און באָיקאָט־אַגיטאַציע, און אָנגעהויבן ביסלעכוויז אויסצומיידן יידישע געשעפטן.

דער גרעסטער גורם צו דער פאַראָרעמונג פון יידן אין שטאָט, זענען געווען די גרויסע שטייערן.

די סוחרים און קרעמער — דער רוב מסחר אין קליינעם מאַסשטאַב, — האָבן נישט געפירט קיין האַנדלס־ביכער. דער באַאַמטער פון שטייער־אַמט אין שטאָט האָט באַשטימט די הויך פון די שטייערן. פאַרמעל האָט עקזיסטירט אַ שטייער־קאָמיסיע פון סוחרים און האַנטווערקער־פאָרשטייער, אָבער דער באַאַמטער האָט זיך ווייניק גערעכנט מיט דער מיינונג פון דער קאָמיסיע, אָנהייבנדיק פון ערשטן, גרעסערן שטייער, די „דאַנינאַ", וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער באַפעלקערונג באַלד נאָך דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, ביז די שטייערן פון אומזאַץ און הכנסה, האָבן יידישע סוחרים אין שטאָט געמוזט צאָלן כמעט טאָפּלט ווי די פּוילישע פון דער זעלבער בראַנזשע, וועלכע האָבן פיל מער פאַרקויפט און פאַרדינט ווי אַ יידישער סוחר.

אין מאַקאָוו איז אַ סך יאָרן געווען אַ באַאַמטער פאַר אומזאַץ־ און הכנסה־שטייערן, אַ יונגער פּאָליאַק, אַ ציניקער, אַנטיסעמיט און סתם שלעכטער מענטש. בלויז זיין נאָמען האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף יידן. עס פלעגן קומען צו אים יידן מיט טענות און פּרויען מיט געוויין, צוליב די גרויסע שטייערן־סומעס, וואָס זיי האָבן געקריגן צו באַצאָלן, אָפט

מער ווי זייערע קלייטן האָבן באַטראָפן. דער פּאָליאַק האָט זיי אויסגעהערט שווייגנדיק, מיט אַ פאַרגליווערט פּנים און וואַסערדיקע אויגן, און גאָרנישט געענטפערט. יידן האָבן געקרעכצט, פּראָטעסטירט, געשיקט דעלעגאַציעס מיט מעמאָראַנדומס צום „צייטווייליקן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט”, ביי דער יידישער „קאָלאָ” אין סיים. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. יידן האָבן געוויינט און געצאָלט. און אַז נישט, האָט דער שטייער־אַמט צוגענומען אַלץ פון קלייט און פון הויז — אַפילו דאָס, וואָס דער ייד האָט נישט פאַרמאָגט...

סוחרים זענען געוואָרן אָרעמעלייט, נישט געהאַט קיין אומזאַץ־קאַפּיטאַל און דאָך ווייטער געמוזט האַנדלען, כדי צו ציען חיונה. געווען אַ צאָל סוחרים אין שטאָט, וואָס האָבן געפירט זייער מסחר אָן אייגן געלט, גענומען ביי יידן אין שטאָט הלוואות, געבאָרגט ביי איינעם הונדערט ביי אַ צווייטן פופציק זלאָטעס „צונויפגעקלאַפּט” אַזוי אַרום אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס און געפאָרן קיין וואַרשע ברענגען אַ ביסל סחורה, פאַרקויפט אויף מערק, אויף ירידים, באַצאָלט די חובות, און — וחוזר חלילה, ווייטער געליען, געבאָרגט, געקויפט און פאַרקויפט, געמוטשעט זיך און געמאַכט שבת, יום־טוב אַפילו חתונה געמאַכט קינדער, ווי עס זינגט זיך דאָס טרויעריקע פאָלקס־ליד:

„כ'פאַרמאָג אין קרעמל פּאַר צוויי גראָשן סחורה,
כ'שלעף דעם דלות און איך לויב דעם בורא...”

אַ סך קליינע שניידער־ און שוסטער־וואַרשטאַטן האָבן זיך געמוזט ליקווידירן. די פאַכלייט האָבן געמוזט גיין אַרבעטן צו יענעם פאַר אַ הונגער־לוין. אַנדערע האָבן גענומען ביי די פאַרמעגלעכע שניידער און שוסטער, אַרבעט אַהיים. ביי די אַזוי גערופענע „כאַלופּניקעס”, האָט געאַרבעט דער מאַן, די פרוי און אויך די עלטערע קינדער, און ס האָט געקלעקט קוים אויף אַן אָרעם לעבן — און דאָס אויך בלויז אין די ווינטער־ און זומער־סעזאָנען, וואָס האָבן געדויערט סך־הכל 6 חדשים אין יאָר.

סוחרים, קרעמער און בעלי־מלאכות האָבן געקענט אָנגיין מיט זייער באַשעפטיקונג בלויז אַ דאַנק די קרעדיטן פון דער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַנק און פון דער „גמילות־חסדים־קאַסע.

די קאָאָפּעראַטיווע באַנק איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון „דזשאָינט”, אין יוני 1926. אין סוף פון דעם יאָר האָט זי געהאַט 227 מיטגלידער און אַ קאַפּיטאַל פון 3605 זלאָטעס. דעפּאָזיטן אין באַנק — 611 זלאָטעס.

אין יאָר 1937 האָט די באַנק געציילט 345 מיטגלידער, געהאַט אייגענעם קאַפּיטאַל פון 32.652 זל.; אַרויסגעגעבן הלוואות אויף אַ סומע פון 384.784 זל.; דעפּאָזיטן — 50.345 זל.

צווישן די 345 מיטגלידער זענען געווען 2 פאַרמערס, 155 בעלי־מלאכות, 141 קליינע סוחרים און הענדלער, 13 גרעסערע סוחרים און פאַבריקאַנטן (מיל־אייגנטימער, לעדער־פאַבריקן), 34 אָנגעשטעלטע און אַנדערע. די באַנק האָט אויך באַדינט אַ קליינע צאָל פּאָליאַקן.



קן „השומר הצעיר״ במאקוב, בשנת 1930

קעמערל פון „השומר הצעיר״ אין מאַקאָוו, אין יאָר 1930



פעילי ,,השומר הצעיר", בשנת 1929

אַקטיוויסטן פון ,,השומר הצעיר", אין יאָר 1929



סניף ,,החלוץ" במקוב בשנת 1926

סניף פון ,,החלוץ" אין מאַקאָוו אין יאָר 1926

די צווישנשטאָטישע קאָמוניקאַציע איז פון קדמונים אָן געווען אין יידישע הענט. אַמאָל איז מען געפאָרן אין בוידן און שפּעטער מיט בריטשקעס, קאַרעטעס און אָמניבוסן. אין זעלבשטענדיקן פּוילן האָט זיך אין שטאָט געשאַפן אַ געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט די בעלי־עגלות, און מ׳האָט אַוועקגעשטעלט אויטאָבוסן אויף די ליניעס מאַקאָוו—וואַרשע, שפּעטער אויך מאַקאָוו—מלאַווע, דורך פּרושניץ, און אויך אין די שטעטלעך רוזשאַן און קראַסנאָשעלץ. די קאָמוניקאַציע האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט, געוואָרן באַקוועם און פּינקטלעך. עס האָבן דערביי געהאַט פּרנסה מער ווי 10 יידישע פאַמיליעס.

אין יאָר 1932 האָט די רעגירונג צוגענומען פון די יידן די קאָנצעסיעס אויף די ליניעס און אַריינגעפירט רעגירונגס־אויטאָבוסן, ווּ קיין יידישער שאָפער אָדער קאָנדוקטאָר האָט נישט געקענט קריגן קיין אַרבעט. בלויז די אויטאָבוס־ליניע פון מאַקאָוו צו דער באַן־סטאַציע פּאַשעקי האָט די רעגירונג געלאָזט ביים אייגנטימער, ווייל ער איז געווען אַ פּאָליאַק. איינער פון די שותּפים פון דער יידישער אויטאָבוסן־געזעלשאַפט, הערש־בער אָרליק ע״ה, וואָס איז אויך געווען אַ שאָפער און געבליבן אָן פּרנסה, איז גלייך עולה געווען מיט פרוי און קינדער קיין ארץ־ישראל, געווען אין דער הגנה, אָנטיילגענומען אין דער באַפרייאונגס־מלחמה. ער איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר צוריק, איבערלאָזנדיק אַ שם־טוב צווישן זיינע פריינד און באַקאַנטע.

אַ סך יידן אין שטאָט, וואָס האָבן דעמאָלט פאַרלוירן די פּרנסה, וואָלטן גערן עמיגרירט מעבר־לים. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין געלט אויף הוצאות.

די יידישע יוגנט, וועלכע האָט בכלל נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין שטאָט, האָט זיך געריסן קיין ארץ־ישראל. אָבער אין די שווערסטע יאָרן פאַר יידן, אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָט די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט אין פּאַלעסטינע נישט דערלויבט קיין יידישע אימיגראַציע. אויף די טויזנט סערטיפיקאַטן, וואָס זענען יאָ געגעבן געוואָרן דער סוכנות, זענען געווען איבער צען טויזנט חלוצים און „שומרים״ אין פּוילן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט הכשרה און גרייט געווען עולה צו זיין. אין מאַקאָוו זענען געווען העכער הונדערט יוגנטלעכע, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל. נאָר איינצלנע, גליקלעכע פון זיי, האָבן באַקומען סערטיפיקאַטן —און עולה געווען.

מיר ברענגען איניקע ציפערן פון יידישער עמיגראַציע פון שטאָט אין די דרייסיקער יאָרן:

אין	1932	עמיגרירט	10	יידן.	קיין	א״י	—	1
״	1933	״	17	״	״	״		14
״	1934	״	2	״	״	״		1
״	1936	״	59	״	״	״		29
״	1935	״	20	״	״	״		13
״	1937	״	29	״	״	״		18

אין דער זעלבער צייט האָבן בלויז 12 פּאָליאַקן עמיגרירט פון שטאָט ווו זיי האָבן אויסגעמאַכט קנאַפּע 40 פּראָצענט.

צוזאַמען מיט דער נויט אין שטאָט האָט זיך פאַרגרעסערט די שטערבלעכקייט, ווי מיר זען לויט די פאָלגנדיקע ציפערן, וואָס זענען נוגע בלויז יידן.*

יאָר	טויט־פאַלן	
	מענער	פרויען
1932	3	1
1933	7	10
1934	8	6
1935	15	8
1936	21	12
1937	28	25

נאָכן אָפּמאַך פון פוילן מיט היטלער־דייטשלאַנד, אין יאָר 1934, און טויט פון פּילסודסקין אין מאַי 1935, האָבן זיך פאַרשטאַרקט די רדיפות קעגן יידן אין פוילן און האָבן דערגרייכט אונדזער רואיקע שטאָט.

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז כדי אַרויסצורופן אומרועןאין שטאָט, האָבן אונדזערע אַנטיסעמיטן געמוזט ברענגען ענדעקישע סטודענטן פון וואַרשע, זיי זאָלן אין די טעג פון מערק אין ירידים אויפרייצן די פויערים קעגן יידן, באַגיסן מיט נאַפט די פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן געקויפט אין יידישע געשעפטן און זיך אָוועקשטעלן ביי יידישע קלייטן, נישט אַריינצולאָזן קיין פּאָליאַקן. אָבער אויך דאָס איז זיי נישט אינגאַנצן געלונגען. אַ דאַנק דעם באַאַמטן פון עפנטלעכער זיכערקייט, לאַנגע, און דעם וויצע־קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי — ביידע פיינע, אָרנטלעכע פּאָליאַקן — איז נישט געקומען צו קיין ערנסטע אומרוען אין שטאָט. זאָלן זיי ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן צום גוטן.

אָט אַזוי איז געפלאָסן דאָס לעבן אין שטאָט. ביז עס זענען געקומען די היטלער־מערדערס ימ״ש, און האָבן גענומען פייניקן די יידן אין שטאָט, פאַרשפּאַרט זיי אין געטאָ, אויסגעמאָרדעט אַ טייל אויפן אָרט און די איבעריקע טויזנטער מענער, פרויען, אַלטע לייט און קינדער — צעפּייניקטע, קראַנקע, דערשלאָגענע —פאַרשלעפּט אין די טויט־לאַגערן, און דאָרטן זיי אומגעבראַכט מיט מיתות משונות, נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען יידן. פאַר וואָס ? פאַר ווען ?

ד׳ ינקום דמם !

קבוץ שובל, תמוז תשכ״ח

* I. Wesołek: Monografia m. Makowa, Zarząd. 1938 r.

יצחק קאַצענעלסאָן

א. זינג!*

,,זינג! נעם דיין האַרף אין האַנט, הויל, אויסגעהוילט און גרינג,
אויף זיינע סטרונעס דין וואַרף דיינע פינגער שווער,
ווי הערצער, ווי צעווייטאָקטע, דאָס ליד דאָס לעצטע זינג,
זינג פון די לעצטע יידן אויף אייראָפּאַ׳ס ערד״.

ב.
— ווי קען איך זינגען? ווי קען איך עפענען מיין מויל,
אַז איך בין געבליבן איינער נאָר אַליין —
מיין ווייב און מיינע עופהלעך די צוויי — אַ גרויל!
מיך גרוילט אַ גרויל... מע וויינט! איך הער ווייט אַ געוויין —

ג.
,,זינג, זינג! הייב אויף צעווייטאָקט און געבראָכן הויך דיין שטים,
זוך! זוך אים אויף דאָרט אויבן, אויב ער איז נאָך דאָ —
און זינג אים... זינג דאָס לעצטע ליד פון לעצטן יידן אים,
געלעבט, געשטאָרבן, נישט באַגראָבן און נישטאָ...״

ד.
— ווי קען איך זינגען? ווי קען איך אויפהויבן מיין קאָפּ?
מיין ווייב אַוועקגעפירט, און מיין בנציון׳קען און יאָמעלען — אַ קינד —
איך האָב זיי נישט ביי מיר דאָ, און זיי לאָזן מיך ניט אָפּ!
אָ שאָטנס פינסטערע פון מיינע ליכטיקסטע, אָ שאָטנס קאַלט און בלינד!

ה.
זינג, זינג לעצטן מאָל נאָך דאָ אויף דר׳ערד, פאַרוואַרף
דיין קאָפּ אַהינטער, פאַרגלייז די אויגן און אים שווער
און זינג אַ לעצטן מאָל אים, שפּיל אויס אים אויף דיין האַרף:
ניטאָ שוין מער קיין יידן! אויסגעהרגעט און ניטאָ זיי מער!״

* פון ,,דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״.

ו.

— ווי קען איך זינגען? ווי קען די אויגן איך פאַרגלייזט
אין קאָפּ אין מיינעם הויבן? אַ טרער פאַרגליווערט האָט
פאַרקליבן זיך אין אויג מיר... זי רייסט זיך, רייסט
פון אויג אַרויס זיך — און זי קען נישט פאַלן... גאָט, מיין גאָט!

ז.

„זינג, זינג, הויב אויף צו הימלען הויך און בלינד דיין בליק,
ווי ס׳וואָלט געווען אַ גאָט דאָרט אין די הימלען... ווינק אים, ווינק —
ווי ס׳וואָלט געשיינט, געלויכטן אונדז נאָך דאָרטן גרויס אַ גליק!
זיץ אויף די חורבות פון דעם אויסגעהרגעטן פון פאָלק און זינג!"

ח.

— ווי קען איך זינגען — אַז ס׳איז די וועלט מיר וויסט?
ווי קען איך שפילן מיט פאַרבראָכענע מיט הענט?
ווו זענען מיינע טויטע? איך זוך די טויטע מיינע, גאָט, אין יעדן מיסט,
אין יעדן בערגל אַש: — אָ, זאָגט מיר ווו איר זענט?

ט.

שרייט אַרויס פון יעדן זאַמד, פון אונטער יעדן שטיין,
פון אַלע שטויבן שרייט, פון אַלע פלאַמען, פון יעדן רויך —
ס׳איז אייער בלוט און זאַפט, עס איז דער מאַרך פון אייער ביין,
ס׳איז אייער לייב און לעבן! שרייט אַרויס, שרייט הויך!

י.

שרייט אַרויס פון חיות־אינגעווייד אין וואַלד, פון פיש אין טייך —
זיי האָבן אייך געגעסן, שרייט פון קאַלכאויוונס, שרייט קליין און גרויס,
איך וויל אַ גוואַלד, אַ ווייגעשריי, אַ קול, איך וויל אַ קול פון אייך,
שריי, אויסגעהרגעט יידיש פאָלק, שריי, שריי אויס!

יא.

נישט שריי צום הימל, ער הערט דיך ווי די ערד, דער הויפן מיסט,
שריי ניט צו דער זון, ניט רייד צום לאָמפּ... אַך, ווען איך קען
פאַרלעשן זי, ווי מען פאַרלעשט אַ לאָמפּ אין רוצחים־הייל דאָ וויסט!
מיין פאָלק, האָסט מער געלויכטן! ביסט ליכטיקער געווען!

יב.

אָ, ווייז זיך מיר, מיין פאָלק, באַווייז זיך, שטרעק די הענט
אַרויס פון גריבער טיף און מיין־לאַנג און אָנגעפּראָפּט געדיכט,
שיכט אונטער שיכט, מיט קאַלך באַגאָסן און פאַרברענט,
אַרויף! אַרויף! שטייגט פון דער אונטערשטער, דער טיפסטער שיכט!

יג.

קומט אַלע פון טרעבלינקע, פון סאָוויבאָר, פון אָשוויענטשים,
פון בעלזשיץ קומט, קומט פון פּאָנאַרי און פון נאָך, פון נאָך, פון נאָך!
מיט אויגן אויפגעריסן, פאַרגליווערט אַ געשריי, אַ גוואַלד און אָן אַ שטים,
פון זומפּן קומט, פון בלאָטעס איינגעזונקען טיף, פון פוילן מאָך —

יד.

קומט געטריקנטע, צעמאָלענע, צעריבענע, קומט, שטעלט זיך אויס,
אין אַ קאַראַהאָד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, איין גרויסע רייף —
זיידעס, באָבעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויס —
קומט, ביינער יידישע פון פּראָשקעס, פון שטיקלעך זייף.

טו.

ווייזט זיך מיר, באַווייזט זיך אַלע מיר, קומט אַלע, קומט,
איך וויל אייך אַלע זען, איך וויל אייך אָנקוקן, איך וויל
אויף מיין פאָלק, מיין אויסגעהרגעטן, אַ קוק טאָן שטום, פאַרשטומט —
און איך וועל זינגען... יאָ... אַהער די האַרף — איך שפּיל!

3—5.10.1943

ב. איך שפּיל

איך שפּיל. איך האָב געזעצט זיך נידעריק אויף דר׳ערד
איך האָב געשפּילט און אומעטיק געזונגען: אָ, מיין פֿאָלק!
מיליאָנען יידן זענען אַרום מיר געשטאַנען און געהערט,
מיליאָנען אויסגעהרגעטע זען׳ געשטאַנען, זיך צוגעהערט — אַ גרויס געפֿאָלג!

ב.
אַ גרויס געפֿאָלג, אַ מחנה גרויס, אָך גרויס! יחזקאלס טאָל
מיט ביינער פֿול וואָלט אין אַ ווינקל דאָ באַהאַלטן זיך געקענט —
און ער אַליין, יחזקאל, ער וואָלט ניט האָפּערדיק אַזוי, ניט גלויביק ווי אַמאָל
צו אויסגעהרגעטע גערעדט, ער וואָלט ווי איך פֿאַרבראָכן מיט די הענט.

ג.
ווי איך, ווי איך פֿאַרוואָרפֿן אומבאַהאָלפֿן שווער דעם קאָפּ,
און אָנגעקוקט פֿאַרשטערט דעם הימל־גרוי און ווייט און וויסט אַרום,
און ווידער שווער אַראָפּגעלאָזן אים, אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ,
אַ שטיין פֿאַרשטיינערט צו דער ערד געבויגן טיף און שטום.

ד.
יחזקאל! ייד, דו ייד אין בבל־טאָל, דו האָסט געזען
די אויסגעטריקנטע די ביינער פֿון דיין פֿאָלק, און האָסט —
פֿאַרלאָזן זיך, יחזקאל... און אַ צעמישטער ווי אַ מאַנעקען
פֿון אויבערשטן פֿון דיינעם אין טאָל אין יענעם פֿירן זיך געלאָזט.

ה.
און געלאָזט זיך פֿרעגן: התחיינה? זאָג, צי ווען נאָך
אויפֿלעבן די ביינער אָ? דו ווייסט ניט יאָ צי ניין —
טאָ וואָס זאָל איך, אָ, וואָס זאָל איך שוין זאָגן? ווײ, אַ בראָך!
עס איז פֿון אויסגעהרגעטן פֿון פֿאָלק פֿון מיינעם ניט געבליבן קיין געביין!

ו.
ניטאָ אויף וואָס אַ לייב אַרויפֿצוזעצן און אויף וואָס אַ הויט
אַרויפֿצוציען און אין וואָס אַריינבלאָזן אַ גייסט —

זע, זע, אַ פאָלק אַן אויסגעהרגעטער דאָ גאַנץ, אַ פאָלק געטויט
קוקט אָן אונדז שטאַר, קוקט אָן מיט אויגן רונדז פאַרגלייזט.

ז.

זע, זע — מיליאָנען קעפּ און הענט צו אונדז געוואָנדן — צייל!
און פנימער און ליפּן זע — איז אַ געבעט אויף זיי פאַרשטאַרט צי אַ געשריי?
גיי צו און ריר זיי אָן... ניטאָ וואָס אָנצורירן — הייל!
כ׳האָב אויסגעטראַכט אַ יידיש פאָלק! כ׳האָב אויסגעטראַכט דאָך זיי!

ח.

ניטאָ זיי! און זיי ווען דאָ אויף דר׳ערד שוין מער ניט זיין!
איך האָב זיי אויסגעטראַכט, יאָ, אַזוי זיץ איך און איך טראַכט זיי אויס —
נאָר אמת זענען זייערע עינוויים וואָס דו זעסט, די פּיין, די פּיין
פון זייער אויסגעהרגעט ווערן איז דאָך וואָר און גרויס...

ט.

זע, זע, זיי שטייען אַלע אַרום מיר און ווייט און לאַנג,
און אַלע זיי — אַ שוידער גייט אַדורך מיר, דורך מיין לייב —
זיי קוקן מיט בן־ציון׳קעס, מיט יאָמקעס אויגן באַנג,
זיי קוקן אַלע מיט די אומעטיקע אויגן פון מיין ווייב.

י.

מיט מיין ברודער בערלס גרויסע, בלאָע אויגן — יאָ!
ווי קומט צו זיי זיין בליק? אָט איז ער! ער אַליין!
ער זוכט די קינדער זיינע און ער ווייסט ניט אַז זיי זענען דאָ,
צווישן די מיליאָנען דאָ... איך זאָג עס אים ניט, ניין...

יא.

מיין חנה׳ן האָט מען צוגענומען אינאיינעם מיט אונדזערע צוויי זין!
מיין חנה ווייס, מיט איר צוזאַמען האָט מען זיי פאַרשלעפּט —
זי ווייס נאָר ניט ווו צבי איז? זי ווייס פון מיר ניט ווו איך בין,
זי ווייסט ניט פון פון מיין אומגליק, זי ווייסט ניט, אַז איך לעב...

יב.

זי הויבט צו מיר די אויגן אירע ווי ס׳הויבט די אויגן שטום
צו מיר דאָס פאָלק דאָס גאַנצע און ווי זי וואָלט מיך ניט געזען —

קום, שווייגנדיקע און אַזוי פיל זאָגנדיקע, קום חנה, קום,
קוק איין זיך, הער זיך צו צום קול צו מיינעם און דערקען!

יג.

הער, בנציקל מיין יונגינקער, מיין גאון, דו פאַרשטייסט
אַן איכה־ליד אַ לעצטס פון לעצטן, לעצטן ייד —
און דו, מיין יאָמעלע, מיין ליכטיקער, מיין טרייסט,
וווּ איז דיין שמייכל, יאָם? אָ, שמייכל, שמייכל ניט...

יד.

איך שרעק פאַר אים זיך, יאָמעלע, אַזוי ווי מען באַדאַרף
פאַר מיין׳ס אַ שמייכל שרעקן זיך... הער צו זיך צום געזאַנג —
איך האָב מיין האַנט ווי אַ האַרץ געוואָרפן אויף מיין האַרף,
און זאָל אונדז ווי טאָן מערער נאָך!... אי ווײ, אי באַנג!

טו.

יחזקאל׳ען, אים, ניין, ירמיה׳ן... אים אויך, איך דאַרף אים ניט!
איך האָב גערופן זיי: אָ, העלפט מיר, העלפט אַרויס!
נאָר כ׳וועל אויף זיי ניט וואַרטן מיט מיין לעצטן ליד —
זיי מיט נביאות און איך אין ווייטאָקן אין מיינע גרויס.

15.10.1943

רפאל צבי בהרב / חיפה

מאקוב לפני מלחמת העולם הראשונה

עיר מולדתי מאקוב־מאזובייצק שכנה כבוד על ידי הנהר אורז׳יץ, שנשפך לנהר נאַרב. עיר מחוזית היתה ושיפוטה היה פרוש על העיירות הסמוכות לה, רוז׳אַן וקראסנושילץ, ועל הרבה כפרים שמסביב. מחוננת היתה העיר בנוף נהדר, בשדות מרעה נרחבים, בגני־ירק, בגינות־נוי ובפרדסים מרהיבי עין, באוויר צח ובמי נהר מתוקים. נוסף לחמודות אלו היה שם יער עבות עתיק־יומין, מבריא ומשיב נפש באווירו המרענן. הודות לסגולותיו אלו, שימש היער כמקום טיול, בידור ובילוי, ומקום נופש, בקיץ, למבריאים ולקייטנים. וכל נשף וחגיגה ציבורית, לרבות החגיגות השנתיות של גדוד מכבי־האש המקומי, שהיה מורכב מיהודים ופולנים, אשר נמשכו ימים מספר — בו נערכו.

היהודים היוו את רוב אוכלוסיית מאקוב. בשנת 1897 מנתה העיר 7206 נפש, מהן 4448 יהודים. ואם כי פרנסתם לא היתה קלה, היא אף לא חסרה. לרוב הם עסקו במסחר זעיר ובמלאכות שונות והסתפקו בחיים שקטים וצנועים בלי ללכת בגדולות.

בעלי המלאכה בעיר, בעיקר חייטים וסנדלרים, הצטיינו במלאכתם, ולתוצרתם המשובחה היה ביקוש רב בירידים שהתקיימו תכופות במקום ובערי הסביבה.

בית החרושת לסוכר של בעלי האחוזה הפולניים בשצ׳יק הסמוכה, ושני בתי־החרושת לעיבוד עורות של ר׳ זלמן אורליק ושל ר׳ מתתיהו רייצ׳יק, וטחנת הקמח של ר׳ בצלאל וילנברג, היוו מקורות חשובים לפרנסה וגורמי כלכלה שהעסיקו מספר ניכר למדי של יהודים בעבודת כפיים, במסחר ובתיווך.

ידועה ומפורסמת היתה מאקוב ברחבי פולין ואף מחוצה לה, הודות לציציות שיצרה, אשר למרחקים ואף למדינות הים הגיעו, ושמה הלך לפניה, כמקום־תורה בזכות הישיבה שקיימה.

מייסדה היה הגאון ר׳ נטע ז״ל מלומז׳ה, אביו של בן־ציון חילונוביץ הי״ד, שהיה חבר מערכת היומון הוורשאי „דער מאָמענט״ ונספה בשואה.

יהודי מאקוב אוהבי תורה היו. הם התברכו בישיבה שלהם ובתלמידיה שבאו אליה גם ממרחקים ובמיטב יכולתם החזיקוה בתרומות כסף ובאש״ל לתלמידיה. לא היה בית שעל שולחנו לא סעד תלמיד־ישיבה.

בנין הישיבה בן הקומותיים הזדקף במלוא הדרו במרכז העיר סמוך לכיכר השוק, שבתי מידות כיתרוה, ובקרבתה בתי־מדרש לתורה ולתפילה וגם ה„שטיבלעך״ של חסידי גור, אלכסנדר ואמשינוב, וכן מיבני מוסדות צדקה וחסד. ובמרכזם התנוסס לכבוד

ולתפארת בית־הכנסת הגדול והמפואר, שהפליא עין כל רואיו ביפי צורתו ובציוריו הפנימיים מעשה ידי אמן מפורסם.

בתי התפילה המו כל היום ממתפללים ומלומדי השיעורים של החברות ושל יחידים במקרא, משנה, הלכה ואגדה, שהתקיימו בקביעות בשעות הבוקר המוקדמות לפני תפילת שחרית, ובין הערביים בין מנחה למעריב.

תכופות היו פוקדים את העיר דרשנים ומגידים אשר נשאו דברם, דברי מוסר וחידושי תורה, בין מנחה למעריב. ואם המגיד הדרשן היה מפורסם כנאה דורש, נהרו המוני גברים ונשים מכל קצות העיר כדי לשמוע מפיו דברי אלוקים חיים, והיו ממלאים עד אפס מקום את בית המדרש שבו הושמעה הדרשה, ואחרי דבר הדרשה ששתו בצמא, בא המגיד על שכרו ביד נדיבה.

לאחר תום תפילת מעריב בבתי המדרש, החל בהם הלימוד בתלמוד ופוסקים, בעיקר על ידי אברכים הסמוכים על שולחנות חותניהם, וכן על ידי בחורים בוגרי חדרים לגפ״ת *. האחרונים כמתחילים, בלימוד עצמאי, למדו זוגות זוגות כשהם נעזרים על יד הלומדים הבקיעים בהסברה והדרכה.

אכן, קול התורה שבקע מהישיבה ומבתי המדרשות, הדו נשמע כמנגינות נעימות בכל קצוות העיר עד שעות הלילה המאוחרות.

מוסדות תורה אלו האצילו מרוחם על תושבי המקום והשפעתם הברוכה ניכרה באורח חייהם ונימוסיהם.

בראש דאגתם של יהודי מאקוב החרדים ודבקים בדת עמד חינוך בניהם וגידולם לתורה ויראת שמיים. משאת נפש זו לא תמיד הושגה על אף המאמצים הרבים, וזאת — בעטיים של רבים מהמלמדים, שלא היו מוכשרים לשאת איצטלת הוראה אם מאי־ידיעת המקצוע, ואם מחוסר גישה פדגוגית. תכופות הם ניסו להעזר במקל וברצועה ובאמצעי כפייה אחרים, כדי להחדיר את התורה למוחותיהם של התלמידים, אך השיגו בכך תוצאה הפוכה: הם השניאו את עצמם על התלמידים בהטילם עליהם אימה יתירה, והחדר בו הוחזקו הילדים כל היום פרט לשעה־שעתיים לארוחת צהרים, נהפך להם לעול ולמעמסה כבדה מנשוא. ואם על אף התנאים הקשים החזיקו הילדים מעמד ונשאו בעול, היה זה רק בזכות התורה שהגנה עליהם.

יוצא מהכלל היה חדרו לגפ״ת של רבי ומורי ר׳ מנדל ורשואר ז״ל. כאיש בעל הדרת פנים, נאה במידותיו־הליכותיו ואוהב נקיון וסדר, האציל מסגולותיו על תלמידיו שהצטיינו למופת בידיעותיהם ובהתנהגותם.

לעומת מספר מספיק של „חדרים" ללימודי קודש, היה בעיר רק בית־ספר עירוני אחד בשביל ילדי היהודים ללימודי חול, ששפת הוראתו היתה רוסית.

בית־ספר זה הצטיין הודות למורהו־מנהלו, המחנך ברוך־הכשרון, מורי ר׳ חייקל

* גמרא, פרוש־רש״י, תוספות.

גוטמן ז״ל. כאיש משכיל בר־אוריין וישר־דרך, מכובד היה על הציבור כולו פרט לאי אלה חרדים קנאים, שלא יכלו לסלוח לו על שלומדים אצלו בגילוי ראש וכן בנים ובנות בצוותא. לאחר שמורה־מנהל זה עזב את מאקוב, כדי לכהן בתפקיד של מפקח מחוזי על בתי הספר, בא במקומו תלמידו־חניכו (חברי לספסל ביה״ס), שמואל פיאנקו, שנספה בשואה. הי״ד.

נוסף לבית הספר הזה, התקיימו גם שיעורים פרטיים ליידיש, לפולנית ולחשבון, שניתנו ליחידים ולקבוצות על ידי הגברת גוטמן, רעיית המורה הנ״ל, ועל ידי ר׳ דוד רוזנטאל. הלומדים בשיעורים אלה באו ברובם מחוגים שנמנעו מלבקר בבית הספר העירוני מטעמים חרדיים־קיצוניים.

מאקוב היתה גאה על גדולי הרבנים שכיהנו בה. ואמנם, בבית העלמין הישן בלטו הרבה אוהלים של קברי גדולי הרבנים והצדיקים, ביניהם של המגיד המפורסם ר׳ דוד מקובר ז״ל, שהיה בחייו נערץ על ההמונים, וזקני הדור ידעו לספר עליו גדולות ונפלאות כאיש בעל שאר רוח למופת.

מתוך חשיבות היסטורית אעתיק כאן קטע מהערך „מקובר דוד״ שבאנציקלופדיה הרוסית־יהודית, וזו לשונה בתרגום חופשי שלי:

„מקובר דוד מגיד־דרשן מראשוני המתנגדים לתנועת החסידות היה. חיבר ספר



חברי „השכלה״ במאקוב, בשנת 1912

„השכלה״־מיטגלידער אין מאַקאָוו, אין יאָר 1912

פולמוס, בשם „זמרת עם הארץ״. הוא חי ברבע האחרון של המאה הי״ח בעיירה מאקוב־מאזובייצק, נלחם בחסידות ע״י הוקעת תורתם־דרכם והתנהגותם של הנוהים אחריה. ספרו זה סיים בשנת 1798, אולם נמנע מלהוציאו לאור בחייו מפחד נקמה ורדיפה מצד החסידים, ורק לאחר מותו הופץ הספר בהעתקי־יד. חיבור זה משמש מקור חשוב ביותר לחקירת תולדות החסידות.״

לפי השערת ההיסטוריון הגדול ש. דובנוב, יש לייחס למקובר דוד זה גם את כתב־התגר על החסידות „זמיר עריצים״. לדעה זו שותף גם ד״ר ש.א. הורודצקי המנוח בספרו „החסידות והחסידים״.

המשפחות במאקוב, ירוזולימסקי וגרליץ (משפחת אמי ע״ה) מתייחסות על צאצאיו יוצאי חלציו.

בגלל מלחמתו הנמרצת בתנועת החסידות, ראו בו מעריציו תלמיד מובהק של הגאון מווילנה ז״ל.

בזמנו כיהן במאקוב כראב״ד מרא דאתרא, הרב ר׳ יהודה ליב גראוברד ז״ל. במאקוב חיבר והדפיס את ספרו „חבלים בנעימים״, חידושי תורה על סוגיות ש״ס. הוא נתפרסם כגדול בתורה וחכמה ונלקח כבוד לשבת על כס הרבנות בעיר סטאַשוב. בפרוץ מלחמת העולם הראשונה היגלתה אותו הרשות המרושעת בתור בן־ערובה לרוסיה. בשבתו ברוסיה יותר משלוש שנים, פעל ועשה שוב גדולות בשטח החינוך והתרבות ובהושטת עזרה וסעד לרבנים הגולים. אחרי המלחמה חיבר והוציא לאור ספר בשם „ספר זכרונות״, בו הוא תיאר את חיי היהודים ותלאותיהם בתקופה ההיא.

כשחזר לעירו סטאשוב, מצא אותה הרוסה וחרבה. לא עבר זמן רב והוא הוזמן לכס הרבנות בטורונטו. בכבוד גדול ישב שם על כס הרבנות ועד יומו האחרון פעל ועסק באמונה ובמסירות בצרכי ציבור מקומיים ובענינים כלל־ישראליים. הצליח להקים מוסדות תורה וצדקה. נפטר שם בשם טוב כאיש אשכולות רב פעלים. יהא זכרו ברוך ומבורך.

אחרי שהרב הנ״ל עזב את מאקוב, נתקבל במקומו בשנת תרס״ד, הרב ר׳ ישראל ניסן קופרשטוק ז״ל, רבה דפשיסחא עד אז. מגדולי וחשובי חסידי אלכסנדר וגדול בתורה ויראת שמים היה. בתור שכזה היה מכובד ונערץ על חסידי אלכסנדר ואוהדיהם שבמקום. אולם שונה בתכלית היה היחס אליו מצד חסידי גור, כיוון שנתקבל בלי הסכמתם ונגד רצונם. שכן, הם רצו במועמד משלהם, חסיד גור מאנשי שלומם, אולם המועמד שלהם נכשל בבחירות מחמת מחסור בקולות. חסידי גור לא השלימו עם הכשלון הזה.

אצל הרב קופרשטוק היתה מצוות ישוב ארץ ישראל גדולה וחשובה מאוד, ובכליון עיניים ציפה לשעה בה יוכל לקיימה. בפרוס העליה הרביעית הוא ראה את ההזדמנות הטובה להגשים את רצונו־חלומו ומבלי לעשות חשבונות וללא היסוסים קם ועזב את העיר ואת כס הרבנות, עליו ישב למעלה מעשרים שנה, והוא וביתו־רעיתו הרבנית, מרת חיה ציפורה, ובתם יהודית ובעלה וב״ב עלו כולם ארצה.

צעד נועז זה מצד הרב עשה רושם כביר על הצבור כולו. בכך נתגדל בעיני כולם,

נתקרבו הלבבות, רחוקים נעשו קרובים וכבוד גדול חלקו לו ביום עזבו את העיר. חנוונים סגרו חנויותיהם, בעלי מלאכה הניחו את מלאכתם, וכמעט כל העיר באה להיפרד מרבם וממשפחתו ולברכם לשלום ולצאתם למחוז חפצם לארץ הקודש.

נרגשת ורבת־רושם היתה פרידתו של הרב, ונרגשים היו דברי הברכה הלבביים שאמר לבני קהילתו. המוני מלוויו התלכדו ויצאו בשירה וריקודים, בלוותם את הרב ומשפחתו עד העיר הסמוכה פולטוסק.

זכה הרב ובצעד נועז זה קנה את עולמו. רבים מבין הרבנים, שעד כה אדישים היו ומרחוק עמדו לרעיון שיבת־ציון ויישוב א״י, הושפעו ממעשה הרב ושינו את דעתם, והיו ביניהם שהלכו בעקבותיו ועלו ארצה.

בריאים ושלמים ובשמחה רבה הגיעו הרב ומשפחתו למחוז חפצם לירושלים עיר הקודש. זמן קצר אחרי עלייתו הוציא הרב ספר בשם „אהבת ציון וירושלים״ שו״ת על ענינים מארבעת חלקי „שולחן הערוך״.

לרוע המזל הוא בא לארץ בשנות משבר כלכלי. גורם זה וכן גורמים אחרים, היו בעוכריו שלא מצא את מקומו הראוי לו. רבות התלבט במאבקו על קיומו ומעמדו. לרוע מזלו נסתבך בנסיון להקים בארץ שחיטה נפרדת, וזאת — למרות ההתנגדות של הרבנות הראשית ולמורת רוחו של הישוב.

פרשה עגומה זו, בה נכשל כשלון חרוץ, גרמה לו צער רב, יסורים ומפח נפש. הסבל והכאב השפיעו לרעה על בריאותו הרופפת. הוא נפל למשכב ואחר מחלה ממושכת נפטר, שבע ימים ותלאות, ביום כ״ח בשבט תר״ץ בשנת ה־72 לחייו, והובא למנוחות על הר הזיתים. ובין קברי הצדיקים מנוחתו כבוד, יהא זכרו ברוך ומבורך. בזכות „אהבת ציון וירושלים״ שלו ובזכות דור ישרים יבורך שהשאיר אחריו לתהילה ולברכה.

יהודי מאקוב גאים היו על כך, שנחום סוקולוב התגורר בעירם אחרי נשואיו לבת הגביר המקומי, ר׳ יצחק צבי סגל ז״ל, שעל שולחנו היה סמוך מספר שנים. בתקופה זו הוא למד תורה והשתלם בלימודים כלליים ואף חיבר את ספרו הגיאוגרפי מביכורי עטו בשם „מצוקי ארץ״. לאחר כמה שנים עבר לווארשה, שם מצא כר נרחב ושדה פעולה לכשרונותיו הברוכים והצליח להגיע לכס הנשיאות של ההסתדרות הציונית.

אגב, שמעתי מספרים שדודי המנוח, הלמדן הגדול ר׳ רפאל הירש גרליץ ז״ל (שעל שמו אני נקרא), לאחר שבחן את נחום סוקולוב ותהה על קנקנו לפני ההתקשרות וחתימת התנאים, כמנהג הימים ההם — התפעל מחריפותו ובקיאותו של הנבחן עול־הימים ומצא שהוא מחונן בכשרונות בלתי רגילים, ואף ניבא לו עתיד גדול בישראל, בתורה, חכמה ומדע. כששמע הגביר את תשבחות הבוחן, חטף מייד את הצעיר כחתן לבתו.

בקיץ 1898 פרצה דליקה גדולה בעיר שהכבאים המקומיים לא הצליחו להשתלט עליה ועד שכבאי חוץ הספיקו לבוא לעזרתם, היתה יותר ממחצית העיר למאכולת אש.

נכסים ורכוש עמל־דורות ירדו לטמיון בן־לילה. נורא ומחריד היה סבלם ומצוקתם

של הנשרפים שנשארו ללא קורת גג, וללא משען. שנים רבות עברו עד שהצליחו להתאושש, לקומם הריסותיהם ולבסס איכשהו את קיומם מחדש.

לאחר שנים ספורות נתנסו תושבי מאקוב שוב בנסיונות קשים מאד: פרצה מלחמת רוסיה־יפאן ואחריה המהפכה ברוסיה בשנות 1904/5, שעירערו עד היסוד את מצבם הכלכלי והבטחוני של יהודי פולין בכלל, ובמקומות קטנים כמאקוב נעשה המצב חמור פי כמה וכמה.

בשנות מבוכה ומבוסה אלו מצאו הפולנים שעת כושר להגביר מאבקם לעצמאותם, ויחד עם זאת לבצע את זוממם להיפטר מהיהודים שנואי נפשם. לשם כך נקטו באמצעי כפייה ולחץ, כדי לדחוק את היהודים ממקורות פרנסתם. הם הכריזו עליהם חרם כלכלי ומלחמת מצווה, ובהטילם איסור חמור על כל פולני לקיים מגע מסחרי עם יהודי, ניהלו תעמולה ארסית בלתי מרוסנת נגד היהודים, מלאכתם וסחרם.

האנטישמיות גברה והחריפה, והיחסים בין היהודים לפולנים, שהיו עד אז נסבלים פחות או יותר נתקלקלו במידה כזאת, ששוב אי־אפשר היה לשאתם. מטה לחמם של יהודים רבים נשבר, וחלק מהם נאלץ לעזוב את מקום מגורם נחלת דורות רבים, ולהגר — בעיקר לארצות הברית.

אגב ברצון ה׳ יצא לאלה במקרה זה, מעז מתוק. מצוקתם ודחקם של אחינו אלה הביאה לטובתם ולרווחתם, ואנו עדים לכך שעל ידי זה הם מילטו את חייהם מהשואה שבאה אחר כך ונשארו לנו לפליטה ולברכה באמריקה.

שם הם מאורגנים כיוצאי מאקוב ומצטיינים במעשיהם ובפעולותיהם לטובת עמנו וארצנו, וכאחים נאמנים מושיטים הם עזרתם הנדיבה לאחיהם הזקוקים לעזרה ולתמיכה, וחלק רב גם ב„ארגון יוצאי מאקוב" ובקופת „גמילות חסדים", המתקיימים בהצלחה בארץ הודות לתמיכתם ועזרתם המתמדת.

המצב הכללי בפולין, שנעשה קשה ללא נשוא, הכשיר את הקרקע לרעיון הציוני שהחל להכות גלים גם במאקוב. בעיקר הוא התעורר בקרב הנוער, שפתח בפעולה במאורגן. ראשית פעלו היה בשטח התרבות, כדי להכשיר הלבבות לקראת הבאות.

ביזמת החברים ה״ה משה ברז׳וזא, פישל סגל, אחותו שרה, יוסף הנדל, יחיאל מאיר פלאטו, יוסף טיטונוביץ, שלמה אבלודזינר, יצחק דוברס נ״ע, ויבל״ח ישראל מאיר מונצ׳קובסקי, ישראל יוסף רוזנמן, וכותב שורות אלו, נוסדה ספריה (ראשונה במקום), התקיימו שיעורים לעברית ולמקצועות אחרים. כמו כן קיימנו אסיפות להרצאות ולהקראות וכדומה. זמן מסויים היה עלינו לנהל את הספריה ולבצע את יתר הפעולות בסתר, בשל עינם הרעה של מתנגדים מימן ומשמאל. אז שימש לנו היער למקום הנוח ביותר לפעולותינו. בתנאים קשים נאבקנו עם המפריעים, ולבסוף, לאחר מאמצים רבים, הצלחנו להתגבר על המכשולים, ובכסף מלא קבלנו מידי הרשות את הרשיון הדרוש להקמת הספריה והמועדון. נשמנו אז לרווחה, ובכל המרץ ניגשנו ביתר שאת לפעולות.

עבודתנו המסורה הוכיחה למתנגדים ולמפריעים מה רבה הברכה והתועלת שבפעולתנו.

הבאנו לכך, שגם הקיצוניים במתכחשים ומתנכרים לרעיון הציוני ולחזונו הנעלה, לא יכלו להעלים עין מחשיבות פעולתנו, ונאלצנו להודות ולהכיר בברכה הצפונה בה כתריס נגד ההתבוללות והטמיעה וכי שומר הוא ומציל מפי דעות כוזבות ורוחות רעות שבתנועות אחרות המסוכנות, מהרסי מחריבי את בית־ישראל, שהחלו להשתולל באותם הימים ברחוב היהודי.

פעולתנו, שנודע לה חשיבות ונחיצות חיונית, תרמה לכך, שהנוער נעשה חדור הכרה לאומית־ציונית ברוח מסורת ישראל־סבא. הוא למד לדעת שאין כל עתיד ליהודים בפולין האנטישמית. הוא התנער מחיי הבטלה והניוון, והכשיר את עצמו לחיים עבריים חדשים בארצנו־מולדתנו, שקמה לתחייה. ואלה שהזדרזו ועלו ארצה לפני בוא השואה (לי, כעולה ארצה בשנת 1925, יש הזכות להמנות עם אלה), הצליחו להיאחז בה וחלקם רב בבניינה.

קרית מוצקין, תשכ״ב



ועדת „הגליל" הרביעית במאקוב, בשנת 1930

פערטע „גליל"־קאָנפערענץ אין מאַקאָוו, אין יאָר 1930

ה ו ו י

לעבנסשטייגער

יעקב־חיים סאַבעל / ניו־יאָרק

געווען אַמאָל אַ שטאָט מאַקאָוו...

כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו.
(תהילים ע״ט, ז׳)
עליה לבניכם ספרו, ובניכם לבניהם, ובניהם
לדור אחר. (יואל א׳ ג׳)

דער שוידערלעכער חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום האָט געהאַט און וועט אויך האָבן אין דער צוקונפט אַ ווייטגייענדיקע אויסווירקונג נישט נאָר אויף דער שארית־הפליטה, וואָס איז על פי נס ניצול געוואָרן, נאָר אויך אויף די יידן אין די תפוצות, ווייל דאָס אייראָפּעישע יידנטום — און דער עיקר דער גרויסער יידישער קיבוץ אין פּוילן — איז געווען דער גייסטיקער צענטער, פון וועלכן ס׳האָבן געצויגן זייער יניקה די יידישע קהילות אין דער גאַנצער וועלט.

די יידן אין פּוילן האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער אויסגעפאָרמט אַ מוסטערהאַפטן שטייגער־לעבן: יעדע קהילה האָט געהאַט אירע אייגענע קולטור־געזעלשאַפטלעכע, רע־ליגיעזע און צדקה אינסטיטוציעס. אויך מאַקאָוו האָט פאַרמאָגט אירע אַנשטאַלטן, אינסטי־



בוגרי בית הספר העממי במאקוב, בשנת 1937
אַבסאָלווענטן פון 7־טן קלאַס פאָלקס־שולע אין מאַקאָוו, אין יאָר 1937

טוציעס, אָרגאַניזאַציעס, שולן, בתי־מדרשים, שטיבלעך. די שיינע שול, אין וועלכער גאַנצע דורות האָבן איבערגעגעבן זיך־פּלעצער בירושה.

דאָס אַלץ איז דורך די נאַצי־רוצחים פאַרניכטעט געוואָרן. דאָס יידישע מאַקאָוו איז אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, פאַרשוווּנדן.

די אַלע, וואָס זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין מאַקאָוו; די אַלע, וואָס האָבן געלעבט, וועלן זייער שטאָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. די אַלע מאַקאָווער יידן, וואָס זענען אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן, שטייען ווי לעבעדיק פאַר אונדזערע אויגן. עס ווילט זיך אָבער שילדערן פאַר די קומענדיקע דורות כאָטש אַ קליינעם טייל פונעם שטייגער־לעבן אין מאַקאָוו, עפּעס פונעם גייסטיקן אוצר, וואָס זי האָט פאַרמאָגט; פון די יידישע מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט און געשאַפן; פון די כלערליי אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס; פון די כלל־טוער און אָנפירער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיר האָבן געשוואָרן נישט צו פאַרגעסן, אייביק צו געדענקען „זכור — תזכור". מיטן דערמאָנען דאָס לעבן און די טעטיקייטן פון אַמאָל, פאַראייביקן מיר דעם אָנדענק פון די קדושים. און זאָל די וועלט וויסן, וואָס ס'האָט פאַסירט אין יענע גרויליקע טעג, אַז עס זאָל זיך נישט איבערחזרן אַן ענלעכע אכזריות אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

אויף וויפל מיין זכרון וועט מיר דינען, וועל איך זיך באַמיען דאָס צו טאָן, כדי עס זאָל בלייבן אַלס אַ לעבעדיקע מצבה לדור־דורות.

זאָרג פאַרן נייעם דור

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פוילן איז באַפרייט געוואָרן, האָט אויך אונדזער שטאָט מאַקאָוו אָנגעהויבן צוריקשטעלן זיך אויף די פיס, ביסלעכוויז אָרגאַניזירן איר יידיש לעבן.

די ערשטע אויפגאַבע איז געווען — זאָרגן פאַרן נייעם דור נאָך דער מלחמה, באַזאָרגן די קינדער מיט חדרים, שולן, דערציען די יוגנט.

אַדאַנק דער מי פון אייניקע חשובע בעלי־בתים, ווי: הלל שיינבערג, ישעיהו רעקאנט, אבא בירנבוים, ישעיהו סאָבעל א. א. איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ מאָדערנער חדר א. נ. בית־ספר עברי „תושיה", ווו מ'האָט געלערנט תנ"ך, גמרא און העברעאיש „עברית בעברית".

די בעלי־בתים האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז די צייט פון די אַמאָליקע חדרים מיט זייערע דרדקי־מלמדים איז שוין לאַנג פאַרביי. צוליב דעם האָבן ר' הלל שיינבערג און ר' ישעיהו רעקאנט, ביידע יידן למדנים, אַנגאַזשירט זייערן אַ ידיד, ר' אַנשל קאַציאַק (פון גראַיעווע), וועלכער האָט מיט דער הילף פון זיין זון אלתר און העניך שולץ אָנגעפירט מיט דעם חדר. גערופן האָט מען אים „מורה" (נישט רבי, ווי אַמאָל), ווייל ה' קאַציאַק איז באמת געווען דער „מורה־דרך" און דערציער פון נייעם דור אין נאַציאָנאַלן גייסט און אין גייסט פון „חיבת־ציון".

צום ערשטן מאָל זענען פאָרגעקומען „עקזאַמענס" אין אַ חדר, יעדן פורים. און גליקלעך זענען געווען די טאַטעס צו הערן אַ קאַפּיטל פון תנ"ך אויף אויסנווייניק. דער הדר האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע מאָנאַטלעכע העברעאישע צייטונג א. נ. „העברי הקטן", געשריבן פון די תלמידים און פאַרטיילט צווישן די בעלי־בתים.

עס האָט עקזיסטירט נאָך אַזאַ חדר, א. נ. „חדר מתוקן", אָנגעפירט פון ר' יחזקאל לעווקאָוויטש מיט זיינע זין יודל און משה.



כיתת בית הספר „יבנה" במאקוב, בשנת 1935

אַ קלאַס פון דער „יבנה" שולע אין מאַקאָוו, אין יאָר 1935

עס זענען נאָך פאַרבליבן אייניקע אַלטע חדרים מיט די מלמדים. פיל פון יונגן דור, וועלכע האָבן שפּעטער אָנגעפירט מיט דער ציוניסטישער אַרבעט אין שטאָט, האָבן טאַקע צו פאַרדאַנקען די חדרים: בי"ס „תושיה" און דעם „חדר מתוקן" פאַר דער נאַציאָנאַל־יידישער דערציאונג, וואָס זיי האָבן געקראָגן.

עס האָבן זיך אויך געעפנט די עפנטלעכע שולן פון דער רעגירונג א. נ. „שקאָלאַ פּאָווסעכנאַ" מיט אַ באַזונדערער שולע פאַר יידישע קינדער, מיט יידישע לערער און לערערינס, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ה' שמואל פּיאַנקאָ, אַ ייד אַן אינטעליגענט, אַ געלערנטער און אַן איבערגעגעבענער כלל־טוער, וואָס אַדאַנק זיין מי און אַרבעט, האָט זיך געעפנט יעדעס יאָר אַ נייע אָפּטיילונג, ביז די שולע האָט דערגרייכט זיבן אָפּטיילונגען. ווען אַ שילער האָט געענדיקט די שולע, האָט ער געקענט אַריינטרעטן אָן עקזאַמענס אין פערטן קלאַס גימנאַזיע.

אין די שולן האָט מען געלערנט אַלע קעגנשטאַנדן אין דער פּוילישער שפּראַך, אַפילו יידישע רעליגיע און היסטאָריע.

נאָך דעם, ווי די תלמידים פון די חדרים זענען אונטערגעוואַקסן, האָבן די עלטערן געזוכט אַ העכערן לערן־אַנשטאַלט און שפּעטער האָט זיך טאַקע געגרינדעט אַ יידישע גימנאַזיע אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון די בעלי־בתים: יחיאל־מאיר פלאטא, שלמה גראניעוויטש, הלל שיינבערג, אבא בירנבוים, מאיר אָסטרי, ישעיהו רעקאנט, ישעיהו סאָבאָל, הערשל בלום, פרוי חיה שולדענריין, פרוי חיהקע קליינהויז, פרוי גיטל ווילענ־בערג א.א. אַחוץ וועלטלעכע לימודים — האָט מען אויך געלערנט העברעאיש. דער לערער איז געווען ה׳ שמואל בערנהאָלץ, אַ גרויסער העברעער און אַן איבערגעגעבענער ציוניסט. אגב, האָט ער זיך געראַטעוועט צווישן דער שארית־הפליטה, געקומען קיין אַמעריקע און געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1966.

צום באַדויערן האָט די יידישע גימנאַזיע לאַנג נישט עקזיסטירט צוליב איר שווערן פינאַנסיעלן מצב, אָבער אַ סך פון די שילער האָבן שפּעטער פאָרגעזעצט זייער לערנע אין דער פּוילישער גימנאַזיע אין מאַקאָוו, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן זיינער צייט און אַ טייל זענען אַוועק לערנען קיין פּולטוסק, מלאַווע און קיין וואַרשע.

צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן געענדיקט די פּוילישע גימנאַזיע, זענען געווען: אברהם ראָזענטאַל און זיין פרוי רייזל מאַנטשקאָווסקי, משה בזשאָזאַ, אברהם־ברוך סעגאַל, חיים־ברוך סעגאַל, יעקב ליכטנשטיין א.א. נאָכדעם האָבן אַ טייל פון די שילער פאָרגעזעצט זייער שטודיום אין וואַרשע.

דער דראַנג צו לערנע און וויסן האָט אָנגעהויבן אַלץ מער צו שטייגן צווישן דער אונטערוואַקסנדער יוגנט. אַ סך פון די שילער, וועלכע האָבן געענדיקט די אַלגעמיינע רעגירונגס־שולן, זענען אַוועק שטודירן קיין וואַרשע, אין „תחכמוני" און אין פּאָזנאַנסקיס סעמינאַר. לייבל ווילענבערג (איצט אין ישראל), שמחה שולדנריין (איצט רב אין אַמע־ריקע), פּנחס זגאַל און מרדכי ווייסגאַרבער האָבן געענדיקט פּאָזנאַנסקיס סעמינאַר.

די צייט איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. ס׳איז אונטערגעוואַקסן אַ נייער דור, פאַר וועלכן מ׳האָט געדאַרפט זאָרגן. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ חדר „יבנה", אַ נייער דערציאונגס־אַנשטאַלט פון דער „מזרחי"־באַוועגונג. די גרינדער זענען געווען: ישעיהו רעקאנט, יחיאל פערקאָל, מענדל קליינער, ישעיהו סאָבאָל, הערשל כונאָוויטש און פרוי יעטא סעגאַל (היינט אין אַמעריקע).

אויסער חומש, רש"י, נביאים און גמרא, האָט מען געלערנט אין חדר „יבנה" העברע־איש. אַ גרויסער טייל פון די תלמידים זענען געווען קינדער פון אָרעמע עלטערן און דער קאָמיטעט האָט געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע צו דעקן דעם בודזשעט. די קהילה האָט נאָר טיילווייז סובסידירט. עס איז אויך דערהאַלטן געוואָרן פּעריאָדישע שטיצע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע.

שפּעטער האָט זיך אויך געגרינדעט אַ חדר כללי א.נ. „חדר יסודי התורה", אַדאַנק

דעם נדבן ר׳ בצלאל ווילענבערג ע״ה אונטער דער אויפזיכט פון דער „אגודה״. דער חדר האָט אַריינגענומען אַלע תלמידים פון די אַמאָליקע חדרים.

אַ טייל פון דער אָרטאָדאָקסישער יוגנט איז אַוועק לערנען אין די ישיבות, ווו זיי האָבן באַקומען סמיכות אויף רבנות. דאָס זענען געווען: שמואל הילערט (דער זון פון מיין רבין ר׳ הענעך הילערט), בוילמאַן, פיגאַ (אַלע דריי האָבן זיך געראַטעוועט און לעבן איצט אין ברוקלין, ניו־יאָרק).

ווי נאָר דאָס אַלגעמיינע לעבן אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן, איז געקומען די באָלשעוויסטישע אינוואַזיע. ווידער מלחמה, ווידער שיסערייען און ווידער קרבנות. די אינוואַזיע האָט לאַנג נישט געדויערט. אַדאַנק דעם א.ג. „נס ביים ווייסל״, האָט מאַרשאַל פילסודסקי צוריקגעשטויסן די דעמאָלטיקע רויטע אַרמיי. דאָס יידישע לעבן האָט זיך מער־ווייניקער צוריק איינגעשטעלט און אויפסניי אָנגעהויבן פולסירן.

דער עקאָנאָמישער מצב

דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער מצב איז נישט געווען צו גוט. די יידן אין מאַקאָוו האָבן ווידער אָנגעהויבן אָנגיין מיט זייערע פּרנסות — מסחר און האַנטווערקעריי, ווי: שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי, בעקעריי, היטל־מאַכעריי א.א.וו.

מ׳איז געפאָרן אויף ירידים אין די נאָענטע שטעט, מען האָט געוואַרט אויף די צוויי



כיתת תלמידים בגימנסיה היהודית במאקוב, בשנת 1920

אַ קלאַס פון מאַקאָווער יידישע גימנאַזיסטן, אין יאָר 1920

מאַרק־טעג אין דער וואָך (דינסטיק און פרייטיק) צו פאַרקויפן די סחורות און די אויס־געאַרבעטע מלבושים, שיך א.א.וו.

נאָך דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע, אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין שטאָט טוריסטן, לאַנדסלייט פון אַמעריקע, וועלכע זענען געקומען באַזוכן זייערע קרובים, ווער אַ ברודער, ווער אַ שוועסטער, אָדער ווער איז גאָר געקומען אויף קבר־אָבות, אָנקוקן דעם אַלטן אָדער נייעם בית־עלמין, די מצבה פון טאַטע־מאַמע, אָדער סתם אַ קרוב.

גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַמעריקע, צווישן די לאַנדסלייט, אַ מאַקאָווער „רעליעף״. די אויפגאַבע איז געווען צו שיקן שטיצע קיין מאַקאָוו.

די גרינדער פונעם הילפס־קאָמיטעט זענען געווען: הרב ר׳ פישל ניימאַן, דער מאַקאָווער רב (אַ זון פון ר׳ מאָטעלע דיין), וועלכער איז נפטר געוואָרן אויף דער שיף, פאָרנדיק זיך באַזעצן קיין ארץ־ישראל; יעקב סאָבאָל, חנהטשע האָמער, פישל סאָלאָמאָן, הירש־משה קאָהען (יעקב־מאיר סעגאַלס אַן אײדעם), הערמאַן גאָלדמאַן, די ברידער סטאַוויסקי, חנה־חוה גאָלד, גראָדאָוויטש און אַנדערע. זיי זענען גלייכצייטיק געווען פון די ערשטע מנדבים פאַרן הילפס־פאָנד.

אין אַמעריקע איז נאָמינירט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון יידן אין מאַקאָוו, וועלכע זאָלן אָנפירן מיט דער אַרבעט פון פאַרטיילן שטיצע די נויטבאַדערפטיקע, ווי מעות־חיטים אויף פסח, שטיצע אויף די ימים־טובים, האָלץ און קאַרטאָפל אויף ווינטער און סובסידיעס פאַר אַ ריי אינסטיטוציעס ווי: לינת־הצדק, חדר „יבנה״ א.א.וו.

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע בעלי־בתים: שמואל פיאַנקאָ, שמואל וויינטרויב, הערשל לאַשער, משה אפרים גרינבערג, ישעיהו סאָבאָל, חיים יצחק גלאָגאָ־ווער, אלקנה כוויטייקאָ, לייבקע זגריזעק.

דאָס זענען געווען ערלעכע, האַרציקע יידן, פול מיט געפיל און איבערגעבנהייט צו העלפן אָרעמע. דאָס זענען געווען יידן, וועלכע האָבן געקענט דעם מצב פון אָרעמען בעל־מלאכה, פון פאָלקס־מענטש אין שטאָט, וועלכער האָט זיך גענויטיקט אין הילף.

שפּעטער האָט די „ליידיס־אקזילערי״ (פרויען־קאָמיטעט) איבערגענומען די אַרבעט פון „רעליעף״. אַ גרופּע גוטהאַרציקע פרויען מיט פרוי בערקאָוויטש (יחזקיהוס אַ טאָכ־טער) אַלס פאָרזיצערין און די חשובע פרויען: חנה קאַרפּ, רחל־לאה רובין, באַשאַ אָסטרי, אסתר קאַנטאָר, חנה מאַקאָווער, מלכה פרידמאַן (מלכה תרצהס), אסתר קאָהען, מרס. כשאַנאָווער און אַנדערע.

די פרויען האָבן אַוועקגעגעבן צייט, מי און אַרבעט צו זאַמלען געלט פאַר דעם צוועק. מלכה פרידמאַן, אסתר קאַנטאָר, אסתר קאָהען און פרוי כשאַנאָווער האָבן איינ־געאָרדנט אין זייערע היימען אויפנאַמעס, קאָרטן־פּאַרטיעס, געזוכט וועגן, וויאַזוי צו שאַפן געלט, כּדי צו שטיצן די אָרעמע אין מאַקאָוו. דאָס איבערשיקן פינאַנסיעלע הילף

פון אַמעריקע איז אָנגעגאַנגען אייניקע יאָר. שפּעטער איז באַגרענעצט געוואָרן די אַרבעט נאָר צום שיקן מעות חיטים אויף פּסח, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דאָס רעליגיעזע, ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע לעבן

די גאַס, ווו די שול,ביידע בתי־מדרשים, אייניקע שטיבלעך און דער בית־הרב זענען געווען, האָט מען גערופן שול־גאַס. מ׳האָט געדאַרפט אַרויפגיין אויף אַ קליין בערגל, ווי מ׳וואָלט טאַקע עולה געווען צו אַ מקום קדוש. עס הייבט אָן ציטערן די האַנט, עס שטיקן די טרערן, עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווען מען דערמאָנט די שיינע מאַקאָווער שול, דעם פּראַכטפולן אָרון־קודש מיטן בעלעמער, וואָס האָט געשמט אין גאַנץ פוילן.



קבוצת צעירי „מזרחי" במאקוב, בשנת 1920

אַ גרופּע „מזרחי"־יוגנט אין מאַקאָוו, אין יאָר 1920

אַריינקומענדיק אין שול, האָט מען געמוזט קריגן דרך־ארץ בלויז פאַר דער שיינקייט אַליין. די דייטשע מערדער, ימח שמם, האָבן דאָס פאַרניכטעט ביזן פונדאַמענט.

לאָמיר דערמאָנען אייניקע מתפּללים: ברוך ריזיקא (בוטשע), יאַנקל כץ (יאַנקל שניידער), איצל שאַמאָוויטש, איטשע־מאיר ליכטענשטיין, מרדכי עזרילעוויטש, זיינע זין רפאל הירש און עזריאל עזרילעוויטש, שיימא פּיעקאַרטשיק, פישל אונגער, אלתר שמו־

לעוויטש, משה סעגאַל (משה אָגולניק), דער גבאי, וועלכער איז כסדר אַרומגעגאַנגען און אַכטונג געגעבן, אַז עמעצער זאָל, חלילה, נישט צו הויך הוסטן, אָדער אַ קליין יינגעלע זאָל נישט אַ שטיף־טאָן בשעת קריאת־התורה.

אין די טעג פון ימים־נוראים איז די שול געווען געפּאַקט. פון דער ווייבער־שול און דער גאַלעריע האָבן אַראָפּגעקוקט אויף זייערע מענער און קינדער די שיינע, האַרציקע מאַקאָווער מאַמעס — און געשעפּט נחת. אין שול האָבן אָפּגעקלונגען די זיסע שטימען פון חזן מלכיאל, פון חזן אלתר ריבקאַ און פון יצחקל זילבערבערג מיט זיין קאַפּעלע, זיינע בנים די משוררים אָדער בערל גאַנטע. פיל טרערן זענען פאַרגאָסן געוואָרן אין דער שול, פיל תפילות פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

אין שול, אונטן און אויבן, זענען געווען קלענערע צימערן, שטיבלעך.

די שניידערס, שוסטערס, בעלי־עגלות, קירזשנער און סתם יידן האָבן געהאַט זייער שטיבל, ווו זיי האָבן געדאַווונט אַ גאַנץ יאָר.

דער פּאָלקס־מענטש, בעל־מלאכה, קליינער סוחר, דער פּשוטער ייד, איז נאָך אַ טאָג שווערער האָרעוואַניע געגאַנגען אין בית־המדרש, אין קלויז דאַווענען, הערן אַ מגיד, הערן נייעס פון שטאָט און פון דער וועלט.

דער אַלטער בית־המדרש האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך דעם פּאָלקס־מענטש, דעם פּשוטן ייד פון אַ גאַנץ יאָר. דער בית־המדרש איז געווען כמעט ווי זייער צווייטע היים. עס האָט דאָרט געהערשט אַ וואַרעמקייט. די וואַרעמקייט איז געקומען נישט בלויז פון דעם באַהייצטן קאַכלענעם אויוון, נאָר אויך פון דער סביבה. די יידן אַליין זענען געווען וואַרעם און האַרציק איינער צום צווייטן.

די שיינע בעלי־בתים

לאָמיר דערמאָנען די שיינע בעלי־הבתים אין אַלטן בית־מדרש, ווי: ר׳ שמואל־יאָסל קיט, יחיאל ריבאָק (יחיאל אברהם איטשעס), ישעיהו סאָבאָל, משה־אפרים גרינבערג, מאיר עבדיה (דער גבאי) מיט זיין הייזעריקער שטימע. נאָך אים — מאַנעס אינגבערמאַן (מאַנעס פאַקטער) אַלס גבאי און שמש, וועלכער האָט אַזוי שיין געדאַווונט פאַרן עמוד. ר׳ סענדער פּרעשבערג, אַ האַרציקער ייד, זיין דאַווענען „פון פאַרנט" ימים־נוראים, זיין זאָגן שיר־היחוד מיט אַזויפיל האַרץ און נשמה, זיין אַרויסזאָגן דעם „אנעים זמירות" פון שיר־הכבוד, און דער ענטפער פון עולם „נפשי חמדה בצל ידידך", וועט אייביק קלינגען אין מיינע אויערן. יעקב־מאיר פּרעשבערג, אַ ייד, וועלכער איז נאָר אַהיימגעקומען דאָנערשטיק, אויף שבת, ווייל אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען אויפן דאָרף, אָבער גאַנץ תהילים האָט ער געקענט אויסנווייניק. ער פלעגט איבערוואַרטן עטלעכע מנינים מתפללים, אַרומשפּאַצירן מיט פאַרלייגטע הענט נעבן יעדן קדיש־זאָגער, כדי נאָכצוזאָגן אָמן, אַריינכאַפּן וואָס מער „אמנס" און קדושות (מ׳האָט אים טאַקע גערופן „יעקב מאיר אָמן") און דעם באַרימטן תהלים־זאָגער מענדל קירשנבוים.

יעדן שבת אינדערפרי, פאַרן דאַוונען, זענען ביים לאַנגן טיש אין בית־מדרש געזעסן יידן אָנגעטאָן אין די שבתדיקע מלבושים. ר׳ שמואל אָפּענהיים (שמואל דער רבילע) האָט מיט זיי געלערנט די סדרה פון דער וואָך.

ר׳ שמואל, אַ קליין יידעלע, מיט אַ שיינער ווייסער, זילבערנער באָרד, מיט פּאַר־טיפטע אויגן — אַ ייד אַ הדרת־פּנים.

נאָך דעם, ווען ר׳ שמואל איז געשטאָרבן, האָט איבערגענומען דאָס לערנען ר׳ יעקב זגאַל (יאַנקל בליאַכאַזש). דער פאָטער מיינער האָט מיך מיטגענומען צום לערנען. אַפילו שפּעטער, שוין אַלס דערוואַקסענער בחור, בין איך מיטגעגאַנגען צום לערנען, איך האָב דאָס זייער ליב געהאַט. ווען דער נייער רבי ר׳ יעקב זגאַל האָט איבערגענומען דאָס לערנען, איז געווען אַ שבת בראשית. איך געדענק נאָך עד־היום זיין אויסטייטש פון די ראשי־תיבות פון בראשית „במות רב אחד — שני יקום תחתיו״ — באמת אַן אויסערגעוויינלעכע נוטריקין־אויסטייטשונג. ר׳ יעקב זגאַל מיט זיין שיינער שוואַרצער באָרד, מיט זיינע קלוגע אויגן, איז געווען אַ ייד, אַ למדן, אַ פּקח. ער האָט אויסגעטייטשט די סדרה פון דער וואָך אויף אַ ספּעציעלן אופן, צוגעפּאַסט צו דעם עולם. די רבנים האָבן פאַרן לערנען קיין שכר נישט געקריגן, אַחוץ וואָס אַ ייד, אַ קצב, האָט אַריינ־געטראָגן דעם רבין אַ שטיקל פלייש אויף שבת.



הועד של לינת־הצדק במאקוב, בשנת 1930
קאָמיטעט פון מאַקאָווער לינת־הצדק, אין יאָר 1930



ועד אנשי מאקוב למען שיפוץ בית המדרש הישן, בשנת 1929

קאַמיטעט פאַר איבערבויען דאַס אַלטע בית־המדרש אין מאַקאָוו, אין יאָר 1929

דער גבאי פון דער חברה „עין יעקב" איז געווען ר׳ יעקב שליאזער, אַן ערלעכער ייד, פון פאַך אַ קצב. האָט געהאַט אַ גוט האַרץ. נישט איין אָרעמע היים האָט ער באַזאָרגט מיט אַ שטיקל פלייש אויף שבת. ער איז געווען אין שטאָט דער אַזוי גערופענער „דיפּלאָמאַט" און „סטראַטעג". בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און בעת דער באָל־שעוויסטישער אינוואַזיע, האָט ער געפירט די גאַנצע סטראַטעגיע. ער פלעגט נאָך מעריב,ביים קאַכלענעם אויוון, דערציילן און אויסטייטשן פאַר די יידן, ווי ס׳האַלט מיט דער מלחמה, ווו ס׳איז דער דייטש, ווו ס׳איז „פּאָניע", דער רוס, און דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט.

ביי אַ צווייטן טיש זענען געזעסן נאָך יידן, װאָס מיט זיי האָט יעדן שבת אינ־דערפרי געלערנט תהילים ר׳ חיים דודל (געווען מיין רבי) — אַ קליין, דאַר יידעלע, מיט אַ קליין שפּיציק בערדל. ער האָט פאַרטייטשט דעם תהילים, כדי די יידן זאָלן וויסן, וואָס זיי זאָגן. דער גבאי פון דער „חברה תהילים" איז געווען ר׳ וועלוול קירשענ־בוים, וואָס האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, אויך געקענט לייענען אין ספר.

אַחוץ דעם זענען געווען אין שטאָט: דאָס גערער שטיבל מיט זיינע אָנגעזעענע יידן ווי: ר׳ צלאל ווילעמבערג, ישראל סעגאַל, מענדל סטודענט, איטשע־מאיר משגיח, יהושע מאָנטשקאָווסקי, יחיאל־מאיר בער, איטשע־מאיר פרענקעל, פּינטשע טאַומאַן, דוד הענדל (שפּעטער געוואָרן רב אין וואַרשע), חנא בינם וועגערקע און פיל אַנדערע. דאָס אַמשינאָווער שטיבל האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע טייערע יידן, ווי: ר׳ משה יוסף גאַרפינקעל, וועלוול פיינציג, קלמן סופר־שטערן, חיים דודל מלמד גאווארטשיק, דער שו״ב אַלטער ריבקאַ, פּנחס ליפּשיץ, מאיר אָסטרי, אבא בערענבוים, יענקל דוד הענדל און אַ סך אַנדערע. דאָס אַלעקסאַנדערער שטיבל האָט געהאַט אָנגעזעענע יידן, ווי: ר׳ משה־ניסל רובין, סענדער גרינשפּאַן, אַלטער משה ציווינער, אליהו כץ, פּנחס כץ, אברהם סקאַלע, איטשע טשמיעל, שייקע מאַקאָווער, מאַנעס אינגבערמאַן און פיל אַנדערע. איבערן אַלטן בית־מדרש האָט זיך געפונען די חברה משניות מיט אירע שיינע בעלי־בתים ווי: שמואל ראָזענבערג, חיים־לייב לילענטאַל, שמואל יאַבלאָנקע און אַ סך אַנדערע.

אין שטאָט האָט עקזיסטירט אַ „לינת־הצדק", אַ גמילות־חסד־קאַסע, אַ „ביקור־חולים". דאָס אַלץ האָבן יידן געגרינדעט מיט אייגענע כוחות, כדי צו העלפן אַ צווייטן נויטליידנדיקן ייד. אין „לינת־הצדק" זענען געווען אַקטיוו די בעלי־הבתים: איטשע מאיר ליכטענשטיין, יצחק פּאַסקאָוויטש, ישעיהו סאָבאָל, דער חזן ר׳ אלתר ריבקאַ, יצחק וועסאָלעק, אלתר עפּשטיין, אברהם גאַרפינקעל. יצחק שולדענריין, נח וויסאָקער און ר׳ שמעון־חיים חיליאַנאָוויטש.

ביים „ביקור־חולים" איז אויך געווען אַ פרויען־קאָמיטעט. די פרויען האָבן באַזוכט קראַנקע, אָפט ביי זיי גענעכטיקט, געהאַט צו באַזאָרגן מיט מעדיצינען, אַ ביסעלע איינ־געמאַכטס צו דערקוויקן די נשמה, און סתם הילף. אין דער פרויען־אָפּטיילונג זענען געווען אַקטיוו: חיה שולדענריין, פּערל סקורניק, יאכעט שיינבערג, צביה פלאַטאַ, חנה־

בלימע פּערלבערג, אסתר־לאה וואָנסיאַק, רבקה בלום, פריידעלע בערנבוים, אונטער דער לייטונג פון דער טייערער פרוי שבע חילינאָוויטש.

דער נייער בית־מדרש האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער שול. אין אים האָבן זיך קאָנצענטרירט די מער פאָרגעשריטענע יידן — מזרחיסטן, ציוניסטן און די יינגערע, אויפגעקומענע בעלי־בתים. דער נייער בית־מדרש איז געווען קלענער ווי דער אַלטער, אַ ביסל מער אינטימער.

לאָמיר דערמאָנען די בעלי־בתים:

יחיאל־מאיר פּליאַטאָ מיט זיין מאַיעסטעטישן אויסזען, ר׳ הלל שיינבערג — אַ הויכער שיינער ייד, אַ למדן, געווען באַהאַוונט אויך אין וועלטלעכע לימודים. זיין דאַוונען פאַרן עמוד געדענק איך נאָך. ווען יחיאל־מאיר פּליאַטאָ מיט זיין טיפער באַריטאָן־שטימע האָט אים צוגעהאָלפן, איז ער אַריינגעדרונגען טיף אין האַרץ, ווייל ער האָט געוווּסט, וואָס ער זאָגט. זיין לייענען אין ספר האָט געקלונגען ווי שיינע מוזיק. אייביק וועט מיר קלינגען אין די אויערן, ספּעציעל זיין לייענען שמחת־תורה, ווען ער האָט אָנגעהויבן דעם „וללוי אמר״. אַנדערע בעלי־בתים: יצחק דאָברעס, יעקב משה דאָברעס (איצט אין אַמעריקע), ר׳ פייוול בלום, דער גבאי, וועלכער האָט גוט אַכטונג געגעבן, אַז ס׳זאָל זיין ריין און שיין אין בית־מדרש. הערשל בלום (פייוולס זון), יחיאל פערקאל, יחזקאל קאַנטאָר,



הנהלת לינת־הצדק במאקוב — יו״ר יצחק ווסולק ז״ל, בשנת 1928

קאָמיטעט פון לינת־הצדק אין מאַקאָוו, פרעזעס יצחק וועסאָלעק ז״ל, אין יאָר 1928

פישל גלאגאָווער, דוד־לייב גאָלדשטיין, חיים־לייזער סעגאַל, יצחק קאבער און נאָך און נאָך אַנדערע. מיר מוזן דערמאָנען ר׳ ישעיהו רעקאָנט (דער אַפּטייקער) — אַ ייד אַ למדן, אַ משכיל, אַ גרויסער העברעער, אַ גוטער ציוניסט, וועלכער האָט פיל צייט, מי און אַרבעט מקריב געווען פאַרן „תרבות" און חדר „יבנה" אין שטאָט. ער האָט פאַרמאָגט אַ וואַרעם יידיש האַרץ, נישט איין אָרעמאַן האָט ער געהאָלפן מיט ראַט און טאַט, מיט מעדיצינען. ער האָט געקענט שטעלן אַ דיאַגנאָז פּונקט ווי אַ דאָקטאָר. שטענדיק ליב געהאַט צו ריידן וועגן תלמוד, תנ"ך. אַפילו אין די חסידישע קרייזן האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ תלמיד־חכם. ר׳ קלמן סופר האָט שטענדיק ליב געהאַט צו שמועסן מיט אים וועגן תורה. ווען עס איז פאָרגעקומען די קרן־היסוד־אַקציע אין שטאָט, זענען די גרעסטע און שענסטע באַשטייערונגען געזאַמלט געוואָרן ביי די בעלי־בתים פון נייעם בית־מדרש.

אין יאָר 1926 זענען געקומען קיין מאַקאָוו ד"ר שאָשקעס און ד"ר שולמאַן מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן אַ יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק. דער הויפּט ציל פון דער באַנק איז געווען, אַז דער בעל־מלאכה, דער האַנטווערקער און דער קליינער סוחר זאָלן קריגן אַ הלוואה אויף אַ קליינעם פּראָצענט. די גרינדער זענען געווען שלמה גראַניע־וויטש, העניעך ווייסמאַן, ישעיהו סאָבאָל, שמואל וויינטרויב, מאיר אָסטרי, ישעיהו מאָנטשקאָווסקי און אַנדערע. די ערשטע זיצונג איז פאָרגעקומען ביי מיין פאָטער אין הויז. די באַנק האָט זיך זייער שיין אַנטוויקלט און איז שפּעטער געוואָרן אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין שטאָט און אַ גרויסע הילף פאַר דעם פאָלקסמענטש. מ'האָט באַקומען אַ הלוואה ביז 600 זלאָטעס, וואָס זיינער צייט איז דאָס געווען אַ גאַנץ היבשע סומע. אַזוי, אַז דער האַנטווערקער אָדער קליינער סוחר האָט זיך געקענט מיט דעם העלפן.

אַ יידישע מערהייט אין שטאָט־ראַט

דאָס מוניציפּאַלע לעבן אין שטאָט האָט זיך אָרגאַניזירט. עס זענען פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט און אויך וואַלן צו דער יידישער קהילה. אַ ספּעציעלן רושם האָבן געמאַכט די צווייטע וואַלן צום שטאָטראַט. אין מאַקאָוו זענען יידן שטענדיק געווען אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג. דאַסמאָל האָבן זיך אַרומגעזען די יידישע כלל־טוער, אַז מען מוז קריגן די געהעריקע פאַרטרעטערשאַפט אין שטאָטראַט און אין מאַגיסטראַט. עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג אין הויז פון ה׳ יחיאל מאיר פליאַטאָ (פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע). די זיצונג האָבן בייגעוווינט פאָרשטייער פון אַלע אָרגאַני־זאַציעס און ריכטונגען, אויסער דעם „בונד". עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ נאַציאָ־נאַלן בלאָק, איינשליסנדיק אַפילו די „אגודה". אין דעם בלאָק זענען אַריין: די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע, „מזרחי", לינקע פועלי־ציון, האַנטווערקער־פאַראיין, סוחרים־פאַראיין. עס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן איין ליסטע, כדי צו קריגן וואָס מער יידישע פאָרשטייער



נשף־פרידה לישראל פרנקל לרגל עליתו ארצה, בשנת 1931

געזעגענונגס־אָוונט לכבוד ישראל פרענקעל צו זיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אין יאָר 1931

אין שטאָטראַט, אַז אַלע יידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן אין שטאָט זאָלן אויך קאָנען פּראָפּאָרציאָנעל געניסן פון סובסידיעס.

די וואַל־אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקער קאַמף צווישן „בונד״ און „נאַציאָנאַלן בלאָק״. מיט דער אַקציע פון נאַציאָנאַלן בלאָק האָבן אָנגעפירט אַממערסטן די חברים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון „החלוץ״ און „השומר הצעיר״. עס זענען פאָרגעקומען מאַסן־מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. אַ שטאַרקן אָנטייל אין דער אַקציע האָט גענומען דער ייִנגערער עלעמענט פון די ציוניסטישע קרייזן מיט משה ראָזענבערג (רבקה מנשהס איידעם) בראש, יעקב משה סקורניק, ישראל פּרענקעל, ליטמאַן מאָנטשקאָווסקי און יעקב חיים סאָבאָל.

משה ראָזענבערג, אַ דינאַמישער ייד, פול מיט ענערגיע און איבערגעגעבנקייט, האָט געהאַט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן.

יעקב משה סקורניק (איצט אין ישראל מיט זיין פרוי מינדל און טאָכטער מאַלאַ), דער פירער פון „תרבות״ און „השומר הצעיר״. יעדער אין שטאָט האָט אים ליב געהאַט. ער איז געווען יעדן איינעמס פריינד. אַפילו די פירער פון „בונד״ האָבן אים געשעצט און געאָכטעט פאַר זיין אויפריכטיקייט און איבערגעבנקייט. פיל צייט און ענערגיע האָט ער געווידמעט דער וואַל־אַקציע. יעקב חיים סאָבאָל (איצט אין אַמעריקע), איז געווען איינער פון די הויפּט־רעדנער אויף אַלע מאַסן־פאַרזאַמלונגען און מיטינגען. ליטמאַן מאָנטשקאָווסקי (איצט אין ישראל) האָט פיל אַרבעט און ענערגיע אַוועקגעגעבן פאַר דער זאַך.

די ברידער פּרענקעל, ישראל־גרשון און שמואל־דוד (איצט אין ישראל) האָבן טיכטיק מיטגעאַרבעט אין וואַל־קאָמיטעט און נאָך אַנדערע פון די ייִנגערע ציוניסטישע קרייזן.

דער אויסגאַנג פון די וואַלן איז געווען דערפאָלגרייך. ער האָט געבראַכט אַ גרויסן זיג דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. דער נאַציאָנאַלער בלאָק האָט מנצח געווען. אַזוי איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון מאַקאָוו געווען אַ יידישע מערהייט אין שטאָטראַט און אין מאַגיסטראַט, ווו צווישן די לאַווניקעס האָבן מיר געהאַט צוויי יידישע פאָרשטייער — משה ראָזענבערג און ישעיהו מאָנטשקאָווסקי. דער לעצטער, אַ געראָער חסיד און זייער אַ קלוגער ייד, שטאַרק אויסגעהאַלטן און אַפילו אַ ביסל פאַרגעשריטן, האָט געקענט אויסגעצייכנט די פוילישע שפּראַך — אַ זעלטנהייט צווישן די עלטערע יידן.

די יידישע לאַווניקעס האָבן מיט כבוד געקעמפט און פאַרטיידיקט די יידישע אינ־טערעסן, געפאָדערט גלייכבאַרעכטיקונג און שטיצע פאַר די יידישע אינסטיטוציעס. ווען דער בירגערמייסטער איז געווען אויף אורלויב, האָט אים פאַרטראָטן משה ראָזענבערג.

שפּעטער זענען געווען לאַווניקעס יהושע מאָנטשקאָווסקי און ברוך ריזיקאַ.



נשף־פורים של הקרן־הקימת במאקוב, בשנת 1936

פורים־באַל פון קרן־קימת אין מאַקאָוו, אין יאָר 1936

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון שטאָט האָבן געאַרבעט יידן אַלס באַאמטע אויף פּאָסטנס אין מאַגיסטראַט:

איצל שאַמאָוויטש, זיין זון יאָסל שאַמאָוויטש, משה ראָזענבערג און יעקב־חיים סאָבאָל.

אין שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אַ קינדער־גאָרטן („פּרעבלוווקע״) — אַ שולע פאַר אָרעמע יידישע קינדער. די לערערין פון דער שולע איז געווען יענטע שניידערמאַן. איר האָט געהאָלפן איר שוועסטער בראָנטשע.

יענטע שניידערמאַן, אַ שילערין פון דעם באַוווסטן קדוש ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק האָט מיט גרויס מסירת־נפש און ליבשאַפט צו די קינדער אָנגעפירט מיט דער שולע. זי איז געווען באַשאָנקען מיט זייער אַ שיינער שטימע, געלערנט מוזיק ביי איר פעטער אברהם מאָדריקאַמיען. די קינדער האָבן ליב געהאַט צו הערן אירע לידלעך און איר לערע.

אַדאַנק די יידישע לאַווניקעס און די יידישע ראַטמענער, איז די שולע סובסידירט געוואָרן פון מאַגיסטראַט. מיט דער קינדער־שולע האָבן ספּעציעל זיך אינטערעסירט דער לאַווניק משה ראָזענבערג און די ראַטמענער דוד מינאַגאַ, יעקב משה סקורניק און אביגדור טשמיעל.

ציוניסטישע טעטיקייט

נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט זיך זייער שטאַרק אויסגעברייטערט די ציוניסטישע באַוועגונג. מ׳האָט געגלויבט, אַז דער לאַנגיאָריקער חלום פון „שיבת־ציון״ איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן.

די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט שוין עקזיסטירט אין שטאָט מיט אַ סך יאָרן פריער. די פירער זענען געווען: יחיאל מאיר פליאַטאָ — פּאָרזיצער, משה ראָזענבערג — סעקרעטאַר, יחזקאל סעגאַל (איצט אין אַמעריקע), יחזקאל קאַנטאָר, יוסף קאַנטאָר, פישל גלאַגאָווער, מרדכי בלום, יעקב סעגאַל (איצט אין אַמעריקע), חיים מאָנטלאַק, בנימין יוסטמאַן, משה יהודה פּרעשבערג, יעקב־משה סקורניק, ישראל גרשון פּרענקעל, ליטמאַן מאָנטשקאָווסקי און אַנדערע. אין דער אַרבעט האָבן אויך אָנטיילגענומען די פרויען: גיטל סעגאַל, צביה פליאַטאָ, שיינדל רעקאַנט, גאָלדע ווילענבערג, ייטה סעגאַל און פון דער יינגערער גענעראַציע: שרה־עטאַ סקורניק, רחל ליכטענשטיין, צירל סקורניק, רייזל מאָנטשקאָווסקי און אַנדערע.

אין מאַקאָוו האָט אויך עקזיסטירט אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פּרחי־ציון״. צו איר האָט געהערט דער יינגערער עלעמענט. פיל פון זיי — געוועזענע ישיבה־בחורים. אין אַלגע־מיין האָט דער ציוניסטישער אידעאַל פאַרכאַפּט די יוגנט. די „פּרחי־ציון״ האָבן זיך שפּעטער אויפגעלייזט, ווייל די פירער, די אַקטיווע חברים, האָבן עמיגרירט, אַ טייל

קיין אַמעריקע און אַ טייל קיין לאַטיין־אַמעריקע, ווי: הלל רייטשיק, ידידיה רייטשיק און אַנדערע.

די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט האָט אָרגאַניזירט דעם „השומר־הצעיר", דעם „החלוץ" און דעם „החלוץ הצעיר". דער נייער עלעמענט האָט אָנגעהויבן צו פירן אַ פאַרצווייגטע, אינטענסיווע אַרבעט. די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געווידמעט דער אַרבעט פון זאַמלען געלט פאַרן קרן־היסוד, קרן־קימת, פאַרקויפן שקלים און בכלל פאַרשפרייטן די ציוניסטישע אידעע. אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון ה' ישעיהו רעקאַנט און יעקב־משה סקורניק, האָט זיך געגרינדעט אַ „תרבות"־אָרגאַניזאַציע. די אויפגאַבע איז געווען צו פאַרשפרייטן און לערנען די העברעאישע שפּראַך. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן העברעאישע אָוונט־קורסן.

דער „תרבות" האָט אויך געפירט אַ קולטור־אַרבעט. ס'זענען פאָרגעקומען רעפעראַטן, דיקסוסיעס, קעסטל־אָוונטן אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דער „תרבות" און די נייע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַנגאַזשירט פּראָמינענטע רעדנער און שרייבער פון וואַרשע, אויך אויפטריטן פון יידישע אַקטיאָרן, פאָרשטעלונגען, רעצי־טאַציעס א.א.וו. ס'איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז מאַקאָוו האָבן באַזוכט אַזעלכע פער־זענלעכקייטן ווי: ר' הלל צייטלין, הרב מילייקאָווסקי, ד"ר שיפּער, יוסף העפטמאַן, ד"ר אייסוראָוויטש, יהודה גאָטהעלף, יצחק פונט, מרדכי יפה, שלמה מינץ, שעפּנער, זרובבל, בן־ציון חילינאָוויטש און אַנדערע. ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט עקזיסטירט אַ „שלום־עליכם"־ביבליאָטעק מיט אַ גרויסן אויסוואַל פון העברעאישע, יידישע און פּוילישע ביכער — און דער עולם האָט געלייענט. זייער פיל געלייסטעט פאַר דער ביבליאָטעק האָבן: חיה־איטע פּערעלבערג, יעקב יעדוואַבניק, יעקב סעגאַל,



ועד הספריה ע"ש „שלום עליכם", על יד ההסתדרות הציונית במאקוב, בשנת 1929

קאָמיטעט פון „שלום עליכם"־ביבליאָטעק ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מאַקאָוו, 1929



יום־הפרח למען קרן־קימת, בשנת 1933
אַ בלימל־טאָג לטובת קרן־קימת, אין יאָר 1933



בזר של קרן־קימת במאקוב, בשנת 1933
באַזאַר פון קרן־קימת אין מאַקאָוו, אין יאָר 1933

ישראל־גרשון פרענקעל און נאָך אַנדערע. זיי האָבן געווידמעט צייט און ענערגיע, אַלץ געטאָן צו באַרייכערן די ביבליאָטעק מיט מער ביכער און צו דינען ווי געהעריק דעם לייענער.

די אַרבעט פון קרן־קימת־לישראל איז באַשטאַנען פון זאַמלען געלט. מ׳האָט פאַר־טיילט פושקעס אין די היימען, איינגעאָרדנט „בלימל־טעג״, פורים — אַ באַל און כמעט יעדעס יאָר אַ באַזאַר. ס׳איז ווערט צו דערמאָנען, אַז די קק״ל־באַזאַרן אין מאַקאָוו האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. די טעג פון באַזאַר זענען געווען ווי אַ ציוניסטישער יום־טוב אין שטאָט. די חשובע פרויען: צביה פליאַטא, חוה ריבאַק, מינדל סקורניק, גאָלדע ווילענבערג, חיה־שרה לעסמאַן, ייטה סעגאַל, שרהטשע בלום (פייוולס שנור), און פון די יינגערע: חיה־איטה פערלבערג, אסתר פיעקאַרטשיק, שרה ווילענבערג (איצט אין ישראל), רחל בלום (איצט אין שוועדן), אַלטע הענדעל, חיה שרהטשע רייטשיק, פייגע־רבקה רייטשיק און נאָך אַנדערע, זענען געווען די אַקטיווע געטרייע טוערינס פאַר די באַזאַרן.

מרדכי בלום (שמשונס זון) האָט געשטעלט אין רשות פונעם באַזאַר, אָן שום באַ־לוינונג, אַ גאַנץ ניי הויז, וואָס ער האָט געהאַט אויפגעבויט. דאָס האָט נאָר געקאָנט טאָן אַ מאַקאָווער ייד, אַן איבערגעגעבענער ציוניסט.

די פרויען האָבן צוגעגרייט אַן אייגענעם בופעט מכל־טוב און אַוועקגעגעבן גאַנצע אָוונטן פאַרן באַזאַר. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון קק״ל אין וואַרשע האָט פאַררעכנט מאַקאָווער באַזאַרן אויפן ערשטן פּלאַץ פון אַלע אַרומיקע שטעט.

מיר מוזן דערמאָנען די איבערגעגעבענע אַרבעט פון הערשל ווייסבערג, בערקאָ הענדל ע״ה, וועלכע האָבן באַרייכערט די קק״ל־באַזאַרן מיטן דעקאָראַטיוון טייל, און די חברים: ליטמאַן מאָנטשקאָווסקי, יעקב־משה סקורניק, יעקב־חיים גאָלדשטיין, יעקב־חיים סאָבאָל, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזאַטארישן און קולטורעלן טייל; און חיים לייזער ראָגאָזאַ — מיטן טעכנישן טייל.

אין שטאָט האָט אויך עקזיסטירט די ציוניסטיש־רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע „מזרחי״. אין איר האָבן זיך גרופּירט עלטערע רעליגיעזע יידן פון די שטיבלעך, פון אַלטן און נייעם בית־המדרש, פון שול און סתם פאָלקס־מענטשן. זייער אַרבעט איז געווען געווידמעט פאַרן קרן־היסוד און פאַרן חדר „יבנה״.

די אַקטיווע טוער זענען געווען מאיר אָסטרי, הלל שיינבערג, אבא בירנבוים, ישעיהו רעקאַנט, ישעיהו סאָבאָל, אלתר משה ציווינער (אַ ייד אַ למדן, אַ זיידענער יונגערמאַן, וועלכער איז געשטאָרבן יונגערהייט). ביי דעם „מזרחי״ האָט אויך עקזיסטירן אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי מזרחי — הפועל המזרחי״, וועלכע האָט געפירט באַזונדער איר אַרבעט. די אַקטיווע מיטגלידער זענען געווען: מרדכי ציווינער (איצט אין אַמעריקע), יעקב גאָלדוואַסער ז״ל (האָט זיך געראַטעוועט צווישן דער שארית־הפליטה, געלעבט אין אַמעריקע און יונג געשטאָרבן), אליהו לעווינזאָן, לייבל מאָנטשקאָווסקי, מאיר סקאָלאָ,



תנועת „החלוץ הצעיר" במאקוב, בשנת 1926

„החלוץ הצעיר" באַוועגונג אין מאַקאָוו, אין יאָר 1926

יעקב לעווקאָוויטש, משה ראָזענבלום, מרדכי יעדוואַבניק, דוד רובין. אַ טייל פון די מיטגלידער האָבן דורכגעמאַכט „הכשרה" און שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל, ווי: לייבל מאָנטשקאָווסקי, יעקב לעווקאָוויטש, אליהו לעווינזאָן און מאיר סקאַלאַ (איצט אַ מאַטראָז אויף אַ ישראל־שיף).

„החלוץ"־באַוועגונג

אין יאָר 1925 האָט זיך דורך דער איניציאַטיוו פוןביידע יעקב־חיימס — יעקב־חיים גאָלדשטיין און יעקב־חיים סאַבאַל — געגרינדעט די „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אַנגאַזשירט זייערע חברים פון פולטוסק: יצחק דאַן (איצט אין ישראל, מנהל פון „עמידר" אין באר־שבע), הערצקע בורשטין און יהודה־לייב פּיעקאַזש צו גרינדן און אָרגאַניזירן דעם „החלוץ" אין מאַקאָוו. זיי האָבן געהאַט דערפאַרונג, ווייל אין פולטוסק האָט שוין עקזיסטירט אַזאַ אָרגאַניזאַציע. די ערשטע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דער היים פון יעקב־חיים סאַבאַל מיט דער באַטייליקונג פון די פאָלגנדע: שמואל יצחק קליינהויז, חיים לייזער פרעשבערג, חיים יוסף הענדעל (איצט אין ישראל), הערשל ווייסבערג, מאיר פישל ליכטענשטיין, יצחק סעגאַל און די ביידע יעקב חיימס.

דער ערשטער פאָרזיצער פון „החלוץ" איז געווען בנימין שניאַדאָווסקי (געשטאָרבן אין האַוואַנאַ (קובאַ), אַן אַלטער חבר פון „פרחי ציון". אַלס סעקרעטאַרן זענען געוויילט געוואָרן יעקב־חיים סאַבאַל און יעקב־חיים גאָלדשטיין, אַלס קאַסירער מאיר פישל ליכטענשטיין, געהילף — נחמן צוקערמאַן (איצט אין בראַזיל).

די אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן ווערבירן מיטגלידער. ס'האָט גענומען זייער אַ קורצע צייט און דער קרייז האָט דערגרייכט אַ מיטגלידערשאַפט פון בערך 40 פערזאָן.

דער אידעאַל פון „החלוץ", „הכשרה" און דערנאָך „עליה", האָט זייער באַאיינפלוסט די יוגנט, ספּעציעל די יוגנט פון מיטלקלאַס־עלטערן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע אַרבעט און אין שטאָט האָט זיך שוין געפילט איר טעטיקייט. די פירערשאַפט האָבן איבערגענומען די חברים: יעקב־חיים גאָלדשטיין און יעקב־חיים סאַבאַל מיט אַ קאָמיטעט פון אַקטיווע מיטגלידער: יצחק קליינהויז (איצט אין אַמעריקע), חיים־יוסף הענדעל, משה מאַקאָווער (איצט אין אַמעריקע), מאיר פישל ליכטענשטיין, יצחק סעגאַל, צימה פערלבערג, חיה־גיטל פרעשבערג (די לעצטע צוויי איצט אין ישראל), הערשל ווייסבערג, און משה קליינער (איצט אין ישראל). די מיטגלידערשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרגרעסערן, עס האָט אָנגעהויבן אַריינקומען גאָר אַ יונגער עלעמענט, צוליב דעם האָט זיך גלייך געגרינדעט דער „החלוץ הצעיר". די אַקטיוועסטע חברים זענען געווען: יהושע מאַקאָווער (לעצטנס געשטאָרבן אין ישראל), אַן אינטעליגענטער באַוווסטזיניקער בחור און זייער אַן ענערגישער, יששכר ווייסבערג, יואל דוד בוכנער (ביידע איצט אין ישראל), נתן קליינהויז, אברהם עזרילעוויטש (ביידע איצט אין אַמעריקע), שעפּסל זאַקליצעווער (איצט אין ישראל), יוסף אינגבערמאַן, ד"ר קורניק און נאָך איניקע.



סניף „החלוץ הצעיר", בשנת 1933

סניף פון „החלוץ הצעיר", אין יאָר 1933



ועד „החלוץ הצעיר" במאקוב, בשנת 1928

קאָמיטעט פון מאַקאָווער „חלוץ הצעיר", אין יאָר 1928

די אַרבעט אין „החלוץ הצעיר" איז געפירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון עלטערע חברים.

אין „החלוץ הצעיר" איז די אַרבעט געפירט געוואָרן אין „קבוצות". די פירער פון די קבוצות זענען געווען די עלטערע מיטגלידער פון „החלוץ": חיה־גיטל פרעשבערג, צימה פערלבערג, חיים יוסף הענדעל, חיה־בלומע וואָנסיאַק, חיים־לייזער פרעשבערג, דבורה לעווענזאָן (איצט אין ישראל) און הערשל ווייסבערג. די ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן געפירט זייער אַן אינטענסיווע אַרבעט. אין אַ צייט אַרום זענען די „החלוץ"־מיטגלידער אַרויסגעפאָרן אויף „הכשרה" (צוגרייטונג) אין פאַרשיידענע פלעצער, ווו די צענטראַלע פון „החלוץ" האָט זיי באַשטימט. נאָך דער הכשרה פון זעקס מאָנאטן, איז אַזאַ חבר ראוי געווען צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט און עולה זיין. מען האָט גלייך געזען פרוכטן פון דער אַרבעט, די פאַרווירקלעכונג פון חלוצישן אידעאַל מיטן מאָמענט, ווען די ערשטע בחורים און מיידלעך פון שטאָט, חברים פון „החלוץ" און „החלוץ הצעיר", האָבן באַקומען סערטיפיקאַטן און עולה געווען.

צווישן די ערשטע עולים־חלוצים זענען געווען: דוד הענדעל (געשטאָרבן לעצטנס אין ישראל), יהושע קאַנאַרעק, חיים, יוסף הענדעל, דבורה לעווענזאָן, משה קליינער, שמואל דוד בוכנער, צימה פערלבערג, יששכר ווייסבערג יהושע מאַקאָווער אברהם סטודענט, בערעלע קורניק, יוסף אינגבערמאַן פערל אינקאָווסקי פישל נאָוואָדוואָרסקי, שרה קליינהויז, שעפסל זאַקליצעווער, לייבל פיאַסעצקי, דבורה בוכנער און נאָך אַנדערע.

די אָרגאַניזאַציע השומר הצעיר האָט זיך געגרינדעט פאַר דעם „החלוץ", וואָס האָט שוין עקזיסטירט פון פריער. די מיטגלידערשאַפט איז באַשטאַנען פון כמעט דעם זעלבן יוגנטלעכן עלעמענט ווי דער „החלוץ". די צאָל מיטגלידער איז אָבער דאָרט געווען גרעסער. דער אָנפירער, דער ראש הגדוד, ווי מ'האָט אים דעמאָלט גערופן, איז געווען שמואל־זעליג הענדעל ז"ל, אַ באַוווסטזיניקער ציוניסט, אַן איידעלער יונגער־מאַן (עמיגרירט קיין אַמעריקע, געשטאָרבן זייער יונג). נאָך אים האָט איבער־גענומען די אָנפירערשאַפט. שוין אַלס „ראש־הקן", דב הענדעל, דער באַוווסטער „בערקע". ער האָט זוכה געווען עולה צו זיין, צו פאַרווירקלעכן זיין אידעאַל. ער איז געפאַלן אין ישראל. יהא זכרו ברוך. ער האָט פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, געווען אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט געווידמעט צייט און ענערגיע, כמעט זיין גאַנץ לעבן, פאַרן „השומר הצעיר". אַלע האָבן אים זייער ליב געהאַט.

די ידיעה וועגן זיין טויט האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער אין שטאָט. עס איז דאַן איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסע טרויער־אַקאַדעמיע.

אין „השומר־הצעיר" זענען אויך פאָרמירט געוואָרן קבוצות (גרופן), לויטן עלטער פון די חברים. מיט דער קולטורעלער אויפקלערונגס־אַרבעט האָבן אָנגעפירט באַגאַבטע, באַוווסטזיניקע, ענערגישע חברים: מנחם קאָציאַק (ד"ר מנחם גור, היינט אין ישראל), דאַן אַ סטודענט, זייער באַוווסטזיניק מיט אַ טיפער נאַציאָנאַל־יידישער דערציאונג,

פרידא ווענגערקאַ — אַ טאָכטער פון אַן אָרטאָדאָקסיש־פאַנאַטישער היים, אַ זייער באַוווסטזיניקע, האָט „בגנבה" אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין איינער פון די קבוצות.

יוסף קרוקאָווער, אַ קלוגער און זייער אַ פּינקטלעכער, איז געווען דער קאַסירער. אַלטע הענדעל (בערקעס שוועסטער) האָט געקענט העברעאיש און געווען זייער אַ גוטע אין דער נאַטור, האָט געוווסט, וויאַזוי צו דערציען די יוגנטלעכע אין נאַציאָנאַלן גייסט. אסתר פּיעקאַרטשיק, שרה ווילענבערג, חיה־שרהטשע רייטשיק, רחל בלום, יענטע שניידערמאַן, ראַשיניאַק און נאָך אַנדערע זענען געווען אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע.



לקראת עליתן ארצה של חברות „השומר הצעיר" שרה אורליק ובײלצ'ה סקורניק, בשנת 1926
צום עולה זיין קיין א"י פון די „השומר־הצעיר"־חברות שרה אָרליק און ביילטשע סקורניק, 1926

דער הויפּט־פירער פון „השומר־הצעיר" און פון „החלוץ" אין שטאָט איז געווען יעקב־משה סקורניק, וועלכער האָט זיך געווידמעט בלב ונפש פאַר די אָרגאַניזאַציעס. ער האָט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דערציען די יוגנט, דעם אַוואַנגאַרד, אין גייסט פון חלוציזם, אהבת האומה און אהבת ארץ־ישראל.

מיט אַ צייט שפּעטער איז, לויט די אינסטרוקציעס פון די צענטראַלעס, פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג פון די ביידע אָרגאַניזאַציעס: פון „החלוץ" מיטן „השומר הצעיר". די מיטגלידער פון „השומר הצעיר" זענען אויך געפאָרן אויף הכשרה און נאָכדעם עולה געווען.

צווישן די ערשטע חברים־עולים זענען געווען:

יעקב־הירש אָרליק, ביילטשע סקורניק (היינט אין קאַנאַדע), שרה ארליק, שמואל

דוד פרענקעל, דבורה־לאה גאָלדוואַסער, רבקה־רחל גאָלדוואַסער, רחל ארליק (היינט אין אַמעריקע) און אַנדערע.

דאָס פּאַרטיי־לעבן אין שטאָט

די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זענען געוואָרן אַ דאָמינירנדיקער פּאַקטאָר אין ציוניסטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט. מיר האָבן אויך איבערגענומען אַ טייל פון דער אַרבעט, אָנגעפירט פון די עלטערע ציוניסטן.

ווען ס'איז פאָרגעקומען די דערעפענונג פון אוניווערסיטעט אין ירושלים, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסער פּאַראַד פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אַלע האָבן מאַרשירט אין שול אַריין, וווּ מ'האָט געפייערט דעם גרויסן יום־טוב. די שול איז געווען געפּאַקט, אין שטאָט האָט זיך געפילט דער כוח פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

יעדן ל״ג־בעמר איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסער פּאַראַד און אַ מאַרש איבער די גאַסן פון שטאָט מיט דער באַטייליקונג פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. זייער אימפּאָזאַנט איז געווען דאָס בילד: די קליינע יינגעלעך פון חדר „יבנה״ און די קינדער פון קינדערגאָרטן („פּרעבלוווקע״) מיט די בלאָ־ווייסע פענער אין זייערע הענט, האָבן געזונגען העברעאישע לידער און מאַרשירט פאָרויס. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ וויכטיקע מענטשן און וואָס פאַראַ טייערע יידן עס וואָלטן פון זיי אַרויסגעקומען, ווען מ'וואָלט זיי נישט אומגעבראַכט.

אין שטאָט האָט אויך עקזיסטירט אַ „מכבי״, אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע מיט אַ פוטבאָל־מאַנשאַפט. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פוטבאָל־שפּילן אויפן באַזאַר. פון צייט צו צייט איז די מאַנשאַפט אַרויסגעפאָרן אין די שכנותדיקע שטעט אויף אַ מעטש. דער גרינדער און אָנפירער פון מכבי איז געווען ליטמאַן מאַנטשקאָווסקי. אין דעם פוטבאָל־ספּאָרט האָבן זיך אויסגעצייכנט: וועוועקע קליינהויז, יצחק גרינבערג, אברהם גרינבערג, יוסף שמולעוויטש. שפּעטער האָט זיך די אָרגאַניזאַציע אויפגעלעזן.


אין מאַקאָוו האָט עקזיסטירט די פּאַרטיי לינקע פּועלי־ציון. די הויפּט־אָנפירער פון דער פּאַרטיי זענען געווען: אביגדור טשמיעל (ראַטמאַן אין שטאָטראַט), שלום סטאָלניק, יוסף פורמאַנסקי, יחזקאל סעגאַל א. א.

די אָרגאַניזאַציע פון לינקע פּועלי־ציון האָט געפירט איר טעטיקייט אין אַ קלענערער פאָרם, ווייל די מיטגלידערשאַפט איז געווען אַ קליינע. ווען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין שטאָט, האָט די פּאַרטיי גענומען אין זיי אַן אַקטיוון אָנטייל. מיר מוזן דערמאָנען צווישן די פירער חנא סטאָלניק, פון פאַך אַ קאָמאַשנמאַכער. ער איז געווען באַשאָנקען מיט טאַלאַנט, געשריבן לידער. זיין בוך לידער געפינט זיך אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוו״אָ). יעקב בערמאַן, אויך אַ קאָמאַשנמאַכער, זייער אַן אינטעליגענטער בחור, אַ שטילער, באַשיידענער, איז געווען פון די אַקטיווע טוער פון פּועלי־ציון. עס איז כדאי צו דערמאָנען יצחק סקאָלאַ, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון דער פּאַרטיי, אַן אינטעליגענטער בחור, אַ גוטער

רעדנער. לעצטנס האָט ער געלעבט אין וואַרשע, געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער. אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

דער „בונד״ האָט עקזיסטירט אין מאַקאָוו נאָך מיט אַ סך יאָרן פריער. ביז דער פאַרשטאַרקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט זיך דער „בונד״ גוט אָנגעזען. אַדאַנק דעם „בונד״ איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער פּראָפעסיאָנעלער שניידער־פאַראיין. אין דער מלוכהשער קראַנקן־קאַסע האָט דער „בונד״ געהאַט אַ פאָרשטייער. די מיטגלי־דערשאַפט איז באַשטאַנען פון אַרבעטער: שניידערס, שוסטערס, סטאָלערס א.א.וו. ביים „בונד״ האָט עקזיסטירט די י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק מיט אַ רייכן אויסוואַל פון יידישע ביכער. די הויפּט־פירער פון „בונד״ זענען געווען: דוד מינאָגאַ, אברהם מאלאך, הענעך וויסמאַן, יצחק דאָמב, אהרון ערליך, זלמן שלאָמאָוויטש, יהודה־מאיר רייטשיק און סענדער בורשטין (איצט אין אויסטראַליע). זיי אַלע זענען געווען מענטשן איבער־געגעבענע מיטן גאַנצן האַרץ פאַר אויסבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס. אייניקע פון די פירער זענען געווען ראַטמענער אין שטאָטראַט. אין דער קהילה האָט דער „בונד״ אויך געהאַט זיינע פאָרשטייער. דוד מינאָגאַ, ראַטמאַן אין שטאָטראַט, האָט פיל מיט־געהאָלפן צו דער גרינדונג פון דער יידישער „פּרעבלוּווקע״. אין אַלגעמיין, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ יידישער פּראַגע, אָדער וועגן סובסידירן אַ יידישע אינסטיטוציע אין שטאָטראַט, האָבן די פאָרשטייער מיט כבוד געקעמפט און פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן.

דער „בונד״ מיט זיין יוגנט־אָרגאַניזאַציע „די צוקונפט״ האָט אויך געפירט אַ קולטור־טעטיקייט אויף זיין שטייגער. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פאָרלעזונגען, רעפעראַטן. פאַר דעם צוועק האָט מען איינגעלאַדן פּראָמינענטע רעדנער און פאָרשטייער פון דער „בונד״־צענטראַלע אין וואַרשע.



גן־ילדים במאקוב בהנהלת ינטה שנידרמן, בשנת 1924

מאַקאָווער קינדער־גאָרטן אונטער דער לייטונג פון יענטע שניידערמאַן, אין יאָר 1924



הפגנת ה־1 במאי במקוב, בשנת 1917

1־טער מאַי דעמאָנסטראַציע אין מאַקאָוו, אין יאָר 1917

דער „בונד" האָט אויך פאַרמאָגט אַ דראַמאַטישן קרייז, מיט וועלכן עס האָט אָנגע־פירט לייבל גאָגאָל (איצט אין ישראל). איינע פון די פאַרשטעלונגען וואָס ער האָט איינגעאָרדנט, איז געווען „מאָטקע גנב".

טראָץ דעם אונטערשייד פון די פּאָליטישע אָנשויאונגען, זענען די פירער פון „בונד" געווען גוטהאַרציקע יידן און איבערגעגעבענע כלל־טוער. אין דער אַרבעט פון דער אינסטיטוציע „אָרט" און „טאָז" האָבן די פאַרשטייער פון „בונד" און די לינקע פּועלי־ציון גענומען זייער אַן אַקטיוון אָנטייל.

אין שטאָט האָט אויך עקזיסטירט די „אגודה". אין דער דאָזיקער פּאַרטיי האָבן זיך גרופּירט די אָרטאָדאָקסישע יידן, אַממערסטן פון גערער שטיבל. די אגודה האָט געפירט אַן אַרבעט אין איר גייסט און לויט איר שטייגער, אויפן רעליגיעזן, אָרטאָדאָק־סישן געביט.

די יוגנט אין שטעטל האָט זיך באַמיט וואָס ווייטער אַלץ מער אויסצובררייטערן די קולטור־אַרבעט. אַ גרופּע יוגנטלעכע פון די ציוניסטישע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט האָבן געגרינדעט אַ קרייז פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוו"אָ) און אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט. דער קרייז, אונטער דער פירערשאַפט פון סענדער הערצ־בערג, מנחם קאָציאַק, יעקב בערמאַן, יעקב־חיים גאָלדשטיין און יעקב־חיים סאָבאָל, האָט געווידמעט זיין אַרבעט פאַר זאַמלען יידישן פאָלקלאָר און צוזאַמענגעשטעלט אַנקע־טעס וועגן יידישן שטייגער־לעבן אין שטאָט. אין ייוו"אָ אין ניו־יאָרק, געפינט זיך אַן אַנקעטע וועגן שבת־שירה, איבערגעגעבן דורכן מאַקאָווער קרייז.

דער פאָלקס־אוניווערסיטעט, אונטער דער לייטונג פון שמחה צענטורא און סענדער הערצבערג האָט פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט אַלגעמיינע פאַרלעזונגען אויף ליטע־ראַרישע טעמעס, אָנגאַזשירט פון וואַרשע פּראָמינענטע רעדנער צו האַלטן פאַרלע־זונגען.

דער מאַרק אין שטאָט

דער מאַרק אין שטאָט („רינעק") איז געווען אַ גרויסער פיר־עקיקער פּלאַץ, ברוקירט מיט שטיינער און אַרום מיט טראָטואַרן פון אַספאַלט. דער מאַרק האָט געדינט פאַר אַ צענטראַלן טרעף־פּונקט. אַ גרויסער טייל פון יידישן לעבן האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּיגלט. אין מאַרק־טעג האָבן יידישע הענדלער און קרעמער דאָרט אויפגעשטעלט זייערע פאַר־קויף־שטעלן. יידן האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווער זוכן אַ גמילות־חסד, אַ הלוואה, אָדער ווער גאָר כאַפּן אַ שמועס מיט אַ צווייטן. זונטיק האָבן יידן אָפּגעוואַרט די גויים פון קלויסטער צו דינגען אַ פורמאַן צו אַ יאַריד. אין מיטן מאַרק האָט זיך געפונען די וואַרטע־זאַל („פּאָטשעקאַלניע"), וואָס ר' פּייוול בלום האָט אויפגעשטעלט. דאָרט האָבן יידן אָפּגעוואַרט די אויטאָבוסן פון וואַרשע, געכאַפּט אַ קאַלטן טרונק, זיך געטראָפן מיט סוחרים. דער פּשוטער ייד האָט שפּאַצירט אין מאַרק. ער האָט זיך נישט פאַרגינען צו

שפּאַצירן אויף די טראָטואַרן. בלויז די יוגנט האָט שפּאַצירט אויף די טראָטואַרן אַרום מאַרק. דער גרעסטער טייל פון די יידישע קלייטן איז דאָרט געווען. שבת, ווען די יידישע קלייטן זענען געווען געשלאָסן, האָט אייך דער מאַרק אויסגעזען שבתדיק.



יום ראשון בככר השוק במאקוב

אַ זונטאָג אין מאַקאָווער מאַרק

מאַקאָוו, אַזוי ווי יעדעס שטעטל, האָט אויך געהאַט זיין שטאָט־נאַר און זיינע משוגעים. זיי האָבן, חס־ושלום, קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. דאָס זענען געווען קראַנקע מענטשן. קרבנות פון נויט און הונגער. לאָמיר אויך זיי דערמאָנען. דער משוגענער ראובן, וואָס האָט זיך געקלאַפּט אין האַרץ „ברויט", די משוגענע ביילע, וואָס האָט געגנבעט אַן עפּל פון אַ סטראַגאַן, באַשע (אַ טאָכטער פון לייבל בייגער, דער מלמד), אברהם ריבאַק, וואָס איז געגאַנגען אַהין און צוריק אויף דער פּראַשניצער גאַס און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, און קלמן־קאַפּל.

עס איז אָנגעקומען דאָס פינצטערע יאָר 1933. היטלער, ימח שמו, דער סאַדיסטישער רוצח, איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אַנדערע ווינטן. דער אַנטיסעמיטיזם האָט גענומען בושעווען. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. יעדער איינער איז אַרומגעגאַנגען מיט שרעק, מורא געהאַט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. אַ שוואַרצער וואָלקן האָט באַדעקט דאָס גאַנצע יידישע לעבן. אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן כוליגאַנעס און אָנגעהויבן שטערן דעם האַנדל, מ'האָט אַוועקגעריסן די קונים פון די יידישע שטעלן אין די מאַרק־טעג. עס איז כדאי צו דערמאָנען דעם פאָלגנדן פאַקט: איינמאָל, פאַר אַ חודש־יריד, האָט זיך פלוצים פאַר־

שפּרייט אַ קלאַנג, אַז צום יריד קומט אַ ספּעציעלע באַנדע כוליגאַנעס, וואָס וועלן שלאָגן יידן און צורויבן די סחורות.

די פירער פון שטאָט, אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי און ריכטונג האָבן זיך באַראָטן וויאַזוי מען זאָל דאָס אויסמיידן.

דער „בונד" האָט צוזאַמען געגעבן דער פּ.פּ.ס. וועגן די פלענער פון די כוליגאַנעס־פּיקעטניקעס, אין וועמעס שפּיץ עס איז געשטאַנען איינער, אַ גוטבאַזיצער. עס האָבן זיך גלייך געשאַפן 2 קאָמיטעטן: איינער — פּ.פּ.ס.־בונד, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרטרעטן פון בונד דוד מינאַגאַ און אברהם דאַמב. דער צווייטער, בירגערלעכער, איז באַשטאַנען פון יודל ראָזענבוים, אבא בערענבוים, יהושע מאַנטשקאָווסקי, אברהם גאַר־פינקעל און מענדל סטודענט. די צוויי קאָמיטעטן האָבן געאַרבעט שטרענג געהיים. די מיטאַרבעטער פון פּ.פּ.ס. האָבן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו אינטערווענירן און באַאיינפלוסן דעם גוטבאַזיצער, ער זאָל אָפּרופן די געפּלאַנטע אַקציע פון פּיקעטירן יידישע געשעפטן, אָבער אָן דערפאָלג.

אין מאַקאָוו האָט דעמאָלט פאַרנומען דעם אַמט פאַר זיכערהייטס־ענינים הענריק לאַנגע. דער וויצע־קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי איז געווען סטאַניסלאַוו וואָיטשעכאָווסקי. זיי ביידע, לאַנגע און וואָיטשעכאָווסקי, האָט מען באַטראַכט אַלס יידן־פריינד.

זעענדיק, אַז די כוליגאַנישע אַקציע איז אומפאַרמיידלעך, האָט דער בירגערלעכער קאָמיטעט דעלעגירט אַ פאַרשטייער, וועלכער איז געווען זייער באַפריינדעט מיט לאַנגע און וואָיטשעכאָווסקי, זיי צו אינפאָרמירן וועגן מצב. ער האָט איינגעלאַדן די צוויי קריסטן אין הויז פון הרב אַדעלבערג, דעמאָלטיקער מאַקאָווער רב, זיי איבערגעגעבן די ידיעה וועגן פאַרשטייענדיקן מצב און געבעטן זיי אָנצונעמען געהעריקע שריט. ביידע האָבן צוגעזאָגט און פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן טאָן אַלץ, וואָס נאָר אין זייער מאַכט, כדי דער יאַריד זאָל אַדורך בשלום.


עס איז אויך געוואָרן צוגעגרייט אַ געהעריקע ווידערשטאַנד־אַקציע פון די פּ.פּ.ס. אין פאַל פון אַן אָנפאַל דורך די פּיקעטניקעס קעגן די יידישע געשעפטן און פאַרקויף־שטעלעס אין מאַרק.

מיטוואָך, דעם יאַריד־טאָג, האָבן אַלע יידישע סוחרים און די שטעלעס־באַזיצער אין מאַרק געעפנט זייערע געשעפטן, ווי געוויינלעך. עס האָט זיך אָבער באַמערקט אַ גרויסער אָנלויף פון שקצים פון די אַרומיקע דערפער.

מיטאָג־צייט, ווען דער יאַריד איז שוין געווען אין פולן גאַנג, האָבן 2 פּיקעטניקעס, וועלכע זענען געשטאַנען ביי אבא בערענבוימס געשעפט, נישט געלאָזט אַריינגיין אַהין קיין קונים. זיי אַוועקגעריסן מיט פאַרשידענע העצערישע אויסגעשרייען קעגן יידן. די פּ.פּ.ס. איז אויך געשטאַנען אויף דער וואַך און זעענדיק, אַז די כוליגאַנעס דערלאָזן נישט קריסטלעכע קונים אַריינגיין אין אַ יידיש געשעפט, איז דערגאַנגען צו אַ געשלעג צווישן די פּיקעטן און פּ.פּ.ס.

די מאַרק־סוחרים האָבן אָנגעהויבן איינפּאַקן זייערע סחורות און פאַרמאַכן די געשעפטן.

באַלד איז אָנגעקומען לאַנגע מיט דער צוגעגרייטער פּאָליציי.ביידע שקצים, נישט קיין שטאָטישע, זענען דורך דער פּאָליציי אָפּגעפירט געוואָרן אין פּאָליציי־אַמט. עס האָט זיך באַרואיקט. די יידישע געשעפטן האָבן זיך ווידער געעפנט. די פאַרקויף־שטעלעס אין מאַרק האָבן אויפגעפּאַקט זייערע סחורות און דער ווייטערדיקער האַנדל איז צוריק אָנגעגאַנגען.



אברהם׳לה שואב־מים במאקוב
אברהמעלע, דער מאַקאָווער וואַסערטרעגער

לאַנגע און וואָיטשעכאָווסקי האָבן צו דעם יאַריד־טאָג אַרויסגערופן פון די אַרומיקע דערפער מער פּאָליציי און אַ דאַנק זיי זענען אויסגעמיטן געוואָרן אומרוען אין דאָזיקן טאָג.

גזירות און רדיפות

די נאַצי־רעגירונג אין דייטשלאַנד איז אַרויס מיט גזירות און רדיפות אויף ייִדן. פון טאָג צו טאָג האָט מען אין מאַקאָוו אָנגעהויבן פילן אַלץ מער דעם אַנטי־סעמיטיזם.

וואָס האָבן מיר, אין שטאָט, געקאָנט טאָן? מיר זענען אַרויס מיט אונדזער אַלט געווער: „הקול קול יעקב", שרייען, פּראָטעסטירן און אַפּעלירן צום געוויסן פון דער וועלט. די ייִדן האָבן איינגעאָרדנט אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, אַ גרויסן מאַסן־מיטינג אונטערן פרייען הימל. דער מיטינג איז פאָרגעקומען אויף דער שול־גאַס, נעבן הויז פון ראָזענשטיין (דעם לעדער־סוחר). די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. כמעט די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פון שטאָט האָט אָנטייל־גענומען אין דעם פּראָטעסט־מיטינג. די הויפּט־רעדנער זענען דעמאָלט געווען: דער רב, הרב צבי אַדעלבערג, מאיר אָסטרי, יונתן ניימאַן, יעקב־חיים סאָבאָל און אַנדערע. מ'האָט געמאָנט ביי דער וועלט יושר, גלייכבאַרעכטיקונג אַלס מענטשן און אַלס בירגער פונעם לאַנד. מ'האָט געהאָפט, אַז אפשר ערגעץ־ווו וועט דאָך געהערט ווערן אונדזער פּראָטעסט־שטימע. צום באַדויערן איז דאָס אָבער געווען אַ „קול קורא במדבר". די גאַנצע וועלט האָט געשוויגן. ייִדיש האָב און גוטס איז געוואָרן הפקר. אָבער קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געריכט, אַז ס'רוקט זיך אונטער אַ מוראדיקע קאַטאַסטראָפע, אין וועלכער אַ דריטל פון אונדזער פאָלק איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

אַמאָל, אַמאָל איז געווען אַ שטאָט מאַקאָוו, אַ שטאָט מיט אַ גרויסער ייִדישער באַפעלקערונג, שיינע בעלי־בתים מיט זייערע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעלעבט אויף זייער באַשיידענעם לעבנס־שטייגער. אַמאָל איז געווען אַ יוגנט אין מאַקאָוו, וואָס האָט געלעבט, געחלומט, געאַרבעט און געפירט אַ קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן. אַמאָל... געווען און מער נישטאָ.

מאַקאָוו איז איצט ייִדן־ריין, אַפילו נישט געבליבן קיין זכר פון אַ מצבה אויף די בית־עלמינס. די בית־עלמינס זענען פאַראַקערט און אויסגעגלייכט מיט דער ערד.

מיר, די איבערגעבליבענע אין דער גאָרער וועלט, ווו מיר זאָלן זיך נישט געפינען, טאָרן קיינמאָל נישט פאַרגעסן אונדזערע ליבע עלטערן, ברידער, שוועסטער, קרובים און פריינט, וואָס זענען אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן.

תהא נשמותיהם צרורות בצרור החיים. מאַקאָוו און אירע ייִדן וועלן אייביק פאַר־בלייבן אין אונדזערע הערצער.

אברהם שילה (ריבאַק) / חיפה

דער מאַרק

אונדזער שטעטל מאַקאָוו איז אייגנטלעך נישט געווען אַנדערש פון די איבעריקע מזרח־פּוילישע שטעטלעך. אַלע געבויט לויט דעם זעלבן סיסטעם: קליינע הילצערנע הייזקעס מיט שיפּעדיקע דעכער פון רויטע דאַכלקעס, וועלכע האָבן צוגעגעבן אַ ספּעציעלן חן, ווען מען פלעגט קוקן פון די בערגלעך אויפן שטעטל, גייענדיק אין וואַלד אַריין אין די „גזשאַנקעס", דורך דעם וועג פון „באַזאַר". מאַיעסטעטיש האָבן אַרויסגעקוקט די הויכע דעכער פון דער קירכע און שטאָט־זייגער און, להבדיל, פון דער גרויסער שול, זיך געגרויסט מיט העכערקייט, מיט הייליקייט.

אַנדערש איז געווען דער מאַרק פון שטעטל. צוויי־שטאָקיקע ציגל־הייזער מיט געוועלבער אַרום, וואָס האָבן אין גרעסטן טייל געהערט צו ייִדן, וועלכע פלעגן ציען זייער פּרנסה פון די צוויי מאַרק־טעג — דינסטיק און פרייטיק — ווען עס זענען געקומען די פּויערים פון דער סביבה און איינגעקויפט פּראָדוקטן פאַר זייער געברויך, אָדער פון דעם יאַריד־טאָג, וועלכער פלעגט פאָרקומען מיטוואָך, נאָך יעדן ערשטן פון חודש. דעמאָלט איז בכלל געווען יום־טוב. אַלץ האָט געוואַרט אויף דעם דאָזיקן טאָג. ייִדן, תבואה־סוחרים פלעגן אַרומגיין צווישן די וועגעלעך, טאַפּן די זעקלעך און שטיין אויפן מקח. לסוף איינגעקויפט די סחורה. און אַזוי יעדן מאַרק־טאָג: געהאַנדלט, געוואַנדלט און געמאַכט פּרנסה. ווייבער פלעגן איינקויפן ביי די גויעס הינער, אייער און פּוטער און דערביי פאַרזוכן מיטן קליינעם פינגער, צי די פּוטער איז פריש.

שוסטערס, שניידערס און סתם הענדלער פלעגן קומען פון די נאָענטע שטעטלעך אין גרויסע דראַביניאַסטע וועגענער און כאַפּן „שטעלן" פון דרענגער און ברעזענטן, אויסלייגן זייערע סחורה און אומגעדולדיק געוואַרט אויף קונים.


דער מאַרק האָט אויך געדינט פאַר ראַנדקעס פון יונגע פּאָרלעך. זיי פלעגן מאַכן „הקפות" צענדליקער מאָל — דער עיקר אין די אָוונטן. ווייל אַמזיכערסטן איז געווען דער מאַרק. און טאָמער האָט זיך וועמען פאַרגלוסט צו כאַפּן אַ שפּאַציר אין די פינצטערע אַלעיקעס פון „סקווערעק וואָלנאָשטשי" אָדער נאָך דער טורבינע, האָט מען געקענט

קומען צוריק מיט אונטערגעהאַקטע זייטן און אַ צעבלוטיקט פּנים פון די שקצים, וועלכע האָבן זיך געפילט פריי און האָפערדיק אין זייער „אויטשיזנע״.

און אַזוי גייענדיק שעהענווייז און ווערנדיק זייער מיד, פלעגט יונגוואַרג זיך אָפּרוען אין די שפּעטע אָוונט־שעהען אויף די שוועלן פון די פאַרמאַכטע געוועלבער און, ווי געוויינלעך, רעדן הויך און שטערן די איינוווינער זייער שלאָף. זיי פלעגן נישט איינמאָל כאַפּן אַ שפּריץ פון אַ פלעשל טינט פון פּיוּול היבעל אָדער אַ באַזוך פון די צוויי פּאָליציי־לייט — פערדינאַנד און טאָמאַשעווסקי, ווי געוויינלעך מיט זייער פּזמון: „פּשיאַ־קרעוו, צאָ יעסט?״ (הינטיש בלוט, וואָס איז דאָ?״). און מיר, כאַפּנדיק די פּיס אויף די פּלייצעס, האָבן געמאַכט פליטה.

רעדנדיק וועגן מאַרק, ווי קען מען נישט דערמאָנען די פּלומפּ, וועלכע האָט מיט איר געשמאַקן וואַסער מחיה נפשות געווען אַזויפיל איינוווינער און געבראַכט פּרנסה די וואַסער־טרעגער, אָנפילנדיק „סטאַנגעווקעס״ וואַסער אין די יידישע הייזער, און ספּעציעל וואַסער פאַר טיי...

דער מאַרק איז געווען דער צענטראַל־פּונקט פאַר אַלע ליידיקגייערס, וועלכע פלעגן זיך אַרומדרייען מיט די הענט אויף הינטן, אָדער פירן פּאָליטישע דיסקוסיעס, וואַרטנדיק אויף דער צייטונג, וואָס פלעגט אָנקומען מיטן אויטאָבוס פון וואַרשע...



תעודת חבר של „השומר הצעיר״ במאקוב משנת 1927

מיטגליד־קאַרטע פון „השומר הצעיר״ אין מאַקאָוו פון יאָר 1927

אַן אַנדער פּנים האָט באַקומען דער מאַרק, ווען מאַקאָוו איז געוואָרן אַ צענטראַלער פּאַרקער־פּונקט פון אויטאָבוסן מלאַווע—וואַרשע. מ׳האָט אויפגעבויט אַ סטאַציע, וועלכע איז געוואָרן דער האַנדלס־צענטער אין שטאָט. מ׳האָט אויפגעשטעלט צוויי בענזין־סטאַציעס, פּונקט ווי אין אַלע שטעט. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג פון דער ענדערונג, וואָס דאַרף פּאָרקומען אין דער קאָמוניקאַציע: אָנשטאָט פערד וועלן פאָרן מאַשינען...

ביז יענער תקופה האָב איך געלעבט אין שטעטל, אָנטיילגענומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. צו מיין גליק בין איך עולה געווען קיין ישראל, און אַזוי אַרום ניצול געוואָרן — דאָס, וואָס עס האָבן נישט דערלעבט מיינע נאָענטע אין באַקאַנטע.

פאַר מיינע אויגן וועלן שטענדיק שטיין די מענטשן, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אין שטעטל, ווו כ׳האָב געלעבט צוואַנציק יאָר.

נתן שחר (מאָנטשקאָווסקי)

מאַקאָוו — אַ שטעטל מיט פּאַרלאַנגען

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין אומפאַרגעס־
לעכער פרוי גרוניאַ סעגאַל (מאָנטשקאָווסקי).

מאַקאָוו — פיל אַסאָציאַציעס וועקט דער דאָזיקער נאָמען. דעריבער איז דאָפּלט שווער צו שרייבן איינדרוקן און איבערגעבן איינצלהייטן וועגן קולטורעלן און געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון די יידן אין מאַקאָוו. עס איז שווער, זייער שווער זיך צו באַפרייען פון געפילן פון צער און ווייטיק צוליב פריינט און נאָענטע, וואָס זענען בעסטיאַליש אומגעקומען, וועלכע האָבן אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונגס־באַוועגונג אין מאַקאָוו גענומען אַ בכבודיקן אָנטייל. אַזוי, צום ביישפּיל, איז אוממעגלעך צו שרייבן זכרונות און נישט דערמאָנען די נעמען פון די נאָענטסטע, חברים און פריינט י. מ. פלאַטאַו, משה בזשאָזאַ, ש. רעקאַנט; און אויפן שול־געביט: ש. פּיאַנקאַ, אברהם און רייזל ראָזענ־טאַל און די העברעישע לערער — וואָגמייסטער און קאָציאַק.


שרייבנדיק, קומט אויפן געדאַנק שלום־עליכמס „מאָטל פּייסי דעם חזנס״, וועלכער שרייבט זיינע איינדרוקן וועגן לאָנדאָן, אַלס אַ שטאָט, ווו עס איז יעדן טאָג אַ יאַריד, און ער פרעגט: פונוואַנען נעמען זיך דאָרט אַזויפיל מענטשן?

אין מאַקאָוו איז יעדן טאָג קיין יאַריד נישט געווען. אָבער טראָץ דער קליינער צאָל יידן, וועלכע האָבן געציילט בערך 4500 נפשות, האָט דאָס קליינע מאַקאָוו געהאַט גרויסע פאַרלאַנגען און אַמביציעס, און געוועקט די יוגנט צו נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַ־פרייאונג.

די שטאָט געפינט זיך אין אַ פלאַכן טאָל ביים טייך אָרזשיץ און אַנקומענדיק פון דער בערגיקער באַזאַר־זייט, זעט זיך דער גאָטישער שפּיץ פון קירכע־טורם, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די איינוווינער פירן אַ רואיק לעבן. אָבער דווקא די דאָזיקע רואיקייט האָט געברויזט מיט געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז אין מערץ 1917, אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון די אויבן־דערמאָנטע, צוזאַמען מיט דער מיטהילף פון דער צעירי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין מאַקאָוו, געגרינדעט געוואָרן די ערשטע העברעאישע פרעבל־שולע, אונטער דער לייטונג פון פרוי אָשעראָווסקי, וועלכע איז דעלעגירט געוואָרן קיין מאַקאָוו פון דער „תרבות"־צענטראַלע אין וואַרשע.

דער דערפאָלג פון דער פרעבל־שולע האָט באַוויגן די חברים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו גרינדן די ערשטע העברעישע מיטל־שול (גימנאַזיע) אין מאַקאָוו, אונטער דער לייטונג פון פרוי פערלמאַן און יוזעפאָוויטש.

ווירטשאַפטלעך האָט די יידישע באַפעלקערונג אין מאַקאָוו נישט פאַרנומען קיין באַזונדער וויכטיקע פאָזיציעס. אַן אויסנאַם זענען געווען די צוויי גאַרבערייען פון די אָרליקס און רייטשיקס, וועלכע האָבן זייערע לעדער־אויסאַרבעטונגען געליפערט זייערע



הנהלת גן־הילדים העברי הראשון במאקוב, בראשותה של הגב' אושרובסקי, בשנת 1916

פאַרוואַלטונג פון ערשטן העברעישן קינדער־גאַרטן אין מאַקאָוו, אונטער דער לייטונג פון דער פרוי אָשעראָווסקי, אין יאָר 1916

אָפּנעמער אין וואַרשע; די צוויי דאַמף־מילן פון בצלאל ווילענבערג, און די פירמע „רייליכט".

אין די פריערע יאָרן איז אין מאַקאָוו געווען אַנטוויקלט די פּראָדוקציע פון ציצית, וועלכע זענען אין גרעסערע קוואַנטומס עקספּאָרטירט געוואָרן אין דער גאָרער וועלט. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דער געניאַלער נ. סאָקאָלאָוו דעפינירט די דאָזיקע פּראָדוקציע און געפרעגט: „וואָס איז דער אונטערשייד צווישן מאַקאָוו, בערלין און מאַדריד?" און האָט געענטפערט: „בערלין איז באַקאַנט מיט אירע קולטור־קאַמפּעס, מאַדריד מיט אירע אָקסן־קאַמפּעס און מאַקאָוו מיט אירע ציצית־כנפות"...

שרייבנדיק איינדרוקן וועגן מאַקאָוו, איז אויך כדאי צו דערמאָנען דעם נאָמען פון יחיאל סמאָלאַזש, וועלכער איז אין יענער צייט געווען איינער פון די ערשטע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־פּיאָנערן אין מאַקאָוו. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ער זיך פאָטאָגראַפירט אַלס פּוסגייער קיין ארץ־ישראל און באַוויזן דעם דעמאָלטיקן פאָטאָגראַפיסט, אַז ער זאָל זיין בילד מיטן אויפשריפט „יחיאל סמאָליאַרזש גייט קיין ארץ־ישראל" איינראַמען און אויס־שטעלן אין אַ פאַרלאָזטן רעקלאַמע־שענקל, וואָס איז געהאָנגען אין מאַרק, אויף דעם מויער פון רעשילעווסקיס דעליקאַטעסן־געשעפט.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג, האָט אויך דאָס יידישע מאַקאָוו געהערט צו יענע יידיש־פּוילישע שטעטלעך, וועלכע האָבן אין דער עמיגראַציע געזוכט אַ לעזונג, כדי צו פאַר־בעסערן די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע. עס האָבן דעריבער פאַרלאָזט מאַקאָ׳ו איינצלנע, ווי אויך גאַנצע יידישע פאַמיליעס — ווער אין די גרעסערע פּוילישע שטעט, ווי וואַרשע, לאָדזש א. ד. גל. אַנדערע עולה געווען קיין ארץ־ישראל. הויפּטזעכלעך האָט מען עמיגרירט קיין אַמעריקע. אונדז האָט דער צווייטער וועלט־קריג געטראָפן איינגעבירגערט אין וואַרשע און ממילא געצוווּנגען מיטצומאַכן דעם טראַגישן גוראַנגל פון געטאָ־וואַרשע און צו פילן דעם צער און ווייטיק פון בעסטיאַלישן אומקום פון די נאָענטסטע. דער דאָזיקער פיינלעכער צער און ווייטיק האָט אונדז אָבער גערופן צו מעשים און געשטאַרקט אין אונדז דעם ווילן צו נקמה פאַר די אומשולדיק־פאַרפייניקטע. אַדאַנק דער מיטהילף פון פריינט און נאָענטסטע, וועלכע זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער אַנטי־היטלער־באַוועגונג, איז אונדז (צוויי ברידער) געלונגען, ממש אין דער צייט פון געטאָ־אויפשטאַנד, אין אַפּריל 1943, זיך צו באַפרייען פון קעמפנדן געטאָ־געביט און פאַרבינדן זיך מיט דער יידישער פאַרטיזאַנער־גרופּע פון קאַפּיטאַן יחיאל גרינשפּאַן, וועלכע האָט אָפּערירט אין דער געגנט פון פאַרטשעוו—לובלין.

דאָס אַרויסבאַקומען זיך פון געטאָ, אויך דער קאָנטאַקט און די פאַרבינדונג מיט דער אויבנדערמאָנטער פאַרטיזאַנער־גרופּע, האָט פאַרלאַנגט דריי וויכטיקע באַדינגונגען:

א) צייט, ב) פאַרזיכטיקייט, ג) טאַקט.

דאָס אַרויסבאַקומען זיך פון געטאָ האָבן מיר אויך צו פאַרדאַנקען דער פּוילישער פאַמיליע מאַרקאָווסקי, וועלכע האָט אונדז דערמעגלעכט אין משך פון פיר וואָכן אויס־

צובאַהאַלטן זיך אין בנין פון זייער גאַראַזש פאַר אויטאָמאָבילן, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער אַרישער זייט, אויף קאַראָלקאָוואַ־גאַס נומער 46, אין שכנות מיט דער טראַמוויי־רעמיזע אין וואָלסקער געגנט. דער פלאַץ האָט אויך געדינט אַ געוויסע צייט אַלס אַרבעטס־פּלאַץ אין די נעכט — אַלס וועכטער. דאָס אויסבאַהאַלטן זיך אין גאַראַזש איז אָבער געוואָרן פאַרדעכטיקט און לעבנס־געפערלעך פאַר ביידע צדדים. דעריבער האָבן אונדזערע פריינט און נאָענטסטע באַוויזן אונדז איינצואָרדענען אין אַ קאָנספּיראַטיווער וווינונג פון אַ פּוילישער פאַמיליע, אין דער געגנט פון מאָקאָטאָוו, אויף ווישניאָוואַ־גאַס 25.

אין דער דאָזיקער וווינונג זענען מיר געווען אויסבאַהאַלטן ביז דעם 25־טן דעצעמבער 1943. די גאַנצע צייט זענען מיר געווען ממש אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט, ווייל אויף דער טיר, אינדרויסן, איז געהאָנגען אַ שלאָס, און מיר האָבן פון צייט־צו־צייט אַריינבאַקומען אַ באַגרענעצטע צאָל שפּייז־פּראָדוקטן. אין דער זעלבער וווינונג האָבן זיך שוין פון פריער געפונען די פרוי און צוויי טעכטער פון ה׳ פעלד — סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע „טאָז" אין וואַרשע, וועלכע זענען אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד אין דער הויפּטשטאָט אומגעקומען טראָץ דעם, וואָס דאָס הויז אויף ווישניאָוואַ־גאַס איז געבליבן גאַנץ און אומבאַשעדיקט.

די פאַרבינדונג

נאָך צוויי נישט־געלונגענע פאַרבינדונגס־פּרוּוון מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָט אָפּערירט אין דער געגנט פון ווישקאָוו, איז אונדז על־פּי נס געלונגען צוריקצוקומען אין דער פאַרקאָנספּירירטער וווינונג אין וואַרשע. דעם 25־טן דעצעמבער 1943 איז ענדלעך צו אונדז דעלעגירט געוואָרן דורך דער צענטראַלע פון ג. ל. די באַפולמעכטיקטע פרוי (איקס), אונדז איבערגעגעבן דעם געהיימען פּאַרטיזאַנער־פּאַראָל און פאַראָרדנט זיך צו טרעפן אין בנין פון הויפּט־וואָקזאַל אין וואַרשע, ווו מיר מוזן זיך באַזאָרגן מיט באַן־בילעטן ביז לובלין.

אין דער זעלבער נאַכט זענען מיר, אין מיטן וועג, לויט דער אָנווייזונג פון דער זעלבער, אויסגעשטיגן אין דער געגנט פון פאַרטשעוו. אָנגעקומען זענען מיר אין גרויסן דאָרף ריכעווא (אָזשעכווו). אָבער נאָך אין דער זעלבער נאַכט מיטגעמאַכט אַן אָבלאַווע פון דייטשע זשאַנדאַרן אין זעלבן דאָרף. על־פּי נס זענען מיר ניצול געוואָרן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין טיפן, פאַרשנייטן בונקער, וועלכער האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דעם הויז, ווו מיר האָבן זיך געפונען.

דריי וואָכן האָבן מיר געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף און ענדלעך באַקומען די מעגלעכקייט זיך אָנצושליסן אין די רייען פון דער גרופּע פון קאַפּיטאַן גרינשפּאַן, וועלכע האָט געציילט זיבעציק יונגע קעמפער.

דער חודש יאַנואַר 1944 איז געווען אַ שווערער. גרויסע שנייען און שטאַרקע פרעסט.

מיר האָבן דעריבער באַקומען די ערשטע אָנווייזונגען, וויאַזוי דורכצומאַכן די פּאַרשנייטע און פּראַקטיקע ווינטער־נעכט. מיר זענען ממש אויף הייסע קוילן געשלאָפן, באַדעקט מיט אַ דיקער שיכט שניי. אָבער די היץ פון די קוילן האָט געוואַרעמט דעם גוף און באַקעמפט דעם פראָסט, וועלכער איז אָפטמאָל דערגאַנגען ביז דרייסיק גראַד.

אין יענער צייט האָט די גרופּע פון קאַפּיטאַן גרינשפּאַן דורכגעפירט וויכטיקע סאַבאָטאַזש־אַקטן, אויפרייסנדיק באַן־בריקן, און אויף איר חשבון דאַרף מען פאַררעכענען צענדליקער קילאָמעטערס פון צעשטערטע טעלעגראַף־ און טעלעפאָן־פאַרבינדונגען אויף דער ליניע פאַרטשעוו—וולאָדאַווע—ברעסט.

מיר האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם קאַמף קעגן די דייטשע נאַצי־רוצחים און ממילא אויך געהאָלפן צו דער באַפרייאונג פון פּוילן.

אָבער אין דער שווערסטער צייט האָט אונדז מיטגעהאָלפן דער גייסט פון ציוניס־טישן מאַקאָוו, וועלכן מיר האָבן איינגעזאַפּט אין אונדזער יוגנט־צייט.

דאָבע גודעס קאַלינאַ / קאָסטאַ־ריקאַ

מיין שטעטל מאַקאָוו

אונדזער שטעטעלע מאַקאָוו, הינטער וואַרשע, איז געווען אַ לעבעדיק שטעטל. סיי זומער, סיי ווינטער האָט עס געטומלט מיט לעבן. געהאָלפן דערצו האָט די שיינע נאַטור, מיט וועלכער דאָס שטעטל איז געווען באַשאָנקען. די בערג, דער ברייטער, שטילער טייך, דער פּראַכטפולער וואַלד. עס האָט עפּעס געהאַט אַ טעם! אַפילו ווינטער, אין די גרעסטע פרעסט, איז חברה געווען לעבעדיק, געגליטשט זיך אויפן טייך, געוואָרפן זיך מיט שניי־קוילן, געמאַכט אַ „מענטש" און אים געגעבן אַ בעזים אין האַנט אַריין.

אויפגעזעצט זיך אויף אַ שליטן, אַרומגעפאָרן און געהאַט הנאה פון דעם קלאַנג פון די גלעקלעך. דאָס שטעטל איז באַשטאַנען פון סוחרים, וואָס האָבן פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ; קליינהענדלער, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט און פאַרקויפט זייער סחורה אויפן מאַרק.

לעבעדיק אין שטעטל איז געווען אַ סך מאָל פרייטיק פאַרנאַכט, ווען מען האָט געפירט אַ כלה צו דער חופה, צו דער שול, וווהין מען האָט געדאַרפט דורכמאַכן אַ היפּשן וועג. מענער, פון איין זייט, און פרויען פון דער אַנדערער זייט, האָבן געמאַכט אַ קייט.

די כלי־זמרים האָבן געשפּילט אַ „פרײלעכס" און זלמן פאַנדל האָט באַגלייט אויפן באַס. די כלה, מער געשלעפּט, ווי געפירט, פון די מחותנתטעס, אַ נעבעכדיקע, אַ פאַרווײנטע, וואָס דער בדחן האָט פון איר געצויגן די נשמה מיט „כלהשי, כלהשי, וויין! וויין!" — האָט נישט געהאָט דעם מוט צורעכטמאַכן זיך דעם שלייער, וואָס אין שטופּעניש האָט ער זיך פאַרטשעפּעט. און אַזוי איז זי מיט מזל אָנגעקומען צו דער שול, ווו איר באַשערטער האָט שוין אויף איר געוואַרט אונטער דער חופּה.



מסיבת צעירי מאקוב בהשתתפות מנגנים ממאקוב — שלמה מודריקאמין וזלמן פודל, בשנת 1919

פײערונג פון אַ גרופּע יוגנטלעכע, מיט דער באַטײליקונג פון די מאַקאָווער קלעזמאָרים שלמה מאָדריקאַמיען און זלמן פאָדל, אין יאָר 1919

שבת אינדערפרי איז דאָס שטעטל געגאַנגען אין שול, איבערהויפּט ווייבער פלעגן זיך קוים דערוואַרטן אויפן הייליקן טאָג, ווו עס איז געזעסן חיה־עטע אין איר גין־גאָלדן קופּעלע און מיט אַ האַרציקן ניגון געלייענט די תחינה. ווייבער, וואָס האָבן נישט געקאָנט קיין עברי, האָבן איר געגען אַרומגערינגלט, נאָכגעזאָגט יעדעס וואָרט און פאַר־גאָסן ביטערע טרערן. און חיהטע האָט געהאַט אַ טאַלאַנט צו ציען די נשמה! ווייבער האָבן אין אַלץ פאַרגעסן. איינמאָל איז אין שול אַריין אַ קאָזע (אַ ציג). חיהטע האָט געהאַלטן אין זאָגן: „און גאָט האָט געזאָגט צו אברהם" און נישט ענדערנדיק דעם תחינה־ניגון האָט זי פאַרגעזעצט: — „דערבאַרעמט זיך, קינדער, טרייבט אַרויס די קאָזע". ווען ווייבער האָבן דערהערט דעם נאָמען פון אונדזער פאָטער אברהם, זענען זיי אַרויס

מיט גרויסע יללות און נאָכגעזאָגט: „און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען, דערבאַרעמט זיך קינדער און טרייבט אַרויס די קאָזע!" שפּעטער האָט מען אין שטעטל לאַנג געלאַכט.

אַהיימקומענדיק פון שול, האָבן אויף די טישן געשמעקט די געהאַקטע פיש, דער טשאָלנט און דער לאָקשענער קוגל. אַז דער מאָגן איז זאַט איז די נשמה פריילעך... האָט מען געזונגען זמירות, און די זמירות זענען זיך צעגאַנגען אין אַלע עקן פון שטעטל.

מיין פאָטער האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין זמרל, און ספּעציעל, ווען ער איז געקומען מיט פרישע זמירות, זייענדיק אויף שבת ביים ראַדזימינער רבין ז"ל. פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ רויטער פלאַם־פייער זיך געשפּיגלט אין טייך, און אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן, איז דאָס שטעטל געגאַנגען אויפן שפּאַציר אין וואַלד אַריין. דאָ האָט מען געקענט טרעפן אַלע שיכטן, אַפילו דעם קבצן אין זיבן פאָלעס — נפתלי מיטן ווייב, וואָס זיין גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון זיין ווייבס צירונג: אַ זייגערל, אָנגעהאָנגען אויף אַ קייטעלע, וואָס האָט נאָך ביי דער באָבעס צייטן פאַרגעסן צו ווייזן די שעה...

ווען נפתלי פלעגט דערזען פונדערווייטנס אַ קבצן, פלעגט ער אַ זאָג טאָן צום ווייב: „שפּרינצע, מאַך אַריין!" מען זאָל חלילה נישט מקנא זיין און נישט קיין עין־הרע געבן, האָט זי דאָס זייגערל אַריינגעלאָזט אין בוזעם. נאָר ווען ער האָט דערזען דעם גביר פון שטעטל און עסקן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע יחיאל מאיר פלאָטע, אָדער דעם דירעקטאָר פון דער יידישער שולע שמילקע פיאַנקע, האָט ער אַ באַפעל געגעבן: „שפּרינצע, מאַך אַרויס!"...

אונדז, קינדער איז אַ שאָד געווען, וואָס דער שבת גייט אַזוי געשווינד אַוועק, ווייל מען האָט זיך געדאַרפט נעמען צו דער עבודה אין שולע, און ווער האָט צו דעם געהאַט חשק, אַז די גאַס האָט גערופן מיט איר צויבער?

אין שולע, נעבן מיר, איז געזעסן יהודיתל, דעם שטאָטישן רבס טעכטערל. אַ רואיקע, אַ בלאַסע, אַ פאַרחלומטע, מיט אַ טייער יידיש האַרץ. דעם בייגל מיט פּוטער, וואָס די רביצין האָט איר מיטגעגעבן אין שולע, האָט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַוועקצוגעבן דער בלינדער שטאָט־קאַליקע שיינע ראָזשע, וואָס איז געזעסן און געזונגען האַרץ־רייסנדע ליבעס־לידער צו איר איטשע בונימלען... סודותדיק האָט ביי מיר אויסגעזען די שטוב, ווו דער רב איז געזעסן און געלערנט תורה, די שכינה האָט דאָרט גערוט אין יעדן ווינקל.

ווען עס איז געקומען פּורים־צייט האָט די רביצין אונדז געהייסן זיך אָפּוואַשן די הענט, אָנטאָן פאַרטעכלעך, פאַרבינדן די קעפּעלעך און אונדז אַוועקגעזעצט איבער־קלייבן דעם ווייץ אויף מצה־שמורה. מיר האָבן דעם ווייץ אויסגעלייגט קעפּעלע ביי קעפּעלע אין לאַנגע גלייכע שורות און ווען דער טיש איז געווען פאַרפולט, איז אַריינ־געקומען דער רב, דאָס איבערגעקוקט און אַריינגעשיט אין אַ שניי־ווייס זעקעלע.

ווען אונדזער באַליבטער רב האָט באַשלאָסן, אַז ער וויל נישט שטאַרבן אין גלות,

נאָר עולה זיין אין אונדזער הייליק לאַנד, איז דאָס גאַנצע שטעטל געשטאַנען אויף דער וואַך און זיך געגרייט נישט צו פאַרפעלן, חלילה, צום געזעגענען זיך. זיין ווייב, חיה ביילע, איז נעבעך גאַנצע אַכט טעג אַרומגעגאַנגען צוגעלייגט צום קאָפּ טיכלעך מיט עסיק. ווען עס איז געקומען דער טאָג, האָבן קרעמער פאַרמאַכט די קלייטן, בעלי־מלאכות האָבן אַוועקגעלייגט די אַרבעט און אַלע זענען אַרויס אין מאַרק. און מערק־ווירדיק: ישראל דער וואַסער־טרעגער האָט דעם טאָג פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די עמערס, און די פּלומפּ איז געשטאַנען אַ פאַריתומטע. אויף אַ בריטשקעלע איז געזעסן די רביצין מיט יהודיתן צעשמייכלטע, וואָס זיי האָבן דערלעבט צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון באַטרעטן דעם באָדן פון אונדזער הייליק לאַנד.

לאַנגזאַם האָט הערשקע דער בעל־עגלה געטריבן די פערד און געווען צופרידן, וואָס ער האָט געהאַט אַ זכיה צו אַזאַ געהויבענער שליחות. די כלי־זמרים האָבן געשפּילט און חסידים האָבן געטאַנצט און געפּאַטשט מיט די הענט; דעם רב האָט מען קוים אַרויסגעזען פון דער מאַסע מענטשן. די התלהבות איז געווען אַזוי גרויס ביים טאַנץ, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט טאַנצט־מיט.

ווען מען איז אַרויס פון שטעטל און אַרויף אויפן בערגל, האָט זלמן פאַנדעל געצויגן די נשמה מיטן ליד: „אוי, אוי, אוי, דער רב פאָרט אַוועק, לאָמיר זיך געזעגענען, דער רב פאָרט אַוועק!" דאָ האָט זיך געהערט אַ געיאָמער פון ווייבער, אַז עס האָט געריסן ביים האַרץ. דער רב האָט זיך גענומען געזעגענען, די רביצין און יהודיתל אויך. חסידים האָבן זיך געבעטן למען־השם נישט צו פאַרגעסן אין בריוו אַריינצולייגן אַ ביסל ארץ־ישראל־ערד. דער רב איז אַריין אין בריטשקעלע מיט דער ברכה: „לשנה הבאה בירושלים" און פאַרלאָזט דאָס שטעטל. הערשקע האָט געגעבן אַ שמיץ די סוסים, „וויאָ, פערדעלעך, וויאָ!" אין אַ קורצער ווײַלע האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

אַלע זענען אַהיימגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט שווערע געמיטער; אַ טייערער רב געווען, און היינט, די רביצין!

אַך, אונדזער אַמאָליק שטעטל מאַקאָוו!



חנא סטולניץ, המשורר הפרולטרי במאקוב

חנא סטאָלניץ ז״ל, דער מאַקאָווער פּראָלעטאַרישער דיכטער

חנא סטאָלניץ

פון מיין שטעטל*

אין די ווינקלען פון מיין שטעטל וויינט די נויט אויף די גאַסן:
ס׳שטומען די מאַשינען ווי זיי וואָלטן געווען צעבראָכן.
ס׳רוישן נישט די רעדער פאַרצויגן אויף די לעדערנע פּאַסן.
עס איז יום־טוב אין שטעטל אין פּראָסטן אינדערוואָכן...

געגאַרטלט מיט שרעק מ׳לויפט פון מיין שטעטל, ווי פון אַ חורבה וואָס צעפאַלט.
מ׳פאַרטרייבט די נויט אויף באַנען און שיפן, וואָס פירן אין דער וועלט;
בלייבן די מאַמעס עלנט צעבראָכן, ווי אונטערגעזעגטעביימער אין וואַלד,
פייניקט אַזאַ צער ווי מ׳וואָלט זיך געפונען אויף אַ וויסט פעלד...

ס׳יאָגט דער אומעט כאָטש ס׳איז שוין קינאָ און ראַדיאָ פאַראַנען.
יינגען ברייטפּלייציקע מיט הענט ווי שטיקער אייזן,
מעסטן אויס די געסלעך און האָבן זיך נישט ווו איינצושפּאַנען:
אויסצוהאָרעווען אַ ברויט, ווייב און קינד צו שפּייזן...

* פון בוך: „ליכט אין דער נאַכט״, לידער, מאַקאָוו 1934. אין אַריינפיר וואָרט שרייבט דער מחבר:
„אין דער איצטיקער כאַאָטישער צייט, ווען אַזאַ זאַפּטיקע פרוכט ווי פּאָעזיע רופט אַרויס אַ שוואַכן און שטילן אָפּקלאַנג, שרעקט זיך אַפילו צו אַנטפּלעקן מיט געזאַנג, נאָר ס׳וועקט פון שווייגן דאָס שטומע געוויין פון מיינע קינדער — די לידער, וואָס ווילן אַריין אין דער פּאַזע פון לעבן און פייניקן איך זאָל זיי ווייזן די וועלט.
שטעל איך איצט די ערשטע טריט, צו מאַכן דעם פּרווו פון מיין אָנהויב. דער מחבר״
דאָס ביכל אַנטהאַלט 30 זייטן און 26 לידער. מיר ברענגען דאָ אייניקע פון זיי.

עס שאַרן זיך לאַנגזאַם די טעג און פאַרגייען שטיל, ווי וואָלקנס רויך,
ס׳ברענט ווי אַ פייער דער הונגער אין הייזער, איינגעבויגן צו דער ערד,
ס׳שמייכלען די זאַטע אין מויערן מיט שטאָקן, פאַריסן אין דער הויך.
ווילן ס׳יינגוואַרג דאָס שטעטל אין רויטקייט טונקען, — ליגט דער שימל
נישט אויסגעקערט...

אין די ווינקלען פון מיין שטעטל וויינט די נויט אויף די גאַסן:
ס׳שטומען די מאַשינען ווי זיי וואָלטן געווען צעבראָכן,
ס׳רוישן נישט די רעדער, פאַרצויגן אויף די לעדערנע פאַסן,
עס איז יום־טוב אין שטעטל אין פראָסטן אינדערוואָכן...



לציון זכרו של המשורר ממאקוב, המחבר של „ליכט אין דער נאַכט"
צום אָנדענק פון מאַקאָווער דיכטער, מחבר פון „ליכט אין דער נאַכט"

ס׳געוויין פון אַלטע טאַטעס

ווו זאָלן מיר גיין מיט ווייטיק דעם שווערן ?
ווו זאָלן מיר קומען מיט אונדזערע ווונדן ?
עס וויל אונדז שוין קיינער מער נישט אויסהערן,
מיר גייען פאַרלוירן, מיר ווערן פאַרשווונדן...

די יוגנט פון אונדז איז ווייט אָפּגעגאַנגען,
זיי האָבן פאַרוואָרפן דעם קלויז מיט די שטענדער,
און זענען אַוועק די ציגל דערלאַנגען,
אויף איבערצופאָרמעווען לענדער...

מיר, די טאַטעס די אַלטע פאַרגייען פון דער וועלט,
ווי עס פאַרגייט דער גלויבן אין גאָטס ווונדער.
עס יאָגט די איינזאַמקייט פון די שולן גאָטס־געצעלט.
מיר האָבן פאַרלוירן אונדזערע אייגענע קינדער...

ווו זאָלן מיר גיין מיט דעם ווייטיק דעם שווערן ?
ווו זאָלן מיר קומען מיט אונדזערע ווונדן ?
עס וויל אונדז שוין קיינער מער נישט אויסהערן,
מיר גייען פאַרלוירן, מיר ווערן פאַרשווונדן.



יהודי מאקוב בחפירות תעלות־מגן בשנת 1939
מאַקאָווער יידן ביים גראָבן אָקאָפּעס אין יאָר 1939



די בריק אויפן וועג צום וואַלד — הגשר בדרך ליער

אין שוואַרצער נאַכט

אין שוואַרצער נאַכט מיט פינסטערניש שטום און בלינד,
ווען דער טאַטע האָט אין יסורים זיך געראַנגלט מיטן טויט, —
און די מאַמע דערשלאָגן האָט געוויינט ווי אַ קינד :
דאַן האָבן מיינע שוועסטערלעך זיך געבעטן : אַ שטיקל ברויט !...

אין חושך פון שטוב געפינקלט האָט אַ פלעמל פון אַ לעמפל ביי דער קיך.
ס׳האָט די מאַמע דערזען ווי דעם טאַטנס לעבן גייט אויס,
און מיינע ברידערלעך אויף די געלעגערס האָט געחלומט זיך :
זיי האַלטן שטיקעלעך ברויט, מיט שיסעלעך עסן אין שויס...

ס׳האָט אויפגעגרויט פאַרטאָג, צעשניטן די שטילקייט פון נאַכט,
איז דער טאַטע שוין געלעגן טויט...
האָבן מיר קליינינקע קינדער, געוויינט און געטראַכט :
ווער וועט אונדז שפייזן און געבן ברויט ?...

ד״ר מ. גור (קאַציאַק) / חיפה

אַ טאָג אין מאַקאָוו

(זכרונות)

פרילינג 1932. דער אויטאָבוס פון אָרליקן, וואָס גייט פון וואַרשע קיין מאַקאָוו, דערנענטערט זיך צום שטעטל. אָט זעט מען שוין די ;וועלדלעך פון דער גזשאַנקע. דער פּולטוסקער שאָסיי פירט צום שטעטל. דער אויטאָבוס גייט אַריין אין דער אַלייע פון די קאַשטאַן־ביימער, וואָס וואַקסן פון ביידע זייטן שאָסיי. קרעכצנדיק גייט ער אַרויף אויף דער הילצערנער בריק, וואָס ליגט אויפן טייך אָרזשיץ און סאַפּענדיק קומט ער אַריין אין מאַרק. דער מאַרק איז גרויס, פירקאַנטיק, פאַרבויט מיט געמויערטע צוויי־שטאָקיקע הייזער. אַרום און אַרום געשעפטן, קלייטן און געוועלבלעך.

אין מיטן מאַרק שטייט דער קיאָסק פון יעקב־משה סקורניק. דאָרט באַקומט מען סאָדע־וואַסער, זיסוואַרג און אייז־קרעם. נעבן דער בודקע שטעלט זיך אָפּ דער אויטאָבוס און דאָרט דערוואַרט שוין אַ גרויסער עולם די געסט פון וואַרשע. מ׳קומט באַגעגענען קרובים, פריינט, באַקאַנטע און סתם הערן נייעס פון דער גרויסער שטאָט.

דער יונגער סטודענט מנחם, וואָס האָט געלערנט אין מאַקאָווער גימנאַזיע און שטודירט איצט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, גייט אַראָפּ מיט זיכערע טריט און לאָזט זיך צום הויז פון ר׳ דודל הערצבערג. זיין זון, סענדער, איז זיינער אַ יוגנט־פריינט. גייענדיק דורכן מאַרק, דאַרף מען אָפּגעבן „שלום״ פריינט און באַקאַנטע.

אָט שטייט ביי זיין געשעפט ר׳ אבא בערענבוים, אַ שיינער, בכבודיקער ייד. אין געשעפט גופא געפינט זיך זיין פרוי פריידעלע מיט דער טאָכטער שאָרוסיע און זיין זון מאָטעק, וואָס פירט דאָס געשעפט. ער אַליין, ר׳ אבא, איז פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, און דער עיקר — אין דער גמינע. שטייט ער און שמועסט וועגן דעם מיט צוויי גוטע פריינט און כלל־טוער — אָסטרי און רעקאַנט, וועלכע האָבן פאַרלאָזט — דער ערשטער זיין שענק און וויין־געשעפט, און דער צווייטער — דעם „סקלאַד אַפּטעטשני״ (דראָגעריע). ווען זיי דערזעען דעם יונגן סטודענט, זענען זיי אים מקבל־פנים מיט אַ האַרציקן ברוך־הבא. איז דאָס אבא׳ס זון, חיים, מנחמס אַ יוגנט־פריינט און א חבר? דאָס זעלבע אָסטריס טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיטן יונגן זשורנאַליסט פון „היינט״ בערנהאָלץ (סעלים). און רעקאַנטס קינדער זענען דאָך געווען די תלמידים פון ר׳ מנחמס פאָטער ר׳ אַנשל, וואָס איז אַמאָל געווען לערער און שול־לייטער אין מאַקאָוו. און איידער וואָס און ווען, געפינט זיך מנחם אין ווער פון איין געשעפט צום צווייטן.

דאָ מאָנטשקאָווסקי, אַ ביסל ווייטער שיינבערג, און דאַן קליינהויז — דאָס איז איין טייל פון מאַרק. ווייטער גייט דער קריסטלעכער טייל: אַדאַמסקיס ביכער־געשעפט, יאַזש־ווינסקיס קעלבאַס־ (וווּרשט) געשעפט, שולצס אַפּטייק און נאָך עטלעכע קריסטלעכע געשעפטן. דער דריטער טייל — גאָלדוואַסער, סטודענט און נאָך עטלעכע יידישע גע־שעפטן. דערנאָך דער פערטער טייל, וואָס ענדיקט זיך מיט סעגאַלס געוועלב און דאַן דער לעצטער טייל — דאָס געשעפט פון בלום, געוועלב פון צוקערמאַן און אַנדערע געשעפטן. צום סוף — די געוועלבער פון גערער חסיד חונא בינם און סעגאַלס גאַלאַנ־טעריע־געשעפט. „סעגאַל דער בירגערמייסטער" — דער נאָמען שטאַמט נאָך פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין יאָר 1915, ווען ער איז געווען בירגערמייסטער אין שטעטל.



קולנוע „שוויאַטוביד" במאקוב

קינאָ־טעאַטער „שוויאַטאָוויד" אין מאַקאָוו

שנעל לויפט דורך מנחם דעם מאַרק און גייט אַריין אין טשעכאַנאָווער גאַס. דאָ איז אים באַקאַנט יעדעס הויז. אין עק — די וווינונג פון פּלאַטוי, און אין הויף — די שטוב פון הענדעל. דאָ מוז ער אָפּטרעטן זאָגן „אַ גוט מאָרגן" ר' איטשע הענדעל און זיין פרוי, און פרעגן זיך אויף זיינע חברים בערקאָ, אַלטע און חיים. ביי ביידע זייטן פון טשעכאַנאָווער גאַס ציען זיך געוועלבער — פון כץ, דאָס ביכער־געשעפט פון פּיאַנקע, דעם לייטער פון דער פּאָוושעכנער שולע, און אַנדערע געוועלבער. און אָט פאַרקערעוועט ער זיך אין דער פּרושניצער גאַס און קומט אַריין אין שטוב פון ר' דודל הערצבערג. ר' דוד זיצט אויפן קליינעם שוסטער־בענקל. ער שטייט־אויף, ווישט אָפּ די הענט אין דעם לעדערנעם פאַרטוך און גיט אַ ברייטן, האַרציקן שלום־עליכם דעם

יונגן סטודענט. איז ער דאָך געווען אַ בן־בית און אַריינגייער אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן אין זיין שוסטער־וואַרשטאַט — אַ חבר פון זיין עלטערן זון, סענדער.

באַלד קומט סענדער, ער איז שוין אַ חתונה־געהאַטער און וווינט א־יבן — אין דעם צימער, וועלכער איז שפּעטער צוגעבויט געוואָרן. באַלד ווערט געגרייט דער טיש: פרישער שוואַרצער ברויט, פּוטער, קעז, פּאָמידאָרן און ציבעלע, מילך און קאַווע. מנחם זיצט שוין ביים טיש, אַרומגערינגלט פון ר׳ דודס משפחה, און אַלע פרעגן, דערציילן, הערן נייעס פון דער גרויסער שטאָט און דערציילן נייעס פון שטעטל.

מנחם באַטראַכט דאָס צ־מער. עס דוכט זיך אים, אַז ער איז קלענער געוואָרן. אונטער די בעטן ליגן, ווי שטענדיק, די גרויסע לעדערס פון וועלכע ר׳ דוד שניידט־אויס די זוילן פאַר די שיינע שטיוול, וואָס ער מאַכט פאַר די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. ר׳ דודס אַ שטיוול האָט אַ שם. אַפילו די יונגע אָפיצירן, מנחמס חברים פון דער פּוילישער גימנאַזיע, קומען באַשטעלן שטיוול ביי ר׳ דודן. אַרום דעם שוסטער־וואַרשטאַט זיצן די געזעלן, וואָס קלאַפּן די הילצערנע טשוועקלעך אין די זוילן אָדער נייען די ראַנדן מיט שטאַרקע פעדים געשמירט מיט וואַקס (דראַטוועס).

מנחם דערמאָנט זיך, ווי לויפנדיק יעדן טאָג פון גימנאַזיע אַהיים, פלעגט ער אָפּטרעטן דאָ, לייענען די „פאָלקס־צייטונג״. דאָס איז געווען דער בונדישער אָרגאַן. ר׳ דודס געזעלן האָבן געהערט צום „בונד״ און נישט איינמאָל האָבן זיי דיסקוטירט מיט מנחמען, וועלכער איז געווען אַ יונגער ציוניסטישער טוער. די ווערטער און לאָזונגען — „ארץ־ישראל״, „עברית״, „יידיש״, „רעכט אין גלות״, „קאַמף פאַרן דאָ זיין״ — פלעגן הילכן אין ר׳ דודס שוסטער־וואַרשטאַט. דאָ, אין דעם וואַרשטאַט, זיצנדיק ביים לאַנגן נידעריקן אַרבעטס־טיש, פלעגט מנחם אויפשרייבן זיינע ערשטע לידער און דערנאָך פאַרלייענען זיי פאַר דעם חבר זיינעם, סענדער, וועלכער האָט זיך אַנטציקט פון זיי. ער האָט מנחמען געמוטיקט, אַז ער זאָל ווייטער שרייבן. „ווען די רעדאַקטאָרן אין וואַרשע וואָלטן זיך אַזוי שטאַרק אַנטציקט פון מיינע לידער, ווי מיין פריינט סענדער, וואָלט איך לאַנג געווען אַ גרויסער יידישער דיכטער״ — טראַכט מנחם. אָבער לאַנג טראַכטן קען מען נישט.

נאָכן פרישטיק נעמט סענדער דעם חבר זיינעם צו באַזוכן די שטאָט, טרעפן זיך מיט באַקאַנטע, פריינד און חברים. מנחמען גלוסט זיך אָבער אַליין בלייבן מיט שטעטל, גאַסן און געסלעך, וו־ ער איז אַלס יונגער יינגל באַרוועס אַרומגעלאָפן. ער וויל זיך מתיחד זיין מיט די יונגע יאָרן, וואָס ער האָט אין שטעטל פאַרבראַכט.

געפינענדיק אַן אויסרייד בלייבט ער אַליין. ער גייט אַוועק ביז ענדע טשעכאַנאָווער גאַס, צו די ריזיקעס הייזער. דאָס זענען הילצערנע געביידעס, וו־ עס האָט זיך געפונען ד־ שולע פון זיין פאָטער ר׳ אַנשל. דאָרט האָט געוווינט זיין פאַמיליע. ער קומט צו צו דער וווינונג. דאָרט וווינען שוין פרעמדע מענטשן. ער גייט אויפן הויף, באַקוקט דעם ברונעם, וואָס מען האָט דאָרט אויסגעגראָבן, באַגריסט זיך מיט שכנים, וואָס



תנועת הצופים במאקוב, בשנת 1916

סקויטן־אָרגאַניזאַציע אין מאַקאָוו, אין יאָר 1916

געדענקען אים נאָך פון די קינדער־יאָרן. עס קומט אים אַנטקעגן דער אַלטער פּאָליציאַנט זבישענסקי.

נאָך די הייזער ציען זיך שוין די פּויערישע הייפלעך פון גראַבאָווסקי, קישעלעווסקי און אַנדערע. דער עיקר ציט אים דער הויף פון גראַבאָווסקי. דאָרט איז געווען אַ ברונעם מיט לויטערן וואַסער. מנחם פלעגט אָפט גיין אַהין מיט די עמערס צו שעפּן וואַסער. דער וועג, די סטעזשקע איז אים גוט באַקאַנט. זי פירט צווישן פעלדער. די אַלטע פּויערים באַגריסן דעם יונגן סטודענט, פרעגן זיך נאָך אויף זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער, וועלכע זיי האָבן געקענט, לאַדן אים איין אין די וווינונגען; אָבער מנחם גייט ווייטער אויף דעם סלאָניאָווער וועג. דאָרט געפינט זיך אַ צלם און אַ „הייליק״ בילד, אַרום־גרינגלט מיט אייזערנע שטאַכעטן. ווי אַלע בילדער און צלמים אויף די וועגן, וואָס פירן צו די פּוילישע דערפער.

דאָ פלעגט מנחם מיט זיינע חברים לויפן פון דער פּאָושעכנע שולע אין דער צייט פון דער גרויסער הפסקה. דאָ פלעגט מען שפּילן זיך, חלומען, ליגן אין דעם ווייכן גראָז, בויען און צעשטערן וועלטן. מנחם ליגט ווידער אין גראָז, טוליעט זיך צו דער ערד און ס׳דוכט זיך אים, אַז ער איז ווידער אַ באָרוועסער ייִנגל, וואָס קוקט מיט זיינע קינדערשע אויגן אויף דער וועלט, ער אַנטציקט זיך מיט יעדן בלימל, מיט דער בלויקייט פון די הימלען, מיטן געזאַנג פון די פייגל. דאָ, אין דעם ווינקל האָט ער פאַרצייכנט די סטראָפן:

„ווו איז דער אָנהויב,
און ווו איז דער סוף
פון אַ מענטשלעכן טאָג?
ער קומט פון אומענדלעכקייט
און גייט אין איר אַוועק...

ווער האָט דאָס געשריבן? אַן עלטערער מענטש פול מיט דערפאַרונג און לעבנס־קענטעניש? ניין, דאָס האָט געשריבן אַ פופצן־יאָריק בחורל, אַ שילער פון לעצטן קלאַס פון דער פּאָושעכנע שולע אין מאַקאָוו.

מנחם איז פאַרשיכורט פון די ריחות פון דער פרישער גרינקייט, וואָס שפּראָצט אַרויס פון די שוואַרצע פעלדער. אַ פרילינג־ווינטל קומט צו פליען גלעט אים די האָר, קושט אים אויפן הייסן שטערן. עס דוכט זיך, נעכטן האָט ער געשריבן דאָס ליד:

„עס האָט מיך אַ מענטשן־האַנט גלעטן נישט געוואָלט,
בין איך צו די ווינטן געגאַנגען...״

ער גייט צוריק פאַרחלומט אויף דעם וועג, וואָס פירט אין שטעטל. אָט געפינט ער זיך ביי זיגמונטאָוויטשעס גאָרטן. דאָ פלעגט ער קויפן אויבסט: עפּל און באַרן. דאָ פלעגט ער שפּאַצירן אין די שבתים מיט חברים און פריינט און שפּעטער — ביי פריד־מאַנען אין גאָרטן. גערופן האָט מען פרידמאַנען „דער גערטנער ר׳ מאָטיע״. ער האָט

געפּאַכטעט אַ גאָרטן ביי די קריסטן און פלעגט פאַרקויפן גרינוואַרג און אויבסט אין מאַרק. זיין גאָרטן איז געווען נעבן ריזיקעס הייזער. מנחם און זיינע חברים פלעגן אַמאָל גנבענען אַן עפּל אָדער אַ באַרן פון זיין גאָרטן. שפּעטער, ווען מנחם איז אַריינגעטראָטן אין „השומר הצעיר" און געווען אַ חבר מיט ר' מאָטיעס טאָכטער הדסה, פלעגט ער אַמאָל אַריינקומען צו זיי אין שטוב. דעמאָלט האָט ער דערציילט ר' מאָטיען וועגן די גניבות. ר' מאָטיע האָט געלאַכט, געשטעלט צום טיש טעלערס מיט פּרוכט, אָבער מנחם האָט געטענהט, אַז זיי האָבן נישט דעם טעם פון געגנבעטן גרינעם און זויערן עפּעלע פון אַמאָליקע יאָרן...

מנחם שלייכט זיך דורך דעם מאַרק, כדי אויסצומיידן אַ צוזאַמענטרעף מיט די אַלע יידן, וועלכע ער קען און דאַרף מיט יעדן כאַפּן כאָטש אַ קורצן שמועס. אָבער דאָס דאַרף ביי אים צונעמען דעם גאַנצן טאָג און ער וויל נאָך באַזוכן אַ פּאָר ערטער, וואָס זענען געבונדן מיט זיינע קינדער־יאָרן. ער גייט דורך די לאָנקעס צום נאָענטן וואַלד. ער קען דאָ יעדעס ווינקל, יעדן בוים. דאָ פלעגט ער שפּאַצירן, חלומען. דאָ האָט ער געפירט „זביורקעס" — פאַרזאַמלונגען פון „קבוצות" און „גדודים" פון „השומר הצעיר". דאָ פלעגט מען זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און זינגען העברעאישע און יידישע לידער. דער וואַלד איז געווען אַ יידישער. מען האָט דאָרט זעלטן געזען אַן עלטערן גוי אָדער שגץ, אַמאָל נאָר פויערטעס, וואָס פלעגן קומען זאַמלען שוואַרצע און רויטע יאַגדעס. מנחם שפּירט נאָך דעם זויערלעך־זיסן טעם פון די שוואַרצע און רויטע יאַגדעס, וואָס גלאַנצן אַרויס פון גרינעם גראָז. ער גייט צוריק פון וואַלד, צום וואַסער־מיל און פון דאָרטן — צום גאָרטן. דאָרט שטייט די געביידע פון דער געוועזענער גימנאַזיע, ווו ער האָט געלערנט אין די יאָרן 1925—1928; פיר יאָר האָט ער פאַרבראַכט צווישן יענע ווענט. טעג פון פרייד און אומעט, צער און שמחה. ער גייט אויף די סטעזשקעס פון גרויסן גאָרטן, ווו ער פלעגט אַרומלויפן אין דער צייט פון די הפסקות. ער טרעפט דעם אַלטן „וואָזשנע" (שומר), וואָס פלעגט קלינגען מיטן גרויסן גלאָק בשעת די פויזעס. ער איז שוין גראָ און איינגעבויגן, דער אַלטער אַנטאָני. ער דערקענט מנחמען און פרייט זיך מיט אים. „אַוועק די גוטע יאָרן" — זאָגט ער — „די שטילקייט איז אַ סימן פון נאָענטן טויט". ער דריקט די האַנט פון מנחמען און טרערן באַווייזן זיך אין די אויגן פון אַלטן „וואָזשני", וואָס איז געבליבן דאָ דער איינציקער סימן פון די אַמאָליקע יאָרן.

פון דאָרט פירן אים די פיס צום אָרזשיץ, וואָס שלענגלט זיך צווישן די לאָנקעס. דאָ פלעגט מנחם און זיינע חברים באָדן זיך זומער, וויאָסלען זיך אויף לאָדקעס. ער געפינט זיך אויף דער טורבינע. די טורבינע, וואָס איז געווען אַמאָל אַ סענסאַציע אין שטעטל, איז שפּעטער געוואָרן דער וועג, וואָס פירט פון שטעטל אין וואַלד אַריין. גייענדיק צוריק פון דאָרט, הויבט אָן די זון צו פאַרגיין אין מערב, רויטלט דעם הימל, און שוואַרצע וואָלקנדלעך באַדעקן זי מיט אַ שוואַרצן טוך, וויקלען איין די זון פאַר איר שלאָפן גיין.



סניף „השומר הצעיר" במאקוב, בשנת 1928

סניף פון „השומר הצעיר" אין מאַקאָוו, אין יאָר 1928

אַלץ אין שטעטל האָט זיך געענדערט: די הייזער זענען נידעריקער געוואָרן, די מענטשן — קלענער. נאָר דער הימל איז געבליבן דער זעלבער. איצט פינקלט ער מיט שטערן; די פינצטערניש לאָזט זיך אַראָפּ ביסלעכווייז אויף דער ערד. מנחם שפּירט דעם טעם פון בין־השמשות, פון דער דעמערונג, וואָס גלעט, באַרואיקט מיט איר שטילקייט. ער דערמאָנט זיך פערזן פון דער פאַרגאַנגענהייט.

„כ׳האָב געוואַרט ביז טיפער נאַכט,
דו ביסט נעכטן נישט געקומען,
און כ׳האָב פאַר דיר פון גאַס געבראַכט
שוואַרצן ברויט און רויטע בלומען...״

יאָ, דאַן איז דאָס ברויט געווען שוואַרץ און די בלומען האָבן געדאַרפט זיין רויט.

ווען מנחם קומט צוריק אַריין אין שטעטל, זענען שוין די הייזער באַלויכטן. פאַר־מאַטערטע סוחרים שטייען נאָך אין די געוועלבער און וואַרטן אויף דעם לעצטן פּדיון. די יוגנט לאָזט זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר. ס׳איז אונטערגעוואָקסן אַ נייער דור. נישט יעדן דערקענט שוין מנחם. נאָכן אָוונט־ברויט טרעפט ער אַ סך חברים און פריינט. מען זעצט זיך אַוועק, ווי אַמאָליקע צייטן, אויף די טרעפּלעך פון די געוועלבער און מען שמועסט וועגן אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין שטעטל: ווער ס האָט חתונה געהאַט, ווער ס׳איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. וואָס פאַר אַ ידיעות קומען אָן פון חברים, וועלכע געפינען זיך אין ארץ־ישראל. עס מישן זיך רייד, געלעכטער, וויצן, ערנסטע שמועסן און אַלץ ווערט פאַרשלונגען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. עס ווערט שפּעט. מען דאַרף גיין שלאָפן. מאָרגן פאַרטאָג פאָרט מען צוריק קיין וואַרשע. און מנחם וויל איינזאַפּן אין זיך וואָס מער פון שטעטל, מיט וועלכן ער איז געבונדן מיט טויזנטער פעדים. אויך די חברים קלאַמערן זיך אין מנחמען, עצהן זיך מיט אים: ווער ס׳וויל אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד; ווער ס׳וויל אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל; ווער ס׳וויל אַוועקפאָרן אין דער גרויסער שטאָט. דאָס שטעטל איז קליין געוואָרן און די יוגנט וויל עס פאַרלאָזן; נישטאָ קיין אַרבעט אין שטעטל, נישטאָ קיין צוקונפט, אָבער עס וואַקסט שוין אונטער אַ צווייטע יוגנט, וואָס חלומט אין שטעטל, שפּאַצירט אין די אַלעען, גייט אין די וועלדער. „דור הולך ודור בא״ — טראַכט מנחם. מען געזעגנט זיך, מען דריקט זיך די הענט, מען קלאַפּט אין פּלייצע. ביינאַכט איז שווער איינצושלאָפן. עס מישן זיך טויזנטער געדאַנקען, בילדער און חלומות. ערשט פאַרטאָג וויגט אים איין דער שלאָף. אָבער באַלד וועקט מען אים. ער כאַפּט זיך אויף שנעל. עס דוכט זיך אים, אַז ער פאַרשפּעטיקט אין גימנאַזיע און ער וועט דאַרפן לויפן אַהין אָן פרישטיק. דאָס וועקט מען אים צום אויטאָבוס, וואָס גייט אָפּ פאַרטאָג פון מאַקאָוו קיין וואַרשע.

מנחם געזעגנט זיך וואַרעם מיט ר׳ דודלען און זיין פאַמיליע און איילט צום אויטאָ־בוס. דער אויטאָבוס פאַרלאָזט די שטאָט. אָט איז ער שוין אויפן פּולטוסקער שאָסיי. ווען עס פאַרשווינדן די לעצטע ביימער פון מאַקאָווער וואַלד, דערפילט מנחם, אַז אַ גרויסער

טייל פון אים איז פאַרבליבן דאָרטן, אין שטעטל. דער פּייזאַזש פון די פעלדער און וועלדער אַרום איז אים שוין פרעמד, דאָס געהערט שוין נישט צו מאַקאָוו. ער פאַרמאַכט די אויגן, ווי ווילנדיק נאָך איינהאַלטן אין זיך דאָס בילד פון שטעטל. ווער ווייסט, ווען ער וועט נאָכאַמאָל אַהין קומען — טראַכט ער. אַן אומעט כאַפּט אים אַרום. אפשר האָט ער שוין דאַן געהאַט דעם פאָרגעפיל, אַז דאָס איז שוין זיין לעצטער באַזוך אין שטעטל, אין יידישן מאַקאָוו. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געוואָלט נאָך אַמאָל אַ בליק טאָן אויפן שטעטל — ס׳איז שוין אָבער אינגאַנצן פאַרשוווּנדן, פאַרשוווּנדן אויף אייביק.

אליעזר שחר (מאַנטשקאָווסקי) / תל־אביב

זכרונות פון מיין געבורט־שטאָט מאַקאָוו

צום אָנדענק פון מיין פאָטער יהושע חיים הכהן (מאַנטשקאָווסקי), געוועזענער מיטגליד פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, און זיין פאַמיליע.

36 יאָר זענען פאַריבער, זינט כ׳האָב פאַרלאָזט מיין געבורט־שטאָט. אָבער מיטן דערשיינען פון יזכור־בוך געפין איך פאַר נייטיק צו ברענגען קורצע שטריכן, זכרונות וועגן חברים, פריינד, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען דורכגעמאַכט אַ גרויסן טייל פון מיין יוגנט, און זיי זענען ליידער נישט זוכה געווען צו זען די פרוכט פון זייער איבער־געגעבנקייט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, דעם אויפקום פון מדינת ישראל, אין וועלכער מיר האָבן דעם זכות צו לעבן.


זאָלן אָט די שורות זיין אַ דענקמאָל פאַר אַלע חברות און חברים, וועלכע זענען אויף אַ טראַגישן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע פאַרברעכער (מיט דעם אַקטיוון אָנטייל און מיטהילף פון אונדזערע געוועזענע פּוילישע שכנים).

די קינדער־יאָרן אין מאַקאָוו זענען נישט געווען אַנדערש ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. מ׳האָט געלערנט אין חדר פון פרימאָרגן ביז אין שפּעטן אָוונט, זומער און ווינטער, אין צייט פון רעגן און שניי. ס׳האָט זיך נישט איין מאָל געוואָלט געניסן פון דער שיינער נאַטור אַרום דעם שטעטל, פון דעם טייך אָזשיץ, פון דעם נאָענטן וואַלד, אָבער דער רבי האָט נישט געלאָזט. דער פּחד איז געווען גרויס. איז מען געזעסן ביי לייבל בייגער, מענדל וואַרשעווער און אַנדערע מלמדים און געלערנט

די סדרה פון דער וואָך, כדי שבת, ווען דער פאָטער וועט פאַרהערן, זאָל מען זי קענען.

ווער פון אונדז געדענקט נישט די פינצטערע נעכט, ווען מיר פלעגן צוזאַמען אַהיימ־גיין פון חדר און, ציטערנדיק פון פחד, באַגלייט איינער דעם אַנדערן מיטן לאַמטערן ביז דער שטוב.

ווען מיר פאַרגלייכן אונדזערע קינדער־יאָרן און די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר האָבן געלעבט, מיט די גרויסע מעגלעכקייטן און דער פרייהייט פון אונדזערע ישראל־קינדער, דאַכט זיך, אַז עס זענען שוין פאַריבער אַ סך דורות, און נישט אַזאַ קורצע צייט האָט אַזוי ראַדיקאַל געענדערט דאָס לעבן פון אונדזער יוגנט.



רחוב פילסודסקי — מימין: בנין הדאר

פילסודסקי־גאַס — רעכטס: בנין פון דעם פאָסט־אַמט

מיטן דערעפענען אין יאָר 1916 די ערשטע מאָדערנע שולע („חדר מתוקן") פון ר' אַנשל קאָציאַק ז"ל, האָט זיך אין מאַקאָוו אָנגעהויבן, לויט מיין מיינונג, אַ נייע תקופה. טראָץ דער גרויסער קעגנערשאַפט פון „אגודת ישראל", וועלכע האָט אין קיין פאַל נישט געוואָלט מסכים זיין מיטן קליינעם פּראָגרעס, וואָס די שולע האָט געבראַכט, און אָנגעווענדעט כלערליי מיטלען, בכדי זי זאָל געשלאָסן ווערן — האָט דאָך די שולע עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר.

נאָכן שליסן די יידישע גימנאַזיע, איז אַ טייל שילער אַריבער אין דער פּוילישער גימנאַזיע און פאַרגעזעצט די לימודים.


די שטאָט, און ספּעציעל די יוגנט, האָט אַ סך פאַרלאָרן מיטן שליסן זיך פון דער העברעישער שולע.

אין יאָר 1919 האָט אַ גרויסע גרופּע יוגנטלעכע, ווי: נטע ווילענבערג, גדליהו

רייטשיק, פולע פערעלבערג, גרוניע סעגאַל א. אַנד. באַשלאָסן צו ווערן לאַנד־אַרבעטער און גרייטן זיך עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. איך דערמאָן זיך, ווען די גרופּע פלעגט נאָך אַן אַרבעטסטאָג צוריק קומען אין שטאָט מיט די אַרבעטס־מכשירים — דעם גרויסן רושם, וואָס דאָס האָט געמאַכט.ליידער איז נאָר אַ קליינער טייל פון זיי עולה געוואָרן.

אין דער זעלבער צייט ווערט אין שטאָט געגרינדעט: דער „השומר־הצעיר", „פּרחי ציון", „מכבי". אין יעדער פון די יוגנט־באַוועגונגען ווערן דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן, פאַרשטעלונגען און דיסקוסיעס.

ביי „מכבי" ווערט געגרינדעט אַ פוטבאָל־סעקציע, וועלכע האָט דורכגעפירט פאַר־



הטורבינה להפעלת כח החשמל

די וואַסער־טורבינע פאַר עלעקטריע־קראַפט

מעסטונגען מיט די מאַנשאַפטן פון דער פוילישער גימנאַזיע און פון מיליטער אין רוזשאַן. אין יענער צייט, אין יאָר 1921, איז דאָס אין מאַקאָוו געווען אַ רעוואָלוציע, ווייל ווען מיר פלעגן קומען צוריק פון דעם פאַרמעסט, אָנגעטאָן אין ספּאָרט־קליידער, האָבן מיר געהאַט גרויסע קאַמפן מיט אונדזערע עלטערן, וועלכע האָבן אונדז נישט פאַרשטאַנען. פון דער צווייטער זייט, האָבן מיר אונדזערע פוילישע שכנים באַוויזן, אַז מיר זענען אויך פעאיק צו ספּאָרט־פאַרמעסטונגען, און דערמיט האָבן מיר געהויבן אונדזער נאַציאָנאַלן כבוד.

אין יאָר 1925 ווערט אין ירושלים דערעפנט דער העברעאישער אוניווערסיטעט. די דאָזיקע געשעעניש ווערט ביי אונדז אין שטאָט געפייערט מיט אַן אַקאַדעמיע אין דער גרויסער שול, איינגעאָרדנט דורך אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. צום ערשטן

מאָל אין דער געשיכטע פון מאַקאָוו זינגט אַ געמישטער כאָר אין שול, און שושנה קאַציאַק ז״ל לייענט אַ קאַפּיטל תנ״ך.

מיר האָבן געהאַט גרויסע שטערונגען פון אַלע קעגנער, אָבער די גוט אָרגאַניזירטע ציוניסטישע יוגנט האָט געהיט די אָרדענונג, און די אַקאַדעמיע איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. די חברים: משה־יהודה פרעשבערג, יוסף קאַנטאָר, יעקב יעדוואַבניק ז״ל א. אַנד. האָבן בייגעשטייערט פאַרן דאָזיקן דערפאָלג.

ווען אין 1929 זענען אָנגעקומען פון ארץ־ישראל ידיעות וועגן אָנפאַלן אויף יידישע קאָלאָניעס, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ גרויסן טייל פון אונדזער יוגנט, ספּעציעל רעזער־וויסטן פון דער פּוילישער אַרמיי. מיר האָבן געשיקט אַ טעלעגראַמע צום פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע, אַז מ׳זאָל דערמעגלעכן די דאָזיקע חברים אַרויסצופאָרן קיין ארץ־ישראל און קעמפן קעגן די אַראַבער, אָבער די טויערן פון לאַנד זענען געווען געשלאָסן.

טראָץ דעם, וואָס די יוגנט אין שטאָט איז פּאַקטיש געווען אַרבעטסלאָז, און די פּערספּעקטיוון אויף דער צוקונפט זענען אויך נישט געווען קיין גינסטיקע, איז די עליה פון מאַקאָוו געווען אַ נישטיקע. נאָר אַ קליינער טייל חברים פון „החלוץ״ און „השומר הצעיר״ האָט געהאַט דעם כוח צו פאַרלאָזן די אַלטע היים און אָנהויבן אַ ניי לעבן אין ארץ־ישראל. איינער פון די עולים, דער חבר בערקאָ הענדעל ז״ל, איז גלייך נאָך זיין קומען אין לאַנד געפאַלן אין קיבוץ עין־שמר.

איך געדענק מיינע באַגעגענישן מיט בערקאָן, די פרייד פון זיין אַרבעט אין קיבוץ און זיינע שטענדיקע דאגות וועגן די אַלע, וואָס זענען געבליבן אין מאַקאָוו און נישט געקענט קומען, צוליב די עליה־שוועריקייטן.

נאָכן גרויסן חורבן, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק, נאָכן אונטערגאַנג פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן און צוזאַמען מיט זיי אונדזערע שטאָטישע, פילן מיר, וואָס ווייטער אַלץ מער, די גרויסע אבידה.

די על־פּי נס געראַטעוועטע פונעם היטלער־גיהנום, וואָס זענען אָנגעקומען אַהער, אין לאַנד, האָבן מיר געהאָלפן מיט באַשיידענע געלט־שטיצעס, אַ דאַנק דער גמילות־חסדים־קאַסע, וואָס מיר האָבן געשאַפן.

נחמה סלע־לבקוביץ / תל־אביב

הטחנה

בעירנו מאקוב היתה טחנת פלאים,
נהרו אליה יהודים גם גויים.
כי סגולה מיוחדת בה היתה:
כקמח שנטחן בה עין לא ראתה;
בטיב ובזוהר כמוהו לא היה
ובכל ערי הבירה ובאפרכיה.

*

בכל רחבי פולין היו לו מהלכים
מי שטעם ממנו חזר אליו בכל הדרכים.
גם אמנו, עת הניעה בכברה,
כל פעם לשונה תודה לו שרה.
יופיו וזוהרו כשמש בצהריים
וטעמו כטעם המן מן השמיים.
ובעת לושה בצקה מאוד התפעלה,
איך הוא תוסס, תופח, מעלה־מעלה.
הברכה בו שורה — חיוותה היא דעה:
שמה רק סאה וירב פי מאה.
ברכה חמה שפתיה לחשו לאל:
אין בכל העולם כמו קמח בצלאל.

*

לבסוף התרקמה סביב הטחנה אגדה,
שרוח אליהו זכור לטוב אותה פקדה.
כי איש לא ידע בזכות מה, בזכות מי,
יצא הקמח טוב וטעים להפליא.

*

וכזוך הקמח כן זכו מעשיו של בצלאל האיש,
לכל נצרך ומדוכא הוא עזרה החיש.
קרונות טעונים שקי קמח הוסעו

לכל מקום שם דברי תורה יישמעו:
לאוסטרוב וללומז׳ה וחוזר חלילה —
מוורשה לביאליסטוק, לכל ועד קהילה.
הודות לתמיכה הוסמכו רבנים,
גדלו גאונים, התרבו למדנים,
ועל פניהם נסכה נהורא מעליה,
כי קמח ותורה הא בהא תליא.

*

בכל ערבי שבתות נפתח השער:
בצלאל לא היפלה בין זקן ובין נער.
הוא חילק בנדיבות את הקמח לכל:
כל דכפין ייתא ויכול.
כפופי־גב תחת נטל המשא שחו
טורי־טורים של אביונים נתמשכו
ובעד לביגדם המרופט, הבלה —
הבהיק הלובן של שק קמח מלא.

*

ושוט כי יעבור על יהודי העיר,
בהטיל גרבסקי מיסים למכביר;
יסחוט דמם, יפשוט עורם מעליהם,
יריק איצטבאותיהם, יעמידם במערומיהם,
מספר פושטי הרגל הלך ורב
גם פושטי יד — כי גבר הרעב;
גם בטחנת הפלא יד הצורר חלה
אך העלתה חרס — היא לא יכלה לה.
על אף המיסים שהוטלו עליה,
לא הופסקה הילוכה, לא נעצרו גלגליה.
ובצלאל לא גרע מהמיכסה שהקציב,
ויוסיף תת עוד, אף הגדיל והרחיב.

*

ובחצות הלילה במשמרת שנייה,
פילח שאון הטחנה את הדומיה,
ויחד עם קול לומדי התורה
התמזג להרמוניה נפלאה, אדירה...

מרדכי ציווינער / ניו־יאָרק

אַ גאַס אין מאַקאָוו

צום אָנדענק פון מיינע עלטערן שרה, אלתר־משה ציווינער, מיין ברודער מאיר ראַטבלאַט, מ״ין באָבע און זיידע דרעזל און פייוול קורניק.

ווער האָט אין מאַקאָוו נישט געקענט מיין געסל „זיעלאָני רינעק״? נישט קיין גרויסע גאַס געווען, אָנגעהויבן האָט זי זיך ביי דער פּראַשניצער גאַס און געענדיקט ביים טייך.

אַן אָרעם געסל געווען. קיין גבירים — סיי גרויסע און סיי קליינע — האָבן אין דעם געסל נישט געוווינט. פשוטע, אָרעמע יידן, שניידערס און שוסטערס האָבן זיך געפונען אין די נידעריקע, איינגעפאַלענע הייזקעס. דאָך, פון מיין קינדהייט אָן, האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיין געסל איז דער צענטער פון שטאָט. יעדע געשעעניש, אַ טרויעריקע אָדער אַ פריילעכע, האָט געמוזט אַדורך אין מיין געסל.

אַ חתונה אין שטאָט, מען פירט חתן־כלה צו דער חופה נעבן דער שול. ווינטער ביינאַכט, מיין גאַס איז צוגעדעקט מיט אַ טיפן שניי. אין דרויסן קנאַקט דער פראָסט. צוויי לאַנגע רייען יידענעס מיט ליכט אין די הענט פירן די כלה. שלמה כלי־זמר מיט די זין, זלמן פאַגעל מיטן גרויסן באַס גייען פאָרויס און שפילן חתונה־ניגונים. אַ כאָפּטע קינדער לויפן נאָך מיט שניי־קוילן און באַוואַרפן די כלה. איך שטיי אינדרויסן און אַ פריילעכקייט נעמט מיך אַרום. עפּעס איז מיין געסל אַזוי ליכטיק און פריילעך געוואָרן, פּונקט ווי מיר אַלע וואָלטן מחותנים געווען.

און אָט גייט אַ לוויה דורך מיין גאַס, צו דער שול. בערעלע, דער חברה־שמש, גייט פאַרן אָרון און קלאַפּט מיט אַ גרויסער פּושקע צום טאַקט: „צדקה תציל ממות״. קרובים מיט יללותדיקע געשרייען און אַן עולם מיט געבויגענע קעפּ שפּאַנען־נאָך. פון אַלע הייזקעס אין מיין געסל עפענען זיך טירן און די מענטשן לויפן אין איילעניש, כדי חס־ושלום נישט אַדורכלאָזן די מצוה פון הלוית־המת.

איך שטיי שוין גרייט מיט אַ קוואָרט וואַסער ביי דער שוועל. ווען מיין מאַמע קומט צוריק, וואַשט זי זיך די הענט און לאָזט דערביי אַרויס אַ טיפן קרעכץ, און אַן אומעט קוקט אַרויס פון אירע אויגן.

שבת גאַנץ פרי שטיי איך אויף צום דאַוונען. דאָס גאַנצע שטעטל ליגט אין אַ געדיכטן שניי. אומעטום איז ער נאָך אומבאַרירט, אָבער ביי אונדז אין געסל איז ער שוין דורכ־געשניטן מיט שמאָלע סטעזשקעס, ווי אַ שאַך־ברעט. זיי פירן צום אַלטן בית־המדרש,

צום אַלעקסאַנדערער שטיבל, צו דער שול און צום נייעם בית־מדרש. עס גייען יידן פון אַלע זייטן פון שטאָט, פון ר׳ בצלאל ווילענבערגס מיל, ביז משולם רייטשיקס מיל, פון מאַרק און פון אַלע זייטיקע געסלעך. אַלע אָנגעטאָן שבתדיק און מיט געמאָסטענע טריט גייען זיי, גרויסע און קליינע יידעלעך. עפּעס אַ שלוותדיקע, שבתדיקע מנוחה, איז אויסגעגאָסן אויפן געסל.

פון אַלע זייטן גאַס רייסן זיך אַרויס די ניגונים פון שבתדיקן דאַוונען. שבת בייטאָג. מיין געסל איז פול מיט קינדער פון אַלע עקן שטאָט. ביי יידל, חברה־שמשס הויז, איז דאָ אַ בערגל, וואָס פירט אַרויף צו דער שול. דאָס בערגל איז באַדעקט מיט שניי, פאַרוואַנדלט אין גליטשיקן אייז. פון שפּיץ בערגל לאָזן זיך די קינדער אַראָפּ: שטייענדיק, זיצנדיק, קניענדיק, פייל אויסן בויגן, אַראָפּצו; און ווען זיי קומען אונטן, קאָלערן זיי זיך אין שמוציקן שניי.



שדרות „החרות"

„פרייהייט"־אַלייע

שבת פאַרנאַכט. די זון, אַ רויטע, האָט זיך געזעצט אויף סלאָניוועער וועג, אָנזאָגנדיק אַ גרעסערן פראָסט אויף נאַכט. ווידער ציען יידן אין אונדזער געסל, מיט מידע טריט, נאָכן שבתדיקן שלאָף. זיי גייען צו מנחה. איך גיי אַריין אין אַלעקסאַנדערער שטיבל, ווו מיין פאָטער און זיידע האָבן געדאַוונט. אַ געדיכטע וואַרעמקייט נעמט מיך אַרום. די לופט איז געדיכט, ווייל אַלע פענצטער זענען פאַרקלעפּט מיט ליים אויפן ווינטער. אין שטיבל איז טונקל — די נאַכט פאַלט־צו שנעל. ביים לאַנגן טיש זיצט דער עולם

חסידים. אויפן טיש ליגן שטיקלעך חלה און קליינע שטיקלעך הערינג. מען זעט כמעט גאָרנישט. בלויע, שאָטנדיקע סילועטן שאָקלען זיך און זינגען אַ נאַגנדיקן ניגון פון „בני היכלא דכסיפון״.

אין מיין לעבן האָב איך פאַרשיידענע ניגונים און מוזיק־קלאַנגען געהערט. אָבער קיינמאָל האָבן די ניגונים נישט געקלונגען אין מיינע אויערן אַזוי טרויעריק און דביקותדיק ווי די שלוש־סעודותדיקע זמירות.

מיר, קינדער, זיצן אין דער פינצטער און דערציילן זיך פאַרשיידענע מעשיות פון שדים, ליצנים ביים בריקל, וואָס פירט קיין באָלקעס, און וויאַזוי נאָך האַלבער נאַכט רופט־מען־אויף צו דער תורה, יידן, וואָס גייען אַדורך ביי דער שול.

מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ שאַר איך זיך צו צו דער וואַנט, ווו עס הענגען די ווינטערדיקע מאַנטלען. איך געפין אַ טכוירענעם פוטער. איך נורע מיך איין אין דעם וואַרעמען פוטער־מאַנטל, פאַרמאַך די אויגן אין אַנגסט, ביז עס דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין עמוד און דערנאָך דער באַקאַנטער „והוא רחום יכפר עוון״.

עס איז ערב פסח. די לעצטע ביסלעך שניי שוין צעגאַנגען אונטער דער פרילינג־זון. ביי אונדז אין געסל ליגט נאָך דאָס אייז אין רינשטאָק נישט גערירט. פון די אויסגעגאָסענע פּאַמאַיעס אַ גאַנץ ווינטער האָט דאָס אייז פאַרשיידענע קאָלירן: בלוי פון וואַשן וועש, רויטלעך פון געוואַשענע בוראַקעס און גראָ פון סתם שמוץ. פון דעם מקווה־פּלאַץ שטראָמט דאָס וואַסער גלייך אויף דער קאַנאַלאָווער גאַס און פאַרפלייצט זי ביז צום טייך אַראָפּ, אַזוי ווי אַלע רינשטאָקן און וואַסערן וואָלטן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אויף דער קאַנאַלאָווער גאַס. מיר, קינדער, שפּילן זיך אין „וועטאָ״ אויפן פּלאַץ, נעבן בית־מדרש. פון משה באַבעלעס הויז דערטראָגט זיך צו אונדז דער גע־שמאַקער ריח פון די פריש־געבאַקענע מצות און די סלינע רינט אונדז פון מויל.

זומערדיקע טעג אין אונדזער געסל. ס׳איז הייס. אויף דער פּראַשניצער גאַס ציען זיך וועגענער, הויך־געפּאַקט מיט אָנגעשניטענע סנאָפּעס קאָרן און ווייץ. קי מיט פולע אייטערס קערן זיך אום פון פּאַשע, פון די פעלדער נעבן באַזאַר. אַלע טירן און פענצטער זענען אָפן. פון פריידל אַשענמילס הויז דערטראָגט זיך דאָס זשומען פון טאָקער ביי דער אַרבעט. ביי אונדז אין הויף שטייט הירש־בער גליקסבערג און צייכנט, אויף גרויסע שטיינער, געציקלטע אותיות פאַר מצבות. פון שעפּסל כאַפּטקאָ און אליעזר מעכאַניק הערט זיך דאָס קלאַפּן פון די ניי־מאַשינען. דאָס געסל איז ליידיק, נאָר פון צייט־צו־צייט גייען־דורך איינצלנע יידן אין בית־מדרש אַריין, צו מנחה.

די פרויען זיצן אויף די בריקלעך און שמועסן זיך דורך צווישן זיך. אָט גייט חיה־עטאַ מיט אירע געמאָסטענע טריטעלעך, אָנגעטאָן אַ שוואַרצן שאַל אויף די אַקסלען, אַ קופּקעלע אויפן קאָפּ, פול מיט פאַרשיידענע גלעזלעך, וואָס קוקן־אויס ווי דימענטן, אין האַנט אַ טאַשן־טיכל, שטעלט זיך אָפּ ביי יעדער שטוב און נעמט צונויף אַ פּאָר גראָשן אויף צדקה.

עס קומען די ימים־נוראים. ערב יום־כפור אין מיין געסל. מיין באָבע און מיין מוטער האָבן שוין געבענטשט ליכט און גוט אויסגעוויינט זיך. מיר אַלע גייען צום דאַוונען. מיין געסל איז פול מיט מענטשן. פון אַלע זייטן שטראָמען מענער און פרויען. זיי גייען פּאַמעלעך, זייער ערנסט.

אָט גייט אברהם סקאַלאַ, אָנגעטאָן אין קיטל מיטן טלית אַריבער. אָט גייט טוביה סקאַלאַ, נאָטקע קאַשטאַן, יחיאל ריבאַק, דוד־בערל קורניק, אברהם־גרשון דער שמש. און ווייטער — אַרקע ליכטענשטיין מיט גרויסע שטיוול. זיי גלאַנצן פון דעם אויס־געשמירטן דזיעגעכץ. און נאָך אַנדערע יידן. אַלע שטעלן זיך אָפּ און ווינטשן דער באָבען און דער מומע רחל ליליענטאַל אַ גוט יאָר. שפּעטער ווערט שוין דאָס געסל ליידיק — אַלע זענען שוין ביים דאַוונען. איך גיי צו צו דער גרויסער שול. די מיטלסטע, גרויסע טירן זענען אָפן. איך בלייב שטיין אַ דערשטוינטער. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד, וואָס איך האָב געזען דורך די אָפענע טירן: די שול באַלויכטן און די יידן איינגעהילט אין די טליתים. מיין קינדערישע פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך, אַז אַזוי האָט זיכער אויסגעזען יום־כיפור ביינאַכט אין בית־המקדש, בעת דער עבודה.

נאָך איין הויז וויל איך דערמאָנען אין אונדזער געסל.

נעבן טייך, פון איין זייט, איז געווען אַ גרויסער שפּייכלער און פון דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען אַ הויז, וואָס האָט געהערט צו שמואל הופנאַגעל. מ׳האָט עס גערופן



קבוצת צעירים, בשנת 1923

אַ גרופּע יוגנטלעכע, אין יאָר 1923

הופנאַגעלס הויז. אין מיין זכרון איז דאָס הויז געבליבן איינגעקריצט ווי אַ הויז, וואָס אַלע האָבן געשטראָמט אַהינצו. פונקט ווי די פרומע יידן האָבן געשטראָמט דורך אונדזער גּעסל צו אַלע בתי־מדרשים און שטיבלעך, אַזוי האָט די יוגנט געשטראָמט אין דעם דאָזיקן הויז אַריין. דאָרט האָט זיך געפונען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט איר גרויסער ביבליאָטעק, שפּעטער דער „השומר הצעיר", דער „החלוץ", דער „החלוץ הצעיר", דער „החלוץ המזרחי". שטענדיק האָבן אָפּגעהילכט, דורך די פענצטער פון דעם הויז, יוגנטלעכער געלעכטער און געזאַנגען.

איך בין עלטער געוואָרן. ביי אונדז אין שטעטל האָט זיך געפירט, אַז מען האָט אָנגעהויבן שפּאַצירן אין די אָוונטן אין מאַרק און אין „סקווערעק". אָפטמאָל פלעג איך הערן, בעת אַ שפּאַציר פון די יוגנטלעכע חוזקדיקע און שפּאָטישע אויסדרוקן אויפן חשבון פון אונדזער געסל, דעם „זיעלאָני רינעק", און אַ פּאַרדרוס, ממש נישט צום פאַרשטיין פאַרוואָס, האָט זיך ביי מיר דערוועקט, אַזוי ווי מ׳וואָלט פון מיין געסל אויס־געטאָן די קרוין.

אין אַ גראָען פאַרטאָג, אין דעצעמבער 1939, בין איך מיטן פעקל אויף די פלייצעס געשטאַנען אויפן בערגל, וואָס פירט קיין רוזשאַן און קראַסנאָשעלץ. דעמאָלט האָט זיך מיין געסל אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער עלנטקייט, אַפילו די הויך פון דער שול איז עפּעס ווי נידעריקער געוואָרן און אַ ווייטיקדיקע בענקשאַפט האָט מיך אַרומגענומען. פאַר מיינע אויגן זענען אַדורך פאַרשיידענע בילדער פון מיין געסל, וואָס איך האָב איינגעזאַפּט פון מיין געבוירנטאָג אָן, ביז יענעם פרימאָרגן, ווען איך האָב פאַרלאָזט אונדזער שטעטל. מיין לעצטער בליק איז געווען באַגלייט מיט אַ פראַגע: צי וועל איך נאָך אַמאָל דאָס אַלץ און אַלע זען?

אוי, מיין שטעטעלע מאַקאָוו! צי וויינסטו כאָטש אַמאָל אויף דיינע אויסגעמאָרדעטע יידן?

הרב ר׳ שמואל הילערט / ניו־יאָרק

וואָס מען האָט דערציילט וועגן דער מאַקאָווער שול

איך האָב דאָס געהערט פון זקנים מיט 50 יאָר צוריק. נישט בלויז זקנים פלעגן דערציילן, כמעט יעדער אין שטאָט האָט וועגן דעם געוווּסט. און ווען מען פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן מיט אַחינו בני ישראל פון אַנדערע שטעט, האָבן מיר, מאַקאָווער, זיך געגרויסט, וואָס מען פרעגט אונז וועגן דער מיסטעריע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אָנהויבן בויען אונזער גרויסע און שיינע מאַקאָווער שול.

אונזער שטאָט מאַקאָוו איז געווען דער עלטסטער יידישער קיבוץ פון די אַרומיקע יידישע ישובים. זקנים האָבן דערציילט, אַז לויט זייער מסורה האָט מאַקאָוו געהערט צו ווענגראָוו, פון דער צייט, ווען עס איז געווען טעטיק דער ועד ארבע ארצות.

ווען דאָס אַלטע מאַקאָווער בית־המדרש איז אָפּגעברענט געוואָרן, אין יאָר תרפ״ח, האָט מען געהאַלטן, אַז דאָס ביהמ״ד איז געשטאַנען 216 יאָר. אין יענער צייט, פאַרן אָנהויבן בויען די שול, זענען חוץ דעם אַלטן בית־המדרש מער נישט געווען קיין בתי־תפילה אין שטאָט. מאַקאָוו איז געווען כמעט אויסשליסלעך באַוווינט מיט מתנגדישע בעלי־בתים. דער נוסח התפילה איז געווען אַשכנז. עס האָט דאַן געלעבט אין מאַקאָוו דער באַוווּסטער מגיד ר׳ דוד זצ״ל, וועלכער איז געווען אַ גרויסער קעגנער פון חסידות. איך אַליין האָב געזען אין די פנקסים פון דער חברא מקראי קודש, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן מגיד אין יאָר תק״ל, געשריבן בכתב ידו די דערעפענונגס־דרשה וואָס דער מגיד האָט דאַן געהאַלטן. די אייניקלעך פון מגיד געדענקען אַ סך צו דערציילן. און פון זיי האָב איך פיל געהערט, זיי זענען געווען: ר׳ דוד רפאַלקעס, אַ לערער און ר׳ יצחק־ציצה־מאַכער, זכרונם לברכה. די דירה פון מגיד איז געווען אַנטקעגן דעם בית־המדרש, ווו עס האָט אין דער שפּעטערער צייט געוווינט ר׳ משה בלום, גערופן משה בובעלעס.

שוין דאַן האָבן זיך באַוויזן, אין אונזער שטאָט, די ערשטע שפּראָצונגען פון חסידות. דער גאוו״ן וקדוש ר׳ חיים האַמדורער זצ״ל, פון די גדולי התלמידים פון מעזריטשער מגיד זצ״ל, איז געווען אין מאַקאָוו, און דאָרט האָט זיך דאַן באַזעצט זיין איידעם ר׳ נתן־נטע הילער זצ״ל פון די תלמידים פון חוזה פון לובלין זצ״ל. אויך איז דאַן געווען ר׳ אברהם אבלי זצ״ל, אַ תלמיד פון ר׳ חיים חייקא האַמדורער, דער מחבר פון ספר „ברכת אברהם״. אויך אַ געוויסער ר׳ עקיבא אַלטשולער, וואָס איז אויך געווען אַ תלמיד פון חוזה פון לובלין. דאָס זענען לויט דער מסורה געווען די ערשטע חסידים אין מאַקאָוו. זיי האָבן אָנגעהויבן דאַווענען לויט נוסח ספרד, און זיך געמאַכט אַ באַזונדערן מניין.

געווען איז דאָס אין ווינקל פון שול־גאַס, אין קאַנאַלאָווער געסל, ווו עס האָט געוווינט ר׳ יודל חברה שמש ז״ל.

אין יענע צייטן איז געקומען אַ גרויסער גאַסט קיין מאַקאָוו. דאָס איז געווען ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער זצ״ל. די חסידים האָבן שטאַרק טריאומפירט מיט זייער גרויסן גאַסט. דער באַרדיטשעווער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פייערדיקער דרשה כדרכו בקודש. דעם מגיד מיט זיינע תלמידים איז דער ענין נישט געווען צום האַרצן. זעענדיק, אַז מען ווערט באַווירקט און מיטגעריסן פון הייליקן פייער פון באַרדיטשעווער, האָבן זיינע תלמידים באַשלאָסן, אַז ווען דער באַרדיטשעווער וועט שבת דאַווענען לויט נוסח ספרד, זאָל מען נישט דערלאָזן דערצו, ווייל דאָס וועט זיין אַ גרויסער געווינס פאַר די חסידים. און אַזוי איז טאַקע געשען. ווי נאָר דער באַרדיטשעווער האָט אָנגעהויבן זאָגן „כתר״ אָנשטאָט „נעריצך״, איז אַנטשטאַנען אַזאַ אויפרודערונג, אַז דער באַרדיטשעווער האָט געמוזט אַנטלויפן דורכן פענצטער. מען פלעגט אָנווייזן, אַז דאָס איז געווען דאָס פענצטער אין דער רעכטער זייט פון אָרון קודש.

אויף דעם אָרט ווו די שול איז געווען געבויט, איז דאַן געווען אַ גרויסער, ליידיקער פּלאַץ פון דער שול־גאַס ביז דער גראַבאָווע, צו מזרח און פון זיעלאָני רינעק ביז דעם פּראַנצישקאַנער געסל, צו צפון־זייט. דער ליידיקער פּלאַץ האָט געהערט צו צוויי גויים. אויף דעם פּלאַץ איז געשטאַנען אַ שתי־וערב (אַ צלם), וואָס די גויים האָבן געהאָט אויפגעשטעלט אַלס אַן אָנדענק און „סגולה״ פון אַן עפּידעמיע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין די אַלטע צייטן.

אַרויסקוקנדיק פון בית־המדרש, דורך די פענצטער, האָט מען געזען דעם ש״ו (צלם). פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען זייער פיינלעך. האָט דער באַרדיטשעווער רבי זיך אָנגערופן צו זיינע צוהערער: „דאָ וואָלט געפּאַסט עס זאָל שטיין אַ מקום קדוש״.

עס ווערט ווייטער דערציילט, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם־ווינט. עס האָט אַרויסגעריסן דעם צלם און אים אַוועקגעשליידערט ווייט, אַזש ביז צום טייך. עס ווערט אויך דערציילט, אַז דער טייך איז נישט געפלאָסן דאָרט ווו מיר האָבן אים געזען אין אונדזער צייט, נאָר נאָענט צו די זאַמד־בערג, ביי די שאָסייען, ווו מען פלעגט פאָרן קיין קראַסנאָשעלץ. אין דער לעצטער צייט זענען דאָרט געווען זומפּן. גויים פלעגן דאָס רופן „סטאַראַ זשעקאַ״. די קריסטן האָבן צוריקגעבראַכט דעם צלם, איינגעגראָבן אים אויפן אַלטן אָרט און פאַרפעסטיקט מיט שטיינער. אין איינעם טאָג אַרום איז ווידער אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם, אַרויסגעריסן דעם צלם און אים ווייטער אַוועקגעשליידערט ביז צום טייך. ווען אונזערע אור־עלטערן האָבן דאָס דערזען, האָט מען אין דעם דערפילט דעם זאָג פון הייליקן באַרדיטשעווער. אַלע אָן אויסנאַם — סיי חסידים, סיי מתנגדים — האָבן זיך צוזאַמענגענומען און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מיטלען צו פועלן ביי די גויים, זיי זאָלן אַוועקנעמען דעם צלם און אים שטעלן אויף אַן אַנדער אָרט. די אייגנטימער פון פּלאַץ האָבן שוין נישט געלעבט, נאָר עס זענען געווען פיל יורשים,

וואָס טייל פון זיי האָבן נאָך געוווינט אין מאַקאָוו און טייל האָבן שוין געהאַט אויסגע־וואַנדערט. מען האָט זיך געלאָזט אַ סך קאָסטן און געפּועלט, אַז מען זאָל דעם צלם איבערטראָגן אויף דער אַנדערער זייט פון טייך, ווו מען פלעגט פאָרן קיין רוזשאַן און קראַסנאָשעליץ.

מען האָט אָנגעהויבן גראָבן טיפע פונדאַמענטן, כדי אויפצושטעלן אַ בנין מפואר. עס זאָל זיין פאַרבויט דער גאַנצער קוואַדראַט־פּלאַץ, וואָס איז פריער באַצייכנט געוואָרן. מען האָט אָבער געהאַט אויסצושטיין גרויסע שוועריקייטן פון די אַנטיסעמיטן. זיי האָבן אונטערגעהעצט די יורשים, אַז זיי זאָלן נישט לאָזן בויען קיין שול אויף זייער פּלאַץ. וויפל מען האָט זיי געגעבן איז זיי געווען ווייניק. זיי פלעגן פּואַנדערוואַרפן ביינאַכט דאָס, וואָס מען האָט געבויט בייטאָג. דאָך איז די באַגייסטערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַזוי גרויס, אַז קיין שום שטערונג האָט זיי נישט אָפּגעשוואַכט. יעדער איינער, וואָס פלעגט גיין צום דאַווענען אין בית־המדרש אַריין, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם בנין און מיטגעהאָלפן. ווער דערלאַנגען ציגל צו די מוליאַרעס און ווער עס האָט געהאָלפן מישן קאַלך צום בנין, ר׳ אברהם גרשון סגל ז״ל האָט מיר דערציילט, אַז זיין באָבע האָט אָרגאַניזירט די פרויען, זיי זאָלן יעדן טאָג טראָגן אין די פאַרטעכער זאַמד פון טייך ביז צום אָרט ווו מען האָט געמישט די מאַטעריאַלן צום בנין. יעדער איינער האָט אָנטיילגענו־מען אין דער אַרבעט און ווער עס האָט געהאַט אייגענע מאַטעריאַלן, ווי געהילץ, שטיינער, ציגל, האָט דאָס מנדב געווען פאַרן בנין. די געביידע פון דער שול איז געווען די גרעסטע אין שטאָט. ווען מען פלעגט אָנקומען פון די שכנותדיקע שטעט, האָט מען דאָס ערשטע דערזען די קאָפּולע מיטן מגן־דוד פון אונדזער מאַקאָווער שול, וואָס איז אויפגעבויט גע־וואָרן מיט מסירת־נפש און אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענגונג פון אַלע טיילן פון אונ־זערע מאַקאָווער יידן. אין דער שול האָבן מתפלל געווען אונזערע גרויסע רבנים, וואָס מאַקאָוו האָט זיך גערימט מיט זיי, ווי ר׳ לייביש חריף, ר׳ פּיוועלע גריצער, ר׳ אליעזר סאָכאַטשאָווער, ר׳ פישעלע סאַלאָמאָן דער זאַגראָווער רב, ר׳ יהודה־לייב גרויבאַרד, דער סטאַשאָווער רב, ר׳ ישראל ניסן קופּערשטאָך, מיין רבי מרדכי־דוד איידעלבערג פלאָצקער רב, און דער לעצטער רב, הרב אַדעלבערג, זכר כולם לברכה. עס זענען חרוב געוואָרן די מקומות הקדושים. עס זענען אומגעקומען די אַנשי קודש. השם ינקום דמם.

בעולם החדש

אין דער נייער וועלט

יעקב חיים סאַבעל / ניו־יאָרק

מאַקאָווער יידן אין דער נייער וועלט

אין אָנדענק פון רחלע זגאַל־סאָבאָל, דריי יאָר אַלט, דאָס איינציקע קינד פון ביילטשע און פּנחס זגאַל, אומגעקומען פון די נאַציש־רוצחישע הענט, און האָט נישט זוכה געווען אָנצופאַנגען לעבן אויף דער וועלט. און אין אָנדענק פון נאָך אַזעלכע רחלעך, יונגע קינדער פון מאַקאָווער עלטערן, וועלכע זענען אומגעקומען אויף אַ שוידערלעכן אופן.

אין יאָר 1965־66 האָט דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (ייוו״אָ) אין ניו־יאָרק געהאַט אַן אויסשטעלונג א. נ. „100 יאָר יידישע עמיגראַציע״.

אַ גאַנץ יאָרהונדערט איז פאַרביי, זינט די ערשטע יידישע עמיגראַנטן פון איירָאָפּע האָבן גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט, פאַרלאָזט שטעט און שטעטלעך און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אין דעֶר „נייער וועלט״. די אַלטע לאָזונגען: „לך־לך״ און „ויצא־ויבוא״ האָבן געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף זיי און פאַרשידענע וויכטיקע סיבות האָבן באַוויגן צום פאַרלאָזן די „אַלטע היים״. דאָס זענען געווען: דער שטאַרקער אַנטי־סעמיטיזם די „שנאת־עולם״, וואָס האָט געבושעוועט זיינער צייט, די שווערע מאַטעריעלע לאַגע, הונגער, נויט און קיין שום אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט.

דער דראַנג צו אַ בעסערן מאָרגן, דער דראַנג צו פאָרן אין דער נייער וועלט, אַמע־ריקע, ווו עס שאַפט זיך אַ ניי לעבן, מיט מעגלעכקייטן אויסצולעבן זיך ווי פרייע מענטשן, האָט אויך באַהערשט אונדזערע מאַקאָווער יידן. די ערשטע יידן פון מאַקאָוו זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

די יידישע באַפעלקערונג אין מאַקאָוו איז געווען אָרעם, און ביזן היינטיקן טאָג איז דאָס אַ רעטעניש, ווי אַזוי און פונוואַנען האָבן זיי גענומען אויף הוצאות. דאָס האָט די נויט און דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ זיי געבראַכט צו די ברעגן פון אַמעריקע.

אין אָנפאַנג זענען נאָר געפאָרן די מענער פון די פאַמיליעס. מ׳האָט איבערגעלאָזט פרוי און קינדער אויף גאָטס באַראָט און אַוועק מעבר לים. ווער צוליב דעם מאַטעריעלן מצב, און ווער עס האָט נישט געוואָלט דינען „פאָניע גנב״.

דער פאָטער מיינער הי״ד, האָט מיר דערציילט, אַז ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל אין שטאָט: „ער איז אַרויסגעגאַנגען צומאַכן די לאָדנס (דאָס רוב הייזער זענען געווען נידעריקע) און איז אַוועק קיין אַמעריקע״. דאָס איז אַן אמתער פאַקט, ווייל עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע פאַלן. די ערשטע טראַנספּאָרטאַציע איז געווען מיטן לאָמען נאָסקע (באַקאַנטער בעל־עגלה אין יענע צייטן) קיין כאָזשעל און פון דאָרט „געשוואַרצט״ די גרענעץ קיין דייטשלאַנד.

מיט גרויס כבוד דערמאָנען מיר די ערשטע מאַקאָווער עמיגראַנטן, וועלכע זענען געקומען קיין אַמעריקע. זיי זענען געווען: נתן פייוול קיט, זרח קירזשנער, שלמה סאַ־לאָמאָן, גדליה קירזשנער גאָלדמאַן (מיינער אַ זיידע, מיין מוטערס פאָטער), משה שמואל סאָבעל (אַלט געווען 16 יאָר), יעקב סאָבעל, ראובן הירש רובין, שטוצקאָ, ברוך־משה גאָלדמאַן, פייוול סאָבעל, אברהם משה אונגער, הערי זוסמאַן, ישראל גאָלד, מאיר־לייב מאָריסאָן (ליאַסעק), די ברידער ליס, יצחק גאָלדמאַן, מרדכי סאָבעל, די ברידער מענדל און פישל סטאַוויסקי, פיליפּ הירש, חנטשע האַמער און נאָך איינקע.

אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך די עמיגראַציע פון די מאַקאָווער אַ ביסל פאַרגרעסערט. זי האָט נישט געטראָגן קיין מאַסן־כאַראַקטער, בלויז יחידים האָבן זיך אַרויסגעריסן. אַ טייל פון זיי זענען געווען: דזשעק גאָלדבערג, די ברידער: בעריש, יצחק און משה ריזער, אביגדור פרידמאַן, דוד הענדעל, הרב ר׳ פישל ניומאַן, אברהם כזשאַנאָווער, אברהם קאָהען, דזשעק גאַלינאַ, הירש־משה קאָהען, שלום פּאָטשעבאַ, בערטשע לודווינאָוויץ, לייבל ראָזענבערג, הערמאַן גאָלדמאַן, אייבי גראָדאָוויץ, חיים שלמה בלום, משה כונאָוויץ, וועלוול פּאַלוך („גרינער וועלוול״), איטשע ראָגאָזאַ („געלער איטשע״).

אינטערעסאַנט איז, אַז דער זעלבער איטשע ראָגאָזאַ, האָט אַריבערגענומען דעם אַמשינאָווער רבין ז״ל קיין אַמעריקע. ער איז אַרומגעפאָרן איבער שטעט, געזאַמלט געלט, כדי צו ראַטעווען דעם רבין. דאָס האָט באַוויזן אַ מאַקאָווער ייד, אַן אַמשינאָווער חסיד.

די ערשטע עמיגראַנטן האָבן זיך נישט געקענט אַקלימאַטיזירן. ס׳איז זיי זייער שווער געווען צוצופּאַסן זיך צו זייער נייער היים. אייניקע זענען טאַקע צוריק געפאָרן קיין מאַקאָוו און אייניקע זענען געפאָרן אַהין און צוריק. אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר, אָנגעהויבן האַנדלען אָדער איינגעאָרדנט אַ שטיקל וואַרשטאַט אין מאַקאָוו, פאַרלוירן דאָס געלט און צוריק געפאָרן קיין אַמעריקע.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פּוילן איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, אָנהויב פון די צוואַנציקער, האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע פון פאַמיליעס, די פאַר־אייניקונג פון פרויען און קינדער מיט די מענער און טאַטעס. ס׳זענען אָנגעקומען גאַנצע משפחות, ווי: יהודית בלום, אסתר קאָהען, חנה מאַקאָווער, ענאַ בלימע קלעשעווסקי, די פאַמיליע פון משה כונאָוויץ, חיה־רחל באַציאַן, די פאַמיליע פון הירש־בער קאָלענ־

דער, מלכה פרידמאַן (מלכה תרצהס), עטאַ גאַסט, רבקה קרימקעוויץ, ברײַנע מאַ־קאָווסקי, אסתר קאַנטאָר און נאָך פאַמיליעס.

אין דער זעלבער צײַט האָט אויך אָנגעהויבן עמיגרירן אַ טייל פון דער אונטערגע־וואַקסענער יוגנט, סיי אויף אַ לעגאַלן און סיי אויף אַן אומלעגאַלן אופן, — צו אַ ברו־דער, אַ שוועסטער, אַ פעטער, צו אַ מומען אָדער סתם צו אַ קרוב. אייניקע פון זיי זענען געווען: משה ביאַלאַ, יחזקאל און איטע סעגאַל, הלל און רחל רייטשיק, מאַקס בראַון, משה און דבורה שעלסקי, משה ראָגאָזאַ, שמואל לאַנגלייב, וועלוול קרוקאָווער (גודמאַן), שמואל־זעליג הענדעל, יודל ראָזענמאַן, איזידאָר קאַהן, גדליה און גיטל רייטשיק, הערשל זשוטקאָוו, נחום הענדעל, אסתר קליינהויז, די שוועסטער גליקסבערג, וועלוול צענטנער, שמחה און שרה מאַרקוס און אַנדערע.

צוליב דער „קוואָטע", דאָס אויפגעקומענע געזעץ, וואָס האָט באַגרענעצט די עמי־גראַציע, האָט זיך שפּעטער כמעט ווי אָפּגעשטעלט די אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע, אויסער קליינע אויסנאַמען. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן די מאַקאָווער פון „לאָזן זיך אין דער וועלט אַרײַן".

אויב עס איז געוואָרן שווער צו פאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט זיך אָנ־געהויבן אַן עמיגראַציע־שטראָם דורך פאַרשידענע וועגן אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער און אין אַנדערע וועלט־טיילן, ווי: קובאַ, אורוגוואַי, קאָלאָמביע, בראַזיל, אַר־גענטינא, קאָסטאַ־ריקאַ, מעקסיקאָ, קאַנאַדע, אַפילו קיין אויסטראַליע.

מאַקאָוו קען זיך באַרימען און זאָגן, אַז ס'איז כמעט נישט פאַראַן קיין פלאַץ אויף דער וועלט, וווּ עס זאָל נישט זײַן, אָדער האָבן געווען אַ מאַקאָווער ייד.

צווישן די, וועלכע האָבן עמיגרירט אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער זענען געווען:

קיין קובאַ — יאָסל סאָבאָל, בנימין שניאַדאָווסקי, משה שניאַדאָווסקי, ישראל גאָלדשטיין, שרה עטא סקורניק, עלקאַ סעגאַל, לייבל גאָגאָל, יוסף פורמאַנסקי, מיכלה ליכטענשטיין, שמואל (איטשעק) קליינהויז, שרה סעגאַל, שמחה באָציאַן, די שוועסטער וואָנסקאָלאָסער, יעקב משה און מינדל סקורניק מיט דער פאַמיליע (היינט אין ישראל) און נאָך.

קיין אורוגוואַי — אברהם ציון, שפּעטער אַריבערגענומען די עלטערן און ברידער, ירחמיאל קאָציאַק, זאַקליצעווער, חיים באָרענשטיין און פייגע בלום.

קיין קאָלאָמביע — שלמה גלאָגאָווער.

קיין באָליוויע — מענדל פיאָסעצקי.

קיין קאָסטאַ־ריקאַ — זעליג גודעס, שפּעטער אַריבערגענומען פרוי און קינדער.

קיין מעקסיקאָ — פישל סאָבאָל מיט דער פאַמיליע און הערשל קובאַבאַ מיט דער פאַמיליע.

קיין בראַזיל — נחמן צוקערמאַן, אפרים כץ און פאַמיליע.

קיין אַרגענטינע — הערשל אַרליק, ידידיה רייטשיק, צימה ווילענבערג, לייביש סעגאַל, יעקב און די פרוי ייטה שעלסקי (היינט איז זי אין אַמעריקע).

קיין אויסטראַליע — סענדער בורשטין, די שוועסטער באַרשטש, דוד מראַצקי מיט זיין פרוי אסתר פייגע און זיינע שוועסטער, אהרן גוטלייזער.

קיין קאַנאַדע — פישל זאַקס מיט דער פאַמיליע, נאָטע ווילענבערג., יצחק פּאַס, די ברידער שמואלקאָ און חיים לייזער ראַגאַזאַ (היינט אין אַמעריקע), די שוועסטער גאָלדשטיין (יצחק מנשהס קינדער), משה וועלטשעווסקי מיט זיין פרוי (קאַרפּמאַן) און ביילציע סקורניק (היינט מאָרגנשטערן).

אַ סך פון די מאַקאָווער עמיגראַנטן האָבן געהייראַט מיט שטעטלדיקע, מ׳האָט זיך מתחתן געווען מיט אייגענע „בני־עיר", מיט די לאַנדסלייט, אַזוי אַרום איז געלונגען מער פּערזאָנען צו ראַטעווען זיך, ביים עמיגרירן צו חתנים אָדער פּאַרקערט — חתנים צו כלות. די לעצטע, וועלכע עס האָט זיך נאָך איינגעגעבן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, נאָענט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען געווען: מאַשאַ ציווינער און יעקב חיים סאַבעל, און קיין קאַנאַדע — חיים לייזער ראַגאַזאַ.

אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן און אין אָנהויב פון די דרייסיקער, האָט זיך אָנגעהויבן אַן עליה קיין ארץ־ישראל (דעמאָלט פּאַלעסטינע), אַ דאַנק דער טעטיקייט און אויפקלערונגס־אַרבעט פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי: „החלוץ", „החלוץ־הצעיר", „השומר־הצעיר", „מזרחי" און „הפועל־המזרחי". אַ סך מאַקאָווער האָבן, אַזוי אַרום, געפונען זייער היים אין מדינת ישראל.

דאָס סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַמעריקע. די מאַקאָווער שול, די „סאָסייטי", דער מאַקאָווער „רעליעף".

די ערשטע עמיגראַנטן, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן ביים איינאָרדענען זיך. קודם־כל אַרבעט, אַ דירה און בכלל די חבלי־לידה פון אָנקומען אין אַ ניי לאַנד. עס איז נישט געווען לייכט. ס׳איז געווען אַ נס, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט אויף הוצאות, ווייל אַ סך פון זיי וואָלטן זיכער צוריקגעפאָרן קיין מאַקאָוו. די בענקשאַפט צו פרוי און קינדער, נאָכן שטילן לעבן אין דעם קליינעם שטעטל, די אַלטע היים; די בענקשאַפט נאָכן רעליגיעזן לעבן — דער בית־המדרש, דאָס שטיבל, האָט זיי געמאַטערט און גענאָגט ביז גאָר.

מאַקאָווער יידן זענען שטענדיק געווען פריינטלעך איינער צום צווייטן און די באַציאונג בין אדם לחברו איז געווען אַ וואַרעמע. אויך אויף דער נייער ערד, אין נייעם לאַנד, האָבן זיי פאָרגעזעצט די דאָזיקע טראַדיציע. מען האָט געוווינט צוזאַמען אַלס „באָרדערס" (סובלאָקאַטאָרן) און איינער דעם אַנדערן האָט אַרויסגעהאָלפן. זיי האָבן געפונען אַרבעט אין די פאַבריקן (שעפּער), אַממיינסטן אין דער קליידונג־אינדוסטריע

און מיט דער צייט האָבן זיי זיך אַרויפגעאַרבעט. ביז מיט אַ צייט צוריק, איז די באַ־קאַנטע איסט־סייד אין ניו־יאָרק, געווען דאָס וווין־אָרט פון די עמיגראַנטן, צווישן זיי, די מערהייט מאַקאָווער.

גרויסע יידן און גרויסע מענטשן זענען אַרויסגעקומען פון דער איסט־סייד. כדי צו פאַרלייכטערן די בענקשאַפט און עלנטקייט, האָבן די מאַקאָווער געגרינדעט אַ מין חברה, ווו די לאַנדסלייט זאָלן זיך טרעפן, זען זיך אָפט איינער מיטן צווייטן, און די הויפט זאַך — האָבן אַן אייגענעם מקום קדוש. אין יאָר 1898 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע מאַקאָווער חברה א. נ. „חברה מדרש אַנשי מאַקאָווע" און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויך אויפגעבויט אַן אייגענע שול, די באַקאַנטע מאַקאָווער שול אויף 203 הענרי סטריט, וועלכע געפינט זיך דאָרט נאָך עד היום.

צו דער סאָסייטי „חברה מדרש אַנשי מאַקאָווע" האָבן געהערט די שענסטע בעלי־בתים פון די עמיגראַנטן. די חברה האָט געקויפט אַן אייגענעם בית־עלמין, אַז נאָך 120 יאָר זאָל יעדער זיין פאַרזאָרגט מיט אַ „קרקע", און אַזוי אַרום אָפּגעהיטן די אַלטע טראַדיציע — ושכבתם עם אבותי.

די שול האָט געדינט אַלס אַן אמתער בית־כנסת פאַר די לאַנדסלייט. נאָך אַ שווערער וואָך אַרבעט, האָט מען געוואַרט אויף דעם שבת, ווען מ'האָט זיך געטראָפן אין שול, געזען זיך מיט פריינד, און נאָכן דאַווענען איז מען געגאַנגען אויף קידוש איינער צום צווייטן.

די הויפט־גרינדער און בויער פון דער שול זענען געווען: נתן פייוול קיט, פייוול סאָבעל. מר. ליס, יצחק גאָלדמאַן און נאָך אייניקע. אַ סך צייט, מי, אַרבעט און געלט האָבן די יידן אַוועקגעגעבן פאַר דער שול און פאַר דער חברה.

ווען הרב ר' פישל ניימאַן ז"ל (ר' מאָטעלע דעם דיינס זון, און אַן אייניקל פון ר' פישעלען ז"ל) איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז ער גלייך אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דער מאַקאָווער שול. געווען באַליבט און געשעצט ביי אַלע.

הירש־משה קאָהען (געשטאָרבן מיט צוויי יאָר צוריק), איז געווען פּרעזידענט פון דער שול און פון דער „חברה מדרש" אַ לאַנגע צייט. די איצטיקע באַאַמטע זענען:

מר. דוד ראָוס — פּרעזידענט.

מר. הערי זוסמאַן (דוד רפאלקעס אַ קרוב) — סעקרעטאַר.

מר. אברהם כשאַנאָווער — פאַרטרויאונגס־מאַן.

צום באַדויערן איז די חברה־מדרש היינט צו טאָג נישט צופיל אַקטיוו. אַ סך פון די מיטגלידער זענען געשטאָרבן און נייע פון צווייטן דור קומען נישט צו.

אין יולי 1907 האָט זיך געגרינדעט נאָך אַ חברה, נאָך אַ „סאָסייטי" פון מאַקאָווער לאַנדסלייט א. נ. „אידעפּענדענט יאַנג־מענס בענעוואָלענט אַסאָסיעשן".

די אָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען: סעם גרינבערג, טשאַרלי האַמער, סעם שלאַמאָ־

וויטש, סעם קאָהען, אייב בראַמבערג, היימי ראַקאָווער, מענדל בראָדער, הערי זוסמאַן און די ברידער באָטשאַן.

די מיטגלידערשאַפט פון דער סאָסייטי איז באַשטאַנען פון אַ יונגערן עלעמענט. אין אָנהויב איז די צאָל מיטגלידער געווען קליין, מיט דער צייט, ווען עס זענען אָנגעקומען נייע מאַקאָווער עמיגראַנטן האָט זיך די צאָל פאַרגרעסערט.

היינט צו טאָג ציילט די מיטגלידערשאַפט בערך 300 פערזאָן. דאָס איז די גרעסטע מאַקאָווער סאָסייטי אין ניו־יאָרק.

די סאָסייטי אָרדנט־איין מיטינגען איינמאָל אין מאָנאַט, אויף וועלכע עס ווערן באַהאַנדלט אַ ריי ענינים און פּראָבלעמען אַמבעלאַנגט דעם וווילזיין פון די מיטגלידער, ווי: שטיצע, קראַנקן־בענעפיט, באַזוכן קראַנקע מיטגלידער א.א.וו. די סאָסייטי, אויסער העלפן די מיטגלידער, שטיצט זי אויך פינאַנסיעל די יידישע אינסטיטוציעס מיט יערלעכע באַשטייערונגען, ווי: דעם יונייטעד דזשואיש אַפּיל, דעם הסתדרות־קאַמפּיין, דעם „האַיאַס" און קויפט פון צייט צו צייט ישראל־באָנדס.

די איצטיקע באַאַמטע זענען:

לואיס גאָלדבערג — פּרעזידענט.

דזשעק גאָלינאַ — וויצע־פּרעזידענט.

דוד הענדעל — סעקרעטאַר.

מילטאָן ס. גאָלדבערג — פינאַנס־סעקרעטאַר.

הערי זוסמאַן — קאַסירער און בית־עלמין פאָרזיצער.

נאַטאַן דויטש — פּאַרטרויאונגס־מאַן.

די פאַרזאַמלונגען ווערן באַזוכט, אָבער נישט פון אַ גרויסער צאָל מיטגלידער. דאָס יאָר פּלאַנירט די סאָסייטי איינצוּאָרדענען אַ גרויסן באַנקעט לכבוד איר 60־יעריקן יובילעאום.

די אַקטיווע מיטגלידער זענען: דער פּרעזידענט, מר. לואיס גאָלדבערג, אברהם כשאַנאָווער און דוד הענדעל (יצחק אברהמטשעס זון). די דאָזיקע מיטגלידער האָבן איטערעס פאַר אַלע מאַקאָווער אונטערנעמונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט דורך די לאַנדסלייט.

אין דער זעלבער צייט, אין יוני 1907, האָט זיך געגרינדעט נאָך אַ סאָסייטי פון מאַקאָווער לאַנדסלייט א. נ. „מאַקאָווער יאַנג־מענס עיד סאָסייטי". די גרינדער פון דער סאָסייטי זענען געווען:

פרענק קאָהען הירש משה קאָהען, דזשעיק גאָלדבערג, אַברהם גילבערט, מאַקס גילבערט, אייב נאַשעק און נאָך אייניקע.

די מיטגלידערשאַפט פון דער סאָסייטי איז באַשטאַנען פון בחורים, נישט פאַרהייראַטע, וואָס זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע מיט זייערע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געזוכט אַ וועג אויסצולעבן זיך אויף זייער שטייגער.

אין אָנהויב איז די צאָל מיטגלידער געווען קליין. שפּעטער, ווען עס זענען אָנגעקומען מער יוגנטלעכע, האָט זיך די צאָל מיטגלידער פאַרגרעסערט, אַ דאַנק די אַקטיווע מיטגלידער, ווי: די ברידער גילבערט, י. לעווין, י. הענדלער, דזשעיק גאָלדבערג, אייב גראַדאָוויץ, נייטען אַפּעלבוים, טשאַרלי גראַנאַט, דוד מאָסקאָוויץ׳, מאָריס ריזער, פרענק קאָהען, היימי גאָלדמאַן, סעם פרידמאַן און אַנדערע.

די סאָסייטי האָט אין די ערשטע יאָרן אָפּגעהאַלטן מיטינגען איין מאָל אַ וואָך, כדי צו טרעפן זיך אָפטער. אין לויף פון די יאָרן האָט זיך די מיטגלידערשאַפט פאַרגרעסערט. עס זענען געוואָרן אַקטיוו נייע מיטגלידער, ווי: מאַקס בראַון, סעם פרידמאַן, הערמאַן גאָלדמאַן, סעם פּאָטשעבאַ, היימאַן ראָזענמאַן א.אַ. און שפּעטער, הלל רייטשיק, יודל ראָזענמאַן, משה שעלסקי, סעם מאַרקוס און אַנדערע.

די סאָסייטי האָט אויך געקויפט אַן אייגענעם בית־עלמין און פאַרזאָרגט די מיטגלידער מיט „קרקע״.

די סאָסייטי האָט געגרינדעט אַ לייי־קאַסע, צו העלפן די מיטגלידער מיט הלוואות. די פירערשאַפט איז באַשטאַנען פון: פיליפּ קאָהען, הערמאַן גאָלדמאַן, וויליאַם לענעס און סעם פּאָטשעבאַ.

היינט צו טאָג ציילט די סאָסייטי אַרום 90 מיטגלידער. עס ווערן איינגעאָרדנט פעריאָדישע אונטערנעמונגען, ווי: באַנקעטן, יובל־פייערונגען א.אַז.וו. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט לכבוד מר. י. הענדלער (סעקרעטאַר פון דער סאָסייטי) און היי־יאָר ווערט פּלאַנירט אַ גרויסע פייערונג צו די 60 יאָר עקזיסטענץ פון דער סאָסייטי.

די סאָסייטי איז גענוג אַקטיוו. עס קומען פאָר מיטינגען איינמאָל אַ מאָנאַט. צום באַדויערן — אַזוי ווי אין דער אַנדערער סאָסייטי — באַזוכן די מיטינגען נישט קיין צו גרויסע צאָל מיטגלידער. אויף די פאַרזאַמלונגען ווערן באַהאַנדלט פאַרשידענע פּראָבלעמען, וואָס זענען נוגע דער לאַנדסמאַנשאַפט.

מאַקס בראַון, וועלכער איז לעצטנס געשטאָרבן, איז געווען לאַנג־יעריקער פּרעזידענט, זייער אַקטיוו און איבערגעגעבן צו דער סאָסייטי. משה שעלסקי, וועלכער איז אויך לעצטנס געשטאָרבן, איז אַ לאַנגע צייט געווען וויצע־פּרעזידענט און זייער אַן איבערגעגעבענער און אַקטיווער מיטגליד. כבוד זייער אָנדענק.

די איצטיקע באַאַמטע זענען:

אירווין ריזער (זון פון משה ריזער) — פּרעזידענט.
דזשעיק גאָלדבערג — וויצע־פּרעזידענט.
איזידאָר הענדלער — פינאַנס־סעקרעטאַר.
מאָריס קאַמינסקי — סעקרעטאַר.
הערמאַן גאָלדמאַן — קאַסירער און בית־עלמין־פאַרזיצער.

הלל רייטשיק
סעם פרידמאַן — פאַרטרויאונגס־באַאַמטע.
מאָריס ריזער

די איצטיקע באַאַמטע זענען זייער אַקטיוו אויף אַלע געביטן. זיי ווייזן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס און ווידמען צייט און אַרבעט פאַר דער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון דער סאָסייטי.

אין יאָרן אַרום, האָבן מאַקאָווער אָנגעהויבן פאַרלאָזן די איסט־סייד און איבער־געצויגן זיך אין אַנדערע טיילן פון ניו־יאָרק גופא, ווי: ברוקלין, און די בראָנקס. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צעשפרייטן און וווינען אין פאַרשידענע געגנטן.

די לאַנדסלייט אין ברוקלין האָבן אויך געגרינדעט סאָסייטיס. חברה „אחים״, און חברה „אַנשי־יוסף״. די סאָסייטיס האָבן נישט געשפילט קיין וויכטיקע ראָלע אין לעבן פון דער מאַקאָווער לאַנדסמאַנשאַפט און היינט צו טאָג עקזיסטירן זיי שוין נישט.

די מאַקאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק איז פיל גרעסער ווי די צאָל מיט־גלידער אָנגעגעבן אין די סאָסייטיס, ווייל אַ סך פון די לאַנדסלייט געהערן נישט צו די סאָסייטיס, ספּעציעל דער גאַר יונגער עלעמענט, די קינדער, דער נייער דור, וואָס איז געבוירן אין אַמעריקע. זיי זענען אָנגעשלאָסן אין פאַרשידענע אַלגעמיינע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אָדער קלובן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז לויט דער איניציאַטיוו פון אַקטיווע טוער פון אַלע מאַקאָווער סאָסייטיס און חברהס, אָרגאַניזירט געוואָרן „אַ פאַראייניקטער מאַקאָווער רעליעף״ אונטער דער פירערשאַפט פון זייער חשובע און טיכטיקע לאַנדסלייט, פאָרשטייער פון אַלע סאָסייטיס. זיי זענען געווען:

מר. און מרס. יעקב סאָבעל, שלמה סאַלאָמאָן, הירש משה קאָהען, הערמאַן גאָלד־מאַן, חנה און חוה גאָלד, דוד הענדעל, סעם גרינבערג, אייב גראָדאָוויץ, סעם לעווין, חנטשע האָמער, די ברידער סטאָוויסקי, מרס. בערקאָוויץ און אַנדערע.

דער רעליעף האָט זיך פאַרנומען מיט שטיצן און העלפן פינאַנסיעל די יידן אין מאַקאָוו. דער רעליעף האָט געזאַמלט גרויסע סומעס געלט, דורך איינאָרדענען פאַרשי־דענע אונטערנעמונגען, ווי: טעאַטער־בענעפיטן, יערלעכע בעלער און זאַמלונגען צווישן די לאַנדסלייט דורך אינדיווידועלע באַשטייערונגען. דער רעליעף האָט געפירט אַן אַקטיווע און אינטענסיווע אַרבעט. פינאַנסיעלע שטיצע איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין מאַקאָוו צו אַ קאָמיטעט פון מאַקאָווער בעלי־בתים, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורכן רעליעף אין ניו־יאָרק.

די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען אייניקע יאָר. שפּעטער איז זי איבערגענומען געוואָרן דורך אַ פרויען־קאָמיטעט „לעידיס אַקזילערי״, אָנגעפירט דורך די חשובע פרויען: רחל ראָטענבערג, דאָרע שעלסקי מרס. בערקאָוויץ, חנה קאַרפּ, חנה מאַקאָווער, מלכה פרידמאַן, אסתר קאַנטאָר, אסתר קאָהען, רחל לאה רובין, ייטה סעגאַל, רחל רייטשיק,

גיטל רייטשיק און אַנדערע. די שטיצע פון דעם פּרויען־קאָמיטעט איז שפּעטער געוואָרן באַגרענעצט — נאָר צו שיקן מעות־חטים אויף פּסח און העלפן געוויסע אינסטיטוציעס. ווי: לינת־הצדק און די גמילות־חסדים־קאַסע.

אָנהויב די 30־ער יאָרן, איז לויט דער איניציאַטיוו פון אייניקע לאַנדסלייט גע־גרינדעט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע „תרבות". די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער אָרגאַ־ניזאַציע איז געווען — זאַמלען פאָנדן צו שטיצן די ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין מאַקאָוו, ווי: חדר "יבנה", די ציוניסטישע ביבליאָטעק א. נ. שלום־עליכם און דער עיקר — צו העלפן פינאַנסיעל דער עליה פון יוגנטלעכע חלוצים, קיין ארץ־ישראל. די אַקטיווע אָנפירער מיט דער אַרבעט זענען דעמאָלט געווען: די ברידער ישראל יוסף און יודל ראָזענמאַן, פאָולין גאָלד, יהושע און מינדל פרידמאַן הלל און רותי רייטשיק, יחזקאל און ייטה סעגאַל, די ברידער חיים לייב און משה מאַקאָווער, גדליה און גיטל רייטשיק און שמואל זעליג הענדעל.

דער געדאַנק צו גרינדן אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז געקומען פון יהושע און מינדל פרידמאַן (רייטשיק), וועלכע זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1932. מינדל, אַלס ניי־געקומענע, האָט גוט געקענט דעם מצב און האָט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון העלפן אָט די אינסטיטוציעס.

די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט און מיטן איבערשיקן פינאַנסיעלע הילף, האָבן זיי אַ סך געהאָלפן דער יוגנט־עליה.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, סוף 1945, זענען אָנגעקומען ידיעות פון מאַקאָ־ווער געראַטעוועטע לאַנדסלייט, די אַזוי גערופענע שארית־הפליטה נאָכן גרויסן חורבן, וואָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשידענע לענדער: פוילן, שוועדן און די גרעסטע צאָל אין דייטשלאַנד.

לויט דער איניציאַטיוו פון די באַקאַנטע אַקטיווע לאַנדסלייט: מר. און מרס. הלל רייטשיק, מר. און מרס. יחזקאל סעגאַל, משה שעלסקי, דוד הענדעל, הערמאַן גאָלדמאַן, מר. און מרס. גדליה רייטשיק, מר. און מרס. אברהם כשאַנאָווער, איז אויפסניי אָרגאַ־ניזירט געוואָרן „דער פאַראייניקטער מאַקאָווער רעליעף", אונטערשטיצט פון אַלע סאָסייטיס. די ערשטע גרידונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין הויז פון מר. און מרס. הלל רייטשיק, וועלכע זענען באַקאַנט פון זייער איבערגעגעבענער אַרבעט לטובת די מאַקאָווער לאַנדסלייט, און זייער וואַרעמע היים איז עד־היום אַ בית־וועד פאַר דער אַרבעט לטובת הכלל.

ביים סוף פון יאָר 1945, איז יעקב חיים סאַבעל צוריקגעקומען פון אייראָפּע. ער איז דעמאָלט באַפרייט געוואָרן פון דינסט אַלס זעלנער אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ער האָט זיך גלייך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון רעליעף, וועלכער האָט אָנגעבינדן אַ קאָנטאַקט מיט די לעבן־געבליבענע לאַנדסלייט אומעטום, ווו זיי האָבן זיך געפונען, געזאַמלט פאָנדן. צו דעם צוועק זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרשידענע אונטערנעמונגען,

ווי: טעאַטער־בענעפיטן, פורים־בעלער און זאַמלונגען. עס זענען געשיקט געוואָרן פעקלעך עסנוואַרג, קליידונג און געלט צו די לאַנדסלייט אין די פאַרשידענע לענדער.

די אַקטיווע מיטגלידער פון רעליעף־קאָמיטעט: מעקס בראַון ע״ה, משה שעלסקי ע״ה, הלל רייטשיק, גדליה רייטשיק, אברהם כשאַנאָווער, יחזקאל סעגאַל, הערמאַן גאָלדמאַן, יחזקאל קאָהען, יעקב חיים סאָבעל און נאָך אַנדערע. זיי האָבן אַוועקגעגעבן זונטיקן, די אָפּרו־טעג, צו פאַקן די פעקלעך אין דעם קאָלאָניאַל־געשעפט פון משה פרידמאַן, וווּ מ׳האָט זיי סאָרטירט, געפּאַקט און אַדרעסירט. הרב ר׳ פישל ניומאַן ז״ל, האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון רעליעף. דער ערשטער פּאָרזיצער איז געווען מר. פיליפ קראַסנער, אַ טיכטיקער מיטאַרבעטער. שפּעטער — סעם גרינ־בערג, אַן אַקטיווער סאָסייטי־מיטגליד און געטרייער אַרבעטער פאַרן רעליעף. נאָך אים האָט איבערגענומען דעם פאָרזיץ — אברהם כשאַנאָווער, אַן איבערגעגעבענער, גע־טרייער מיטאַרבעטער פון דער מאַקאָווער לאַנדסמאַנשאַפט בכלל, און פאַרן רעליעף בפרט, וועלכער פאַרנעמט דעם דאָזיקן אַמט ביז איצט.

מיט דער צייט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מאַקאָווער לאַנדסלייט, אונדזער שארית־הפליטה, קיין אַמעריקע און אויך קיין ישראל. די ניי־אָנגעקומענע האָבן זיך גלייך אָנ־געשירט אין דער אַרבעט פון רעליעף. עס זענען געווען אַקטיוו: אברהם און ייטה גאַרפינקעל, אברהם לעסמאַן, לייבל גאָלדוואַסער, מרדכי ציווינער און אַנדערע.

דער רעליעף האָט זיך פאַרבונדן מיטן אירגון יוצאי מאקוב אין ישראל און האָט פאַרגרעסערט די פאָנדן פאַר דער גמילות־חסדים־קאַסע אין ישראל.

חוץ דעם, וואָס דער רעליעף שטיצט די קאַסע, שיקט ער אויך איבער יאָר־יערלעך קיין ישראל געלט פאַר „מעות־חטים״. דער פאַראייניקטער מאַקאָווער רעילעף, אָרדנט אײַן יאָר־יערלעך אזכרות אין אָנדענק פון די מאַקאָווער, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש־השם, בשעת דעם גרויסן חורבן.

די שארית־הפליטה אין דער גאָרער וועלט

צו אונדזער גרויסן אומגליק, זענען קיין סך נישט געבליבן פון דער גרויסער און שיינער מאַקאָווער קהילה, וועלכע האָט פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג געציילט קנאַפּע 5.000 נפשות. געראַטעוועט האָט זיך נאָר אַ קליינע צאָל און אויך די, זענען צע־שפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אַ געוויסער טייל איז אָנגעקומען אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, קאַנאַדע, לאַטיין־אַמעריקע, אויסטראַליע, שוועדן און אַן אָנגעזעענער טייל איז עולה געווען קיין ישראל.

דער ערשטער פון די געראַטעוועטע, וואָס איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע (ניו־יאָרק) איז געווען יעקב שיינבערג. בעת זיין אָנקומען האָבן אים אָפּגעוואַרט: רחל ריי־טשיק, ייטה סעגאַל, מינדל פרידמאַן, יעקב חיים סאָבעל און זיינער אַ קוזין.

מיט טרערן אין די אויגן און מיט גרויס ווייטאָג אין האַרץ, האָבן מיר דעמאָלט

אָפּגענומען דעם ערשטן טרויעריקן גרוס און דעם האַרץ־רייסנדיקן באַריכט וועגן דעם, וואָס איז געשען און אויך ווער ס'איז לעבן געבליבן. דער פאַרלוסט איז שרעקלעך און די אבידה פון דער מאַקאָווער קהילה איז גרויזאַם. ער, יעקב שיינבערג, אַלס דער ער־שטער געראַטעוועטער, וואָס האָט באַטראַכטן די אַמעריקאַנער ערד, האָט אָנהויבס קיין סך נישט גערעדט, האָט נישט צופיל דערציילט, זייענדיק צעבראָכן און פאַרביטערט. איין זאַך האָט ער באַלד איבערגעגעבן, אַז די יאָרצייט נאָך די מאַקאָווער קדושים, איז ביי אַלע אָנגענומען געוואָרן אויף ג' טבת, וואָס מיר וועלן אייביק היילִיק אָפּהיטן לדור דורות.

ווער זענען די מאַקאָווער אין דער וועלט

די מאַקאָווער איבער דער גאָרער וועלט מעגן שטאָלצירן מיט זייערע לאַנדסלייט. אָן שום גוזמא קען געזאָגט ווערן, אַז ווו זיי זאָלן זיך נישט געפונען, זעען זיי זיך אָן, מען הערט וועגן זיי, מען ווייסט וועגן זיי, ווייל זיי האָבן פאַרנומען אָדער פאַרנעמען וויכטיקע ערטער אין דער געזעלשאַפט, אויפן קולטורעלן, עקאָנאָמישן, וויסנשאַפטלעכן און סאָ־ציאַלן געביט.

דער יחוס פון דער אַמאָליקער מאַקאָווער קהילה, מיט וועלכן מיר גרויסן זיך אַזוי, איז גאָר אַלט. אין דער רבנישער וועלט האָט מאַקאָוו געהאַט גרויסע גאונים אַלס רבנים, וועלכע זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון רעליגיעזן און אַלגעמיינעם יידישן לעבן. אויפן קולטורעלן, סאָציאַלן געביט, יחוסן מיר זיך מיט גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען וועלט־באַרימט.

לאָמיר דערמאָנען נאָר אייניקע פון זיי:

נחום סאָקאָלאָוו ז"ל דער גרויסער ייד, דער ציוניסטישער פירער דער מנהיג פון פאָלק, איז געווען אַ מאַקאָווער איידעם פון דאָבע סעגאַל ע"ה.

לעאָן בלום ז"ל, דער סאָציאַליסטישער פירער און גלייכצייטיק לאַנגיאָריקער פּרעמיער פון פראַנקרייך, האָט געשטאַמט פון אַ מאַקאָווער משפחה, די קאַהאַנס. ישראל שטערן הי"ד, דיכטער און פּאָעט, איז געווען דער ברודער פון ר' קלמן סופר.

בן־ציון חילינאָוויטש הי"ד, זשורנאַליסט און שרייבער, מיטאַרבעטער פון דער וואַרשעווער יידישער צייטונג „דער מאָמענט", איז געווען דער ברודער פון ר' שמעון־חיים, פייגל און לייטשע דאַבערס.

חנא סטאָלניץ הי"ד, דער טאַלאַנטפולער, יונגער פּאָעט, וועלכער איז אומגעקומען אין דער שואה, איז געווען אַ מאַקאָווער בחור. און נאָך אַ סך אַנדערע ווערן דערמאָנט אין ספר. ווי שווער עס זאָל נישט האָבן געווען, זיינער צייט, דאָס לעבן פון די ערשטע מאַקאָווער עמיגראַנטן, האָבן זיך דאָך אייניקע דערהויבן צו פיגורן אין אַמעריקע.

מיר וועלן דערמאָנען עטלעכע פון זיי:

פיליפּ הירש ע"ה, אַן עמיגראַנט, איז מיט יאָרן צוריק געווען דער דירעקטאָר פון

היאַ״ס (הכנסת יידישע אורחים סאָסייטי) אין ניו־יאָרק. די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלעביים איבערנעמען קרובים און האָט פיל געהאָלפן מיט ראָט און טאָט די יידישע עמיגראַנטן ביים איינאָרדענען זיך.

אַדמיראַל היימאַן ריקאָווער, דער אַזוי־גערופענער פאָטער פון דער אַטאָמישער אונטערוואַסער־שיף איז אַ גרויסע פּערזענלעכקייט אין אַמעריקע. הגם ער האָט זיך דער־ווייטערט פון יידן און יידישקייט, אָבער דאָך, איז ער אַ מאַקאָווער, דוד ריקאָווערס (דוד סטאָליאַרס) אַ ברודערן־זון.

ד״ר מנחם מערלוב־סאָבעל, ד״ר פילאָזאָף און כעמיע־אינזשיניער, געוועזענער פּראָפעסאָר פון פּאָליטעכניקום אין חיפה, איצט ראַטגעבער פון דער ישראל־רעגירונג אויפן כעמישן געביט, וועלכער וווינט אין ישראל, איז דער זון פון משה־שמואל סאָבעל (מיינער אַ פעטער) ע״ה, איינער פון די גאָר ערשטע מאַקאָווער עמיגראַנטן.

ד״ר מאַקס פּיאַנקאַ באַקאַנט אַלס „מאָניעק״), וועלכער וווינט אין לאָנדאָן, איז אַ גרויסער וויסנשאַפטס־מאַן, באַוווּסט אין דער וועלט. די לענדער: אַמעריקע, בעלגיע, פּוילן און פראַנקרייך, האָבן אים אַנגאַזשירט אַלס גאַסט־לעקטאָר אין זייערע אוניווער־סיטעטן און הויכשולן. ער איז דער זון פון חיה און שמואל פּיאַנקאַ, דער באַליבטער געזעלשאַפטלעכער טוער אין מאַקאָוו און לייטער פון דער מלוכה־שול.

די שפּעטערע עמיגראַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען אין די צוואַנציקער יאָרן קיין אַמעריקע, האָבן געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו געבן זייערע קינדער העכערע ביל־דונג, סיי וועלטלעכע און סיי יידישע.

יהושע פרידמאַן און יוחנן קלעשעווסקי (דער לעצטער איז יונג געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק), זענען די ערשטע קינדער פון מאַקאָווער עמיגראַנטן, וועלכע האָבן געענדיקט די העברעאישע הויכשול „הרצליה״ אין ניו־יאָרק. אין אַמעריקע, אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, זענען פאַראַן אַ סך דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן, דענטיסטן, בוכהאַלטאָרן און לערער, אַלע עמיגראַנטן אָדער קינדער פון עמיגראַנטן פון מאַקאָוו.

אין די רבנישע קרייזן אין אַמעריקע, האָבן מיר אויך עטלעכע פון די לאַנדסלייט, רבנים, וועלכע שטייען בראש פון אַ ריי קהילות. זיי פירן אָן מיט די תלמוד־תורה־שולן און זענען זייער אַקטיוו אויפן דערציערישן געביט אין דער „מזרחי״־באַוועגונג. זיי זענען אַ טייל פון די גייסטיקע פירער אין יידיש־אַמעריקאַנער לעבן.

הרב שמעון י. כונאָוויטש, איז רב אין די בראָנקס. דער ברודער, הרב העראָלד כונאָוויטש, איז הויפּט־רב אין דער שטאָט סען־וואַן, פּאָרטאָ־ריקאָ.ביידע האָבן גראַדו־אירט פון ישיבת אלחנן, זיי זענען די קינדער פון משה און רחל כונאָוויטש ע״ה, אַן עמיגראַנט פון מאַקאָוו. צווישן די נייע אַריבערגעקומענע זענען אויך פאַראַן רבנים. הרב שמחה־בינעם שולדענריין — רב אין דאָרטשעסטער (נעבן באָסטאָן). הרב שמואל

הילערט — רב און שוחט אין ברוקלין, נוי־יאָרק. הרב בן־ציון ראָזענטאַל (אײדעם פון ר' מאָטל ישמח) — רב אין טשיקאַגאָ. הרב פיגאַ — ראש־ישיבה אין ברוקלין, ניו־יאָרק.

מיר ווילן נאָך דערמאָנען הרב פנחס אינגבערמאַן ז"ל (זון פון מאַנעס און ברײנדל פאַקטער), אויך אײנער פון די געראַטעוועטע, פון דער מאַקאָווער שארית־הפליטה, גע־קומען קײן אַמעריקע דורך כינע, נאָך דער מלחמה. פנחס אינגבערמאַן איז געווען זײער אַ באַגאַבטער בחור, אַ גרויסער תלמיד־חכם, אַ יודע ספר. ער איז געווען אַ גוטער רעדנער, האָט שטודירט אין ישיבה־אוניווערסיטעט און באַקומען אַ דאָקטאָראַט. ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין אײנער פון די גרעסטע שולן אין ברוקלין.

לײדער האָט ער נישט זוכה געווען אָנצוגײן מיט זײן קאַריערע. אין יאָר 1955, פליִענדיק קײן ישראל אויף אַ באַזוך בײ זײן ברודער יוסף, איז ער אומגעקומען אין דעם עראָפּלאַן, וואָס איז אַראָפּגעשאָסן געוואָרן איבער בולגאַריע, און אַזוי איז ער פרי־צײטיק אַוועק פון דער וועלט. כבוד זײן אָנדענק. די לאַנדסלײט האָבן אין אים פאַרלוירן אַ טײערן, איבערגעגעבענעם מיטגליד.

אין דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַמעריקע, זענען אויך פאַרטראָטן אײ־ניקע פון די לאַנדסלײט. זײ זענען זײער אַקטיוו אין די ציוניסטישע קרײזן, „מזרחי", באָנדס פאַר ישראל, פאַרבאַנד א.אַז.וו. ס'איז כדאַי צו באַמערקן, אַז די קינדער פון די אַריבערגעקומענע, נאָכן חורבן, שטודירן אַלע אין הויכשולן, ווילן ווערן דאָקטוירים, אינזשיניערן אָדער וויסנשפאַטס־לײט. אַ געוויסער טײל פון זײ, לערנען אין ישיבות און העברעאישע שולן. זײ וועלן האָפנטלעך פאַרנעמען דאָס געהעריקע אָרט אין דער געזעלשאַפט אַלס פערזענלעכקײטן, פירער, גוטע בירגער און גוטע יידן.

די געשיכטע האָט אַרויפגעלײגט אַ גרויסע אַחריות אויף די לעבן־געבליבענע פון דער אַמאָליקער פאַרשניטענער מאַקאָווער קהילה. אין דער צוקונפט דאַרפן זײ נאָכ־פאָלגן די לאָזונג „מעשה אָבות — סימן לבנים", פאָרזעצן און ווײטער שמידן די גאָל־דענע קײט אַלס יידן, אין גײסט פון די קדושים וועמענס ליכטיקער אָנדענק עס וועט אײביק פאַרבלײבן אין אונדזערע הערצער.

הילף פון ווייטן שאַנכיי

די געזעלשאַפטלעכע טוער אין מאַקאָוו האָבן אויך געזאָרגט פאַר דער פאַך־דערציאונג פון דער יוגנט אין שטאָט. אַן אָפּטיילונג פון „אָרט" איז געגרינדעט געוואָרן אין די 30־קער יאָרן. אָבער די פינאַנסיעלע הילף, וואָס די צענטראַלע פון „אָרט" האָט צוגעשטעלט, איז געווען אַ קליינע. דעריבער האָט די פאַרוואַלטונג פון „אָרט" אין מאַקאָוו זיך געוואָנדן צו אַ ריי אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטלעכע עסקנים אין דער וועלט וועגן הילף.

אין אַ ווענדונג פון 9־טן נאָוועמבער 1938, צו פרוי אסתר־רבקה פּיאַסעצקאַ אין שאַנכיי, ווערט צוו. אַנד. געזאָגט:

„מיר ווילן, אַז די ייִנגע מענטשן זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו דער גאָב פון זייערע ברידער, נאָר מיט אייגענער אַרבעט זאָלן זיי זיך קאָנען פאַרדינען אויפן לעבן. מיטן אויסלערנען דעם יוגנטלעכן אַ פאַך, מאַכט מען אים פאַר אַ נוצלעכן, פּראָדוקטיוון מענטש אין דער געזעלשאַפט. מיטן פאַרשפּרייטן פאַך־בילדונג צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג, ווירקט מען, אַז דער ייִדישער בעל־מלאכה זאָל קענען שטיין אויף דער זעלבער מדרגה ווי דער נישט־ייִד און זאָל נישט ווערן אַרויסגעשטויסן פון זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס."

אין אַ צווייטן בריוו צו פרוי פּיאַסעצקאַ, דאַטירט יוני, 1938, שרייבט די פאַרוואַלטונג פון „אָרט" אין מאַקאָוו, אַז „ווי באַלד דער עלטערער דור האַלט זיך נאָך אין די ברוכטיילן פון דער אונטערגייענדיקער ייִדיש־ווירטשאַפטלעכער שיף, איז אָבער די יוגנט שוין אין גאַנצן פאַרבליבן אָן שום אויסזיכטן זיך צו דערווערבן אַן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט".

די פאַרוואַלטונג האָט דעריבער באַשלאָסן צו גרינדן אַ פאַך־שול. אָבער צו דעם צוועק איז נויטיק געווען אַ סומע פון 50 טויזנט גילדן (זלאָטעס), ד.ה. צען טויזנט דאָלאַר. בשייכות דערמיט האָט זי אַפּעלירט צו דער פרוי פּיאַסעצקי אין ווייטן שאַנכיי, אַז זי זאָל העלפן אין דער הינזיכט.

פרוי פּיאַסעצקאַ האָט זיך אָפּגערופן. זי האָט נישט פאַרגעסן אירע לאַנדסלייט טראָץ דעם, וואָס זי האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזט איר שטאָט און געוווינט אין ווייטן מזרח.

אין מאַקאָוו האָט זיך אויך געפינען אַ „טאָז"־געזעלשאַפט, וואָס האָט געזאָרגט פאַרן געזונט פון ייִדישע קינדער. געשיקט זיי אויף אָפּרו־קאָלאָניעס א.א.וו.

מ. צ.

This is to certify that Mrs. Reveccah Piasetzkaia is requested by the organization " O R T " of the town Makovie - Mazovietzky (Poland) to collect donations for the above organization. Your assistance in the noble work of Mrs. Piasetzkaia for the worthy Institution will be much appreciated.

Separate receipts for the donations collected will be issued by our Association

SHANGHAI ASHKENAZI JEWISH COMMUNAL ASSOCIATION

Ch. Toukatchinsky

Ch. Toukatchinsky

Hon. Secretary

„אָרט"
געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן מלאכה
און ערד־אַרבעט צווישן יידן
אפּטיילונג אין מאַקאָוו־מאַז.

מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, יוני 1938 יאָר

צו
ני פּי פּיאַסעצקי
אין שאַנכײַ

געשעצטע פריינט,

די טראַגישע לאַגע פון די יידן איז אייך גענוג באַקאַנט. אומעטום באַמיט מען זיך אַרויסצודרייען אינדזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, בכדי מיר זאָלן נישט האָבן קיין ברויט פאַר אונדז און פאַר די קינדער.

וויבאַלד דער עלטערער דור האָלט זיך נאָך ווי ווייט מעגלעך אין די ברעקלעך פון דער אינטערגייענדער יידיש ווירטשאַפטלעכער שיף, איז אָבער די יוגנט שוין אין גאַנצן פאַרבליבן אָן שום אויסזיכטן זיך צו ערנערן אַן עקזיסטענץ מעגלעכקייט. דער דערהאַלדער יוגנטלעכער, וועלכער וועט ענדעקן אַזאַ פאַכשולע, וועט נישט נאָר דאַרפן אַנקומען צו זיינע ברידער אין אויסלאַנד, נאָר ער וועט נאָך קענען העלפן די עקזיסטירענדע אין שטאָט פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

לײַדער, האָבן מיר אָבער נישט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן דערצו. לויט ווי מען האָט אויסגערעכנט דאַרף מען האָבן אויף אַזאַ שולע ביי 50 טויזנט גילדן, ד.ה. צען טויזנט דאָלאַר. מיר ווייסן אַז עס איז גרויס. אַז צונויפנעמען אַזאַ סומע איז פאַר אייך אויך זייער

פאַר־אַרטיגנם

מיטגלידער:

פּרענקעל מאיר — סוחר ראַטמאַן פון שטאָט־ראַט און פּרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.
פּרץ יעקב אינהאַבער פון קינא אין פאַטאַ אַנטאָטאָ.
ראָזענטאַל אברהם לערער פון ועגירינגס שולע און פּרעזעס פון „טאָז אָזע".
פון „טאָ אָזע" און מיטגליד פון אייפּבי קאָמיטעט.

סעקרעטאַר:

הערצבערג סענדער סעקרעטאַר פון אויפבוי קאָמיטעט, מיטגליד פון רעוויזאָנס קאָמיסיע ביים סוחרים פאַריין און קאָרעספּאָנדענט פון דער עקסטאַט טעקציע ביים „ייוואָ" אין ווילנע.

פאַרטרעטער:

סטודענט מענדל סוחר, פּרעזעס פון דער יידישער גמינע און פּרעזעס פון דער גמילות־חסד קאַסע.
פישנער הערשל — האַנטווערקער, ראַטמאַן פון שטאָט ראַט.
בעער חיים מאיר סוחר, קאָמיטעטס מיטגליד פון דער אגודה.

רעוויזיאָנס קאָמיסיע:

בערענבוים אבא סוחר, מיטגליד פון ראַט פון דער קאָאָפּ. באַנק און פאַרוואַלטונגס מיטגליד פון סוחרים פאַריין
ארליק אהרן האַנטווערקער, " " " " " " און דאָזאָר פון דער יידישער גמינע.
ניימאַן יונת אָנגעשטעלטער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק און סעקרעטאַר פון „טאָז אָזע".

באַמערקונג: בריוו און געלט בעטן מיר צושיקן אויפן אַדרעס פון אונדזער פּרעזעס:
Samuel Pianka, Maków-Maz., dla Tow. „ORT"

Drukarnia „Mazowsze" w Makowie-Maz.
דרוקערײַ ווײַסבערג אין מאַקאָוו־מאַז.

TOWARZYSTWO SZERZENIA PRACY ZAWOD. I ROLNEJ WŚRÓD ŻYDÓW „ORT" w MAKOWIE-MAZOWIECKIM		געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן מלאכה און ערד־אַרבעט צווישן ייִדן „אָרט" אין מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק

Na pismo אייער בריוו · z dnia אייער דאַטע · Znak אונזער צייכן · Data אונזער דאַטע

257/38 · 9 1.XI.1938

די געערטע פֿרוי פּיאַסעצקי אסתר רבֿקה
אין שאַנכײַ

חשובֿע פֿריינדין,

[illegible]

פעילותה של הגב' אסתר פיאסצקי ממאקוב בשנכאי הרחוקה, לטובת ה„אורט" במקוב

טעטיקייט פֿון דער מאַקאָווער פֿרוי אסתר פּיאַסעצקי אין ווייטן שאַנכײַ לטובֿת „אָרט" אין מאַקאָוו

פעולות־תרבות, בתי־ספר, כופלגות

קולטור־טעטיקייט, שולן, פארטייען

אידאַ בעער־גאַרפינקעל / ניו־יאָרק — בני־ברק

שולן אין מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק

צום אָנדענק פון מיינע צוויי קינדער, ברכה און שרה־פייגע בעער, וואָס זענען אין זייער בליענדער קינדהייט פאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשע מערדער.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע אין מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק עקזיסטירט צוויי עפנטלעכע שולן מיט דער רוסישער אונטעררריכט־שפּראַך: איין שולע איז געווען פאַר יידישע קינדער און די צווייטע — פאַר פּוילישע.

אין דער שולע פאַר יידישע קינדער האָבן געלערנט אין גרעסטן טייל מיידלעך, דאַקעגן יינגלעך — אין אַ קליינער צאָל. די חסידישע עלטערן האָבן געשיקט זייערע זין אין די חדרים, אָבער די מער פּראָגרעסיווע עלטערן האָבן דערלויבט זייערע קינדער צו לערנען אין דער פאָלקס־שולע, כדי צו געבן זיי אויך אַ ביסל וועלטלעכע בילדונג, גלייכצייטיק געשיקט זיי אין חדרים.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914, איז דער איינציקער יידיש־וועלטלעכער לערן־אַנשטאַלט געשלאָסן געוואָרן. דער לערער — נישט קיין מאַקאָווער — האָט פאַרלאָזן די שול. די שטאָט איז פאַרבליבן אָן אַן עפנטלעכער שולע אַ לענגערע צייט, ביז די דייטשן האָבן אָקופּירט מאַקאָוו, אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1915.

אין דעם זעלבן יאָר איז שמואל פּיאַנקע, אַ געבוירענער אין מאַקאָוו, מיט זיין פרוי חיה, פון דער היים ניימאַן, ז״ל, צוריקגעקומען פון ווישקאָוו, ווו זיי זענען געווען לערער. זיי האָבן רעאָרגאַניזירט די אַלטע עפנטלעכע פאָלקס־שולע אין שטאָט, אין די זעלבע צוויי צימערן, ביי די ריזיקעס. שמואל פּיאַנקע האָט ווערבירט קינדער פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג — פון פאַרמעגלעכע און נישט־פאַרמעגלעכע, פון רעליגיעזע און „פרייע" היימען.

די שרייבערין פון די שורות איז אויך געווען איינע פון זיינע ערשטע שילערינס. אין דער פאָלקס־שולע האָבן זיך געלערנט קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער, אָנהויבנדיק פון 7 יאָר און פיל עלטערע קינדער — אין איין קלאַס. פּיאַנקע איז געווען דער איינציקער לערער, און זיין פרוי האָט אים צוגעהאָלפן. די אַרבעט פאַר דעם לערער איז געווען זייער באַשווערט, ווייל די עלטערע קינדער זענען שוין געגאַנגען פאַר דער מלחמה

אין דער רוסישער שולע, געקענט אַ ביסל לייענען און שרייבן, און מיט די יינגערע האָט מען געמוזט אָנהויבן פון אַלף־בית.

די אונטעררריכט־שפּראַך איז געווען דייטש און פּויליש.

מיטן צופלוס פון קינדער, זענען אויך צוגעקומען מער לערער: פּעלאַ כהנא, גערא־דישטש, שפּעטער פייגע סעגאַל און אַנדערע. פּיאַנקע, אַלס דער לייטער פון דער שולע, האָט שוין געהאַט די מעגלעכקייט צו סעגרעגירן די קינדער אין קלאַסן, כמעט אין גלייכן עלטער.

הגם די לערער האָבן נישט געענדיקט קיין פּעדאַגאָגישע אַנשטאַלטן, איז די לערע און דערציאונג געשטאַנען אויף אַ געהעריקן ניווא. זיי האָבן זיך באַמיט צו געבן די קינדער דעם מאַקסימום.

מיט דער ווידעראַנטשטייאונג פון פּוילן אין יאָר 1918, איז די שולע נאָך מער אויסגעברייטערט געוואָרן. עס זענען צוגעקומען מער לערער פון דער פרעמד. די אונטער־ריכט־שפּראַך איז געוואָרן אַן איינהייטלעכע. אַלע קעגנשטאַנדן האָט מען געלערנט אין דער פּוילישער שפּראַך. די דייטשע שפּראַך איז געוואָרן די פרעמדע שפּראַך, אַלס קעגנשטאַנד פאַר די העכערע קלאַסן.

די פאָלקס־שולע האָט איצט געטראָגן דעם נאָמען „שקאָלאַ פּאָווטשעכנאַ נומער 2 פאַר קינדער פון משהס גלויבן". לויטן געזעץ, האָבן יידישע קינדער געהאַט רעכט צו לערנען אין פאָלקסשולן פאַר פּוילישע קינדער, און פּוילישע קינדער — אין די



כיתת בית הספר העממי עם המורים שמואל פיינקו ואיטה כץ, בשנת 1928

אַ קלאַס פון דער פאָלקס־שולע מיט די לערער שמואל פּיאַנקאָ און איטע כץ, אין יאָר 1928



כיתת בית הספר העממי במאקוב, בשנת 1932

אַ קלאַס פון מאַקאָווער יידישער פאָלקס־שולע, אין יאָר 1932

פאָלקסשולן פאַר יידישע קינדער. אויך האָבן יידישע לערער געהאַט דאָס רעכט צו לערנען אין שולן פאַר פוילישע קינדער, אָבער איך געדענק נישט אַפילו איין פאַל, אַז אונדזערע לערער זאָלן ווערן צוגעלאָזט צו פוילישע שולן, דאַקעגן פוילישע לערער האָבן גאַנץ לייכט געקריגן אַרבעט אין שולן פאַר קינדער פון „משהס גלויבן״.

די אונטערשיידן צווישן יידישע און פוילישע פאָלקסשולן זענען באַשטאַנען אין דעם:

א) דער רו־טאָג פאַר די יידישע קינדער איז געווען שבת אַנשטאָט זונטיק; אין אַלע יום־טובים איז די „שולע נומער 2״ געווען געשלאָסן.

ב) מ׳האָט געלערנט יידישע געשיכטע צוויי מאָל אין וואָך.

אין די יאָרן 25—1924 איז צו דער מאַקאָווער פאָלקסשולע צוגעטיילט געוואָרן אַ גרויסע צאָל יידישע לערער, אָרטיקע געבוירענע, אַבסאָלווענטן פון מאַקאָווער גימ־נאַזיום, ווי: רייזל מאַנטשקאָווסקי, דבורה בלום, לאה ווילטשעווסקי, אברהם ראָזענטאַל, און אַ יאָר שפּעטער — אידאַ כץ. אין דעם זעלבן יאָר, אַ דאַנק פּיאַנקעס שטאַרקער באַמיאונג ביים שול־אינספעקטאָר, איז אויך צוגעטיילט געוואָרן אַ ספּעציעלער לערער פאַר יידישער רעליגיע.

איך וויל דערביי דערמאָנען דעם לערער וועסאָלעק ז״ל. אַלס אַבסאָלווענט פון פּאָזנאַנסקיס סעמינאַר אין וואַרשע, איז ער געווען אַ באַגאַבטער פּעדאַגאָג. ער האָט זיך זייער ערנסט באַצויגן צו זיין אויפגאַבע. אין די 2 שעה אין דער וואָך, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר יעדן קלאַס צו לערנען יידישע געשיכטע, האָט ער זיך באַמיט צו געבן די קינדער דעם מאַקסימום וויסן, דערציילט געשיכטעלעך פון תנ״ך, דערוועקט דעם אינטערעס ביי די קליינע קינדער. אין די עלטערע קלאַסן האָט ער געלערנט די

געשיכטע פון די יידן אין פוילן. ער האָט באַזאָרגט די תלמידים מיט ביכער אין דער פוילישער שפּראַך.

ווי שוין דערמאָנט, זענען אַלע לימודים געפירט געוואָרן אין דער פוילישער שפּראַך. די אַטמאָספער אָבער אין דער שולע איז געווען אַ יידישע. די קינדער האָבן בעת די הפסקות גערעדט צווישן זיך יידיש — די שפּראַך, וואָס זייערע עלטערן האָבן באַנוצט אין דער היים, הגם די לערער זענען געווען פּאַראינטערעסירט, אַז די קינדער זאָלן רעדן פויליש. זיי האָבן עס אָבער טאָלערירט. אונדזערע קינדער זענען נישט געווען הינטערשטעליק לגבי די פוילישע שילער אין קיין שום קעגנשטאַנד.

די „שולע נומער 2" האָט געהאַט אַ גוטע רעפּוטאַציע אין מאַקאָווער פּאָוויאַט. די וויזיטאַטאָרן און דער אינספּעקטאָר פלעגן זי גאַנץ אָפט ברענגען אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע שולן, אָבער גלייכצייטיק נישט ווייניק אַנטיסעמיטיזם אַרויסגעוויזן לגבי די יידישע לערער.

דער לערער־פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון אָרטיקע לערער. שמואל פּיאַנקע איז געווען לייטער, מיט אַ קליינעם איבעררייס, ווען בעניעק רינג האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. נאָך אַ קורצער צייט איז פּיאַנקע צוריק געוואָרן „קיעראָווניק" און געשטאַנען בראש ביז 1939.

די אָרטיקע לערער, דיספּאָנירנדיק מיט מער צייט, האָבן זיך באַמיט צו געבן די קינדער דעם מאַקסימום אין די לימודים, כדי צו דערפירן די איינציקע יידישע מלוכה־שולע צו אַ הויכן ניוואָ. נישט אַזוי לייכט איז עס דעמאָלט געווען פאַר די לערער,



כתת בית־הספר היהודי העממי, בשנת 1930

אַ קלאַס פון דער יידישער פאָלקסשולע, אין יאָר 1930



טיול לווילִיצ׳קה לסיום בית הספר העממי במאקוב, בשנת 1924
אויספלוג פון מאַקאָווער תלמידים קיין וויעליטשקע, נאָכן פאַרענדיקן די פאָלקס־שולע, י. 1924



מנהלי „אורט" עם החניכים במאקוב, בשנת 1932
לייטערס פון „אָרט" מיט די שילער אין מאַקאָוו, אין יאָר 1932

ווייל די „שולע נומער 2" איז געווען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע בנינים, אין אַלע עקן פון דער שטאָט. די לערער־ספּעציאַליסטן פון די קעגנשטאַנדן האָבן געמוזט איבער־גיין אין דער 10־מינוטיקער פּויזע פון איין בנין צום אַנדערן, ווו דער קלאַס האָט זיך געפונען, נישט געהאַט קיין אָפּרו צווישן איין לעקציע און דער צווייטער.

די שול־צימערן זענען געווען אין אַלטע, הילצערנע הייזקעס, אָבער די לערער, צוזאַמען מיט די קינדער, האָבן זיך באַמיט צו פאַרוואַנדלען די חורבות אין עסטעטישע קלאַסן.

אין דער פאָלקסשולע נומער 2 האָבן געלערנט קינדער פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ גרויסע צאָל פון אָרעמע אַרבעטער־ און האַנטווערקער־היימען. עס האָט עקזיסטירט ביי דער שולע אַן אַזוי גערופענע מילך־סטאַציע, ווו די קינדער, אַלע אָן אויסנאַם, האָבן באַקומען, בעת דער גרויסער פּויזע, אַ גלאָז מילך און אַ זעמל. די פאַרמעגלעכע קינדער האָבן געצאָלט פאַר דעם צווייטן פרישטיק, אָבער עס איז געווען איינגעאָרדנט, אַז די נישט־פאַרמעגלעכע זאָלן זיך נישט פילן געטראָפן, וואָס זיי צאָלן נישט. ביים פאַרטיילן די מילך און זעמל האָט מיטגעאַרבעט דער עלטערן־ראָט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן ביי דער שולע. ער איז געווען טעטיק אויך אויף אַנדערע געביטן.

די באַציאונג פון לערער צו שילער איז געווען אַ חברישע, ספּעציעל אין די עלטערע קלאַסן.

מוסטערהאַפט איז געפירט געוואָרן די ביבליאָטעק ביי דער שולע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער צאָל ביכער, צוגעפּאַסט צום עלטער פון די קינדער. די אַרבעט ביים אַרויסגעבן די ביכער האָבן אויסגעפירט שילער פון 6־טן און 7־טן קלאַס, אונטער דער לייטונג און אָנווייזונג פון די לערער אידאַ כץ און קאָפּלער.

אַ שיינע און זייער נוצלעכע טעטיקייט האָט געפירט דער דראַמאַטישער קרייז אונטער דער לייטונג פון דער לערערין רייזל ראָזענטאַל־מאַנטשקאָווסקי. זי האָט איינ־געשטודירט מיט די קינדער פאַרשיידענע אַקטועלע פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן אַריינ־געבראַכט פינאַנסיעלע הילף פאַר אָרעמע קינדער, אַז זיי זאָלן אויך קענען אָנטיילנעמען און געניסן פון די אויספלוגן צום ים אָדער אין די בערג. יעדן סוף יאָר האָט די שולע איינגעאָרדנט, אונטער דער לייטונג פון לערער, אויספלוגן פאַר די צוויי עלטסטע קלאַסן אין די טאַטרען־בערג אין זאַקאָפּאַנע, אָדער צום ים אין גדאַנסק־גדיניע.

ביי דער פאָלקס־שולע האָט אויך עקזיסטירט דער אַזוי גערופענער „האַרצעזש" („Harcerz") — אַ ספּאָרט־סעקציע. די אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די עלטערע שילער, אונטער דער לייטונג פון די לערער אברהם ראָזענטאַל און אידה כץ. כאָטש עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, האָבן זיך די לערער באַמיט, ביי יעדער געלעגנהייט, איינצופלאַנצן ביי די קינדער דעם יידישן נאַציאָנאַלן גייסט.

אין די לעצטע צוואַנציקער יאָרן זענען געגרינדעט געוואָרן ביי דער יידישער פאָלקס־

שולע אומזיסטע אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע. עס איז דאַן געווען אַ געזעץ, אַז ווער עס קען נישט לייענען און שרייבן פויליש, קען נישט זיין קיין ראַטמאַן אין מאַגיסטראַט און אַזעלכע בעלי־מלאכות קענען נישט געהערן צום „צעך" — האַנטווערקער־פאַריין, און צוליב דעם קענען זיי נישט באַקומען קיין אַרבעטס־דערלויבעניש.

עס האָט געדראָט, אַז מיטן צונעמען ביי די בעלי־מלאכות די אַרבעטס־דערלויבעניש, זאָלן אַ סך יידישע משפחות בלייבן אָן ברויט.

אין די אָוונט־קורסן האָבן אָנטיילגענומען עלטערע בעלי־מלאכות און זייערע געזעלן. זיי האָבן זיך געלערנט פלייסיק, כדי וואָס שנעלער צו באַהערשן די פוילישע שפּראַך אין שריפט. אין וואָרט האָבן זיי די שפּראַך באַנוצט נישט ערגער ווי זייערע פוילישע שכנים. שמואל פּיאַנקע איז געווען דער איניציאַטאָר פון די קורסן. אים האָבן מיטגעהאָלפן די יידישע לערער. אַלע האָבן געווידמעט זייער פרייע צייט, אָן שום באַלוינונג.

די יידישע פאָלקסשולע נומער 2 (Szkoła powszechna) איז געווען דער איינציקער לערן־אַנשטאַלט אין מאַקאָוו. קיין הויכשולן, ספּעציעל פאַר יידישע קינדער, האָבן מיר נישט פאַרמאָגט.



כיתה ו' של בית הספר היהודי בטיול בדנציג ובגדיניה, בשנת 1930

אויספלוג פון 6־טן קלאַס יידישער שולע קיין דאַנציג און גדיניע, אין יאָר 1930

בלויז אַ קליינע צאָל שילער האָט ווייטער שטודירט, כאָטש עס זענען געווען אין דער שולע זייער באַגאַבטע קינדער. ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָבן זיך די שילער רעקרוטירט אין גרעסטן טייל פון אָרעמע בעלי־מלאכהשע און אַרבעטער־היימען.

יידישע גימנאַזיע

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין מאַקאָוו קיין מיטלשולע נישט געווען. אַ קליינע צאָל קינדער פון פאַרמעגלעכע היימען האָבן שטודירט אין פולטוסק אָדער וואַרשע.

קורץ פאַר דער פראָקלאַמירונג פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט, איז אין מאַקאָוו געגרינ־דעט געוואָרן די פוילישע גימנאַזיע „Komunalne Gimnazjum Powiatu Makowskiego" — אַ שולע, סובסידירט דורך דער רעגירונג, פאַר וועלכער עס האָבן געצאָלט שטייערן אַלע איינוווינער, אָן אונטערשייד פון רעליגיע.

הגם יידן־סוחרים האָבן אַריינגעטראָגן גרויסע שטייערן אין דער קאַסע, האָבן יידישע שילער קיין אָפּצאָל־הנחות נישט געקריגן און נישט באַפרייט געוואָרן פון לערנען אום שבת. פאַר עלטערן פון מיטלשטאַנד, וועלכע האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן קריגן העכערע בילדונג, איז עס געווען אַ גרויס פינאַנסיעל פּראָבלעם.

אין יאָר 1918 איז פון מלאַווע געקומען די לערערין פרוי פערלמאַן. זי האָט געהאַט אַ פּעדאַגאָגישע דערפאַרונג און איז צוגעטראָטן צו גרינדן אין מאַקאָוו אַ יידישע גימ־נאַזיע. זי האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט עלטערן פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן עלטערן־ראַט, מיט וועמענס הילף עס איז רעאַליזירט געוואָרן איר פּלאַן.

מיט גרויסער מי איז די גימנאַזיע געגרינדעט געוואָרן. זי האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון הלל שיינבערג. די שילער האָבן זיך רעקרוטירט פון רייכערע און מיטל־קלאַס־היימען. דער אָרעמער שיכט האָט נישט געקענט זיך דערלויבן צו שיקן די קינדער אין גימנאַזיע, ווייל דער אָפּצאָל איז געווען אַ הויכער. נישט האָבנדיק קיין אויסערלעכע מאַטעריעלע שטיצע, האָט בלויז אַ קליינע צאָל קינדער פון אָרעמע היימען — אָבער זייער פעאיקע — געלערנט אין גימנאַזיע.

פרוי פערעלמאַן איז געווען די לייטערין פון דער מיטל־שולע. די קלאַסן זענען געווען פול באַזעצט מיט תלמידים. דאַקעגן די דריטע און פערטע קלאַסן — מיט אַ קליינער צאָל שילער. צוליב דעם, וואָס די גימנאַזיע האָט נישט געהאַט קיין סך צימערן, האָט מען אין די אַנטוויקלונגס־קלאַסן געלערנט אין די אָוונטן. נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז דאָס עלעקטרישע ליכט איז אויסגעגאַנגען און מיר האָבן געלערנט ביי ליכטלעך.

די לייטערין האָט אַנגאַזשירט די לערער יוזעפאָוויטש און ווענגמייסטער פון וואַרשע, ווי אויך אירע אַ שוועסטער און אַ ברודער פאַר די יינגערע קלאַסן, ווי אויך איר שוועס־טערן־זון, באַדילקעס — אַלס ספּאָרט־אינסטרוקטאָר.

דער לערער יוזעפאָוויטש — דעמאָלט נאָך אַ סטודענט אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, אַ גוטער פּעדאַגאָג, האָט מיט מסירת־נפש געטאָן זיין אַרבעט. ער האָט געלערנט די וויכטיקע צוויי קעגנשטאַנדן: די פּוילישע שפּראַך און מאַטעמאַטיק.

שפּעטער האָט ער געענדיקט זיין מעדיצין־שטודיום און געווען אַ באַוווּסטער דאָקטאָר אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק.



כיתת גימנסיה במאקוב, בשנת 1918

גימנאַזיע־קלאַס אין מאַקאָוו, אין יאָר 1918

הגם די לימודים זענען געפירט געוואָרן אין דער פּוילישער שפּראַך, האָבן העברעאישע לימודים פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ אין פּראָגראַם. מען האָט געלייגט גרויס אַכט אויף דעם קעגנשטאַנד. איך וויל דאָ דערמאָנען דעם לערער פון העברעאיש, וועגמייסטער. ער איז נישט נאָר געווען אונדזער לערער און דערציער, נאָר אויך אונדזער וועגווייזער. ער איז געווען אַ לערער פון גאָטס גענאָד, אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר און געזעלשאַפטלעכער טוער. ער איז געווען איינער פון די טיכטיקסטע מיטאַרבעטער פון „השומר־הצעיר" אין מאַקאָוו. זיין פרייע צייט האָט ער געווידמעט דעם פאַרשפּרייטן די העברעאישע שפּראַך, ליטעראַטור און נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין צווישן די שילער. ער איז געווען דער באַליבטער לערער אין גימנאַזיע. נאָך אים איז געווען לערער פון דער העברעאישער שפּראַך — ה' בערנהאָלץ.

די יידישע גימנאַזיע האָט זיך געפונען אין אַ כסדרדיקן מאַטעריעלן גראַנגל. קיין מאַטעריעלע שטיצע פון דער מאַכט האָט זי נישט באַקומען.

הגם די יידן זענען דאַן געווען אַ מערהייט אין מאַקאָוו, געציילט ביי 60 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, געצאָלט גרויסע שטייערן, סיי מלוכהשע, סיי שטאָ־טישע, האָט מען דער יידישער גימנאַזיע נישט צוגעטיילט קיין שום סובסידיעס.

שווער איז געווען דער מצב פון די לערער און פון עלטערן־ראַט. אויסגעשטעלט אויף אייגענער הילף, נישט האָבנדיק די געהעריקע צאָל שילער, האָט זיך די יידישע גימנאַזיע שווער געראַנגלט פאַר איר עקזיסטענץ און לסוף געמוזט זיך שליסן.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָבן אין מאַקאָוו עקזיסטירט צוויי פּוילישע קאָמונאַלע גימנאַזיעס — איינע פאַר מיידלעך און די צווייטע פאַר יינגלעך, אונטער איין דירעקציע. אַלס „גלייכבאַרעכטיקטע" בירגער פון לאַנד, האָבן יידישע קינדער געהאַט רעכט צו לערנען אין די דאָזיקע גימנאַזיעס. זיי זענען אָבער נישט באַפרייט געוואָרן פון לערנען אום שבת, כאָטש לויט דער קאָנסטיטוציע, האָט יעדע נאַציאָנאַלע מינדערהייט געהאַט דאָס רעכט אָפּצוהיטן אירע רעליגיעזע יום־טובים.

דער דירעקטאָר יאַמרוגעוויטש, אַ ליבעראַלער מענטש, האָט צוגעזאָגט נישט צו נויטן די יידישע קינדער צו שרייבן אום שבת. ער האָט אָבער געפאָדערט, אַז זיי זאָלן זיין אָנוועזנד אין קלאַס און זיך צוהערן צו די לעקציעס. די לערער האָבן אָבער נישט אויסגעפירט דעם דאָזיקן צוזאָג פון דירעקטאָר.

די עלטערן פון דער קליינער צאָל שילער, וואָס האָבן אין די שבת־טעג באַזוכט די גימנאַזיע, זענען זייער שטאַרק גערודפט געוואָרן דורך רעליגיעזע יידן. אַ פּאָר גערער חסידים האָט מען, צוליבן חטא פון זייערע קינדער, פּשוט אַרויסגעוואָרפן פון זייערע שטיבלעך, אין וועלכע זיי האָבן זיך גייסטיק אויסגעלעבט.

די יידישע עלטערן האָבן אינטערוועניִרט ביי דעם דירעקטאָר יאַמרוגעוויטש, אַז מען זאָל די יידישע שילער בכלל באַפרייען פון באַזוכן שבת די גימנאַזיע. דער דירעקטאָר איז לסוף נאָכגעקומען זייער ביטע, אָבער מיטן באַדינג, אַז פאַרן שבת־טאָג זאָלן די יידישע שילער האַלטן אָפּטערע עקזאַמענס — מער ווי די פּוילישע שילער. די יידישע שילער האָבן פאַר דעם זיך נישט געשראָקן. זיי האָבן געהאַט אַ געהעריקע צוגרייטונג פון דער יידישער גימנאַזיע, ספּעציעל אין דער פּוילישער שפּראַך, ליטעראַטור און מאַטעמאַטישע קעגנשטאַנדן.

כאָטש מיר זענען געווען גוטע שילער, פלייסיק געלערנט, באַמיט זיך אַרויסצוהעלפן די פּוילישע שילערינס, האָט מען אונדז נישט ליב געהאַט. ביי יעדער געלעגנהייט זענען מיר שיקאַנירט געוואָרן דורך די לערער און שילער און מ'האָט אַרויסגעוויזן צו אונדז גרינגשעצונג און שנאה.

איך געדענק אַן אַנטיסעמיטישן אַרויסטריט פונעם פּראָפעסאָר פון לאַטיינישער שפּראַך. ער איז אויך געווען דער דערציער פון אונדזער קלאַס. געווען איז עס אין יאָר

1921, ווען דעם פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין איז צוגעטיילט געוואָרן דער נאָבעל־פּרייז. מיר, יידישע שילער, זענען געווען זייער שטאָלץ דערמיט. מיט גרויס שמחה זענען מיר אויפצומאָרגנס געקומען אין קלאַס און דערציילט אַלע אונדזערע פּוילישע חברטעס וועגן דעם. ווען דער פּראָפעסאָר פון לאַטיין איז אַריין אין קלאַס און דערזען עפּעס אַ גערודער, האָט ער געפרעגט, וואָס עס האָט פּאַסירט. מיט גרויס צופרידנקייט האָט מען אים דערציילט וועגן צוטיילן איינשטיינען דעם נאָבעל־פּרייז. זיין רעאַקציע איז געווען: „וואָס איז אויף אייך אַזאַ גרויסע פרייד? אַלע ווייסן, אַז יידן זענען סוחרים, קענען דעם האַנדל־וואַנדל און גוט רעכענען".

דער ענטפער פונעם פּראָפעסאָר האָט אָנגערירט אונדזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ. מיר, די שילער פון דער יידישער גימנאַזיע, דערצויגן דורך וועגמייסטערן און „השומר־הצעיר", האָבן דאָס נישט פאַרשוויגן. 5 שילערינס: פייגע באָרשטש, דבורה בלום, רייזל מאַנטשקאָווסקי, דבורה ראָזענטאַל און די שרייבערין פון די שורות — זענען אַוועק צום דירעקטאָר יאַמרוגעוויטש. מיר האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל אונדז אַרויסגעבן אַ צייגעניש, אַז מיר זענען שילער פון 4־טן קלאַס גימנאַזיע און מיר ווילן דאָרט מער נישט לערנען. דער דירעקטאָר האָט מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט: „וואָס האָט דערפירט צו אייער באַשלוס?" מיר האָבן אים דערציילט וועגן אינצידענט מיטן פּראָפעסאָר.

דער דירעקטאָר האָט אונדז באַרואיקט, געבעטן גיין צוריק אין קלאַס און צוגעזאָגט די זאַך אויסצופאָרשן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער באַזייטיקט דעם לאַטיין־לערער פון אַלע קלאַסן, ווו עס האָבן געלערנט יידישע קינדער. מיט אָט דער האַנדלונג איז



כיתה א' של הגימנסיה היהודית במאקוב, בשנת 1920

ערשטע קלאַס פון דער יידישער גימנאַזיע אין מאַקאָוו, אין יאָר 1920

אונדזער יידיש־נאַציאָנאַלער כבוד צוריקגעשטעלט געוואָרן. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע סאַטיספאַקציע.

עס זעט אויס, אַז דער דירעקטאָר האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט אונדזער אַרויסטריט וועלן מיר מיטשלעפּן נאָך מער יידישע שילער, וועלכע האָבן געצאָלט אַ הויכן שכר־לימוד. קיין איין יידישער שילער, אַפילו דער בעסטער, האָט קיין סטיפּענדיע נישט באַקומען. דאַקעגן, די פּוילישע, שוואַכערע שילער, האָבן געצאָלט אַ פאַרקלענערטן שכר־לימוד, ווען זייערע עלטערן זענען נישט געווען גענוג פאַרמעגלעך.



חורשת גז'נקה במאקוב

דער מאַקאָווער „גזשקאַנע"־וועלדל


אַ סך פון די אַבסאָלווענטן פון דער קאָמונאַלער גימנאַזיע אין מאַקאָוו זענען געוואָרן לערער און באַקומען אַרבעט אין דער פּאָוושעכנער שולע נומער 2. זיי זענען געווען די ערשטע יונגע, אָרטיקע כוחות אין דער שולע און אין דעם חדר „יסודי התורה". מיט גרויס מסירת־נפש צו זייער אַרבעט, האָבן זיי דערהויבן די לערן־אַנשטאַלטן צו אַ הויכן ניוואָ.

לייבל גאָגאַל

„בונד" אין מאַקאָוו

דער „בונד" האָט עקזיסטירט אין מאַקאָוו נאָך אין די צייטן פון רוסישן צאַר. אָבער דאַן איז דאָס געווען אַ געהיימע פּאַרטיי — אַלע פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אין באַרימטן מאַקאָווער וואַלד. מיר פלעגן פיל ליידן פון די קאָזאַקן, זיי האָבן אונדז שטאַרק גערודפט. דאָס אַלץ איז געווען ביז די דייטשן זענען אַריין קיין מאַקאָוו, דאָס הייסט, אַ יאָר נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאַן האָבן אַלע פּאַרטייען אָנגעהויבן אויפצובליען און צווישן אַלע איז אויך געווען די בונדישע באַוועגונג.

די אָרגאַניזאַציע פון „בונד" איז דאַן געווען אין מאַקאָוו די גרעסטע. אַ פאַקט איז, אַז פון 11 יידישע ראָטמענער האָט דער „בונד" געהאַט 7 פאָרשטייער. ווען דער „בונד" איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען צו די וואַלן, האָט די באַוועגונג דורכגעפירט 5 מאַנדאַטן. ס'איז דעמאָלט אַנטשטאַנען אַ שטאַרקער שטורעם מצד די אַנדערע פּאַרטייען: וואָס



תחנת אוטובוסים „פוצ'קלניה" בככר השוק

אויטאָבוסן־סטאַציע („פּאָטשעקאַלניע") אין מאַרק

הייסט? דער „בונד" האָט באַקומען אַזויפיל מאַנדאַטן? עס איז נישט גוט, מען דאַרף עפּעס טאָן קעגן דעם עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז מ'האָט געפּסלט די וואַלן.

דעם ערשטן שבת נאָך די וואַלן האָט דער רב, הרב ישראל־ניסן קופּערשטאָך גע־וואָלט האַלטן אין אַלטן בית־מדרש אַ דרשה, כדי צו לייגן אַ חרם אויף דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. מיר, חברים פון „בונד", האָבן אויף דעם גלייך רעאַגירט און געלאָזט וויסן דעם רב, אַז טאָמער וועט ער באַשמוצן אָדער אָנרירן די בונדישע באַוועגונג, וועלן מיר אים שטערן צו רעדן. אויף צומאָרגנס, זונטיק, האָבן געדאַרפט פאָרקומען די וואַלן צום צווייטן מאָל, כדי צו פאַרקלענערן די צאָל פון די בונדישע ראַטמענער. די רעזולטאַטן זענען אָבער געווען נאָך מער איבעראַשנדיקע: אָנשטאָט 5 ראַטמענער, האָט דער „בונד" באַקומען 7 מאַנדאַטן. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע סאַטיספאַקציע זעענדיק, אַז כמעט אַלע בעלי־מלאָכות, קליינהענדלער און סוחרים, האָבן אַגיטירט, אַז מען זאָל שטימען נאָר פאַרן „בונד", ווייל דער „בונד" האָט געהאַט העכערע כוונות און איז געווען שטאַרק אָנגעגנומען אין מאַגיסטראַט און אויך אין דער קהילה.

די 7 ראַטמענער זענען געווען:

1. דוד מנאָגע, גערופן האָט מען אים „דוד תורה". אין זיין טעטיקייט איז ער געווען איבערפּאַרטייאיש. פון פאַך אַ סטעלמאַך. ער האָט שטענדיק געפונען צייט פאַר דער קהלשער אַרבעט.

2. אברהמל מלאך, דער בעסטער שניידער פון דער גאַנצער געגנט. ער איז שטענדיק גרייט געווען צו טאָן יענעם אַ טובה, געווען איבערגעגעבן פאַרן כלל.

3. ישראל שיקאָרא, אַ זון פון אַ רימער (זאַטלמאַכער), אויך אַן ערלעכער, איבער־געגעבענער מענטש, אַן אַקטיווער טוער פאַר דער בונדישע באַוועגונג.

4. יאַנעס ניימאַן, אַ דיינס אַ זון, זייער אַ טיכטיקער חבר, אַ קולטורעלער מענטש, געווען באַליבט אין אַלע קרייזן.


5. יאַנקל שלאָמאָוויטש, פון פאַך אַ היטלמאַכער, שטענדיק געהאָלפן דעם שוואַכן און דעם געפאַלענעם.

6. אהרון־יחיאל אהרונוביץ, אַ שוסטער, אַן אַרבעטס־מענטש. מען פלעגט אים רופן „קורציקאָף".

7. אויך איך, דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, האָב געהאַט דעם זכות און אויך דעם כבוד צו זיין אַ ראַטמאַן אין מאַקאָווער שטאָטראַט.

פאַר דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע, האָט די פוילישע רעגירונג אַרעסטירט אַלע בונדישע ראַטמענער. מיר זענען געזעסן אין דער באַרימטער פּולטוסקער טורמע. ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך דערנענטערט צו וואַרשע, האָט מען אַלע טורמע־אַרעסטאַנטן עוואַקואירט קיין לאָוויטש. מיר זענען דאָרט געזעסן עטלעכע חדשים. נאָך דעם, ווי די באָלשעוויקעס זענען אָפּגעטראָטן, האָט מען אונדז באַפרייט. מיר זענען געקומען צוריק קיין מאַקאָוו. די אַרבעט פון „בונד" אין שטאָט האָט זיך ווידער באַנייט.

דער „בונד" האָט זיך געפונען אין הויז פון דיין ניימאַן. דאָרט האָט אויך עקזיס־טירט אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו שטיצן די אָרעמע אַרבעטער־באַפעלקערונג אין מאַקאָוו. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט פונאַנדערגעטיילט פּראָדוקטן, מלבו־שים און אַנדערע הילפס־מיטלען פאַר די נויטבאַדערפטיקע.



ראשי תנועת ה„בונד", בשנת 1929

פירער פון „בונד"־באַוועגונג, אין יאָר 1929

ביים „בונד" אין מאַקאָוו האָט אויך עקזיסטירט אַ דראַמאַטישע סעקציע. איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין איר רעזשיסער. פון אַלע פּיעסן, וואָס מיר האָבן געשפּילט, געדענק איך באַזונדערס די פּיעסע „מאָטקע גנב" פון שלום אַש, וואָס איך האָב רעזשיסירט און אויך געשפּילט די ראָל פון „מאָטקע". מיר האָבן דאָס אויפגעפירט נישט בלויז אין מאַקאָוו, נאָר אויך אין דער גאַנצער געגנט: פּראַשניץ, רוזשאַן, קראַסנאָשעלץ א.א.וו.

כדי אויפצופירן די פּיעסע „מאָטקע גנב", האָבן מיר אויף דעם געדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען. אין מאַקאָוו האָט מען אַזאַ דערלויבעניש נישט געקאָנט באַקומען. פון דעם האָט זיך דערוווּסט אַ חבר פון „בונד" אין שטעטל פּראַשניץ, וועלכער האָט געהייסן נתן אָלשעווער. ער האָט געזאָגט, אַז זיין שוועסטער פאַניע אָלשעווער און איר חברטע בראָניאַ גזשיב קענען אויספּועלן ביים פּראַשניצער סטאַראָסטע, ער זאָל געבן די דערמאָנטע דערלויבעניש. מיר האָבן זי אין פּראַשניץ טאַקע באַקומען און אויפגעפירט דאָרט „מאָטקע גנב" צוויי־דריי מאָל. מיט גרויס דער־פאָלג. נאָך די גאַסטראָלן איז פאַר די אַמאַטאָרן פון מאַקאָווער דראַמאַטישן קרייז איינגע־אָרדנט געוואָרן אַ באַנקעט. אויף דעם דאָזיקן באַנקעט האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו באַקענען נענטער די חברטע בראָנקאַ גזשיב, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן מיין פרוי און געבוירן מיין ליבן זון שמואל גאָגאָל. ליידער איז זי פריצייטיק געשטאָרבן פון אַ שווערער האַרץ־קראַנקהייט.

ביים „בונד" האָט זיך געפונען אַ יידישע אָוונט־שולע, ווו מ'האָט געלערנט שרייבן, לייענען, מאַטעמאַטיק, געשיכטע, וויסנשאַפט א.א.וו. די לערערס זענען געווען: הערשל זודקעוויטש, סענדער בורשטיין און אַנדערע.

עס איז אויך געווען אַ גרויסע ביבליאָטעק א. נ. פון י. ל. פּרץ מיט הונדערטער ביכער. זי איז געווען אָפן פאַר יעדן.

אין אַלגעמיין איז דער רוב קר'סטלעכע איינוווינער פון מאַקאָוו נישט געווען אַנטי־סעמיטיש געשטימט. די פּ.פּ.ס.־פּאַרטיי האָט מיטגעאַרבעט מיטן "בונד". מיר האָבן שטענדיק געפונען מיט איר אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

אין יאָר 1927 האָב איך פאַרלאָזט מאַקאָוו. אָבער אויך שפּעטער האָב איך אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער דאָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה.

באַמערקונג: לייבל גאָגאָל ז"ל האָט leider נישט זוכה געווען צו לייענען זיין דערציילונג אין ספר מאַקוב. ער איז נפטר געוואָרן י' סיון תשכ"ז (18.6.67). ת.נ.צ.ב.ה.

די רעדאַקציע

איטה פשוט (רושיניאַק) / חיפה

מיטן שטראָם

צום אָנדענק פון מיין טראַגיש־אומגעקומענער משפחה

ווער געדענקט נישט מאַקאָוו אין די צוואַנציקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט ?

פון איין זייט די טויזנט־יאָריקע איינגעפונדעוועטע טראַדיציע — מיט רביים, כל מיני כלי־קודש, אַלערליי חסידישע און מתנגדישע שטיבלעך. אַ טראַדיציע מיט אַלע שיינקייטן פונעם אַמאָליקן יידישן לעבן. פון דער אַנדערער זייט — די אויפגייענדיקע צום לעבן יוגנט, באַהערשט פון די נייע פּראָגרעסיווע ווינטן, וואָס האָבן זיך מיט כוח אַריינגעריסן אין שטעטל.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השומר־הצעיר" האָט זיך אין איר רוב רעקרוטירט פון דער שול־יוגנט — קינדער פון פאַרמעגלעכע און חסידיש־באַלעבאַטישע עלטערן.

פון דער אַנדערער זייט — די פּועלי־ציון־פּאַרטיי. צו איר זענען שוין געקומען קינדער פון ישיבות און חדר, קינדער פון קנאַפּ־פאַרמעגלעכע עלטערן. זיי האָבן שוין געלערנט אַ פאַך (אין דער איבערוויגנדיקער מערהייט — שטעפּעריי), כדי צו פאַרדינען אויף אויסהאַלטן זיך.

און צום סוף דער „בונד". דאָ האָט זיך שוין צונויפגעקליבן אַ יוגנט, אַ שווער־פאַר־האָרעוועטע: שוסטערס, שניידערס, מאַליאַרעס און ענלעכע פאַכן; קינדער פון עלטערן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן נידעריקסטן שטאַפּל פונעם דעמאָלטיקן סאָציאַלן לעבן; אַ יוגנט, וועלכע האָט קיין שולע נישט באַזוכט, וואָס האָט אין עלטער פון בלויז צוועלף יאָר שוין געמוזט גיין אין וואַרשטאַט, כדי פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט; אַ יוגנט אָן שום אויסזיכטן אויף דער צוקונפט, אָן שום גייסטיקן באַגאַזש. אָט די אַלע זענען געקומען אין בונדישע קרייזן, געשלונגען דורשטיק יעדעס ניי וואָרט. דאָ האָבן זיי זיך אָפּגעפונען, געוואָרן ווירדיק, דאָ האָט זייער לעבן ווידער באַקומען אַ זין.

איך בין געקומען צום „בונד" אַ דאַנק מיינע קוזינקעס, די טעכטער פון מיין פעטער משה, ליזע און פיילע בלום. מיין פעטער משה בלום, אַ זון פון ר' דודל סופר ז"ל, איז אין שטאָט געווען באַקאַנט אונטערן צונאָמען „משה בובעלעס". געווען איז ער פּאָפּולער אַ דאַנק זיינע פיר זין, וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייערע שאַרפע למדנישע קעפּ און אויסערגעוויינלעכער באַגאַבונג. אויך זיינע טעכטער זענען אין דעם פּרט נישט געווען הינטערשטעליק. מיין פעטער משה האָט געוווינט אין אַ ירושה־הייזל נישט ווייט פון דער שול, אַנטקעגן דעם אַלטן בית־המדרש. דאָס הייזל האָט פאַרמאָגט צוויי צימערן און אין

פינצטערן אַלקער מיט צוויי אַריינגעגנג. לענגאויס דעם צימער און אַלקער האָט זיך גע־צויגן אַ גרויסער באַק־אויוון מיט אַ פּיעקעלעק. יעדן ערב־שבת פלעגן אַהער קומען די מאַקאָווער ווייבער באַקן חלות און שטעלן טשאָלנט. דאָס איז געווען דער איינציקער מקור פון פרנסה פאַר מיין פעטער. ביי דעם אַלעם האָט אויפן בוידעם, איבער דעם הייזל, תמיד געהויזט „עוזר דאַלעס" (לויט די רייד פון מיינע קוזינען), וועלכער האָט אויף אונדז, קינדער, אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

קינדער פון נויט, זענען אַלע פיר זין, געוועזענע ישיבה־בחורים, גיך געוואָרן מיט־געריסן מיט דעם אויפגייענדיקן רעוואָלוציאָנערן שטראָם. אַלע האָבן זיי גיך אַראָפּגע־וואָרפן די לאַנגע קאַפּאָטעס, אָפּגעשוירן די פּיאות און געוואָרן אַקטיוו אין די צו יענער צייט עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען אין שטעטל. אַלע האָבן זיי געמוזט אין 1921 אַנטלויפן פון פוילן צוזאַמען מיט דער אָפּטרעטנדיקער באָלשעוויסטישער אַרמיי.

פייוול האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אומלעגאַל אין ווילנע און געשריבן פעליע־טאָנען אין דער דאָרטיקער טאָג־צייטונג „דער ווילנער טאָג" אונטערן פּסעוודאָנים „פיי־וועלע". שפּעטער איז ער מיט זיין פרוי, אַ ווילנער דאָקטאָרין, אַוועק קיין מאָסקווע. דאָרט האָט ער שטודירט זשורנאַליסטיק און מזרח־שפּראַכן. ער איז געשטאָרבן פון טור־בעקולאָז, אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, אין אַ סאַנאַטאָריע אין קרים. אַ רעזולטאַט פון יאָרן הונגער. זיין זון, אָקטיאַבער, לעבט אין מאָסקווע און פּראַק־טיצירט אַלס דאָקטאָר.

דער עלטערער, חיים, איז אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע געווען אין אויגוסטאָווו, ביי ווילנע, פּאַרטיי־פונקציאָנאַר ביים „בונד". דורך רוסלאַנד און וייטן מזרח איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע — אָן שום מאַטעריעלע מיטלען.

וועלוול, דער יינגסטער פון זיי, צו יענער צייט אַ פירער פון דער „פּועלי־ציון"־באַ־וועגונג, האָט אַ לענגערע צייט געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון דעם כאַרקאָווער „שטערן", וואָס זיין פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן שפּעטער, נאָכן שליסן די צייטונג, איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף 10 יאָר אין אַן אַרבעטס־לאַגער, דערנאָך איז ער באַפרייט געוואָרן און וווינט ווייטער אין כאַרקאָוו.

און צום סוף, דער עלטסטער, רפאל הירש. ער איז מיט זיין גאַנצער משפחה אָנגע־קומען קיין קאָוונע, ליטע. דאָרט האָבן זיי געלעבט ביז צו די פערציקער יאָרן. די היט־לעריסטישע האָרדעס האָבן זיי אַלע אומגעבראַכט. צווישן זיי איז אויך געווען די יינגסטע טאָכטער פון מיין פעטער, פיילע, מיט איר מאַן און קינד.

פון פייוול בלום איז געבליבן אַ בוך אונטערן נאָמען: „סאַמום", דערציילונג פון לעבן פון די פּלאַנטאַציע־אַרבעטער אויף סומאַרע, פאַרלאַג „שול און בוך", מאָסקווע, 1928. דאָס בוך און דער מחבר ווערן דערמאָנט אין זלמן רייזינס „לעקסיקאָן פון ידישע שריי־בער" אָן קיינע ביאָגראַפישע דאַטעס.

ליזאַ בלום איז געווען אַן אַמאַטאָרין אינעם דראַמאַטישן קרייז ביים „בונד" אין מאַקאָוו, ווען רעזשיסער ס׳איז געווען דער בונדיסט לייבל גאָגאָל. זי האָט מיט פיל חן אויסגעפירט אַזעלכע ראָלן ווי ביילקע אין „צוויי הונדערט טויזנט", לאה אין „טוביה דער מילכיקער" און נאָך אַנדערע פיעסן. די אַלע פאָרשטעלונגען האָבן אין שטעטל דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

ליזאַ איז אומגעקומען אין בענדין, ווו זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט איר מאַן און צוויי קינדער.

*

פייע איז געווען די יינגסטע אין הויז. געבוירן אין יאָר 1912., ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געווען, איז די מוטער געשטאָרבן. פייע איז געווען אַ קלוג און פעאיק קינד. געלערנט אין דער פוילישער פאָלקס־שול און געענדיקט זי מיט אַן אויסצייכענונג. די עלטערע שוועסטער זיינען געווען טעטיק אין „בונד". פייע ווערט אַ מיטגלידערין אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". דאָרט לערנט זי יידיש און יידישע ליטעראַטור. זי טרוימט וועגן אָנקומען אין יידישן לערער־סעמינאַר. משה בלום, ,גערופן משה בובעלעס, איז געווען אַ גוטער פאָטער, נישט פאַנאַטיש פרום, און וואָלט גערן געלאָזט זיינע קינדער לערנען, איז ער אָבער כל ימיו געווען אַן אָרעמאַן און נישט גע־קענט שיקן די קינדער שטודירן אין דער פרעמד. די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין שטאָט האָט זיך אינטערעסירט מיטן פעאיקן מיידל און באַשלאָסן זי צו שיקן לערנען אויפן חשבון פון דער אָרגאַניזאַציע. אין יאָר 1929 קומט פייע אָן אין סעמינאַר אין ווילנע, טרעט־אַריין אין דער „צוקונפט" און ווערט אַן אָנפירערין פון „סקיף", זי איז באַלד געוואָרן באַליבט און פּאָפּולער ביי דער יוגנט. אין יאָר 1931, נאָכן שליסן דעם סעמינאַר, קומט פייע צוריק קיין מאַקאָוו. זי איז טעטיק אין „בונד". נישט אויפגעבנדיק איר טרויס ווייטער צו לערנען, פאָרט זי קיין וואַרשע, קריגט אַרבעט אין דער קאַנצעלאַריע פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און טרעט גלייכצייטיק אַריין לערנען אין פרעבל־סעמינאַר אויפן נאָמען פון פייגין לוריע, לערנט דאָרט אַ יאָר צייט און שפּעטער אַרבעט זי ווי אַ פרעבליסטין. ווען וואַרשע ווערט אין יאָר 1939 פאַרנומען דורך די דייטשן, אַנטלויפט פייע קיין ביאַליסטאָק, פון ביאַליסטאָק קומט זי קיין קרינקי, די געבוירן־שטאָט פון איר מאַן ראָזענבלום. דאָרט איז זי אומגעקומען צוזאַמען מיט די יידן פון שטאָט.

לויטן „יזכור לערער בוך", ניו־יאָרק, 1952—1954

אַ פרילינג־טאָג. די זון שיינט העל. אַרום שמעקט מיט גראָז און בלומען, אויפ־גייענדיקע צום לעבן. די נאַטור פילט אונדז אָן מיט פרייד. מען איז יונג און מונטער. מיר גרייטן זיך צו דער ערשטער מאַי־פייערונג. דאָסמאָל קומט פאָר אַ געמיינזאַמער מיטינג פונעם „בונד" מיט פּ.פּ.ס. — די פּאַרטיי פון די פּוילישע סאָציאַליסטן. „פרייהייט",

„גלייכהייט" — אַ לאָזונג, וואָס רייצט די יונגע פאַנטאַזיע. „דער גליקלעכער מאָרגן", אויסגעמאָלט אין דער פאַנטאַזיע פון אַ יונג מיידל, וועמענס היינט האָט גאָרנישט גע־שיינט צו זיין אַזוי שמייכלענדיק, רופט צום קאַמף.

עס קומט אָן דער ערשטער מאַי 1928.

מיר גרייטן זיך צום געמיינזאַמען מיטינג מיט דער פּ.פּ.ס. אונדזער לאָקאַל געפינט זיך (אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט) אויף דער פּראַשניצער גאַס, אינעם הויז פון מאַקאָווער רימער. הונדערטער מענטשן, יום־טובדיק, געקליידעט, פאַרפולן די גאַס פאַרן לאָקאַל. איך שטיי ביים אַריינגאַנג. פּלוצלינג דערלאַנגט מיר חיים־ברוך סעגאַל, דער זון פון יעקב־מאיר סעגאַל (דעמאָלט אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע) אַ צעטעלע: איך דאַרף באַגריסן די פּ.פּ.ס. אין נאָמען פון „בונד". איך טראַכט נישט לאַנג, כאַפּ זיך אַרויף אויף אַ שטול און, נאָכן אָפּשפּילן דעם „אינטערנאַציאָנאַל", האַלט איך אַ קורצע באַגריסונג.

אויך מיין פאָטער האָט זיך דעם טאָג געגרייט צו האַלטן אַ דרשה אין בית־מדרש. מיין פאָטער, ר' יעקב־מאיר רושיניאַק ז"ל, איז שוין עטלעכע יאָר משולח — ער זאַמלט געלט פאַר דער לובלינער ישיבה. ער האָט נישט געהאַט קיין מזל צו מסחר. אַ געוועזענער ישיבה־בחור, האָט ער, אַלט זייענדיק 17 יאָר, געהייראַט מיט דער טאָכטער פון ר' דודל סופר. אַכט קינדער, צוזאַמען מיט די עלטערן — צען מיילער, וואַרטן אויף אַ שטיקל ברויט. דערפאַר איז ער אַ גוטער בעל־דרשן. ער פאַרמאָגט אַ סך איינגעבוירענעם הומאָר, טראָץ זיין שווער לעבן. זיינע דרשות פאַרמאָגן פיל בייפאַל און זענען תמיד דורכגעפלאָכטן מיט וויצן און משלים פון דער תורה. מיט גרויס קנאה ווערן איבערדערציילט זיינע רע־דעס דורך זיינע צוהערער. אויך מיין זיידע, אַ ייד אַ בן־תורה, איז ביי אונדז צוגאַסט. ער איז געקומען פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק.

גוטע פריינד שלאָפן נישט. שנעל גיט מען איבער מיין טאַטן די בשורה, אַז זיין טאָכטער האָט גערעדט אויפן מיטינג.

מיין פאָטער ווערט אומרואיק: אַזאַ זאַך האָט געדראָט מיט בזיון. פאַר די זינד פון דער טאָכטער האָט מען אים געקענט אַראָפּוואַרפן פון באַלעמער און נישט לאָזן דרשענען. צו מיין גליק האָט דאָס נישט פּאַסירט. ער האָט געהאַלטן זיין דרשה מיט גרויס דערפאָלג.

אַרום צען אַ זייגער אין אָוונט בין איך געקומען אַהיים. דעם גאַנצן טאָג האָב איך אָפּגעוואַרט אינעם הויז פון מיין חברטע אסתר מיקאָווסקאַ, די טאָכטער פון נחמיה מלמד ז"ל. אין שטוב טרעף איך שוין מיין פאָטער ליגן אין בעט מיט אַ ציגאַר אין מויל. ער רופט מיך צו זיך און הייסט מיר זיך זעצן נעבן אים. איך בין פול מיט שרעק. מיין פאָטער פרעגט מיך: „ווו האָסטו גענומען אַזויפיל מוט צו רעדן פאַר אַזאַ גרויסן עולם?" און איך זע, ווי אַ ברייטער שמייכל, געמישט מיט שטאָלץ, צעגיסט זיך איבער זיין קלוג געזיכט.

אסתר חסד־עליון (דומבק) / בני־ברק

זכרונות

לא קל להעלות בפרוטרוט זכרונות מהבית ומהעיר מאקוב, בה נולדתי, גדלתי וחונכתי. שכן בינתיים עברו שנים רבות, חלפה תקופה מלווה מתח, סבל, יגון ודאגה. והרי בינתיים פקדה אותנו הטרגדיה הגדולה, וכיתר בני־מאקוב, ניספו גם בני־משפחתי על קידוש־השם והושמדו על ידי החיה הנאצית. נשאר שבר בלב שלא יתרפא לעולמים.

לעיתים עוברות מראות במוחי, כאילו רק אתמול קרה הדבר. אבי ז״ל, אשר בא ממשפחת חסידים מיוחסת, היה בן־תורה ואנו, הבנות בבית, ספגנו ממנו הלכות דרך־ארץ. הוא הטביע בנו קווים ביסודות היהדות ואהבת האדם.

ביתי עמד מחוץ לעיר, בין גויים ובסביבה עויינת. **לא** פעם חזרתי הביתה ממררת



קבוצת „חבצלות" לרגל נסיעתה של החברה מירל קירשנבאום לארצות־הברית, בשנת 1927

גרופּע „חבצלות" צום אָפּפאָר פון דער חברטע מירל קירשנבאום קיין אַמעריקע, אין יאָר 1927

בבכי, ממכות ואיומים שקיבלתי מילדי הגויים. הביטוי היום־יומי היה „יהודיה מלוכלכת, סעי לפלסטינה!״

זוכרת אני את תקופת בית־הספר. בהתחלה למדתי בבית־ספר עממי „יהודה״. בגלל חוסר כיתות, העבירו אותי לבית־ספר משותף עם גויים. למרות שאנו, היהודים, היינו שם מיעוט — ידענו תמיד להתגבר וידנו היתה על העליונה הן בכושר הלימודים, והן בסכסוכים שפרצו מפעם לפעם.

המורה ינטע שניידרמן ז״ל, אשר הילדים העריצוה מאד, ארגנה לנו הצגות. זכורה לי במיוחד הצגה בחג־החנוכה. בהתלהבות גדולה הופיעו הילדים והביעו הרבה אהבה לעם ישראל ולציון.

הנוער היהודי במאקוב היה מיוחד במינו — לבבי, תרבותי ונאמן לתנועה הציונית. עוד בהיותי בבית־הספר, השתייכתי לתנועת „השומר הצעיר״, קבוצה „חבצלת״. ההורים לא הסתכלו בעין־יפה על השתייכותי ל„השומר הצעיר״ — באשר חברי תנועה זו נראו בזמנו, אצל אנשים דתיים, סוטים מהדרך המקובלת.

בסניף התנועה, בקן, התנהלה פעולה תרבותית עניפה. היתה שם ספריה ואני אהבתי לקרוא את ספרות המופת היהודית: את שלום עליכם, מנדלי וכו׳.

באחת ההצגות מטעם קק״ל, שהתקיימה ב„לוטניה״ (LUTNIA), הקריאה אחותי טמה ז״ל „יש לי גן״ של ביאליק. אחד מבעלי־הבתים המכובדים בעיר, פנחס ליפשיץ ז״ל, סיפר לאבי ז״ל על ההקראה וההצגה של אחותי. למרות שאבי ז״ל היה אדם דתי ושומר־מצוות, קיבל את משחקה של אחותי כדבר רגיל ומובן מאליו. ובסתר־לבו אף היה גאה מאד על כשרון בתו.

קשה היתה תקופת המעבר מהחברה הדתית לחברה המתקדמת; אף על פי כן ידעתי לכבד את ההורים, אשר נתנו לי השראה להמשך חיי. לעולם לא אשכח את בית אבי — בית אבי שהיה ואיננו: ניספו ההורים, ניספו שלש אחיות — טמה, דורה ופייגה. ת. נ. צ. ב. ה.

שואה וגבורה

אומקום און גבורה

יחזקאל איצקאָוויטש / תל־אביב

דאָס וועלט־געוויסן האָט נישט דערוואַכט

צום אָנדענק פון מיינע טייערע עלטערן יצחק און שרה־לאה איצקאָוויטש, מ־ינע שוועסטער הענע, פריידל, פערל, רחל, יענטע — און די פאַמיליע.

דער חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן אין יאָר 1933, גלייך מיטן איבערנעמען דורך היטלערן די מאַכט אין דייטשלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע צו פאַרשפּרייטן און פאַרטיפן שנאה א־ן האַס קעגן יידן. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די טרויעריק־באַרימטע „נירנבערגער געזעצן", וועלכע האָבן דערנידעריקט די יידן אין דייטשלאַנד צום שטאַפּל פון קנעכט און הפקרדיקייט. זייער גאַנץ האָב־און־גוטס איז קאָנפיסקירט געוואָרן און אין פיל שטעט און שטעטלעך האָט דאָס רוצחישע פאָלק איבערגעפאַלן די יידישע הייזער, פּאָגראָמירט, ראַבירט דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן, געשלאָגן א־ן אַרויסגעטריבן די יידן פון די שטעט. דער זעלבער גורל האָט אויך געטראָפן די יידן אין עסטרייך, נאָך דעם ווי היטלער, ימח־שמו, האָט אָקופּירט דאָס דאָזיקע לאַנד, א־ן יאָר 1938.

כמעט אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע האָט זיך אין יענער תקופה פאַרשטאַרקט דער טעראָר פון די פאַשיסטישע כוליגאַנעס קעגן יידן. אויך אין פּוילן האָבן זיך באַנייט די אַנטי־יידישע עקסצעסן. שוין אין יאָר 1936 איז פאָרגעקומען דער פּאָגראָם אין פּשיטיק, שפּעטער אין בריסק און אין אַנדערע שטעטלעך. דאָס פאַשיסטישע פייער האָט שנעל אַרומגעכאַפּט אַלע יידישע שטעט און זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. די פּוילישע רעגירונג האָט נאָכגעפאָלגט דעם היטלער־רעזשים און זיינע מעשים און אַרויסגעגעבן נייע גזירות. עס זענען איינגעפירט געוואָרן „געטאָ"־בענק פאַר יידישע סטודענטן, און „נומערוס קלאַוזוס" לגבי יידן, אויך געפאָדערט צו פאַרבאָטן די ריטועלע שחיטה. עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן קעגן יידישע סוחרים. פאַר יעדן געשעפט האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פּוילישע פּיקעטן מיט דער באַרימטער לאָזונג: „קויפט נישט ביים ייד — ער איז אונדזער שונא". אויף די וועגן צו די יאַרידן, אין די

נאָענטסטע שטעטלעך, זענען יידישע הענדלער און סוחרים געוואָרן באַפאַלן, ראַבירט און צעשלאָגן. דאָס פרייע באַוועגן זיך אין די אָוונטן איז פאַר יידן געווען געפערלעך. דאָ און דאָרט זענען אויסגעבראָכן געשלעגן צווישן יידן און פּאָליאַקן און לסוף איז דער ייד, וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט, באַשטראָפט געוואָרן פאַר „כוליגאַניזם" און געגאַנגען אין תפיסה.

דאָס יידנטום אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך געפונען אין אַ קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע. די הימלען איבער אים האָבן זיך פאַרצויגן מיט שווערע וואָלקנס. קיינער האָט אָבער נישט פאָרויסגעזען אַזאַ שרעקלעכן חורבן, אין וועלכן ס׳וועט אומקומען אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע אייראָפּעאישע מדינות, האָבן יידן אין משך פון אַ סך דורות געוועבט זייער לעבן אין גייסט פון יידישער, נאַציאָנאַלער אמונה, אַרויס־געוויזן אַ זעלטענע לעבנס־קראַפט און פעאיקייט אויפן געביט פוןווירטשאַפט, וויסנשאַפט, פּאָליטיק און קונסט און דערמיט בייגעשטייערט אַ בכבודיקן טייל פאַר די לענדער, ווו זיי האָבן געלעבט. היטלערס חיילות האָבן צעטראָטן די מלוכה־גרענעצן. די יידן זענען אַרונטערגענומען געוואָרן פון אונטער פאַרשיידענע מלוכה־הערבן און געשטעלט געוואָרן אונטערן האַקנקרייץ, אָפּגעווישט זענען געוואָרן די דיפערענצן צווישן רעליגיעזן ייד און פרייען, צווישן רייכן און אָרעמען. די רוצחישע האַנט האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט, פאַרבונדן אין אָרעמקייט, הונגער און עפּידעמיעס ביז מיתות־משונות.

אַלע, אַלע זענען זיי אויסגעמישט געוואָרן אין איין מאַסע, צעטראָטן און אומגע־בראַכט דורך דער זעלבער פאַרניכטונגס־מאַשין. פון גאַנצן אייראָפּעאישן יידנטום האָט אַממערסטן געליטן דער יידישער ישוב אין פּוילן — דער געזונטער קערן, דער גרעסטער און נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקסטער, פּאָליטיש — דער קעמפערישסטער, קולטורעל — דער שעפערישסטער טייל. דער יידישער ישוב אין פּוילן האָט מיט זיינע גייסטיקע ווערטן געשטראַלט ווייט איבער די גרענעצן פון פּוילן און באַלויכטן דאָס יידישע לעבן כמעט אין אַלע עקן וועלט.

שוין אין סעפּטעמבער 1939 האָבן די פּוילישע יידן געצאָלט בלוט־שטייער. נאָך איידער אַ פוס פון אַ דייטשן סאָלדאַט האָט זיך באַוויזן אויף דער פּוילישער ערד, האָבן שוין די „מעסערשמידטן" געהאָגלט מיט קוילן און באָמבעס און געזייט טויט און פאַר־ניכטונג אין די יידישע קוואַרטאַלן פון שטעט און שטעטלעך. דאָס איז אָבער געווען די התחלה. דער גרויסער חורבן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיטן מאָמענט, ווען דאָס דייטשע מיליטער האָט דעראָבערט פּוילן. צענדליקער שטעט און שטעטלעך זענען גלייך נאָך דער קריגס־אָפּעראַציע געוואָרן אויסגערויבט און פאַרטיליקט.

די דייטשן האָבן באַלד פּראָקלאַמירט אַ געזעץ, אַז דער ייד איז הפקר: זיין ערע, זיין האָב־און־גוטס, זיין בלוט און לעבן. שוין אין דעצעמבער, עטלעכע מאָנאַטן נאָכן

פאַרנעמען דאָס לאַנד, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן פון 14 ביז 60 יאָר זענען פאַרפליכטעט צו צוואַנגס־אַרבעט. מען האָט פאַרוואַנדלט די יידן אין אַר־בעטס־ שקלאַפן. מ׳האָט געכאַפּט יידן אויף דער גאַס, געשלעפּט זיי פון די הייזער און געשיקט פלאַסטערן שאָסייען, האַקן שטיינער, אויסטריקענען זומפּן, שניידן און אָנלאָדן טאָרף און אַנדערע עבודות־פרך. אין געוויסע שטעטלעך האָט מען אויך געשאַפן וואַר־שטאַטן, ווו יידישע פאַכלייט זענען געצוווּנגען געוואָרן צו האָרעווען ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַר דער דייטשער אַרמיי אָדער פאַר דייטשע פירמעס. נאָכדעם ווי דער מערב־ און צפון־טייל פון פוילן איז איינגעגלידערט געוואָרן אין „רייך„ אַלס דייטשע פּראָווינץ, האָט זיך פון די געביטן אָנגעהויבן אַ כוואַליע גירושים פון די דאָרטיקע יידן. טויזנטער משפחות זענען אויף אַזאַ אופן אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע איינגעזעסענע היימען, אַריינגעשלײדערט געוואָרן אין וואַגאָנען און איבערגעפירט געוואָרן אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. אַ מבול גזירות האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף יידישע קעפּ. מען האָט ביי יידן צוגענומען דאָס רעכט זיך צו באַוועגן, צו באַנוצן זיך מיט קאָמוניקאַציע־מיטלען. „דאָס טאָרסטו נישט פאַרמאָגן, ביי דיין פּראָפעסיע טאָרסטו נישט אַרבעטן, צייטונגען טאָרסטו נישט לייענען, ראַדיאָ טאָרסטו נישט הערן א.א.וו.״ יידן זענען פולשטענדיק איזאָלירט געוואָרן פון דער וועלט. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווייניק עס קומען באַפעלן צו טראָגן די געלע לאַטע מיטן אויפשריפט „יודע״ און נאָך דעם דער באַפעל: געטאָ. די יידישע באַפעלקערונג איז צונויפגעשפּאַרט געוואָרן אין די ענגסטע, שמוציקסטע געסלעך און איז מיט מויערן אָפּגעצוימט געוואָרן פון דער אַרומיקער וועלט. די כוונה איז געווען צו דערשטיקן די יידן אין ענגשאַפט, לאָזן זיי אויסגיין פון הונגער, אומקומען פון עפּידעמיעס — אויסראָטן אַ פאָלק מיט אַ סיסטעם פון לאַנגזאַמער גסיסה.

און דאָס דאָזיקע מיטל האָט אין אַ גרויסער מאָס געווירקט. די שווערע באַדינגונגען, מאָראַלישע און גייסטיקע דערשלאָגנקייט, ענגשאַפט, הונגער, שווערע צוואַנגס־אַרבעט, דאָס פעלן פון מעדיצינישער הילף — דאָס אַלץ האָט געפירט צו שוידערלעכע רעזול־טאַטן: שטערבלעכקייט פון צענדליקער טויזנטער נפשות. טראָץ דעם אַלעם, האָבן יידן דאָך נישט פאַרלאָרן דעם בטחון. פרומע יידן האָבן געזוכט רעטונג און האָפענונג ביים רבונו־של־עולם. פרייע יידן, דאַקעגן, האָבן שטאַרק געגלויבט אין די מענטשן־ליבנדיקע באַוועגונגען אין דער וועלט און אין זייערע מנהיגים. „זענען דאָך פאַראַן מעכטיקע סאָ־ציאַליסטישע און אַרבעטער־באַוועגונגען, ליבעראַלן, דעמאָקראַטן, הומאַניסטן, — וועלן זיי דערלאָזן צו דער אויסראָטונג פון אַ פאָלק?״

האָבן יידן געדולדיק געליטן, גענערט זיך מיט אַ שטיקל האָפענונג, דורכצולעבן מיט עקשנות די שרעקלעכע צייט, אויפהאַלטן די נשמה. נאָך אַ וואָך, נאָך אַ טאָג, אַפילו נאָך אַ שעה, „אפשר וועט דאָך דער השם־יתברך זיך מרחם זיין אויף זיינע קינדער און מיר וועלן נאָך זוכה זיין צו גאולה״.

אַזוי האָבן זיך יידן פאַרוויגט אין אַן אילוזיע. מען איז גאָרנישט אומשטאַנד געווען

צו דענקען, אַז דאָס געטאָ איז פּאַקטיש נישט מער וי אַ טויט־קאַמער, ווו מען האַלט די פאַראורטיילטע, פאַר דער עקזעקוציע.

נאָך היטלערס אָנפאַל אויף סאָוויעט־רוסלאַנד זענען נייע מיליאָנען יידן אַריינגעפאַלן אין היטלערס געפאַנגענשאַפט — פון ווילנער געגנט, וואָלין און מזרח־גאַליציע, וועלכע האָבן פריער געהערט צו פוילן. די נאַצישע הענקער זענען אַריבער צו מאַסן־שחיטות: צום אומברענגען גאַנצע שטעט און שטעטלעך, יונג און אַלט, מענער, פרויען און קינדער. הונדערטער יידישע ישובים פון פוילן זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. הונדערטער טויזנטער נפשות זענען געשאָסן און פאַרברענט געוואָרן, אָדער באַגראָבן געוואָרן לע־בעדיקערהייט.

אַ סטיכישער פאַרניכטונגס־שטראָם האָט פאַרפלייצט די יידישע געטאָס און געבו־שעוועט מיט שטייגנדן כוח. איין חורבן איז געווען גרעסער פון צווייטן. איין מאַסן־מאָרד שוידערלעכער פון צווייטן. די געטאָס זענען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט זעלנער. אין די געטאָס גופא זענען אַרומגעפאָרן לאַסט־וועגענער מיט באַוואָפנטע ס.ס.־לייט און געשאָסן, באַפוילן זיך צו שטעלן אויף דעם אָנגעוויזענעם זאַמל־פּלאַץ. די דאָזיקע אַקציע האָט זיך גערופן „אויסזידלונג". מען האָט אָפּגעטיילט „פּראָדוקטיווע" פון „אומפּראָדוקטיווע" מענטשן. די „פּראָדוקטיווע" האָט מען כלומרשט געזאָלט אָפּפירן אין אַרבעטס־לאַגערן, אָבער אינדעראמתן איז די אויסזידלונג געווען בלויז אַ שווינדל, כדי די קרבנות זאָלן נישט האָבן דעם פאַרדאַכט פון אומקום און עס זאָל אויך אויסגעמיטן ווערן יעדער אַק־טיווער ווידערשטאַנד. פאַקטיש איז די אויסזידלונג געווען דער לעצטער וועג צום אומקום.

מען האָט די קרבנות איינגערעדט, אַז דאָרט, אין די לאַגערן, וועלן זיי געניסן פון בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, זיי וועלן אַרבעטן אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן. האָבן יידן ווידער זיך געוואַקלט צווישן האָפענונג און שרעק. אפשר דאָך... עס ווילט זיך דאָך אי־בערלעבן דעם חורבן... עס ווילט זיך דערלעבן די נקמה פון די רוצחים.

האָט מען די קרבנות געבראַכט אין דעם כלומרשטן אַרבעטס־לאַגער, געפירט זיי אין באָד „אויסבאָדן זיך" לשם „היגיענע־צוועקן", דערלאַנגט זיי האַנטעכער מיט זייף; פאַראָרדנט, אַז יעדער זאָל צוזאַמענלייגן זיינע בגדים אין אָרדענונג און אויפשרייבן אויף יעדן פעקל זיין נאָמען, עס זאָל, חלילה, נישט פאַרטוישט ווערן... צי האָבן דאַן יידן גע־קענט דענקען, אַז דאָס איז אַ טראַגישער שווינדל?

צי האָבן דאַן די קרבנות געקענט גלויבן, אַז דאָס איז זייער לעצטער וועג?

ערשט שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען אין קאָרידאָר, וואָס פירט צו דעם „באָד־זאַל", האָבן זיי דערפילט דעם גרויסן בראַך...

עס פלעגן זיך דאָרט אָפּשפּילן בילדער פון שרעקלעכסטן גרויל און פּיין, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

אַזוי זענען אומגעקומען אונדזערע מיליאָנען מאַמעס, טאַטעס, שוועסטער און ברי־דער צוזאַמען מיט זייערע לעצטע האָפענונגען...

אַזוי זענען אומגעקומען הונדערטער טויזנטער יידישע קינדערלעך, צאַרטע עופעלעך, וועלכע האָבן נישט באַגריפן, וואָס מען וויל פון זיין און פאַרוואָס דאָס אַלץ קומט פאָר.

טאָג־און־נאַכט — אין משך פון עטלעכע יאָר — זענען געגאַנגען די מענטשן־טראַנס־פּאָרטן צו די טויט־לאַגערן: טרעבלינקע, אוישוויץ, מאַידאַנעק, דאַכאַו און אַנדערע.

און דאָס אַלץ האָט פּאַסירט פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. דאָס אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן דווקא אין בכבודיקן אייראָפּע, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט אירע קולטור־דערגרייכונגען, מיט איר אַנטוויקלונג און וויסנשאַפט לגבי אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

און דאָס אַלץ איז געשען נישט אין דער פּרעהיסטאָרישער צייט, נישט אין דער מיטלאַלטער־תקופה, נאָר דווקא אין אַ צייט פון פּאַרטיילן נאָבל־פּרייזן פאַר שלום־קעמפער און שלום־מאַרטירער. יאָ, אין דער זעלבער צייט האָט אַ מערדער־פאָלק געטאָן אַלץ, כדי אומצוברענגען אַ גאַנץ פאָלק בלויז פאַר איין „שולד": וואָס די אָנגעהעריקע צו אים זענען יידן. און נישט אין געהיים איז די רוצחישע אַרבעט געטאָן געוואָרן. אָפּן, פראַנק־און־פריי! און די וועלט? ווי האָט זי רעאַגירט אויף דעם? פון ווייט און פון נאָענט, פון לינקס און רעכטס האָבן זיי זיך צוגעקוקט קאַלטבלוטיק צו דער שחיטה — און געשוויגן! נישט געשטערט די מערדער אין זייער פינצטערער, רוצחישער אַרבעט, נישט געפּרוּווט אַפילו אָפּהאַלטן מיט וואָרענונגען און סאַנקציעס די דייטשע ברוטאַליטעט. זיי האָבן געשוויגן, די פעלקער, אַפילו ווען עס זענען צו זיי דערגאַנגען די האַרצרייסנדע געשרייען פון מיליאָנען געפּייניקטע יידן. הונדערטער טויזנטער און אפשר מיליאָנען יידישע לעבנס וואָלטן געקענט געראַטעוועט ווערן ווען די וועלט וואָלט ווי געהעריק רעאַגירט. אָבער דאָס וועלט־געוויסן האָט נישט דערוואַכט, נישט אויפגעציטערט. דאָ־און־דאָרט פלעגן פאַרשיידענע מלוכה־אינסטיטוציעס באַערן די פאַרפּייניקטע יידן מיט עט־לעכע מינוט שווייגן. דאָ־און־דאָרט פלעגט מען לשם יוצא־זיין איינאָרדענען טרויער־פאַרזאַמלונגען, געווידמעט די אומגעקומענע יידן אין די לאַגערן. אָבער אויסער דעם — גאָרנישט מער!

יאָ, דאָס דייטשע פאָלק האָט ברוטאַל געמאָרדעט און די פרייע וועלט האָט ברוטאַל געשוויגן. געשוויגן און פאַרשוויגן די יידישע טראַגעדיע.

דאָס איז דער אמת און ער וועט בלייבן אויף תמיד אַ היסטאָרישער פאַקט.

וויפל יידן זענען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט, זייענדיק געצוווּנגען אויסגראָבן צוערשט פאַר זיך אַ קבר? וויפל יסורים און פּייניקונגען זענען אויסגעשטאַנען די קרבנות בעת די מעדיצינישע עקספּערימענטן? דאָס שלאָגן זיי מיט אייזערנע און גומענע שטעקנס אין פאַרשיידענע פילבאַרע טיילן פון גוף; דאָס שטעכן מיט לאַנגע, דינע שפּיזן אין די אויערן, נאָז און ליפּן, כדי אויסצופּרובירן, ווי לאַנג קען אַ מענטש אויסהאַלטן אַזעלכע יסורים...

וויפל יידן זענען פון זינען אַראָפּ אין דער צייט פון פירן זיי צו די גאַז־קאַמערן;

וויפל מוטערס האָבן מיט זייערע אייגענע הענט פאַרסמט זייערע קינדערלעך און דערנאָך זיך אַליין; ווער איז בכוח צו שילדערן די שוידערלעכע טראַגעדיעס פון די מיליאָנען אומגעקומענע ?

עס דאַרף באַצייכנט ווערן, אַז טראָץ דעם קאָשמאַר, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, האָבן יידן נאָך פאַרמאָגט אַ גייסטיקן כוח, וואָס האָט זיי געטריבן צו רעוואָלט און אויפֿשטאַנד. די העראָישע קאַמפן און אויפשטאַנדן אין פאַרשיידענע געטאָס האָבן מיט זייער גבורה באַלויכטן און דורכגעבראָכן די פינצטערע וואַנט פון יידישער האָפענונגסלאָזיקייט און געבראַכט כבוד דעם יידישן פאָלק אין דער גאַרער וועלט. דער העלדישער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז נישט געווען דער איינציקער. אויך אין ביאַליסטאָק, טשענסטאָכאָוו, באַראַנאָוויטש און אין פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָבן יידן רעוואָלטירט, געקעמפט און זיך אויסגעצייכנט מיט גבורה און ווירדע. גבורה האָבן אויך באַוויזן די ווידערשטענדלער אין לאַגער אוישוויץ, טרעבלינקע, כעלמנאָ א.א. צו די דאָזיקע געהערן אויך מאַקאָווער זין און טעכטער, ווי: טוביה סעגאַל, יוסף לודווינאָוויטש, יהודה־לייב און עזריאל גלאַגאָווער, לייבל כ״ץ, קורניק, יעקב סקורניק א. אַנד.

און בעת מיר מאַכן אַ שטיקל סך־הכל נאָכן גרויסן חורבן, זעען מיר ווי טרויעריק איז אונדזער בילאַנס אַנטקעגן אַנדערע פעלקער.

אמת, אויך אַנדערע פעלקער האָבן שווער געליטן אין דער מלחמה: רוסלאַנד, פוילן, יוגאָסלאַוויע און אַנדערע. אָבער 80% פון זייערע קרבנות זענען געווען זעלנער, וועלכע האָבן געקעמפט אויף פאַרשיידענע שלאַכטפעלדער. דאַקעגן די ציווילע באַפעלקערונג, כאָטש זי האָט דורכגעמאַכט שווערע צייטן, דאָך איז איר משפחה־געבוי נישט שטאַרק רואינירט געוואָרן. דער פאָדעם פון זייער פאַמיליע־לעבן איז נישט איבערגעריסן געוואָרן. ביי אונדז דאַקעגן, שוין אָפגערעדט פון פראָפאָרציאָנעלן פאַרלוסט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער, זענען אויסגעראָטן געוואָרן כמעט אַלע משפחות. עס איז כמעט נישט געבליבן נאָך דער מלחמה אין אייראָפּע קיין יידישע קינדער ביז צען יאָר. דאָס הייסט, אַז גאַנצע דורות זענען אָפּגעמעקט געוואָרן.

אַזוי איז אונטערגעשניטן געוואָרן דער טענענבוים פון פוילישן יידנטום, פאַרניכטעט הונדערטער יידישע קהילות, שטעט און שטעטלעך און בתוכם אויך אונדזער אומפאַרגעסלעך שטעטל מאַקאָוו.

און כאָטש עס זענען שוין פאַרביי העכער צוויי צענדליק יאָר נאָכן חורבן, דאָך ביסטו אומאויפהערלעך פאַרבונדן, צוגעשמידט צו דיין אַלטער היים, צוגעוועבט צו איר מיט דיין געדאַנק, האַרץ און נשמה. דיינע מחשבות, זכרונות, בענקשאַפט און צער — דאָס אַלץ צוזאַמען עקבערט דיין מוח און לאָזט דיך נישט רוען. מאַקאָווער געשטאַלטן שטייען תמיד פאַר דיינע אויגן.

איך זע תמיד די אַלע טאַטעס מיט די טונקעלע קאַפּאָטעס און סאַמעטענע היטלעך. די צאַרטע געטרייע מאַמעס אין די זיידענע קליידער, באַהאַנגען מיט צירונג, אין טער־

קישע שוואַרצע שאַלן אין די שבתים און יום־טובים, ווען די לופט האָט געשוועבט מיט הייליקייט און פאַרדעקט מיט ליכטיקייט און פרייד די אַלע גראָע טעג פון דער גאַנצער וואָך.

איך זע מיינע חברים און חברות, די אַקטיוויסטן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. די מאַקאָווער יוגנט מיט אירע טרוימען, אידעאַלן און רעוואָלוציאָנערן גייסט. די חסידים, למדנים, די תהילים־יידן, די „עמך"־מענטשן פול מיט ליבשאַפט צום פאָלק און שפּראַך. דאָס אַלץ זע איך אין טרוים, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס מער נישטאָ. היינט איז מאַקאָוו, צוגלייך מיט הונדערטער אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עיר־מתים, אין אַ גרויסן בית־הקברות פאַר יידן, נישט איבערלאָזנדיק קיין שפור, קיין סימן פון דעם יידישן רומפולן עבר. מיטן טאָטאַלן גירוש אין די קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ, טרעבלינקע, מאַידאַנעק און אַנדערע איז אָפּגעמעקט געוואָרן אויף תמיד די, פון דורות איינגעפונדעוועטע מאַקאָווער קהילה.



ערב פרידה למשפחת איצקוביץ' (במעונו של אברהם גרפינקל) לרגל עליתם ארצה, מגרמניה, 1949

געזעגענונגס־אָוונט לכבוד דער משפחה איצקאָוויטש (אין דער וווינונג פון ה' אברהם גאַרפינקעל) צו זייער עולה זיין פון דייטשלאַנד קיין ישראל, אין יאָר 1949.

ליגט דעריבער אויף אונדז, מאַקאָווער יתומים, דער הייליקער חוב צו געדענקען די נאָענטסטע מיט געפיל פון ווייטיק און טרויער. דערמאָנען מיט יראת־הכבוד די ריינע און לויטערע מאַקאָווער קדושים, אונדזערע אומגעקומענע מאַמעס און טאַטעס, שוועסטער, ברידער, זין און טעכטער, וועלכע זענען באַרבאַריש פאַרפייניקט געוואָרן דורך די דייטשישע מערדער און צוהעלפער און זייער אַש איז צעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע.

עס ליגט אויף אונדז דער הייליקער חוב צו געדענקען אונדזער גרויסן בראָך. וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט און וואָס אונדז איז פאַרבליבן. געדענקען דעם יאָרטאָג, ג' בטבת, און אין דאָזיקן טאָג צינדן יאָרצייט־ליכט נאָך די פאַרשניטענע לעבנס. זאָלן די נשמה־

ליכט דערציילן די קינדער און קינדס־קינדער וועגן דער גרויסער טראַגעדיע פון אונ־
דזער פאָלק. זאָל אויך דאָס יזכור־בוך דינען אַלס אייביקער מאָנומענט פאַר אונדזער
מאַקאָווער קהילה, וועלכע איז פאַרשניטן געוואָרן אין דעם גרעסטן חורבן אין אונדזער
געשיכטע.

יהי זכרם ברוך!



אזכרה לקדושי מאקוב. גרמניה, 1947

אזכרה געווידמעט די מאַקאָווער קדושים. דייטשלאַנד, 1947

מאיר־הערש ציעכאַנאָווער / תל־אביב

קלעפּ, פּייניקונגען — אומקום

איך בין געבוירן אין יאָר 1897 אין ציעכאַנאָוו, וואָס ליגט עטלעכע און דרייסיק קילאָמעטער פון מאַקאָוו (60 קילאָמעטער פון דער מזרח־פּרייסישער גרענעץ), 100 קילאָמעטער פון וואַרשע. איך האָב פאַרמאָגט אַ סאָדע־וואַסער פאַבריק, געהאַט פּרנסה און געפירט אַ רואיק לעבן צוזאַמען מיט דער פרוי און דריי קינדער — צוויי טעכטער און איין זון.

ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט האָב איך געוווינט אויף זיעלאָני רינעק 4.

אָנהייב ווינטער, יאַנואַר 1940, האָט מען איינמאָל, אַרום האַלבער נאַכט, געקלאַפּט ביי מיר אין טיר. ווען כ׳האָב געעפנט, האָב איך דערזען אַ באַוואָפנטן דייטש, וועלכער האָט מיר באַפוילן מיטצוגיין מיט אים צום נייעם בית־מדרש וואָס האָט זיך געפונען אַרום 50 מעטער פון מיין שטוב. איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט און מיטגעגאַנגען מיט אים. ס׳האָבן מיך באַגלייט די געוויינען פון מיינע בני־בית, וועלכע האָבן געמיינט, אַז מען פירט מיך צום דערשיסן.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין בית־מדרש זענען דאָרט געשטאַנען אַ 20 פערד. צוויי־דריי פון זיי זענען געווען פריי פון די צוימען און זיך אַרומגעריסן איינער מיטן אַנדערן. איך האָב באַמערקט, אַז די פענצטער פונעם בית־מדרש זענען פאַרקלאַפּט מיט יריעות פון די ספר־תורהס. דער דייטש האָט מיר באַפוילן צוביינדן די פערד. טראָץ דעם, וואָס זיי זענען געווען צעווילדעוועט און זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, א״ז מיר געלונגען צוצובינדן זיי צו די שטאַנגען, וואָס זענען געווען צוגעפעסטיקט צו די ווענט. דער דייטש האָט באַוווּנדערט מיין מוטיקייט און האָט צו מיר געזאָגט: „יודע, גיי ברענג ליכט און צינד דאָ אָן, ווייל עס איז פינצטער״. איך בין אַוועק אַהיים, געבראַכט עטלעכע ליכט. ווען מיינע בני־בית האָבן מיך דערזען, האָבן זיי זיך זייער שטאַרק דערפרייט. איך האָב גענומען די ליכט, זיך צוריקגעקערט אין בית־מדרש, און דאָרטן זיי אָנגעצונדן. איך האָב באַמערקט, אַז דער דייטש איז שיכור און וואַקלט זיך אויף די פיס. ער

האָט מיר ווידער באַפוילן: „נעם דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און קלינג אין דער קאָמענ־דאַנטור״. איך בין צו צום טעלעפאָן און אָנגעקלינגען.

— ווער ביסטו, אַ יודע? — האָב איך געהערט אַ שאַרפע שטימע אין טעלעפאָן־טרייבל. — בלייב דאָרט, מיר וועלן באַלד קומען.

איך האָב נאָך באַוויזן צו זאָגן, אַז דער דייטש האָט מיר געהייסן קלינגען און איבער־געבן, אַז אַזוי ווי ער איז שיכּור, זאָל עמעצער קומען צו די פערד.

אין פינף מינוט אַרום זענען עטלעכע דייטשן געקומען צו רייטן אויף פערד. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויפן שכורן דייטש, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד — און געלאַכט. דער־נאָך האָבן זיי מיך מכבד געווען מיט אַ פּאָר טרוקענע קלעפּ און געהייסן גיין אַהיים. איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין אָפּגעקומען בלויז מיט עטלעכע קלעפּ.

געכאַפּט אויף אַרבעט

ווינטער־צייט 1940, איז אין יודענראַט צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ רשימה, אויף דער פאָדערונג פון די דייטשן אַרויסצושיקן יונגע מענטשן אויף אַרבעט. צום גליק בין איך אין דער דאָזיקער רשימה נישט געווען. צומאָרגנס נאָכן אַרויספירן די מענטשן האָט מען מיך געכאַפּט אין גאַס. איך האָב געבעטן דעם דייטש, ער זאָל מיר דערלויבן צו נעמען אַ מלבוש און עפּעס עסן. ער איז מיט מיר מיטגעגאַנגען. איך האָב גענומען אַ פּי־טער, וועש און אַ ביסל שפּייז און געגאַנגען מיט אים. נישט ווייט פון פּאָוויאַטאָוון הויז (קרייז־געבײַדע) זענען געשטאַנען אויטאָס באַלאָדענע מיט מענטשן גרייט צום אָפּפאָר — בלויז מענער. איך האָב געבעטן דעם יידישן פּאָליציסט, פישל בורשטין, ער זאָל מיך פריי־לאָזן. ער האָט מיר געענטפערט: „איך קען דיך לאָזן נאָר צום אויטאָ״. האָב איך אויסגעטאָן



יהודי מאקוב בחפירות תעלות־מגן, בשנת 1939

מאַקאָווער יידן ביים גראָבן אָקאָפּעס, אין יאָר 1939

דעם איבער־מלבוש און צוזאַמען מיטן פּעקל אַוועקגעלייגט אויף דעם אויטאָ. איך האָב אויך אַוועקגעגעבן מיין פּאַס דעם זעלבן יידישן פּאָליציסט און כ׳בין צוגעגאַנגען צום דייטש, וואָס האָט פונדערווייטנס געהיט די אויטאָס און וועלכער האָט נישט געזען, אַז איך האָב אויסגעטאָן דעם מלבוש, און צו אים געזאָגט: „זעען זי, איך בין נאַקעט, ס׳איז קאַלט, דערלויב מיר צולויפן אַהיים און נעמען אַ מלבוש, הענטשקעס, איך האָב פאַרפרוירענע הענט, דעם פּאַס מיינעם האָב איך אַוועקגעגעבן דעם פּאָליציסט, אָט דעם, וואָס שטייט דאָרטן", האָב איך אָנגעוויזן מיט אַ פינגער — „דערלויב מיר אַוועקצוגיין, איך וועל נישט אַנטלויפן. איך וועל באַלד צוריקקומען".

„לויף שנעל" — האָט ער צו מיר אַ געשריי געטאָן, אָבער קום זאָפאָרט צוריק, דער אויטאָ גייט באַלד אָפּ, וועסט נישט האָבן מיט וואָס צו פאָרן".

איך בין לאַנגזאַם אַוועק און זיך געלאָזט אַהיים. איך האָב געזען ווי מען פירט צו די אויטאָס יידן צעבלוטיקטע, אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע, מיט צעפליקטע מלבושים, און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: איך טאָר נישט צוריקגיין!

איך בין אַריין אין שטוב און זיך באַהאַלטן. מיין פרוי איז אַריין צו אברהם גאָרפינקעל, דעם פאָרזיצער פון דער געמיינדע. זי האָט אים דערציילט, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. ער האָט געזאָגט: „האָסט גוט געטאָן, הלוואי וואָלטן אַלע יידן געקענט אַזוי טאָן". ער האָט פאַרזיכערט, אַז דער פּאַס וועט באַלד זיין ביי מיר. אין עטלעכע שעה אַרום האָט ער טאַקע אַליין מיר געבראַכט דעם פּאַס.

מיט אַ בייטש איבערן קאָפּ

כאָטש קיין געטאָ איז נאָכנישט געווען, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן דעם יידישן קוואַרטאַל. איינמאָל איז מען געקומען צו מיר און געהייסן פאַרלאָזן די דירה. איך בין אַנטלאָפן אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער שטוב און אַרויף אויפן בוידעם. דאָרט האָט זיך באַהאַלטן מענדל קליינער. ס׳האָט מיך באַמערקט אַ דייטש, און שטייענדיק אויף די טרעפּ האָט ער צו מיר געזאָגט: „קום!". איך בין אַראָפּ און זיך געשטעלט נעבן אים.

„פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן?" — האָט ער מיר געגעבן אַ שמייס מיט אַ בייטש איבערן קאָפּ. איך האָב באַלד דערפילט, אַז בלוט גיסט זיך פון מיין נאָז. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין נאָז איז געשפּאָלטן. עס זענען צוגעקומען נאָך דייטשן. אויך זיי האָבן מיך געשלאָגן. מ׳האָט ביי מיר אין שטוב געמאַכט אַ רעוויזיע און געפונען עטלעכע באַצוג־שיינען אויף סחורות, אויף מיין נאָמען און אויפן נאָמען פון מיין זון. מ׳האָט מיך געפירט אין מאַגיסטראַט זיך דערוויסן צי די באַצוג־שיינען זענען ריכטיקע. די באַאַמטין, אַ פאָלקס־דייטשקע, האָט געענטפערט: „ער איז דאָך אַ באַקאַנטער שמוגלער". מ׳האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק. אַ דייטשער באַאַמטער האָט קאָנטראָלירט די שיינען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען ריכטיקע. ער האָט מיך פאַרבאַנדאַזשירט צוגע־

2.

[Joint 135]

Absender A.Garfinkiel
Makow Südostpreussen
Praschnitzer Str.
Judengemeinde

Postkarte

An Joint Distribution Comitee
Warschau
Jasna 11/5

Otrzymano 1.IV.1940
Nr 101

Makow, den 22.3. 1940 J.

An Joint Distribution Comitee
Warschau

0/123/40
3/4 podp.

Wir wenden sich zu Euch schon zum dritten Mal - sendet uns sofort Hilfe in Form von Geld und Kleider.

Da leben Juden aus Różan, Krasnosielsk, Prasznitz, Wyszków, Chorzele, Rypin, Pułtusk, Mława, Dobrzyn und Nasielsk in Zahl über 2000 Männer, Frauen und Kinder.

Wir können nach Warschau nicht kommen, denn wir haben kein Passirschein. Vielleicht ist möglich, dass Euer Vorsteher uns besuche, und erteile Hilfe auf'n Platz.

Geldsendungen bitte senden auf folgenden Adress: Hilfskomitat für arme Juden bei der Judengemeinde in Makow" - Abram Garfinkiel Makow Praschnitzer Str.

Mit Achtung
Die Jüdische Gemeinde
in Makow.

Archiwum

לייגט אַ פלאַסטער, דערנאָך האָט ער צו מיר געזאָגט: „אַז דו ביסט שוין דאָ, טאָ קום צום וואָגן. דאָרט פירט מען אַרויס יידן צו דער אַרבעט אין דאָרף, קיין טשערוואָנקע״.

מ׳האָט אַרויפגעזעצט די קראַנקע, פרויען און קינדער מיט געפעק און בעטגעוואַנט און מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין דער רעמיזע פון די פייערלעשער. די פענצטער זענען געווען אויסגעהאַקט, ס׳איז געווען קאַלט, דער פראָסט האָט געשטאָכן אין די ביינער.

מיר זענען געווען אַ פּאָר הונדערט מענטשן. אין די ערשטע טעג זענען שוין געשטאָרבן עטלעכע פון אונדז. די געזונטע האָט מען אַרויסגעפירט און געהייסן גראָבן גריבער פאַר קלאָזעטן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין כלים און געמוזט רייסן די פאַרפרוירענע ערד ממש מיט די פינגער. איך בין געוואָרן קראַנק און מיט די לעצטע כוחות באַשלאָסן צו אַנטלויפן. די יידן האָבן מיך אָבער געבעטן דאָס נישט צו טאָן, אויס מורא, אַז די דייטשן וועלן פון זיי נקמה נעמען. דער פחד איז געווען גרויס און אַפילו מענטשן, וואָס האָבן געקענט אַנטלויפן, האָבן מורא געהאַט דאָס צו טאָן. עטלעכע יידן זענען דאָך אַנטלאָפן און איבערגעגעבן מיין פרוי וועגן מצב אין וועלכן איך געפין זיך. צומאָרגנס האָט זי געבראַכט דעם פעלדשער בראָדאָווסקי, ער האָט מיר געגעבן די ערשטע הילף און האָט מיך מיטגענומען מיט זיך. אַזוי אַרום בין איך צוריקגעקומען אַהיים.

ס׳איז געווען מיט מיר, אין טשערוואָנקע, משה באָרדאָוויטש מיט זיין פרוי און קינדער, דער קצב ישראל־מאיר פעצינאַזש מיט זיין פרוי און קינדער. אַ טייל פון זיי זענען אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן ביי די פּאָליאַקן. שפּעטער, ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס געטאָ, זענען זיי געקומען אין געטאָ אַריין.

צוואַנציק שמיץ אויפן נאַקעטן לייב

יעדן טאָג האָט מען גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב קיינמאָל נישט געפּרוּווט זיך אַרויסצודרייען דערפון, ווייל ביי דער אַרבעט האָט מען דאָך עפּעס געגעבן צו עסן.

איינמאָל בין איך צוריקגעגאַנגען פון דער אַרבעט אין געטאָ אַריין אַ מידער, מיטן גראָבאייזן אויפן אַקסל. גייענדיק אַזוי מיט די אַרבעטס־קליידער און מיט די כלים, בין איך געווען זיכער, אַז קיינער וועט מיך נישט טשעפּען. איך האָב נישט מורא געהאַט. פּלוצלינג איז אָנגעלאָפן אַ יידישער פּאָליציאַנט, און הינטער אים איז געווען דער קאָמיסאַר פון געטאָ, שטיינמעץ. דער דייטש האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף מיר און באַפוילן דעם פּאָליציאַנט, פּוליע ראָזענבערג, ער זאָל מיך פאַרהאַלטן און פירן אין יודענראַט. איך בין געגאַנגען מיט אים. אויפן וועג האָט ער צו מיר געזאָגט: „וועסט מיאוס אָפּשניידן״. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין בנין פון יודענראַט און געהייסן דאָרט פאַרבלייבן ביז זיי וועלן צוריקקומען. דער פּאָליציאַנט מיט שטיינמעצן זענען אַלעמאָל אַרויס אינדרויסן און מיטגעבראַכט יידן, ביז זיי האָבן געהאַט 10 פּערזאָן, צווישן זיי עטלעכע פרויען. אין 10 מינוט אַרום איז שטיינמעץ אַריינגעקומען מיטן יידישן פּאָליציאַנט און האָט צו אונדז געזאָגט:

„איר קריגט אַלע צו 10 שמיץ. ווער וויל זיין דער ערשטער?"

איך האָב זיך אָנגערופן: „איך גיי דער ערשטער".

שטיינמעץ האָט מיר באַפוילן זיך אַנידערלייגן אויף „בלויז", אַרונטערציען די הויזן. ווען איך האָב מיך געלייגט אין די גאַטקעס, האָב איך באַקומען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. ער האָט באַפוילן דעם יידישן פּאָליציאַנט, פוליע ראָזענבערג, מיר צו געבן 10 שמיץ. ער האָט מיך אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט אַ נאַגייקע, די קלעפּ זענען געווען צום אויס־האַלטן, ביים פערטן קלאַפּ האָט שטיינמעץ גענומען זיין רוט און דערלאַנגט דעם פּאָלי־ציאַנט איבערן קאָפּ: „זעסט, ווי אַזוי מען שלאָגט?" האָט ער צו אים געזאָגט. דער פּאָליציאַנט איז אומגעפאַלן אַ פאַרחלשטער. שטיינמעץ האָט מיר דאַן צוגעטיילט די אי־בעריקע קלעפּ, ביז 10. דעם לעצטן קלאַפּ האָב איך שוין נישט געפילט. איך האָב פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. מ׳האָט מיך אַוועקגעטראָגן אַהיים. אין שטוב איז געוואָרן אַ יללה, מ׳האָט געמיינט, אַז שטיינמעץ האָט מיך שוין דערהרגעט. מענטשן זענען געקומען און מיך געטרייסט: „זאָרג נישט, וועסט זיין געזונט. ס׳איז דאָך מלחמה".

עס זענען אַריינגעקומען צו מיר צוויי יידן פון שטעטל — שמשון בלום און מאַטעס גוטלייזער (ביידע אומגעקומען). מאַטעס גוטלייזער האָט צו מיר געזאָגט:

„מיר קומען אַלע אום, און איך בין דיר מבטיח, אַז פון די יידן וועסטו בלייבן דער איינציקער עדות און וועסט האָבן וואָס צו דערציילן. זאָרג נישט, וועסט איבערלעבן די מערדער".

איך בין געלעגן אין געהאַקטע וווּנדן עטלעכע טעג, און שפּעטער צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

מ׳טאָר נישט זיצן

מענער פון 17 ביז 65 יאָר האָבן געמוזט איינמאָל אין וואָך, דאָנערשטיק, קומען זיך מעלדן אין מאַגיסטראַט (נאָך פאַר דעם געטאָ). ס׳פלעגן זיין לאַנגע רייען פון מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט מען זאָל רעגיסטרירן זייער אָנוועזנהייט. ס׳איז געזעסן אַ פאָלקס־דייטשקע, וואָס האָט ביי יעדן איינעם גענומען דעם אויסווייז און געלייגט אויף אים אַ שטעמפּל. ביי דער געלעגנהייט האָבן יידן, וואָס האָבן דורכגעלאָזן דאָס מעלדן זיך, באַקומען שמיץ. מ׳האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער שטיבל און די דייטשע פּאָליציאַנטן האָבן אויס־געציילט יעדן איינעם פון זיי צו 20 שמיץ אויפן הוילן לייב.

איינמאָל איז געווען אַזאַ פאַל:

מ׳האָט מיך אַרויסגערופן אין מאַגיסטראַט, אַז איך זאָל אויפגעבן דעם ווערט פון מיין הויז. די באַאַמטין, וואָס האָט געדאַרפט אויפנעמען די פּרטים האָט מיך געהייסן זיך זעצן, איך האָב מורא געהאַט דאָס צו טאָן, ווייל ס׳איז געווען אַ בפירושע פאַראָר־דענונג, אַז יידן טאָרן נישט גיין אויפן טראָטואַר אָדער זיצן אין דער אָנוועזנהייט פון דייטשן. זי האָט מיר ווידער באַפוילן זיך זעצן און איך האָב איר אויפגעקלערט די סיבה

פון דעם אָפּזאָג. זי האָט זיך אָנגערופן צו מיר: „איך הייס אייך זיצן‟. איך האָב זיך ענדלעך אַוועקגעזעצט. פּלוצלינג האָב איך דערפילט, אַז עמעצער כאַפּט אָן די שטול אויף וועלכער איך בין געזעסן. איידער איך האָב זיך אָריענטירט וואָס דאָ קומט פאָר, בין איך שוין געלעגן אויף דער ערד. וואָס איז געשען — דער זשאַנדאַר האָט באַמערקט, אַז איך זיץ, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון אונטער מיר די שטול. „יודע, ווייסט נישט, אַז מען טאָר נישט זיצן?‟ — האָט ער ווילד אַ געשריי געטאָן. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ קריגעריי צווישן דעם זשאַנדאַר און דער באַאַמטין. צום סוף האָט זי ביי מיר אויפגענומען די פּרטים שטייענדיקערהייט און איך האָב שנעל פאַרלאָזט דעם מאַגיסטראַט.

די טאָכטער מיינע, רבקה, איז איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען נעבן דער שטאָטישער תפיסה. זי האָט באַמערקט ווי איר חברטע רעקאַנט, אַ יונג מיידל (פון דאָרטיקן אַפּטייק־סקלאַד), זיצט אַן אַרעסטירטע. איז זי צוגעגאַנגען צו דער פאַרצוימונג און זי געפרעגט פאַרוואָס זי זיצט און וואָס האָט פּאַסירט. אַ ווישקאָווער פּאָליאַק („דער ווישקאָווער‟) האָט דאָס געזען און געמסרט אין דער פּאָליציי. מ׳האָט אַרויסגערופן מיין טאָכטער. מ׳האָט איר געגעבן 20 שמיץ אויפן נאַקעטן לייב. דערנאָך האָט מען איר געהייסן זאָגן דערפאַר „דאַנקע שיין‟. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו זאָגן. „שלאָגט מיך נאָכאַמאָל, אָבער זאָגן די דאָזיקע ווערטער, דאַנקען אייך דערפאַר, וועל איך נישט‟.

„טאָ גיי און ברענג 20 מאַרק‟. — האָט מען איר באַפוילן. אַ צעבלוטיקטע איז זי געלאָפן מיט די לעצטע כוחות, געבראַכט דאָס געלט. מ׳האָט זי אָפּגעלאָזט.

„באַצאָלט‟ דער סעקרעטאַרין

אין געטאָ האָב איך מיט מיין פאַמיליע געוווינט אין דער זעלבער שטוב, ווו ס׳האָט זיך געפונען די פרוי פון ראובן־יוסף זאַפּיאַן — פריידע מיט איר טאָכטער גיטעלע און זון הערשל. זיי זענען געווען זייער איידעלע קינדער. גיטעלע האָט געאַרבעט אַלס באַאַמטין אין יודענראַט. צו די דאָזיקע קינדער בין איך געווען ווי אַ טאַטע, כ׳האָב זיי געהאָלפן מיט וואָס איך האָב נאָר געקענט.

די פרויען אין געטאָ האָט מען אָפּגעגאָלט די קעפּ. צווישן זיי אויך גיטעלען. טראָץ דעם, וואָס זי האָט געאַרבעט אין דער געמיינדע. איינמאָל איז שטיינמעץ אַריינגעקומען אין יודענראַט, צוגעגאַנגען צו גיטעלען, אָנגענומען מיט צוויי פינגער אירע האָר און געזען, אַז זיי זענען אַ ביסל לענגער ווי לויט דעם דייטש׳ן „פאָרשריפט‟. ער האָט זיך דאַן אָנגערופן צו איר: „גיטעלע, קאָם היער‟. זי איז צוגעגאַנגען צום געטאָ־טויער, שטיינמעץ האָט צעעפנט די ברייטע טירן, אַוועקגעשטעלט אַ בענקל, און דערלאַנגט איר דערפאַר 10 שטעקנס.

גיטעלע איז געווען אַ בת־יחידה ביי אירע עלטערן און דער ברודער אירער — אַ בן־יחיד. אַלע דריי, צוזאַמען מיט דער מוטער, זענען אָפּגעשיקט געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ און דאָרט אומגעקומען.

אַ הויכער אָפיציר אין געשטאַפּאָ האָט מיך, מיין שוואָגער לייבל פּרימאַן מיט נאָך אַ ייד, געפירט צו דער אַרבעט צו זיך אין פּאַלוואַרק. ער איז געפאָרן און מיר זענען געגאַנגען צופוס. דאָס איז געווען אַן אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פון שטאָט, קומענדיק אַהין, האָט ער צו אונדז געזאָגט: „איר זעט, שמוציקע יידן, דאָ וועט איר אַרבעטן". ער האָט אונדז אָנגעוויזן ווייסע הינער און צוגעגעבן: „דאָ זענען פאַראַן 50 ווייסע, ראַסאָווע הינער, פון זיי טאָר קיין איינע נישט פעלן. איך ווייס אויך די צאָל פון די חזירים, קי און אַנדערע זאַכן. אויב דאָ וועט עפּעס פעלן, וועל איך אייך דאָ, אין הויף, דערשיסן".

דאָרט האָבן מיר געאַרבעט אַ 5—6 טעג. מיר האָבן אָפּגערוימט דאָס מיסט און געטאָן אַנדערע שוואַרצע אַרבעטן. שפּעטער האָט דער געשטאַפּאָ־אָפיציר אונדז אָפּגעשיקט צוריק אין געטאָ אַריין.

דייטשע מערדערייען

דעם 18טן נאָוועמבער 1942 איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג פון מאַקאָווער געטאָ. איך האָב געזען ווי אַזוי מ'האָט געשלאָגן די יידן, אַלטע לייט, פרויען און קינדער און מ'האָט זיי צונויפגעיאָגט אויף איין פּלאַץ אין געטאָ. פון אַלע הייזער האָט מען אַרויסגעטריבן די מענטשן, קראַנקע האָט מען געטראָגן אויף בענקלעך. נעבן מיר איז געזעסן אַ קראַנקער ייד אויף אַ שטול, אַ געשוואָלענער — משה־דוד פוקס, ער איז געווען פּיוול הענד־



עצמות 21 קדושים שנתלו בגיטו מאקוב בשנת 1942 — הובאו לקבורה במאקוב.

צוזאַמענגעקליבענע ביינער פון די 21 קדושים, אומגעבראַכטע דורך תליה אין מאַקאָווער געטאָ אין יאָר 1942 — געבראַכט צו קבורה אין מאַקאָוו.

לערס אַן אײדעם, זײער אַ װוילער ייד. די נאַציס האָבן אים מערדערלעך צעשלאָגן און דערנאָך דערשאָסן אויפן אָרט. אַלע האָבן עס צוגעזען מיט זייערע אייגענע אויגן.

נעבן אונדז איז געשטאַנען רפאל־הערש אַזרילעװיטש. צוזעענדיק די „סצענע", האָט ער באַקומען אַ שגעון־אָנפאַל. ער איז אַרויס פון דער ריי און גענומען טאַנצן און זינגען און פּאַטשן מיט די הענט: „פריילעך, לעבעדיק, פריילעך!" ער האָט געזינגען דאָס ליד: „אַ ייד צו זיין איז טייער, אַ ייד צו זיין איז גוט... איך דאַנק דיר, גאָטעניו, װייל איך בין אַ ייד"... א.א.װ. ער האָט אַזוי אָפּגעזינגען אַ פּאָר מינוט און צוריק אַריין אין דער ריי. מיר האָבן געמיינט, אַז מען װעט אים תיכף דערשיסן פאַר פאַרלאָזן די ריי. איך בין צוגעלאָפן צו אים און אַ געשריי געטאָן: „רפאל־הערש, װאָס טוט איר? איר זענט משוגע געװאָרן?".

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: „איך האָב עס געטאָן מיט אַ ישוב־הדעת, איך האָב געװאָלט, אַז זיי זאָלן מיך דערשיסן. איך זע שוין װי ס'גייט, איז צו װאָס דאַרף מען זיך נאָך מוטשען און צוזען אַזעלכע שװידערלעכקייטן?"

קיין מלאַװע האָט מען אונדז געפירט מיט גרויס „פּאַראַד" — קלעפּ, פּייניקונגען, שנעל לויפן. מיר האָבן נישט געװוּסט װוּ צו לויפן. מ'האָט אונדז געיאָגט, געשלאָגן און װידער געיאָגט.

מיר זענען אָנגעקומען קיין מלאַװע. משפחות האָבן זיך פאַרלוירן, װייל מ'איז גע־לאָפן װי איינער האָט נאָר געקענט. אָבער צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען זיך װידער געטראָפן צוזאַמען אין מלאַװע. צװישן די, װעלכע מ'האָט געטריבן צו דער באַן, װאָס איז תיכף אָפּגעגאַנגען קיין אױשװיץ, האָט זיך אויך געפונען אבא בערנבוים. ליידער איז ער נישט געװען בכוח װייטער צו גיין און איז געבליבן אויפן אָרט. אברהם גאַרפינקעל איז צוגעשטאַנען צו אים, פאַרזיכערט אַז ער װעט אים אונטערהאַלטן און דערפירן צו דער באַן. אבא בערנבוים האָט דערויף געענטפערט: „גייט, קינדערלעך, געזונטערהייט. איך װעל סיי װי נישט איבערלעבן".

אַזוי איז ער געבליבן אין װעג.

אין לאַגער בונאַ

אָנקומענדיק קיין אױשװיץ, האָט מען אַ טייל מאַקאָװער איבערגעשיקט אין לאַגער בונאַ (נעבן אױשװיץ). צװישן זיי בין איך, צוזאַמען מיט מיין זון מאָטל, געװען צװיי װאָכן אין קאַראַנטין־לאַגער. איך האָב געהאַט אָפּגעפרוירענע פינגער און מ'האָט מיך אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל. מיין זון האָב איך נישט געזען דערנאָך אַ גאַנץ יאָר צייט. איך האָב נישט געװוּסט צי ער לעבט, און װוּ ער געפינט זיך.

ביי דער אַרבעט אין בונאַ איז געװען אַ פאָראַרבעטער, אַ דייטש, מיטן נאָמען פראַנץ. ער האָט געהאַט ספּעציעלע שפּיצן מיט אייזנס ביי די שטיװל. מיט די דאָזיקע שפּיצן פלעגט ער קאָפּען יעדן איינעם אין װייכן פלייש און אונטערטרייבן, װאָס גיכער צו

אַרבעטן. ער האָט דערביי געשריגן: „געשווינד״, לאַופען״. אַלע האָבן געהאַט פון אים ווונדן און זיי האָבן זיך נישט געקענט זעצן. מ׳האָט געבעטן גאָט, אַז די ווונדן זאָלן זיך וואָס גיכער אויסהיילן, כדי מען זאָל פון אים קענען אויפנעמען פרישע קלעפּ.

פון בונאַ האָט מען מיך געבראַכט קיין אוישוויץ. מיר זענען געפאָרן אין אַ לאַסט־אויטאָ — טויטע און לעבעדיקע צוזאַמען. די טויטע זענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע און מיר האָבן געמוזט האַלטן די פיס אויף זיי און אַזוי זענען מיר געפאָרן. ס׳איז געווען אַ שאַרפער ווינטער (דאָס איז געווען אַן ערך אין מערץ 1943). מיר האָבן געטראָגן בלויז קורצע הייזלעך און געווען באָרוועס. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפן אָרט, האָט מען אונדז געהייסן אַראָפּטראָגן די טויטע. עס זענען צוגעקומען אַרבעטער און זיי ערגעץ אַוועקגעטראָגן, אונדז האָט מען אַריינגעפירט אין אַ באַראַק. פון די דאָזיקע אַלע יידן, וואָס זענען געפאָרן אין לאַסט־אויטאָ בין איך בלויז איינער געבליבן לעבן.

אַריינקומענדיק אין באַראַק האָט מען אונדז באַפוילן זיך לייגן אין בעטלעך. איך מיט נאָך איינעם האָבן זיך געלייגט אין אַזאַ מין „בעטל״. אויףביידע האָבן מיר געהאַט אייניגע קאָלדרע. די פענצטער זענען געווען אָפן, אַ ווינט האָט געבלאָזן. מיר זענען געלעגן ביז אין די פרימאָרגן־שעהן, וועגן שלאָפן האָט קיין רייד נישט געקענט זיין, ווייל די קעלט איז אַריינגעדרונגען אין די ביינער און איך האָב נישט געפילט די אָפּגעפרוירענע פינגער פון ביידע הענט. אינדערפרי האָט מען מיך אַרויסגענומען פון באַראַק, מ האָט מיר געהייסן מאַכן אַ קאַלטן שפּריץ, דערנאָך האָט מען אַראָפּגענומען אַלע באַנדאַזשן און אַלע שמאַטעס און מ׳האָט מיר אויפסניי איבערגעבונדן די פינגער. מ׳האָט מיך אַריינגעלייגט מיט נאָך צוויי קראַנקע אין שפּיטאָל, אין איין בעט. איינער האָט געהייסן וויאַטראַק פון מאַקאָוו, דוכט זיך שמחה, אברהם וויאַטראַקס אַ זון. אַ שיינער בחור, אַ יינגל פון 18 יאָר, ער האָט געהאַט אָפּגעפרוירן דעם גראָבן פינגער פון רעכטן פוס. דער צווייטער האָט געהייסן פאָן געלדי, אַ ייד פון האָלאַנד. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געהאַט, אין אַמסטערדאַם אָדער ראָטערדאַם, אַ פּערפום־פאַבריק. ער האָט מיר געזאָגט, אַז טאָמער בלייב איך לעבן זאָל איך איבערגעבן זיין פרוי וועגן דעם, אַז ער איז אומגעקומען אין אוישוויץ. אויפן דריטן טאָג זענען צוגעפאָרן אויטאָס מיט עס־עס־לייט, מ׳האָט די דאָזיקע צוויי מענטשן, וואָס זענען געלעגן מיט מיר, אַרויסגעטראָגן פון שפּיטאָל און דער גורל זייערער איז געווען אַ געחתמעטער — מ׳האָט זיי פאַרגאַזט און פאַרברענט אין קרעמאַטאָריע.

טאָג־טעגלעכע סעלעקציעס

איך בין געלעגן אין שפּיטאָל 6 וואָכן. טאָג־טעגלעך זענען פאָרגעקומען סעלעקציעס. מ׳האָט אַרויסגענומען מענטשן און זיי אַריינגעוואָרפן אין אויוון פון דער קרעמאַטאָריע וואָס האָט יעדן טאָג פאַרשלונגען טויזנטער יידישע קרבנות. די ערשטע דריי טעג פון מיין ליגן אין שפּיטאָל האָט מען מיר נישט געגעבן קיין עסן און טרינקען. דער תירוץ איז

געוועזן, אַז מיינע פֿאַפּירן זענען נאָכגעשיקט אָנגעקומען. ערשט אויפֿן פֿערטן טאָג האָב איך באַקומען מיין פּאָרציע — אַ ליטער זופּ מיט אַ שטיקל ברויט. ווי נאָר איך בין אַרויס פֿון שפּיטאָל, האָט מען מיך אַריינגעשיקט אין אַ בלאָק, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען קראַנקע און אינוואַלידן. ביידע הענט זענען ביי מיר געווען פֿאַרבונדן און די ווונדן האָבן זיך נישט געהיילט. דער הויפּט־דאָקטאָר האָט מיר יעדן טאָג פֿאַרשריבן אַ שטיקל זויערקרויט צו קרעפֿטיקן זיך. אָבער בלויז איין מאָל האָב איך עס באַקומען.

אין שפּיטאָל איז געלעגן אַ טשעכישער ייד מיטן נאָמען ווייס. ער האָט געאַרבעט אין ד. אַ. וו. (דויטשע אַרבעטסווערק) אַלס אַ סטאָלער, אַ פֿאָראַרבעטער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווי נאָר איך וועל זיך אַריינבאַקומען אין ד.אַ.וו. וועל איך דערוויל קענען אויס־מיידן די גאַז־קאַמער. איך בין אַריינגעקומען אַהין און זיך אַריינגעשטעלט צווישן די טויזנט מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט. אין סטאָלעריי זענען זיך אַלע צעלאָפֿן צו דער אַרבעט אויף זייער אַרבעטס־פּלאַץ און איך בין געבליבן שטיין אַליין, נישט וויסנדיק וווּהין צו גיין. בין איך אַריין אין ערשטן בעסטן וואַרשטאַט, כאָטש וויסנ־דיק, אַז אַרבעטן קען איך נישט, ווייל די הענט האָבן מיר ממש געברענט פֿון די ווונדן. איך האָב אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָרטן וועל איך זיך קענען כאָטש אַ ביסל אָנוואַרעמען. איך בין אַריין אין סטאָלעריי. אַ יידישער קאַפּאָ, אַ פּוילישער ייד פֿון פֿראַנקרייך, איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיך געפֿרעגט: „וואָס ביסטו אַהערגעקומען?"

„איך בין געקומען אַהער אַרבעטן, געוויס איז דאָ פֿאַראַן אַרבעט". — האָב איך גע־זאָגט. דער קאַפּאָ האָט מיר געענטפֿערט מיט אַ פּאַטש אין פּנים אַריין. איך בין אומ־געפֿאַלן. דאָס האָט צוגעזען דער אָבערקאַפּאָ — אויך אַ ייד. ער האָט אַ פֿרעג געטאָן דעם שלעגער: „פֿאַרוואָס שלאָגסטו אים? זעסט דאָך, אַז ער האָט פֿאַרוווּנדעטע הענט, אַן אַלטער מענטש".

ער האָט מיך אַוועקגעפֿירט אַ קילאָמעטער ווייטער, אויף אַ צווייטן פּלאַץ ד. אַ. וו. און געהייסן אַן אַנדערן קאַפּאָ ער זאָל מיר געבן אַרבעט און אַכטונג געבן אויף מיר.

לעבנס־געפֿאַר צוליב אַ... נאָדל

זייענדיק נאָך אין שפּיטאָל, האָב איך געהאַט אַן ענגע, אָפּגעטראָגענע מאַרינאַרקע אָן קנעפּ. מיט די געפֿרוירענע פֿאַרוווּנדעטע הענט האָב איך נישט געקענט צוהאַלטן די פּאָלעס, אַז דער ווינט זאָל נישט אַריינבלאָזן. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אויפֿן זעלבן בלאָק, מיט זעקס בעטן ווייטער פֿון מיר, האָט אַ ייד אַ נאָדל מיט אַ פֿאָדעם. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געבעטן די דאָזיקע נאָדל מיט אַ שטיקל פֿאָדעם, כדי צוצונייען אַ קנעפּל צו דער מאַרינאַרקע. ער האָט עס מיר געגעבן. איך האָב דאָן געבעטן אַן אַנדערן ייד, ער זאָל מיר צונייען אַ פּאָר קנעפּלעך, ווייל מיט מיינע פֿאַרפֿרוירענע הענט קען איך נישט נייען. אָבער שפּעטער, ווען איך האָב אָפּגעגעבן די נאָדל מיטן פֿאָדעם, האָט דער ייד באַמערקט, אַז עס פֿעלט דער שפּיץ פֿון דער נאָדל. ער האָט געמאַכט אַ גוואַלד:

„ס׳טייטש, מערדער איינער, דו האָסט דאָך מיר פאַרטיק געמאַכט די נאָדל, ווייסט כאָטש וואָס דו האָסט געטאָן? איז דען מעגלעך דאָ צו באַקומען אַן אַנדער נאָדל?"

הערנדיק די דאָזיקע גוואַלדן איז צוגעקומען צו מיר אַ פּוילישער קאַפּאָ, אַ דאָקטאָר אין שפּיטאָל. ער האָט מיר געגעבן אַזאַ קלאַפּ אונטערן האַרצן, אַז איך בין געפאַלן אין חלשות. איך בין געלעגן און געקרעכצט פון די גרויסע ווייטאָגן. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז שוין מיין סוף. אַזוי בין איך געלעגן אַ גאַנצע נאַכט, און ערשט אויף צומאָרגנס האָב איך געעפנט די אויגן. די קאַצעטלער האָבן געקוקט אויף מיר און זיך געחידושט: „זע נאָר, ער לעבט נאָך". אויך דער בעל־הבית פון דער נאָדל האָט געכאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון זעלבן קאַפּאָ.

דער טויטן־מאַרש

דעם 18טן יאַנואַר 1945 האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון אוישוויץ צופוס, ביז גלייוויץ (גליוויצאַ). אויפן וועג זענען מענטשן געפאַלן ווי די פליגן. די אַלע וואָס זענען אָפּגעשטאַנען אין גאַנג, זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. אַנדערע זענען געפאַלן און אויסגעגאַנגען אויפן אָרט, פון דערשעפּונג.

די דייטשן האָבן אויפן וועג פאַרניכטעט אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט. איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ חבר פון קאַצעט. אין משך פון צוויי טעג האָט מען אונדז נישט געגעבן קיין עסן און טרינקען. פון גרויס דערשעפּונג בין איך ממש בלינד געוואָרן. דער חבר האָט מיך געפירט, ווייל איך האָב נישט געזען דעם וועג. איך דערמאָן זיך, אַז ער האָט געהייסן אברהם מאַנדערשטיין פון מלאַווע. ער האָט מיך נישט געוואָלט איבערלאָזן ווייל ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ זיכערער טויט. דער דאָזיקער מאַנדערשטיין איז צוויי טעג נאָך דער באַפרייאונג קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע און געשטאָרבן.

אין גלייוויץ האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ פייערלעשער־רעמיזע. מיר האָבן געמיינט, אַז מען גייט אונדז שוין פאַרגאַזן. דאָרט האָט הענעך לאַסעק, אברהם לאַסעקס אַ זון פון מאַקאָוו, מיר אַריינגעשטופּט אַ שטיקל ברויט אין מויל אַריין, ווייל איך בין שוין געווען האַלב טויט. דאָס ברויט איז אָבער אַרויסגעפאַלן. איז לאַסעק צוגעלאָפן צו אַ לאָקאָמאָטיוו וואָס איז געשטאַנען אויף די באַן־רעלסן, גענומען אין זיין פּושקע אַ ביסל וואַסער און מיר געגעבן צו טרינקען. ווי נאָר איך האָב אויסגעטרינקען דאָס וואַסער האָב איך באַלד אָנגעהויבן זען אויף די אויגן. „גיב מיר אַ שטיקל ברויט" האָב איך צו אים געזאָגט. ער האָט מיר ווידער אַריינגעשטופּט אַ שטיקל ברויט אין מויל אַריין און דאָס מאָל האָב איך עס שוין אויפגעגעסן. דאָס איז געווען די רפואה, וואָס האָט מיך געראַטעוועט.

אין גלייוויץ האָט מען אונדז אַרויפגעזעצט אויף אָפענע פּלאַטפאָרמעס. אַ שטורעם האָט געבושעוועט און דער שניי, וואָס האָט זיך געדרייט אין קנוילן, האָט אונדז צוגע־דעקט. מיר זענען געלעגן צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און געדרימלט, געמיינט, אַז

מיר וועלן שוין דאָרט איינשלאָפן אויף אייביק: מיר וועלן פאַרפרוירן ווערן. אָבער קען זיך צוליב דעם, וואָס דער שניי האָט אונדז צוגעדעקט איז אונדז געוואָרן וואַרעמער און אַזוי זענען מיר דערפאָרן ביז גראָסראָזען, ווו עס איז געווען נאָך פיל ערגער ווי אין אוישוויץ. איך האָב געזען מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט ווי שאָטנס — לאַנג און דאַר ווי די שטעקנס. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון מתים וואָס באַוועגן זיך ווי אויף שטאָלצן.

דער לאַגערפירער פון גראָסראָזען האָט צו אונדז אַזוי געזאָגט: „איר זאָלט וויסן, אַז אוישוויץ איז געווען פאַר אייך אַ פּענסיאָנאַט אין פאַרגלייך מיט גראָסראָזען". ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן זאַל. דאָרט האָבן זיך געפונען קרוב 2000 מאַן. דער זאַל איז געווען אַזוי אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, אַז מיר זענען געלעגן ממש איינער אויפן אַנדערן. מ׳האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט און ווער ס׳האָט געפּרוווט אַרויסגיין, האָט שוין צוריק מער נישט געקענט אַריין. אויך די מענטשלעכע באַדערפעניש האָט מען געמוזט מאַכן אויפן אָרט. מיר זענען דאָרט געווען צוויי־דריי טעג. קיין עסן האָבן מיר נישט באַקומען. ווען מ׳איז געגאַנגען נעמען עסן איז דער לאַגער־קיך, איז מען צוריק־געקומען מיט גאָרנישט, ווייל די קיך האָט זיך געפונען אויף אַ באַרג און דער לאַגער אין טאָל. אויסער דעם, וואָס מען האָט נישט געהאַט קיין כוח אַרויפצוגיין אויפן באַרג, איז ער, דער באַרג, געווען נאָך גליטשיק און די מענטשן וואָס האָבן געשלעפּט דעם קעסל מיטן עסן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פונעם באַרג צוזאַמען מיטן קעסל, זיך אָפּגעבריט, און דאָס עסן האָט זיך צעשפּריצט איבער דער ערד. אייניקע זענען צוגעפאַלן צו דער ערד און געלעקט די וואַסערדיקע זופּ.

די נסיעה קיין דאַכאַו

איינמאָל האָבן מיר געהערט, אַז עס גייט אָפּ אַ טראַנספּאָרט — וווהין האָבן מיר נישט געוווּסט. מיר זענען געלאָפן צום זאַמל־פּונקט, ווייל ס איז נישט געווען וואָס צו פאַרלירן.

אויפן זאַמל־פּונקט זענען שוין געווען אַ פּאָר טויזנט מאַן. יעדער איינער האָט געקריגן אַ פּאָרציע ברויט מיט אַ שטיקל רויט, רוי פלייש. מ׳האָט אונדז צוגעפירט צו אַ באַן־סטאַציע און אַריינגעשטופּט אין די לאַסט־וואַגאָנעס. ווען דער וואַגאָן איז שוין געווען פול איבער די ברעגעס, איז צוגעגאַנגען אַן עס־עס־מאַן, אַריינגעקוקט אינעווייניק און גע־זאָגט: „עס קענען נאָך אַריין אַ פּאָר פיגורן". מ׳האָט אַריינגעשטופּט נאָך אַ פּאָר מענטשן. דער צוג האָט גערירט און מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז שוין אונדזער לעצטער וועג. אין משך פון 3 טעג האָט מען אונדז אַזוי געפירט אין די געשלאָסענע וואַגאָנעס. פון דער ענגשאַפט און פון דער פאַרעיפּושטער לופט זענען אַ סך געשטאָרבן. ווען מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס לעבן ענדיקט זיך שוין איז פּלוצים געקומען די ישועה. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. ביים וואַגאָן זענען געשטאַנען צוויי פרויען מיט ווייסע היטעלעך אויף

די קעפּ און מיט רויטע קרייצן אויף די אַרבל. זיי האָבן געגעבן יעדן איינעם אַ טעפּעלע זופּ (דאָס זענען געווען פּאַפּירענע טעפּעלעך). איידער מ׳האָט געגעבן אַ שלונג, איז דאָס טעפּעלע שוין געווען ליידיק און מיר זענען ווידער געבליבן הונגעריק.

דער צוג איז געפאָרן ווייטער. אין עטלעכע טעג אַרום זענען מיר דערפאָרן קיין דאַכאַו. מיר זענען אויסגעשטיגן פון די וואַגאָנעס. עס זענען צוגעפאָרן אויטאָס, אויפגעלאָדנט די טויטע, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון די וואַגאָנעס, און מיר, די נאָך־לעבעדיקע, זענען נאָכגעגאַנגען נאָך די עגלות פון די טויטע. מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין לאַגער און צוגעטיילט בעטלעך. מיר זענען געשלאָפן צו דריי מאַן אין אַ בעט. צוויי אין איין זייט און איינער צופוסנס. מיר זענען דאָרטן געווען צוויי וואָכן אויף קאַראַנטין, און נאָכער האָט מען אונדז געפירט אין אַ וואַלד־לאַגער, ביי מילדאָרף (נישט ווייט פון מינכען). דאָרט בין איך געווען ביז דעם 1טן אַפּריל 1945. דערנאָך האָט מען מיך מיט נאָך 200 מאַן גענומען קיין מילדאָרף. דאָרט זענען געווען קאַרטאָפל צום עסן. מיר האָבן דאָרט געאַרבעט, געגראָבן אָקאָפּעס און גלייכצייטיק געמאַכט באַפעסטיקונגען. מ׳האָט אונדז אויך גענומען אָפּצורייניקן די חורבות פון דער באָמבאַרדירטער באַן־סטאַציע. דאָ בין איך געווען אַן ערך ביזן 25סטן אַפּריל 1945. מ׳האָט אונדז ווידער אַריינגעזעצט אין אַ צוג און געפירט, וווהין — האָבן מיר נישט געוווּסט. דער צוג איז געפאָרן און זיך ווידער צוריקגעקערט, ווייל אַלע וועגן זענען געווען באָמבאַרדירט און בלאָקירט. אויף דער דאָזיקער באַן־סטאַציע בין איך, דעם 1טן מאַי 1945, באַפרייט געוואָרן.

„איר זענט פריי״

ערב דער באַפרייאונג, דעם 31סטן אַפּריל 1945, זענען עס־עס־לייט אַריין אין וואַגאָן און געזאָגט: „דייטשלאַנד האָט קאַפּיטולירט, איר זענט פריי״. מיר זענען אַרויסגעלאָפן פון די וואַגאָנעס און אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר הונדערט מעטער, ווען עס האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ געשריי: „נאָכנישט אַזוי שלים. צוריק אַריין אין די וואַגאָנעס!״. מ׳האָט אונדז גענומען יאָגן צוריק אין די וואַגאָנעס און טיילן קלעפּ. עטלעכע זענען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. איך בין אַריין אין וואַגאָן און געבליבן ליגן און אַזוי בין איך געלעגן אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס האָב איך דערהערט אַ געשריי: „די אַמעריקאַנער זענען דאָ״. איך האָב זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט און זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעם וואַגאָן, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן פעלד, ביי טוצינג. די אַמעריקאַנער זענען שוין דאָרטן געווען און באַזעצט דעם ברייטן שאָסיי. זיי האָבן אונדז געבראַכט אַ קעסל עסן. מיר זענען דאָרט געשטאַנען צוויי טעג. דערנאָך איז מען געקומען, אונדז צוגענומען פון דאָרט און איינגעאָרדנט אין אַ שול. שפּעטער האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ באָד, אַרומגעוואַשן, אויסגעפּאַרעט, געגעבן יעדן איינעם אַ פּיזשאַמע, אַ פּאָר זאָקן, וועש און שטעק־שיך. דייטשן און דייטשקעס האָבן אונדז באַדינט. צום ערשטן מאָל, נאָך 3 מיט אַ האַלב יאָר, בין איך ווידער געשלאָפן אין אַ בעט. איך האָב זיך שוין אַפילו דערלויבט צו טרינקען אַ גלאָז

קאַפּע און עסן אַ סענדוויטש. אין פעלדאַפּינג זענען מיר געווען צוויי יאָר מיט דריי חדשים. דערנאָך בין איך דעם 17־טן מאַי 1947 אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל מיט דער אומלעגאַלער עליה.



יוסל מאַקובר (שורה א׳, ראשון מימין) ומאיר־הערש ציכנובר (שורה ב׳ (ראשו מימין) ביחד עם קבוצת חלוצים בהכשרה. מקוב, 1932.

יאָסל מאַקאָווער (אין דער ערשטער ריי, ערשטער פון רעכטס) און מאיר־הערש ציעכאַנאָווער (צווייטע ריי, ערשטער פון רעכטס) צוזאַמען מיט אַ גרופּע חלוצים אויף הכשרה. מאַקאָוו, 1932.

מאיר רובין / הרצליה

צווישן מענטשן־חיות

פרייטיק, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939. אין מאַקאָוו איז דעמאָלט פּונקט געווען אַ מאַרק־טאָג. 9 אַזייגער פרי, האָט מען געמאָלדן דורכן ראַדיאָ, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן דער קריג — די דייטשן זענען באַפאַלן פּוילן און עס קומען פאָר בלוטיקע שלאַכטן. איך בין גלייך אַרויס אין גאַס און זיך געטראָפן מיט מיין חבר משה ווילענבערג און שלמה־יידל ליכטענשטיין. משה ווילענבערג האָט חתונה געהאַט אַן ערך דריי וואָכן פאַרן קריגס־אויסברוך. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער מוז תיכף פאָרן קיין יאַבלאָננאַ־לעגיאָנאָווא, ביי וואַרשע, ווייל זיין פרוי געפינט זיך דאָרט ביי איר משפחה. מיט שלמה־יידל ליכטענשטיין פלעג איך זיך אָפט טרעפן און מיר האָבן גערעדט וועגן דעם, וואָס מען זאָל טאָן אין שייכות מיטן קריגס־אויסברוך. מיטאָג־צייט זענען די פּויערים זיך צעלאָפן פון מאַרק. עראָפּלאַנען זענען געפלויגן איבערן שטעטל און ס׳האָט זיך געפילט אַ שטאַרקע צערו־דערונג און פּאַניק. פונדעסטוועגן זענען נאָך אַ טייל יידן געגאַנגען אין שול און אַ טייל איז געזעסן אין די היימען דערשלאָגן, נישט ווייסנדיק וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען.

ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָט מען פאַרהאָנגען די פענצטער, שבת־ליכט האָבן זיך אויסגעלאָשן און קיין אַנדערע האָט מען שוין נישט אָנגעצונדן.

איך האָב געאַרבעט אַלס שאָפער אויף אַ לאַסט־מאַשין ביי שמעון־מאיר ראָזען. דאָס איז געווען אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט מיט נאָך צוויי שותפים: יואל גראָסמאַן און דוד קאַשטאַן. עס זענען געווען צוויי לאַסט־אויטאָס, אויף איינעם בין איך געפאָרן און אויפן צווייטן — אַ פּאָליאַק. אין דער נאַכט פון קריגס־אויסברוך (פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק), בין איך געקומען מיט אַ מאַשין סחורה פון וואַרשע. די טרעגערס האָבן אויס־געלאָדנט די מאַשין. פרייטיק־צונאַכטס איז געקומען צו מיר די פּוילישע פּאָליציי און מיר באַפוילן צו פאָרן מיט די פּאָליציי־משפחות קיין וואַרשע. איך האָב געפּרוּווט טענהן, אַז ס׳איז שבת, חוץ דעם בין איך קראַנק, מיד, און איך וויל נישט איבערלאָזן די פאַמיליע אין אַזאַ צייט. אָבער זיי האָבן מיר געזאָגט: „ס׳איז מלחמה, מיר זאָגן דיר פאָרן — טאָ פאָר!״.

דעם זעלבן פרייטיק־צונאַכטס זענען שוין געקומען צו לויפן קיין מאַקאָוו־מאַזאָ־וויעצק אַ סך פּוילישע פּאָליציאַנטן מיט זייערע פאַמיליעס פון פּרושניץ. מיט אַ שווער האַרץ האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין מוטער און זיך געלאָזט גיין מיט די פּוילישע פּאָליציאַנטן. מיר האָבן אויפגעלאָדנט דעם באַגאַזש און די פּאָליצייאישע משפחות —

פרויען און קינדער. זיי האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויפן באַגאַזש, אין אויטאָ, און מיר האָבן זיך געלאָזט אויפן וועג קיין וואַרשע.

אַ נסיעה קיין וואַרשע

איך האָב נאָך אַלץ געקלערט וועגן אַרויסדרייען זיך פון דער דאָזיקער נסיעה. איך האָב אויך שטאַרק געליטן דערפון, וואָס איך בין געצוווּנגען געוואָרן מחלל שבת צו זיין, אָבער דאָס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן, ווייל דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון פּרושניץ האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר, אין דער שאָפערקע, האַלטנדיק אַ רעוואָלווער אין האַנט. ער האָט דערביי מיך געוואָרנט: „זע, וואָס איך האַלט אין האַנט, אויב עס וועט עפּעס געשען מיטן אויטאָ, כאַפּסטו אַ קויל אין קאָפּ".

עס איז געווען פינצטער, דאָס ליכט אין אויטאָ (די לאַמטערנעס), האָב איך נישט געטאָרט אָנצינדן, און אַזוי בין איך געפאָרן ביז וואַרשע, אַן ערך 86 קילאָמעטער. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ סך פּויליש מיליטער און פּליטים, וואָס זענען געגאַנגען פון וואַרשע.

איך בין בשלום אָנגעקומען מיט מיינע פּאַסאַזשירן קיין וואַרשע. אָפּגעלאָדנט דעם באַגאַזש און די מענטשן לויט די אָנגעוויזענע אַדרעסן. באַלד דערנאָך האָב איך געהאַט בדעה זיך לאָזן צוריק אַהיים, קיין מאַקאָוו. אין דעם מאָמענט איז צו מיר צוגעקומען אַ וואַרשעווער פּאָליציאַנט און געזאָגט: „איך מאָביליזיר דיין אויטאָ צוזאַמען מיט דיר. פאָר מיט מיר, איך וועל דיר ווייזן ווו זיך אָפּצושטעלן". ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין דעם פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אויף ציעפּלאַ־גאַס, אָבער ווי נאָר דער פּאָליציאַנט איז אַוועק, האָב איך אָנגעצינדן דעם מאָטאָר און אָפּגעפאָרן. איך בין צוגעקומען צום הויז פון ישראל און נתן מאָנטשקאָווסקי (היינט, אין ישראל, הייסן זיי שחר), זיי האָבן געהאַט אַ געשעפט פון אויטאָ־טיילן אויפן פּלאַץ פון אייזערנעם טויער. איך האָב גענומען ביי זיי אַ באַטעריע צו דער מאַשין, און ביי אָרליקן, אויף פראַנציסקאַנער גאַס — בענזין, כדי איך זאָל קענען דערלאַנגען זיך צוריק אַהיים, מיטן אויטאָ.

די מאָנטשקאָווסקיס האָבן מיך געבעטן איך זאָל איבערגעבן זייער שוואָגער עזרא, אַז ער זאָל שיקן פאַרזייערטוועגן שפּייז, קיין וואַרשע. איידער איך האָב באַוויזן אָפּצופאָרן, איז פאָרגעקומען אַן אָנפאַל („נאַלאָט") פון דייטשע עראָפּלאַנען. איך האָב געהערט די שרעק־לעכע אויפרייסן. ווען עס איז שטיל געוואָרן, האָב איך מיך געלאָזט אין וועג אַריין, און שבת אין דער פרי אַרום 9 אַזייגער, האָב איך מיין מאַשין אַוועקגעשטעלט אין גאַראַזש, אין מאַקאָוו.

איך בין נישט געגאַנגען גלייך אַהיים אויס מורא, אַז מען וועט מיך ווידער מאָביליזירן. איך בין אַריין צו מיין פעטער יוסף הענדעל און דאָרט זיך געלייגט שלאָפן. מיין קוזין שמוליק האָב איך געשיקט צו מיר אַהיים אָנזאָגן דער מוטער, אַז איך בין שוין צוריק דאָ, אָבער אויב מען וועט מיך זוכן, זאָל זי נישט זאָגן ווו איך בין.

עס פאַלן באָמבעס

ווי נאָר די פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין צוריקגעקומען, איז מען גלייך געקומען צו אונדז אין שטוב מיך זוכן. און זעענדיק, אַז איך בין נישטאָ, האָט די פּאָליציי גענומען אַ צווייטן שאָפער סרולעק סקוזאַ, און זיי האָבן אים געצוווּנגען צו פאָרן מיט מיין אויטאָ — וווּהין ווייס איך נישט. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז סקוזאַ צוריקגעקומען קיין מאַקאָוו אַליין, אָן דער מאַשין. ער האָט דערציילט, אַז בעת אַ באָמ־באַרדירונג, ביי דער רומענישער גרענעץ, איז דער אויטאָ פאַרברענט געוואָרן.

זונטיק פרי איז געווען אַ באַפעל פון מאַגיסטראַט, אַז אַלע יונגע מענטשן זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט און אין פּולטוסק זיך צושטעלן צום מיליטער. איך, מיט מיינע דריי ברידער און נאָך חברים, זענען אַרויס קיין פּולטוסק. דאָרט האָבן מיר זיך צוגעשטעלט צום מיליטער. מען האָט אונדז אָבער נישט צוגענומען מיטן מאָטיוו, אַז ס׳איז נישטאָ קיין געווער. מ׳האָט אונדז געהייסן גיין ווייטער, צו פאַרטיידיקן וואַרשע.

איך מיט די דריי ברידער און מיט דער שוועסטער מיכלע, ווי אויך מיט מיינע קוזינען שמואליק הענדעל און משה באַכראַך, האָבן אַרויפגעלאָדנט אונדזערע פּעקלעך אויף אַ וואָגן און אָנגעקומען קיין וואַרשע, אויף כלאָדנע 41־43, ווו עס האָט געוווינט דער שוועסטערס אַ שוואָגער. ביי אים, אויפן זעקסטן שטאָק, איז געווען אַ פרייער צימער. דאָרט האָבן מיר זיך צייטווייליק איינגעאָרדנט. אין משך פון 4 וואָכן האָבן מיר דאָרט גע־וווינט. מיר האָבן איבערגעלעבט די דייטשע באָמבאַרדירונג. יעדן אָוונט געשטאַנען ביי די בעקערייען נאָך ברויט. איינמאָל, ביינאַכט, ווען מיר זענען געשטאַנען אין אַ געסל נאָך ברויט, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן באַשיסן די דאָזיקע געגנט מיט אַרטילעריע־פייער. איך האָב געזאָגט צו מיינע ברידער, אַז מען מוז פון דאָרט אַוועקגיין, ווייל לויט דער ריכטונג פון דעם פייער פאַרשטיי איך, אַז זיי צילן צו אונדז. ווי נאָר מיר זענען אַוועק איז געפאַלן אַ באָמבע, פּונקט אויף דעם זעלבן אָרט ווו מיר זענען פריער גע־שטאַנען. עטלעכע מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן און אַ סך פאַרוווּנדעט.

איך דערמאָן זיך, אַז איין מאָל, ווען איך האָב מיך געפונען מיטן ברודער פּיניע און זיין שוואָגער פישל ליכטענשטיין אויף סמאָטשע גאַס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באָמבאַרדי־רונג. מיר זענען אַריינגעלאָפן אין אַ טויער, אין לעשנאָ־פּאַסאַזש, דערביי האָב איך באַמערקט, ווי ס׳איז צוגעפאָרן איינער אויף אַ ראָווער און האָט געמאַכט צייכנס מיט דער האַנט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער סיגנאַליזירט צו די דייטשן. מיר האָבן שנעל פאַרלאָזן דאָס טויער, און ווי נאָר מיר זענען פון דאָרט אַוועק, איז אויף דעם זעלבן אָרט געפאַלן אַ באָמבע.

אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום איז צו אונדז קיין וואַרשע געקומען אונדזערס אַ בן־עיר, טוביה סעגאַל. ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז לויפנדיק צוריק פון פראָנט האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם רוקזאַק און די איבעריקע זאַכן (חוץ די ביקס). אויפן וועג

האָט ער געפונען אַ פּאָר תפילין, ער האָט זיי אויפגעהויבן, און איצט גייט ער דאַווע־נען. ווייל דאָס, האָט ער געזאָגט, האָט אים געהאָלפן צו ראַטעווען זיך פון די קוילן. ער האָט דערציילט וועגן דעם שוידערלעכן קאַמף אויפן פראָנט און צוגעגעבן, אַז דער דייטש האָט דורכגעבראָכן אַלע פראָנטן און ער מאַרשירט אומעטום פאָרויס.

ראש־השנה און יום־כיפור האָט אונדזער שטאָטישער ראַטמאַן און דער אָנפירער פון דער קהילה מאיר אָסטראָ איינגעאָרדנט אַ מנין, און מיר האָבן געדאַוונט אויף כלאָדנע־גאַס ביי אונדזער קרוב טענענבוים. אין טאָג ווען די דייטשן זענען אַריין, זענען די גאַסן געווען ליידיק. אַלץ איז געווען חרוב, צעבראָכענע לאַמטערנעס, טויטע פערד אויסגעמישט מיט טויטע מענטשלעכע קערפּערס, האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן. מיר זענען געשטאַנען אין טויער און געזען ווי דייטשן אַרעסטירן פּוילישע אָפיצירן. מען האָט פון זיי אַראָפּגעריסן די שליפעס און דערביי זיי געשלאָגן. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן מיט ברויט. די דייטשן האָבן געשריגן „יודען וועג". איך האָב פאַרשטעקט דאָס היטל, מען זאָל נישט דערקענען אַז איך בין אַ ייד, און ס'איז מיר געלונגען צו כאַפּן אַ ברויטל און אַנטלויפן. שפּעטער האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן אָנ־ווייזן אויף יידן. די דייטשן האָבן גענומען שיסן. איך בין קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.

צוריק קיין מאַקאָוו

די דייטשן האָבן אַרויסגעהאָנגען אַפישן אין די גאַסן, אַז אַלע פּליטים קענען זיך צוריקקערן אין זייערע היימען. איך מיט מיין ברודער ירחמיאל, שמואל הענדעל און משה באַכראַך האָבן זיך אָרגאַניזירט, גענומען נאָך עטלעכע שטאָטישע חברה — שמואל דזענקעוויטש, משה־יהודה פּרעשבערג און אַנדערע, און מיר האָבן זיך געלאָזט קיין מאַקאָוו. פון וואַרשע זענען מיר אַרויס 5 אַזייגער פאַרטאָג. מיר זענען אָנגעקומען קיין יאַבלאָנע־לעגיאָנאָווע. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיטן חבר משה ווילענבערג. די שמחה איז געווען זייער גרויס. ער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט. דאָס זעלבע פּאָר אַנדערע און געזאָגט, אַז זיין מאָטאָציקל ליגט באַגראָבן. אויב איך וויל, קען איך אים נעמען און פאָרן אַהיים קיין מאַקאָוו. איך האָב צו אים געזאָגט: „ניין, בעסער גיין צופוס, מען וועט אים צונעמען".

מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער באַן־סטאַציע, האָבן די דייטשן אונדז פאַרהאַלטן, איינגעזעצט אין תפיסה. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַ סך מענטשן. די דייטשן האָבן אונדז געהאַלטן עטלעכע טעג. בייטאָג האָבן זיי אונדז גענומען אויף אַרבעט צו פּוצן די מאַשינען, די צימערן, די שיך פון די זעלנער. דאָרט האָט מען „אָרגאַניזירט" ברויט, סיגאַרעטן. איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, האָבן די דייטשן צוזאַמענגענומען אַלע יידן און מען האָט אונדז געהייסן אַרומטאַנצן אַרום די מאַשינען און זינגען יידישע לידער. משה־יהודה פּרעשבערגן האָט זיך איינגע־געבן אַרויסצובאַקומען ביים דייטשן עלטסטן אַ „פּשעפּוסטקע", (שיין) פאַר 10 מענטשן.

צומאָרגנס זענען מיר אַרויס אין דער ריכטונג פון מאַקאָוו. ווען מיר זענען צוגעקומען צום טייך נאַרעוו איז די זעגזשער בריק געווען אויפגעריסן. מיר זענען אַרויף אויף אַ פּאָנטאָן־בריק, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט. דער דייטשער פּאַטרול האָט אונדז אָבער נישט דורכגעלאָזט און מיר זענען אַוועק צוריק, אויפן וועג קיין נאָווידוואָר, אין דער ריכטונג פון נאַשעלסק. בערך אַ 20 ק״לאָמעטער פון נאַשעלסק, איז אונדז ווידער אויסגעקומען איבערצוגיין אַ בריק. די דייטשע וואַך האָט אונדז אויך דאָ נישט צוגעלאָזט. משה־יהודה פרעשבערג האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן דייטשן קאָמאַנדיר און מען האָט אונדז אַדורכגעלאָזט. מיר זענען אָנגעקומען קיין נאַשעלסק.

אין נאַשעלסק האָט געוווינט מיין זיידע ישראל־יצחק באַכראַך מיט דער באָבע אסתר־איטע. זיי האָבן געהאַט אַ בעקעריי צוזאַמען מיטן פעטער יחיאל. בעת מיר זענען אַריינגעקומען צו זיי, איז דער זיידע געשטאַנען ביים אויוון און געבאַקן ברויט. ווען ער האָט אונדז דערזען, האָט ער פון גרויס פרייד אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ער האָט אונדז אַלעמען געגעבן וואַרעם ברויט „גלייך פון אויוון אַרויס". מיר האָבן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. דער זיידע האָט אונדז פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן בלייבן אויף שבת.

זונטיק, 5 אַזייגער פאַרטאָג, זענען מיר אַרויסגעפאָרן אין דער ריכטונג פון מאַקאָוו. 5 קילאָמעטער הינטער דער שטאָט האָבן פּויערים אונדז געטראָפן און געזאָגט: „זשידקי, דאָקאָנד יעדזיעציע? (יידעלעך, וווּהין פאָרט איר?), אין מאַקאָוו איז דאָך שוין נישטאָ אַפילו קיין איין ייד". מיר האָבן דאָך באַשלאָסן צו פאָרן ווייטער אין שטעטל. קומענדיק אַהין, איז מיין מאַמע אונדז אַנטקעגנגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער קוזינע גאָלדע הענדעל. איך האָב זיי געפרעגט: „מאַמעלע, וווּהין גייסטו?" און זי האָט אונדז געענטפערט: „אַ געוויסע משפחה איז געקומען פון וואַרשע, בין איך געגאַנגען אָפּנעמען פון אייך אַ גרוס". איך האָב איר דערציילט וועגן דעם, וואָס די פּויערים האָבן אונדז איבערגעגעבן, און זי האָט אונדז געענטפערט: „ס׳איז שקר וכזב. אַלע זענען דאָ און אַלץ איז אין אָרדענונג".

מיר זענען אַריין צו דער משפחה הענדעל. מיט אונדז איז אויך געווען די משפחה באַכראַך. מיר אַלע, מיט די באַכראַכס, זענען דערנאָך אַריבער צו אונדז אין דער דירה, אויף גאַרבאַרסקע־גאַס.

מען כאַפּט אויף אַרבעט

מיין עלטערער ברודער ירחמיאל האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר די דייטשן. ער האָט דעריבער זיך אָפּגעהאַלטן פון אַרויסגיין אין גאַס. איך אָבער האָב זיך געפילט אַ ביסל פרייער געווזט ווי זיך צו „דרייען" צווישן די פּויערים. אָפט האָט אונדז די מאַמע פאַרשלאָסן אין שטוב (מיט אַ דרויסנדיקן שלאָס). ווייל די דייטשן זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז און געשלעפּט צו דער אַרבעט. איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן

AMERICAN JOINT DISTRIBUTION COMMITEE, WARSAW

Warschau, den 2.Mai 1940

No.0/419/40

An die
Jüdische Gemeinde
z Hd.des Herrn A.Rozental
<u>M a k ó w</u>
Rynek 31

In Beantwortung Ihres Briefes vom 22.v.Mts. teilen wir mit, dass Ihnen in den nächsten Tagen die bewilligte Subwention überwiesen werden wird.

Wir würden Sie bitten, nachstehende Personen in die Verteilungkommission einzuberufen, und zwar:

Herren: Chilinowicz Szymon Chaim
Berenbaum Abe
Garfinkiel Abram
Monkacz Fiszel

Ferner bitten wir, uns einen Bericht über die Tätigkeit des Hilfskomitees zugehen zu lassen.

Hochachtungsvoll
American Joint Distribution Commitee

JS/ak

תעודות אשר נשלחו ע"י המכון ההסטורי היהודי בורשה, לפי פניתו של הועד למען הספר בישראל
דאָקומענטן געשיקט דורך דעם יידישן אינסטיטוט אין וואַרשע אויף דער ווענדונג
פון ועד למען הספר אין ישראל.

ביי אַ דייטש אַלס עלעקטריקער. ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ, האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויס פון דאָרט, און ווידער אַהין אַריינקומען. דאָס האָט מיר דער־מעגלעכט צו אָרגאַניזירן אַ ביסל שפּייז פאַר מיר און דער משפּחה.

יום־כּיפּור 1940, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן שאַפן אַ געטאָ פאַר יידן אין שטאָט. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער הונגער, אַ טיפוס. איך האָב ווייטער געאַרבעט לויט דער אָנווייזונג פון דעם דייטש שומאַן, וואָס איז אָנגעקומען פון דייטש־לאַנד. ער איז געווען ציוויל געקליידעט און איז געוואָרן דער באַלעבאָס איבער די עלעקטרישע איינריכטונגען אין שטאָט. שומאַן האָט פאַרנומען דאָס הויז (פּאָטשעקאַלניע) וווּ ס׳האָט אַמאָל געוווינט יעקב־משה סקורניק, וועלכער האָט פאַרלאָזט די שטאָט נאָך פאַרן קריג. דאָרט זענען געשאַפן געוואָרן מאַגאַזינען פון עלעקטרישע מאַטעריאַלן און אויך די ביוראָ פון שומאַנען.

איינמאָל האָט מען מיך געבעטן, אַז איך זאָל אַריינגעמען צו דער אַרבעט, אַלס מיין געהילף, פייוול סקאַלע. איך האָב עס גערן געטאָן. ער האָט אָבער אָנגעהויבן אינטריגירן קעגן מיר ביי שומאַנען און לסוף האָט מען מיך מיטן ברודער באַזייטיקט פון דער דאָזי־קער אַרבעט, און סקאַלע האָט פאַרנומען מיין פּלאַץ. איך האָב דעריבער געמוזט גיין אויף שוואַרצער אַרבעט. צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 40 יידן האָט מען מיך געשיקט אין די דערפער, אַרום 15 קילאָמעטער פון שטאָט. מען האָט אונדז געהייסן אַרויסנעמען גרויסע שטיינער פון זאַמדיקן באָדן. דאָרט זענען מיר געשלאָפן און די איינציקע שפּייז איז געווען אַ פּאָר קאַרטאָפל מיט וואַסערדיקער קאַשע.

ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָבן זיי חרוב געמאַכט די גרויסע, אַלטע שול אין מאַקאָוו. זיי האָבן אַראָפּגעריסן דעם אָרון־קודש, דעם באַלעמער, די פּאָדלאָגע מיט די בענק און איינגעאָרדנט דאָרט אַ רייט־שולע. שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן בויען פאַר זיך הייזער, האָבן זיי אָנגעהויבן פונאַנדערנעמען די שול און די ציגל פאַרווענדט פאַרן דאָזיקן בוי. דעמאָלט איז די שול פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן און ס׳איז געבליבן אַ ריינער פּלאַץ. דעם דאָזיקן פּלאַץ האָט דער דייטשער געטאָ־קאָמיסאַר אויסגענוצט פאַר זיינע סאַדיסטישע צוועקן. יעדן פאַרנאַכט פלעגט ער נעמען על־פּי־רוב יונגע מענטשן, בחורים און מיידלעך און זיי געטייטלט שמיץ. צווישן זיינע קרבנות זענען געווען אַברהם בלום ז״ל, טאָבטשע ראָזענבערג און איר שוועסטער כאַנטשע ז״ל, איינע פון דזשינקעוויטשעס מיידלעך און אַ סך אַנדערע. נאָך אַזאַ שמייסן האָט מען אַ שטיק צייט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט, געווען געשוואָלן און געמוזט צולייגן קאַלטע קאָמפּרעסן.

אַ באַפעל אָפּצושערן די בערד

דער געטאָ־קאָמיסאַר האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן אָפּשערן די בערד און די פרויען אָפּגאָלן די האָר פון קאָפּ. די ערשטע פרוי וואָס האָט זיך

אָפּגעשוירן די האָר איז געווען די פּרוי פון אברהם גארפינקעל, פּאָרזיצער פון יודענראַט. ער האָט געהייסן זיין פּרוי ווייזן דעם ערשטן ביישפּיל פון אָפּשערן זיך די האָר.

אַ שוידער און אַ וויינטאָק האָט מיך אַרומגעכאַפּט, ווען כ'האָב דערזען ווי שרעקלעך די פרויען זעען אויס מיט די אָפּגעגאָלטע קעפּ. טרערן האָבן מיך געשטיקט אין האַלדז. איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך געשעמט צו קוקן זיי אין די אויגן אַריין.

אויפן באַפעל פון די דייטשן, האָבן די יידן אָפּראַזירט די בערד, אויך אַלטע לייט. נאָר איין ייד, דער אָנגעזעענסטער אין שטאָט, יעקב־דוד הענדעל, אַ ייד אַ בן־תורה, אַ תלמיד־חכם — ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצושערן די באָרד. „איך וועל זיי נישט אָנטאָן דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן" — האָט ער געזאָגט. טעג און נעכט איז ער געלעגן אין קעלער, נישט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אויף דער ליכטיקער שיין. „אָט דאָ, אין פינצטערן קבר, וועל איך אויסגיין, אָבער קיין האָר פון דער באָרד וועל איך נישט אָפּשערן" — האָט ער געטענהט.



מבט על מקום הרצח, מאקוב 1945

אַ בליק אויפן רציחה־פּלאַץ, מאַקאָוו 1945

איך ווייס נישט צי האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצופירן זיין באַשלוס. איך האָב אים מער נישט געזען, ווייל מען האָט אים אַריבערגעפירט קיין ציעכאַנאָוו, אין אַ לאַגער, און איך ווייס נישט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. דאַקעגן אַנדערע יידן, ירא־שמים, זענען געווען געצווונגען אויסצופירן די דאָזיקע גזירה און זיך לאָזן אָפּשערן די בערד. דאָס האָבן געטאָן חסידים פון אַלעקסאַנדערער שטיבל, פון גערער און אַמשינאָווער שטיב־

לעך. „מיר פאַרלאָזן זיך אויף גאָט, זאָל ער זיך אָננעמען אונדזער קריוודע״ — האָבן זיי געזאָגט.

איך געדענק, אַז איינמאָל אין אַ פּרייטיק־צונאַכטס, האָבן די דייטשן געכאַפּט עטלעכע יידן און איינגעזעצט אין אַרעסט. דער דייטשער פּאָליציאַנט, וואָס האָט געהאַלטן וואַך, איז ביינאַכט אַריין אין אַרעסט־צימער און האָט די יידן שטאַרק צעשלאָגן. דער צווייטער דייטשער פּאָליציסט, וואָס איז געקומען טוישן דעם ערשטן, האָט געטראָפן דעם שלעגער אַ שלאָפנדיקן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. ער איז צוגעגאַנגען צו אים, אָנגערירט אים מיט דער האַנט, און איידער ער האָט נאָך באַוויזן אויסצורעדן צו אים אַ וואָרט, איז דער דייטש געפאַלן צו דער ערד, ווי אַ נבלה. ער איז געווען טויט.

אויף די יידן איז געפאַלן אַ גרויסער פּחד. מען האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט זיי באַשולדיקן אין הרגענען דעם דייטש. אָבער עס איז געשען אַ נס. די דאָקטוירים, וואָס האָבן אונטערזוכט דעם טויטן קערפּער פונעם פּאָליציאַנט האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. די יידן האָבן אין דעם געזען אַן אצבע אלוקים, אַז ער האָט באַקומען אויפן אָרט די שטראָף פון גאָט, פאַרן איזדיעקעווען זיך איבער די אומשולדיקע יידן.

דער העלדן־טויט

דריי יונגע בחורים פון פּולטוסק זענען געווען אין געטאָ. איינמאָל זענען זיי אַרויס פון דאָרט צו זוכן שפּייז אין דאָרף שעלקאָוואָ, 9 קילאָמעטער פון שטעטל. איינעם פון זיי געדענק איך, דאָס איז געווען יוסף רובין — „סקאָפּ״. די פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט אין שעלקאָוואָ און געוואָלט דערשיסן, אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג, אויפן שאָסיי. די דאָזיקע דריי יידן האָבן אָנגעהויבן בעטן די פּאָליציי, אַז מען זאָל זיי נישט דערשיסן אין די אויגן פון די דאָרפסלייט, נאָר פירן זיי אין וואַלד אַריין און דאָרט אויספירן דעם אורטייל. ווי נאָר זיי זענען אַריין אין וואַלד, האָט רובין־„סקאָפּ״ מיט זיינע צוויי חברים זיך געוואָרפן אויף די פּאָליציאַנטן, זיי אַנטוואָפנט, געשלאָגן מכות־רצח און אַנטלאָפן. אַלע דריי זענען געקומען צוריק אין געטאָ. יוסף רובין־„סקאָפּ״ איז געווען שווער פאַרוווּנדעט אין קאָפּ. אַ יידישער דאָקטאָר פון בערלין, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אין געטאָ צו באַהאַנדלען די קראַנקע, האָט פאַרבאַנדאַזשירט דעם קאָפּ פון יוסף רובין־„סקאָפּ״.

אויפן דריטן טאָג נאָך דער דאָזיקער געשעעניש, איז אַריינגעקומען שטיינמעץ, דער דייטשער קאָמיסאַר פון געטאָ און געזוכט דעם „פאַרוווּנדעטן יודע״. ער האָט אַרויסגערופן דעם דאָקטאָר און אים געפרעגט צי ער האָט באַהאַנדלט אַ פאַרוווּנדעטן ייד. דער יידישער דאָקטאָר האָט אים געענטפערט, אַז ניין, אַזאַ ייד האָט זיך צו אים נישט געוואָנדן וועגן דערטיילן מעדיצינישע הילף. באַלד נאָכדעם, איז שטיינמעץ אַוועק אין דער וווינונג פון יוסף רובין־„סקאָפּ״ און דאָרט אים געטראָפן מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. שטיינמעץ

האָט אים באַפוילן אויפשטיין פון בעט און מיטגיין מיט אים. יוסף רובין־„סקאָפּ" איז געפּייניקט געוואָרן אויף אַ סאַדיסטישן אופן. ווען ער האָט שוין נישט געקענט אויס־האַלטן מער די יסורים, האָט ער איבערגעגעבן צו אַברהם גאַרפינקעל, אַז ער זאָל אינ־טערווענירן ביי די דייטשן זיי זאָלן אים דערשיסן, ווייל ער קען מער נישט אויסהאַלטן די יסורים. זיי האָבן אים אָבער געפּייניקט נאָך עטלעכע טעג, און דערנאָך האָבן דריי דייטשע פּאָליציאַנטן א״ם אַרויפגעזעצט אויף אַ וואָגן און געפירט הינטער דער שטאָט. ווען יוסף רובין־„סקאָפּ" האָט געפילט, אַז ער איז שוין הינטער דער שטאָט, האָט ער זיך מיט די לעצטע כוחות אויפגעריסן פון וואָגן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די דריי פּאָלי־ציאַנטן, וואָס זענען די גאַנצע צייט געזעסן אויף א״ם, און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. די פּאליציאַנטן האָבן אויף אים געעפנט אַ פייער — און ער איז געפאַלן טויט.

דערמיט האָט זיך אָבער דער ענין נאָכנישט געענדיקט. דער געטאָ־קאָמיסאַר שטיינ־מעץ האָט געפאָדערט נאָך קרבנות. זיין טריפהנער כעס האָט זיך נאָכנישט איינגעשטילט. ביז ער איז אַריין אין געטאָ, אַרויסגענומען 20 יידן און זיי עפנטלעך אויפגעהאָנגען, אַלס שטראָף פאַר דער „חוצפּה" פון יוסף רובין־„סקאָפּ", וואָס האָט געוואַגט זיך קעגנשטעלן דער פּאָליציי. אויך דעם יידישן דאָקטאָר פון וואַרשע האָט ער געלאָזט אויפהענגען. און אַזוי האָבן 21 יידן באַצאָלט מיטן לעבן פאַרן פּרווו צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד ד׳ דייטשע פּאָליציאַנטן.

אין ציעכאַנאָוו

צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 300 יידן בין איך אַרויסגעפאָרן אויף אַרבעט קיין ציע־כאַנאָוו. מיר האָבן אויסגעפירט פאַרשידענע אַרבעטן אין דייטשע פירמעס. מ׳האָט אונדז צוגעטיילט דריי באַראַקן. יעדן פרימאָרגן האָט מען אונדז געציילט און איינגעטיילט גרופּעסווייז צו יעדער פירמע. בראש פון יעדער גרופּע האָט געדאַרפט גיין אַן אַרבעטער און באַגריסן די דייטשן. איינמאָל בין איך געגאַנגען בראש פון אַזאַ גרופּע. מען האָט געדאַרפט דורכגיין אַ פעלד, ווו מען האָט געגראָבן טאָרף. דאָרט איז געשטאַנען אויף דער וואַך היטלער־יוגנט. די דאָזיקע כוליגאַנעס האָבן זיך אַריינגעריסן צווישן אונדז און געשלאָגן יעדן איינעם מכות־רצח. מיר האָבן זיך פאַרקלאָגט פאַרן לאַגער־שעף און ער האָט אונדז פערזענלעך געפירט, כדי מיר זאָלן אויסמיידן קלעפּ.

אין ציעכאַנאָוו האָט זיך געפונען דאָס הויז פון געשטאַפּאָ. דאָס איז געווען ממש אַ שעכטהויז. ווער עס האָט געהאַט דאָס אומגליק אַהין אַריינצופאַלן, איז שוין לעבעדיק פון דאָרט נישט אַרויס. ווען מען איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרן דאָזיקן הויז, האָט מען געמוזט האַלטן דאָס היטל אין האַנט, 10 מעטער פאַרן הויז, און 10 מעטער נאָכן הויז. ווען איינער פון די דייטשע שומרים האָט באַמערקט, אַז דער דאָזיקער באַפעל איז דורך עמעצן נישט אויסגעפירט געוואָרן, פלעגט מען אַזאַ איינעם אַרייננעמען אינעווייניק, און מער איז ער שוין פון דאָרט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס.

געווען אַ פאַל אין ציעכאַנאָוו, ווען די דייטשן האָבן געטראָפן אַ מנין יידן ביים דאַווענען. מ׳האָט די יידן, מיט די טליתים, אַריינגעפירט אין געשטאַפּאָ. דאָס איז געווען אַ שבת־טאָג. מ׳האָט זיי אָבער באַפוילן ברענגען תפילין און דאַווענען פאַר די געשטאַפּאָ־לייט. נאָכן איזדיעקעווען זיך איבער זיי, האָט מען זיי מיט קלעפּ אַרויסגעטריבן אין גאַס.

איך געדענק, אַז איינמאָל האָט מען אויפן ספּאָרט־פּלאַץ אין ציעכאַנאָוו געהאָנגען עטלעכע יידן. מען האָט דאַן גערופן די דייטשן, אַז זיי זאָלן קומען אויפן ספּאָרט־פּלאַץ צוזען דעם ספּעקטאַקל. מען האָט ביי זיי געפּאָדערט צו באַצאָלן אַ מאַרק אַלס איינטריט־געלט. די דייטשן זענען געווען שטאַרק אויפגערעגט, פאַרוואָס מען האָט זיי געהייסן צאָלן אַ מאַרק פאַר אַ ספּעקטאַקל, וואָס זיי האָבן געקענט זען אומזיסט...

נישט געוואָלט אַרבעטן

אַ געוויסער כוויטעיקאָ, אַ יונגער בחור פון אַ יאָר 18 האָט געזאָגט, אַז ער איז קראַנק און איז נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. „איך האָב זיי אין דר׳ערד, די דייטשן״ — האָט ער געטענהט — איך וועל פאַר זיי נישט אַרבעטן. אַלצאיינס וועלן זיי אונדז אומ־ברענגען, טאָ צו וואָס זאָל איך זיי נאָך ברענגען נוצן?״.

דער לאַגער־פירער האָט צוזאַמענגענומען עטלעכע מענטשן פון אונדז און געוואָרנט דעם בחור, אַז אויב ער וועט נישט אַרויס צו דער אַרבעט, וועט ער דערשאָסן ווערן. ער האָט באַלד באַפוילן אין געטאָ צו אברהם גאַרפינקעל און צו די עלטערן פונעם בחור, אַז זיי זאָלן משפיע זיין ער זאָל אַרויס צו דער אַרבעט. אַלע אינטערווענצן האָבן אָבער נישט געהאָלפן, און ביז צו דער או־סזידלונג פון לאַגער איז ער נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער זיך מיישב געווען און געזאָגט, אַז ער וויל שוין יאָ גיין צו דער אַרבעט, אָבער דער לאַגער־פירער האָט אים נישט דערלויבט דאָס צו טאָן. בערך אין סעפּטעמבער 1942, אין איינעם אַ נאָכמיטאָג, איז פאָרגעקומען די ערשטע אויסזידלונג פון ציעכאַנאָוו און מלאַווע. דער לאַגער־פירער האָט אונדז גע־מאָלדן, אַז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון ציעכאַנאָוו קומט צו אונדז אין לאַגער. ער האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַ רעדע, אַז מען זאָל זיך נישט צוזאַמענקומען מיט די דאָזיקע נייע מענטשן, וואָס וועלן קומען, נישט פירן מיט זיי קיין געשעפטן, נישט פאַרשטעקן קיין געלט, גאָלד, זילבער און אַנדערע ווערטזאַכן. ער האָט געוואָרנט, אַז ביי וועמען מען וועט געפינען עפּעס פון דעם, וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

אַלע איינוווינער פון ציעכאַנאָוו זענען דערנאָך געבראַכט געוואָרן אין לאַגער. זיי האָבן איבערגענעכטיקט און צומאָרגנס אין דער פרי זענען מיר אַלע געפאָרן קיין מלאַווע. מ׳האָט אונדז אַהין געפירט אין אויטאָס. פריער איז געפאָרן די באַפעלקערונג פון צי׳ע־כאַנאָוו און שפּעטער — מיר, וואָס האָבן די לעצטע פאַרלאָזט דעם לאַגער. ביים אויפ־לאָדענען דעם טראַנספּאָרט זענען עטלעכע יידן דערשאָסן געוואָרן.

דערשאָסן די פּרוי פון יידישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט

די ציעכאַנאָווער יידן האָט מען אין מלאַווע אַריינגעפירט אין דער מיל אַריין, און אונדז, די מענטשן וואָס זענען געקומען פון אַרבעטס־לאַגער — אין אַ סטאָדאָלע (שייער). ס׳איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. פון די ציעכאַנאָווער מענטשן האָבן זיי געהייסן גיין אין מיל — מענער, פרויען און קליינע קינדער. ווער עס איז געווען אַ לאָמער, האָט מען אים דערשאָסן אויפן אָרט. מיר, די מענטשן פון אַרבעטס־לאַגער, זענען געווען די לעצטע. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דער סטאָדאָלע. אין אָוונט האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט פון שייער כדי צו זוכן אַן אָרט צום שלאָפן. מיינער אַ חבר אין מלאַווע איז געווען אַ פּאָליציאַנט אין דער יידישער פּאָליציי. ער האָט געהייסן אַלטער (דעם פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט). אין אָוונט האָט ער מיך אַריינגענומען אין דער פּאָליציי־סטאַציע. ווען איך האָב זיך דאָרט געפינען איז אָנגעקומען דער יידישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט מיט זיין פרוי, אויף אַ באַזוך אין דער פּאָליציי־סטאַציע. אין דעם מאָמענט זענען אָנגע־קומען צוויי דייטשע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן זיך אַ ביסל אונטערגעהאַלטן מיט די יידישע פּאָליציי־לייט. די פרוי פון יידישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט שפּעטער זיך אָנגערופן צו איר מאַן: „איך גיי אַהיים״. און זי איז אַרויס, דאַקעגן איר מאַן איז נאָך פאַרבליבן אויף דער פּאָליציי־סטאַציע. ס׳האָט נישט געדויערט מער ווי עטלעכע מינוט און פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן צוויי שאָסן. איינער פון די יידישע פּאָליציאַנטן איז אַרויסגעלאָפן זען וואָס דאָרט האָט פּאַסירט. באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אָנגעזאָגט דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי די טרויעריקע בשורה, אַז די צוויי דייטשע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן נאָר־וואָס באַזוכט די פּאָליציי־סטאַציע, האָבן דערשאָסן זיין פרוי.

איך האָב געבעטן מיין חבר, דעם יידישן פּאָליציאַנט, ער זאָל מיך צוריקפירן אין שייער אַריין. אַ גאַנצע נאַכט בין איך שוין נישט געשלאָפן. יעדעס מאָל ווען איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם, וואָס האָט נאָר וואָס פּאַסירט, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שוידער.

צומאָרגנס אין דער פרי, האָב איך אָבער צוגעזען נאָך אַ שוידערלעכן מאָרד. אין שייער זענען אַריינגעקומען עטלעכע דייטשע פּאָליציאַנטן, מיטן קאָמענדאַנט פון ציע־כאַנאָווער פּאָליציי־קאָמאַנדע בראש. זיי האָבן אַרויסגענומען דעם בחור כוויטעיקא (וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן פאַר די דייטשן) און אים דערשאָסן. די דייטשן זענען געקומען ספּעציעל פון ציעכאַנאָוו כדי אים צו דערמאָרדן.

די טראַנספּאָרטן פון מלאַווע

נאָכדעם ווי זיי האָבן כוויטעיקאָן דערשאָסן, האָבן זיי פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז בקרוב וועט אַרויסגעשיקט ווערן אַ טראַנספּאָרט פון מלאַווע (אין מאַקאָוו איז נאָך גע־בליבן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג). איין טראַנספּאָרט איז שוין געווען אָפּגעשיקט

פון מלאַווע. מיר זענען געווען דער צווייטער טראַנספּאָרט. מען האָט אינטערווענירט ביים יודנראַט אין מלאַווע, אַז אַזוי ווי עס דאַרף אָנקומען אַ טראַנספּאָרט פון מאַקאָוו, זאָל מען אונדז דערווייל איבערלאָזן, כדי מיר זאָלן זיך פאַראייניקן מיט די משפּחות. די אינטערווענץ האָט נישט געהאָלפן. מ׳האָט אונדז געענטפערט: „איר מוזט אַרויס מיטן טראַנספּאָרט, וואָס גייט מאָרגן אָפּ״. איך האָב געוואָלט וואַרטן אויף דער מאַמע מיטן ברודער און די איבעריקע מיטגלידער פון דער משפּחה — שווענערינס, מומעס, פעטערס. מ׳האָט אונדז גענומען אויף דער באַן־סטאַציע צוזאַמען מיט די ציעכאַנאָווער און מלאַווער און געלאָדנט אין די וואַגאָנעס. — געיאָגט, געשלאָגן מכות־רצח. ווער עס איז אָפּגעשטאַנען אָדער נישט געוואָלט אַריין, איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די יאָמער־לעכע געשרייען פון די גערודפטע און געשלאָגענע זענען געגאַנגען עד לב השמים. איך בין געבליבן אַליין, אָן דער גאַנצער משפּחה, איינזאַם, צעבראָכן, הילפלאָז. איך האָב זיי שוין קיינמאָל מער נישט געזען.

מיר זענען פאַרבייגעפאָרן ראַדאָם, טשענסטאָכאָוו. אין טשענסטאָכאָוו האָבן מיר געזען דעם גרויסן חורבן: צעפּראַלטע טיר־און־פענצטער, מאַטראַצן, מעבל־שטיקער, כלים, בעטגעוואַנט, צעטרייבערט, צעבראָכן, אָנגעוואָרפן איינס אויפן אַנדערן אַזוי ווי נאָך אַ שלאַכט. מיר האָבן פאַרשטאַנען ווי שוידערלעך און גרויזאַם איז אונדזער אומגליק.

ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין בירקענאַו, אויסגעמאַטערטע, אויסגעפּייניקטע, פאַרשמאַכטע פון נישט עסן און טרינקען, צעבראָכן פיזיש און גייסטיק. במשך די צוויי מעת־לעת וואָס מיר זענען געפאָרן האָבן מיר נישט געגעסן און נישט געטרינקען. קינדער זענען אומגעקומען פון דורשט און דערשעפּונג.

אין בירקענאַו האָבן מיר געזען שטעכל־דראָטן מיט אַ באַלייכטונג אַזוי ווי אין מיטן העלן טאָג, און מיר האָבן פאַרשטאַנען וווהין מען פירט אונדז. דאָך האָבן מיר געהאָפט, אַז מען פירט אונדז אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

ביי די וואַגאָנען האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די עס־עס־מחבלים. זיי האָבן אויפגע־פּראַלט די טירן פון די וואַגאָנען און געשריגן: „אַלץ איבערלאָזן און אַרויס פון די וואַגאָנען״. ביי די וואַגאָנען איז געשטאַנען אַן עס־עס־מאַן און קאָמאַנדעוועט: „רעכטס לינקס״. מיר האָבן זיך דערנאָך איינגעשטעלט אין אַ ריי און מען האָט אונדז געפירט אין לאַגער. מען האָט סאָרטירט מענער באַזונדער, קינדער, פרויען און אַלטע לייט באַזונדער. ביי דער סעלעקציע האָט מען קינדער אָפּגעריסן פון מוטערס, פרויען פון מענער און על־טערן פון קינדער. די קולות און יאָמערלעכע געשרייען זענען געגאַנגען עד לב השמים. די אָפּגעקליבענע, צווישן וועלכע איך האָב זיך געפונען, האָט מען אַריינגעפירט אין לאַגער. מען האָט אונדז אָבער נישט אַריינגעפירט אין קיין באַראַקן, נאָר אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט געהייסן שטיין אינדרויסן. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1942. אַ קאַלטער האַרבסט איז דאַן געווען. ס׳האָט גערעגנט אָן אויפהער. מיר זענען געשטאַנען אין בלאָטע און אַזוי ווי אונטער אַ טוש, פון וועלכן דאָס קאַלטע וואַסער האָט געשפּריצט, דורכגעווייקט אונ־

דזערע מלבושים און דאָס גאַנצע לייב. איך האָב זיך איינגעקאָרטשעט פון דער קעלט און עס האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

פֿאַרנאַכט האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין באָד־הויז מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסטאָן. ווען מיר זענען צוגעפאַלן צום וואַסער, כדי צו שטילן אונדזער דורשט, האָט מען אונדז אָנגעהויבן באַלייגן מיט קלעפּ און געדראָט, אַז ווער עס וועט טרינקען וואַסער, וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט. מען האָט אויף אונדז געשפּריצט אייז־קאַלט וואַסער, און יעדער איינער האָט געדאַרפט אַריין אין אַ דערנעבנדיק צימער, ווו מען האָט אונדז געגעבן די „פּאַסיאַקעס", די אַרעסטאַנטן־מלבושים. פונדאַנען זענען מיר אַריין אין בלאָק.

מיין נאָמען : נומער 75267

ווי נאָר מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין בלאָק, האָט מען אונדז טאַטואירט נומערן אויף די הענט. איך האָב באַקומען דעם נומער 75267, דאָס איז שפּעטער געוואָרן מיין נאָמען. ווען מען האָט אויסגערופן דעם דאָזיקן נומער, האָב איך געוווסט, אַז איך דאַרף זיך שטעלן. נאָכן אויסטאַטואירן די נומערן האָט מען אונדז צוגעטיילט עסן: אַ ביסל זופּ מיט עטלעכע קאַרטאָפל אין שאָלעכץ. טראָץ דעם, וואָס איך בין געווען טויט־הונגעריק האָב איך דעם דאָזיקן מאכל נישט געקענט נעמען אין מויל אַריין, און איך האָב עס אָוועקגעשענקט אַ צווייטן. שפּעטער האָט מען אונדז געיאָגט אויף די „פּריטשעס". עס זענען געווען 4 „שטאָק" איינס אויפן אַנדערן. מיר איז אויסגעקומען צו ליגן אויפן פערטן שטאָק מיט נאָך 5 קאַצעטלער צוזאַמען (אויף יעדער פּריטשע 5 מענטשן). די פּריטשעס זענען געווען פון קיילעכדיקע שטעקנס פון בערעזע־האָלץ און אויבן מיט אַ ביסל שטרוי. מ׳איז געלעגן צוזאַמענגעדריקט ווי סאַרדינען אין אַ פּושקע. ווען איינער האָט געוואָלט זיך איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט, האָבן די איבעריקע פיר געמוזט זיך גלייכצייטיק איבערדרייען. פאַר אַלע פינף פּערזאָן האָט מען געגעבן בלויז צוויי דעקן מען האָט זיי גערופן „קאַנאַדישע קאָצן".

די קאַצעטלער, וואָס זענען געשלאָפן אויף די אונטערשטע פּריטשעס האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען, ווייל די לופט איז געווען אַ דערשטיקנדיקע קיין פענצטער האָט מען נישט געטאָרט עפענען און פון די שווייסיקע לייבער האָט געזאָצט אַן איבלדיקער ריח, וואָס האָט אָנגעפילט דעם באַראַק. אַ טייל פון די דאָזיקע קאַצעטלער האָט זיך אויף צומאָרגנס שוין נישט אויפגעהויבן פון די געלעגערס, ווייל זיי זענען געווען טויט.

מענטשן־חיות

מענטשן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות. זיך געריסן פאַר אַן אָרט צום שלאָפן, פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ ביסל זופּ. אין דער זעלבער נאַכט, אַרום 2—3 פאַרטאָג (קיין זייגער איז ביי אונדז נישט געווען), האָט מען געטיילט ברויט (אַ לאַנג ברייטל, צעשניטן אויף טיילן) צו דעם האָט מען צוגעגעבן אַ שטיקעלע מאַרגאַרין מיט אַ לעפל

מאַרמאָלאַד. גאַנצפרי האָט מען געמאַכט אַן אַפּעל, געציילט די מענטשן און אויסגע־שטעלט אין רייען צו דער אַרבעט. אויב דאָס איז געווען אין לאַגער, האָבן אונדז געפיר׳ט דער קאַפּאָ און דער פאָר־אַרבעטער (אונטערקאַפּאָ). אויב דאָס איז געווען אויסערן לאַגער, האָבן אונדז געפירט עס־עס־לייט. ביי אַ קאָמאַנדע פון 50 מענטשן זענען געווען 4 עס־עס־לייט און ווען מער — אויך מער עס־עס־לייט.

דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין אַרויס צו דער אַרבעט, האָב איך געפילט אין דער לופט אַ שווערן גערוך. איך האָב תחילת נישט פאַרשטאַנען פונוואַנען עס נעמט זיך. אָבער דערנאָך, ווען מען האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די קאַצעטלער אויף די פרי־טשעס, האָט מען זיך אָנגעהויבן אויספרעגן פונוואַנען עס נעמט זיך אַזאַ פאַרעיפּושטע לופט, און מען האָט זיך דערוווסט פון די קאַצעטלער גופא, אַז פאַרן לאַגער זענען דאָ טיפע גריבער, וווּ מען ברענט מענטשן. מען לייגט אָן אַ שיכט האָלץ אונטן, אין גרוב ס׳פאַרט צו אַ לאַסט־אויטאָ און שיט אַהין אַריין לעבעדיקע מענטשן. פון ביידע זייטן שטייען דייטשן מיט מאַשין־געווער, מען שיסט און מען ברענט די יידן. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען פונוואַנען עס נעמט זיך דער שטיקנדיקער ריח אין דער לופט און וואָס עס טוט זיך אין לאַגער.

קומענדיק צוריק פון דער אַרבעט, האָב איך ביי די באַראַקן שוין געזען ליגן אַ סך טויטע קערפּערס פון קאַצעטלער. מ׳האָט שוין געטראָגן טויטע אויך פון דער אַרבעט. אַ טייל האָט געגוססט. קיינעם פון זיי האָט מען נישט געגעבן קיין שום הילף, זיי זענען געלעגן אין די בלאָטעס און אויסגעגאַנגען פאַר אונדזערע אויגן.

אויפן צווייטן טאָג, אַרויסגייענדיק צו דער אַרבעט, האָבן צוויי פּוילישע פאָראַרבעטער באַפאַלן איינעם פון די יידישע קאַצעטלער. זיי האָבן אים געשלאָגן מיט הילצערנע שטעקנס אַזוי לאַנג ביז ער איז אויסגעגאַנגען. מיר זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צום בלוטיקן ספּעקטאַקל. קיינער פון אונדז האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

אויפן דריטן טאָג — דאָס זעלבע, ביי אַ צווייטער גרופּע. געווען אַ פאַל, ווען צוויי פּאָליאַקן האָבן איינעם פון אונדז געשלאָגן איבערן קאָפּ. ווען ער איז אַוועקגעפאַלן האָט איינער פון זיי אַוועקגעלייגט אַ שטעקן אויפן האַלדז פונעם קרבן, די רוצחים האָבן זיך געשטעלט פון ביידע זייטן אויפן שטעקן און אַזוי אַרום דערשטיקט דעם קאַצעטלער. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן, כדי אָנצווואַרפן אויף אונדז אַ פּחד.

אַנגעקומען קיין אוישוויץ

אין אַזאַ מצב האָב איך געאַרבעט צוויי וואָכן אין בירקענאַו ביי פאַרשידענע אַרבעטן. דערנאָך האָט מען אויסגערופן מיין נומער און געזאָגט, אַז איך גיי אין טראַנספּאָרט (איך בין דעמאָלט אַלט געווען 27 יאָר) איך בין אַרויס צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון אַן ערך 300 פּערזאָן. מען האָט אונדז צופוס איבערגעפירט קיין אוישוויץ. דערביי בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מען נעמט מיך אַהין אַלס עלעקטריקער (ביים טאַטואירן מיר דעם נומער,

האָט מען מיך געפרעגט וועגן מיין ספּעציאַליטעט. איך האָב דעמאָלט אָנגעגעבן, אַז איך בין אַן עלעקטריקער).

אָנגעקומען קיין אוישוויץ האָט מען אונדז ווידער אַריינגעפירט אין באָד אַריין, מען האָט אונדז אָפּראַזירט די האָר פון קאָפּ און פון אַנדערע טיילן קערפּער. נישט איבער־לאָזנדיק קיין האָר אויפן לייב. מען האָט אונדז געהייסן זיך אָנשמירן מיט נאַפט. דערנאָך האָט מען אונדז געגעבן נייע „קליידונג" (פּאַסיאַקעס) און צעטיילט אין בלאָקן. אויף צומאָרגנס האָט מען אונדז ווידער געשיקט צו דער אַרבעט: צעליגן הייזער. שפּעטער האָט מען מיך צוגעטיילט צו אַ קאָמאַנדע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט וואַסער־פאַרזאָרגונג. מיר האָבן געגראָבן באַסיינען אין די פעלדער, פאַרלייגט פּאָמפּעס א.א.וו. דאָ, אין לאַגער (אין אוישוויץ) האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע וואָס אין בירקענאַו: מ'האָט געהרגעט, געטויט, געשלאָגן. דאָ איז אָבער געווען אַ ביסל ריינער, היגיענישער. פריער זענען מיר דאָ געשלאָפן צו צוויי אויף אַ נאַרע (אַ געלעגער פון ברעטער) דערנאָך איין פּערזאָן מיט אַ באַזונדערער קאָלדרע. די ערשטע נאַכט האָט מען אונדז געגעבן עסן און געהייסן שנעל אַרויפגיין אויף די נאַרעס. ס'האָט געדויערט אפשר נישט מער ווי אַ האַלבע שעה, און מיר האָבן דערהערט אַן אויסגעשריי: „אַופשטיין! אַראָפּ פון די נאַרעס און זיך אויסטאָן נאַקעט". דאָס האָבן אַזוי געשריגן די „שטובדינסטן". מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט, מען האָט אונדז אַרויסגעיאָגט אינדרויסן נאַקעטערהייט און באַפוילן לויפן אין באָד אַריין זיך וואַשן — אָן אַ האַנטעך און אָן זייף. מיר האָבן געמאַכט אַ טוש פון אייז־קאַלט וואַסער און מען האָט אונדז געטריבן צוריק אין קאַלטן באַראַק אַריין. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט 5 נעכט נאָכאַנאַנד — נאַקעטערהייט אין באָד אַריין — און צוריק אין קעלט און אין שניי. נאָך אַזאַ „שפּאַציר" האָבן אַ סך פון אונדז אינדערפרי זיך מער נישט אויפגעהויבן און זייערע טויטע קערפּערס האָט מען אַרויס־געוואָרפן אינדרויסן. מען האָט מיר צוגעטיילט איינעם אַ חבר, יצחק יאַנאַסאָוויטש, פון מאַקאָוו און געשיקט גראָבן אַ גרוב. ווען מיר האָבן געאַרבעט איז פאַרבייגעגאַנגען דער אָבער־קאַפּאָ (אַ דייטש, אויך אַ העפטלינג) האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד, אַז מיר זאָלן אַרבעטן שנעל, דערביי האָט ער אויפגעהויבן אַ שטיין און געוואָרפן אויף אונדז. דער שטיין האָט מיך געטראָפן און געמאַכט אַ לאָך אין קאָפּ. דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן רינען איבערן פּנים, אָבער פונעם פראָסט איז עס פאַרגליווערט געוואָרן. דער אונטערקאַפּאָ (אַ טשעך) האָט פאַריאָדינירט די ווונד און געזאָגט: „ס'וועט דיר גאָרנישט זיין". ביינאַכט האָב איך אָבער דערפילט אַ ווייטאָק. איך בין אַראָפּ אונטן, צום אויוון, און זיך אַ ביסל אָנגעוואַרעמט. אַ פּוילישער בחור האָט מיר אַרומגעוואַשן די ווונד, ס'זאָל נישט זיין קיין אינפעקציע.

דערשאָסן... דערשאָסן...

עטלעכע יידישע קאַצעטלער זענען אַנטלאָפן. מען האָט זיי געכאַפּט און דערשאָסן. אינדערפרי, ביים אַרויסמאַרשירן צו דער אַרבעט האָט מען זיי אַוועקגעלייגט ביים טויער,

מיט אויפגעשניטענע בייכער, כדי מיר זאָלן זען, אַז מען האָט זיי דערשאָסן. נאָך דעם דאָזיקן פאַל, האָט מען צו די אויסטאַטואירטע נומערן צוגעשטעלט אַ דרייעק, אַ צייכן אַלס „יודע". מען האָט אונדז באַשטראָפט מיט דעם, אַז מיר זאָלן אין קעלט און אין רעגן נישט טראָגן קיין היטלען (מען האָט זיי ביי אונדז צוגענומען) און אַזוי זענען מיר שעהען־לאַנג געשטאַנען מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ, אָן קיין שום צודעק, אויפן אַפּעל, אין שניי און אין רעגן. שפּעטער זענען געווען פאַלן, ווען קאַצעטלער זענען אַנטלאָפן, האָט מען אַלע קאַ־צעטלער אויסגעשטעלט פאַר דער קיך פון דעם לאַגער, און מען האָט די מענטשן (די אַנטלאָפענע, וועלכע מ׳האָט געכאַפּט) געהאָנגען. מיר האָבן זיך צוגעקוקט ווי מען הענגט זיי. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ וואָרענונג, אַז ווער עס וועט אַנטלויפן, וועט געשאָסן אָדער געהאָנגען ווערן.

זייענדיק אין אוישוויץ אַ חודש־צוויי, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מאַקאָווער זענען אָנגעקומען קיין בירקענאַו. איך האָב זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף מיין עלטערן ברודער ירחמיאל.

זוכנדיק אים, האָב איך זיך געטראָפן מיט יצחק פּילוט. ער האָט זיך געפונען אין אַ זייער שווערן צושטאַנד, קוים געאָטעמט. כ׳האָב אים געבעטן: „יצחק, האַלט זיך וויפל דו קענסט, גיב זיך נישט אונטער, אפשר וועט מען דאָך איבערלעבן". איך האָב אים געגעבן אַ שטיקל ברויט און מיט אַ שווער האַרץ אים פאַרלאָזט, איך האָב פאַר־שטאַנען אַז אויך מיך דערוואַרט דער זעלבער גורל.

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז זאַקס, אַ בחורל פון 15 יאָר, געפינט זיך אין מויערער־שולע. אין אַ פאָר טעג שפּעטער האָט מען איבערגעגעבן, אַז ער איז דער־שאָסן געוואָרן. דער תירוץ: מען האָט ביי אים אין טאַש געפונען אַ פּעקל פּוטער.

אין לאַגער האָב איך געטראָפן יעקב שיינבערג און אברהם גאַרפינקעל. גייענדיק איבערן לאַגער, אין אָוונט, האָב איך געזען ווי גאַרפינקעל רופט צונויף אַ מנין אינדרויסן און שטעלט זיך דאַווענען מנחה־מעריב.

געווען טעג פון „בלאָקשפּערע" (אַרויסגאַנג־פאַרבאָט). איך האָב דאָס אויסגענוצט כדי צו זוכן אין לאַגער קרובים און באַקאַנטע. איך האָב זיך באַקענט מיט אַ בחור פון פּרושניץ. ער האָט גוט געקענט מיינע עלטערן, געאַרבעט אין אַן עס־עס־קאַמער, סאָר־טירט זייער קליידונג אין די מאַגאַזינען. ווען איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין, האָט ער מיר געהייסן יעדן טאָג קומען צו אים. ער האָט מיר געגעבן אַ פּערטל ברויט.

אין דער קרופּ־פאַבריק

איך בין אַריין אַרבעטן אין דער קרופּ־פאַבריק, אַלס עלעקטריקער. איינמאָל בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן בעת אַן אַרבעטס־פאָרפאַל און נישט געקענט ווייטער גיין צו דער אַרבעט. איך האָב עס אויסגענוצט און באַפוילן צו מיין קוזין משה באַכראַך, וועלכער האָט זיך געפינען אין לאַגער בירקענאַו, אַז אויב ער וועט האָבן אַ מעגלעכקייט, זאָל ער

קומען צו מיר. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געקומען אין אונדזער לאַגער נעמען עסן אין קיך, פּאַר אַ קאָמאַנדאָ אַרבעטער אין אוישוויץ. ער האָט מיר געבראַכט אַ פּולאָווער און מיר דערציילט, אַז יוסף הענדעל מיט זיין משפּחה פון 7 פּערזאָן, זענען אויפן וועג קיין אוישוויץ געשפּרונגען פון צוג און אַריין קיין בענדין. דאָרט האָבן זיי זיך געפונען ביז מען האָט בענדין אויסגעזידלט, און זענען אויפסניי געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ.

מיין קוזין האָט מיר דערציילט, אַז מאַקאָווער חברה אַרבעטן ביים אויוון אין קרע־מאַטאָריע. פון די באַקאַנטע מענטשן, וואָס ווערן זיי איבערגעגעבן צום פאַרברענען, האָבן זיי צוזאַמענגענומען דאָס אַש, אַריינגעשאָטן אין פלעשלעך און אין ערדענע טעפּ, כדי עס צו באַגראָבן, אויסער דער קרעמאַטאָריע.

פון מיין ברודער ירחמיאל האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געהערט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אים אַוועקגעשיקט אין די קוילן־גרובן קיין בונאַ, ווו ער איז אומגעקומען. איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז אַלע 5 ברידער ליכטענשטיין זענען אומ־געקומען אין בירקענאַו.

עס גרייט זיך אַן אויפשטאַנד

נאָכדעם ווי מיין וווּנד האָט זיך אויסגעהיילט, בין איך אַוועק צוריק צו דער אַרבעט אין דער קרופּ־פאַבריק. דאָרט האָט מען אָנגעהויבן שמועסן בסוד וועגן דעם, אַז עס גרייט זיך אַן אויפשטאַנד אין בירקענאַו און ביי אונדז אין אוישוויץ. וואָס און ווען, האָט קיינער נישט געוווּסט. מען האָט נאָר געזאָגט, אַז ווען מען וועט רופן, זאָל מען זיין גרייט.

איך האָב געהאַט אַ חבר פון לאָדזש מיטן נאָמען מיעטעק האַלבערשטאַט. איינמאָל האָט ער מיך צוגערופן און געזאָגט, אַז אַזוי ווי איך אַרבעט ביי עלעקטרי פאַלט אויף מיר די פליכט, אַז איך זאָל אונדזערע מענטשן באַזאָרגן מיט צוואַנגלעך, מען זאָל מיט זיי קענען האַקן די דראָטן, אין פאַל ווען מען וועט דאַרפן. אין אַ צייט אַרום, איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, האָבן מיר געהערט שטאַרקע אויפרייסן אין בירקענאַו. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס עס האָט פּאַסירט, און ווו די אויפרייסן קומען פאָר. אין דעם מאָמענט האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער פאַבריק הונדערטער עס־עס־לייט. אַן עס־עס־מאַן, כמעט אויף יעדן צווייטן קאַצעטלער. זיי האָבן אַרומגערינגלט די גאַנצע פאַבריק (אין פאַבריק האָבן גע־אַרבעט אַן ערך 1400 אַרבעטער). די עס־עס־לייט האָבן באַפוילן, אַז די אַרבעטער זאָלן נישט רעדן צווישן זיך. איך בין אַרויס אינדרויסן צוזאַמען מיטן דייטשן מייסטער, וואָס איז געווען מיין שעף. מיר האָבן געהערט אויפרייסן אָבער נישט געוווּסט זייער באַדייט. ערשט אויף צומאָרגנס איז געקומען אין פאַבריק דער לאַגער־פירער קאַדוק און גע־וואָרנט, אַז אויב מען וועט נישט אַרויסגעבן די מענטשן, וואָס האָבן איבערגעפירט דעם אויפרייס־מאַטעריאַל פון דער פאַבריק קיין בירקענאַו, וועלן אַלע 1400 אַרבעטער גיין אין אויוון אַריין. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן געשוויגן. און ווען מיר וואָלטן אַפילו געוווּסט, ווער דער פולווער־צושטעלער איז געווען, וואָלטן מיר אים נישט אויסגעגעבן

(די עס־עס־לייט האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער אויפרייס־מאַטעריאַל איז געבראַכט געוואָרן פון דער קרופּ־פאַבריק).

געהאָנגען 4 מיידלעך

ביי אונדז אין דער פאַבריק איז געווען אַ יידישער קאַפּאָ מיטן נאָמען שולץ, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אונדז געאַרבעט אויף דער נאַכט־שיכט. ער האָט אויסגעגעבן די 4 יידישע מיידלעך, וואָס האָבן צוגעשטעלט דעם אויפרייס־מאַטעריאַל. זיי פלעגן נאָך דער אַרבעט גיין יעדן טאָג קיין בירקענאַו, און יעדעס מאָל פלעגן זיי מיטנעמען אַ ביסל אויפּ־רייס־מאַטעריאַל. דעם דאָזיקן אויפרייס־מאַטעריאַל האָבן זיי צוגעשטעלט די יידישע קאַצעטלער, וואָס האָבן געפּלאַנט דעם אויפשטאַנד. די דערמאָנטע 4 מיידלעך זענען דורך די עס־עס־לייט געוואָרן געהאָנגען פאַר אַלעמען אין די אויגן. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די בריגאַדע, וואָס האָט געאַרבעט אין קרעמאַטאָריע, האָט אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דעם אויפשטאַנד. ווי איך דערמאָן זיך איז דאָס געווען אין יאָר 1944. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער אויפשטאַנד איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: ווען דער דייטשער אויבערשאַרפירער איז געקומען צו דער זאָנדערקאָמאַנדאָ און געמאָלדן, אַז זיי גייען צום טראַנספּאָרט (ד.ה. צו פאַרניכטונג) האָבן זיי געכאַפּט דעם דייטשן רוצח (דער ערשטער וואָס האָט אים געכאַפּט איז געווען יעקב סקורניק) און אים לעבעדיקערהייט אַריינגעוואָרפן אין אויוון אַריין און גלייך דערנאָך זיך געכאַפּט צום געווער. זיי האָבן געעפנט אַ פייער פון קוילנוואַרפער און אַנדער געווער אויף די עס־עס־לייט. ס'איז אַנט־שטאַנען אַ פּאַניק. די עס־עס־לייט האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערלויפן, נישט ווויסנדיק פונוואַנען דאָס פייער קומט און נישט אַנענדיק, אַז די קאַצעטלער האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט הייס געווער. אַ טייל פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ איז געלונגען צו אַנטלויפן. שפּעטער זענען אָבער אַלע געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן.

די סאָוויעטן דערנענטערן זיך

אין יאַנואַר 1945, ווען די סאָוויעטן האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אוישוויץ האָט מען אונדז עוואַקואירט. מען האָט אונדז געטריבן אין דער ריכטונג פון אַ באַן־סטאַציע. דאָרט האָט מען אונדז אויפגעלאָדנט אויף וואַגאָנעס און געפירט קיין מאַטהאַוזען, עסטרייך. איך בין געבליבן פון די לעצטע אין אוישוויץ. מיר האָבן פונאַנדערגענומען אין דער פאַבריק די דרייבענק, אָבער די דייטשן האָבן נישט באַוויזן זיי אַרויסצופירן. זיי האָבן אַלץ איבערגעלאָזט. אַרויסגייענדיק פון לאַגער האָבן מיר געהערט מעכטיקע אַרטילעריע־שיסערייען פון סאָוויעטישן מיליטער. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געגאַנגען צופוס צו דער באַן־סטאַציע. אַ סך זענען געפאַלן אויפן וועג, נישט האָבנדיק קיין כוח צו שלעפן די פיס. די עס־עס־לייט האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט און די לעבנגעבליבענע האָט מען אויפגעלאָדנט אויף פּלאַטפאָרמעס. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין מאַטהאַוזען.

דאָרט זענען מיר געווען עטלעכע טעג, איינגעקנוידערט איינער אין אַנדערן אין דושנעם באַראַק. מיר זענען געווען נאַקעט, באָרוועס און הונגעריק. צוויי נעכט זענען מיר דאָרט געלעגן. שפּעטער האָט מען אונדז געשיקט קיין עבענזע (עסטרייך). מיר האָבן דאָרט געאַרבעט אין אַ פֿאַבריק, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ באַרג, אָבער אויך דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן באָמבאַרדירונגען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונדז ווידער אַוועקגעפֿירט אין טראַנספּאָרט קיין גוזען (עסטרייך). דאָרט האָב איך געאַרבעט אַלס עלעקטריקער אין אַ מעסערשמידט־פֿאַבריק. איינמאָל איז אַן אָוונט איז געקומען אַ באַפֿעל „אַלע יודען אַנטרעטן". מיר האָבן געמיינט, אַז מען גייט אונדז ליקווידירן. יעדער איינער האָט געכאַפּט עסן אַ שטיקל ברויט, טראַכטנדיק דערביי: „לאָמיר כאָטש גיין נישט הונגעריק צום טויט". באַלד זענען אָנגעקומען די „שטובדינסטן" און געזאָגט צו אונדז: „הלוואַי וואָלטן מיר אויך געווען יידן". עס זענען געווען קלאַנגען, אַז מען פֿירט אונדז אַריבער צום רויטן קרייץ. יעדן איינעם פֿון אונדז האָט מען געגעבן צו אַ האַלב ברייטל, אַ האַלב פּעקל פּוטער און מען האָט אונדז באַפֿוילן ווייטער מאַרשירן. מען האָט אונדז אַריינגעפֿירט צוריק קיין מאַטהאַוזען, וואָס איז געווען אַ ציגיינער־לאַגער. דאָרט האָבן מיר געזען גאַנצע בערג מיט טויטע קערפּערס. מען האָט אונדז אַריינגעפֿירט אין אַ באַראַק איבערצונעכטיקן. מיר האָבן דאָרט געטראָפֿן פֿריש געקומענע יידן פֿון אונגאַרן. זיי זענען נאָר וואָס אָנגעקומען מיטן טראַנספּאָרט און געבראַכט מיט זיך פֿאַרשידענע זאַכן און שפּייז. ביי איינעם פֿון זיי האָט עמעצער צוגעגנבעט עסנוואַרג. ער האָט אָנגעוויזן אויף מיעטעק האַלבערשטאַט פֿון לאָדזש. ס'איז באַלד אָנגעקומען דער לאַגער־פֿירער קאַדוק און אים דערשאָסן אויפֿן אָרט. דאָס איז געווען דריי וואָכן פֿאַר דער באַפֿרייאונג.

פֿון מאַטהאַוזען האָט מען אונדז געפֿירט אין דער ריכטונג פֿון גונזקירכען, עסטרייך. מאַרשירנדיק אויפֿן וועג אין אַ רעגן־טאָג, האָבן מיר געזען ווי עס האָט זיך צו אונדז דערנענטערט אַן אויטאָ פֿון רויטן קרייץ. די מענטשן פֿון אויטאָ האָבן אונדז אָנגעהויבן אָבסערווירן. זיי זענען אָבער באַלד אָפּגעפֿאָרן, און אונדז האָט מען אַריינגעפֿירט אין באַראַקן אין גונזקירכען, וווּ מיר זענען געזעסן ביז דער באַפֿרייאונג.

אין עטלעכע טעג אַרום זיצנדיק אין די באַראַקן האָבן מיר באַקומען פּעקלעך מיט לעבנסמיטל — איין פּעקל אויף 20 פּערזאָן. דאָס איז געווען זייער ווייניק פֿאַר אַזעלכע אויסגעהונגערטע מענטשן, ווי מיר זענען דעמאָלט געווען. אָבער מיר האָבן געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אין לעצטן מאָמענט האָט דאָך עמעצער אָנגעהויבן זאָרגן פֿאַר אונדז.

די ס.ס.־לייט זענען אַנטלאָפֿן — מיר ווערן באַפֿרייט

אין אַ שיינעם שבתדיקן טאָג האָט מען אונדז געבראַכט עסן. מיר האָבן געהערט העפֿטיקע שיסערייען נישט ווייט פֿון אונדז. באַלד דערנאָך איז מען געקומען אונדז אָנזאָגן די בשורה, אַז מיר זענען פֿריי. נישטאָ קיין איין דייטש. די עס־עס־לייט זענען זיך צעלאָפֿן, ווי די מייז. אויך דער סאַדיסט און רוצח קאַדוק איז פֿאַרשוווּנדן. מיר זענען געווען אַזוי־

צעבראָכן, אויסגעפּייניקט און מאַכטלאָז, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין כוח אַפילו זיך צו פרייען מיטן דאָזיקן גליקלעכן טאָג פון אונדזער באַפרייאונג. מיר האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם טעם פון אַ וואַרעמער היים, אַ ריין געלעגער און אַ זאַטן מיטאָג, פון אַ מענטשלעכער באַציאונג צו אַ־נדז. דאָך האָבן מיר געוואָלט ווייטער לעבן, כדי צו נעמען נקמה פון אונדזערע מערדער. איך, הערש לייב קורניק פון מאַקאָוו און פישל יאַצענטאָוו־סקי פון פּלאָצק, האָבן באַשלאָסן צו גיין אין די עס־עס־באַראַקן, כדי דאָרט איבערצושלאָפן אַ נאַכט. מיר האָבן דאָרט געטראָפן ריינע בעטן מיט קאָלדערס און געשמאַק געשלאָפן. צומאָרגנס האָב איך געזאָגט צו מיינע חברים: „איר וועט מאַכן פייער און איך וועל גיין ברענגען וואַסער, צוקער איז דאָ, מיר וועלן מאַכן אַ זיסע גלאָז טיי״. גייענדיק צוריק מיטן וואַסער, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ זעלנער פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ער האָט זיך אָנגערופן צו מיר אין יידיש: „ווער ביסטו?״ איך האָב אים דערציילט ווער איך בין און פונוואַנען איך שטאַם, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז ד״ר סאָלאָווייטשיקס אַ קרוב פון וואַרשע. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל ביסקוויטן, צוקער, צוקערלעך און עס מיר דערלאַנגט. אַ צופרידענער בין איך אַריין אין באַראַק. נאָך אַזוי פיל פינצטערע יאָרן האָבן מ־ר צום ערשטן מאָל געטרינקען זיסע טיי און געגעסן ביסקוויטן. שפּעטער האָבן מיר באַקומען פּושקעס קאָנסערוון־פליש. איך האָב געוואָרנט די חברים, אַז מיר דאַרפן זיין פאָרזיכטיק, נישט עסן דאָס קאָנסערווירטע פלייש, נאָכדעם ווי אונדזערע מאָגנס זענען איינגעקוואַרט געוואָרן פון אַזויפיל יאָרן הונגער. דאָך האָבן מיר זיך נישט געקענט באַהערשן און אָפּגעקאָכט אַ מיטאָג און געגעסן. מיר זענען אַלע דריי קראַנק געוואָרן. זיי — שווער און איך אַ ביסל לייכטער. איך האָב זיי איבערגעפירט אין שפּיטאָל אַריין. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיי שוין קיינמאָל נישט געזען. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז זיי בײדע זענען געשטאָרבן. צוזאַמען מיט עטלעכע קאַצעטלער פון לאַגער, זענען מיר אַוועק קיין לינץ, עסטרייך. דאָרט בין איך געלעגן צוויי וואָכן אין אַ שפּיטאָל. ווען איך בין געקומען אַ ביסל צו זיך, בין איך אַריבער קיין בינדערמיכל, פון דאָרט בין איך, אין יאָר 1947, דורך דער „בריחה״, געבראַכט געוואָרן מיט דער שיף „התקוה״, קיין גענוא. די ענגלענדער האָבן אָבער געכאַפּט די שיף און מיר זענען געבראַכט געוואָרן קיין ציפּערן. דאָרט האָב איך זיך ווידער געפונען אין אַ לאַגער ביז דעם יאָר 1949, און אין זעלבן יאָר געקומען קיין ישראל. אין יאָר 1950 האָב איך חתונה געהאַט אין רמת־גן. איצט האָב איך אַ פרוי מיט צוויי קינדער און איך וווין אין הרצליה.

פון דער גאַנצער פאַרצווייגטער משפּחה בין איך געבליבן איינער אַליין.

משה אבא קמין / ניו־יורק

ממסע ההשמדה והחורבן

בערב שבת הודיע שירות השידור הפולני כי המלחמה כבר פרצה. מאז אותן הודעות היינו, הושבי מַקוב, שרויים באימה ופחד. והנה הופיעו מטוסים ועברו מעל ראשינו, כשאנו חוששים שעוד מעט ויתחילו להטיל עלינו פצצות. כל חמש־עשר דקות נשמעה אזעקה — וכך כל אותו היום. הרחובות התרוקנו, כשכל אחד מחפש לו פינת סתר במקום הקרוב יותר, מייד לאחר הישמע אות אזעקה. אז הודיע הראדיו על הפצצת צ׳נסטוחוב, לודז׳, וארשה. אבל תיכף חזר בו וניחם את המאזינים, שהערים לא נהרסו וכי מטוסים פולניים גרשו את האוייב. וכך היה מספר כל פעם על התקדמות הגרמנים מחד ועל התקפות־נגד מוצלחות מאידך. בין היתר מסר כי אלפי מטוסים פולנים, אנגלים וצרפתים התקיפו את ברלין מן האוויר וכמעט החריבוה כליל. ואם כי בראַדיו מכריזים בקולי קולות כי הצדק סופו לנצח, מכרסם ספק בלב וגובר החשש שהגרמנים ינצחו...

*

אחרי קבלת־שבת הגיעה השמועה שאנשי קהילת פּרושניץ ורבה בראשם מתקרבים והולכים למַקוב — בורחים מפני האוייב המתקרב לעירם. בבוקר נתמלאה העיירה פליטים. אנשים, נשים וטף, ערומים ויחפים בחלקם. ברחו ממלאֲבה, מחורז׳ל, מפּרושניץ, ממישניץ ומקראסנושילץ. כולם עברו במקוב, מתוך מחשבה להמשיך דרכם לווארשה. אנשים יושבים על גגות מכוניות, מוכנים לחלל את השבת ובלבד להציל את הנפש — אך נשארים במקוב מאפס מקום. כל אחד מביט בקנאה על חברו שהצליח להימלט. האוטובוסים מתהפכים כמעט מרוב נוסעים אולם כל מי שנדחס לתוכם נחשב למאושר.

עם רדת הערֶב, הגיעו כפריים לעיירה. אף הם בורחים, יחפים, בגדיהם קרויים ובלויים, וביניהם זקנים, וזקנות וטף. כולם ממררים בבכי. אחד רוכב על סוס, אחד נוהג בפרה והשלישי גורר חזיר, הנסחב אחריו בעל כורחו.

*

במוצאי שבת קודש היתה פרושניץ אפופה להבות משטרת מַקוב ופקידות עירייתה עזבו את העיר. קמה בהלה איומה מבלי שאיש ידע מה לעשות. בחשכת הלילה החלו לברוח מהעיר אלפים ורבבות. הייתי בדיעה שאין צורך לעזוב את העיר לפי שעה. אולם עם אור הבוקר הגיעה למקום יחידת חיל הפרשים הפולני ואנשיה בישרו כי האוייב מתקרב ובא. מפקדי היחידה הוציאו צו, לפיו על כל גבר מבני י״ז עד שישים, היודע

להחזיק רובה, לעזוב את העיר ולצאת לפולטוסק. יצאנו יחד, אבי ואני, דודים ובני דודים, מתוך מאמץ שלא לנתק את הקשר זה עם זה. בעיר לא נשארו אלא זקנים, נשים וטף. „מה יהיה עליהם כשהגרמנים ייכנסו לעיר?" — שאלנו כולנו את עצמנו. „היחוננו אותם? התעמוד להם זכות כלשהי שלא ליהרג, להישרף?" מחשבות אלו עינו אותנו עד מוות.

כאשר באנו לפולטוסק, ביום הראשון בשבוע באחת אחר הצהריים, פנינו למשרד פ.ק.ו.* כדי להירשם לצבא. אבל שם ענו לנו כי במקלות אין לצאת למלחמה ורובים אין להם. „שובו למקום שממנו באתם", הם אמרו.

בפולטוסק עצמה לקחו את כל הגברים לעבודות חפירת ביצורים. הודיעו, כי שם יהיה שדה הקרב. משם עומדים הפולנים להדוף את האויב.

בבית קרובינו בפולטוסק היו כל הכלים והבגדים ארוזים, מוכנים לדרך. עוד אנו משוחחים ומטוסי האויב החלו לחוג באוויר מעל לעיירה ואם רדת הלילה הוכרז על איפול מלא. למחרת החלה הבריחה גם מפולטוסק. לשוא ניסינו, אבי ואני, להשיג עגלה כדי שנוכל לחזור בה למקוב. הדרך לשם הוכרזה כמיועדת לתנועת הצבא בלבד. חיפשנו רכב לשם נסיעה לווארשה. לשווא. הוכרחנו איפוא לנדוד ברגל...

*

התקרבנו לסירוצק. כמה קילומטרים לפני העיר החלטתי שלא כדאי להמשיך לווארשה, אשר תופצץ כנראה יותר מאשר מקום אחר, וגם לא נוכל לקבל שם מזון. אבי השתכנע מדברי. סרנו מהדרך לווארשה אל זו המוליכה לווישקוב צריכים היינו לעבור גשר שעל הבוג. אך הספקנו לרדת ממנו והנה הופיעו מטוסים ופוצצוהו.

הלילה עבר עלינו בביקתתו של איכר פולני באחד הכפרים, ובבוקר השכמנו והמשכנו בדרכנו לווישקוב. ליד העיר שוב הפתיעו אותנו מטוסים גרמניים. הם עברו מעל לראשינו ממש. הפצצות הוטלו בתכיפות כזאת, שהארץ רגזה תחתנו. התחבאנו תחת העצים עד שהפצצה נסתיימה. אז פגשנו בני אדם שברחו בבהלה מווישקוב. הם סיפרו לנו כי יש הרבה הרוגים בעיר כתוצאה מההפצצה.

נכנסנו לווישקוב. הרחובות שוממים מאדם. עמודי חשמל וטלפון שבורים מתגוללים ברחובות, המלאים זכוכית מחלונות שנופצו. ועל הכל — גופות מתות בשלוליות דם.

„היכנסו לבתים" — תפס אותי פתאום אלמוני בשרוולי. „הם שבים. האינכם שומעים את זימזום המטוסים. היכנסו מהר."

נכנסנו לבית יהודי אחד. עמדתי בינתיים להתפלל. אבל המטוסים הפסיקו את תפילתי. נשמעו יריות ונפילת פצצות. החלטנו לברוח מהעיר.

---

* מחלקת הגיוס.

משיצאנו מווישקוב והגענו לגשר שבקציה, השחירו פתאום השמים ממטוסים. התפללנו שנוכל לעבור רק את הגשר בשלום. ואמנם אך עברנו את הגשר, שמענו התפוצצויות אדירות בעיר, שעשן עב התאבך ממנה. עשרות, מאות מטוסים חגו עתה מעל לעשן ומעל לראשינו.

טיק־טיק־טיק — התחילו פתאום מכונות היריה מן המטוסים פולטות כדורים לתוך המוני בני אדם — אלפים ורבבות — תושבי העיירות הרבות שברחו ממקום מגוריהם. גברים, נשים וטף נפלו הרוגים ופצועים לעינינו, ואין מי שיחבוש, שיגיש קצת מיים. ומכל הצדדים נשמעות צעקות: הסתתרו ביער.

נכנסנו ליער. אבל המשחיתים מצאונו גם שם והחלו לזרוע מוות בקרבנו. הטילו פצצות. הציתו את היער בפצצות תבערה. לאן להימלט? אנו משתטחים בצידי הדרך, בעבר השני של היער, תחת העצים, ואומרים וידוי בעל פה. וסביבנו דמים בדמים נגעו.

לפתע נשמעה חבטת פצצה בנפילתה. עפר תחוח ניתז על פני. הפצצה לא התפוצצה. ניצלנו בנס.

*

בסכנות כאלו נתקלנו כמה וכמה פעמים בדרכנו. ראינו תכופות את המוות לנגד עינינו. כשעברו המטוסים נזדמנה לנו עגלה בדרך. אך עלינו עליה, ומלאכי החבלה הופיעו שוב מעל ראשינו, כשהם מטילים פצצות וממטירים אש מכונות יריה. ירדנו חיש מהעגלה ותפסנו מחסה ככל שהדבר עלה בידינו.

משהחשיך המשכנו בדרכנו, שהמתה מבני־אדם. חששנו להשמיע הגה. באימה הסתכלנו אל הכוכבים המנצנצים בתוך האפלה. לבסוף הגענו, בשעה מוצלחת — אחר חצות — לוונגרוב.

אנשי העיירה קיבלו אותנו יפה. האכילונו והישקו אותנו. יחד עם זאת דאגו: מי יודע מה יביא להם המחר. יום יום באים אליהם המטוסים. מטילים כמה פצצות. גם בוונגרוב נהרגו בני אדם. אף על פי כן היא לא סבלה כעיירות אחרות, שעליהן שפכו מלאכי החבלה את כל חמתם.

בשבוע שלפני ראש השנה, ביום שני, בשעה תשע בבוקר, נפלה ונגרוב בידי הגרמנים. אשה וילדה שהציצו בעת כניסתם בעד לחרכי הדלת, שילמו בחייהן בעד סקרנותן.

אחרי שבילינו בוונגרוב את ימי ראש השנה, הסתכנו וחזרנו הביתה ברגל, ואף הגענו בשלום למחוז חפצנו.

*

גורל העיירות שבמחוזנו היה רע ומר: וישקוב נשרפה כולה. אף בית לא נשאר על תילו. וכן רוז'ן. מפולטוסק גורשו כל היהודים. הם צוו לעזוב את העיירה תוך עשר דקות. מייד לאחר מכן החלו הגרמנים להמטיר אש לתוך החלונות וברחובות. מאות הרוגים נפלו באותו יום. אלה שהצליחו להגיע לגשר הושלכו לנהר. היריות נמשכו בלי הרף. הכפריים

נצטוו לא לתת ליהודים לא מחסה ולא אוכל — להניח להם לגווע ברעב ובקור. חמש מאות יהודים ממגורשי פולטוסק נרצחו באכזריות נוראה באוסטרוב־מאזובייצק, לפני שעברו לאיזור שבידי הרוסים. הושיבו אותם חיים בקברים שחפרו לעצמם וירו בהם.

בגובורוב דחסו את כל היהודים לבית הכנסת והציתוהו. כן הציתו את כל בתי העיר והמטירו אש על התושבים שגורשו מבתיהם. רבים נפלו בפתח ביתם.

לחלק מאלה שנסגרו בבית הכנסת קרה נס: בעיר עבר גנראל גרמני ששמע את צעקתם. נכמרו רחמיו וציווה לפתוח את בית הכנסת ולשחרר את הכלואים בו. „אין לשרוף כל כך הרבה בני־אדם בבת אחת בבית אחד" — הוא אמר. אך גורלם היה רע ומר גם אחרי ששוחררו. עירומים ויחפים גורשו מן העיר. שלושה ימים ושלושה לילות נדדו בשדות כשכל מזונם — לפת לא מבושלת.

בפרושניץ הושיבו את היהודים באוטובוסים והעבירום את נהר נארב אשר ברוז'ן. בשדות שמעבר הנהר הורידו אותם. בחצותם בדרכם את מַקוב, התחננו הגברים, הנשים והטף היושבים באוטובוסים לפת לחם...

רציחות וסבל דומה היה מנת חלקם של יהודים במקומות רבים אחרים.

*

על השחיטה האיומה בגוברוב מספר רבה של עיר זו, היושב כיום בווילנה. במכתבו אל קרוב משפחה בתל־אביב הוא כותב בין היתר:

„...לעיני שחטו הגרמנים 72 איש מנכבדי בעלי־הבתים שלי. נדמו כבהמות לטבח. נשים וילדים שרפו חיים. את כל יתר יהודי העיירה, במספר אלפיים איש, דחסו לבית הכנסת והעלו אותו באש. כל הקהל היה בוודאי נשרף אלמלא נס מן השמים. אותה שעה עבר קצין גרמני ובשומעו את היללות הבוקעות מבית הכנסת ציווה להוציא את האנשים מן הבית הבוער. הניצולים עברו על פני הנהר אל השדה, שם חיו שלושה ימים ללא אוכל. אני הסתתרתי בבית הקברות. גם פה מצאוני הגרמנים והתחילו לענותי. אך עלה בידי להימלט מידם ולברוח לרוסיה..."

כך התחיל חורבונו של עם ישראל בפולין ע"י הגרמנים ימ"ש.

יחזקאל איצקאָוויטש / תל־אביב

רויטע בלומען

רויטע בלומען... ווען איך דערזע אייך, גיבן אַ שווים־אויף פאַר מיינע אויגן יענע גרויליקע טעג.

רויטע בלומען... איך וויל אייך מער נישט זען אָבער איר פאַרפאָלגט מיך אויף שריט און טריט מיט אייער רויטן, בלוטיקן אָפּשיין. איך קען מיין בליק פון אייך נישט אַוועקרייסן. עס שוועבט נאָך איבער אייך די פאַרבלוטיקטע שווערד, וואָס האָט דאָס אומשולדיק קינד, אַ דערהרגעטס, אויף אייך געוואָרפן. יונג, ריין בלוט האָט אין אייך אַריינגעטריפט... און אייער ווייסקייט האָט זיך אין פורפור־רויטער פאַרב פאַרוואַנדלט. ווער קען נאָך אַזויפיל דערציילן, ווי איר, רויטע בלומען...

געשען איז דאָס אין האַרבסט, 1939, ווען די רוצחישע געסטאַפּאָ־לייט האָבן איבערגענומען די שליטה איבער די שטעט און שטעטלעך אין פוילן. אין יענער צייט האָב איך, צוזאַמען מיט הונדערטער יידן פון מיין שטאָט מאַקאָוו, פאַרלאָזט מיין היים און געלאָזט זיך צו דער רוסישער גרענעץ, צו ראַטעווען דאָס לעבן. די שאָסייען און וועגן, וועלכע האָבן געפירט צו „יענער זייט", זענען געווען איבערפולט מיט יידן — פּליטים: ווער מיט וועגעלעך און געפּעק, ווער צופוס אָן באַגאַזש. יונגע און עלטערע מוטערס טוליען צום האַרצן זייערע איבערגעשראָקענע קינדערלעך. פון אַלעמענס אויגן קוקט אַרויס פּחד און צעטומלונג. אַלע אַנטלויפן פון דער רוצחישער שווערד.

דער הימל האָט מיט וואָלקנס זיך פאַרצויגן. אַ דראָבנער רעגן טריפט. דער הימל וויינט־מיט, קלאָגט אויף אונדזער ביטערן גורל.

געעפנט אויף אונדז אַ פייער

פּלוצים, נישט ווייט פון דער גרענעץ, האָט מען פון דער וואַלד־געדיכטעניש געעפנט אויף אונדז אַ געוואַלדיקע שיסעריי. עס איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק, אַ בהלה. צענדליקער מענטשן זענען געפאַלן טויט אויפן אָרט. נישט ווייט פון מיר האָט זיך עמעצער געקייקלט אויף דער ערד, געראַנגלט זיך אין יסורים, קרעכצנדיק: חנהלע, קינד מיינס, ווו ביסטו?

אַ צווייטער האָט מיט אַ גסיסה־קול געבעטן: „ראַטעוועט מיך, איך שטאַרב!" קולות — „שמע־ישראל", יאָמער־געוויינען, וויי־געשרייען, קרעכצערייען פון הונדערטער הערצער האָבן ווי אַ בייזער שטורעם געברויזט צווישן דיביימער. מיר האָבן געזוכט אַ באַהעלטעניש צווישן די צווייגן, אָבער אין יעדן ווינקל האָט אונדז באַגעגנט דאָס פייער.

ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבן אונדז אַרומגערינגלט, האָט זיך די שיסעריי אָפּגעשטעלט. ווילדע, צעיושעטע פּרצופים האָבן געריטשעט:

— ראַוס צום וועג!

— ראַוס, פאַרפלוכטע יודען!

מיר זענען אַרויס צום שאָסיי, זיך אויסגעשטעלט אין רייען.

אַ קליינע גרופּע זענען מיר פאַרבליבן. די הונדערטער מענטשן זענען פאַרשוואונדן. אַ גרויסער טייל — דערשאָסן, און די איבעריקע — צעלאָפן זיך אין וואַלד.

די רוצחים האָבן אונדז באַוואַכט פון אַלע זייטן. עטלעכע פון זיי זענען אַריין אין וואַלד און אויפסניי געלאָזט אַ סעריע קוילן; שפּעטער צוריקגעקערט זיך און גענומען אונדז פירן פאָרויס.

דערשלאָגענע פון גרויסן אומגליק, האָבן מיר מיט די לעצטע כוחות געשלעפּט די פיס. אַ פרוי נעבן מיר האָט געטראָגן אויף די הענט אַ קינד. זי האָט געהעשעט שטיל: דוד, ווו איז מיין דוד?...

נאָך אַ מאַרש, וואָס האָט געדויערט אַן ערך אַ שעה צייט, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ פאַרצוימטן הויף, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען עטלעכע גרויסע, שיינע הייזער. דער שטח לענגאויס דעם וועג איז געווען באַצירט מיט גרינעם גראָז און ווייסע בלומען.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז דאָס אָרט, אין שלום־צייט, געווען אַ סאַנאַטאָריום, נעבן דער שטאָט אָסטראָלענקאָ.

די רוצחים קומען

עס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע ס.ס.־אָפיצירן און מיט אַ הילכיקער שטימע אויסגערופן, אַז אַלע זאָלן אָפּגעבן דאָס גאָלד, דאָלאַרן און ווערטפולע חפצים, וואָס מיר פירן אַרויס צום רוס. ווער עס וועט אויסבאַהאַלטן ווערט־זאַכן, און מען וועט זיי שפּעטער ביי אים געפינען, וועט ער, און מיט אים נאָך ניין מענטשן דערשאָסן ווערן — אַלס שטראָף. אָבער ווען מיר וועלן דאָס אַלץ אָפּגעבן פרייוויליק, וועלן זיי אונדז צושטעלן צו דער רוסישער גרענעץ־וואַך.

יעדער פון אונדז האָט אָפּגעגעבן זיין לעצט פאַרמעג, כדי אויסצוקויפן דאָס לעבן: זייגערלעך, פינגערלעך, אויערינגלעך, ווער גאָלדענע מטבעות, דאָלאַרן אַליין איז מען געבליבן בלויז ביי דער נשמה.

נאָכדעם ווי זיי האָבן דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען, האָבן זיי אונדז אַריינגעפירט אין אַ נאַסן קעלער, וועלכער האָט געעיפּושט מיט פאַרפוילטע קאַרטאָפל און אונדז דאָרט פאַרשלאָסן.

אין קעלער האָבן זיך אויפסניי איבערגעחזרט די קרעכצערייען און שטילע געוויינען. איינער פרעגט: „ווו איז מיין טאַטע געבליבן?", אַ צווייטער: „ווו איז מיין קראַנקע מאַמע

אַוועקגעקומען?" מ'האָט אָנגערופן נעמען פון מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זענען אין וואַלד פאַרלאָרן געגאַנגען. אַן עלטערער ייד מיט אַ שוואַרץ־גראָער באָרד האָט זיך געשאָקלט ווי יום־כפור אין שול און וויינענדיק געהאַט תרעומות צום רבונו־של־עולם: „גאָטעניו, פאַרוואָס האָסטו אויסגעגאָסן אויף אונדז דיין צאָרן?" די פרוי, נעבן מיר, האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס קינד אויף די הענט. דאָס מיידעלע האָט זיך געטוליעט צו דער מאַמעס ברוסט, אָנגעהאַלטן מיט די קליינע הענטלעך דער מוטערס קלייד, אויס מורא, אַז די מאַמעשי זאָל זי נישט פאַרלירן. פון מידקייט איז זי איינגעשלאָפן. אירע בעקלעך האָבן געפלאַמט. די מוטער באַטראַכט מיט ווייטיק איר אומגליקלעך קינד און פון אירע אויגן גיסן זיך הייסע טרערן.

אין דעם קעלער זענען מיר אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט, צווישן שרעק און האָפענונג, צווישן וואַך און דרימל. פאַרטאָג, האָט אַ סאָלדאַט געעפנט די טיר און באַפוילן אונדז אַרויסצוגיין אויפן פלאַץ און זיך גלייך זעצן אין רייען רואיק זיין און וואַרטן אויף אַ נייעם באַפעל.

„ווו איז דער טאַטעשי?"

אַ שווערע צעבראָכנקייט און מידקייט האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן לייב. נעבן דער מוטער איז געזעסן דאָס טעכטערל און געציטערט פון דער פאַרטאָגיקער קעלט. אין אירע קאַרשן־אייגעלעך האָט זיך געשפיגלט שרעק און פאַרלאָרנקייט. — זי האָט געשוויגן און געוואָרפן אירע בליקן אויף די אומבאַקאַנטע מענטשן און נישט געקענט באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר... זי האָט נאָר שטיל אַ פרעג געטאָן ביי דער מוטער: „ווו איז דער טאַטעשי?... ווען וועט ער קומען?..." און ווען די מוטער האָט איר, שטיקנדיק זיך מיט טרערן, געענטפערט, אַז „מאָרגן" און געבעטן, אַז זי זאָל מער נישט רעדן, ווייל די דייטשן קוקן, האָט זי נעבעך פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות נישט צו וויינען, נאָר געציטערט ווי אַ פישעלע...

באַלד האָבן זיך ווידער די זעלבע רוצחים באַוויזן און אונדז געמאָלדן, אַז מען פירט אונדז צו אַ שאָפּע, נישט ווייט פון דאַנען, ווו עס געפינען זיך קאַרטאָפל. דאָרט דאַרפן מיר זיי אָנשיטן אין זעק און איבערפירן אין דעם קעלער, ווו מיר האָבן איבערגענעכטיקט. וואָס שנעלער מיר וועלן מאַכן די אַרבעט, אַלץ גיכער וועלן מיר באַפרייט ווערן.

געפינענדיק זיך אין דער אָפענער שאָפּע, האָבן מיר זיך אַ נעם־געטאָן צו דער מלאכה. מיר האָבן געאַרבעט מיט אַלע כוחות, כדי וואָס שנעלער פאַרטיק צו ווערן און אַרויס פון דעם בלוטיקן גיהנום. צוגלייך מיט אונדז, איז אויך דאָס מיידעלע פאַרטאַן געווען אין דער אַרבעט: ביי איינעם האָט זי דעם זאַק אונטערגעהאַלטן ביי אַ צווייטן — געהאָלפן אָנשיטן די קאַרטאָפל, ביז די מוטער האָט איר געבעטן אַז זי זאָל איבעררייסן און זיך אַוועקזעצן אַ ביסל אָפּרוען. דאָס קינד האָט געפאָלגט, האָט זיך אַוועקגעזעצט, באַטראַכט

ווי די פייגעלעך יאָגן זיך איינס נאָכן אַנדערן, פלאַטערן, צוויטשערן. אירע ליפּעלעך האָבן זיך צעעפנט מיט קינדערשן חידוש, ווי די פייגעלעך האָבן מיט צעשפּרייטע פליגעלעך געקרייזט איבער איר קעפּעלע, געשווישטשעט און געשטעלט זיך אויף אַ צווייגעלע, וואָס איז פול געווען מיט ווייסע בלומען און פריילעך זיך געוויגט. דערזעענדיק די רייצנדע בלומען מיט די גרינע בלעטעלעך, האָט זיך דאָס מיידעלע ראַפּטעם געגעבן אַ הויב־אויף און אַ לאָז־געטאָן זיך צו זיי אַ שמייכלענדיקע, פול מיט אַנטציקונג. מיט די הענטעלעך האָט זי זיי געגלעט, געצערטלט, צוגעלייגט דאָס נעזעלע צו זיי, געשמעקט און אירע אייגעלעך האָבן זיך צעפלאַמט.

אַ שאָס פון פענצטער

פלוצים האָט אַ קנאַל געטאָן פון אַ פענצטער קעגנאיבער איר. אַלעמענס אויגן האָבן אויפגעבליצט מיט אַ ציטער און מיר האָבן דערזען, ווי דאָס קינד איז געפאַלן אויף די בלומען. מיר האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו איר, אָבער גלייך זענען געקומען עטלעכע שאָסן אין דער לופט, געוואָרנט אונדז, זיך נישט צו דערנענטערן צום קינד. מיר האָבן געקוקט פונדערווייטנס, ווי דאָס מיידעלע האָט זיך קאָנוולסיוו געוואָרפן, געקורטשעט זיך פון יסורים. דערביי האָט זי אָנגעהאַלטן דאָס צווייגעלע, ווי זי וואָלט דאָרט געזוכט אַ רעטונג.

צווישן די ווייסע בלומען האָבן מיר באַמערקט רויטע פלעקן...

די פייגעלעך זענען באַלד צוריקגעקומען און ווייטער געקרייזט אַרום דעם קינד, אָבער דאָסמאָל נישט פריילעך. פלוצים האָבן זיי זיך אַ ריס־געטאָן און אַוועקגעפלויגן ערגעץ אין די הימלען. אפשר האָבן זיי צום רבונו־של־עולם אַוועקגעטראָגן אַ פּראָטעסט קעגן דער רציחה פון אַן אומשולדיק קינד.

די אומגליקלעכע מוטער איז געפאַלן אין חלשות. מיר האָבן זי געמונטערט, געריסן, געגאָסן אויף איר וואַסער און נישט געקענט זי דערמינטערן. זי איז געלעגן מיט פאַרגלאָצטע אויגן. מיר האָבן געמיינט: זי איז טויט.

„אַרבייטען אונד שלוס מאַכען!״ — איז ווידער געפאַלן אַ באַפעל. מיט אַ חלשות־געפיל האָבן מיר די אַרבעט פאַרענדיקט.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט. דער פאַרכמורעטער הימל האָט אָנגעזאָגט, אַז גלייך ווערט פינצטער. די רוצחים הייסן אונדז ווידער זיך אויסשטעלן אין אַ ריי. מיר און נאָך איינעם באַפעלן זיי צוצונעמען דאָס טויטע קינד און אָפּוואַשן פון די בלומען די שמוציקע פלעקן...

מיר לאָזן זיך אַהין און פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך אַ שוידערלעך בילד, וואָס איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן: פאַרזונקען אין די פאַרבלוטיקטע בלומען איז דאָס קינד געלעגן מיט אַ צאַרט פּנימל, די ציינדעלעך פאַרקריצט, מיט האַלב־אָפענע אייגעלעך, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט תהומיקער שוידער.

מיטגענומען דעם קרבן

מיר האָבן אַ כאַפּ־געטאָן דאָס קינד צו זיך, צוזאַמען מיטן בלום אין פאַרשלאָסענעם הענטעלע, איינגעוויקלט עס אין מאנטל און געלאָזט זיך צוריק אין דער ריי. די מוטער איז נאָך אַלץ נישט געווען ביים באַוווסטזיין. מען האָט זי געהאַלטן אונטער די אָרעמס און זי געמונטערט, געשפּריצט אויף איר וואַסער.

— „פאָרויס!" — האָט אָפּגעהילכט אַ באַפעל.

מיר האָבן זיך געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות. דאָס טויטע קערפּערל האָבן מיר געטראָגן אויף אונדזערע הענט. מיר זענען נאָס געוואָרן פון באַגאָסענעם שווייס. גע־דוכט האָט זיך אונדז, אַז מיר גייען אויף אונדזער אייגענער לוויה.

— „שטיין בלייבן!" — באַפעלט מען אונדז ווייטער. מען מעלדעט אונדז, אַז מיטן זעלבן וועג זאָלן מיר גיין אַן ערך נאָך הונדערט מעטער. וועלן מיר אַריינקומען אין דער שטאָט. די רוצחים זענען שטיין געבליבן פון הינטן, מיט די ביקסן אין פולער גרייטקייט, געוואָנדן צו אונדז. זיי האָבן געוואַרט עטלעכע מינוט און זענען פאַרשוווּנדן.

די לעצטע הונדערט מעטער האָבן מיר דורכגעמאַכט ממש מיטן לעצטן אָטעם. דער אָנגעזאַמלטער ווייטיק איז ווי אַ לאַווע אויסגעבראָכן און אונדז פאַרגאָסן.

מיט אַ געיאָמער זענען מיר צוגעפאַלן צום ערשטן ייד, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין דער שטאָט, ווי צו אונדזער רעטער. מיר האָבן אים אין קורצן דערציילט וועגן דעם וואָס



כנס יוצאי מאקוב משארית הפליטה בגרמניה, בשנת 1946

צוזאַמענטרעף פון מאַקאָווער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד, אין יאָר 1946

מיר האָבן איבערגעלעבט. ער האָט אונדז גלייך אַריינגעפירט אין זיין וווינונג און דער־לאַנגט טיי מיט ברויט. דער אומבאַקאַנטער ייד מיט זיין פאַמיליע האָבן אַרויסגעוויזן טיפן מיטגעפיל, בפרט צוליבן יונגן, טייערן קרבן. מען האָט אונדז איינקוואַרטירט צום נעכ־טיקן. מיט דער אומגליקלעכער מוטער האָבן זיך פאַרנומען זיינע צוויי יונגע טעכטער.

מיד און צעבראָכן, זענען מיר אַרויפגעפאַלן אויף די געלעגערס און פאַרזונקען אין שלאָף.

אויפצומאָרגנס פרי, ווען מיר זענען אַריין אין צימער, ווו די אומגליקלעכע מוטער איז געלעגן, האָבן מיר געטראָפן זיצן נעבן איר אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט זי אויפגעהאַלטן מיט פאַרשיידענע איינשפריצונגען. ער האָט פאַרבאָטן צו זאַמלען זיך אין דאָזיקן צימער און געבעטן לאָזן זי רואיק אַליין.

געקומען צו קבורה צוזאַמען מיטן בלימעלע...

אויפן יידישן בית־עלמין אין אָסטראָלענקאָ האָבן מיר אויסגעגראָבן אַ קבר און דאָס אומגעבראַכטע קינד באַהאַלטן. דאָס בלימעלע אין איר הענטעלע איז געווען אַזוי פעסט צוזאַמענגעדריקט, ווי צוגעשמידט. זי האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיטן בלי־מעלע אויך נאָכן טויט. מיר האָבן ביידע בלימעלעך צוזאַמען מקבר געווען...

דער עלטערער ייד מיט דער שוואַרץ־גראָער באָרד האָט קדיש געזאָגט. מיר האָבן אַלע געוויינט.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער קבורה, האָבן מיר די מוטער נישט גע־טראָפן. מ'האָט זי אינצווישנצייט אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל, ווייל איר מצב איז שווע־רער געוואָרן. עטלעכע טעג האָט זי געשוועבט צווישן טויט און לעבן.

די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָבן אַלץ געטאָן, כדי זי צו ראַטעווען. ליידער — אָן דערפאָלג.

בלומען... רויטע בלומען... האָט זי געשעפּטשעט ביז דער לעצטער מינוט פון איר לעבן. און מיט די דאָזיקע ווערטער אויף די ליפּן איז זי שטיל אויסגעגאַנגען.

אַ בינטל טרויעריקע זכרונות

דערציילט פון **שמואל טאַוב** (חיפה); פאַרצייכנט דורך **איטשע שלאָמאָוויטש**


עטלעכע טעג נאָכן אָנהויב פון דער מלחמה, האָבן די דייטשן אַריינמאַרשירט קיין מאַקאָוו. גלייך נאָך דעם האָבן זיי אָנגעהויבן צו רודפן די יידן — ראַבירן יידישע געשעפטן, כאַפּן אויף פאַרשידענע אַרבעטן, ווי אויך שניידן בערד. אַלע יידישע געשעפטן זענען צעראַבירט געוואָרן און צום סוף — געשלאָסן. ס'האָבן זיך געשאַפן רייען נאָך ברויט. אָבער יידן זענען פון די רייען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. אַזוי אַרום האָט שוין די יידישע באַפעלקערונג אין מאַקאָוו, אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער הערשאַפט, געליטן פון מאַנגל אין ברויט. אַ טייל פון די מאַקאָווער יידן האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן. אין די דורך די רוסן פאַרנומענע געביטן. זעלטן אָבער זענען דאָס געווען גאַנצע פאַמיליעס. אין די מערסטע פאַלן — מענער, וואָס זייערע פרויען און קינדער זענען געבליבן אין מאַקאָוו. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע מענער זענען שפּעטער צוריקגעקומען קיין מאַקאָוו נאָכדעם ווי זיי זענען אַריינגעפאַלן צו די דייטשן, וועלכע האָבן פאַרנומען גרויסע טיילן פון רוסלאַנד.

אין מאַקאָוו האָבן זיך די רדיפות פאַרשטאַרקט און די לאַגע איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ערגער. איינער פון די ערשטע מאַסן־מאָרדן, וואָס די דייטשן האָבן אויס־געפירט אין שטאָט איז געווען — דאָס צוזאַמענגענעמען אַלע קאַליקעס, קריפּלען, משוגעים און סתם געכאַפּטע מענטשן. זיי האָבן די דאָזיקע אומגליקלעכע אַרויסגעפירט ערגעץ־ווו און דאָרט זיי דערמאָרדעט. דאָס אָרט איז ביז היינט נישט באַוווסט.

די דייטשן פלעגן אין יענער צייט כאַפּן יידן — מענער און פרויען — און אַוועק־שיקן זיי אויף אַרבעט. מייסטנס איז דאָס געווען אין די אַרומיקע דערפער אין די הייף. די אַרבעט איז קיינמאָל נישט געוואָרן באַצאָלט. אַזוי האָט זיך געפירט ביז יאַנואַר 1940. דערנאָך האָבן יידן געמוזט טראָגן געלע לאַטעס. דורך דעם האָבן די דייטשן מיט זייערע פוילישע מיטהעלפער געקענט לייכטער אידענטיפיצירן די יידן. איך וויל דאָ באַמערקן, אַז די פוילישע באַפעלקערונג (אין גרעסטן טייל) האָט פלייסיק געהאָלפן די דייטשן אויספירן די רדיפות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

אין יענער צייט זענען די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די גויישע קוואַרטאַלן איבערגעפירט געוואָרן אין די יידישע וווין־פערטלען. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן ענגע יידישע געגנט. אין דער זעלבער צייט — באַשעפטיקט געוואָרן ביים אַרומצוימען דאָס געטאָ. אַלע פלויטן, וועלכע זענען געווען אין שטח פון יידישן וווין־געביט, זענען פונאַנ־דערגענומען געוואָרן און פאַרנוצט צו פאַרצוימען דעם געטאָ. די פענצטער און טירן וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויסער דעם געטאָ, זענען פאַרקלאַפּט געוואָרן מיט ברעטער.

ס׳איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן, ס׳זאָלן נישט בלייבן קיין שפּאַרעס, דורך וועלכע מען זאָל קאָנען אַרויסקוקן. די גאַסן זענען פאַרצוימט געוואָרן. דאָס געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיט דער אויסערלעכער וועלט דורך 3 טויערן: איין טויער וואָס איז געווען נעבן פּיאַסעצקי, דעם קאָוואַל, האָט געפירט צום בית־הקברות. דאָס צווייטע טויער האָט געפירט צום טייך אָזשיץ.


2491 MILITARY GOVERNMENT
Residence Artilleriekaserne
Landsberg a. Lech

Certificate.

The Camp-Commandant by means of letters scriptural at disposition and examination occured admits hereby

that ....

born .... in ....

las. civil lodging ....

during german oppression was political prisonner (Häftling) before the occupation of this territory.

He came from the Concentration Camp of ....

prisonner Nr. ....

into this camp.

This card serves as personal identification of above named individual.

Landsberg a. L., ... 1945.

Military Government XX. Corps DPTA 12 U.S.-Army

Commanding

1st Lt. Cav., CMD'G

Bescheinigung.

Der Lager-Kommandant bescheinigt hiermit auf Grund der vorgelegten Urkunden und der vorgenommenen Feststellungen, daß

....

geboren am .... in ....

letzter Wohnsitz ....

während der deutschen Verwaltung vor der Besetzung dieses Gebietes politischer Häftling gewesen ist.

Er kam hierher vom Konzentrationslager

....

Häftlings-Nr. ....

Dieser Schein gilt als Personalausweis.

אשור מאת מטה צבאי של ארצות־הברית בגרמניה על היותו עצור במחנה הרכוז דכאו

באַשטעטיקונג פון אַמעריקאַנער מיליטער־אַמט אַלס געוועזענער אינטערנירטער

אין געטאָ האָבן זיך געפונען נאָר 3 ברונעמס און ס׳איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין וואַסער. איין מאָל אין טאָג אויף 1 שעה איז דאָס טויער, וואָס האָט געפירט צום טייך, געעפנט געוואָרן, בכדי צו נעמען וואַסער. די צייט פון 1 שעה איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן און דאָס האָט געפירט צו גרויסע רייען און צו אומזיסטן פּיין. דאָס דריטע טויער איז געוועןביים אַרויסגאַנג צום מאַרק צווישן פּיישע ליפּאָוויטש און שמואל־יוסף עזרי־לביץ. דאָס איז געווען דאָס הויפּט־טויער, וואָס איז געוואָרן געהיט דורך דער יידישער פּאָליציי. דורכן דאָזיקן טויער האָט דאָס געטאָ געפירט זיין לעבן. צוויי מאָל אין דער וואָך, אין די מאַרק־טעג (דינסטיק און פרייטיק) איז דער באַפעלקערונג דערלויבט געוואָרן אַרויסצוגיין אויפן מאַרק, אויף 1 שעה. אָבער דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות,

ווייל נישט איינמאָל האָט די געסטאַפּאָ מיט אירע פּוילישע מיטהעלפער צעשלאָגן דאָרט יידן. אָבער דער הונגער האָט געצוווּנגען די באַפעלקערונג זיך איינצושטעלן דאָס לעבן, בכדי עפּעס איינצוקויפן אָדער אויסטוישן.

די דייטשן האָבן באַשעפטיקט פיל יידן ביי שווערע, פיזישע אַרבעטן, ווי: שאָסייען, שטיינער־האַקעריי, גראָבן טאָרף א.א.וו. דער אַרבעטס־לוין איז געווען אַ נישטיקער. גאַנץ אָפט זענען מענטשן צוריקגעקומען פון די דאָזיקע אַרבעטן צעשלאָגענע, פאַר־בלוטיקטע. אין געטאָ זענען דאַן געווען עטלעכע געשעפטן, וואָס נאָר יידן האָבן געמעגט אין זיי קויפן. די ערשטע צייט האָט אין געטאָ געאַרבעט נאָר איין בעקעריי (לומאַניעץ). דאָס ברויט וואָס די בעקעריי האָט אויסגעבאַקן האָט ווייט נישט געסטייעט פאַר דער באַפעלקערונג. דאַן האָט מען געעפנט אַ צווייטע בעקעריי, אין נייעם בית־המדרש. אויפן פּלאַץ, ווו ס איז געשטאַנען דער אָרון־קודש, האָט מען אויסגעמויערט דעם אויוון. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין מאַקאָוו, האָבן זיי אַרויסגעריסן די פּאָדלאָגעס פון דער שול און זי פאַרוואַנדלט אין אַ רייט־שולע. אויפן פּלאַץ, ווו ס'איז געווען די אויפשריפט: „זה השער לה' צדיקים יבואו בו", האָבן זיי אויפגעהאָנגען אַ גרויסן שילד אין רויטע פאַרבן, מיט אַ האַקנקרייץ און אַן אויפשריפט: „אַלעס פיר דויטשלאַנד". דער מאַקאָווער מאָלער „לייבל קידער" איז געווען געצוווּנגען צו מאָלן דעם שילד. ענדע 1940 איז די שיל געוואָרן פונאַנדערגענומען און די שטיינער אַוועקגעפירט. די שטענדערס, בענק א.א.וו. — צעראַבירט דורך דער פּוילישער באַפעלקערונג, צום הייצן. דער פּלאַץ, ווו ס'איז געשטאַנען די פּרעכטיקע מאַקאָווער שיל (בית המדרש) איז געבליבן ליידיק, אויס־געגלייכט, פּוסט.

די וווינונגס־באַדינגונגען אין געטאָ זענען געווען זייער שווערע. די מענטשן האָבן געוווינט אין שרעקלעכער ענגשאַפט. די לאַגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער. די דייטשן האָבן די גאַנצע צייט געברענגט נאָך יידן, פון דער סביבה, אין מאַקאָווער געטאָ. מען האָט באַזעצט מענטשן אין שפּייכלערס, שטאַלן, בוידעמס א.א.וו. מיט וואָס צו הייצן איז נישט געווען. מענטשן האָבן געליטן פון קעלט. דאָס מיסט פון געטאָ איז נישט אַרויסגעפירט געוואָרן, נאָר אַריינגעוואָרפן אין אויסגעגראָבענע גריבער. די שלעכטע וווינונגס־באַדינגונגען, קעלט, הונגער, שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען, האָבן געפירט צו עפּידעמישע קראַנקהייטן — און אין דער ערשטער ריי — טיפוס. דאָס האָט כמעט קיינעם נישט אויסגעמיטן. צענדליקער מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן. מען האָט געשאַפן אַ שפּיטאָל אָבער צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ, איז דאָרט אַ קראַנקער געלעגן נישט מער ווי צוויי־דריי טעג.

אין יענער צייט איז אין מאַקאָוו קיין דאָקטאָר נישט געווען. די איינציקע מעדיצינישע הילף איז דערטיילט געוואָרן דורך דעם פעלדשער בראָדאַווסקי. אויך איז געווען אַ גרוי־סער מאַנגל אין מעדיקאַמענטן. מיט דער דערלויבעניש פון די דייטשן איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אַ דאָקטאָר פון וואַרשע. ער איז געווען אַ רעליגיעזער ייד און אַן איבערגע־

Bescheinigung.

Es wird hiermit bescheinigt, dass in der Stadt M a k o w eine jüdische Bevölkerung von zur Zeit 3527 Köpfen wohnhaft ist und dass sich unter diesen 517 Flüchtlinge befinden. Die Anzahl der als hilfsbedürftig anzusprechenden Juden beträgt 1950.

Makow, den 22. April 1940.

Der Bürgemeister.
/podpis nieczyt./

Okrągła pieczątka
ze znakiem hitlerowskim
w obwodzie: Der Bürgemeister der Stadt
Makow /Südostpr./.

געבענער מענטש. ער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג.

דער געטאָ־קאָמיסאַר שטיינמעץ האָט באַפוילן צו פאַראַקערן אַ ליידיקן באָדן אויפן שטח פון געטאָ, בערך 15 מאָרג. דאָס פאַרזייען די שטחים האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרלייכטערט דאָס לעבן פון די יידן אין געטאָ דערמיט, וואָס דאָס האָט געגעבן געוויסע קוואַנטומס גרינצייג פאַר דער באַפעלקערונג. איך בין דאַן באַשטימט געוואָרן אַלס געטאָ־גערטנער. מען האָט מיר אָנגעטאָן אַ ווייסע לענטע מיטן אויפשריפט: „געטאָ־גערטנער". דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך פריי צו באַוועגן און פיל מאָל אויך אויסער דעם געטאָ, ווען איך בין געשיקט געוואָרן צו באַאַרבעטן די גערטנער ביי די געסטאַפּאָ־לייט. דאָס האָט מיר אויך געגעבן די פּריווילעגיע נישט געשיקט צו ווערן אויף פאַרשידענע צוואַנגס־אַרבעטן. אויפן שטח, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען די שול, האָב איך לויט אַ באַפעל פאַרזייט טאַבאַק. ס'איז כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז אַלע באַפעלן פון די דייטשן און סיי פון דעם יודנראַט זענען געבראַכט געוואָרן צו דער באַפעלקערונג דורך פּויקן. דער געטאָ־פּויקער איז געווען רפאל ראָזענבערג, דעם שרייבערס אַ זון.

איך געדענק, אַז איינמאָל, גאַנץ פרי, איז צו מיר געקומען דער געטאָ־פּויקער מיט אַ באַפעל, אַז איך זאָל אַראָפּנעמען דעם טאַבאַק פון שול־פּלאַץ, ווייל מען גייט דאָרט אויפשטעלן אַ תליה פאַר 20 יידן. איך האָב גלייך אויסגעפירט דעם באַפעל. אויפן דאָזיקן פּלאַץ האָט מען טאַקע אויפגעשטעלט אַ תליה און אויפגעהאָנגען די יידן. מיט דער דאָזיקער אַקציע האָט אָנגעפירט דער געטאָ־קאָמיסאַר שטיינמעץ.

נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אומגעבראַכט דעם איינציקן יידישן דאָקטאָר אין געטאָ איז אין אַ צייט אַרום געבראַכט געוואָרן אַן עלטערער דאָקטאָר פון דייטשלאַנד. אָבער אין יענעם טאָג, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן גייען ליקווידירן דאָס געטאָ, איז דער דאָזיקער דאָקטאָר צוזאַמען מיט זיין פרוי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין נאָוועמבער האָט מען צוזאַמענגענומען אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף אַרבעט אין דער סביבה און מען האָט זיי געבראַכט אין געטאָ אַריין. דאָס געטאָ, וואָס איז ביז דאַן געוואָרן געהיט נאָר דורך יידישער פּאָליציי, איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך ס. ס.־לייט. דאָס אַרויסגיין פון געטאָ איז געוואָרן אוממעגלעך. האַלב נאָוועמבער האָט דער דיין פון שטאָט (לאַנגפוס) געהאַלטן אַ רעדע דורכן פענצטער פון רבס געוועזענער וווינונג, און מיטגעטיילט דער באַפעלקערונג, אַז דאָס געטאָ ווערט ליקווידירט און מיר ווערן איבערגעפירט אויף אַרבעט. מ'האָט צוזוויסן געגעבן דער באַפעלקערונג, אַז גאַנץ פרי מוזן אַלע זיך פאַרזאַמלען ביים טויער, וואָס פירט צום בית־הקברות. יעדער איינער קען מיטנעמען מיט זיך בלויז אַ קליין פּעקעלע די שטובן דאַרפן ווערן אויפגערוימט, די בעטן צוגעבעט און די טירן — נישט געשלאָסן.

צענדליקער פערד און וואָגן האָבן געוואַרט אויף די מענטשן. אין דער דרויסן־זייט פון געטאָ־טויער זענען געשטאַנען ס.ס.־לייט און שרעקלעך געשלאָגן און געיאָגט די יידן.

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ לויפעריי. די משפחות האָבן זיך פאַרלוירן, ווייל יעדער איינער, וועלנדיק אויסמיידן קלעפּ, איז שנעל געלאָפן צו די וועגענער.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געפאָרן און ביינאַכט אָנגעקומען קיין מלאַווע. מאַקאָווו איז געוואָרן יידן־ריין. אַ קהילה, וואָס האָט עקזיסטירט הונדערטער יאָרן איז אָפּגעמעקט געוואָרן.

אין מלאַווע האָבן זיך דאַן געפונען נאָר עטלעכע הונדערט יידן. דאָס רוב הייזער איז געשטאַנען ליידיק. מען האָט אונדז דאָרט באַזעצט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען צונויפגענומען אַלע פרויען, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן זייערע מענער אין די פריערדיקע אַקציעס, און צוזאַמען מיט זייערע קינדער זיי אָפּגעטראַנספּאָרטירט. פון דאָזיקן טראַנספּאָרט איז קיין איין מענטש נישט געבליבן לעבן.

דעם 6־טן דעצעמבער איז אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן אַ העלפט פון די יידן קיין אוישוויץ, און אויף צומאָרגנס — די צווייטע העלפט. אין דעם טראַנספּאָרט פון 7־טן דעצעמבער בין איך אויך געווען. דאָס אַרויספאָרן האָט אויסגעזען אַזוי: פון מלאַווע ביז צו דער באַן, אַ מרחק פון בערך 2 קילאָמעטער, זענען מיר געטריבן געוואָרן צופוס. דאָרט זענען מיר אונטער מוראדיקע קלעפּ אַריינגעפּרעסט געוואָרן אין לאַסט־וואַגאָנעס. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז איינער איז ממש געלעגן אויפן צווייטן. עס איז נישט געווען קיין לופט צום אָטעמען. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ דעם 10־טן דעצעמבער, זענען אין די וואַגאָנעס שוין געווען אַ סך טויטע.

קיין אוישוויץ זענען מיר אָנגעקומען ביינאַכט. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און דורכגעפירט אַ סעלעקציע. פונעם טראַנספּאָרט, וואָס האָט געציילט עטלעכע טויזנט, זענען 525 מענער געשיקט געוואָרן קיין בירקענאַו, באַגלייט פון ס.ס.־לייט, וואָס האָבן די אומגליקלעכע געשלאָגן. די אַלע אַנדערע יידן, וועלכע זענען געקומען מיט דעם זעלבן טראַנספּאָרט האָט מען גלייך פאַרברענט אין די „בזשעזינקעס" (דאַן זענען נאָך נישט געווען די קרעמאַטאָריעס). קיין איין יידישע פרוי פון מאַקאָווו, וועלכע מען האָט געבראַכט מיט די אויבנדערמאָנטע טראַנספּאָרטן, איז נישט געבליבן לעבן. די צוויי מאַקאָווער פרויען, וואָס זענען יאָ געבליבן לעבן אין אוישוויץ, זענען געקומען אַהין פון וואַרשע און לאָדזש, אָבער נישט פון מאַקאָוו.

אָנקומענדיק קיין בירקענאַו האָט מען אונדז אויסגעטאָן נאַקעט און אַלץ צוגענומען ביי אונדז. דערנאָך אָפּגעשוירן די האָר, געשיקט אין באָד, אויסטאַטואירט נומערן אויף די הענט און דאַן אָנגעטאָן די לאַגער־מלבושים. דעם זעלבן טאָג זענען שוין פיל מאַקאָווער געווען צווישן די קרבנות. טויטע קערפּערס האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן. אין יענער צייט זענען מיר געווען — פוןביידע טראַנספּאָרטן — איבער 1000 מענער. אין עטלעכע טעג אַרום זענען מיר גענומען געוואָרן אויפן אַפּעל. ס׳האָבן שוין געפעלט פיל מאַקאָווער. 100 מענער, די שטאַרקסטע, צווישן זיי 70 מאַקאָווער, זענען דורך די

דייטשן אויסגעקליבן געוואָרן אין דער „זאָנדער־קאָמאַנדע“. אַ גרויסער טייל פון אונדז איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין בונא, אַ לאַגער, 7 קילאָמעטער פון בירקענאַו. דאָרט זענען מיר געווען ביז צוויי וואָכן. צוליב עפּידעמיעס זענען מיר כמעט אַלע צוריקגעשיקט געוואָרן קיין בירקענאַו.

די צאָל מאַקאָווער איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ קלענער און קלענער. טאָג־טעגלעך זענען געפאַלן קרבנות. אַ טייל איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך וואַרפן זיך אויף די עלעקטרישע דראָטן. (צווישן זיי אויך מיין ברודער יחיאל). אַ סך זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך קלעפּ און שיסערייען. אַ טייל איז דערפרוירן געוואָרן אָדער געשטאָרבן פון הונגער. אין די צוויי ווינטער־חדשים, דעצעמבער 1942 און יאַנואַר 1943 זענען 90 פּראָצענט מאַקאָווער אומגעקומען. מיט אַ גרופּע מאַקאָווער בין איך אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, אין דער אַזוי גערופענער „מויערער־שולע“. אין פיר חדשים אַרום בין איך געוואָרן צוריקגעשיקט קיין בירקענאַו, ווו עס זענען געבליבן נאָר איינצלנע מאַקאָווער. עטלעכע צענדליק מאַקאָווער זענען נאָך דאַן געווען אין דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ“. צו זיי האָט מען נישט געטאָרט צוקומען, אָבער זיי האָבן איבערגעקויפט דעם קאַפּאָ און אַדאַנק דעם האָבן מיר, מאַקאָווער, געקענט פון צייט צו צייט צו זיי קומען. זיי האָבן אונדז געהאָלפן סיי מיט שפּייז און סיי מיט באַקומען בעסערע אַרבעטס־פּלעצער. נאָך מער: אין דער צייט פון די סעלעקציעס פלעגן מיר זיך ביי זיי אויסבאַהאַלטן. צווישן די מאַקאָווער געדענק איך דעם מאַקאָווער דיין לאַנגפוס, בערקאָ און יידל טאפער, מאיר פּיעקאַרטשיק, בעטשקאַ, וועלוול פוקס — וואָס זענען געווען אין דער „זאָנדער קאָמאַנדאָ“.

אין אַ זומער־טאָג איז צו מיר דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז 4 יידן האָבן געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן פון בירקענאַו און אַז מ'האָט זיי געכאַפּט. צווישן די 4 זענען געווען הענעך און שלמה גראָמב. איך האָב פון דער דערפאַרונג געוווּסט, אַז פאַר אַזאַ זאַך דראָט זיי באַלדיקער אומקום. ביי דער אויספאָרשונג האָט הענעך גראָמב גענומען די גאַנצע שולד אויף זיך. אַזוי אַרום זענען די אַנדערע דריי געשיקט געוואָרן אין ס. ק. שטראָף־קאָמאַנדאָ. דאַקעגן ער איז אין עטלעכע טעג אַרום אויפגעהאָנגען געוואָרן. אַזוי אַרום האָט ער מיט זיין טויט געראַטעוועט דאָס לעבן פון די איבעריקע דריי. מיר איז באַקאַנט, אַז צוויי פון זיי לעבן (שלמה גראָמב — אין אויסטראַליע).

אין יענער צייט בין איך געווען באַשעפטיקט ביים רייניקן קאַנאַלן. דאָס האָט מיר דערמעגלעכט צו קומען אין אַלע פּלעצער, ווי: די קרעמאַטאָריעס, פרויען־לאַגערן א.א.וו. איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן צוגעזען ווי עס גייט צו דאָס טייוולאָנישע אומברענגען די יידן און אויך פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. איך האָב געזען די גאַז־קאַמערן מיט די אויבערשטע עפענונגען אויף אַריינצוואַרפן דעם גאַז, די אייזערנע וועגעלעך, מיט וועלכע מען האָט געפירט די מענטשן צום אויוון און אויך די אייזערנע זיפּן צום זיפּן די ביינער. אין אַ געוויסן טאָג בין איך צוגעקומען צום טויער פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ“, פירנדיק מיט זיך דעם וואָגן פון קאַנאַל־רייניקער. מיר איז אַנטקעגנגעלאָפן

דער מאַקאָווער דיין, לאַנגפוס, און אויסגעשריגן: „ליטמאַנס זון, גאָט האָט דיך צוגעשיקט״. און ער האָט ווייטער געזאָגט: „דו קענסט מער אין שטח פון קרעמאַטאָריע נישט אַריין, מיר רייסן זי אויף״.

און ער האָט ווייטער דערציילט: „צו אונדז איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אַ טייל פון אונדז דאַרף אומגעבראַכט ווערן. מיר האָבן באַשלאָסן דאָס מאָל זיך קעגנצושטעלן די דייטשע מערדער, און צווישן אַנדערן אויפרייסן די קרעמאַטאָריע. מיר האָבן במילא נישט וואָס צו פאַרלירן״.

ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז ער האָט פאַרשריבן אַלע טראַנספּאָרטן, פון וועלכע פּלעצער זיי זענען געקומען, און די צאָל מענטשן אין זיי, און אַז ער האָט די רשימות באַגראָבן אין בלעכענע קעסלען. ביז היינט איז מיר נישט געלונגען זיך צו דערוויסן אויב די דאָזיקע רשימות זענען געפינען געוואָרן.

איך האָב זיך געזעגנט מיטן דיין. זייענדיק אויפן וועג פון דער קרעמאַטאָריע, נאָך איידער איך בין צוגעקומען צום לאַגער, האָב איך דערהערט אַן אויפרייס און דערנאָך אַ שטאַרקע שיסעריי. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעריי פון מענטשן (אין לאַגער זענען געווען פיר קרעמאַטאָריעס פון וועלכע איינע איז אויפגעריסן געוואָרן). ס׳זענען אָנגעקומען צענדליקער ס.ס.־לייט, אונדז אַרומגערינגלט און גענומען טרייבן אין לאַגער אַריין. די אַלע, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין קרעמאַטאָריע, זענען דערשאָסן געוואָרן. ווי איך ווייס, האָבן די העלדן פון קרעמאַטאָריע נאָך באַוויזן, פאַרן אויפרייס, אַריינצוּוואַרפן דעם דייטשן קאַפּאָ, לעבעדיקערהייט, אין אויוון אַריין.

מיט זייער העלדישער טאַט האָבן די אויפשטענדלער פאַרלייכטערט דאָס לעבן אין לאַגער. די סעלעקציעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט אויפגעהערט צו שיקן די ניי־געקומענע טראַנספּאָרטן גלייך צום פאַרברענען. מ׳האָט שוין געקאָנט זען אין לאַגער מענטשן אין מיטעלן עלטער. עס זענען געשאַפן געוואָרן קינדער־בלאָקן (ביז דאַן האָט מען קיין קינדער בכלל נישט אַריינגענומען אין לאַגער, נאָר גלייך פון טראַנספּאָרט געשיקט זיי צום אומקום).

אין בירקענאַו בין איך געבליבן ביזן 18־טן יאַנואַר 1945. איך האָב נאָך געזען ווי די דייטשע מערדער ווילן פאַרווישן די שפּורן פון זייערע מערדערייען, דורך אויפרייסן די קרעמאַטאָריעס. דאַן זענען מיר געטריבן געוואָרן דורך די דייטשן אין אַ מאַרש ביז גלייוויץ. איך בין באַפרייט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער, אין חודש מאַי 1945, אין דאַכאַו.

אידה כ״ץ־בעער־גארפינקעל / בני־ברק—ניו־יאָרק

מאַקאָווער יוגנטלעכע אין אוישוויץ

1944. די מלחמה איז נאָך אין פולן פלאַקער. די אכזריותדיקע רוצחים, די דייטשן, ימח שמם, זענען שוין אויף פיל פראָנטן געבראָכן. — אין מזרח און אין מערב. די רוסן שטייען שוין ביי די טויערן פון וואַרשע. וועגן דעם דערוויסן מיר זיך פון געהיימע ידיעות, וועלכע דרינגען אַריין אין געטאָ, דורך פאַרשידענע וועגן.

צו יענער צייט געפין איך זיך נאָך אין לאָדזשער געטאָ — ליצמאַנשטאַט — אַזוי האָבן עס די דייטשע אָקופּאַנטן גערופן.

פּלוצלינג פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען, אַז די דייטשן גייען עוואַקואירן דאָס ליצמאַנ־שטאַטער־לאָדזשער געטאָ. מ׳זאָגט — אין אַרבעטס־לאַגער. פון קלאַנגען ווערט אַן אמת און גלייך קומען זייערע באַפעלן.

אַלע אַרבעטס־וואַרשטאַטן ווערן געשלאָסן. מאַשינען, אַרבעטס־מכשירים, טישן און בענק — אַרויסגענומען. זיי גרייטן דאָס אַלץ אָפּצוטראַנספּאָרטירן ערגעץ־ווו, כדי אַזוי אַרום צו פאַרמאַסקירן זייער אמתדיקן ציל. עס ווערט אַ צעמישעניש אין געטאָ.

דער לייטער פון לאָדזשער געטאָ, ביבאָוו, ימח שמו, אָרדנט־איין אין פאַרשידענע טיילן פון יידישן ווינ־קוואַרטאַל, מאַסן־מיטינגען, באַרואיקט די באַפעלקערונג, זאָגט, אַז מיר גייען איבער אין אַנדערע אַרבעטס־לאַגערן און אַז קיין שום שלעכטס וועט אונדז נישט פּאַסירן. ער טוט עס פאַר אונדזער „טובה״ וועגן. דער מערדער שטרייכט אונטער: „די רוסן שטייען שוין נאָענט און אַטאַקירן וואַרשע. אין קורצן וועלן זיי זיך דערנענטערן אויך צו לאָדזש. זיי וועלן אייך אַלע — די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג — אויסהרגענען. איר האָט דאָך געאַרבעט און געשאַפן אַ גרויסע פּראָדוקציע פאַר דער דייטשער אַרמיי״.

מיט דעם האָט ער מאָטיווירט די עוואַקואַציע, און געוואָלט אונדז איבערצייגן מיר זאָלן רואיק פאַרלאָזן דאָס געטאָ, גיין ווי שעפסן, וווהין זיי וועלן אונדז פירן.

אַן איראָניע פון גורל: פריער זענען מיר עס געווען די „שמוציקע, קרעציקע יודן, די שווייַנען־הונדע״, איצט רעדט מען צו אונדז העפלעך, ווי צו מענטשן. אין דער לעצטער מינוט האָבן די מערדער נישט געוואָלט אַרויסרופן קיין פּאַניק, מורא האָבנדיק עס זאָל נישט קומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער באַפעלקערונג.

מענטשן האָבן דאָך עפּעס דערפילט. ווי איינער האָט נאָר געקענט, האָט ער זיך אויס־באַהאַלטן, נישט געגאַנגען פרייוויליק.

איך און מיין מאַן, יחיאל בעער ז״ל, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אַ לאַנגע צייט האָט מען דאָס נישט געקענט טאָן. אונדזער שפּייז־זאַפּאַס איז געווען זייער אַ קליינער, קוים אויף אַ פּאָר טעג די נשמה צו דערהאַלטן.

אין געשלאָסענע פערד־וואַגאָנען

איין מאָל, פאַרנאַכט (בייטאָג האָט מען מורא געהאַט אַרויסצוגיין), זייענדיק שוין אין גאַנצן דערשעפּט פון הונגער, זענען מיר אַרויס פון דער באַהעלטעניש. אפשר וועט מען עפּעס געפינען צום עסן אין די דערבייאיקע, שוין דאַן פאַרלאָזענע יידישע הייזער. אַ געוויסע צייט האָט זיך אונדז איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן, אָבער לסוף האָבן די דייטשן אונדז אויסגעפונען, אַרויסגעשלעפּט פון דער באַהעלטעניש און אָפּטראַנספּאָר־טירט צו דער באַן־סטאַציע „מאַרישין". דאָרט האָט מען געטראָפן נאָך טויזנטער יידן צום טראַנספּאָרט. מ'האָט אונדז אַריינגעיאָגט אין פאַרמאַכטע פערד־וואַגאָנען, אַן ערך 120 מענטשן אין איין וואַגאָן, אָן פענצטער. ממש נישט געווען קיין ביסעלע לי־פט צום אָטע־מען. דערצו האָט מען אַלע מענטשלעכע געברויכן געמוזט דערלייַדיקן אין וואַגאָן.

דער עיפּוש איז געווען אומדערטרעגלעך. אַזוי זענען מי־ר געפאָרן צוויי טעג. מ'האָט אונדז געפירט אַהין און צוריק. ווען די באַן האָט זיך געשטעלט, האָבן מיר שוין געהאַט עטלעכע טויטע אין וואַגאָן.

פירנדיק אונדז אַזוי אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנען, האָט איינמאָל מיין מאַן יחיאל, אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרע און דערקענט, אַז די געגנט וווּ מיר געפינען זיך, איז אויבער־שלעזיע, די געגנט פון קאַטאָוויץ.

הערנדיק דאָס, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ קאַרטל, וואָס איך האָב דערהאַלטן, שוין זייענדיק אין לאָדזשער געטאָ, פון מיינע קיינמאָל נישט פאַרגעסענע עלטערן, רחל און פנחס כץ ז"ל. איך האָב עס טאַקע געהאַט מיט מיר. עס איז געווען אַ געזעגענונגס־בריוו, געשריבן פון מלאָווע, דאַטירט: נאָוועמבער 1942.

אין דעם דאָזיקן קאַרטל האָט מיין מוטער געשריבן „דאַנקען גאָט, מיר אַלע זענען אַרבעטס־פעיק, אַפילו די קינדער (די אייניקלעך) און וואַרשיינלעך שיקט מען אונדז אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין אויבער־שלעזיע".

דאָס קאַרטל האָב איך געהאַלטן ווי אַ הייליקן אָנדענק פון מיינע עלטערן.

צו יענער צייט האָב איך זיך נאָך נישט פאַרגעשטעלט און נישט געגלויבט אין די אַכזריותדיקע מעשים פון די דייטשן, אַז די נאַצי־מערדער האָבן מיינע עלטערן און די קינדער אומגעבראַכט אין די שוידערלעכע גאַז־אויוונס.

נאָך אַ צווייטאָגיקער גהינום־נסיעה, האָט די באַן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַציע. דאָס איז געווען בירקענאַו־אוישוויץ, אין אויבער־שלעזיע.

אין בירקענאַו־אוישוויץ

מיט גרויס געפּילדער ווערן געעפנט די ט רן פון די וואַגאָנען. די עס־עס־לייט שרייען דערביי מיט חיהשער רציחה: „שנעל הערויס איר שווינען־הונדע, אַלעס איבער־לאַסען".

ציטערנדיק פון שרעק, שפּרינגט מען פון די וואַגאָנען, איבערלאָזנדיק דאָרט דאָס

לעצטע ביסל אָרעמקייט, וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט מיט זיך, און דער עיקר — דאָס שטיקעלע ברויט.

אויף דער פּלאַטפאָרמע זענען מיר אויסגעשטעלט יונגע בחורים אָנגעטאָן אין פּאַ־סיאַקעס (פּאַסן־קליידער) ווי אַרעסטאַנטן. אין זייערע פּנימער, אין זייערע אויגן, וואָס קוקן אויף אונדז מיט רחמנות און שרעק, דערקען איך, אַז דאָס זענען יידן. איך דערמאָן זיך אין דעם פּאָסט־קאַרטל פון מיינע עלטערן פון יאָר 1942. דעם ערשטן קאַצעטלער נאָענט צו מיר, אַ יונגער בחור, פרעג איך, אפשר ווייסט ער עפּעס פון מאַקאָוו־מאַזאָ־וויעצקער מענטשן. מיינע עלטערן און משפּחה — זאָג איך — דאַרפן זיך דאָ געפינען. דער קאַצעטלער דרייט אַוועק דעם קאָפּ נישט קוקנדיק אויף מיר, די עס־עס־לייט זאָלן נישט באַמערקן, אַז ער רעדט צו מיר. ער פרעגט זיך ווער איך בין פון מאַקאָוו־מאַזאָ־וויעצק (ער האָט נישט געטאָרט רעדן מיט די פריש־אָנגעקומענע). גלייכצייטיק פרעגט ער: „האָסט ברויט?”. איך ענטפער: „ניין”. ער שפּרינגט אַריין אין אַ וואַגאָן, ברענגט אַרויס צוויי שטיקלעך ברויט פאַר מיר און פאַר מיין מאַן און זאָגט צו אונדז: „עסט דאָס ברויט ביז איר וועט קומען צום פּלאַץ ווו די דייטשן שטייען. קניפּט די באַקן, בייסט די ליפּן זיי זאָל זיין רויט, און אַז די דייטשן וועלן אייך פרעגן ווי אַלט איר זענט, זאָגט זיי „אין די צוואַנציקער יאָרן”. עס איז געווייס איבעריק צו דערמאָנען, אַז די געבראַכטע פון לאָדזשער געטאָ האָבן אויסגעזען ווי שקעלעטן. דער געפרעגטער בחור איז טאַקע געווען איינער פון אונדזערע מאַקאָווער, וועלכע זענען שוין דאַן געווען אין אושוויץ־בירקענאַו זינט 1942. זיין נאָמען — לייבל פוקס, זון פון וועלוול (אַ קצב, זיין מוטערס נאָמען געדענק איך נישט).

לייבל פוקס האָט אונדז נאָכגעקוקט (מיך און מיין מאַן), ביז מיר זענען צוגעקומען צו דער סעלעקציע, וווהין די עס־עס־לייט האָבן אונדז געשיקט. מיר זענען אַריין „רעכטס”. „לינקס” האָט באַדייט צו גיין אין גאַז־קאַמער.

אַלע וואָס זענען אַוועק אויף דער רעכטער זייט האָט מען געפירט צו „אַנטלויזן”, ד.ה. אין אַ באָד־אַנשטאַלט. מ׳האָט אָפּגעריסן די פרויען פון זייערע מענער.

דאָרט, אין באָד־אַנשטאַלט, האָט מען די פרויען געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט אין קעגנוואַרט פון פרעמדע מענער, דערביי האָבן זיי אונדז נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ. זיי האָבן באַטראַכט אונדזערע קערפּערס, צי מיר זענען נישט קרעציק, אָפּגעגאָלט מיט אַ מאַשינקע די האָר פון קאָפּ, צוגענומען די וועש, קליידונג און שיך, וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט אויף זיך — שוין דאָס לעצטע וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט.

איין קלייד — אָנשטאָט וועש און מלבושים

נאָכן אויסבאָדן זיך, האָט מען אונדז צוגעוואָרפן איין קלייד, וואָס דאַרף דינען פאַר וועש און מלבושים — און אויך אַ פּאָר „האָלענדערקעס” (הילצערנע טרעפּעס).

דורכגעמאַכט די צערעמאָניע, האָט מען אונדז איינגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און אָפּגעפירט אין לאַגער. דאָס איז געווען דער באַקאַנטער לאַגער „צע” אין בירקענאַו־

אוישוויץ. דאָרט האָט מען שוין געטראָפן פיל טויזנטער פרויען, געקומענע מיט פריער־דיקע טראַנספּאָרטן פון גאַנץ אייראָפּע.

צו קיין אַרבעט האָט מען פון דאָזיקן לאַגער נישט געשיקט, אויך נישט טאַטואירט. אונדזער לאַגער איז געווען אויסגעשטעלט אַ פּאָר מאָל אין טאָג אויף סעלעקציעס. דורכגעפירט האָט זיי ד״ר מענגעלע, ימח שמו, מיט זיינע געהילפן. דער לאַגער איז געווען פול געפּאַקט, האָט מען יעדן טאָג אויסגעקליבן פרישע קרבנות, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר די ווייטערדיקע טראַנספּאָרטן. אַ טייל האָט מען געשיקט אין אַנדערע לאַגערן, דעם גרעסטן טייל אָבער — אין די גאַז־אויוונס.

מ׳האָט אונדז „איינקוואַרטירט״ אין בלאָקן. איך האָב געהאַט דאָס מזל אַריינצופאַלן אין אַ בלאָק, ווו עס זענען געווען הילצערנע פּריטשעס. די פּריטשעס זענען געווען צווייישטאָקיקע, אויף יעדער צו אַכט פרויען, פיר צוקאָפּנס און פיר צופוסנס. אין אַנ־דערע בלאָקן זענען אַפילו קיין פּריטשעס אויך נישט געווען. איז מען געשלאָפן אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט לייבל פּוקס, קומענדיק צוריק נאָך דער אַרבעט אין זיין לאַגער, דערציילט — נאָך דעם זעלבן אָוונט, די מאַקאָווער יינגלעך, וועלכע האָבן זיך אויך געפונען אין דאָזיקן לאַגער, אַז איינע, אַ מאַקאָווער־געבוירענע, אידאַ כץ־בעער, איז געקומען מיט אַ לאָדזשער טראַנספּאָרט קיין בירקענאַו און זי געפינט זיך אין לאַגער צע״.

די ידיעה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די מאַקאָווער. אַלע ווי איינער האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט מיר. זיי האָבן דאָך שוין געוווסט, אַז אַלע פרויען און קינדער פון די מאַקאָווער טראַנספּאָרטן זענען גלייך געפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן. זיי האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו ראַטעווען יעדע אין מאַקאָוו גע־בוירענע פרוי, וועלכע איז געקומען מיטן טראַנספּאָרט פון אַנדערע געטאָס. דאָס האָבן זיי זיך געשטעלט פאַר אַ היילקן ציל. אָבער נישט לייכט איז עס געווען אויסצופירן. און טאַקע גלייך צומאָרגנס, נאָך מיין קומען קיין בירקענאַו, אין לאַגער „צע״, האָט דער ערשטער — יצחק גראַניעוויטש, דער זון פון שלמה און עטל ז״ל מיך אָפּגעזוכט. ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין דעם פרויען־לאַגער, ווייל ער האָט געאַרבעט אַלס עלעקטריקער. מיר האָבןביידע זיך נישט דערקענט. ער, מיין געוועזענער שילער, אָנגעטאָן אין אַ גרוי־בלויען „פּאַסיאַק״, ווי אַן אַרעסטאַנט. איך — אויסגעדאַרט ווי אַ שקעלעט, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ. איך האָב מיך געשעמט אַרונטערצוגיין פון דער פּריטשע, ווייל דאָס קלייד, וואָס האָט געדינט אויף פאַר שלאָף־וועש, האָט זיך צעריסן, ביינאַכט אויף דער פּלייצע, בעת איך בין געלעגן אויף דעם האַרטן געלעגער.

די מאַקאָווער קומען מיך באַזוכן

צוהאַלטנדיק דאָס צעריסענע קלייד פון הינטן, מען זאָל נישט זען דאָס נאַקעטע לייב, בין איך דאָך אַרונטער פון געלעגער. דאָס ערשטע, געפרעגט אויף מיין משפּחה.

אָבער ווידער קיין ענטפער נישט באַקומען. ער האָט מיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, ווי ווייט מעגלעך זיך צו האַלטן שטאַרק — פיזיש און גייסטיק. איך אָבער בין שוין דאַן געווען גלייכגילטיק צו אַלעם, אָן דעם מאַן, אָן די קינדער, אָן משפחה — איינע אַליין. די מאַקאָווער, האָט ער מיר געזאָגט, וועלן זיך באַמיען מיך צו שטיצן וויפל זייערע מעגלעכקייטן וועלן גרייכן.

קודם כל האָט ער גלייך גערעדט מיט דער בלאָק־עלטעסטער (איך האָב באַמערקט, ער האָט איר עפּעס געגעבן), זי זאָל אויף מיר אַ ביסל מער אַכטונג געבן, לאָזן מיך לויפן, ווען עס וועט זיין אַ סעלעקציע אין דעם בלאָק, און איך זאָל באַקומען מער צום „עסן". דאָס עסן אויף אַ גאַנצן טאָג איז באַשטאַנען: אינדערפרי — אַ ביסל שוואַרץ וואַסער, וואָס האָט געהייסן „קאַווע". אויף מיטאָג — אַ זופּ, ווו עס האָבן אַרומגעשווומען אַמאָל אַ פּאָר שטיקלעך קאַרטאָפל, אַ סך מאָל קאָלאָראַבן אָדער בורעקעס. עס איז ביי אונדז געווען אַ גרויסער יום־טוב, ווען מיר האָבן געקריגן אַ ברויט־זופּ. ביינאַכט האָט מען פאַר אונדז געטיילט אַ פּאָרציע ברויט, ווי ליים.

נאָכדעם ווי יצחק גראַניעוויטש האָט מיך אויפגעזוכט, זענען אויך אַנדערע מאַקאָווער יינגלעך באַלד געקומען העלפן צו דערהאַלטן מיך ביים לעבן און צוגעבן מוט.

דער צווייטער איז געווען מרדכי ציעכאַנאָווער, דער זון פון מאיר־הערש און רחל

זעענדיק מיין צעריסן קלייד, דעם אָפּגעגאָלטן קאָפּ, איז ער גלייך אַוועק, געבראַכט פון ערגעץ־ווו אַ גאַנץ ניי קלייד, אַ טיכעלע צוצודעקן דעם קאָפּ, און דער עיקר — אַ שיסל מיט עסן, וואָס איז באַשטאַנען פון זיסע לאָקשן. אַזאַ מין „לוקסוס" האָב איך שוין נישט נאָר נישט געגעסן, נאָר אַפילו נישט געזען אַ פּאָר יאָר פאַר די אויגן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט יוסף לודווינאָוויטש, דער זון פון מאַטעס און פּערל, פון דער משפחה פּיאַנקע, זיך אַריינגעגנבעט אין פרויען־לאַגער „צע", כדי מיך צו זען. זיין שריט האָט אים געדראָט מיט זייער אַ האַרבער שטראָף, ווייל ער האָט געאַרבעט אין דער „זאָנדערקאָמאַנדאָ". ער האָט נישט געטאָרט אַריינקומען אין אונדזער לאַגער. ווען די עס־עס־לייט וואָלטן אים דאָ געכאַפּט, וואָלט ער געקענט באַצאָלן אַפילו מיט זיין לעבן.

ביים טרעפן זיך האָבן מיר ביידע שטאַרק זיך צעוויינט. מיר זענען געווען די נאָענט־סטע שכנים. אונדזערע משפחות האָבן זיך געהאַלטן באמת זייער נאָענט. ווידער אַמאָל האָב איך געפרעגט: „יוסף, ווו זענען מיינע עלטערן, שוועסטער, שוואָגער און קינדער?" ער האָט מיר געענטפערט: „איצט מוזן מיר דיך דערהאַלטן ביים לעבן". פון זיין ענטפער האָב איך שוין גאַנץ קלאָר פאַרשטאַנען, אַז מיינע נאָעטסטע און טייערסטע זענען שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז מיינע צוויי קינדער, ברכה און שרה־פייגע האָבן שוין אויך געטיילט דעם זעלבן גורל. די נאַצישע מערדער האָבן זיי פון מיר אַוועקגעריסן בעת דער דעפּאָרטאַציע פון פּאַביאַניצער יידן, אין יאָר 1942.

די מאַקאָווער יוגנטלעכע אין אוישוויץ האָבן מיט מסירת־נפש און אַחריות זיך באַמיט צו שטיצן די נישטיקע צאָל, נאָך דאַן ביים לעבן געבליבענע מאַקאָווער פרויען.

טוביה סעגאַל, דער זון פון פישל און ליבע, האָט מיך באַזאָרגט מיט וואַרעמע וועש, ווינטער־קליידער און אַ פּאָר נייע מענער־שיך, טאָפּלט געזוילט. דאָס האָט מיך געשיצט פון פאַרקילונג, שטייענדיק לאַנגע שעהען אויפן „אַפּעל" אין רעגנס און אין שנייען. דאָס פּעקל מלבושים איז דאַן געווען ממש נישט אָפּצושאַצן. עס פעלן מיר ווערטער אויף צו באַשרייבן די דאָזיקע טאַט.

יהודה־לייב גלאָגאָווער, דער זון פון חיים־יצחק און ראַשקע, איז כמעט יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט, שטופּנדיק אַ וועגעלע ברויט אין דער באַגלייטונג פון עס־עס־לייט, פאַרבייגעגאַנגען דעם לאַגער ווו איך בין געווען, און מיר, דורך די דראָטן געוואָרפן אַ ברויט. טיילמאָל האָט ער עס נישט געקענט טאָן, ווייל אַ רוצחישער עס־עס־מאַן איז אים נאָכגעגאַנגען, און פאַר וואַרפן אַ ברויט, וואָלט ער זייער שווער באַשטראָפט געוואָרן. ווען גלאָגאָווער האָט עס נישט געקענט טאָן, האָט ער עס דערציילט די מאַקאָווער אין זיין בלאָק, און צומאָרגנס פרי, גייענדיק מיט זייערע קאָמאַנדאָס צו דער אַרבעט, אויך אונטער עס־עס־אויפזיכט, האָט שוין איינער פון זיי זיך באַמיט און מיר, דורך די דראָטן געוואָרפן אַ פּעקל ציגאַרעטן, פאַר וועלכע מ'האָט געקענט קריגן ברויט. איך האָב שוין געוווסט יעדעס מאָל ווען די קאָמאַנדאָס זענען געגאַנגען צו, און פון דער אַרבעט, צו שטיין נאָענט פון די דראָטן. אַזוי האָבן די מאַקאָווער יינגלעך זיך אויסגעלערנט צו טאָן.

געוואָרפן אַ בייטעלע איבער די דראָטן

איך געדענק, אַז איין מאָל האָט ישראל ציון, דער זון פון נח און רחל, מיר געוואָרפן אַ פּאַפּירן בייטעלע, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר מייערן און אוגערקעס. צוליבן הויכן וואַרפן, עס זאָל אַדורך דורך די דראָטן, האָט דאָס פּאַפּירענע בייטעלע זיך צעריסן און דער טייערער „אוצר" — די מייערן און אוגערקעס — זענען זיך צעפאַלן ווייט פון מיר. די קאַצעטלער האָבן ווי היישעריקן זיך געוואָרפן דאָס צו כאַפּן, באַפאַלנדיק איינע די צווייטע. איך האָב זיך נישט געקענט רירן פון אָרט — און געוויינט. דאָס בילד האָט אויפגעוועקט אין מיר געפילן פון מיטלייד, אָבער אפשר ווייל איך האָב פאַרלוירן אַזאַ טייערן מאכל. איך האָב נישט געבעטן מיר דאָס צוריקגעבן. איינע פון זיי, האָט אַליין מיר צוגעטראָגן עטלעכע שטיקלעך מייערן און אוגערקעס. אין אירע גיריקע אויגן האָב איך געזען דאָס גרויסע לעכצן צו פאַרזוכן דעם באַגערטן מאכל. האָב איך זיך געטיילט מיט איר מיט די קליינע שטיקלעך. איך בין דאָך אויך געווען איינע פון זיי, פון די שטענדיק שרעקלעך הונגעריקע. אַ דאַנק אָבער דער מסירת־נפש פון די מאַקאָווער בחורים, בין איך דאָך געווען אַ ביסל בעסער דערנערט פון אַנדערע.

איך דערמאָן זיך: איינמאָל האָט אַ ציעכאַנאָווער בחור, נוח זאַבלודאָוויטש, מ'יך אויפגעזוכט אין מיין לאַגער און איבערגעגעבן אַ פּעקל עסנוואַרג, וואָס די מאַקאָווער

האָבן געשיקט. אין דעם פּעקל האָבן זיך געפונען ציגאַרעטן, מאַרגאַרין, מאַרמעלאַדע און אַ שטיקל וווּרשט. די מאַרגאַרין, מאַרמעלאַדע און וווּרשט האָב איך אויפגעגעסן, אָבער די ציגאַרעטן האָב איך באַהאַלטן ווי אַ טייערן אוצר. זיי זענען טאַקע אין מיין ווייטערן מאַרש, געווען פאַר מיר ממש אַ רעטונג.

אַ דאַנק די מאַקאָווער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער „קאַנאַדע", האָט זונדל בעער, מיין מאַן יחיאלס אַ פּלימעניק, זיך דערוווּסט, אַז איך געפין זיך אין לאַגער „צע". זונדל איז געווען צוגעטיילט צו דער קאָמאַנדאָ „קאַנאַדע". אַרבעטנדיק ביים אויפנעמען פרישע טראַנספּאָרטן, האָבן די „קאַנאַדער" געהאַט אַ מעגלעכקייט עפּעס צו אָרגאַניזירן צום עסן. דעמאָלט, אין 1944, זענען נאָך געקומען טראַנספּאָרטן פון האָלאַנד, אַגב שוין פון די לעצטע. זיי האָבן מיטגעבראַכט פאַרשידענע פּושקעס קאָנסערוון, אָבער לײדער האָבן זיי עס געמוזט איבערלאָזן אין די וואַגאָנען, פּונקט ווי ביי די פריערדיקע טראַנס־פּאָרטן. זונדלען האָט זיך איינגעגעבן צו „גנבענען" עטלעכע אַזעלכע פּושקעס קאָנסערוון, מיט וועלכע ער האָט זיך געטיילט מיט מיר און מיט נאָך איינער פון פּאַביאַניץ, זיין שוועסטערס אַ חברטע. איך האָב דער זעלבער אַ סך מאָל אויך געגעבן אַ ביסל זופּ.

איצט מוז איך דערמאָנען נאָך איינעם אַ מאַקאָווער, מיטן נאָמען ריבאַק. עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד וועגן אים צו שרייבן. ער סימבאָליזירט די ברידערלעכקייט, אַחריות און די הייליקע אויפגאַבע פון דער מאַקאָווער יוגנט אין טויטן־לאַגער אוישוויץ, צו דערהאַלטן ביים לעבן די מאַקאָווער. יעדער איינער באַזונדער האָט דער־פילט די גרויסע פליכט — צו שטיצן און ראַטעווען מיט וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען די קאַצעטלער, וואָס האָבן געשטאַמט פון מאַקאָוו, מיט דער האָפענונג, אפשר וועט דאָך ווער פון זיי בלייבן לעבן. ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער שטאַמט פון דער משפּחה, וואָס מ'האָט גערופן „די יוקפּערס". אַ פּשוט ייִנגל, פון אַן אָפּגעשטאַנענער, אָרעמער משפּחה, געוווינט כמעט שוין הינטער דער שטאָט. ער האָט מיר געגעבן אַ טעפּל זופּ, געבעטן מיך דאָס גלייך אויפן אָרט אויפצועסן, וואָס איך האָב עס גערן געטאָן. דער הונגער האָט מיך שטענדיק געמאַטערט. דאַן האָט ער מיר ווידער געגעבן אַ טעפּל זופּ זאָגנדיק, איך זאָל עס באַהאַלטן אויף שפּעטער. דערביי האָט ער זיך נאָך פאַרענטפערט, אַז קיין ברויט האָט ער נישט.

נאָך דער באַפרייאונג, ווען איך האָב זיך ווידער געטראָפן מיט די לעבן־געבליבענע מאַקאָווער קאַצעטלער פון אוישוויץ־בירקענאַו און זיי דערציילט וועגן ריבאַקס הילף פאַר מיר, האָבן זיי נישט געוואָלט גלייבן דערין. ווי איז דאָס מעגלעך — האָבן זיי גע־זאָגט — ער האָט דאָך אַליין נישט געהאַט צו דער זעט אָפּצועסן, אַ סך מאָל געהונגערט.

די גרויסע הילף

און דאָ מוז איך ווידער דערמאָנען די גרויסע הילף, וואָס איך האָב באַקומען פון די מאַקאָווער יוגנטלעכע אין אוישוויץ. אַ דאַנק דער דאָזיקער הילף בין איך און נאָך אַנדערע מאַקאָווער פרויען געבליבן לעבן.

די וואַרעמע קליידער און ספּעציעל די טאָפּלט־געזוילטע שיך, וואָס איך האָב באַקומען פון טוביה סעגאַל, האָבן מיך געשיצט אין דעם שרעקלעכן ווינטער 1944/45, מיט זיינע שטאַרקע פרעסט און שניי־שטורעמס.

די וואַרעמע וועש און קליידער האָבן מיך פאַרהיט פון פאַרקילונג. און די פעסטע שיך — פון אויסגליטשן זיך, וואָס האָט פּאַסירט זייער אָפט גייענדיק אין מאַרש. ווער עס האָט צעבראָכן אַ פוס אָדער ס׳האָט ביי אים געפּלאַצט אַן אַנדער אבר און ער האָט נישט געקענט גיין אין ווייטן מאַרש, איז ער אויפן וועג דערשאָסן געוואָרן און מיר האָבן געמוזט דעם קערפּער באַגראָבן טיף אין שניי.

נאָך דערמאָן איך מיך: אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָך מיין אָנקומען אין לאגער אוישוויץ־בירקענאַו, איז אין לאַגער אַריינגעקומען, מיט אַ לאָדזשער טראַנספּאָרט, מיין קוזינקע רויזע שרעמער, די טאָכטער פון ישעיה דוד און איטקע, מיין פאָטערס שוועסטער. איך האָב וועגן איר דערציילט יצחק גראַניעוויטש. ער האָט זיך מיט איר גלייך פאַראינטערעסירט, זי באַקאַנט געמאַכט מיט דער בלאָק־עלטעסטער, אַ טשעכיש מיידל. זיי האָבן איר אַ סך געהאָלפן, זי זאָל נישט הונגערן. איך מוז באַטאָנען, אַז כאָטש זי איז געווען אַ געבוירענע אין מאַקאָוו, האָבן זי די מאַקאָווער יוגנטלעכע נישט געקענט, ווייל זי איז אַוועק פון שטעטל זייער יונג. דאָך האָבן זיי איר געהאָלפן. איצט לעבט רויזע־שושנה גאָלדבערג אין באר־שבע. זי איז געקומען אין לאַנד אַריין אין יאָר 1948, חתונה געהאַט און האָט צוויי געראָטענע קינדער.

אַזעלכע זענען געווען אונדזערע מאַקאָווער. כבוד זייער אָנדענק.

אין אָקטאָבער 1944, נאָכן אויפשטאַנד און פּרווו צו צעשמעטערן די גאַז־קאַמערן, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען אַ סך מאַקאָווער, האָב איך שוין זייער ווייניק פון זיי געהערט. די רוסן האָבן זיך שוין דערנענטערט קיין שלעזיע. די דייטשע מערדער האָבן אָנגעהויבן צו עוואַקויִרן אוישוויץ־בירקענאַו און פאַרשידענע אַנדערע קאַצעט־לאַגערן, טיפער אין דייטשלאַנד. אין דער דאָזיקער צייט בין איך מיט נאָך 3000 פרויען, די לעצטע פון לאַגער „צע״, אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן פון בירקענאַו אין וועג האָט מען אונדז צעטיילט אין דריי גרופּן. די גרופּע, צו וועלכער איך האָב געהערט האָט געציילט 1000 פרויען. מיר זענען אָנגעקומען אין לאַגער, אויף אַ שטח פון אַ שטיק אויסגעהאַקטן וואַלד און אויפגעשטעלט בודעס פון ברעטלעך מיט גאַנץ גרויסע שפּאַרונעס. ביי נאַכט, ווען עס האָט געשנייט, איז מען שלאָפנדיק באַדעקט געוואָרן מיט שניי. דער וואַלד האָט געהערט צום דאָרף בירנבוימעל, ביי טראכענבערג, נישט ווייט פון ברעסלאַו. מיר האָבן געהערט צום שוידערלעכן קאַצעט־לאַגער גראָסראָזען. יעדן טאָג האָט מען אונדז, אין די איינגעזויקלטע שמאַטעס, געפירט צו דער אַרבעט אויף אַ מהלך פון 4 קילאָמעטער. אויף אָפענע פעלדער, באַדעקטע מיט שניי, האָבן מיר אין דער טיף־געפרוירענער ערד געגראָבן אָקאָפּעס, אַפילו אין שניי־זאַווערוכעס. ווען די

שניי־שטורעמס זענען שוין געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו די עס־עס־לייט, אונדזערע שומרים, האָבן שוין אויך נישט געקענט אויסהאַלטן אין זייער וואַרעמער קליידונג — לאַנגע, לעדערנע מאַנטלען און הויכע שטיוול — האָט מען אונדז געטריבן צוריק אין לאַגער. דאָס איז פאַר אונדז געווען דאָס גרעסטע געווינס. אין די בודעס איז מען געווען כאָטש אַ ביסל געשיצט פונעם שניי־שטורעם, הינטער אַ דאַך פון צווייגן. נישט איינ־מאָל האָט דער שטורעם־ווינט אַראָפּגעריסן דעם דאַך פון דער בודע, און מיר זענען געבליבן ליגן אונטערן פרייען הימל.

דער מאַרש

נאָכן געפינען זיך דריי חדשים אין דאָזיקן „גן־עדן", האָט מען אונדזער לאַגער ווידער עוואַקואירט. פון די 1000 פרויען זענען שוין אַרויס פון לאַגער נישט מער ווי 900. די איבעריקע זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט.

מיר האָבן מאַרשירט 13 טעג, אַרומגערינגלט פון גוט־באַוואָפנטע עס־עס־לייט, און מיט זייער שטאַרקע רעפלעקטאָרן. דאָך, אויף ביינאַכט, האָבן זיי אונדז אַריינגעטריבן אין פערד־שטאַלן, בהמות־ אָדער חזיר־שטאַלן, מורא האָבנדיק, מיר זאָלן זיך נישט צע־לויפן אין די נאָענטע וועלדער. קיין בהלה האָבן די מערדער נישט ליב געהאַט, אַלץ געטאָן זאַכלעך און שטיל, אין זיידענע הענטשקעס, עס זאָל נישט אַרויסקומען אין דער ברייטער עפנטלעכקייט.

ביינאַכט, אויפן 14טן טאָג פונעם מאַרש, זענען מיר אָנגעקומען קיין גראָסראָזען. דאָ האָבן מיר שוין אַלע געמיינט, אַז עס איז געקומען אונדזער סוף. דערשעפּטע, מיט געפרוירענע הענט און פיס, נאָך דעם לאַנגן מאַרש אין טיפע שנייען, האָט שוין קיינער נישט געהאַט קיין גרויסע אַספּיראַציעס צו בלייבן לעבן. דער געדאַנק פון די דייטשן איז טאַקע געווען, אונדז אומצוברענגען. אָבער צו אונדזער גליק, זענען שוין די רוסן געשטאַנען ביי די טויערן פון ברעסלאַו, און די צייט האָט נישט דערלויבט די מערדער אויסצופירן זייער טייוולאָנישן פּלאַן. פינף טעג האָט מען אונדז געהאַלטן אין גראָסראָזען און ס'איז ווידער געקומען אַ באַפעל: ווייטער מאַרשירן. דאָס מאָל האָבן מיר זיך קעגנגעשטעלט, בעטנדיק: דערשיסט אונדז דאָ אויפן אָרט, מיר קענען ווייטער נישט גיין. דער אָבערשטורמפירער פון גראָסראָזען האָט שוין דאָס מאָל אויף אונדז „רחמנות געקריגן" (ס'איז אים געווען אַ שאָד די קוילן), און ער האָט צוגעזאָגט אונדז, אַ גרופּע פון אַן ערך 3000 פרויען, אָפּצוטראַנספּאָרטירן מיטן צוג. ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. פּאַקטיש האָט ער נישט געוואָלט ס'זאָל קומען צו אַ צוזאַמענשטויס. עס איז דאָך שוין געווען יאַנואַר 1945. די נאַצי־מערדער האָבן שוין געזען, אַז זיי האָבן פאַרשפּילט די מלחמה אויף אַלע פראָנטן. דאָך האָבן זיי נישט אויפגעגעבן זייערע טייוולאָנישע פּלענער אונדז, יידן, אויסצוראָטן. זיי האָבן אונדז נישט אָפּגעלאָזט ב״ז דער לעצטער מינוט.

ווידער אין וועג אַריין

מ׳האָט אונדז ווידער פאַרלאָדנט אין פערד־וואַגאָנען, דאָס מאָל שוין אין אָפענע. אויף דער באַן־סטאַציע האָט מען אונדז געטיילט צו א האַלבן קילאָ ברויט, מאַרגאַרין און 100 גראַם ווורשט. דאָס איז געווען דער „צידה לדרך״ אויף פיר טעג.

צוגלייך מיט אונדזער צוג איז אויך געפאָרן אַ צוג מיט מענער־העפטלינגען. קומענ־דיק טיפער קיין דייטשלאַנד, אין דער געגנט צווישן האַנאָווער און צעלע, זענען מיר באַמבאַרדירט געוואָרן פון אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען. פון אויבן האָבן זיי נישט געזען, אַז דאָס פירט מען פאַרפייניקטע קאַצעטלער. די באָמבעס זענען געפאַלן נישט ווייט פון אונדזערע וואַגאָנען, נענטער צום צוג פון די מענער. אַ סך פון די קאַצעטלער זענען געטראָפן געוואָרן פון די שראַפּנעלן.

נאָך 4 טעג אַרומפירן אונדז, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען קיין בערגען־בעלזען. אין די וואַגאָנען זענען שוין געווען פיל טויטע פון דער באָמבאַרדירונג אין וועג, אַ סך געפרוירענע און דערשטיקטע פון דער ענגשאַפט און פון מאַנגל אין לופט. אַ טייל האָט געגוססט. די אַלע האָט מען איבערגעלאָזט אויף דער באַן־סטאַציע, און די לעבעדיקע האָבן אַריינמאַרשירט (אַ מהלך פון 4 קילאָמעטער) אין טויטן־לאַגער בערגען־בעלזען.

בערגען־בעלזען, דער שוידערלעכער לאַגער. טיפוס און דיזענטעריע, בערג מיט טויטע, וואָס וואַלגערן זיך נישט־באַגראָבענע. אַ שוידער גייט אַדורך איבער מיין לייב, ווען איך דערמאָן זיך וועגן דעם, מיינע נערוון זענען צופיל אָפּגעשוואַכט איך זאָל דאָס קענען אויסדערציילן. אָבער צוויי פאַקטן מוז איך דערמאָנען: דאָס שליסן די וואַסער־לייטונג און דאָס פאַרסמען דאָס ברויט.

דער אויסראָטונג־פּלאַן

10 טעג פאַר דער באַפרייאונג. די טייוולאָנים האָבן שוין געזען גאַנץ נאָענט זייער מפּלה. דאָך האָבן זיי זייער אויסראָטונגס־פּלאַן נישט אויפגעגעבן. „איין מינוט פאַר צוועלף״ (ווי זיי האָבן געזאָגט), האָבן זיי אונדז, דאָס קליינע ביסל נאָך לעבעדיקע יידן, געוואָלט אומברענגען. קודם האָבן זיי אָפּגעשלאָסן די וואַסער־לייטונג פון דעם לאַגער (נאָר איין פּאָמפּע האָט געאַרבעט פאַרן גאַנצן לאַגער ווו עס האָבן זיך געפונען צענדליקער טויזנטער מענטשן). די נישטיקע פּאַרציע ברויט האָט מען שוין אויך נישט געטיילט. די איינציקע באַשפּייזונג איז געווען — אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ, אין וועלכער עס זענען אַרומגעשווימען אַ פּאָר האַרטע שטיקלעך קאָלאַראַבן. מיט דעם האָט מען געדאַרפט דערהאַלטן די נשמה.

דעם לאַגער האָבן די דייטשן איבערגעגעבן אין די הענט פון אונגאַרישע רוצחישע זעלנער, וועלכע האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אונדז אַכזריותדיק געשלאָגן. אַליין האָבן די דייטשן זיך שוין אויסבאַהאַלטן, וויסנדיק, אַז זייער סוף איז נאָענט.

די אַוויאַציע פון אַמעריקע און ענגלאַנד האָט באָמבאַרדירט די געגענט בייטאָג און ביינאַכט. פאַר אונדז זענען דאָס געווען די שענסטע „קאָנצערטן" אין אונדזער לעבן.

נישט ווייט פון לאַגער בערגען־בעלזען איז געווען אַ לאַגער פאַר געפאַנגענע. איינער, אַ דייטשער דאָקטאָר, האָט זיי מגלה סוד געווען, אַז אין בערגען־בעלזענער לאַגער (אַ חוץ יידן זענען דאָרט געווען קאַצעטלער אויך פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן) האָט מען צוגע־גרייט פאַרסמט ברויט, און אין דער לעצטער מינוט וועט מען דאָס צעטיילן צווישן די העפטלינגען. די דייטשע מערדער האָבן שוין אָבער נישט באַוויזן דאָס צו פאַרטיילן.

נאָך דער באַפרייאונג האָט מען דאָס איבערגעבליבענע ברויט אויסגעפּרוווט אויף הינט, און ס'האָט זיך באַשטעטיקט, אַז דאָס ברויט איז געווען געמישט מיט אַ גע־פערלעכן סם.

סוף מערץ, שוין קורץ פאַר דער באַפרייאונג, בין איך קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס. קיין מעדיצינישע הילף האָב איך נישט באַקומען. עס האָט זיך נאָך דאַן פאַר־וואַלגערט ביי מיר אַ שטיקל צוקער, וואָס איך האָב געהאַט אויסגעטוישט פאַר אַ ציגאַ־רעט. די ציגאַרעטן האָב איך געהאַט באַקומען פון די מאַקאָווער. זיי האָבן מיר דעם „אוצר" אַריבערגעוואָרפן איבער די דראָטן, אין אוישוויץ. דאָס שטיקעלע צוקער האָב איך אַלע מאָל נאָר אַ לעק־געטאָן. דאָס איז געווען דער רעצעפּט און מיין דערנערונג. די קאָלאָראַבן־זופּ האָב איך נישט געקענט אַראָפּשלינגען. מיטן וואַרעמען וואַסער האָב איך



אזכרה לקדושי מאקוב. גרמניה, 1945

אזכרה געווידמעט די מאַקאָווער קדושים. דייטשלאַנד, 1945

בלויז באַנעצט די ברענענדיקע ליפּן. מיין טרוים איז דאַן געווען — צו קריגן אַ גלאָז טיי און אַ שטיקעלע ברויט.

די באַפרייער קומען

דעם 15טן אַפּריל 1945 זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך דער ענגלישער און קאַנאַדער אַרמיי. לײַדער האָב איך נישט געקענט גיין זען די באַפרייער. מיינע פיס זענען געווען געשוואָלן און דער קערפּער — אויסגעדאַרט. איך האָב געוויגן 28 קילאָ. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אין לאַגער, אין אַ באַהעלטעניש אויסגעפונען עס־עס־לייט. אַ סך פון זיי געקומען פון אוישוויץ, מיט ד"ר קליין און אירמאַ גרייזע, די „בלאָנדע בעסטיע" בראש (אַזוי האָט מען זי גערופן אין בירקענאַו. זי איז געווען די עלטעסטע פון לאַגער „צע"). די ענגלענדער האָבן זיי געבראַכט אין אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ צו דער אַרבעט, נאָענט צום בלאָק ווו איך בין געווען. אַלע זענען אַרויס כדי „מקבל פנים צו זיין" די מערדער. איך האָב אויך געוואָלט לויפן זיי זען, וואַרפן זיי עפּעס אַ שמוציקע זאַך אין זייערע טריפהנע פּרצופים. לײַדער האָב איך עס דאַן נישט געקענט טאָן. די פיס האָבן מיר נישט געדינט. אַ רוסיש מיידל, מאַריאַ, האָט מיר געהאָלפן אויפשטיין. זי האָט מיך געפירט זען די פריער שטאָלצע מערדער־הערשער און איצט — די אונטערטעניקע און דערשלאָגענע, אַזוי ווי עס זענען פריער געווען זייערע קרבנות. איך האָב געזען ווי די דאָזיקע ס־ס־לייט נעמען צונויף די טויטע קערפּערס, די קרבנות פון זייערע שענדלעכע רציחות. אין לאַגער האָבן זיך דעמאָלט געוואַלגערט טויזנטער מתים. שפּעטער איז די גרופּע פון 18 עס־עס־לייט געבראַכט געוואָרן פאַר אַ געריכט אין ליבעק. זיי האָבן באַקומען אַן ערלעך פאַרדינטן אורטייל: טויט־שטראָף דורך הענגען.

אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז איך בין צוריק געוואָרן אַ „מענטש". איך בין געווען פיזיש און גייסטיק צעבראָכן. אין אַ צייט אַרום, ווען איך האָב זיך שוין געפילט אַ ביסל פיזיש שטאַרקער, האָב איך אָנגעהויבן זוכן מיין משפחה. איך האָב געטראַכט: אפשר איז דאָך עמעצער געבליבן לעבן. מיר זענען געווען פינף שוועסטער, אַלע שוין מיט משפחות. נאָר איינע, מרים, איז געבליבן לעבן, אַ דאַנק איר אויסוואַנדערן, נאָך אין יאָר 1935, קיין ארץ־ישראל.

סוף 1946 האָב איך פאַרלאָזט דעם לאַגער בערגען־בעלזען און זיך באַזעצט אין פירסטענפעלדברוק, ביי מינכען, ווו עס האָבן זיך געפונען אַ ביסל לעבנגעבליבענע מאַקאָווער. מיר האָבן געלעבט ווי איין משפחה. דאָרט טאַקע האָבן מיר איינגעאָרדנט די ערשטע אַזכרה נאָך די מאַקאָווער קדושים.

איך האָב צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט — מיט אברהם גאַרפינקעל, דער זון פון ר' משה יוסף און מירל. סוף 1949 האָבן מיר פאַרלאָזט די טמאדיקע דייטשע ערד און אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווו מיין מאַן האָט געהאַט אַ ברודער, ישראל־יצחק.

קומענדיק קיין ברוקלין, האָבן מיר באַקומען זייער אַ האַרציקע אויפנאַמע פון די

Achtung!

Makower Jden in Umgegent:

Pultusk, Przasnysz, Rozan, Chorzel

Dermit machen mir bekant, dos

Monteg 15. XII. 47 J. 6 a Zajger N. M.

in Sztod Fürstenfeldbruck bei München

Kumt For A

TROJER AKADEMJE

Gewidmet Di 5 Jorzajt
Fun Di Tragisz Umgekumene Makower Kdojszim
in Umgegent.

Es is A Flycht Fun Jeden Farinteresirten Antajl cu nemen.

Mit Achtung

Makower Komitet.

11 47 100

עצרת זכרון האחרונה בגרמניה ע"י שארית הפליטה ממאקוב, בשנת 1947

לעצטע טרויער־אַקאַדעמיע פון דער מאַקאָווער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד, אין יאָר 1947

מאַקאָווער לאַנדסלייט. ספּעציעל מוז איך דערמאָנען איין משפּחה — מיין מוטערס קוזי־נען, בתיה, פון דער היים פּרענקעל און איר מאַן מאיר אָסטרי ז״ל ווי אויך זייערע קינדער. זיי האָבן אונדז אויפגענומען פּונקט ווי עלטערן נעמען אויף זייערע קינדער. און זייערע טעכטער און איידעמס — ווי שוועסטער און ברידער. זיי האָבן אונדז איינגעגלידערט אין דער משפּחה, צוגעגעבן מוט ווייטער אָנצוגיין מיט אַ נאָרמאַל לעבן און אויפסנייז צו בויען אַ היים. צו יענער צייט איז דאָס פּאַר אונדז געווען די גרעסטע מאָראַלישע הילף.

זאָלן די דאָזיקע שורות זיין אַ מצבה אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון די מאַקאָווער יונגטלעכע, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע מערדער אין אוישוויץ.

כבוד זייער אָנדענק!

יחזקאל איצקוביץ / תל־אביב


דם על פרחים לבנים

הדבר אירע בסתיו שנת 1939. הגרמנים השתלטו על מרבית ערי פולין ועיירותיה. כיתר בני עירי, למאותיהם, נטשתי את ביתי והשתרכתי לעבר הגבול הרוסי. כל הדרכים והכבישים שהוליכו למטרה הנכספת המו מהמוני הפליטים, מזי הרעב שהתאבקו בעפר הדרכים. בני ישראל נעים ונדים. מי שעגלות ומיטלטלין נוסעים לפניו או מזדנבים מאחוריו, ומי בגפו ילך, ללא כל מטען בידיו. כולם שחוחים, ומבטיהם כבושים באדמה, כאילו ביקשו להסתתר בתוכה, ומעיני כולם ניבטים הפחד והסבל שהיו מנת חלקם.

לפתע, לא הרחק מהגבול, נפתחה עלינו אש ממעבה היער. מטחי יריות נתכו ללא רחמים על גברים ונשים, זקנים וטף. קמה בהלה רבתי. עשרות בני אדם נספו בו במקום, שהפך לחרדת אלוהים. מסביב נשמעו גניחות גוססים או פצועים קשה המתייסרים במכאוביהם, וקריאות הורים וילדים אל יקיריהם. „חנה'לה ילדתי, אייך?" או „הצילו, יהודים, נפגעתי ביריות!" מבין העצים הגיעה קריאה חלושה של אשה — „שמע ישראל".

מיפלט מתחת לעצים

לשווא חיפשנו מיפלט מתחת לעצים. היריות הדביקונו בכל אשר פנינו. לבסוף



מראה כללי

אַלגעמיינע לאַנדשאַפט

הקיפונו חיות־הטרף הגרמניות ובמקום היריות נשמעה זעקת־הרצח: „ראַוס, צום וועג, ראַוס, פאַרפלוכטע יודן", כלומר, לכביש, יהודים ארורים".

עמדנו על הכביש ערוכים בשורות. נותרנו מעטים בלבד. היכן נעלמו כל אותן מאות האנשים? לבטח נורו בחלקם הגדול ויתרם נמלטו למעמקי היער, שלתוכו הריקו הרוצחים כמה וכמה מחסניות נוספות של כדורים ממקלעיהם.



החורשה גז'נקי

דאָס וועלדל גזשאַנקי

לבסוף הם ציוו עלינו לצעוד קדימה, בדרך לא דרך. בשארית כוחותינו הדלים ספק צעדנו ספק זחלנו, כל עוד נפשנו בנו. על ידי הלכה אשה שנשאה בזרועותיה ילדה קטנה ושפתיה מילמלו בלי הרף: „דוד, איה דוד שלי?"

כליאה במרתף

לאחר הליכה קצרה הוכנסנו לחצר גדולה שם עמדו בתים נאים בינות למידשאות עטורות פרחים לבנים. מקום זה — לא הרחק מהעיר אוסטרולנקה — שימש כנראה בית הבראה בעתות שלום. חיש מהר הופיעו כמה קציני ס.ס. ובקול רועם ציוו על כל אלה שברשותם זהב, דולארים ודברי־ערך אחרים, שיתפרקו מהם וימסרו אותם מייד לידיהם. הם אף הזהירו אותנו כי כל המחביא דבר־ערך, הרי אם ימצאוהו בכליו ימיתו בעבורו עשרה יהודים; אולם אם נמסור להם את כל השלל, הם ישחררו אותנו וישלחונו לנפשנו. ואמנם נפרד כל אחד מאתנו מכל אשר לו ובלבד כדי לזכות בחיים. שעונים,

טבעות, עגילים, מטבעות זהב, דולארים — הכל נמסר לידי המרצחים. נשארנו ערומים ומחוסרי־כל, פרט לנשמותינו השדופות והשוממות. אנשי הס. ס. אספו את השלל וכלאו אותנו במרתף טחוב, שהדיף ריחות תפוחי־אדמה רקובים. שם, במרתף, חזרו ונשנו כל האנחות והבכייה, שנשמעו קודם לכן. „היכן אבי?", „איך נספתה אמי?". יהודי עבדקן התנדנד כלולב ובקול רווי־דמעות מילמל פסוקי תהילים.

הילדה שבזרועות האשה ישנה שינה עמוקה. היא נצמדה לשדי אמה, כשידיה הענוגות לופתות את כתפיה של האם כאילו חששה לאובדה. האשה האומללה הביטה בצער על פרי בטנה ומעיניה זלגו דמעות.

בין פחד לתקווה

במרתף זה נמקנו משך כל הלילה כשכל אחד מאתנו מרחף בין פחד לתקווה, נים ולא נים. עם הנץ השחר, פתח חייל את הדלת ופקד עלינו לצאת למגרש, להסתדר בשורות ולהמתין לפקודות נוספות. צמרמורות חרשו בגבינו. הילדה התרפקה על אמה כשהיא רועדת מקור. מעיניה — דובדבנים — נשתקפו יאוש וחרדה. היא לא פצתה פיה ורק העיפה מבטיה לעבר האנשים הזרים. היא לא הבינה את המתרחש ורק שאלה חרש את האם על מקום הימצאו של האב ומתי יבוא. האם השיבה לה בשפה רפה כי האב ישוב רק למחרת וביקשה ממנה לשתוק, כיוון שהגרמנים מביטים אליהן... הילדה הבינה את הרמז והשתדלה להתאפק, להחניק את דמעותיה, ורק פירכסה, מפעם לפעם, כדג קטן שנלכד בחכה...

לאחר זמן מה הופיעו המרצחים ופקודה חדשה בפיהם: לצעוד לעבר האסם שבקרבת מקום. שם הוטל עלינו למלא שקים בתפוחי־אדמה ולהעבירם למרתף בו עבר עלינו הלילה. ככל שנזדרז לעשות את המלאכה — כך הבטיחו לנו — תוחש שחרורנו.

עבדנו בקדחתנות ומעל לכוחות אנוש כדי להיחלץ מגיהנום זה בכל ההקדם. גם הילדה סייעה בידינו. הגישה לנו את השקים ועזרה במילויים. האם הפצירה בה כי תפסיק קמעה ותנוח. הילדה נאותה לה והתיישבה בסוקרה את הציפרים חולפות מעל ראשה ביעף. חיוך עלה על שפתיה למראה הציפורים החגות מעליה ומצייצות בעליצות, בהתיישבן על ענפי אחד העצים, שהיה מכוסה כולו פרחים לבנים. הילדה הוקסמה מיפי הפרחים והעלים הירוקים, ולפתע שכחה היכן היא נמצאת, ניתרה ממקומה בקלילות וחשה אל העץ, בלטפה את פרחיו והתבשמה מריחם.

יריה מתוך חלון

והנה שוד ושבר! יריה הוטחה לעבר הילדה מתוך החלון של הבית הסמוך. עיני הכל הופנו למקום. המסכנה צנחה לארץ מתבוססת בדמה, על רקע הפרחים הלבנים. קפצנו לעזרתה, אבל כמה יריות שהוטחו כלפינו באו להזהירנו לבל נתקרב אליה, פן ניהרג גם אנחנו. מרחוק ראינו את פירפורי גיווה הדק, את העווית שנתקפה בה מעוצמת

הכאבים. האומללה התפתלה ביסוריה כשהיא נאחזת בענף דק. חיש מהר כוסו הפרחים בכתמי דם. יריה שניה שמה קץ ליסוריה. אמה התעלפה בראותה זאת.

„אַרבייטן אונד שלוּס מאכן!״ (לעבוד ולסיים) נתנסרה הפקודה. סיימנו את המלאכה שבורים ורצוצים בגוף וברוח. עם רדת הערב ערכו המרצחים שוב מסדר. עלי ועל עוד יהודי הם פקדו לסלק את גופת הילדה מהמקום ולהסיר את כתמי דמה מהפרחים...

היה זה מחזה בלהות שלא אשכחנו לעולמים. הילדה שכבה כשהיא מכוסה פרחים מוכתמים בדמה. פניה נאים וחלקים אך שיניה קפוצות ומעיניה הפקוחות למחצה ניבטת חרדת מוות. אצבעות ידה הימנית היו קמוצות ובהן הפרח הלבן, אותו קטפה כנראה ברגעיה האחרונים, כאילו בזה למרצחים השפלים ונשאה את שלל נצחונה בידה.

עטפנו בחפזון במעיל את הגופה הקטנה, בהשאירנו את הפרח בכפה, וחזרנו לשורה. הכרתה של האם עדיין לא חזרה אליה. לשווא ניסינו להשיב את נפשה בעזרת מיים שהיתזנו עליה או בדרכים אחרות.

עם הגופה הקטנה

המשכנו בדרכנו, כשאנו מובלים על ידי חיות־אדם ובידינו הגוויה הקטנה. פלגי זיעה ירדו ממצחנו וזכר מחזה האימים דיכדך אותנו עד מוות.

„שטיין בלייבן!״ (לעצור) פקדו לבסוף שובינו, בהודיעם לנו להמשיך בדרך זו עוד בערך 100 מטר, ולפנינו העיר אוסטרולנקה. הם המתינו דקות ספורות בכוונם נכחנו את רוביהם המכודנים. אחר נעלמו.

נושמים ונושפים הגענו העירה. למזלנו פגשנו ביהודי מקומי וספרנו לו בקיצור על המתרחש. הוא ובני־ביתו הכניסו אותנו לדירה והגישו לנו מיד תה ולחם. הם הביעו השתתפותם בצערנו ודאבו יחד עמנו על הקורבן היקר שבידינו. את האם המסכנה איכסנו בחדר נפרד וטפלו בה בנאמנות.

ישננו כהרוגים ולמחרת בבוקר באנו להיוודע על שלום האשה ומצאנו ליד מיטתה רופא אשר עשה מאמצים נואשים להצילה על ידי זריקות. הוא ציווה עלינו להשאירה במנוחה. בינתיים השגנו יהודי עם עגלה על מנת להוביל את הגוויה של הקדושה הקטנה למנוחת עולמים. בבית הקברות היהודי הסמוך באוסטרולנקה כרינו קבר ובו היטמנו את גופת הילדה החפה מפשע. הפרח היה עדיין בידה וקברנו אותו יחד עמה. היהודי אמר „קדיש״ בקול קורע לב ועיני כל הנוכחים הפכו לפלגי דמעות.

כששבנו מבית הקברות לא מצאנו עוד את האם בחדרה. היא הובהלה לבית חולים פרטי עקב מצבה האנוש. ימים אחדים פירפרה בין החיים למוות. מאמצי הרופאים להצילה עלו בתוהו. „דם על הפרחים הלבנים...״ מלמלה ביילל וכשמלים אלה מדובבות מעל שפתותיה גוועה האם בלאט.

מרדכי ציעכאַנאָווער / רמת־גן

איבער בלוטיקע וועגן

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן — דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 — האָט אַ פּחד באַפאַלן די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער נאָענט פון דער פּויליש־דייטשער גרענעץ. דעם זעלבן טאָג איז מען שוין אַנטלאָפן פון די ערטער, ווו מען האָט געוווינט אין משך פון לאַנגע יאָרן, איבערגעלאָזט האָב־און־גוטס און געזוכט שוץ אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך, ווייטער פון דער שריפה. עס איז אָבער שווער געווען צו אַנטלויפן פון די דייטשע שטאָלענע מחבלים — די עראָפּלאַנען — וואָס האָבן פון דער ערשטער מינוט אָן, נאָכן אויסברוך פון קריג באָמבאַרדירט שטעט, באַשאָסן שוצלאָזע מענטשן, אַפילו פאַסטעכער אין פעלד, געזייט טויט און פאַרניכטונג.

דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָבן זיך שוין באַוויזן אַ סך פּליטים פון פּרושניץ און פון די אַרומיקע דערפער, נישט נאָר יידן. אַ טייל פון די פּליטים זענען געבליבן אין מאַקאָוו, און אַ טייל האָט געוואַנדערט ווייטער אין דער ריכטונג צו מזרח און צו דרום. אויך אַ סך מאַקאָווער יידן זענען אין דאָזיקן טאָג אַנטלאָפן פון שטאָט. די איבערגעבלי־בענע האָבן בסבר פּנים יפות אויפגענומען די פּליטים און זיי איינגעאָרדנט ביי זיך אין די וווינונגען. שטיצנדיק זיך אויף דערפאַרונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן מאַקאָווער יידן געמיינט, אַז זייער שטאָט איז זיכערער פון אַנדערע. דאָך זענען זיי אַרומגעגאַנגען אין גרויס שרעק נישט וויסנדיק וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט זיי ברענגען. קיינער האָט זיך אָבער נישט געריכט, אַז די דייטשע אָפענסיווע וועט זיין אַזאַ שנעלע, און אַז דאָס אַלץ וועט אָנקומען אַזוי פּלוצלונג. די שולן האָבן זיך געשלאָסן, מענטשן האָבן נישט געאַרבעט, מ׳איז אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו, זיך צוגעהערט צו די ראַדיאָ־הילכערס אין גאַס. קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די דייטשן וועלן אומברענגען מענטשן, אומבאַוואָפנטע און שוצלאָזע. טייל איז אויך געווען זיכער, אַז דאָס פּוילישע מיליטער וועט צוריקשטויסן דעם פיינט. שוין אין ערשטן טאָג פון קריג, זענען אַלע געשעפטן געווען געשלאָסן און ס׳האָט זיך שוין געפילט אַ מאַנגל אין פּראָדוקטן. סוחרים האָבן אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן סחורות, אויס מורא פאַר רויבע־רייען. דער רב פון שטאָט — הרב איידלבערג איז פּרייטיק, אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה, אַנטלאָפן קיין וואַרשע. די וועגן פון מאַקאָוו, און אויך צו איר, זענען געווען פולשטענדיק פאַרשטאָפּט. אַן אַלגעמיינע פּאַניק האָט באַהערשט די באַפעלקערונג. עס זענען אַנטלאָפן נישט נאָר יידן, נאָר אויך קריסטן, וועלכע האָבן געשלעפּט זייער אָרעמ־קייט אויף וועגענער, געפירט זייערע פרויען און קינדער און צו די וועגענער זענען

געווען צוגעבונדן די בהמות. די פליטים זענען געגאַנגען אַממערסטן צופוס. אַ קליינער טייל — געפאָרן אין אויטאָבוסן, כל זמן זיי האָבן נאָך קורסירט. יעדער איינער האָט געזוכט אַ וועג פאָרויס, וואָס ווייטער פונעם פראָנט. עס זענען אַנטלאָפן רייכע און אָרעמע, געזונטע און קראַנקע, יונגע און אַלטע־לייט, גאַנצע פאַמיליעס און איינצלנע. דאָך איז אַ גרויסער טייל — דער גרעסטער — געבליבן אין שטאָט. די רייכערע, דער מיטלשטאַנד, האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זייער קאַפּיטאַל און אויף גאָט אין הימל, און די אָרעמע האָבן געטראַכט: „וואָס וועט מען ביי אונדז צונעמען? עסן וועט מען דאָך אונדז געבן". דער פּחד איז אָבער געווען גלייך ביי אַלעמען. ביינאַכט האָט מען מורא געהאַט אַרויסצוגייך אין גאַס. דעם ערשטן פרייטיק און צומאָרגנס שבת פרי זענען נאָך געווען אַ פּאָר מנינים יידן אין די שולן. שפּעטער האָט מען שוין איינגעאָרדנט מנינים אין די הייזער.

דאָס פּוילישע מיליטער פאַרלאָזט די שטאָט

דער ראַדיאָ האָט אָן אויפהער געמאָלדן, אַז די דייטשע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן פּוילישע שטעט. אויך וואַרשע איז באָמבאַרדירט געוואָרן. די ידיעות פונעם פראָנט זענען געווען זייער טרויעריקע. מאָנטיק, אויפן 4טן טאָג פון דער מלחמה, האָבן מיר שוין געזען ווי דאָס פּוילישע מיליטער טרעט־אָפּ. דינסטיק פרי האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער אויפרייס. מיר האָבן געמיינט, אַז די שטאָט ווערט באָמבאַרדירט. מיר זענען געלאָפן זען וואָס עס קומט פאָר און האָבן זיך דערוווסט, אַז די פּאָליאַקן האָבן אויפגעריסן די בריק איבערן אָזשיץ. צוזאַמען מיטן פּוילישן מיליטער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט דער סטאַ־ראָסטע, בירגערמייסטער, אַ טייל פון דער פּאָליציי און אין שטאָט איז אַנטשטאַנען אַ תוהו ובוהו. ס'האָט געהערשט אַ פּאַנישע שטימונג: אָט, אָט וועלן אַריין די דייטשן. די איינוווינער האָבן זיך פאַרשלאָסן אין די הייזער, קיינער האָט נישט געוואַגט אַפילו די נאָז אַרויסצושטעקן אינדרויסן. מ'האָט נאָר פאַרזיכטיק אַרויסגעקוקט דורך די צוגעמאַכטע פענצטער אין דערוואַרטונג, אַז באַלד וועט עפּעס פּאַסירן. דינסטיק, דעם 5טן סעפּטעמבער, אַזייגער 11—12, מיטאָג־צייט, איז אַריין אין שטאָט דער ערשטער אַוואַנגאַרד פון די דייטשן. זיי זענען אַריינגעפאָרן אויף מאָטאָציקלען, צו וועלכע עס זענען געווען צוגע־פּעסטיקט מאַשין־געווער, און די זעלנער זענען געווען שווער באַוואָפנט מיט האַנט־גראַ־נאַטן. זיי האָבן געשריגן: „האַבן זי ניכט קיינע אַנגסט, עס ווירד ניכטס פּאַסירן", האָט קייך מורא נישט, עס וועט גאָרנישט פּאַרקומען. די איינוווינער פון פּרושניצער גאַס האָבן עס געגוי געזען. זיי האָבן אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַלטן פון די פאַרהאַקטע פענצטער.

דעם זעלבן אָוונט, ד.ה. דעם 5טן סעפּטעמבער, איז אַ דייטשער אויטאָ אַרויסגעפאָרן אין גאַס און האָט מודיע געווען, מיט דער הילף פון אַ הילכער, אין פּויליש און אין דייטש, אַז „די דייטשע אַרמיי האָט אָקופּירט מאַקאָוו און זי מאַרשירט פאָרויס". די איינ־וווינער זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן, אונטער אַ דראָונג פון טויט־שטראָף, אָפּצוגעבן דאָס געווער און פון 6 אַזייגער אָוונט נישט אַרויסגייך פון די הייזער. מ'האָט די גאַנצע

צ׳ייט גֿעהערט דעם געריויש פון די מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך באַוועגט איבער די גאַסן פון שטאָט. די זעלבע נאַכט איז שוין קיינער נישט געשלאָפן, און צומאָרגנס, ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען, זענען מענטשן אַרויס אין גאַס און דערזען פּלאַקאַטן, מיט האַקנקרייצן איןביידע זייטן, מיט אינסטרוקציעס ווי אַזוי די מענטשן דאַרפן זיך נוהג זיין (אָפּגעבן געווער א.א.וו.). דעם זעלבן טאָג זענען אָנגעקומען יידן פון קראָסנאָשעלץ און פון אַרומיקע דערפלעך, און האָבן שוין דערציילט וועגן שוידערלעכע מעשים פון די דייטשן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג באַלד איז געוואָרן אַ כאַפּעניש אויף אַרבעט. מיך, און נאָך 10 חברה, האָט מען געכאַפּט דעם צווייטן טאָג נאָכן אַריינמאַרש און געפירט קיין רוזשאַן, 20 קילאָמעטער פון מאַקאָוו. דאָרט האָט מען אונדז געהייסן אויסלאָדן שטיין־קוילן פון קליינע וואַגאָנעס, און אַרויפלאָדן אויף אויטאָס. אין שטוב האָט מען נישט געוווסט ווו איך בין אַהינגעקומען. מען האָט אונדז געצוווּנגען צו אַרבעטן ביז 12 אַזייגער ביינאַכט, און ערשט שפּעטער האָט מען אונדז צוריקגעפירט קיין מאַקאָוו.

דעם 7טן סעפּטעמבער איז שוין פּלאַקאַטירט געוואָרן אין די גאַסן אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידן האָבן נישט קיין שום רעכט, טאָרן נישט גיין אויף די טראָטואַרן נאָר אינמיטן גאַס, און נישט אין גרופּן, נאָר יעדער יִיד באַזונדער. פאַר אַ דייטשן זעלנער אַראָפּנעמען דאָס היטל א.א. וו. מ׳האָט שוין איבערגעגעבן וועגן דעם, אַז דאָ און דאָרט כאַפּן דייטשן יידן און מ׳שלאָגט זיי, סתם אַזוי אָן אַ פאַרוואָס. אָבער קיין געפערלעכע זאַכן האָבן נאָכנישט פּאַסירט. אַזוי, אַז די יידן האָבן זיך אַ ביסל באַרואיקט און טיילווייז אָנגעהויבן עפענען זייערע געשעפטן.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען אויטאָס מיט הילכערס אַרומגעפאָרן איבער די גאַסן פון דער שטאָט און מ׳האָט אויפגעפאָדערט אַלע יידן פון 14 ביז 65 יאָר צו קומען אויפן מאַרק־פּלאַץ. דאָרט האָט דער דייטשער בירגערמייסטער דערקלערט די יידן פאָלגנדעס: „איר וועט דאָ נישט האָבן קיין שום רעכט, איר וועט זיין פאַרקנעכטעט. איר האָט אַ מעגלעכקייט צו פאָרן אויף דער רוסישער זאָנע, איך גיב אייך קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן. די גרענעץ איז אָפן און די רוסן וועלן אייך גוט אויפנעמען“. באַלד, נאָך דעם, האָט ער געשאַפן אַ ריי גרופּן, געגעבן זיי בעזימער אין די הענט און געהייסן פאַרקערן די גאַסן. איינצלנע יידן האָבן געפאָלגט די עצה פונעם בירגערמייסטער און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו דער סאָוויעטישער גרענעץ. געווען אַזעלכע, וואָס זענען אָנגעקומען בשלום. אַ טייל האָט מען באַרויבט, אָבער געלאָזט ווייטער פאָרן. די ערשטע סטאַציע איז געווען לאָמזשע.

די יידן, וואָס זענען געבליבן אין מאַקאָוו, און האָבן געוווינט אין די גוי׳שע קוואַרטאַלן, האָט מען באַפוילן צו פאַרלאָזן זייערע הייזער, געשעפטן און וואַרשטאַטן און אַריבערגיין אין דער יידישער געגנט.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט

די דייטשן האָבן געשאַפן אַ יידישע געמיינדע מיט אַ יידישער פאַרוואַלטונג. די דאָזיקע געמיינדע האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר די איבערגעזידלטע יידן און שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער נייער מאַכט. עס זענען געווען אַ סך פליטים, וואָס זענען צוריקגעקומען קיין מאַקאָוו פון דער רוסישער זייט. אַ סך זענען אָנגעקומען פון אַנדערע שטעט און דערפער. אַ טייל פון די פליטים, וואָס האָט זיך נישט געקענט איינאָרדענען, איז געפאָרן צוריק אין די ערטער, ווו ס׳האָבן שוין געהערשט די דייטשן. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו ס׳איז גוט, און ווו שלעכט, און קיינער האָט נישט אָנגעוויזן קיין שום וועג. מ׳האָט סתם געוואַנדערט אָן אַ ציל, מיינענדיק, אַז מען וועט געפינען אַ זיכער ווינקעלע. אָבער דער דייטש האָט שוין אַלץ באַהערשט, און אויף יעדן אָנגעהויבן טרעטן מיט זיינע זעלנערישע שטיוול.

אינצווישנצייט האָט זיך די גרענעץ צווישן רוסלאַנד און אָקופּירטן טייל פוילן הערמעטיש געשלאָסן. דער קאָנטאַקט צווישן די באַזעצטע דורך רוסלאַנד שטעט, און די טיילן, וואָס די דייטשן האָבן אָקופּירט, איז פולשטענדיק איבערגעריסן געוואָרן. די יידן אין שטאָט האָבן זיך דערפילט אַרומגערינגלטע דורך אַ געפערלעכן שונא און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך רירן פון אָרט. דערווייל האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַרויסווייזן זייער אמתן פּרצוף: געשלעפּט אויף אַרבעט, געשלאָגן, גערויבט. מ׳האָט געצווּנגען די יידן צו אַרבעטן ביי דער דייטשער פירמע וואַלטער קייזער, וואָס האָט געבויט שאָסייען. נעכטיקע סוחרים, אינטעליגענטן, זיידענע יינגעלייט, זענען געצווּנגען געוואָרן אויסצופירן די נידעריקסטע און שמוציקסטע אַרבעטן. נאָך דער אַרבעט האָט מען געצאָלט מיט... קלעפּ. אין אַזאַ פינצטערן מעמד האָט זיך געצויגן דאָס יידישע לעבן אין שטאָט.

וואָס ווייטער, אַלץ מער איז דאָס לעבן אין שטאָט שווערער געוואָרן. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט. יום־כיפּור 1939 האָט דייטשע זשאַנדאַרמעריע אַרויסגענומען פון בית־הכנסת די ספר־תורהס, זיי אויפגעוויקלט, אויסגעשפּרייט אין גאַס, געטראָטן מיט די פיס, און דערנאָך צעריסן אויף שטיקלעך. עס איז שווער צו באַשרייבן די פּיין און דעם ווייטאָג, וואָס יידן האָבן געפילט צוזעענדיק, ווי די דאָזיקע הייליקייטן ווערן געשענדעט. דער נייער בית־מדרש איז אינגאַנצן חרוב געוואָרן. די דייטשן האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ פערד־שטאַל. דאַקעגן אין אַלטן בית־מדרש האָבן געוווינט די פליטים.

אין נאָוועמבער 1939 האָבן דייטשע זעלנער געכאַפּט אַ יידיש מיידל און זי פאַרגוואַלדיקט. מען האָט זי שפּעטער געפונען אַ פאַרחלשטע. דער באַזיצער פון אָרטיקן אַפּטייק־סקלאַד, רעקאַנט, אַ ייד, גוט באַקאַנט אין שטאָט, האָט געפּרווּט העלפן דער פאַרחלשטער, און איר געגעבן אַ רעצעפּט. דאָס מיידל האָט איינגענומען די רפואה און איז שפּעטער געשטאָרבן. וועגן דעם דאָזיקן פאַל האָבן זיך דערוווּסט די דייטשן. מ׳האָט

אַרויסגענומען רעקאַנטן מיט זיין פרוי פון שטוב, געשטעלט זיי פּאַר אַ געריכט און שפּעטער באַפרייט, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון פּוילישן אַפּטייקער פּיסאַרסקי.

פּייוול קאָוואַל

אין כאָזשעל האָט געוווינט אַ ייד מיטן נאָמען פּייוול קאָוואַל, מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער. צוזאַמען מיט אַ קריסטלעכן שותף האָט ער געהאַט אַ מיל אין דאָרף דאָבזשאַנקאָווא. דעם 21סטן אָקטאָבער 1939 איז ער געפאָרן צו דער סאָוויעטישער גרענעץ, כדי אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט. די דייטשן האָבן אים אָבער נישט צוגעלאָזט, און געהייסן פאָרן צוריק.

אין פעברואַר 1940 האָט דייטשע זשאַנדאַרמעריע פּלוצלינג אַרומגערינגלט אונדזער הויז און געפרעגט ווו עס געפינט זיך פּייוול קאָוואַל פון כאָזשעל, מיט זיין פרוי.

צוערשט זענען די דייטשע זשאַנדאַרן געקומען אין דער יידישער געמיינדע, כדי זיך צו דערוויסן דעם אַדרעס פון פּייוול קאָוואַל און זיין פרוי. דאָ, אין דער געמיינדע, האָט זיך דאַן געפונען איינער פון די פאָרשטייער מיטן נאָמען אברהם־מעכל אַדלער, פון כאָזשעל, וועלכער איז אויך געווען אַ פּליט. הערנדיק פון די זשאַנדאַרן, אַז מען זוכט די פאַמיליע קאָוואַל, האָט ער גלייך געשיקט צו אונדז אַ שליח, כדי מודיע צו זיין און וואָרענען, אַז די פאַמיליע קאָוואַל זאָל זיך תיכף אַפּטראָגן. פאַרשטענדלעך, אַז זי האָט עס באַלד געטאָן. די זשאַנדאַרן האָבן זיך אַריינגעריסן צו אונדז ווי מחבלים, מיט גרויס רציחה האָבן זיי אונדז געשלאָגן און געפּייניקט, אַז מיר זאָלן אַרויסגעבן דאָס אָרט ווו זיי באַהאַלטן זיך אויס. מיר האָבן אָבער נישט אַרויסגעגעבן. די דייטשן האָבן צוגענומען קאָוואַלס צוויי מיידלעך, איינע 18 יאָר, די צווייטע 20 יאָר אַלט. חוץ דעם האָט מען אַרויפגעלייגט אַ גרויסע קאָנטריבוציע אויף דער געמיינדע. די דייטשן האָבן געוואָרנט, אַז יעדן טאָג, וואָס די קאָוואַלס וועלן זיך נישט צושטעלן וועלן יידן דאַרפן צאָלן אַ גרויסע סומע קאָנטריבוציע. די דייטשן האָבן געהאַלטן קאָוואַלס צוויי מיידלעך אין משך פון צוויי וואָכן אין אַרעסט. שפּעטער האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט, אָבער נישט אויפגעהערט זיי נאָצושפּיאָנירן. אין אַ חודש אַרום האָבן די דייטשן געדראָט, אַז זיי וועלן איינזעצן די פירער פון דער געמיינדע (יודענראַט) אויב מען וועט נישט געפינען פּייוול קאָוואַל. אָבער אין אַ צייט אַרום האָבן די דייטשן אַליין געפונען, אים מיט זיין פרוי, אין ציעכאַנאָוו. מ׳האָט זיי אַריבערגעפירט און איינגעזעצט אין דער תפיסה, אין וולאָצלאַוועק. די קינדער פון די קאָוואַלס האָבן נאָך באַוויזן צו באַזוכן זייערע עלטערן אין דער תפיסה, געזען זיי דורך די קראַטן. שפּעטער זענען די קאָוואַלס פאַרשוווּנדן געוואָרן. געוויס האָבן די דייטשן זיי אומגעבראַכט. קיינער האָט נישט געוווּסט די סיבה, פאַרוואָס די דייטשן האָבן אַזוי שטאַרק געזוכט קאָוואַלן און זיין פרוי. איינס איז מען געוווירר געוואָרן, אַז קאָוואַל איז געווען באַקאַנט אין מזרח־פּרייסן. און די דייטשן האָבן באַשלאָסן אים צו ליקווידירן, זעט אויס, דערפאַר, ווייל ער האָט דאָרט געהאַט אַ גרויס פאַרמעגן.

דער ערשטער אַרבעטס־לאַגער

סוף 1940, אָדער אָנהייב 1941, האָט מען אָנגעהויבן אַרויסשיקן יונגע מענטשן אין דעם ערשטן אַרבעטס־לאַגער אין דאָרף גאָנסעווע. מ׳האָט אונדז, אַן ערך 300 פּערזאָן, יונגע מענטשן, געבראַכט מיט אויטאָס קיין גאָנסעווע. ווי געזאָגט, איז דאָס געווען דער ערשטער אַרבעטס־לאַגער פאַר יוגנטלעכע, וועלכע מען האָט אַרויסגענומען פון מאַקאָוו. מ׳האָט אונדז באַזעצט אין אַ ליידיקער שולע, און ווי דער שטייגער פון די נאַציס, אָנגע־פּאַקט אין דאָזיקן בנין מער, וויפל ס׳האָט געקענט אַריין. דער רעזשים איז געווען אַ שטרענגער: אויפשטיין פאַרטאָג, אַן אַפּעל, און אין די פרימאָרגן־שעהן צו דער אַרבעט — אַרויסגראָבן שטיינער פון די פעלדער, צעהאַקן זיי און דערנאָך ברוקירן שאָסייען. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. יידן זענען נישט געווען געוווינט צו אַזאַ קאַטאָרזשנער אַרבעט. טראָץ דעם, וואָס מען האָט נישט געגעבן גענוג עסן, האָבן די פּוילישע אויפזעער געיאָגט די מענטשן מיט שטעקנס, געשלאָגן מכות רצח, און געפּאָדערט, וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּגעטאָענע אַרבעט. מענטשן זענען געוואָרן פאַרצווייפלט. מ׳האָט געמיינט, אַז דאָרטן וועט מען שוין פאַרבלייבן אויף אייביק. מען וועט פאַלן ביי דער אַרבעט. אין אַזאַ מצב האָב איך דאָרט געאַרבעט גאַנצע 6 חדשים, ביז יוני, 1941.

פון די ערשטע קרבנות אין מאַקאָוו איז געווען אַ ייד פון פּולטוסק, וואָס האָט געהייסן וועלוול סקורקאַ. אים האָט מען מיט אַנדערע יידן געשיקט אין אַרבעטס־לאַגער נאָוואַ וויעש. איינער פון די וואַכמייסטערס, וואָס איז געווען אַ פאָלקס־דייטש, האָט אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז עס איז פון אים אַרויס די נשמה. ער האָט געוויינט און געבעטן זיך ביים מערדער: „שענק מיר דאָס לעבן, ווייל איך בין אַ פאָטער פון דריי קינדער". אָבער דער רוצח האָט אים אָן רחמנות דערמאָרדעט.

אין דאָזיקן אַרבעטס־לאַגער איז געווען אַ געוויסער מאַיאָרעק, אַ וואַרשעווער ייד. ער האָט פאַרפאַסט אַ ליד צום אָנדענק פון וועלוול סקורקאַ. אַלע ווערטער פון דעם ליד געדענק איך שוין נישט, אָבער צוויי סטראָפן האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון:

אין נאָוואַ וויעש, אין נאָוואַ וויעש,
אין שרעקלעכן לאַגער,
דאָרט הערט מען אַ קול
פון פינצטערן קעלער.
מען וויינט און מען שרייט,
ווי איז אונדז און ווינד,
וועלוול סקורקאַ קריגט שוין די בייטשן אַ צינד.
דער זייגער שלאָגט שוין, שלאָגט שוין באַלד דריי
וועלוול סקורקאַ איז שוין אין וואַכמאַנס הענט אַריין.
און ער בעט זיך ביים וואַכמאַן:

שענק מיר דאָס לעבן,
איך בין אַ טאַטע פון דריי קינדערלעך
וואָס דאַרף זיי עסן געבן.

אינצווישנצייט האָט מען אויך אַנדערע ייִדן אַרויסגעשיקט צו דער אַרבעט אין די דערפער, ביי דייטשע פריצים. איך האָב אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט מאַקאָוו. ווען עמעצער פון אונדזערע מענטשן איז קראַנק געוואָרן, האָבן מיר געפינען וועגן ווי אַזוי אים איבערצושיקן קיין מאַקאָוו.

דערווייל איז אין שטאָט דאָס לעבן געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ שווערער. די דייטשן האָבן די שטאָטישע באָד פאַרוואַנדלט אין אַ תפיסה. אַסך ייִדן האָט מען אַריינגעוואָרפן אַהין, געפייניקט, סתם אַזוי אָן אַ פאַרוואָס.

אין יוני 1941 האָט מען אַרויסגעשיקט גאַנצע ייִדישע פאַמיליעס פון מאַקאָוו אויף אַרבעט אין דאָרף טשערוואָנקאַ. די יונגע פאַליאַקן האָט מען אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

געוואַלט אַרויספירן קיין דייטשלאַנד

זיצנדיק, איין מאָל, ביים האַקן שטיינער אין טשערוואָנקע, האָט אונדז זשאַנדאַרמעריע אַרומגערינגלט, און דערנאָך יעדן אַריינגעקוקט אין די אויגן. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איז די סיבה פון דער פלוצימדיקער קאָנטראָל. יעדן איינעם פון אונדז האָט באַהערשט אַ פחד: ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן?

די זשאַנדאַרן האָבן אויסגעקליבן צוויי פון אונדז: העניעך לאַסעק און מיך. זיי האָבן אונדז געהייסן אויפשטיין און גיין מיט זיי. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין דער אָרטיקער זשאַנדאַרמעריע, דאָרט האָבן געוואַרט אַ פּאָר צענדליק פערד־און־וועגעלעך. אויף די דאָזיקע וועגעלעך זענען געזעסן יונגע קריסטן מיט פּעקלעך, וועלכע מ׳האָט אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. אַזוי ווי אָבער צוויי רייכע קריסטן האָבן זיך אויסגעקויפט פון דאָזיקן טראַנספּאָרט, האָט מען געזוכט צוויי אַנדערע אויף זייער פּלאַץ. און ווייל מיר האָבן אויסגעזען ווי קריסטן, האָבן זיי אונדז גענומען און אַרויפגעיאָגט אויף די וועגעלעך. אָנקומענדיק קיין מאַקאָוו, האָבן אונדז באַמערקט עטלעכע ייִדן. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס ס׳האָט פּאַסירט. זיי זענען גלייך געלאָפן צו וויסנגעבן דער ייִדישער געמיינדע און אויך אין אונדזערע היימען.

די זשאַנדאַרן האָבן אונדז אַריינגעפירט אין דער געוועזענער באָד, וואָס איז דורך די דייטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפיסה. מיר זענען דאָרט אָפּגעזעסן צוויי טעג. די געמיינדע האָט אונדז פון דאָרט אַרויסגענומען און איבערגעשיקט קיין ביעדזיצע, וואָס איז דאַן געווען דער שווערסטער און געפערלעכסטער אַרבעטס־לאַגער.

געשאַפן דאָס געטאָ

אין סעפּטעמבער 1941, פּונקט אין טאָג פון יום־כיפור, איז געשאַפן געוואָרן אין שטאָט דאָס געטאָ (דער יודענראַט איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין יולי 1941). מ׳האָט צו־זאַמענגענומען אַלע יידן פון שטאָט און זיי אַריינגעזעצט אין געטאָ, אָנגעטאָן זיי די געלע לאַטע. דאָס געטאָ האָט פאַרנומען די גאַסן: פון דרום־זייט — דער מאַרק; פון מזרח — די גראַבאָווע גאַס; פון צפון — דער אַלטער בית־עולם, און פון מערב — די פּרושניצער גאַס. מ׳האָט אַריינגעזעצט צו 2—3 פאַמיליעס אין איין צימער, ד. ה. אַז 5000 מענטשן האָט מען באַזעצט אויף אַ שטח, וואָס האָט באַטראָפן נישט מער ווי 20 פּראָצענט פונעם אַלגעמיינעם, באַוווינטן שטח פון דער שטאָט.

אין געטאָ האָט מען אַריינגעטריבן אַלע יידן, סיי אָרטיקע איינוווינער און סיי פּליטים, ווי אויך יידן פון דער סביבה. מען האָט אַרומגעצוימט דאָס געטאָ מיט שטעכל־דראָט. פאַרהאַקט און פאַרמויערט די פענצטער פון בנינים, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער גרענעץ פון געטאָ. דאָס גאַנצע געטאָ איז אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט הויכע פאַרקאַנעס, באַצויגן מיט שטעכל־דראָט. די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אויב מ׳וועט טרעפן אַ ייד אָן דער געלער לאַטע (וואָס האָט געדאַרפט זיין צוגעפעסטיקט אויפן בגד פון פאָרנט און אויף דער פּלייצע), וועט ער גלייך דערשאָסן ווערן. די עקאָנאָמישע לאַגע אין געטאָ איז געוואָרן זייער אַ שווערע. ברויט איז צוגעטיילט געוואָרן אויף קאַרטן. אויב מען האָט יאָ ווען עס איז באַקומען פלייש, איז דאָס געווען טריפה. יידן האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, און אַריינגעשמוגלט כשר פלייש. צוליב דער ענגשאַפט און אומריינקייט זענען אויסגעבראָכן עפּידעמיעס אין געטאָ. אין מערץ 1942, איז אויסגע־בראָכן אַן עפּידעמיע פון בויך־טיפוס. צענדליקער מענטשן זענען געשטאָרבן, נישט באַקומענדיק קיין שום מעדיצינישע הילף, קיין רעטונג. ווען די עפּידעמיע האָט זיך פאַר־שטאַרקט, האָבן די דייטשן מורא באַקומען, אַז זי וועט זיך אַריבערוואַרפן אויך אויסערן געטאָ. דעמאָלט האָבן זיי, פון וואַרשעווער געטאָ, געבראַכט אַ יידישן דאָקטאָר, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד. עס איז געקומען אַ באַפעל, אַז די מענער און פרויען זאָלן זיך אָפּשערן די האָר, מ׳האָט געמאַכט אַנטלויזונגען. אַמערגסטן האָט געמאַטערט דער הונגער. כדי צו קריגן אַ בידנע פאָרציע־ברויט, האָט מען געדאַרפט שטיין לאַנגע שעהן אין דער ריי — פון 3 אַזייגער פאַרטאָג — ביז 8 אַזייגער פרי, כדי צוצוקומען צום קעסל, כדי צו קויפן דאָס ברויטל. געווען אַ סך פאַלן, ווען נאָכן שטיין אַ גאַנצע נאַכט איז מען צוגע־קומען צום פאַרטיילונגס־פּלאַץ אָבער קיין ברויט איז שוין נישט געווען. אויף דרום־זייט פון געטאָ, רינעק עק ריבנע־גאַס, איז געווען דאָס טויער. דאָרט זענען געשטאַנען צוויי יידי־שע פּאָליציאַנטן, און פון צייט צו צייט איז געקומען אַ קאָנטראָל — דער דייטשער פאַר־וואַלטער פון געטאָ, שטיינמעץ. אָפט פלעגט אַריינקומען שטיינמעץ מיט צוויי דייטשע זשאַנדאַרן, גענומען צו זיך נאָך צוויי יידישע פּאָליציאַנטן, און געגאַנגען שלאָגן יידן, אָנוואַרפן אַ פחד.

Jüdische Gemeinde
in Makow p. Melman

dn. 19. XII.1940

L.dz. 49/40

Do
"Joint Distribution Commitee
Warsaw
Jasna 11

Z wielkim zadowoleniem potwierdzamy niniejszym odbiór Waszego pisma z dnia 10.XII.1940 r. N.0/1450/40 w sprawie szczegółowego sprawozdania z działalności naszej na polu opieki społecznej.

Wysłaliśmy do W.P.P. list dn.14 b.m., w którym wskazaliśmy na konieczność niezwłocznego przyjścia nam z pomocą materialną.
Pisma W.P.P. nadeszło - wobec tego - na czas.

Pozwolimy sobie przede wszyszkim kolejno odpowiedzieć na poruszoną w piśmie sprawę:

1. Liczba Żydów w Makowie wynosi 3800.-

2. " " uchodźców około 2000.-

3. " " pozostających pod naszą opieką 1235.-

4. " Rückwanderer/?/

5-7. Żadnej kuchni ludowej nie posiadamy, a to z braku funduszy. Natomiast zorganizowaliśmy u miejscowych rodzin wydawanie obiadów biednym i uchodźcom w liczbie 100 dziennie. Jestto jednak kropla w morzu nędzy, gdyż faktyczne zapotrzebowanie wynosi 800 obiadów dziennie.

8. Opieka nad dzieckiem nie istnieje u nas. a to również ze względu na brak możliwości finansowych.

9. Nie ma żydowskiego ambulatorium, szpitala, schroniska. Udzielamy jednak pomocy lekarskiej bez wydawania lekarstw, do czego oczywiście możliwości nie ma.

10. Budżet miesięczny Opieki Społecznej przedstawia się następująco:

a/ wydaje się 3000 kg chleba,

b/ " " na pomoc lekarską - 200.- RM oraz

c/ " " 200 śniadań dla dzieci, składające się z bułki i mleka.

Przeprowadziliśmy akcję pomocy zimowej zbiórkę odzieży, bielizny, pościeli

2.

itp. gdyż brak ten dotkliwie daje się we znaki uchodźcom pozostającym tu. Wasza pomoc w tym kierunku jest nieodzowna.

Reasumując powyższe uprzejmie prosimy - ze względu na okropną nędzę panującą tu wśród wielkich rzesz uchodźców i biednych - przeznaczyć dla nas:

/pieczęć:
Otrzymano 22.XII.1940
Nr 2479/

a/ jednorazową subwencję na zakup opału na wysokość kilku tysięcy RM.

b/ większą subwencję miesięczną dla:

1/ uruchomienia kuchni ludowej względnie zakupu dla ludności produktów żywnościowych;

2/ Zorganizowania należytej opieki nad dzieckiem.

3/ " schroniska.

c/ przesłanie nam jaknajrychlej paczek odzieżowych, bielizny itp. koniecznych dla prawie nagich uchodźców.

d/ przesłanie większej ilości medykamentów.

W oczekiwaniu pozytywnego załatwienia naszych życzeń kreślimy

Z poważaniem

B. Ryzyka
A. Adler
Berenbaum
A. Faskowicz

pieczęć:
Jüdische Gemeinde
in Makow

Sekretär

/podpis nieczyt./



קלעפּ צוליב פאַרווײַלונג...

אין מאַי 1942 האָט מען אַרויסגענומען 100 יונגע בחורים פון געטאָ און געשיקט זיי קיין רוזשאַן, 20 קילאָמעטער פון מאַקאָוו. אויך האָט מען אַרויסגעשיקט אַ גרויסע צאָל מענטשן קיין קאַרניעווא. דאָרט, אין די דערמאָנטע אַרבעטס־פּלעצער, איז מען זיך מיט די מענטשן באַגאַנגען זייער אַכזריותדיק. אין רוזשאַן האָבן די ייִדן געוווינט אין פעסטונג, געאַרבעט פון פינצטער ביז פינצטער, און אַלס באַלוינונג באַקומען קלעפּ מיט שטעקנס, און גלאַט שמיץ. די דייטשן האָבן אַלץ געטאָן, כּדי צו צעברעכן ביי ייִדן די מאָראַל, דערנידעריקן, פאַראומערן דאָס לעבן. יעדן זונטיק פלעגט דער קאָמענדאַנט פון לאַגער אין רוזשאַן פאַרבעטן צו זיך געסט און געפּראַוועט הוליאַנקעס. פאַר די דאָזיקע געסט האָט מען איינגעאָרדנט ספּעקטאַקלען. דער לאַגער־פירער האָט אונדז געיאָגט, געטריבן, געשלאָגן — און די געסט האָבן געהאַט הנאה. יעדן זונטיק האָט מען אַרויסגענומען 5 מענטשן פון צווישן די אַרבעטער, און יעדן איינעם צוגעטיילט 30 שמיץ אויפן נאַקעטן לייב. די מענטשן האָבן געוויינט, געיאָמערט, געשריגן און די דייטשן האָבן געקוואָלן פון נחת. מיר האָבן געוואָלט צוריקגיין אין געטאָ, כאָטש מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָרט הערשן עפּידעמיעס און מענטשן שטאַרבן פון הונגער.

אין קאַרניעוואָ, אַ דאָרף, 8 קילאָמעטער פון מאַקאָוו, האָבן 30 בחורים געאַרבעט אויפן פעלד, ביי אַ דייטשן פאַרוואַלטער. באַלד אינדערפרי פלעגט דער דייטש קומען צו רייטן אויף אַ פערד, מיט אַ שפּיצרוט אין האַנט, און געשמיסן מיט איר ווו ער האָט נאָר געטראָפן. אונטער קלעפּ האָט מען געמוזט פאַרזעצן די אַרבעט.

אין געטאָ איז נישט געווען קיין שום געזעלשאַפטלעך לעבן. עס האָט באַהערשט דעם מענטש אַן אַפּאַטיע און הילפלאָזיקייט. מ׳האָט נישט געטראַכט וועגן קיין שום תורה, ווען קיין קמח איז נישט געווען, ווען מ׳האָט נישט געהאַט די זיכערקייט, אַז אין אַ מינוט אַרום וועט מען זיך נאָך געפינען אויף דער זינדיקער וועלט. דאָך האָבן 20 בחורים זיך פאַרשטעקט אויף אַ בוידעם און געלערנט.

ערשטער ווידערשטאַנד־פאַל

אין יוני 1942 איז געווען פאָלגנדיקער פאַל:

דריי ייִדן פון פּולטוסק, איינער פון זיי מיטן נאָמען סקאָפּ, דער צווייטער — רובין (דעם נאָמען פון דריטן געדענק איך נישט), האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ און זיך געלאָזט צווישן די אַרומיקע דערפער, כּדי צו שאַפן פאַר זיך און פאַר אַנדערע אַ ביסל שפּייז. זייענדיק אין וועג, האָבן זיי פונדערווייטנס באַמערקט, ווי עס דערנענטערט זיך צו זיי אַ זשאַנדאַר, רייטנדיק אויף אַ פערד. די ייִדן האָבן שוין נישט באַוויזן צו אַנטלויפן און זענען דורכן זשאַנדאַר תיכּף פאַרהאַלטן געוואָרן. זעענדיק אין וואָס פאַר אַ לאַגע זיי געפינען זיך, און וואָס עס דראָט זיי, האָבן זיי באַשלאָסן אומשעדלעך מאַכן דעם זשאַנדאַר, וויסנדיק, אַז אין דעם מאָמענט זענען זיי שטאַרקער פון אים. זיי האָבן דעריבער דעם

זשאַנדאַר צוזאַמען מיטן פערד, אַריבערגעפירט אויף אַ זייטיק וועגל, און זיך געוואָרפן אויף אים. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און דער רוצח איז געלעגן אַן אויסגעצויגענער אויף דער ערד, אָן סימנים פון לעבן.

אין זעלבן מאָמענט, ווען די דאָזיקע דריי יידן האָבן געמיינט, אַז זיי זענען שוין ניצול געוואָרן, זענען פלוצים אָנגעקומען נאָך צוויי זשאַנדאַרן רייטנדיק אויף פערד. די יידן, זעענ־דיק די נייע געפאַר, האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן. די זשאַנדאַרן האָבן גלייך געעפנט אַ פייער אין זייער ריכטונג. צוויי פון די יידן זענען אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן, און דער דריטער — סקאָפּ — איז פון אַ קויל פאַרוואונדעט געוואָרן אין האַלדז. דאָך האָט ער נאָך באַוויזן מיט זיינע אייגענע כוחות, זיך צוריקקערן אין געטאָ. דאָרט איז ער אַוועק צום געטאָ־דאָקטאָר און באַקומען פון אים מעדיצינישע הילף.

די צוויי זשאַנדאַרן, וואָס האָבן אויפן וועג דערשאָסן די צוויי אַנטלויפנדיקע יידן האָבן וועגן דאָזיקן פאַל געמאָלדן דעם געטאָ־קאָמיסאַר. דער לעצטער איז תיכף אַריין אין געטאָ און זיך געלאָזט צום דאָקטאָר, פאָרשנדיק אים, צי ער האָט וועמען באַנדאַזשירט וואונדן פון דורכשיסונג. דער דאָקטאָר האָט נישט געקענט אָפּלייקענען דעם פאַקט. ער האָט באַשטעטיקט, אַז ס׳איז צו אים געקומען אַ פאַרוואונדעטער געטאָ־איינוווינער און זיך פליכט, אַלס דאָקטאָר, איז געווען, צו דערטיילן אים מעדיצינישע הילף.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פון דאָקטאָר באַקומען די דאָזיקע פּרטים, האָבן זיי אַרומגערינגלט דאָס הויז, וווּ סקאָפּ האָט זיך געפונען. סקאָפּ האָט געפּרוּווט דורכצורייסן זיך דורכן רינג פון די זשאַנדאַרן און אַנטלויפן. דאָס איז אים אָבער נישט געלונגען. די דייטשן האָבן אים געכאַפּט און מיטגענומען מיט זיך. זיי האָבן אים אַוועקגעפירט אויפן קריסטלעכן בית־עולם (צמענטאַזש) אין שעלקעווע (אַ דאָרף נעבן מאַקאָוו) און דאָרט אים דערשאָסן.

נאָכן דאָזיקן אומגליק האָבן די יידן אין מאַקאָוו געמיינט, אַז דערמיט איז דער ענין געענדיקט. לײדער האָבן די בלוט־דורשטיקע רוצחים געפאָדערט נאָך קרבנות. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער קאָמיסאַר, אין באַגלייטונג פון געשטאַפּאָ־לייט, ווידער אַריין אין געטאָ. ער האָט מיטגעבראַכט אַ ליסטע פון די פיזיש־שוואַכע יידן, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן פון אַרבעט. לויט דער דאָזיקער ליסטע האָבן די דייטשן באַפוילן צו ברענגען די מענטשן. ווי נאָר די ערשטע צוואַנציק יידן זענען געבראַכט געוואָרן, האָט דער געטאָ־קאָמיסאַר געזאָגט, אַז ס׳איז שוין גענוג, מער דאַרף מען נישט. שפּעטער האָט ער געמאָלדן, אַז די דאָזיקע צוואַנציק יידן זענען באַשטימט צום הענגען, פאַרן חטא פון אָנפאַלן אויפן זשאַנדאַר, אויסערן געטאָ.


די 20 פּערזאָן האָט מען איינגעזעצט אין אַ צימער פון דער יידישער געמיינדע. גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת זענען זיי געהיטן געוואָרן דורך דער יידישער פּאָליציי.

דערווייל האָט מען געבויט אויפן פּלאַץ פון דער שול 20 תליות, אַנטקעגנאיבער דער יידישער געמיינדע. די מענטשן וואָס זענען געזעסן אינעווייניק האָבן געזען די 20 תליות,

וויסנדיק, אַז זיי זענען באַשטימט פאַר זייערטוועגן. איז אַזאַ מצב האָט מען זיי געהאַלטן פיר חדשים צייט. אין חודש סעפּטעמבער, אינמיטן העלן טאָג, איז אַרויסגעפאָרן אַן אויטאָ מיט אַ הילכער און מ׳האָט אויפגעפאָדערט אַלע איינוווינער פון געטאָ, מענער, פרויען און קינדער, צו קומען תיכף אויפן פּלאַץ פון דער שול, ווו ס׳שטייען די תליות, כדי צו זען ווי מען הענגט־אויף די 20 יידן. די דייטשן האָבן געוואָרנט, אַז קיינער טאָר נישט פאַרבלייבן אין שטוב. ווער עס וועט נישט קומען צום עקזעקוציע־פּלאַץ וועט ווערן אויפן אָרט דערשאָסן.

עפנטלעכע עקזעקוציע איבער 20 יידן

דאָס גאַנצע געטאָ איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן מיט מאַשין־געווער. ווען די מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ איז געקומען אַ צווייטע וואָרענונג, אַז קיינער טאָר נישט רעדן צווישן זיך, און ביי דעם מינימאַלסטן ווידערשטאַנד וועלן אַלע דערשאָסן ווערן. אין יענעם טאָג, אינדערפרי, האָט מען געאיבט די יידישע פּאָליציי וויאַזוי צו הענגען די מענטשן — צו פאַרלייגן די פּעטליע אויפן האַלדז און דערנאָך אַרויסשטויסן פון אונטער דעם קרבן די שטול. צווישן די 20 צום טויט־פאַר־משפּטע, זענען געווען צוויי זין פון משה גאָגאָל, וואָס זייער ברודער איז געווען אַ פּאָלי־ציאַנט. ער האָט צוגעזען ווי מען הענגט זיינע ברידער. די מענטשן זענען געשטאַנען דער־שלאָגענע, זיך צוגעקוקט צו די עקזעקוציעס, געשלינגען די טרערן — און געשוויגן. די קרבנות האָט מען געפירט מיט געבונדענע הענט און זיי אַליין זענען געגאַנגען צו דער תליה.



גופות של 21 הקדושים

קערפּער־טיילן פון די 21 קדושים

דאָס דאָזיקע אומגליק האָט צעבראָכן דעם מוט פון די מענטשן. געווען איז דאָס אין סעפּטעמבער, 1942.

אָנהייב אָקטאָבער 1942, האָבן די דייטשן פּלוצלינג אַרעסטירט דעם יידישן דאָקטאָר פון געטאָ, מען האָט אים אַרויסגעפירט אויפן שול־פּלאַץ און געהאָנגען אויף איינער פון די תליות, אויף וועלכע מען האָט פריער געהאַנגען די 20 פּערזאָן. פאַר דער עקזעקוציע האָבן די דייטשן צו אים געזאָגט: „ווען סקאָפּ איז געקומען צו דיר דו זאָלסט אים פאַר־באַנדאַזשירן די ווונדן, האָסטו נישט געמאָלדן וועגן דעם, דערפאַר הענגט מען דיך אויף".

אין זעלבן טאָג, ווען דער דאָקטאָר איז געהאָנגען געוואָרן, איז זיין פרוי אַראָפּ פון זינען. שפּעטער איז זי אומגעקומען אין אוישוויץ צוזאַמען מיט אַנדערע מאַקאָווער יידן.

אין אָקטאָבער, 1942, זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען וועגן אַ פאַרשטייענדיקער אויסזידלונג. די קלאַנגען זענען געווען, אַז מען גייט אַרויספירן די מענטשן — וווּהין, האָט קיינער נישט געוווּסט. מענטשן, ווי לעבעדיקע מתים, האָבן זיך אַרומגעדרייט אין געטאָ און קיינעם האָט שוין נישט געאַרט וואָס מיט אים וועט פּאַסירן. דער יודענראַט איז שוין אויך געווען מוטלאָז און דערשלאָגן, נאָך די אויסגעפירטע עפנטלעכע עקזע־קוציעס.

דעם 1טן נאָוועמבער 1942 איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז מען גייט ליק־ווידירן דאָס געטאָ. עס האָבן זיך שוין געהערט די אָנדייטונגען וועגן אוישוויץ און טרעב־לינקע, כאָטש קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס די דאָזיקע ערטער באַדייטן. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען שוין געוווּסט, אַז עלטערע מענטשן וועט מען אומברענגען, און די יונגערע וועט מען שיקן אין אַרבעטס־לאַגערן, טיף אין דייטשלאַנד. געגנוי אָבער, וואָס עס וועט פּאַסירן, האָט קיינער נישט געוווּסט. דאָס אַלץ זענען געווען בלויז קלאַנגען.

„דער שוואַרצער שבת"

דעם 5טן נאָוועמבער 1942 איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יידן פון די דערפער ווי רוזשאַן, קאַרניעוואָ, נאָוואָ וויעש, טשערוואָנקאָ, ביעדזשיצע און אַנדערע, זאָלן געבראַכט ווערן, פון די אַרבעטס־לאַגערן, צוריק אין געטאָ. דעם זעלבן טאָג, ס'הייסט דעם 5טן נאָוועמבער, זענען זיי אַלע צוריקגעקומען. פון איין זייט איז געווען אַ שמחה, וואָס פאַמיליעס האָבן זיך ווידער פאַראייניקט, און אַז מען וועט שוין נישט דאַרפן מער זיין פאַרשקלאַפט אין די אַרבעטס־לאַגערן. פון דער צווייטער זייט איז אַנטשטאַנען אַ חשד און אַ פּחד, צוליבן פּלוצימדיקן צונויפזאַמלען אַלע יידן צוריק אין געטאָ. ביים צוריק־קערן זיך פון אַרבעטס־לאַגער, האָט מען אונדז דערלויבט צו נעמען מיט זיך אַפילו די עטלעכע לעבלעך ברויט, מחוץ דער צוטיילונג. דאָס האָט אויך אַרויסגערופן אַ חשד.

אין געטאָ אַריין האָט מען אונדז געפירט צופוס, בראש מיטן דייטשן קאָמענדאַנט און די פּוילישע וואַכלייט. צוקומענדיק צום געטאָ האָבן מיר באַמערקט, ווי דאָס איז שוין

אַרומגערינגלט דורך דייטשער זשאַנדאַרמעריע. ווען מיר האָבן וועגן דעם דערציילט די געטאָ־איינוווינער, האָבן זיי אין דעם נישט געגלייבט, ווייל פון אינעווייניק האָט מען נישט געזען די דייטשע זשאַנדאַרמעריע, מיר האָבן זיי געבראַכט די דאָזיקע טרויעריקע בשורה.

ווען מיר זענען אַריין אין געטאָ זענען אונדז די קרובים באַפאַלן מיט אַ געוויין: „מען גייט אונדז אַרויספירן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג".

איך געדענק, אַז ס'איז פונקט געווען אַ האַרבסטיקער וועטער, עס האָט געטריפט אַ דראָבנע רעגנדל, שווערע וואָלקנס האָבן פאַרצויגן דעם הימל, דאָס וועטער איז געווען צוגעפּאַסט צו אונדזער געמיט. דאָ און דאָרט האָט יונגוואַרג זיך צוזאַמענגענומען און געמאַכט פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין און וואָס צו טאָן, כדי זיך צו ראַטעווען. מיר זענען געווען אַרומגערינגלט דורך אַ פיינטלעכער סביבה. די פּאָליאַקן אין שטאָט, און אין דאָרף, האָבן באַקומען אַ באַפעל פון די דייטשן, אַז טאָמער וועלן זיי אויסבאַהאַלטן יידן, וועט מען זיי הענגען.

און ס'א'יז געקומען „דער שוואַרצער שבת", דעם 14טן נאָוועמבער 1942.

אין דעם דאָזיקן טאָג איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון געטאָ, שטיינמעץ, מיט נאָך אַן עס־עס־מאַן, זענען געשטאַנען אַנטקעגנאיבער דעם בנין פון יודענראַט אויף „זשעלאַזני רינעק", עק ריבנע־גאַס. דער געטאָ־קאָמענדאַנט שטיינמעץ האָט באַפוילן די יידן, זיי זאָלן פאַרבייגייען פאַר אים. עס זענען געמאַכט געוואָרן צוויי באַזונדערע רשימות, צונויפגעשטעלט דורך די דייטשן. צו וואָס מען מאַכט די דאָזיקע רשימות, האָט קיינער נישט געוווּסט. מ'האָט נאָר פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אויסזען יונג און געזונט. פון 16 יאָר אַלט און העכער, האָט מען רעגיסטרירט באַזונדער (אַלס באַזונדערע פאַמיליע). דאַקעגן ביז 16 יאָר, איז מען געגאַנגען צוזאַמען מיט די עלטערן. ס'האָבן זיך געשאַפן באַזונדערע פאַמיליעס פון יונגע מענטשן, כדי אויסצוזען פריש און געזונט...ביים דורכמאַרש פון די פאַמיליעס, זענען זיי באַטראַכט און רעגיסטרירט געוואָרן אין די „געהעריקע" ליסטעס, צום טויט אָדער צום לעבן. די דאָזיקע פּראָצעדור האָט געדויערט פון שבת גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט. שפּעטער האָבן אַלע זיך אומגעקערט אין זייערע הייזער, נישט וויסנדיק וואָס עס דערוואַרט זיי. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען און זיך געטרייסט: „איך האָב אויסגעזען געזונט, איך וועל בלייבן לעבן... און יענער — גאָט ווייסט".

אויף צומאָרגנס, זונטיק, איז געקומען דער אָפיציעלער באַפעל צו זיין גרייט צו דער אויסזידלונג. מ'האָט געזאָגט, אַז געלט און גאָלד וועט מען דאַרפן אַוועקגעבן. און דאָס איבעריקע, וואָס מען וועט קענען מיט זיך טראָגן, וועט מען מעגן מיטנעמען. עס האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז מענטשן האָבן געוואָרפן געלט, פאַרניכטעט עס, באַגראָבן. ס'איז אַנטשטאַנען אַ מהומה.

די אויסזידלונג

אויף צומאָרגנס, מאָנטיק, דעם 16טן נאָוועמבער 1942, האָט מען שוין אָפיציעל מודיע געווען, אַז מיטוואָך, דעם 18טן נאָוועמבער, 6 אינדערפרי, וועט געעפנט ווערן אַ טויער אויף דער פּרושניצער גאַס, און דאָרט וועלן שטיין וועגעלעך, וואָס וועלן אונדז פירן קיין מלאַווע. קלאָר, אַז די צוויי נעכט איז שוין קיינער נישט געשלאָפן, געווען איינצלנע מענטשן, וואָס זענען אַרויס און אַנטלאָפן פון געטאָ.

אין דער נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך, דעם 18טן נאָוועמבער, האָבן מענטשן געפּאַקט זייערע זאַכן. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס מיטצונעמען, אייניקע האָבן באַגראָבן די טייערסטע זאַכן, און אַנדערע — בכלל פאַרניכטעט.

5 אַזייגער פאַרטאָג האָט מען שוין געזען ווי די מענטשן פאַרלאָזן די הייזער און גייען אין דער ריכטונג, ווו די דייטשן האָבן געעפנט (דורכגעבראָכן) אַ טויער. דער באַפעל איז געווען, אַז אויב נאָך 6 אַזייגער פרי וועט מען עמעצן נאָך טרעפן אין שטוב, וועט ער דערשאָסן ווערן. פאַרשטענדלעך, אַז עס זענען געווען קראַנקע, עלנטע מענטשן, וואָס זענען געבליבן. נישט געווען ווער עס זאָל זיך אַרומקוקן אויף זיי. געווען קלאַנגען, אַז זיי אַלע זענען דערשאָסן געוואָרן.

ביים טויער זענען געשטאַנען דייטשע זשאַנדאַרן און ווידער געמאָלדן, אַז ווער עס האָט געלט אָדער גאָלד, זאָל אַריינלייגן אין קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען נעבן זיי. יעדע צוויי פאַמיליעס האָבן באַקומען אַ פערד און וועגעלע, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן פון דער גאַנצער געגנט אַרום מאַקאָוו. ס׳זענען געווען אַרום 800 וועגענער. סך־הכל זענען דעמאָלט אַרויס פון געטאָ 5150 מענטשן — מאַקאָווער און פון דער אַרומיקער געגנט. די דייטשן האָבן געיאָגט מיט שטעקנס, אַז מען זאָל וואָס שנעלער אַרויפגיין אויף די וועגענער. ווי נאָר אַ וועגעלע איז פאַרלאָדן געוואָרן מיט מענטשן, איז עס גלייך אָפּגעפאָרן. מ׳איז געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז מ׳האָט דאָס אַלץ אויפגענומען נאָר מיט געוויין. מ׳איז געווען אַזוי פאַרצווייפלט, און צעבראָכן אַז ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו שטעלן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד. נאָך איידער דער לעצטער וואָגן איז אָפּגעפאָרן, האָט מען נאָך אַלץ געשלעפּט די, וואָס קענען נישט גיין. די שלעפּ־מלאכה האָט אויסגעפירט די ייִדישע פּאָליציי. דערנאָך איז דאָס געטאָ געוואָרן ייִדנריין. די העכער 5000 ייִדן, זענען אַוועק אויף זייער לעצטן וועג.

דאָס פאָרן האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג ביז ביינאַכט. אַרום 7—8 אַזייגער אין אָוונט איז מען אָנגעקומען קיין מלאַווע (בערך 50 קילאָמעטער פון מאַקאָוו). דאָס דאָרטיקע געטאָ איז געווען ליידיק ווייל די איינוווינער האָט מען שוין פריער פון דאָרט אַרויסגעפירט. געבליבן אין מלאַווע איז נאָר דער יודענראַט, די ייִדישע פּאָליציי מיט זייערע פאַמיליעס. זיי האָבן אונדז איבערגענומען, און געגעבן יעדער פאַמיליע אַ וווינונג פון איין צימער, אין געטאָ. ביים אַריינקומען האָבן מיר דאָרט געטראָפן אַלץ אַזוי, ווי מען

וואָלט די מענטשן נאַרוואָס אַרויסגעפירט. אין איניקע ערטער האָט מען געטראָפן דאָס עסן אויפן טיש, די בעטן — געבעט. ווען מען האָט געפרעגט די פּאָליציי און דעם יודענ־ראַט, וואָס איז געשען מיט די געטאָ־איינוווינער, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי ווייסן נישט, און איניקע האָבן בלויז באַמערקט: „נישט צום גוטן".

זייענדיק עטלעכע טעג אין מלאַווע האָבן מיר, אינמיטן דער נאַכט, דערהערט געוואַלדן. מיר האָבן אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער, ווייל אַרויסגיין פון שטוב האָט מען מורא געהאַט. מיר האָבן געזען, ווי די דייטשע זשאַנדאַרן און ידישע פּאָליציי פון מלאַווע, שלעפּן אַרויס מענטשן פון די הייזער. צומאָרגנס אינדערפרי, זענען אַרויסגע־נומען געוואָרן דאָס רוב אַלטע לייט. פון אַ שכנותדיק הויז האָט מען צוגענומען עלטערן, זיי האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע דריי קינדער, נישט געוווּסט וווּהין זיי גייען. שטילער־הייט, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און מיט טרערן אין די אויגן, האָבן זיי זיך אָנגעטאָן, געזעגנט זיך און אַוועק. די קינדער זענען געבליבן מיט אַ שווער האַרץ, פאַריתומט. אויף צומאָרגנס האָט מען געזען ווי דאָס געטאָ איז ליידיקער געוואָרן. מ'האָט געזאָגט, אַז טויזנט מענטשן האָט מען אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע.

מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען און געקלאָגט ווי אויף אַ לוויה. מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז מ'האָט די יידן אַרויסגעפירט צום טויט.

דער וועג צום פאַרניכטונגס־לאַגער

אין אַזאַ מצב האָבן די מאַקאָווער געלעבט אין זייער געטאָ נאָך אַ פּאָר טעג, ביז דעם 8טן דעצעמבער, ווען מ'האָט באַפוילן, אַז די איבערגעבליבענע געטאָ־איינוווינער, אַרום 4000 פּערזאָן, זאָלן זיך שטעלן נעבן דער אָרטיקער מיל. דאָס איז געווען דער ערשטער טראַנספּאָרט אַ 1000 מענטשן. דער צווייטער טראַנספּאָרט איז אָפּגעשיקט געוואָרן פון דעם זעלבן אָרט דעם 10טן דעצעמבער, אַן ערך 2300 מענטשן, און דער דריטער טראַנספּאָרט — אַן ערך 700. מיטן צווייטן טראַנספּאָרט איז אויך אַרויס די מלאַווער פּאָליציי מיטן יודענראַט. ווען אין געטאָ האָט מען געזען, אַז אויך זיי פאָרן, זענען אַלע מיטגעפאָרן. דעם לעצטן טראַנספּאָרט פון די 700 מענטשן, פאַכלייט, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביי די דייטשן, האָט מען געהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט. די מענטשן צום טראַנספּאָרט האָט מען געבראַכט מיט די פעקלעך פאַמיליעסווייז. ביי דער מיל זענען זיי געזעסן אַ גאַנצע נאַכט, ביז 5 פאַרטאָג, דאַן זענען אָנגעקומען דייטשע זשאַנדאַרן און באַפוילן אַלעמען אַרויסצוגיין אויף אַ גרויסן פּלאַץ אין געטאָ. אויפן פּלאַץ האָט מען די מענטשן איינגעשטעלט אין רייען, צו 5 פּערזאָן אין אַ ריי, און מען האָט געמאָלדן, אַז מיר גייען צו דער באַן, וואָס וועט אונדז אַוועקפירן אין אַן אַרבעטס־לאַגער. ווייטער האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז ווער עס האָט געלט, גאָלד, ווערטזאַכן, דאַרף תיכף אַלץ אַוועקגעבן. ס'איז געשטאַנען אַ קאַסטן, און זיי האָבן געהייסן אַלע ווערטזאַכן דאָרט אַריינוואַרפן. די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז „דאָרט, וווּהין מען פירט אייך, וועט איר

קיין געלט נישט דאַרפן האָבן". איך האָב באַמערקט, אַז וויניק מענטשן האָבן אַריינגע־וואָרפן אין קאַסטן אַרייַן זייער געלט. מ'איז געווען איינגעקייטלט ביי די הענט צו 5 פּערזאָן, און געמוזט אָנהאַלטן אַ טעמפּאָ פון „לויף־שריט" אַנדערהאַלבן קילאָמעטער ביז צו דער באַן. איך האָב געהאַלטן מיין קראַנקע מוטער אין איין זייט, און דעם פאָטער — פון דער צווייטער, און נעבן זיי, מיינע צוויי שוועסטער. אויף דער ראַמפּע זענען געשטאַנען פּאַסאַזשיר־ און משא־וואַגאָנעס. אַלע האָבן זיך געשטופּט אין די פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס. ביים אַריינגאַנג אין די וואַגאָנעס זענען געשטאַנען דייטשן מיט שטעקנס אין די הענט און געשלאָגן די מענטשן, אונטערגעיאָגט זיי שנעלער אין די וואַגאָנעס אַריין. די מענטשן, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס האָבן נאָך ווי עס איז געאָטעמט, ווייל ס'זענען געווען בענק, אַ ביסל לופט. דאַקעגן אין די משא־וואַגאָנעס האָט מען אָנגעשטופּט וויפל ס'איז אַריין. די מענטשן זענען ממש געלעגן איינער אויפן אַנדערן, ווי שטיקער האָלץ.

די יעניקע, וואָס האָבן נישט באַוויזן אַרויפצוגיין מיט אייגענע כוחות, האָט מען אַריינגעשליידערט אין די וואַגאָנען, און ווען זיי זענען שוין געווען פול־אָנגעפּאַקט מיט די אומגליקלעכע, האָבן די דייטשן פאַרשלאָסן, אינדרויסן, די וואַגאָנעס. און דער צוג האָט געריִרט. באַלד האָבן זיך דערהערט פאַרצווייפלטע געשרייען, יאָמערן און קללות, מענטשן האָבן זיך געשטיקט, אויסגעגאַנגען, ווייל ס'איז נישט געווען קיין לופט צום אָטעמען.

אין אַזאַ מצב איז מען געפאָרן במשך דריי מעת־לעת. דורך די פענצטערלעך האָט מען געקענט זען, אַז מ'איז דורכגעפאָרן וואַרשע. אין טשענסטאָכאָוו איז מען געשטאַנען אַ האַלבע שעה צייט. אַ ידישער אַרבעטער מיט אַ מגן דוד אויף דער האַנט האָט אונדז געבראַכט אין אַ קריגל אַ ביסל וואַסער. דער צוג איז אַדורכגעפאָרן ראַדאָמסק און האָט זיך דערנענטערט צו ביעלעץ. דעם 12טן דעצעמבער, 6 אַזייגער אין אָוונט, איז מען אָנגעקומען קיין בירקענאַו. דאָרט זענען די זשאַנדאַרן, וואָס האָבן אונדז געפירט, אַוועק און אונדז איבערגעגעבן אין די הענט פון עס־עס־לייט. זיי האָבן באַלד געגעבן אַן עפן־אויף די טירן. די עס־־עס־לייט האָבן געהאַלטן שטעקנס אין די הענט און אַנדערע — אויך הינט נעבן זיך. די רוצחים האָבן געשריגן, געשלאָגן, מען זאָל שנעלער אַראָפּגיין פון די וואַגאָנעס. אַראָפּגייענדיק פון דעם פּאַסאַזשיר־וואַגאָן, ווו איך און מיין פאַמיליע זענען געפאָרן, האָבן מיר געזען ווי מען מאַכט־אויף די לאַסט־וואַגאָנעס. פון די טירן האָט אַרויסגעזעצט אַ פאַרע אַזוי ווי פון אַ קאָכעדיקן קעסל. ווען מען נעמט אַראָפּ דאָס שטערצל. מענטשן זענען געפאָרן שטייענדיקערהייט אין משך פון דריי מעת־לעת. זיי זענען צוזאַמענגעפּרעסט געוואָרן ווי איין בלאָק. ווען מ'האָט דעם דאָזיקן בלאָק צעריסן און צעשלאָגן, האָט ער זיך פונאַנדערגעטיילט, און דעמאָלט האָט מען געזען די טויטע און פאַרחלשטע. די עס־עס־לייט האָבן טראָץ דעם ווייטער געשלאָגן, אונטערגעיאָגט און הנאה געהאַט פון דעם ספּעקטאַקל.

סעלעקציעס

די טויטע, פאַרחלשטע און קראַנקע — אַלע צוזאַמען — האָט מען אַרויפגעוואָרפן אויף לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט. די לעבעדיקע האָט מען קאָנצענטרירט אויף דער ראַמפּע, און ביי געשלעגן און געשרייען, האָט מען דורכגעפירט אַ סעלעקציע. אַן עס־עס־אָפיציר איז געשטאַנען און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף רכטס און אויף לינקס -- צום לעבן און צום טויט. מ׳האָט אָפּגעריסן טאַטעס פון קינדער, פרויען פון מענער -- אַלע צעשיידט. אויך אונדזער פאַמיליע האָט מען צעריסן. מיך מיטן טאַטן אין איין זייט, און די מוטער מיט די צוויי שוועסטער — אין דער צווייטער זייט. איך האָב געזען ווי מען פירט זיי אַוועק. איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן אין זייער ריכטונג און דערלאַנגט דער מאַמען אַ ברויט. איך האָב צו איר געזאָגט: „מיר זענען דאָך מענער, מיר וועלן זיך ווי עס איז אַן עצה געבן. אָבער איר?״ אַן עס־עס־מאַן האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן איבער דער האַנט, דאָס ברויט איז אַרויסגעפאַלן און זיך אַוועקגעקאַטשעט אויף דער ערד. איך בין צוריקגעלאָפן. שפּעטער האָט מיין מוטער געכאַפּט דאָס ברויטל, צוגעלאָפן צו מיר מיטן פאָטער און געזאָגט: „מיר זענען דאָך שוין וווהין מיר גייען, נעמט אייך דאָס ברויט, מיר דאַרפן דאָס שוין נישט האָבן״. דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער וואָס איך האָב געהערט פון מיין מוטער. איך האָב געזען, פונדערווייטנס, ווי זי דערווייטערט זיך. איך בין געשטאַנען, געשלינגען די טרערן און געפילט, אַז אַ שטיק פון מיין האַרץ האָט זיך אָפּגעריסן און איז פאַרשוווּנדן פון מיר, אויף אייביק.

פון 2300 יידן, פון צווייטן טראַנספּאָרט — דעם גרעסטן — האָט מען אָפּגעטיילט 524 מענער. די איבעריקע — טויטע, פאַרחלשטע, קראַנקע, פאַרווונדעטע און פרויען מיט קינדער, ווי אויך אַלטע לייט, האָט דער עס־עס־אָפיציר אָנגעוויזן אַריבערצופירן אויף אַ צווייטער זייט. מיר האָבן געזען, ווי עס קומען אָן לאַסט־אויטאָס מיט טרעפּלעך. מען האָט די מענטשן געהייסן אַרויפגיין. מיר זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי די אויטאָס פאָרן אָפּ. די מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט אַרויף אויף די אויטאָס, האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט און מיטגענומען צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער אויף די אויטאָס. אונדז האָט מען אין פינפטלעך געהייסן זיך איינקייטלען, און די עס־עס־לייט האָבן אונדז גענומען פירן אין לאַגער אַריין. פונדערווייטנס האָבן מיר געזען דעם לאַגער מיט די עלעקטריזירטע דראָט־פאַרצוימונגען. עס איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם, די האָר פון קאָפּ האָבן זיך אויפגעשטעלט פון פחד. מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין לאַגער אַריין (אַ קילאָמעטער ווייט פון דער באַן), אַלע 524 פערזאָן האָט מען אַריינגעפּאַקט אין איין גרויסן באַראַק. ס׳איז אַריינגעקומען אַ העפטלינג אין געשרייפטע בגדים, אַ איד, צוזאַמען מיט אַן עס־עס־מאַן, און האָט אונדז באַגעגנט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„איר געפינט זיך אין טויטן־לאַגער בירקענאַו. דאָ וועט איר אַרבעטן אַ סך און עסן וועט איר קריגן ווייניק. וועט איר זיך גוט אויפפירן, וועט איר אויסהאַלטן אַ דריי־פיר חדשים, און טאָמער נישט, וועט איר קראַפּירן אין די נאָענטסטע טעג. טאָמער האָט איר

נאָך ביי זיך געלט, אָדער גאָלד, דאָלאַרן און אַנדערע ווערטזאַכן, דאַרפט איר עס גלייך אָוועקגעבן. און איצט וויל איך אייך איבערגעבן: פון אייערע פאַמיליעס דאַרפט איר שוין מער נישט קלערן, ווייל איר וועט זיי שוין קיין מאָל מער נישט זען".

שפּעטער האָט דער דאָזיקער העפטלינג איבערגעגעבן די טאָג־אָרדענונג פון דער אַרבעט:

„קיינער טאָר נישט אַרויסגיין פון באַראַק. אָט אַזוי וועט איר שלאָפן: ווער עס וועט דאַרפן מאַכן זיינע באַדערפעענישן — נאָר אין די צוויי ערטער אין באַראַק נישט קומען אין קיין שום קאָנטאַקט מיט עמעצן פון צווייטן לאַגער, ביז מאָרגן פרי".

די דאָזיקע שוידערלעכע ווערטער, געזאָגט אין אַזאַ פּשוטער, גרויזאַמער, און דייטלעכער שפּראַך, האָבן אונדז קלאָר געמאַכט ווו מיר געפינען זיך, און וואָס עס דערוואַרט אונדז דאָ. מיר האָבן שוין אויך געוווסט גענוי, וואָס פאַר אַ גורל עס האָט געטראָפן אונדזערע פאַמיליעס. מיר האָבן געפילט, אַז פריער אָדער שפּעטער דערוואַרט אונדז דער זעלבער סוף.

אַרבעט אין שאָטן פון קרעמאַטאָריום

צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען אונדז באַפוילן אַריבערצוגיין אין אַ צווייטן באַראַק. עס האָבן אונדז געפירט צוויי בלאָק־עלטעסטע און אַן עס־עס־מאַן. מ'האָט אונדז געהייסן זיך אויסטאָן, אינגאַנצן נאַקעט, לאָזן ליגן אַלץ אויפן פּלאַץ. מען האָט אונדז אָפּגעשוירן די האָר פון קאָפּ און פון אַלע טיילן פון קערפּער. שפּעטער האָבן זיי אונדז געהייסן זיך אָנרייבן מיט עפּעס אַ פליסיקייט, וואָס האָט געברענט דאָס לייב ווי אַ פייער. מען האָט אונדז געמאַכט אַ טוש פון קאַלט וואַסער. דערנאָך האָט מען אונדז געגעבן געשטרייפטע מלבושים — אַ העמד, לאַנגע גאַטקעס, געשטרייפטע הויזן, אַ רעקל, אַ קיילעכדיק היטל — אַלץ געשטרייפט, — אַ פּאָר זאָקן מיט הילצערנע שיך (טרעפּעס). מ'האָט אונדז נישט געלאָזט צוקלייבן מלבושים לויט דער גרויס, נאָר באַפוילן נעמען אַלץ ווי עס גייט. שפּעטער האָט מען זיך געטוישט צווישן זיך. פון אונדזערע זאַכן האָבן מיר מער גאָרנישט געזען, אַלץ איז דאָרט פאַרבליבן.

די 524 פּערזאָן פון אונדזער טראַנספּאָרט האָט מען צעטיילט אויף עטלעכע גרופּן. איין טייל האָט מען טראַנספּאָרטירט קיין בונאַ צו דער א. ג. פאַרבן־פאַבריק. דעם צווייטן טייל — קיין אוישוויץ. דער דריטער טייל איז ווידער צעטיילט געוואָרן אויף צוויי חלקים: איין טייל איז פאַרבליבן אין בירקענאַו גופא, און אַ צווייטער טייל איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין „זאָנדערקאָמאַנדאָ".

דער לאַגער איז געווען אַרומגערינגלט מיט עלעקטרישע שטעכל־דראָטן. ביי יעדע 10 מעטער איז געשטאַנען אַ וואַך־פּאָסטן. נעבן שטעכל־דראָט האָט זיך געצויגן אַ ברייטער קאַנאַל, אָנגעפילט מיט וואַסער און נעבן קאַנאַל, פון אינעווייניק, איז געווען ווידער אַ פלויט פון שטעכל־דראָט. ביים טויער האָט זיך געפונען אַ באַראַק מיט עס־עס־לייט.

בירקענאַו איז געשטאַנען אויף אַ פּלאַץ פון ליימיקער ערד. ווער ס׳איז געשטאַנען אויף דער ערד נאָך אַ רעגן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זינקט. ווען מען האָט אַרויס־געשלעפּט איין פוס איז דער צווייטער פוס איינגעזונקען געוואָרן אין בלאָטע. דאָס עסן איז געווען: אינדערפרי ביטערע קאַווע, ביים מיטאָג אַ ליטער זופּ, זעלטן אַ שטיקל פליש, און אָוונט 250 גראַם ברויט מיט אַ פּאָר גראַם מאַרגאַרין.

יעדן אינדערפרי האָט מען געמוזט אויפשטיין 5 אַזייגער, וויל 5.30 איז געווען דער אַפּעל, וואָס האָט געדויערט אַ שעה צייט. אין משך פון דער דאָזיקער צייט זענען מיר געשטאַנען אינדרויסן, אין קעלט און אין רעגן, און מען האָט אונדז געציילט. דערנאָך איז געקומען אַ בלאָק־פירער, אַן עס־עס־מאַן, און ער האָט אונדז נאָכאַמאָל געציילט. נאָכן איבערציילן אונדז ענדגילטיק, האָט מען אונדז צעטיילט אין גרופּן און אַרויסגעפירט פון לאַגער צו דער אַרבעט. ביים טויער איז געשטאַנען אַן אָרקעסטער און געשפּילט אַ מאַרש, כדי מיר זאָלן מאַרשירן לויטן טאַקט פון דער מוזיק. ביים אַרויסגיין פון טויער, האָט יעדער קאַפּאָ איבערגעגעבן די עס־עס־לייט די צאָל פון די מענטשן, וועלכע ער האָט געפירט. מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט איבערן שאָסיי, אויף וועלכן ס׳זענען דורכ־געגאַנגען די טראַנספּאָרטן אויפן וועג צו דער קרעמאַטאָריע. אַ סך מאָל האָט פּאַסירט, אַז מען האָט אונדז פאַרהאַלטן נעבן שאָסיי, כדי לאָזן אַדורכפאָרן די אויטאָס, וואָס האָבן געפירט די מענטשן צו דער קרעמאַטאָריע, וואָס האָט זיך געפינען אויסערן לאַגער, אין דער „פּאָסטנקעטע״, שווער באַוואַכט דורך עס־עס־לייט אויך די אַרבעט אין בירקענאַו איז געווען אין די ראַמען פון דער „פּאָסטנקעטע״ (אַ פּלאַץ אַרום דעם לאַגער).

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין בויען באַראַקן, גראָבן גריבער, שלעפּן שטיינער, איבערפירן שטיינער פון איין אָרט אויפן אַנדערן. די העפטלינגען האָבן געאַרבעט, כדי צוגרייטן אַ פּלאַץ פאַר אַנדערע העפטלינגען, אָדער פאַר זיך אַליין. דאַקעגן באַדינונגס־אַרבעטן זענען אויסגעפירט געוואָרן ביי די עס־עס־לייט. פון דעם קנאַפּן עסן, פון דער שווערער אַרבעט, און דער דערדריקנדיקער אַטמאָספער אין שאָטן פון טויט, האָט מען נישט געקענט לאַנג לעבן. פון אונדזערע מאַקאָווער זענען מענטשן געפאַלן ווי די פליגן — פון הונגער, קעלט און קראַנקייטן. מיך מיט מיין פאָטער האָט מען געשיקט קיין בונאַ, אַ לאַגער, וואָס געפינט זיך 10 קילאָמעטער פון בירקענאַו. דאָרט איז די אַרבעט געווען נאָך שווערער. אַחוץ דער שווערער אַרבעט און ווייניק עסן, האָט מען נאָך געשלאָגן ביי דער אַרבעט. שטייענדק אין פראָסט כמעט באָרוועס און נאַקעט, זענען ביי מיין פאָטער אָפּגעפרוירן געוואָרן די פינגער פון די הענט און פיס, און מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל אַריין. נאָכדעם בין איך געוואָרן אינגאַנצן צעבראָכן. איך בין געווען אַזוי אויסגעדאַרט, אַז כ׳האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. איינמאָל, דורכגייענדיק דורכן שפּיטאָל, האָב איך געזען דעם פאָטער. גייענדיק האָב איך אים צוגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט.

שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. מ׳האָט מיך גענומען אין קרעמאַטאָריע. צוזאַמען מיט טויטע, קאַליקעס און קראַנקע העפטלינגען, האָט מען אונדז אַרויפגעוואָרפן

אויף אויטאָס און געפירט קיין בירקענאַו. ווען מיר זענען אַדורכגעפאָרן דעם לאַגער, איז געשטאַנען אַן עס־עס־מאַן און געזאָגט דעם שאָפער, וואָס האָט אונדז געפירט: „פיר זיי נישט אין קרעמאַטאָריע, ווייל מ׳האָט נאָר וואָס געבראַכט אַהין אַ טראַנספּאָרט. פיר זיי אין לאַגער אַריין" (געווען איז דאָס אין אַפּריל 1943). מ׳האָט אונדז געבראַכט צוריק קיין בירקענאַו. די מענטשן וואָס האָבן נאָך געקענט גיין, זענען אַליין אַראָפּ פון די אויטאָס. מ׳האָט זיי געהייסן זיך שטעלן צו פינף אין אַ ריי. איך האָב אָבער נישט געקענט שטיין אויף די פיס. איך בין שוין געווען אַזוי גלייכגילטיק און אַזוי אַפּאַטיש צו אַלץ, אַז כ׳האָב געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען אין קרעמאַטאָריע.

באַגעגעניש מיט מאַקאָווער

ווען מיר זענען אַזוי געשטאַנען אין דער ריי, האָבן מיר געזען ווי העפטלינגען דרייען זיך אַרום אין לאַגער. איינער פון זיי איז צוגעקומען צו אונדז, האָט באַטראַכט יעדן איינעם, אַריינגעקוקט אין די אויגן, און זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיר, פרעגנדיק: „דו ביסט נישט אַמאָל מאָטל ציעכאַנאָווער?" איך האָב געענטפערט: „יאָ". טראָץ דעם וואָס איך האָב זיך מיט אים נישט געזען אַ צייט פון בלויז 5 חדשים, האָב איך אים נישט דערקענט. דאָס איז געווען נח וויסאָקער. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בלעכל מיט זופּ, און געזאָגט צו מיר: „מאָטל, איך קען שוין מער נישט עסן, איך האָב דיזענטעריע, נעם דיר די זופּ, עס זי אויף, אפשר וועסטו זיך דורך דעם קענען ראַטעווען".

איך האָב ביי אים צוגענומען די זופּ, אויפגעגעסן, אויסגעלעקט מיט די פינגער דאָס בלעכל און כ׳האָב דערפילט, אַז איך לעב שוין ווידער. איך האָב דערפילט אַז איך שטיי שוין אויף מיינע אייגענע פיס. נח וויסאָקער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן און געזאָגט, אַז ס׳זענען געבליבן לעבן נאָך עטלעכע מאַקאָווער. טאָמער וועט ער ווען פון זיי טרעפן, וועט ער איבערגעבן, אַז איך לעב.

אין דעם מאָמענט איז צו מיר צוגעקומען נאָך אַ מאַקאָווער. ער האָט געהאַלטן אין האַנט כמעט אַ גאַנץ ברויטל און האָט צו מיר געזאָגט: „נאַ דיר אַ פערטל ברויט". דאָס איז געווען דוד וואָלפאָוויטש. „עס" — זאָגט ער. איך האָב געגעסן דאָס ברויט מיט פרייד און גלייכצייטיק מיט טרערן אין די אויגן. ביי יעדן ביס האָב איך איינגעשלינגען אַ טרער אָבער דאָס זענען געווען די רעצעפּטן, וואָס איך האָב איינגענומען כדי צו שטאַרקן מיין אָפּגעשוואַכטן קערפּער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די צוויי מאַקאָווער יידן זענען געווען די מלאכים, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט, זיי זאָלן מיך ראַטעווען פון אַ הונגער־טויט.

אַ פּאָר שעה זענען מיר געשטאַנען אויפן פּלאַץ, ביז ס׳איז צוגעקומען אַן עס־עס־מאַן און האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר זאָלן אַריין אין באַראַק. דאָרט האָב איך געטראָפן נאָך אַ מאַקאָווער — הערשל קאַרלינסקי, ער איז געווען אַ „שטובנדינסט". ער האָט מיר באַלד געגעבן עסן און געזאָגט: „טאָמער וועסטו האָבן כוח אויסצוהאַלטן, ווייל דו ביסט יונג,

וועל איך דיר העלפן ווי ווייט איך וועל קענען". גלייכצייטיק האָט ער מיר דערציילט, אַז מיין מוטערס ברודער, איטשע סעגאַל, האָט געלעבט ביז מיט אַ וואָך צוריק און ער איז פּלוצלינג געשטאָרבן.

מאַסן־טראַנספּאָרט

אין אַפּריל 1943 האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מאַסן־טראַנספּאָרטן מיט יידן פון גריכנ־לאַנד. אין איינעם פון די טראַנספּאָרטן האָט מען, אין יענער צייט, געבראַכט אין לאַגער אַריין צוויי רבנים פון סאַלאָניקי. די רבנים זענען געווען אָפּגעטיילט, אָבער מען האָט געקענט רעדן מיט זיי דורך אַ פענצטערל, אין באַראַק. זיי האָט מען געצוווּנגען, אַז זיי זאָלן שרייבן בריוו קיין גריכנלאַנד, אַז זיי געפינען זיך אין אַן ארבעטס־לאַגער, עס פעלט זיי נישט קיין עסן און טרינקען, מען באַהאַנדלט זיי גוט אד"גל. אַ דאַנק אַזעלכע בריוו, האָבן די יידן אין גריכנלאַנד זיך נישט קעגנגעשטעלט די טראַנספּאָרטן. אין לאַגער האָבן די גריכישע יידן אַממערסטן געליטן, ווייל זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די דייטשע שפּראַך. מ'האָט זיי געגעבן באַפעלן און געפאָדערט אויסצופירן, און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי. די עס־עס־לייט האָבן געהאַלטן, אַז די דאָזיקע יידן ווילן נישט אויספירן זייערע באַפעלן, און דעריבער האָט מען זיי געשלאָגן, גע־מאָרדעט און געשיקט אין די קרעמאַטאָריעס.

בערך אין חודש מאַי 1943, זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן פון וואַרשע, נאָכן אויפ־שטאַנד אין דאָרטיקן געטאָ. די דאָזיקע מענטשן האָבן דערציילט, אַז קאָנגרעס־פּוילן איז שוין „יודענריין". זיי האָבן אויך איבערגעגעבן, אַז פון וואַרשעווער „אומשלאַג־פּלאַץ" האָט מען צענדליקער טראַנספּאָרטן אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע און מיידאַנעק. אין די חדשים יוני־יולי האָט מען געמאַכט „יודענריין" בענדין, סאָסנאָוויץ און די גאַנצע סביבה. דאָס איינציקע געטאָ, וואָס איז נאָך געבליבן, איז געווען לאָדזש. אינצווישנצייט זענען געקומען טראַנספּאָרטן פון בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך, לעטלאַנד און עסטאָניע. די פאַמיליעס זייערע האָט מען אומגעבראַכט, און די געזונטע מענטשן האָט מען געבראַכט אין לאַגער אַריין.

הענעך גראָמב

אין יענער צייט האָט פּאַסירט אַ פאַל מיט הענעך גראָמב. אינמיטן העלן טאָג איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן. עס איז אים געלונגען, צוזאַמען מיט זיין יונגערן ברודער און נאָך דריי סאָוויעטישע געפאַנגענע, אַרויסצוגיין פון לאַגער. הונדערטער עס־עס־לייט, מיט הינט און קאַפּאָס, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זיי זוכן. אַלס שטראָף, האָבן זיי אַרויסגעפירט טויזנט העפטלינגען און לאַנגע שעהן זיי געהייסן שטיין אויף די פיס. אין צוויי־דריי טעג אַרום, האָבן מיר געזען ווי מען ברענגט זיי צוריק אין לאַגער אַריין. זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין צורה פון מענטשן — צעשלאָגן און צעבלוטיקט. הענעך גראָמב

האָט גענומען אויף זיך די שולד פון זיין יונגערן ברודער, וויסנדיק וואָס אים דראָט (דער ברודער איז געווען אַרום 17 יאָר אַלט). אין אַ וואָך אַרום האָט מען אַרויסגענומען הענגען גראָמבן, צוזאַמען מיט די דריי רוסישע געפאַנגענע, און אין די אויגן פון אַלע העפטלינגען אין לאַגער, האָט מען די דאָזיקע 4 מענטשן אויפגעהאָנגען. דער יונגערער גראָמב איז געבליבן אין שטראָף־קאָמאַנדע, און טראָץ אַלע עינויים און פּייניקונגען איז ער דאָך געבליבן לעבן, און האָט דערלעבט די באַפרייאונג (איצט געפינט ער זיך אין אויסטראַליע).

אין דעצעמבער 1943, איז פון טערעזיענשטאַט געקומען אַ טראַנספּאָרט צוזאַמען מיט די פאַמיליעס זענען די יידן אַריינגעבראַכט געוואָרן אין לאַגער. איין עס־עס־מאַן איז געקומען אַהין, ער איז געווען אַ בלאָקפירער. צווישן די ניי־אָנגעקומענע האָט ער דער־קענט זיינס אַ שול־חברטע. ער איז געקומען אין לאַגער אינמיטן העלן טאָג, געבראַכט עס־עס־קליידער, האָט זי איבערגעטאָן און איז מיט איר אַנטלאָפן. מ׳האָט זיי געזוכט און נישט געפונען.

די קרעמאַטאָריעס פלאַקערן אַ גאַנצע נאַכט

אין אַ חודש אַרום האָט מען איין מאָל ביינאַכט אַרויסגעפירט דעם גאַנצן טראַנס־פּאָרט פון טערעזיענשטאַט — מענער, פרויען און קינדער — און זיי אַלע אומגעבראַכט. אַלע באַראַקן ווו זיי האָבן זיך געפונען זענען געבליבן ליידיק.

נעבן אונדז, אין בירקענאַו, האָט זיך געפונען אַ ציגיינער־לאַגער, אַרומגעצוימט מיט עלעקטרישע דראָטן. די ציגיינער האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס. זיי האָט מען געגעבן בעסער צו עסן, זיי האָבן אויך געקענט קויפן עסנוואַרג אויף באָנעס. נאָכן אָפּזיין עטלעכע חדשים אין לאַגער, האָט מען זיי איינמאָל ביינאַכט — עטלעכע טויזנט פאַמיליעס, — אַרויסגעפירט פון די קרוב 30 באַראַקן און זיי אומגעבראַכט. מיר האָבן געזען ווי די קוימענס פון די 4 קרעמאַטאָריעס, וואָס האָבן זיך געפונען אַ האַלבן קילאָמעטער ווייט פון אונדז, האָבן געפלאַקערט אַ גאַנצע נאַכט.

אין די חדשים פעברואַר, מערץ, פון יאָר 1944, האָט מען אָנגעהויבן פאַרניכטן די אונגאַרישע יידן. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן, און זענען גלייך געגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן. די קרעמאַטאָריעס האָבן געברענט אַ גאַנצן מעת־לעת אָן אויפהער. די גאַז־קאַמערן האָבן זיך געפונען האַרט, נעבן די קרעמאַטאָריעס.

דער לאַגער „צ" פון די אונגאַרישע פרויען, איז געווען נאָענט צו אונדזער לאַגער. יעדן טאָג, ווען מיר זענען געגאַנגען אַרבעטן, זענען אויך די אונגאַרישע פרויען געפירט געוואָרן צו דער אַרבעט. זיי האָבן געטראָגן הויזן, און צוליב דעם, וואָס זיי זענען געווען אָפּגעשוירן, האָט מען נישט געקענט דערקענען צי זיי זענען מענער אָדער פרויען.

אין בלאָק 7 („דאָס זיבעלע"), אַ קראַנקן־רעוויר, פלעגן יעדן צווייטן אָדער דריטן טאָג קומען עס־עס־לייט און אַרויסנעמען פון דאָרט די מער קראַנקע און זיי געשיקט אין קרעמאַטאָריע. איך אַליין בין אַרומגעגאַנגען דריי וואָכן צייט מיט הויכן פיבער, געהאַט

מאַלאַריע און מורא געהאַט צו זאָגן, אַז איך בין קראַנק, מען זאָל מיך נישט שיקן אין „בלאָק 7" און פון דאָרט — אין קרעמאַטאָריע.

אין יוני 1944 איז ליקווידירט געוואָרן דאָס לאָדזשער געטאָ. דעמאָלט זענען אָנגע־קומען קיין בירקענאַו די לעצטע טראַנספּאָרטן פון דער דאָזיקער שטאָט.

דער אויפשטאַנד

אין בירקענאַו זענען געווען זאָנדערקאָמאַנדאָס. די בעסטע יוגנט פון מאַקאָוו, וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביים לעבן, איז געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן אין די דאָזיקע זאָנדער־קאָמאַנדאָס. איר אויפגאַבע איז געווען צו פאַרברענען די מענטשן, וואָס די גאַז־קאַמערן האָבן געליפערט. נאָכן אָפּאַרבעטן 6 חדשים האָט מען די דאָזיקע קאָמאַנדאָס (אין יעדער פון זיי צו 200 מענטשן) אַרויסגעפירט אין אַ צווייטן לאַגער און דאָרט אומגעבראַכט. כדי זיי זאָלן נישט פאַרבלייבן אַלס עדות פון די שוידערלעכע פאַרברעכנס.

אין יולי, אָדער אין אויגוסט פון דאָזיקן יאָר, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען גייט אַרויסשיקן אין אַ צווייטן לאַגער (ס'הייסט אומברענגען) אַלע זאָנדערקאָמאַנדאָס.

אין דער זעלבער צייט האָבן די מענטשן פון די זאָנדערקאָמאַנדאָס אָנגעהויבן צו־גרייטן אַן אויפשטאַנד אין טויטן־לאַגער. זיי האָבן באַשלאָסן צו שטאַרבן מיט אַ בכבודיקן טויט — „תמות נפשי עם פלישתים".

די הכנות צום אויפשטאַנד זענען געפירט געוואָרן אין שטרענגער געהיימעניש און געדויערט אַ לאַנגע צייט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט דער אונטערגרונט, אויסערן לאַגער. די פאַרבינדונג איז געמאַכט געוואָרן דורך די ציווילע אַרבעטער וואָס פלעגן אַריינקומען אין לאַגער. זיי האָבן געקריגן גוט באַצאָלט דערפאַר. איין מיידל איז דורך די דייטשן געכאַפּט געוואָרן ביים אַרויסשמוגלען פּולווער פון דער אַמוניציע־פאַבריק. דער פּולווער איז געבראַכט געוואָרן צו אונדז און מיר האָבן אים באַגראָבן אין בלאָק, דאָרט, וווּ טוביה סעגאַל האָט געאַרבעט. די בחורים האָבן מיט דער הילף פון דאָזיקן פּולווער און אַנדערע אַריינגעשמוגלטע מאַטעריאַלן צוגעגרייט אויפרייס־באָמבעס פון אייגענער אויסאַרבעטונג. ווען ס'איז געקומען די באַשטימטע צייט צו מאַכן דעם אויפשטאַנד, האָט יעדער געקריגן זיין גרופּע מענטשן מיט אָנווייזונגען, וועלכע וואַכמענער צו באַפאַלן. די צייט, ווען דער אויפשטאַנד האָט געזאָלט אויסברעכן, איז געווען באַ־שטימט אויף דעמאָלט, ווען אַלע קאָמאַנדאָס גייען אַריין אין לאַגער. אין דעם מאָמענט האָט געזאָלט געגעבן ווערן דער סיגנאַל. ס'איז אָבער געקומען אַ וואָרענונג פון די אָר־גאַניזאַטאָרן, אַז מ'זאָל זיך דערווייל אָפּהאַלטן דערפון און גאָרנישט טאָן. צו טוביה סעגאַל און צו די איבעריקע מאַקאָווער, וואָס האָבן זיך מיט אים געפונען, איז אָבער נישט דער־גאַנגען די דאָזיקע וואָרענונג און צו דער באַשטימטער צייט האָבן זיי אָנגעהויבן דעם אויפשטאַנד. עס האָט זיך דערהערט אַ ריזן־אויפרייס. איין קרעמאַטאָריע איז צעשמע־טערט געוואָרן. די זאָנדערקאָמאַנדאָס האָבן אָנגעהויבן זיך צעלויפן אין אַלע ריכטונגען.

איינער פון די מאַקאָווער בחורים מיטן נאָמען הערשל קורניק איז צוגעלאָפן צו אַן עס־עס־מאַן, אַרויסגעריסן פון אים דאָס געווער, אָנגעהויבן צו שיסן אין אַלע זייטן און אַרויסגעלאָפן פון לאַגער. דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן טוביה סעגאַל, לייבל כ״ץ, וולאַדעק פרענקעל, ישראל לעווקאָוויטש, משה פוקס און אַנדערע מאַקאָווער בחורים. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די עס־עס־לייט. עטלעכע פון זיי זענען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט און אייניקע פאַרווונדעט. לײדער איז דער אויפשטאַנד געווען פון פאָרויס פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל. אָבער אַ פאַקט איז, אַז נאָכדעם ווי מיליאָנען מענטשן זענען אומגעבראַכט געוואָרן, זענען עס די מאַקאָווער געווען דווקא די, וואָס האָבן געמאַכט דעם אויפשטאַנד.

אין זעלבן מאָמענט האָבן די דייטשן געמאַכט אַן אַליאַרם. זיי האָבן געגעבן אַ באַפעל צו בלייבן שטיין אויף די ערטער, נישט רירן זיך. ווער עס וועט מאַכן אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, אָדער ער וועט זיך רירן פון אָרט, וועט דערשאָסן ווערן. אויף די עס־עס־לייט איז געפאַלן אַ פּחד און זיי זענען אַליין אַנטלאָפן. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס עס האָט פּאַסירט. אָבער באַלד זענען זיי געקומען צו זיך נאָך דער גרויסער דערשטוינונג. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען אָנגעקומען הונדערטער עס־עס־לייט מיט הינט און אַרומגערינגלט די געגנט. אַלע קאַצעטלער, סיי פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ און סיי די איבעריקע, האָט מען אַרייַנגעטריבן אין די באַראַקן. עס־עס־לייט האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין קרעמאַטאָריע און געעפנט אַ שיסעריי אויף דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. אַ סך פון זיי זענען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט, און די, וואָס זענען אַנטלאָפן, האָבן די דייטשע קוילן זיי נאָכגעיאָגט — און אַלע אומגעבראַכט. די לעבן־געבליבענע האָט מען געכאַפּט און צוריקגעבראַכט אין לאַגער. זוייזט אויס, אַז ס׳איז געקומען אַ באַפעל פון דער העכערער מאַכט, אַז מען זאָל פאַרטושן דעם גאַנצן ענין, ווייל די דייטשן האָבן מורא געהאַט פאַר אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. פון די אַנטלאָפענע קאַצעטלער איז לײדער קיינער נישט געבליבןביים לעבן.

אין סעפּטמבער 1944, האָט מען אָנגעהויבן אַרויספירן די מענטשן פון בירקענאַו און פון אוישוויץ. די טראַנספּאָרטן זענען געגאַנגען אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, ווייל עס האָבן זיך דערנענטערט די רוסן. אין איינעם פון די טראַנספּאָרטן בין איך געווען צוזאַמען מיט שלמה רייטשיק פון מאַקאָוו און יעקב פּראָסט פון פּולטוסק. מיר זענען געפאָרן אין לאַסט־וואַגאָנעס. אין יעדן וואַגאָן זענען געווען אַ 30—40 העפטלינגען. אין לעצטן וואַגאָן זענען געפאָרן די עס־עס־לייט, באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער. די ריכטונג וווּהין מען האָט אונדז געפירט האָט קיינער נישט געוווּסט. ווען מען האָט אָנגעהויבן אָפּצופאָרן מיטן טראַנספּאָרט, 12 אַזייגער בייטאָג (סעפּטעמבער 1944), איז געקומען איינער פון די העפטלינגען און געזאָגט צו מיר אַזוי: „אַרום 8 אַזייגער פאַרנאַכט, דאַרף מען אָנקומען אין דער געגנט פון ראַדאָמסק. דאָרט דאַרף מען צונעמען דאָס געווער פון דעם עס־עס־מאַן, וואָס באַגלייט דעם וואַגאָן און אים אַוועקהרגענען. דאָס זעלבע וועט

מען טאָן אין אַנדערע וואַגאָנעס. דערנאָך זאָל מען אַנטלויפן ווהין יעדער קען, פאַר־שטייט זיך, אין וואַלד אַריין.

די דאָזיקע ידיעה האָט מען געדאַרפט איבערגעבן אין די איבעריקע וואַגאָנעס, און איינער דעם צווייטן. פאַרשטענדלעך, אַז יעדער איינער פון אונדז איז שוין געווען שטאַרק געשפּאַנט. פון איין זייט האָט מען געטראַכט: שוין ענדע 1944. איבערגעלעבט צוויי יאָר אין בירקענאַו, אפשר וועט מען שוין דערלעבן די באַפרייאונג. פון דער צווייטער זייט האָט מען געהאָפט, אפשר וועט מען אַזוי אַרום פאָרט קענען זיך ראַטעווען.

מ׳פירט פרויען אין קרעמאַטאָריע

ס׳האָט זיך אונטערגערוקט די שעה פון 7 אַזייגער. מיר האָבן שוין באַשלאָסן וועלכע העפטלינגען עס וועלן כאַפּן דעם עס־עס־מאַן. אָבער אַ האַלבע שעה פאַר דער „שעת האפס״, איז צוגעקומען צו מיר דער זעלבער בחור און געזאָגט, אַז דער פּלאַן איז בטל געוואָרן, מען זאָל תיכף מודיע זיין וועגן דעם די אַנדערע, ווייל ס׳איז דאָ אַ ידיעה, אַז מען פירט אונדז קיין שטוטהאָף, אין לאַגער אַריין. 3 אַזייגער ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין שטוטהאָף (נעבן דאַנציק). זייענדיק אין שטוטהאָף אַן ערך צוויי וואָכן, האָבן מיר געזען ווי עס קומט אָן אַ טראַנספּאָרט מיט פרויען. דורך די דראָטן האָבן מיר געזען ווי מען פירט זיי אַריין גלייך אין קרעמאַטאָריע. געווען איז דאָס אין אָקטאָבער 1944. ווען מ׳האָט זיי שוין פאַרשלאָסן אין דער גאַז־קאַמער און געזאָלט אַהין אַריינוואַרפן דעם גאַז, איז אָנגעקומען אַ באַפעל זיי נישט צו פאַרגאַזן, נאָר ברענגען אין לאַגער אַריין. מיר האָבן געזען ווי מען צעפּראַלט די טירן פון דער גאַז־קאַמער און מען טרייבט פון דאָרט אַרויס די מענטשן. דערנאָך האָבן די עס־עס־לייט אונדז אַליין געזאָגט, אַז מער וועט מען שוין קיין מענטשן נישט פאַרגאַזן. שפּעטער האָט מען נאָר געברענט די טויטע, דערשאָסענע און געשטאָרבענע.

די רוסן האָבן זיך דערנענטערט, און די דייטשן האָבן באַשלאָסן צו עוואַקואירן אויך דעם לאַגער שטוטהאָף. מיך און מיינע צוויי חברים — שלמה רייטשיק און יעקב פּראָסט — האָט מען איבערגעפירט מיט אַ טראַנספּאָרט, נישט ווייט פון דער פראַנצויזישער גרענעץ, אין טיבינגען. דאָרט איז געווען אַ האַנגאַר פאַר עראָפּלאַנען. אַהין האָט מען אונדז, אַן ערך 500 מענטשן, אַריינגעפירט און געזאָגט, אַז דאָרט וועלן מיר וווינען. מיר האָבן געאַרבעט אין לאַגער. צו דער אַרבעט האָבן אונדז געפירט דייטשן פון דער „לופט־וואַפע״. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויפגראָבן ריזיקע באָמבעס פון אַמעריקאַנישער, ענגלישער און רוסישער פּראָדוקציע, וואָס האָבן נישט אויפגעריסן. די אַרויסגעגראָבענע באָמבעס האָבן מיר אויפגעלאָדנט אויף לאַסט־אויטאָס, און מען האָט זיי פון דאָרט אַרויסגעפירט. אין טיבינגען זענען מיר געווען ביז דעצעמבער 1944, פונוואַנען מען האָט אונדז געשיקט אין אַ לאַגער וואָס האָט געהייסן דאָרטמערינגען (אין דער געגנט פון שטוטגאַרט). געהיטן האָבן אונדז דאָרט די אוקראַינער. אין דאָזיקן לאַגער זענען אויך געווען אַ סך

ציגיינער. מ׳האָט אונדז געגעבן זייער ווייניק עסן, אָבער די אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע. ענדע פעברואַר 1945 האָט מען אַרויסגעפירט אַ טראַנספּאָרט קיין בערגען־בעלזען. די שיך האָט מען ביי אונדז אַלע צוגענומען, און מיר האָבן מיט שמאַטעס אַרומגעוויקלט די פיס. מען האָט אונדז פאַרלאָדנט אין לאַסט־וואַגאָנעס. אַ סך מענטשן זענען געשטאָרבן פאָרנדיק (שלמה רייטשיק און יעקב פּראָסט זענען פאַרבליבן אין דאָרטמע־רינגען). אין בערגען־בעלזען האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ באַראַק. מען האָט אונדז נישט געהייסן אַרבעטן, אָבער קיין עסן האָט מען אונדז אויך נישט געגעבן. איבער נאַכט זענען געשטאָרבן אַ סך מענטשן. אינדערפרי האָט מען זיי אַרויסגעטראָגן אינדרויסן. מיר זענען געשלאָפן צוגעטוליעט איינער צום צווייטן כדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען. איינמאָל בין איך געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט אויף איינעם פון די קאַצעטלער. גאַנצפרי האָב איך באַמערקט, אַז ער איז טויט. אַ סך מענטשן האָט מען אַרויסגעפירט מיט „ראָל־וואָגנס" (מיט גרויסע רעדער). מענטשן האָבן געשלעפּט די וואָגנס מיט די טויטע קערפּערס אין קרעמאַטאָריע.

אין דאָזיקע לאַגער זענען מיר געווען ביזן 15טן אַפּריל — ביז צו דער באַפרייאונג דורך די ענגלענדער.

פון ערשטן טאָג אָן, ווי איך בין אָנגעקומען קיין בירקענאַו, האָב איך דאָרט געהאַט אַ פריינד פון נאָווידוואָר, נעבן באַראַנאָוויטש. ער איז אַלט געווען אַרום 20 יאָר, און גע־הייסן לייבל חייט. איינמאָל, אין בערגען־בעלזען, איז ער געקומען צו מיר און געזאָגט: „מאָטל, ראַטעווע מיך, איך האָב דיזענטעריע".

איך האָב אים געענטפערט: „זעסט דאָך, איך בין אַליין אַ מת, ווי אַזוי קען איך דיך ראַטעווען?"

האָט לייבל צו מיר געזאָגט: „אין לאַגער איז דאָ אַ נאָרוועגישער דאָקטאָר. ער האָט אַ רפואה קעגן דיזענטעריע, מען קען אָבער קויפן ביי אים די רפואה נאָר פאַר גאָלד. זעסט דאָך, מאָטל, מיר האַלטן שוין פאַר דער באַפרייאונג, ראַטעווע מיך!"

אין לאַגער זענען געלעגן גאַנצע בערג מיט טויטע, וואָס מען האָט נישט באַוויזן צו פאַרברענען. האָב איך זיך געטראַכט: „איך וועל צוגיין צו זיי, אפשר וועל איך דאָרט געפינען אַ ביסל גאָלד". איך האָב זיך קוים צוגעשלעפּט צו דער דאָזיקער טויטער מאַסע, אַרויסגעריסן ביי אייניקע די גאָלדענע ציין און געלאָפן צום דאָקטאָר פון לאַגער. איך האָב זיך ביי אים געבעטן רחמים: נאַ דיר דאָס גאָלד און ראַטעווע פון דיזענטעריע מיין בעסטן חבר. דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן עפּעס אַ רפואה. איך בין גלייך געלאָפן צו לייבל חייט און זי אים איינגעגעבן. לײדער איז ער צומאָרגנס געשטאָרבן. דאָס האָט מיך אינגאַנצן דערשיטערט. איך בין געוואָרן פולשטענדיק מאַכטלאָז און אַפּאַטיש.

צו דער באַפרייאונג בין איך אַלט געווען 21 יאָר און געוויגן 30 קילאָ. ווען עס וואָלט נישט געקומען די באַפרייאונג, און צוזאַמען מיט איר די באַלדיקע הילף, וואָלט איך אין צוויי טעג אַרום געשטאָרבן — האָט מיר אַן ענגלישער דאָקטאָר דערקלערט, באַטראַכטנ־

דיק מיך. די באַפרייאונג איז געקומען דעם 15טן אַפּריל 1945. מיר זענען אָבער געווען אַזוי דערשלאָגן און אַזוי מוטלאָז, אַז מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען די גוואַלדיקע באַדייטונג פון דער באַפרייאונג.

דעם זעלבן טאָג זענען די עס־עס־מענער אַנטלאָפן פון לאַגער. זיי האָבן איבערגעגעבן די מאַכט די דייטשע העפטלינגען.

די באַפרייאונג

אינדרויסן האָבן אונדז געהיט אונגאַרישע זעלנער, די געוועזענע דייטשע שותפים. די ענגלענדער זענען אַריין פון אַלע 4 זייטן — דורכגעשניטן די דראָטן און אַריינגעפאָרן מיט טאַנקן. די לעצטע צוויי טעג האָט מען איבערהויפּט נישט געגעבן קיין עסן.

די ענגלענדער האָבן אונדז געגעבן וויטאַמינען, דערווייל... די ענגלענדער האָבן אונדז געגעבן ווייטגייענדיקע הילף. אויטאָס מיט הילכער זענען אַרומגעפאָרן אויפן שטח פון לאַגער און געמאָלדן אין 7 שפּראַכן: „די דייטשן האָבן פאַרשפּילט דעם קריג. מיר האָבן אייך באַפרייט. מיר וועלן אייך געבן אַלץ, בלייבט אויף די ערטער".

די ענגלענדער האָבן געהאַלטן וואָרט. אויף צומאָרגנס זענען אַריינגעקומען הונדערטער דאָקטוירים פון רויטן קרייץ. יעדער העפטלינג, וואָס איז געבליבן לעבן, איז אַדורך אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג. מיך האָט מען אַריינגענומען אין שפּיטאָל. איך בין דאָרט געלעגן 10 טעג און ווען איך האָב זיך געפילט אַ ביסל בעסער, בין איך אויפגעשטאַנען, פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל און געגאַנגען זוכן עמעצן פון מיין פאַמיליע. איך האָב געטראַכט: אפשר וועל איך דאָך עמעצן פון זיי געפינען אַ לעבעדיקן.

די צאָל געשטאָרבענע, שוין נאָך דער באַפרייאונג, איז געווען זייער גרויס. מענטשן האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן און זענען גלייך געשטאָרבן. די ענגלענדער האָבן מיט טראַקטאָרן אָפּגערוימט די טויטע, אַוועקגענומען די קראַנקע, אָנגעהויבן צוטיילן שפּייז פאַר די לעבנגעבליבענע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ „נאָרמאַל" לאַגער־לעבן, אויף דער פריי.

אויפן וועג פון מיין וואַנדער בין איך אָנגעקומען קיין מינכען. אומעטום האָב איך זיך גלייך נאָכגעפרעגט, וווּ עס וווינען יידן. מען האָט מיר געזאָגט: אויף דאָן־פּעדראָ־פּלאַץ. איך בין געקומען אַהין און זיך דערוווּסט, אַז די יידן וווינען אויפן צווייטן שטאָק. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ בחור פון טשעכאַנאָוו. ער האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיין פאָטער לעבט און ער געפינט זיך אין פעלדאַפינג. צומאָרגנס 6 אַזייגער פרי, מיטן ערשטן צוג, האָב איך זיך געלאָזט קיין פעלדאַפינג. איך האָב געשטראַלט פון פרייד, וואָס מיין פאָטער לעבט, און איך בין מער נישט קיין עלנטער אויף דער וועלט, איך האָב דאָך עמעצן געפונען. אפשר לעבט נאָך ווער פון מיין גרויסער פאַמיליע, האָב איך געטראַכט.

אין צוג האָב איך זיך געטראָפן מיט אונדזער שטאָטישן יצחק איצקאָוויטש און ער האָט ביי מיר געבעטן איך זאָל מסכים זיין, אַז ער זאָל אָנזאָגן די בשורה מיין טאַטן, אַז איך

לעב. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פעלדאַפינג, איז ער געלאָפן צום טאַטן און אָנגע־זאָגט אים די בשורה. איך בין אַריינגעקומען דערנאָך צו מיין פאָטער אין דער וווינונג. ער האָט מיך גלייך דערקענט. מיר זענען געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויף די העלדזער און געוויינט. איך האָב באַלד געפרעגט: „ווו איז די מאַמע, די שוועסטער?". מיין פראַגע איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. איך האָב געקוקט אויף מיין פאָטער און געזען בלויז טרערן, וואָס זענען גערינען פון זיינע אויגן.

איך בין אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, מיט דער הילף פון דער יידישער בריגאַדע. איך האָב זיך באַטייליקט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה און געהאָלפן אויסקעמפן אונדזער פרייע און זעלבשטענדיקע מדינה.

שלמה רייטשיק / נתניה

אין די גרויליקע יאָרן

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, אין יאָר 1939, האָבן מיר פאַרלאָזט מאַקאָוו און אַריבערגעוואַנדערט קיין ווענגראָוו. מיר האָבן נאָך באַוויזן אַריבערגיין די ווישקאָווער בריק איידער די דייטשן האָבן זי באָמבאַרדירט און צעשטערט.

איך בין אַנטלאָפן מיט מיינע עלטערן, שוועסטער און ברודער. אין ווענגראָוו זענען שוין געווען אַ סך פליטים. עס איז געווען זייער שווער דאָרט זיך איינצוואָרדענען. דאָך זענען מיר דאָרט געבליבן ביז די דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן. שפּעטער זענען מיר צוריק־געקומען קיין מאַקאָוו. מיר האָבן שוין דאָרט געטראָפן די דייטשן. אונדזער הויז איז שוין געווען פאַרנומען דורך זיי. דאָס איז געווען דאָס איינציקע הויז אין שטאָט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער שטאָטישער קאַנאַליזאַציע, געווען דאָרט אַ וואַנע און אַנדערע באַקוועמלעכקייטן. קלאָר, אַז די דייטשן האָבן עס גלייך פאַרנומען. דאָס הויז האָט געהאַט צוויי שטאָק. האָבן זיי אונדז אַוועקגעגעבן דעם אויבערשטן שטאָק צום וווינען. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און די דייטשן האָבן אונדז אויך פון דאָרט באַזייטיקט.

מיר זענען אַריבער אין אַן אַנדער דירה און געפּרוווט ציען ווייטער חיונה פון דער לעדער־פאַבריק, וואָס מיר האָבן באַזיצט. אַזוי ווי די דייטשן האָבן עס דערווייל נאָכנישט אַוועקגענומען פון אונדז, האָבן מיר אין די נעכט אַרויסגענומען פון דאָרט לעדער און אויסגעפאַרטיקט אין שטוב, כדי האָבן פון וואָס צו לעבן.



עצרת־אבל לזכר הקדושים, בשנת 1947

טרויער־אַקאַדעמיע נאָך די קדושים, אין יאָר 1946

אין אַ צייט אַרום איז מען פון מאַגיסטראַט, צוזאַמען מיט געשטאַפּאָ געקומען צו אונדז מיט אַ רשימה, אויף וועלכער עס האָט פיגורירט מיין פאָטער. דער פאָטער האָט זיך באַהאַלטן און אין דער זעלבער נאַכט איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. מיט אים זענען אַנטלאָפן אויך אַנדערע יידן, וואָס האָבן פיגורירט אויף דער דאָזיקער רשימה און מ׳האָט זיי נישט באַוויזן צו כאַפּן. איינער פון די מאַגיסטראַט־באַאַמטע, אַ פּאָליאַק, מיטן נאָמען פיאָנטעק, האָט אונדז באַצייטנס געוואָרנט, אַז מ׳עט קומען נעמען מיין פאָטער און, אַז ער זאָל וואָס גיכער אַנטלויפן.

10 שמיץ פאַר גאָלד און צירונג

וויסנדיק, אַז די דייטשן וועלן ביי אונדז אַלץ צורויבן, האָבן מיר באַשלאָסן צו באַ־האַלטן גאָלד, צירונג און אַנדערע ווערטזאַכן. מיר האבן ביינאַכט אויסגעגראָבן אַ טיפן גרוב און דאָס אַלץ דאָרט באַהאַלטן. אַ שכן אונדזערער, אַ פּאָליאַק, מיטן נאָמען פּיגעלסקי, וואָס איז געווען אַן אַרבעטער אין אונדזער לעדער־פאַבריק, האָט, זעט אויס, באַמערקט, אַז מיר האָבן ביינאַכט געגראָבן. צומאָרגנס איז ער געקומען צו אונדז און געפאָדערט אַ העלפט פונעם פאַרמעגן. אויב נישט — האָט ער געדראָט — וועט ער איבערגעבן וועגן דעם די דייטשן. מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז דער דאָזיקער פּאָליאַק, וועלכער האָט ביי אונדז יאָרן־לאַנג געאַרבעט, געהאַט אַ בכבודיקע פרנסה, זאָל גיין מסרן אין געשטאַפּאָ.

מיר האָבן אים דעריבער נישט געגעבן דעם געפאָדערטן חלק פון דעם גוטס, אויף וועלכן מיר האָבן געהאָרעוועט אַ גאַנץ לעבן. איז פּיגעלסקי אַוועק אין דער זשאַנדאַרמעריע און איבערגעגעבן זיי וועגן דעם. אַ באַנדע דייטשן זענען באַלד געקומען צו אונדז, געהייסן אויפגראָבן דאָס גאָלד מיטן צירונג און איך אַליין האָב געמוזט טראָגן דאָס בלעכענע קעסטל מיטן אוצר אין קאָמענדאַנטור. ווען איך האָב עס אַלץ דאָרט איבערגעגעבן, האָב איך, אַלס דאַנק, באַקומען דערפאַר 10 שמיץ פון אַ געפלאָכטענעם קאַנטשיק.

איך, מיט דער מוטער, שוועסטער און ברודער, זענען געבליבן אויפן אָרט אין מאַקאָוו. פּונקט ווי אַלע אַנדערע יידן האָט מען אויך מיך געכאַפּט צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווען נישט ווייט פון מאַקאָוו. איך האב דאָרט געאַרבעט קרוב דריי וואָכן און שפּע־טער זיך צוריקגעקערט אין שטאָט.

זייענדיק אין מאַקאָוו האָבן מיר דערהאַלטן אַ בריוו פון אונדזערע קרובים, אַז זיי פאָרן אָפּ קיין טריעסט און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל, און מ׳ר זאָלן קומען נעמען אַ טייל פון דעם פאַרמעגן וואָס וועט בלייבן, דערנאָך וועלן מיר אפשר אויך האָבן אַ מעגלעכקייט עולה צו זיין.

מיינע עלטערן האָבן מיך געשיקט קיין וואַרשע צו אונדזערע קרובים. איך האָב געשמוגלט די גרענעץ אַלס שייגעץ. אַזוי אַרום איז מיר געלונגען אָנצוקומען קיין וואַרשע. דער גאַנצער פּלאַן פון דער נסיעה קיין ארץ־ישראל איז אָבער צוניש־ט געוואָרן, ווייל אינצווישנצייט איז דער וועג דורך טריעסט געשלאָסן געוואָרן און מיינע קרובים זענען געבליבן אין וואַרשע.

אין וואַרשע

אָנהייב 1940 איז נאָך אין וואַרשע קיין געטאָ נישט געווען און אַזוי ווי מיר האָבן פאַרמאָגט עטלעכע הייזער אין וואַרשע, בין איך געגאַנגען אויפמאָנען דאָס דירה־געלט ביי די שכנים. אָבער זיי האָבן מיר געענטפערט, אַז זיי צאָלן שוין דירה־געלט דעם דייטשן אַפּוטרופּוס.

זייענדיק אין וואַרשע, האָב איך דערווייל אויסגענוצט די צייט און געגאַנגען אין אַ פאַך־שול לערנען עלעקטריציטעט. עס זענען געווען אַ סך קאַנדידאַטן, אָבער איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און אָנגענומען געוואָרן אין דער דאָזיקער שול. אין דער זעלבער צייט האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ מויער פאַרן געטאָ. מיין פאָטער האָט געגעבן שוחד אַ פּוילישן שומר ביים טויער, און ער האָט מיר דערלויבט אַרויסצוגיין פון געטאָ. איך בין געקומען אויפן דאַנציקער וואָקזאַל און אָנגעקומען מיט דער באַן קיין ציעכאַנאָוו, און פון דאָרט מיט אַ וואָגן קיין מאַקאָוו.

אין יענער צייט האָט מאַקאָוו זיך שוין איינגאַנצן געענדערט, מ׳האָט נישט געזען קיין יידן אין גאַס. יידן האָבן געמוזט גיין אויף דער לינקער זייט פון שאָסיי און נישט אויפן

טראָטואַר. אויף מיר האָט עס געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. איך האָב זיך געפילט דערשלאָגן.

מיין פעטער רייטשיק מיט די שותפים ליכטענשטיין און הערצבערג האָבן געהאַט אַ מיל. איינער פון די אַרבעטער אין מיל, אַ פּאָליאַק, איז שפּעטער געוואָרן דער פּאַרוואַל־טער. דער ברודער זיינער האָט געוווינט ביי אונדז אין שטוב און ער האָט אונדז די ערשטע צייט צוגעשטעלט מעל, פּוטער און אַנדערע פּראָדוקטן, פאַרשטייט זיך, פאַר גראָב געלט. אַלע יידן זענען געווען רעגיסטרירט אין אַרבעטס־אַמט, און געמוזט אַרבעטן. מיין מוטער האָט מיך איינגעאָרדנט ביי אַ דייטש, וואָס איז אָנגעקומען פון קעניגסבערג, און געבויט אין מאַקאָוו אַ ניי הויז. איך האָב געאַרבעט ביים איינריכטן די עלעקטרי אין דאָזיקע בנין. איך האָב געהאַט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין און אַריינצוקומען אין אונדזער הויז. אָבער אַזוי ווי דאָס דאָזיקע הויז האָט זיך געפונען מחוץ דעם געטאָ־קוואַרטאַל, האָבן מיר עס געמוזט פאַרלאָזן און אריבערגיין אין געטאָ.

ווי געזאָגט, האָב איך געאַרבעט אַלס עלעקטריקער און געהאַט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון די געטאָ־מויערן. איך האָב דעריבער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַ־ניזירן אַ ביסל שפּייז פאַר מיר און פאַר אונדזער פאַמיליע.

געווען איז דאָס, דאַכט זיך, ערב יום־כיפור, ווען דאָס געטאָ איז געשלאָסן געוואָרן — נישט אַריין און נישט אַרויס. די דייטשן האָבן געמאָלדן, אַז מיר ווערן עוואַקואירט. מ׳האָט קיינעם מער צו קיין אַרבעט נישט גענומען און דאָס געטאָ איז הערמעטיש געשלאָסן גע־וואָרן. די אַרויסגענג זענען געהיטן געוואָרן דורך יידישער פּאָליציי און דורך די דייטשן.

אין בירקענאַו — סעלעקציעס

אין נאָוועמבער 1942 זענען אָנגעקומען וואָגנס („פּאָדוואָדעס"). מען האָט באַפוילן די יידן אַרויפצושטייגן אויף די דאָזיקע וואָגנס. מ׳האָט זיי געיאָגט מיט שטעקנס, געשלאָגן מכות־רצח דעם, וואָס האָט זיך נישט געאיילט אויפצושטייגן. מ׳האָט אונדז געפירט קיין מלאַווע. דאָרט זענען מיר געזעסן אַרום דריי וואָכן. שפּעטער האָט מען אונדז געפירט צו דער באַן. איך בין איינגעשטיגן אין וואַגאָן צוזאַמען מיט דער מוטער, שוועסטער און ברודער. מען האָט אונדז געטריבן אין די וואַגאָנעס מיט קלעפּ, געשלאָגן מכות־רצח איבער די קעפּ, איבערן פּנים און געשטופּט אין די וואַגאָנעס. איינער פון די, וואָס האָט געהאָלפן אַריינשטופּן די מענטשן און וואַרפן זיי אין די וואַגאָנעס אַריין איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין מלאַווע. ווען דאָס פאַרלאָדן די יידן האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן די דייטשן אויך אים, דעם דאָזיקן קאָמענדאַנט, אַריינגעוואָרפן אין אַ וואַגאָן. ער האָט צו זיי געשריגן: „מיך וואַרפט איר? איך האָב דאָך אייך געהאָלפן אין דער אַרבעט. איך בין דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין מלאַווע. מ׳ר האָבן דאָך צוזאַמען געאַרבעט." אויף דעם האָט ער באַקומען אַן ענטפער פון אַ דייטש: „שמוציקער יודע, גיי צוזאַמען מיט זיי!".

דעם 12טן דעצעמבער 1942, ביינאַכט, זענען מיר אָנגעקומען קיין בירקענאַו צו דער ראַמפּע. אַן עס־עס־מאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבן אונדז האָט באַפוילן: „קינדער, פרויען אין איין זייט און אַלע מענער פון 18 יאָר און ווייטער אויף דער צווייטער זייט".

שטייענדיק דאָרט האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו רעדן מיט אַ דייטש. ער האָט מיר געזאָגט: „איר וועט גיין אין אַרבעטסלאַגער, אין די שבתים און יום־טובים וועט איר זיך קענען זען מיט די עלטערן".

מ'האָט אונדז געהייסן איבערלאָזן די פּעקלעך און זיך שטעלן אין אַ ריי. איך האָב געזען ווי אַ דייטשער אָפיציר האָט דורכגעפירט די סעלעקציע: רעכטס — די געזונטע און לינקס — עלטערע און שוואַכע מענער. מיך האָט מען בעת דער סעלעקציע אַריבער־געפירט אויף דער לינקער זייט. היות איך האָב געזען, אַז רעכטס שטייען געזונטע מענטשן, בין איך אין דער פינצטער אַריבערגעלאָפן און זיך אַריינגעשטעלט צווישן די', וואָס זענען געשטאַנען רעכטס. מיט זיי בין איך אַריין אין לאַגער. דאָס איז געווען צום לעצטן מאָל ווי איך האָב געזען מיין מוטער, דעם יונגן ברודער און די עלטערע שוועסטער.

הונגער, פייניקונגען, אומקום

מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין באָד, אויסגעטאָן, צוגענומען ביי אינדז די גוטע שיך און קליידונג און אונדז געגעבן לאַגער־קליידער: אַ העמד, אַ רעקל, הויזן און אַ לאַגער־היטל. מ'ר האָבן געזען, אַז דייטשן זוכן גוטע שיך. איך האָב דעריבער אָפּגעשניטן



ליד בית המדרש הישן, בדרך לבית הקברות

ביים אַלטן בית־המדרש, אויפן וועג צום בית־עלמין

די כאַליעוועס פון די שטיוול און דערפאַר האָט מען זיי ביי מיר נישט צוגענומען. אין באָד האָבן געאַרבעט פּראַנצויזישע יידן. איינער, מאָריס, האָט מיר דערציילט, אַז צווישן אונדז איז דאָ אַ מוסר, וואָס האָט געטאָן שלעכטס די יידן און ער איז געווען שעף פון דער יידישער פּאָליציי אין מלאַווע. מאָריס האָט אים גערופן צו זיך און אויפן אָרט האָט ער אים אָנגעהויבן צוטיילן קלעפּ. מ׳האָט אים געוואָרנט, ער זאָל זיך נישט אויפפירן אַזוי ווי אין מלאַווע. מיר זענען אַריין אין האַלב־רונדיקע געמויערטע באַראַקן, צו 10 מאַן אויף אַ „פּריטש״. די בלאָק־עלטעסטע זענען געווען יידן. מ׳האָט אונדז באַפוילן צו שרייבן בריוו אויף די אַלטע אַדרעסן און מיטטיילן, אַז מיר זענען געזונט, פילן זיך גוט און אַרבעטן. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז אַריינגעפאַלן צו אונדז אין בלאָק. מען האָט אים איבערגעגעבן דעם בלאָקפירער. יעדן טאָג האָט ער באַקומען קלעפּ פון דעם שטוב־עלטעסטן. אין דריי טעג אַרום האָט מען אים דערשטיקט.

יעדן טאָג, ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער, האָט מען אונדז שוין געוועקט, כדי זיך צו שטעלן צום אַפּעל. פון 5 ביז 7 פאַרטאָג זענען מיר געשטאַנען אין פראָסט און אין קעלט און געוואַרט ביז וואַנען מען וועט אונדז ציילן. שפּעטער האָט מען באַקומען אַ ביסל וואַסער — פרישטיק — אין רויטע, טיפע שיסלען. איך האָב געאַרבעט ביים טראָגן ציגל צו בויען אַ בנין, וואָס האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן אַלס קרעמאַטאָריע. ווער עס איז אַנטלאָפן פון דער אַרבעט, האָט מען אים גלייך ליקווידירט. פון הונדערטער מענטשן זענען געבליבן צענדליקער און פון זיי — יחידים. די מענטשן זענען געוואָרן צעבראָכן, און דווקא די שוואַכע האָבן זיך נאָך געהאַלטן. האַקעגן די גיבורים זענען געפאַלן ווי פליגן.

איך האָב באַשלאָסן צו אַרבעטן כל זמן איך וועל מיך קענען האַלטן אויף די פיס. איך האָב געהאָפט, אַז אַזוי אַרום וועל איך מיך אפשר ראַטעווען. אין אָוונט, נאָך דעם נאַכט־אַפּעל, האָט מען געטיילט עסן: אַ פערטל ברויט און אַ ביסל „רעפּעטע״. אָבער דאָס האָט מען געקענט באַקומען נאָר מיט קלעפּ. דעריבער בין איך קיין איינמאָל נישט געגאַנגען נעמען די דאָזיקע „רעפּעטע״.

אַ פּראַסטיקע באָד — נאַקעטערהייט

ווען איך בין קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע און געדאַרפט גיין אין בית שימוש, האָט מען מיך נישט געלאָזט גיין אַהין, ווייל אין דרויסן האָט מען געשאָסן ווער עס האָט זיך נאָר באַוויזן. דער בלאָק־עלטעסטער האָט מיך געטרייסט: „דו האָסט מזל, דו ביסט יונג, און דערפאַר הרגע איך דיך נישט״.

אין משך פון זעקס חדשים האָב איך נישט געטוישט קיין מלבוש און קיין העמד, זיך נישט געוואַשן. דאָס לייב איז געווען פול מיט ווונדן. אין אַ צייט אַרום האָט מען גערופן אַלע יונגע, אויסגעשטעלט זיי אין אַ ריי פאַר דער קאָמענדאַנטור און דורכגעפירט די סעלעקציע. צוזאַמען מיט אַנדערע האָט מען מיך אַריבערגעפירט קיין אוישוויץ, אין בלאָק 7/א׳. איך בין פריער אַדורך אַ קאַראַנטין. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ באָד.

מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן, באַקומען נייע פאַסן־קליידער. צום ערשטן מאָל נאָך זעקס חדשים האָב איך זיך געוואַשן מיט וואַרעם וואַסער און געטוישט די שמוציקע קליידער אויף ריינע. איך בין אַריין אין אַ מויערער־שולע, וווּ מיר האָבן זיך געלערנט בויען הייזער. דער בלאָק־עלטעסטער איז געווען אַ דייטש, אַ סאַדיסט. יעדע נאַכט פלעגט ער דערהרגענען עטלעכע קאַצעטלער. ער האָט געהאַט אַ שגעון פאַר ריינקייט. ער וועט נישט ליידן, האָט ער געזאָגט, אויב עמעצער וועט זיין שמוציק.

מ׳האָט אונדז באַפוילן זיך וואַשן אינגאַנצן נאַקעט, מיט קאַלט וואַסער, אין פראָסט און אין שניי. ער איז געשטאַנען אויף די טרעפּ און אַכטונג געגעבן. אויב עמעצער פון די קאַצעטלער האָט זיך נישט געוואַשן און איז נישט געווען נאַס, האָט ער אים גלייך דערשאָסן. ער פלעגט אויפן בוידעם אַרויפנעמען מענטשן, באַגיסן זיי מיט קאַלט וואַסער און זיי אַזוי לאַנג דאָרט האַלטן, ביז זיי זענען פאַרפרוירן געוואָרן אויף טויט. ער פלעגט הנאה האָבן צו געבן קלעפּ. ווער עס האָט געשריגן, האָט ער געגעבן 20 שמיץ, און ווער עס האָט געשוויגן און געדריקט דעם ווייטאָג אין זיך האָט באַקומען נישט מער ווי דריי שמיץ.

אין אוישוויץ בין איך געווען אַ האַלב יאָר און נישט דורכגעגאַנגען קיין שום סעלעקציעס. נאָכן פאַרענדיקן דעם בוי־קורס האָט מען אונדז איבערגעפירט קיין בירקענאַו אויפן נייעם פּלאַץ, וווּ מען האָט געבויט דעם מענער־לאַגער, אין בלאָק 21. איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַ בוי־קאָמאַנדע. יעדן טאָג פלעג איך אַרויס אויף בוי־אַרבעט. איך בין געווען אַן אַלטער העפטלינג, געהאַט פיל באַקאַנטשאַפט אַפילו אין דער "זאָנדער־קאָמאַנדאָ".

אין דער „זאָנדערקאָמאנדאָ“ זענען געווען אַ סך מאַקאָווער. דורך זיי האָבן מיר זיך פיל געהאָלפן. מיר האָבן פון זיי באַקומען גאָלדענע ציין און גאָלד־דאָלאַר, און דאָס האָבן מיר אַרויסגעטראָגן, ביי דער אַרבעט, און דערפאַר געקויפט ברויט, ציגאַרעטן און ספּירט. אַלע מאָל זענען פאָרגעקומען סעלעקציעס. מיר האָט אָפּגעגליקט און ביי אַלע סעלעקציעס האָב איך זיך געראַטעוועט. די גאַנצע צייט האָב איך געאַרבעט. מיר האָבן געבויט אַ קאַרטאָפל־האַלע און געהאַט באַקאַנטע אויך אין דער קאָמאַנדאָ „קאַנאַדע“. מאַקאָווער בחורים, וואָס פלעגן, אויפן באַפעל פון די דייטשן, אַוועקנעמען די זאַכן פון די מענטשן, וועלכע פלעגן אָנקומען מיט די טראַנספּאָרטן, האָבן אונדז געגעבן מלבושים, שיך און דער עיקר — עסן. באַלד נאָך אונדזער אָנקומען האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז די פרויען מיט די קינדער האָט מען גלייך פאַרברענט אין די גריבער, ווייל קיין קרעמאַטאָריע איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. דאַקעגן אַ גאַז־קאַמער איז שוין יאָ געווען. מ׳האָט די מענטשן פאַרגאַזט און פאַרברענט אין די גריבער. אָפט מאָל האָב איך פאַרבייגייענדיק, געזען, ווי מען ברענט די מענטשן. טאָג און נאַכט האָבן מיר געזען די רויך־קנוילן און געפילט דעם ריח. דער גאַנצער לאַגער איז געווען שוואַרץ פון רויך. אויב עמעצער איז אַנטלאָפן פלעגן מיר מוזן שטיין אַ גאַנצן מעת־לעת אין דרויסן אויפן פראָסט, אָן עסן און

טרינקען. ווען עס איז געווען אַ נעפּל, פלעגט מען אונדז נישט אַרויספירן צו דער אַרבעט, אויס מורא, אַז עמעצער פון אונדז וועט אַנטלויפן. מ׳האָט אונדז געהיטן מיט גרויסע, ווילדע הינט.

גאַנצפרי פלעגן מיר אַרויסגיין צו דער אַרבעט מחוץ דעם לאַגער, געבויט אַ קאַר־טאָפּל־האַלע און אַנדערע געביידעס אויסער דעם לאַגער, און ביינאַכט געקומען צוריק.

די לעצטע סעלעקציע

אין יאַנואַר 1944 איז געווען אין בירקענאַו די לעצטע סעלעקציע, וועלכע האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון. איך געדענק זי, ווי זי וואָלט נאָרוואָס פאָרגעקומען. ד״ר מענגעלע האָט דורכגעפירט די סעלעקציע. ער האָט מיך געפּסלט, ווייל איך האָב געהאַט אַ ווונד אויפן פוס. דעם זעלבן טאָג האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין אַ בלאָק, ווו מען האָט קאָנצענטרירט די אַלע, וואָס האָבן געזאָלט, נאָך אין דער זעלבער נאַכט, געשיקט ווערן אין קרעמאַטאָריע. קומענדיק אין יענעם בלאָק, האָב איך געטראָפן אַ מאַקאָווער. מיינעם אַ חבר, שלמה גלאָגאָווער, וועלכער איז געווען אַ „שטובנדינסט" אינעם בלאָק. ער האָט מיך געמוטיקט און געזאָגט, אַז ווי עס זאָל נישט זיין, וועט מען אַלץ טאָן, כדי מיך צו ראַטעווען. ער האָט צוגעגעבן, אַז אין דער קרעמאַטאָריע אַרבעט זיינס אַ פעטער און אַנדערע מענטשן — מאַקאָווער, און זיי וועלן פּרווון מיך אַרויסנעמען. אַ דאַנק אים איז מיר געלונגען אַרויס פונעם בלאָק און זיך פאַרבינדן מיט מיינע באַקאַנטע, ווייל מיין קאַרטאָטעק איז געוואָרן איבערגעשיקט דורך דער הויפּט־„שרייב־שטובע" אין בלאָק. מיין נומער איז געווען 81736. איך האָב געטראָפן אַ מאַקאָווער, וואָס איז געווען אַ „פּיפּל" (שליח) ביים הויפּט־שרייבער פון לאַגער. ער איז צו אים אַריבער, געבעטן פאַר מיר, און געבראַכט אַזאַ תשובה: אויב איך וועל אים ברענגען אַ פלאַש ספּירט, אַ 20 גאָלד־דאָלאַר און נאָך פאַרשידענע זאַכן, וועט ער זיך באַמיען מיך אויסצומעקן פון דער טויט־רשימה. אין דאָזיקן טאָג איז אָבער געווען אַ „שפּערע" (אַרויסגאַנג־פאַרבאָט אין לאַגער) און קיינער האָט נישט געקענט אַרויס צו דער אַרבעט אין אַזוי אַרום מיר ברענגען ספּירט.

איך האָב זיך פאַרבונדן מיט אַן אַנדערן מאַקאָווער, אַ געוויסער הענעך גראָמפּ, וואָס איז געווען אין גוטע באַציאונגען מיט זיין בלאָק־עלטעסטן, וועלכער איז געווען אַ דייטש (אויך אַ העפטלינג). דורך זיין פּראָטעקציע האָט גראָמפּ מיר געבראַכט אַ פלאַש ספּירט. די 20 דאָלאַר האָב איך אויך באַקומען און דאָס אַלץ האָב איך צונויפגעשטעלט און איבערגעגעבן דעם פּיפּל. 12 אַזייגער ביינאַכט איז געקומען דער באַפעל איך זאָל צוריקגיין אין בלאָק, ווו איך האָב זיך געפונען פאַר דער סעלעקציע. דער שרייבער פון מיין בלאָק האָט מיך באַגעגנט מיט די דאָזיקע ווערטער: „פאַרשיווי זשידזיע — שמוציקער ייד — האָסט געהאַט גליק".

שפּעטער האָב איך געאַרבעט ביים בויען אַ ציגיינער־לאַגער. די ציגיינער האָבן גע־ווינט צוזאַמען, משפּחותווייז. איך האָב געאַרבעט ביים בויען לאַגער־בלאָקן. דאָרט האָט

מען שוין בעסער געקענט אָרגאַניזירן עפּעס צום עסן. די "זאָנדערקאָמאַנדאָ" האָט מיר געהאָלפן די גאַנצע צייט — דורך די באַקאַנטע.

אין 1944 זענען פאָרגעקומען באָמבאַרדירונגען. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געבעטן גאָט, אַז די אַליאירטע זאָלן באָמבאַרדירן דעם לאַגער און פאַרניכטן די גאַז־קאַמער מיט דער קרעמאַטאָריע, מיט די דייטשן און אַפילו אויך מיר זאָלן אומקומען, אַבי ס׳זאָל אַ סוף נעמען צו דער דייטשער אויסראָטונגס־אַרבעט.

דערווייל האָבן מיר יעדן טאָג געכאַפּט קלעפּ פון די דייטשן און פון זייערע מענטשן און נישט געוווּסט ווי אַזוי און פון וועמען זיך צו היטן. ווייל די קלעפּ האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן.

איינמאָל האָבן מיר פּלוצים דערהערט אויפרייסן אין קרעמאַטאָריע. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז דער הויפּט־קאַפּאָ פון דער "זאָנדערקאָמאַנדאָ", אַ דייטשער העפטלינג, האָט סאַדיסטיש באַהאַנדלט די קאָמאַנדאָ־לייט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן זיי אים אַ כאַפּ געטאָן און אַריינגעוואָרפן לעבעדיקערהייט אין פייער אַריין. מיר האָבן אויך באַקומען אַ ידיעה, אַז ביים אַנטלויפן זענען דערהרגעט געוואָרן מערערע מיטגלי־דער פון דער "זאָנדערקאָמאַנדאָ", וואָס האָבן געפּרוווט אויפרייסן די קרעמאַטאָריע.

איבערגעפירט קיין שטוטהאָף

אין סעפּטעמבער 1944 האָט מען אָנגעהויבן עוואַקואירן בירקענאַו. מיך האָט מען איבערגעשיקט קיין שטוטהאָף, ביי דאַנציק. דאָרטן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס איז אַרויס אַ באַפעל נישט צו באַנוצן מער די גאַז־קאַמערן און די קרעמאַטאָריעס. מיר האָבן געאַרבעט אין די וועלדער. די אויסראָטונגס־אַקציע איז אָבער פאָרגעזעצט געוואָרן דורך קלעפּ. מ׳האָט ביי אונדז געזוכט גאָלד און ברילּיאַנטן. אויך דאָרט זענען געפאַלן טויטע.

פון יענעם אָרט בין איך אָנגעקומען מיט אַ טראַנספּאָרט קיין שטוטגאַרט. אויפן פלי־פּלאַץ עכטערדינגען האָבן מיר געבויט אונטערערדישע האַנגאַרן פאַר די עראָפּלאַנען. מיר האָבן געוווינט אין אַ גרויסער האַלע און שווער געאַרבעט פון פינצטער ביז פינצ־טער. ס׳איז געווען קאַלט און די פאַסן־מלבושים האָבן אונדז נישט געוואַרעמט. מיר האָבן באַקומען אייַן ברויט אויף 12 פּערזאָן און אַ ביסל וואַסער. דאָס איז געווען אונדזער שפּייז. פון דאָרט האָט מען אונדז טראַנספּאָרטירט קיין דאָרטמערינגען. מיר האָבן געאַר־בעט ביים רייניקן די שטיינער אויסער דעם לאַגער. איינמאָל ביינאַכט האָט מען אַרויס־געפירט אַלע יידן פון בלאָק און זיי אויסגעטאָן נאַקעט. יעדער איינער איז דורכגעגאַנגען אַ שטרענגע אונטערזוכונג צי ער האָט אַמאָל נישט באַהאַלטן ערגעץ אין קערפּער קיין גאָלד אָדער ברילּיאַנטן. מ׳האָט געזוכט אַפילו אין די אינטימסטע טיילן פון קערפּער. מ׳האָט זיך איבער אונדז איזדעקעוועט אַ גאַנצע נאַכט און ערשט אין די פרימאָרגן־שעהן האָבן מיר געקענט זיך ווידער אָנטאָן אין אונדזערע פּאַסן־קליידער. מיר האָבן געמוזט שלאָפן נאַקעטערהייט נישט האָבנדיק אַפילו מיט וואָס זיך צוצודעקן. פון דאַנען האָט

מען מיך אַריבערגעפירט קיין האַלאַך, ביי דאַכאַו. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ פּאָליאַק פון אונדזער שטאָט און ער האָט מיר אַרויסגעהאָלפן מיט עסן. אויך אַנדערע מאַקאָווער האָט ער גֿעהאָלפן.

פון האַלאַך האָט מען אונדז אַריבערגעפירט מיט דער באַן קיין טיראָל. אין באַן האָט יעדער פון אונדז באַקומען אַ פּעקל פון רויטן קרייץ — צום ערשטן מאָל זינט מ׳האָט אונדז טראַנספּאָרטירט אין די לאַגערן. מ׳האָט אונדז געפירט מיט דער באַן אַהין און צוריק און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די ערד ברענט שוין אונטער די דייטשן און זיי ווייסן נישט וואָס מיט אונדז צו טאָן. מיר האָבן באַמערקט, אַז די דייטשן טוען זיך איבער און אַנטלויפן און מיר האָבן געפילט, אַז די באַפרייאונג איז שוין נאָענט. די, וואָס האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן, האָבן ליידער נישט באַוויזן צו דערלעבן די באַפרייאונג.

די ישועה קומט

דעם 30סטן אַפּריל 1944 זענען מיר, אין סטאַלאַג, ביי שטערנבערג, באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו לעבן. מ׳האָט אונדז געהייסן גיין — אָבער וווּהין? איך בין געווען פולשטענדיק צעבראָכן, גֿעגאַנגען ווי אין הינערפּלעט. איך בין אָנגעקומען אין אַ קליין דייטשיש דערפל. די דייטשן זענען געוואָרן פלוצלינג אַזוי גוט און אַזוי זיס, און אַלע האָבן געהאַט טענות צו היטלערן, אַז ער האָט געבראַכט אַן אומגליק אויף די דייטשן און אויף אַלע אַנדערע מענטשן. קודם כל האָב איך זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, כדי זיך אַ ביסל אויסצושלאָפן און אויס־צורוען. דאָרט האָבן זיך געפונען לאַגערן פון דייטשישן מיליטער. מיר האָבן זיי אויפגע־בראָכן און גענומען קליידער און שיך. שפּייז האָבן מיר באַקומען פון דער מיליטערישער קיך. מיר זענען געווען נישט אָרגאַניזירט און יעדער איינער האָט געטאָן אַלץ אויף זיין אייגענער האַנט. אין צוויי־דריי וואָכן אַרום זענען געקומען אונר״אַ־אויטאָס, אונדז צונויפ־גענומען און געבראַכט קיין פעלדאַפינג אין לאַגער אַריין. דאָרט האָט מען די יידן איינ־געאָרדנט לויט די לענדער פונוואַנען זיי שטאַמען. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ בלאָק, וווּ עס האָבן זיך גֿעפונען ליטווישע יידן. איך האָב זיך דאָרט געטראָפן מיטן לאַנדסמאַן יעקב שיינבערג און ער האָט אָנגעהויבן פאַר אונדז אַלעמען צו זאָרגן, געווען ווי אַ טאַטע. דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז גאָר ווייניק יידן זענען געבליבן לעבן. פונדעסטוועגן האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַנדערונג, מיט דער האָפענונג, אפשר וועט מען עמעצן געפונען פון דער משפחה אָדער קרובים.

איידער מיר האָבן זיך צעשיידט מיט אונדזער מאַמע, האָט זי מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב ווער פון אונדזער משפחה וועט בלייבן לעבן, זאָל דער טרעף־פּונקט זיין ארץ־ישראל. ביי דער מומע זלאַטע מאַקאָווער, אין בני ברק. איך האָב באַשלאָסן אויסצופירן איר צוואה. איך האָב תיכף גֿעשיקט אַ בריוו דורכן רויטן קרייץ קיין בני ברק צו מיינע קרובים. איך האָב נישט געהאַט קיין גענויעם אַדרעס און געשריבן: ״בני ברק, מאַקאָ־

ווער, פּאַלעסטינע״. מיין ברודער איז אָנגעקומען און מיינער אַ קוזין, יהודה מאַקאָווער, וועלכער איז געווען אין דער יידישער בריגאַדע, האָט באַקומען דעם אויפטראָג מיך אויפצוזוכן אין פעלדאַפינג און ברענגען אין לאַנד אַריין. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער מיך דאָרט געפונען, געגעבן מיליטערישע קליידער און האָט מיך איבערגעלאָזט ביי זיין חבר פון דער בריגאַדע. ער האָט מיך געלערנט ענגליש, און אויך ווי אַזוי צו סאַלוטירן אַלס בריטישער זעלנער. מ׳האָט מיך געבראַכט פון דייטשלאַנד דורך פּאַריז און בריסעל קיין אַנטווערפּן, ווו ס׳האָט זיך געפונען די באַזע פון דער בריגאַדע. דאָרט בין איך געווען בערך אַ האַלב יאָר אַלס „מיט־זעלנער״ אויף די קעסט פון ענגלישן קעניג.. פון אַנטווערפּן בין איך געפאָרן קיין מאַרסעל און פון דאָרט מיט דער עליה ב׳ קיין ארץ־ישראל. אין לאַנד האָבן מיך מיינע קרובים אויפגענומען זייער האַרציק. איך האָב געוווינט ביי אַ מומע אין רחובות, פאַמיליע אברהמי. דאָרט האָב איך געלעבט ווי ביי אייגענע עלטערן. אין משך פון אַ האַלב יאָר האָט מען מיך נישט געלאָזט אַרבעטן און נאָר איך זאָל זיך אָפּרוען. איך האָב געפונען אַרבעט אין דער חברת החשמל ווו איך אַרבעט ביזן היינטיקן טאָג. איך האָב חתונה געהאַט און האָב איצט צוויי קינדער, וועלכע איך האָב אָנגערופן מיט די נעמען פון מיין פאָטער און מוטער — און די קייט ציט זיך ווייטער.

אין מערץ 1948 האָב איך זיך פרייוויליק מאָביליזירט אין פלמ״ח, געקעמפט אין דעם באַפרייאונגס־קריג, זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט פאַר דעראָבערן באר־שבע און אילת און באַפרייט געוואָרן נאָך צוויי יאָר מיט דער ראַנגע פון רב־סמל.

א. אייזנבערג

נומער 81434

דער נומער 81434 איז אויסגעברענט אויף זיין האַנט.

אין מאַקאָוו איז ער געבוירן. אַ תלמיד פון דער „יבנה״־שול. גערופן האָט מען אים מאָטעלע, און אין לאַגער בירקענאַו האָט מען ביי אים צוגענומען זיין נאָמען און געגעבן דעם נומער — 81434.

אין ישראל האָט ער צוריק באַקומען זיין נאָמען. מען רופט אים מרדכי ציעכאַנאָווער. יעדן פרימאָרגן קען מען אים זען קומען צו דער אַרבעט. אַ הויכער מאַן, ברייטפּלייציק, אַ בלאָנדער קאָפּ, העל־בלויע אויגן. אויף זיין פּנים רוט אַ שטילער שמייכל, ווייל ער

ווייסט, אַז קומענדיק אין ביורא, וועט ער באַלד צוטיילן אַרבעט פאַר אַרבעטסלאַזע. דאָס איז געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן: העלפן ליידנדיקע.

ווען ער דערזעט אַ נומער אויף יענעמס האַנט, גיט אַ שוועב פאַר זיינע אויגן ביר־קענאַו, אוישוויץ.

מען האָט אים געבראַכט קיין אוישוויץ אין עלטער פון 18 יאָר. מאָטעלע, אַ שטילער יידישער בחור, טראָגט אויף זיינע יונגע פּלייצעס אַ רוקזאַק. צווישן די זאַכן, וואָס די מאַמע האָט אים אַריינגעלייגט אין זעקל — אַ פּאָר תפילין — און אירע הייסע טרערן.

ווען מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין לאַגער בירקענאַו, האָט ער געזען, אַז דאָרט זענען די לעצטע גרענעצן פון לעבן. געקומען אַהין איז ער מיט אַ סך יידן, געבליבן זענען אָבער איינצלנע.

אָט שטייט פאַר אים דאָס שוידערלעכע בילד: אַ קינדס געוויין מיט אַ געמיש פון ווערטער: „איך וויל צו דער מאַמען"... אַ דייטש לאָזט אָפּ זיין הונט צום קינד. דער הונט לויפט, אָט וועט ער עס פאַרצוקן. אָבער דער הונט לייגט זיך אַוועק אויף זיינע פיס פאַרן קינד, און קוקט אים אין די אויגן. אַפילו די מערדער האָט גערירט די דאָזיקע סצענע. ווידער אַ געשריי: „בייסן"... „בייסן"... אָבער דער הונט בייסט נישט. דער דייטש שרייט צום הונט און דער הונט קוקט אויף זיין שעף און צום קינד. איין שאָס, נאָך אַ שאָס, הונט און קינד ווערן אַרויפגעוואָרפן אויף דעם באַרג טויטע...

...מאָטעלע איז אין בלאָק. דער בלאָק־„קאַפּאָ" זאָגט גלייך: „דאָס איז דער טויטן־לאַגער בירקענאַו. דאָ האַלט מען אויס ביז דריי חדשים. און דערנאָך? איר זעט דעם קוימען?..."

די צייט האָט אויפגעהערט צו האָבן אַ באַדייטונג. צו וואָס וואַרטן 3 חדשים? טאָג, נאַכט, נישטאָ קיין אונטערשייד. מען באַקומט זופּ, אַ שטיקל ברויט, אַפּעל, ווידער רעכטס, ווידער לינקס. נאָך יעדן אַפּעל ווערט גערוימער — פּלאַץ פאַר נייע קרבנות.

נאָך אַ פּאָר חדשים. מאָטעלע איז שוין אַ „מוזלמאַן". הילצערנע קלאָפּערס, אָפּגעשוירענע האָר, קליידער אין פּאַסן. שווערע אַרבעט. פאַרשווונדן יעדער מענטשלעכער אויסזען. שוין ענלעך צו די אַרומדרייענדיקע זיך „מוזלמענער" — איינגעפאַלענע אויגן. מיילער — אָפן. ליפּן שעפּטשען און ציטערן. אַראָפּגעלאָזטע ביינערדיקע הענט. ווען מען הערט אַ קלאַנג פון אַ וואָרט, איז עס: „ברויט, אַ ביסל זופּ"...

איין געדאַנק יאָגט דעם צווייטן. דער טאַטע נישטאָ, די מאַמע מיט די שוועסטער פאַרברענט. צו וואָס לעבט ער?

אַ סעלעקציע. ד"ר מענגעלע און נאָך אַ פּאָר רוצחים באַטראַכטן מאָטעלען. ער מאַכט זיך הינקען. ער שטייט נאַקעט. מענגעלע רופט אויס: רעכטס.

— איך בעט לינקס — זאָגט מאָטעלע.

— דומער יונג, דיין קערפּער איז ריין, ביסט יונג, קאָנסט נאָך לייסטן פאַר דער ווערמאַכט.

— איך בעט לינקס — שרייט מאָטעלע — לינקס.

— גוט, אַלזאָ לינקס. דער וועג פירט אין קרעמאַטאָריע־לאַגער. אָבער פלוצלינג באַוויזט זיך אַ נייער טראַנספּאָרט.

— מיר מוזן זיי פריער טויטן! — שרייט אַן עס־עס־מאַן — זאָלן אייערע צוואַרטן צוויי שטונדן.

ווידער אַ שטים: „ווער עס פילט זיך געזונט, זאָל קומען אַרבעטן מיט אונדז״. מאָטל דרייט אויס זיין געזיכט. אַ גרופּע פון 30 יידן שטייט פונדערווייטנס. ריינער געקליידעט, בעסערער אויסזען. איינער איז געפאַלן, נישט געקענט דערעסן זיין זופּ. מאָטל האָט עס פאַרענדיקט.

מאָטל איז מיט די 30. זיי זענען די דעכער־קאָמאַנדע־אַרבעטער. נישט וויסנדיק, נעמט מאָטל פון אַ צעבראָכן וועגל אַ שטיק ברעט צו רעפּאַרירן אַ דאַך. ער דערהערט אַ געשריי פון אַן עס־עס־מאַן: „סאַבאָטאַזש, וועלכן נומער טראָגסטו? 81434. דאָס הייסט טויט!״

מרדכי קומט אין בלאָק. נעמט דער מוטערס זעקעלע מיט די תפילין און דריקט עס צום האַרצן. ער בעט גאָט אויף אַ שנעלן טויט.

מען רופט־אויס זיין נאָמען. אַלע קוקן אויף אים מיט מיטלייד. מען געזעגנט זיך מיט די בליקן. מרדכי איז אין שטראָף־שטוב. הענט און פיס געבונדן. צוויי געזונטע רוצחים מיט לעדער־קאַנטשיקעס, געפלאָכטן מיט בליי. „אַראָפּציען די הויזן! אַליין ציילן הויך. 100 שמיץ!״ אַזאַ טויט? ער וועט עס נישט אויסהאַלטן: 100 שמיץ! אָבער איידער ער באַוויזט צו טראַכטן: איינס, צוויי, דריי, פיר. עס בריט, עס ברענט. ניין, ער קען מער נישט ציילן. פלוצלונג דערפילט ער אַ ווייטיק אין פלייצע. פאַר די אויגן — אַ פינצטער־ניש. ס׳ווערט אים נאַס און קאַלט. די שמייסער האָבן אים באַגאָסן מיט וואַסער. די 100 שמיץ מוזן מיט דייטשער פּינקטלעכקייט פאַרשריבן ווערן.

— שטיי אויף! — לאַכן די שמייסער — האָסט אויסגעהאַלטן. גייסט נישט צום פאַר־ברענען. שנעל, לויף!

פון וואַנען ער האָט נאָך געהאַט כוח צו לויפן, ווייסט ער נישט ביזן היינטיקן טאָג. דער ענטפער ליגט ביי גאָט. דריי טעג איז ער געלעגן. שפּעטער — אויף די דעכער, ביי דער אַרבעט. בייטאָג איינגעזאַפּט אין זיך דעם רויך פון טויזנטער נשמות.

אין אַ הייסן זומערטאָג, אָדער אין אַ שטילן ווינטערטאָג, ווען דער רויך איז נישט דערגאַנגען צום הימל, נאָר זיך געלאָזט צו דער ערד, פלעגן פרויען, מענער אַרויסגיין פון לאַגער מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אַריינציען דעם רויך אין זיך און שרייען: „טאַטע, מאַמע, קינד מיינס, נשמה מיינע! זאָל דער רויך אייערער כאָטש רוען אין אונדז״. ביינער־הענט האָבן אַרומגענומען דעם רויך, הערצער האָבן טיף געאָטעמט.

ער געדענקט אַ נאַכט.

אַ ייד האָט זיך פלוצלינג צעשריגן: „יידן, וואָס שלאָפט איר? קומט אַרויס מחדש

זיין די לבנה. גאָט האָט אונדז געגעבן פיר לבנות. קומט אַרויס, זעט זיי אין הימל. איר זעט זיי? איך זע זיי יאָ״.

און ער לאַכט זיך שטאַרק פונאַנדער. ער גיט אַ געשריי: „שלום עליכם. עליכם שלום״. אַ קויל האָט אים איינגעשטילט אויף אייביק.

— דאָס וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן — זאָגט מאָטל.

די יסורים זענען געפלאָסן און די צייט איז געשטאַנען. ווידער טאָג און ווידער נאַכט. ווידער זון, ווידער פינצטער.

ווען מען האָט אים אַמאָל די נעגל געריסן פון די הענט מיט צוואַנגען, האָט ער געשוויגן; ווען אַן עס־עס־מאַן האָט אים סתם פון דאַך געוואָרפן, צוליב פאַרוויילונג, האָט ער געשוויגן; ער האָט אַפילו געשוויגן, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צום לאַכן און וויינען פון שטאַרבנדיקע יידן. אָבער ער האָט אויפגעהערט צו זיין גלייכגילטיק, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז עס גרייט זיך אַ נקמה־אַקט.

פרילינג 1944. געזעסן איז ער אויפן לאַגער־דאַך. עס איז געווען מיטאָג־צייט. ער האָט געוווּסט, אַז היינט דאַרף עפּעס געשען. פּלוצלינג — אַ מעכטיקער אויפרייס! — דער שענסטער קלאַנג, וואָס ער האָט געהערט אין זיין לעבן. סירענעס האָבן גענומען וואָיען. מען לויפט, מען שיסט. קאַצעטניקעס יאָגן זיך נאָך דייטשן. די זאָנדער־קאָמאַנדע קעמפט מיט גבורה. אַ קורצער קאַמף, אָבער אַ פאַרביסענער. אַ ריין יידישער קאַמף, אָרגאַניזירט בלויז דורך יידן. קאַפּאָס לויפן, עס־עס־מענער ציטערן. יידן שיסן.

דער פלאַם, וואָס זעצט פון קרעמאַטאַריום, איז אַ ליכטיקער. דער רויך — אַן אַנדע־רער. דער אויוון נומער דריי וועט מער נישט ברענען קיין יידן. אָט לויפט הערשל קורניק פון מאַקאָוו, רייסט אַרויס אַ מאַשין־געווער ביי אַ דייטש און טויט אים אויפן אָרט. ער לויפט, ביז אַ קויל וואַרפט אים אום. אָט איז לייבל כץ, טוביה סעגאַל. זיי קעמפן מיט די פויסטן, מעסער און ציין.

מרדכי איז געוואָרן אין יענעם טאָג אַ צווייטער מענטש. אויך ער איז גרייט געווען צו שטאַרבן אין קאַמף.

סוף 1944 האָט מען זיי געבראַכט קיין בערגען־בעלזען. דעם גאַנצן וועג — געשלונגען שניי. די וועגן — באַזייט מיט טויטע מענטשן. עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן. אַ געדאַנק: וועלכע באַפרייאונג וועט פריער קומען — דורך אַ באָמבע אפשר?

אַפּריל 1945 — באַפרייאונג. מאָטל איז אַלט 21 יאָר, וועגט 37 קילאָגראַם. דער בלאָנדער קאָפּ האָר — ווייס־גרוי. אַ לאָך אין דער פּלייצע. אַ נומער אויף דער האַנט. דאָס האַרץ וויסט, פּוסט, אויסגעלאָשן פון לעבן. איינזאַם אין דער שטאָט מינכען. וואָס ווייטער?

אַ שטים איז דערגאַנגען צו זיין אויער: „מאָטעלע! דיין טאַטע לעבט!״ מאָטל קוקט אויף זיין פאָטער. ער ווייסט נישט, ווער ער איז.

— מאיר הערש, — הערט ער — איך האָב אייך געבראַכט אַ גאַסט — זאָגט אַ שטאָטישער ייד.

— טאַטע, דו דערקענסט מיך נישט?

צוויי מענטשן האָבן זיך אַרומגענומען און לאַנג, לאַנג געציטערט אין פיבער פון וויינען.

— ווי אַזוי ביסטו אַרויס פון גיהנום? — פרעגט דער טאַטע זיין זון — מאָטעלען.

— נח וויסאָקערס זופּ האָט מיך געראַטעוועט — זאָגט מרדכי — און דו?

— פרעג ביי גאָט — ענטפערט דער טאַטע.

זיצנדיק, באַטראַכט מרדכי דעם נומער אויף זיין טאַטנס האַנט. ער לייענט און ווערט בלאַס „81433. „און אָט איז מיין נומער, טאַטע, 81434". איז דאָס אַ צופאַל?

היינט וווינען טאַטע און זון אונטער די בלויע הימלען פון ישראל. ער איז פריי, האָט אַ משפחה. אָבער יענע גרויליקע געשעענישן אין די טויט־לאַגערן דריקן אויף אים — ער קען זיי נישט פאַרגעסן.

און דערפאַר האָט ער אַלץ געטאָן, אַז כאָטש אַ טייל פון יענעם שוידער זאָל פאַרצייכנט ווערן אינעם יזכור־בוך, לדורות. ער איז דאָך געווען אַ לעבעדיקער עדות פון דעם, וואָס עס איז פאַרגעקומען אין די טויט־לאַגערן. ער איז ווי געקומען פון יענער וועלט.

און ער, מרדכי ציעכאַנאָווער, האָט נישט גערוט, ביז דער דאָזיקער ספר האָט דערזען די ליכטיקע שיין.



רפאל צבי בהרב / קרית מוצקין

השואה ולקחה

לזכר קדושי עירנו מאקוב־מאזוביצק הי"ד

אנו מתרחקים בזמן מאותם ימי זוועה, מאותם ימי בלהות ואימים נוראים וכדי ששיני הזמן לא יטשטשו ולא ישכיחו את אשר אנו מצווים ומחוייבים לזכור ולא לשכוח, עלינו לחזור ולשנן לעצמנו את אשר עבר עלינו באותם הימים בכל מוראותיו, למען יעמוד זכרם לנו ולכל הדורות הבאים.

למטרה חשובה זו, באים בספר הדברים דלהלן:

הטבח הנורא שערך בנו העם הגרמני הטמא, בסיוע גרוריו בני־בריתו, הוא כל כך איום ומחוץ לכל מימד, עד שהשכל האנושי אינו מסוגל לתפסו באימותיו ובאכזריותו השטנית. מזעזע הוא ברצח ההמוני שהוא בצע לעיני כל העולם ללא כל הפרעה, ואף אלה שלא לקחו חלק בשחיטה זו באופן ישיר, הרי סייעו לה בכך, שעמדו על דמנו השפוך ולא נקפו אצבע. עובדה היא, שבכל ארץ וארץ שהגיע לשם המרצח הגרמני, נמצאו אנשים מבני אותה אומה שנתנו ידם לרוצח הגרמני ושיתפו עמו פעולה בהשמדת היהודים. והשחיטה היתה מדעית. הכינו, תיכננו וביצעו אותה מלומדים עטורים בתארים אקדמאים ופיקחו על ביצועה סופרים, פייטנים, אמנים, מוסיקאיים. והריווח של חרושת־הרצח הזה היה כפול: פיצוי וסיפוק התאוות הסאדיסטיות של המרצחים מזה, והעשרת קופת האוצר הגרמני וקופות כל גרוריה מזה.

ספוג דמעות ודמים היה שביל היסורים הארוך, שהוליך את הקרבנות הקדושים לתחנת המוות האחרונה.

כליאה בגיטו, עבודת־פרך, הרעבה שיטתית, עינויי גוף ונפש שלא חלם עליהם אפילו השטן — הכל היה מחושב לכך, שהמרצח הסאדיסטי ונושאי כליו מתוך העמים הגרורים יבואו יפה על סיפוקם עם השפלת כבוד האדם עד דכא; רמיסה ברגל גאווה על כל היקר לו, הכאות ובעיטות, שחיטת הילדים לעיני אבותיהם וחילול כבוד הבנות לעיני אמהותיהן, והתעללות בנשים לעיני בעליהן וילדיהן, ובזיונות רבים אחרים, שאין להעלותם על שפת אנוש.

במחנות ההשמדה, שבהם הוקמו תאי־גזים, זכו מיליוני הקרבנות למיתה „הומנית", כביכול, שהמדע הגרמני המציא בשבילם.

לא כן ברוב ערי פולין ובשאר הארצות שנכבשו בידי הגרמנים; שם הוצאו הקרבנות המעונים והמורעבים אל מחוץ לעיר וכפו עליהם לחפור בורות ארוכים. אחר

כך הפשיטו בגדיהם מעליהם, גזזו את שערותיהם בשביל תעשיית המזרונים בגרמניה, עקרו את שיני הזהב מפיהם, וחיילים פתחו עליהם במטר יריות מרוביהם. הנפגעים נפלו פצועים ישר לתוך הבורות, ועוד טרם שנפחו את נשמתם, הובאה קבוצת יהודים שניה שנורו ונפלו על הנפגעים הפצועים הראשונים. וככה נוספה שכבת ירויים ומומתים שלישית, רביעית וחמישית — ושכבה על שכבה. עד שנמלא הבור הארוך, וקבוצת קברנים יהודים נצטוותה לכסות את הקבר ההמוני בעפר כדי לטשטש את עקבות הרצח האיום הזה שבוצע במהירות ובחיפזון.



חורשה ע"ש קדושי קהילת מאקוב, ביער הקדושים בירושלים

וועלדל אויפן נאָמען פון דער מאַקאָווער קהילה אין יער הקדושים, אין ירושלים

אחר כך נשלחו מכונות גדולות, שפתחו את הקברים ההמוניים, וטחנו את עצמות הקרבנות לקמח, ובו זיבלו את שדות גרמניה ואוקראינה, העקובים מדם, ומחלב בשר הקרבנות ייצרו סבון.

„הצופה" — ניסן תשכ"ד

כגורל כל יהדות פולניה, היה גורלה של עירנו מאקוב וכחלק מאותה יהדות, מאותו שליש מבחר האומה, שתתה מצצה מאותה כוס התרעלה הנאצית, ובאותה מערבולת ים־הדמים האכזרית השטנית נגרפה ואיננה.

לעילוי נשמות קדושיה וקרבנותיה, הריני מציין, לשבחם ולתהילתם שכמאמינים תמימים, הדבקים מאוד בדת, צנועים וישרים היה דרכם בחיים, וקיימו מצוות וחובות בין אדם למקום ובין אדם לחברו במידה שווה, ועל אף היותם עסוקים וטרודים בעסקי מחייה ופרנסה צנועים, ידעו לדאוג לצרכי הזולת, לכלל ולפרט, כשם שדאגו לעצמם. לשם כך התאמצו וקיימו מוסדות צדקה וחסד והושטת עזרה וסעד לכל נצרך ונזקק, שירותים שבזמנים הקשים ההם חשובים וחיוניים היו לאין־ערוך ובגלל חשיבותם ראויים הם להזכירם בשמם, ואלו הזכורים לי: „תלמוד תורה" לילדי עניים חנם אין כסף; בית־מחסה לחולים עניים חשוכי מרפא (הקדש); „הכנסת אורחים" לעוברי אורח עניים, „הכנסת כלה", „פדיון שבויים", „אורח לשבת", „מתן בסתר", „קופסאות" צדקה למכביר ולר' „מאיר בעל הנס", חברת „גמילות חסדים" ועוד. מוסדות אלה, שהחזקתם התבססה על הכנסות מכספי תרומות ונדבות, יכלו להתקיים ולהחזיק מעמד, הודות לנדיבות־לב לנתינת צדקה — מידה שהיתה נחלת רבים של יהודי מאקוב, כולל אף מעוטי־יכולת, שחסכו מפיתם ותמכו במוסדות צדקה וחסד אלה. ייזכרו לטובה עסקני הציבור שעשו את מלאכתם באמונה, ומלאו את תפקידיהם במסירות תוך נדיבות־לב שלא על מנת לקבל פרס.

כמצניעי לכת, הסתפקו יהודי מאקוב במעט שהשיגה ידם ביושר ובצדק. שמחים בחלקם היו, וכל דאגתם ליראת שמים ולדרך ארץ, וכל מאוויי לבם ומשאת נפשם היה לזכות ולראות בצאצאיהם דור ישרים יבורך. בשלום הבית ובברכת המשפחה ואו עשרים, עולמם, חלקם מכל עמלם.

הודות למעלותיה וליתרונותיה, זכתה עירנו מאקוב לשם טוב, ועל אף היותה קטנה, מפורסמת היתה לתהילה כמקום־של־תורה, בזכות הישיבה שהחזיקה וקיימה, ונודעת היתה לשבח כקהילה מסודרת במוסדות צדקה וחסד. והיותה שקטה, שלווה, שאננה וברוכה באוויר צח המרענן והמבריא, יקרה וחביבה היתה על כל תושביה.

מה גדול, לכן, הצער והכאב על חורבן ואבדן קהילה מצויינת זו שנמחתה בשצף קצף, נכרתה ונכחדה ואיננה. וכמה כואב וצורב הלב על גורלם וקיצם המר והנמהר שבא כחתף על בניה־תושביה, הנפשות הטהורות והיקרות, בתוכם אחי המנוח שרגא פייבל, אשתו וב"ב, וכל קרובי משפחתי, שהובלו כצאן לטבח ונטבחו, נרצחו, נורו, נשרפו,

נחנקו בתאי־הגזים, נשמדו ונטבעו בים הדמים בתופת הנאצי ואף לקבורה לא באו, ירדו לטמיון. ועמם המידות והסגולות הטובות מורשת אבות, נכסי הרוח המקודשים, ואוצרות ערכי תרבות יקרים, רכוש ועמל של דורי דורות — על הכל בא כליון חרוץ שאין אחריו כלום, רק מבול של יסורים, טרגדיות איומות וים של דמעות.

על אף התרחקותנו בזמן מאותם הימים הטרגיים, ימי חורבן ואימים, שמאז היותנו לעם לא היו כמוהם לזוועה — עדיין דם הקדושים זועק ותובע נקם ושילם. תובע דמם שנשפך חנם כמים, תובע עינוייהם, יסוריהם, עלבונם, קלונם — תובע דין במרצחים הגלויים והנסתרים, שטרם באו על עונשם. וכל עוד שקיני הפושעים השפלים צמאי דם עמנו שורצים ומתרבים, וכל עוד שידה הטמאה והמשוקצת של המפלצת הנאצית נטויה וטרם נגדעה — דם הקדושים לא ישקוט ולא ידום.

טרגדיה איומה ומזעזעת זו, שאין דוגמתה לא בהיסטוריה הכללית העולמית, ולא בקורותיו הדוויים של עמנו למוד פגעים, יסורים ונסיונות קשים — יותר משהיא תובעת נקם ושילם, מזהירה ומתריעה היא בלקחה המר על החובה והאחריות המוטלות עלינו לעמוד איתן על משמר ארצנו מבצר תקומתנו, חוף מבטחנו; לחזקה, לבצרה ולבססה, כי רק בעצמתה הערובה לקיומנו, לבטחוננו, לשלום עתידנו, ולנוכח ההתעצמות של אויבינו נגדנו. מישנה־חובה מוטלת עלינו להקדיש ולכוון כל מאמצנו, כל מרצנו, להגברת כוחנו ולעשות זאת בכל המסירות והזריזות למען סכל מזימות אויבינו העומדים חו״ל לכלותינו. עלינו לשקוד ולשמור על הנכס הכי יקר שהופקד בידינו, שבו סוד קיומנו, והוא ארצנו מולדתנו, שבזכותה ניצלנו מכיליון, והיא השומרת על נצחיותנו, לה זכה דורנו, מה שלא זכו דורי דורות שלפנינו. נגמול לה על כל הטובה והברכה שהיא מעניקה לנו ובכך נקיים את הצוואה של הקדושים והטהורים שבמותם מות־קדושים קדשו שם שמים ושם ישראל, ובזעקתם האחרונה „שמע ישראל" ציוו לנו השמירה על החיים ועל השלום.

וי״ר (יהי רצון) שזכרם הטוב של הקדושים, יפעם תמיד בלבנו, ויעורר אותנו למעשים טובים ולפעולות ברוכות, וימריץ אותנו לליכוד כל הכחות שלנו לתכלית ולמטרה הנעלה של בנין האומה במולדתנו. בכך נמצא ניחומים לדאבון ולשבר לבנו, ושומר ישראל יהיה בעזרנו. נשב בטח בארצנו, נרים קרנה, ונחדש בה ימינו כקדם, ושמם וזכרם של הקדושים יונצחו ויזהירו לשם ולתהילה, ונשמתם תהא צרורה בצרור חיי הנצח של האומה.

קרית־מוצקין, תשכ״ה

יחזקאל איצקאָוויטש / תל־אביב

מאַקאָוו אין חורבות

(אַ באַזוך אין שטאָט, באַלד נאָכן חורבן)

אויף דער וואַרשעווער אויטאָבוסן־סטאַציע איז נאָך פינצטער און טומלדיק. איך בין באַהערשט פון פיבערהאַפטער דערוואַרטונג און אַ היפּש ביסל שרעק.

איך שטייג איין אין אויטאָבוס, וואָס גייט קיין מאַקאָוו און איך פאַרשטעק זיך אין אַ ווינקל, מען זאָל מיך נישט זען און — חס וחלילה — נישט דערקענען, גלייך ווי אַ פאַרברעכער, וועון עס געלינגט אים אַרויסצוגנבענען זיך פון דער תפיסה.

מיר רירן פון אָרט. צו מיין מזל איז דער אויטאָבוס נישט באַלויכטן, אָבער מיך פייניקט שוין דער געדאַנק, וויאַזוי אויסצובאַהאַלטן מיין פּנים, ווען אין דרויסן וועט ליכטיק ווערן. מיין שכן שלאָפט שוין ווי דערהרגעט מיט אַ טיפן שנאָרך. זיין קאָפּ ליגט מאַכטלאָז אויף מיין אַקסל, ווי אויף זיין בעסטן חבר. די איבעריקע גויים אַרום מיר שמועסן צווישן זיך און לאַכן. איינער פון זיי דערציילט פריילעכע אַנעקדאָטן און יעדעס מאָל ברעכט־אויס אַ ספּאָנטאַנער געלעכטער. איך האָב נישט קיין געדולד זיך צוהערן צו זייערע געשפּרעכן, הגם כ׳בין נייגעריק צו וויסן, וועגן וואָס ס׳רעדן און ווּיצלען זיך היינט די מאַקאָווער גויים.

מיין געדאַנק איז פאַרוועבט אין אומרואיקייט. עפּעס רוישט ביי מיר אין קאָפּ ווי



ילדי מאקוב בקייטנת „טאז״, בשנת 1937
„טאָז״־קאָלאָניע פאַר קינדער, אין יאָר 1937

אין אַ מיל. די פּאַרטאָגיקע, גראָע ליכט, שנײַדט דורך צוביסלעך די נאַכט־פינצטערניש און מיט יעדער מינוט מערקט זיך, ווי עס ווערט ליכטיקער. איך שלעפּ־אַרויס פון מײַן טאַש אַ צײַטונג און צעעפן זי. אויף וויפל ס'לאָזט זיך נאָר, האַלט איך זי מיט בײדע הענט אויפגעהויבן, אַזוי, אַז מײַן פּנים איז כמעט פון אַלע זײַטן פאַרשטעלט.

אין אַ שעה מיט אַ פערטל אַרום, בין איך אין מאַקאָוו, אין מײַן שטעטל, פון וועלכן דער גורל האָט מיך פאַרטריבן אויף גאַנצע נײַן יאָר, אָפּגעריסן פון מײַן היים, טאַטע־מאַמע און נאָענטע. במשך פון די שטורעם־יאָרן האָב איך געוואַנדערט איבער פאַרשײדענע לענדער, איבער וועלדער און פאַרטריקנטע סטעפּן, איבער ימים און יבשות; געאָטעמט און גענערט זיך מיט נויט און לאַגער־לעבן. אָבער מײַן היים, מײַן שטעטל, האָב איך קײנמאָל נישט פאַרגעסן.

איך האָב געהערט און פיל געלײענט וועגן באַרבאַריזם און מערדערײַען איבער מײַן היים און שטאָט, שילדערונגען וועגן דער אויסראָטונג, וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע. מײַן מוח האָט עס נישט געקענט באַגרײַפן. איצט קום איך קיין מאַקאָוו, כדי מיט מײַנע אײגענע אויגן צו זען דעם דאָזיקן חורבן.

אָט פאָרן מיר אַרײַן אין שטאָט. דאָס בלוט פולסירט אין מיר מיט אַזאַ טעמפּאָ, ווי בײַ אַ פאַרמשפּטן צום טויט, ווען ער דערוואַרט אין אַ מינוט אַרום די קויל.

דער אויטאָבוס פאַרקערעוועט רעכטס, דערנאָך לינקס און בלײַבט שטײן. מײַן שכן האָט זיך דערווײַל אויפגעוועקט פון שלאָף. ער צעציט זיך, צעעפנט זײַן מויל מיט אַ ברײטן גענעץ.

איך בין אַרויס פון אויטאָבוס און שטײן געבליבן אַ צעטומלטער, נישט וויסנדיק, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. מײַנע אויגן בלאָנדזשען און איך קען נישט כאַפּן די אָריענטאַציע, ווו איך געפין זיך. איך גײ ווײַטער, נישט וויסנדיק וווהין און נאָך וואָס.

אַרום מיר געפינט זיך אַ לײדיקער פּלאַץ מיט חורבות־בערגלעך. אַזאַ טויטע רואיקײט! בלויז געצײלטע מענטשן דרײען זיך אַרום, ווי שדים. — זאָל דאָס זײַן דער מאַרק? — דער אַמאָליקער שײנער מאַרק, אַרומגענומען מיט ײדישע הײַזער און הײַזלעך? און ווו זענען די געשעפטן?

ווו זענען די ײדישע סוחרים, בעלי־מלאכות, אַרבעטער? ווו זענען די מאַקאָווער עמך־ײדן מיט זײערע שמחות און זײער אבלות, מיט זײער נחת און צער?

ווו זענען די בעלי־עגלות און די טרעגער, וועלכע פלעגן תמיד זיצן נעבן דער „פּאָטשעקאַלניע" אין מיטן מאַרק און וואַרטן אויף פּרנסה, בתוכם אויך דער באַוווּסטער מאַקאָווער „אורקע נאַכאַלניק"?...

און די מאַקאָווער ײדישע קינדערלעך ווו זענען? די צאַרטע ײנגעלעך: די מיט פּיאהלעך און די אָן פּיאהלעך? די פאַרמעגלעכע און די אָרעמע, די פרײלעכע און די אומעטיקע, די זאַטע און די הונגעריקע?

ווו איז די שול, וועלכע האָט געשמט מיט איר הערלעכער אַרכיטעקטור?

ווו זענען די אַלע בתי־מדרשים, די חסידים־שטיבלעך, די פּאַרטיי־לאָקאַלן, די אַלערליי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע מ׳פלעגט מיט אַזאַ התלהבות דיסקוטירן וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען ?



נהר אוז׳יץ

דער טייך אָזשיץ

זיי אַלע זענען מער נישטאָ! אין אַ טויטער בית־עולם־שטילקייט ליגט פאַרזונקען דאָס יידישע מאַקאָוו. כמעט דער גאַנצער מאַרק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חורבות. נאָר אַ טייל פון דער וואַסער־פּלומפּ שטעקט־אַרויס פון צווישן די חורבות ווי אַ מצבה נאָך דעם גרויסן חורבן. בלויז געציילטע הייזער זענען ניצול געוואָרן און זייערע פאַרסמאַליעטע ווענט מערקן זיך פון ווייטן. אינסטינקטיוו שטעל איך מיינע טריט אין דער ריכטונג, ווו ס׳איז אַמאָל מיין וויגעלע געשטאַנען. וואָס מער איך דערנענטער זיך, אַלץ מער הויב איך אָן צו דערקענען אונדזער הויז. מיינע אויגן באַדעקן זיך מיט אַ נעץ פון טרערן. עס דוכט זיך מיר, אַז מיין מאַמע שטייט אויף דער שוועל און וואַרט מיך אָפּ... זי האָט זיך גאָרנישט געענדערט, מיין טייערע מאַמע... די זעלבע רונדע בעקעלעך, פול מיט בלוט־שפּרענקעלעך, דער זעלבער ליבלעכער שמייכל, די זעלבע ביר־אויגן, נאָר איצט זענען זיי איינגעטונקען, די אויגן, אין צער און איןליידן. איך לאָז מיך צו איר נאָענטער, אָבער דער מרחק צווישן אונדז ביידן בלייבט דער זעלבער.

ענדלעך געפין איך זיך אין מיין הויז מיטן לאַנגן קאָרידאָר, אין וועלכן עס ציען

זיך טרעפֿ צו די שטאָקן. ווי טרויעריק און מרה־שחורהדיק דאָס אַלץ זעט אויס! זאָל איך אַריינגיין אין מיין שטוב? צי וועל איך נאָך וועמען דאָרט טרעפֿן?

איך קלאַפּ־אָן אין טיר. אַ קריסטין מיט באָרוועסע פיס און צעלאָזטע האָר קוקט אויף מיר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. זי רעדט נישט אויס קיין וואָרט, ווי זי וואָלט פאַרלוירן דאָס לשון. זי וויל מיר עפּעס זאָגן, אָבער עס שטיקט איר עפּעס. זי ווייזט מיר אָן מיט דער האַנט צום זיצן און רופט אַריין איר מאַן (בונדקאָווסקי) פון צווייטן צימער. עס באַווייזט זיך פאַר מיר אַ פּנים, פון וועלכן עס ווערט מיר אַזש קאַלט.

ער באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס און מיט אַ חניפה־שמייכל פאַרבעט ער מיך אין „זיין“ צווייטן צימער אַריין.

— איך האָב אייך גלייך דערקענט — זאָגט ער צו מיר מיט אַ קינסטלעכער העפטלעכקייט — פון וואַנען נעמט איר זיך דאָ, פּאַניע איצקאָוויטש? דאָ האָט מען דאָך געשמועסט, אַז איר זענט פאַרברענט געוואָרן אין אָשוויענטשים...

איך דערצייל אים בקיצור, פון וואַנען איך קום און אַז איך וואָלט וועלן וויסן עפּעס וועגן גורל פון מיין פאַמיליע.

ער ציט אַרויס פון טאַש זיין ליולקע, שטופּט אין איר אַריין טאַבאַק, צעוויגט זיך אויף זיין שטול, און פאַרציענדיק דעם רויך, זאָגט ער צו מיר:

— איך האָב דיינע עלטערן געהאָלפן, מיט וואָס איך האָב נאָר געקענט... איך האָב פּשוט איינגעשטעלט מיין לעבן פאַר זיי... אָבער איר ווייסט דאָך, פּאַניע איצקאָוויטש, וואָס פאַראַ באַנדיטן די דייטשן זענען געווען... דער גורל פון אייערע עלטערן איז געווען דער זעלבער, ווי דער גורל פון אַלע מאַקאָווער יידן... יאַ! — זיפֿצט ער פאַר — איך האָב עפּעס פאַר אייך.

ער שטעלט זיך אויף און בעט מיך אויף אַ ווײַלע איבער. איך בלייב אין צימער אַליין. איך באַטראַכט יעדעס ווינקעלע, יעדער מעבל־שטיק. פאַרשיידענע בילדער שווימען־אויף אין מיין זכרון. די זעלבע בלומענדיקע טאַפּעטן אויף די ווענט, די זעלבע שאַפע, דער טיש... אַפילו די זעלבע אייזערנע האָקן שטעקן אין דער וואַנט, אויף וועלכע עס זענען געהאַנגען די בילדער: דאָ איז געהאָנגען דאָס בילד פון מיינע עלטערן, דאָרט קעגנאיבער — פון די שוועסטערס. אין ווינקל שטייט נאָך דער זעלבער אַלטמאָדישער גראַמאָפאָן... אַלץ איז כמעט געבליבן אויף זיין פּלאַץ. נאָר דער כאַראַקטער פון דעם אלעם האָט זיך אַזוי געענדערט, ווי דער גורל פון מיין פאַמיליע...

באַלד איז דער פּויער צוריקגעקומען און דערלאַנגט מיר עפּעס, פאַרוויקלט אין אַן אַלטער צייטונג.

— איר זעט — זאָגט ער צו מיר — דאָס האָב איך אַ סך יאָרן אויסבאַהאַלטן ספּעציעל פאַר אייך... נעמט אייך דאָס און געדענקט, ווער עס האָט אייך דאָס געגעבן.

איך דאַנק אים און אומגעדולדיק וויקל איך פונאַנדער די צייטונג: איך האַלט פאַר מיינע אויגן מיין טאַטנס ימים־נוראימדיקן מחזור.

אַ ציטער גייט דורך איבער מיינע גלידער. עס שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן... מיט אַן אויסטערלישן בליק און נערוועזע באַוועגונגען בלעטער איך דעם מחזור, ווי איך וואָלט וועלן צווישן די בלעטער געפינען זייערע לעצטע ווערטער, זייער לעצטן קרעכץ... אָט זע איך מיט טינט באַשריבענע זייטלעך. אַלס יינגל האָב איך עס געשריבן.

פאַרגעלט און פייכט זענען די בלעטער. ווער ווייסט? אפשר גאָר פון טרערן.. איך פיל, אַז איך קאָן לענגער נישט בלייבן אין שטוב. איך דאַנק אים און געזעגן זיך. מיטן מחזור אין דער האַנט לאָז איך זיך צוריק, צום אויטאָבוס.

עס איז נאָך אַ קאָרגע שעה, צייט ביז צום אָפּפאָרן. איך פיל מיך אַזוי צעבראָכן און דערשלאָגן, אַז עס ווילט זיך מיר אַוועקפאַלן אויף דער ערד און ביטער זיך צעוויינען אויפן קול. אָבער ווי קען איך דאָס טאָן אין קעגנוואַרט פון די גויים?...

די פיס שלעפּן מיך אומבאַוווסט. איך וואַרף מיינע בליקן אויף אַלע זייטן, ווי איך וואָלט וועלן אויף תמיד איינשלינגען אין מיר די איינדרוקן. עס שווימען אויף אין מיין זכרון האַלב־פאַרגעסענע בילדער פון מיין פאַרגאַנגענער, פאַרשטאָרבענער וועלט. אָט דערקען איך סימנים פון דעם בולוואַר, ווו איך פלעג דאָרט תמיד זיצן און לייענען. איך דערקען דאָ יעדעס ווינקעלע, יעדעס גרעזעלע, יעדעס פאַרהוילן שטעגעלע, אַמאָל האָבן די בליענדע אַקאַציע־ביימער סודותפול באַצירט די בענק און מיט זייער אַראָ־מאַטישן ריח פאַרשיכורט, דערוועקט טרוימען. צו דער שעפּטשעריי פון וויפל פאַרליבטע פאָרלעך האָבן זיי, די זעלבע אַקאַציע־ביימער, אַמאָל זיך צוגעהערט?...

איך דערנענטער זיך צום מאַקאָווער טייך.

אָזשיץ, מיין טייערער, מיין אַלטער פריינט, ווי גוט איך געדענק דיך! אַמאָל פלעג איך אין די זומער־טעג, ביי דיינע גרינע ברעגעס, זאָרגלאָז הוליען און שפּילן זיך, און שטיפן, שפּיגלען זיך אין דיין בלויער קריסטאַל־לויטערקייט. און ווינטער — אויף דיין פראָסטיק־גלעזערנעם קערפּער, אויסטאַנצן אויף די ליזשוועס מיין פרייד. איצט איז שוין גאָרנישט געבליבן פון יענע טייערע געפילן, בלויז זכרונות... איז אפשר האָסטו מיר וואָס צו דערציילן? אפשר האָסטו מיר וואָס מגלה סוד זיין, טייערער טייך מיינער?

לאַנגווייליק, רואיק, פליסט דער אָזשיץ אין זיין ריכטונג. די שוואַלבן לאָזן זיך יעדעס מאָל אַרונטער און קושן אים מיט זייערע שנאָבלען, יאָגן זיך, פלאַטערן, קרייזן איבער מיין קאָפּ. זיי ליאַרעמען און קענען זיך נישט באַרואיקן, גלייך ווי זיי וואָלטן אויסגעשריען דעם גרויסן ווײ־געשריי אויף דעם מאַקאָווער חורבן, אָדער אפשר זאָגן זיי גאָר, צוזאַמען מיט מיר, דעם „יתגדל ויתקדש שמיה רבא“, נאָך די טראַגיש־פאַרשניטענע יידישע לעבנס, נאָך די מאַקאָווער קדושים.

יהא זכרם ברוך!

משה כץ / ת"א־יפו

דער באַזוך אין מיין שטעטל

נאָך יאָרן פון בלוטיקע שלאַכטן און פּיין
געהאַט האָב איך ס'גליק אין מיין שטעטל צו זיין
אין שטעטל, מיין מאַקאָוו, צו קומען צוריק
מיט צאַפּל אין האַרצן, מיט שטויננוג אין בליק.

די מענטשן, זיי קוקן מיט נייגיר אויף מיר,
אויף מיין סאָלדאַטישן גרינעם מונדיר.
זיי פרעגן: ווער איז ער? פונוואַנען ער קומט,
וואָס איז זיין פּנים אַזוי ביטער צעקרומט?
אַ זעלנער דאַרף שטאָלץ זיין, צום קאַמף תמיד גרייט —
און ער, זעט נאָר, ווי אַ שיכור ער גייט...

די מענטשן דערפילן דעם שאַרף פון מיין בליק,
וואָס עקבערט מיט פאָרוווּרף. זיי ציען צוריק.
ס'ווייטיקט מיין האַרץ, מיין ביטער געמיט —
איז טאַקע אין שטעטל נישטאָ מער קיין ייד?

אָט זע איך מיין היים, ווי זי שטייט איצט פאַר מיר;
די ווענט מיט צאַפּל פון פינגער כ'באַריר,
כ'לויף אויף די טרעפּ, כ'קלאַפּ אין דער טיר,
אַ וויסטער קאָשמאַר לויפט, יאָגט זיך נאָך מיר.

אַ פרוי, אַ פרעמדע, בלייבט פאַר מיר שטיין
און לאָזט אין מיין היים מיך מער נישט אַריין.
איך הער אַ געלעכטער פון יענער דאָרט שטוב
און ס'טראָגט מיך אַריין ווי אין אַ פינצטערער גרוב.
מענער און פרויען געפּוצטע גאַנץ פיין,
בלומען אויף טיש, טאָרטן און וויין;
ס'שטרעקן זיך גלעזלעך פאַר מזל, פאַר גליק,
די שמחה צעשטערט זיי דער שאַרף פון מיין בליק.

זיי פרעגן, מיט ווּנדער, וואָס איך פאַרלאַנג,
און אפשר עס גלוסט מיך צום ווײַן, צום געטראַנק ?
אַ זעלנער, איז ביטע, זעצט אײַך צום טיש —
דער טאָרט איז געשמאַק, זיס איז ער און פריש.

איך ענטפער קיין וואָרט נישט, מיין בליק איז געצילט
אויף דער וואַנט, ווּ געווען איז אַמאָל מיין ייִדנס בילד,
און איצט אויף דעם אָרט די וואַנט אויף זיך האַלט
עפּעס אַ מאָדנע, פרעמדע געשטאַלט.

אָט איז דאָס בעט, דער שפּיגל, די שטול.
דאָ האָט געצערטלט מיך מיין מאַמעס געפיל,
און דאָרטן, אין ווינקל, דער זייגער נאָך שטייט
און קלאַפּט זיך געלאַסן מיט טיק־טאַק די צייט.

אַ דאַמע צעלאַכט זיך האַרט ביי מיין זייט,
ווייל צו פיינע מאַניערן זיי זענען געוווינט.
און דאָ קומט אַ זעלנער, פרעמד איז ער און ווילד,
און קוקט אויף די ווענט ווי משוגע, צעדולט.

ווי קומט ער אַהער ? פרעגט איינער גאָר דרייסט,
מיט שטויביקע שטיוול אויפן טעפּיך ער שפרייזט.
אַ דאַמע צעלאַכט זיך האַרט ביי מיין זייט,
און דאָרטן, דער זייגער, ער שלאָגט אויס די צייט,
די צייט, וואָס שלאָגט מיך מיט פּיין און מיט שאַנד
און ס׳ביילט זיך מיין פויסט, מיט האַרטקייט די האַנט.

וואָס לאַכט איר אַזוי גיפטיק, וואָס שטעכט אייער בליק ?
דאָס איז דאָך מיין היים, מיין שטוב און מיין גליק ;
דאָ האָט מיין נעכטן געבליט און געשפּראָצט —
וואָס קוקט איר אַזוי, מיט די אויגן איר גלאָצט ?
דאָס בעט און דער שפּיגל, דאָס קאָסט אייך קיין פרייז,
דאָס איז דאָך מיין טאַטנס פּראַצע מיט בלוט און מיט שווייס,
דאָ איז מיין מאַמע, מיין טאַטע פאַרבליבן,
ווער האָט זיי, אָ גאָט, פון דאַנען פאַרטריבן ?

האָב איך דאָך אייך פרייהייט, דורך שלאַכטן געגעבן,
ס׳זאָל אייך דאָ זיס זיין, באַקוועם אייך צו לעבן.

די דאַמען, די הערן, זיי ציען זיך צוריק,
ס'איז ביטער מיין האַרץ, ס׳איז חושך מיין בליק.
ס'טרייבט מיך אַ כוח צוריק צו דער טיר,
אַ וויסטער קאָשמאַר לויפט ווייטער מיט מיר.

כ׳אַנטלויף פון מיין שטוב אינעם אומעט צוריק,
פאַרענדיקט מיין באַזוך, פאַרענדיקט מיין גליק.

צירל בייליס (אַזשעד)

אַ מצבה

אַז אַ ייד זאָל איבערלעבן די היטלער־מלחמה, דערצו צוזאַמען מיט די עלטערן — איז געווען אַ זעלטנהייט. נישט פיל מאַקאָווער פאַמיליעס האָבן זיך געראַטעוועט. אין דער צייט פון קריג, ווען מען האָט געטראָפן אַ מאַקאָווער אָדער געהערט פון אַזעלכן, איז עס געווען אַ גרויסע שמחה. אַ קלייניקייט: אַ מאַקאָווער! דער „רייכער" וואָס האָט פאַרמאָגט אַ שטיקל ברויט האָט זיך געטיילט מיט זיין לאַנדסמאַן.

זייער אַ סך מאַקאָווער זענען אַנטלאָפן קיין סלאָנים (ווייס־רוסלאַנד). מיר האָבן דאָרט נישט געקאָנט קריגן קיין ווינונג. עטלעכע מאָל בין איך געפאָרן קיין סלאָנים און יעדעס מאָל פלעג איך איבערנעכטיקן ביי מרדכי בלום. יעדער האָט געוואָלט העלפן, אָבער ס'איז געווען אוממעגלעך און מיר האָבן געהאַט פיל פאַרדרוס, וואָס מיר קאָנען נישט זיין צוזאַמען מיט די מאַקאָווער.

דער סוף איז געווען, אַז נאָר איינצלנע האָבן זיך געראַטעוועט פון סלאָנים און פון מיקאַשעוויטש, ווו מיר האָבן געוווינט. איך געדענק, אַז גייענדיק אין טאַשקענט אין יאָר 1941, אויפן זעקסטן וואָקזאַל, האָב איך געטראָפן יואלקע גראָסמאַן. וואָס פאַר אַ פרייד: אַ מאַקאָווער! איך בין דעמאָלט געווען די „רייכע", אים געגעבן אַ קילאָ ברויט און ער איז געפאָרן ווייטער.

ווען מיין פאָטער האָט זיך דערוווּסט, אַז ס'זענען דאָ, אין אַרכאַנגעלסק, מאַקאָווער, די פאַמיליעס אלתר בורשטין, און אברהמל כוויטייקא, האָט ער זיי גלייך אַוועקגעשיקט אַ פעקל שפייז.

נאָכן קריג בין איך מיט מיין מאַן און טאָכטער, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען נאָר איין יאָר, אַוועק קיין שוועדן. זייענדיק דאָרט האָבן מיר געזוכט מאַקאָווער. דורך יאַנקל סעגאַל פון דייטשלאַנד האָבן מיר אויסגעפונען, אַז רחל בלום געפינט זיך אין שוועדן. איך האָב גלייך געשריבן צו איר און זי האָט אונדז פאַרבעטן צו זיך, אָבער ס'איז געווען אוממעגליך צו קומען, ווייל מיר האָבן געוווינט זייער ווייט איינער פון אַנדערן. פון בערך 200 יידישע פליטים אין שוועדן, בין איך געווען די איינציקע, וואָס האָט נישט באַדאַרפט זיין ביי „יזכור", ווייל מיין פאַמיליע האָט זיך געראַטעוועט.

מיין גליק האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. 3 מאָנאַטן נאָך מיין אָנקומען קיין אַמעריקע, אָנהויב 1954, איז מיין ליבער פאָטער געשטאָרבן. איך בין געווען זייער נידערגעשלאָגן און געמיינט, אַז איך וועל דאָס נישט איבערלעבן, אָבער לײדן מאַכן דעם מענטש שטאַר־קער. מיט 4 יאָר שפּעטער האָב איך אויך פאַרלוירן מיין ליבע מוטער. אין יענער צייט

איז שוין מײַן ייִנגערע שוועסטער, טעמע, קראַנק געוועזן. אַ יאָר נאָך מײַן מוטערס טויט איז געשטאָרבן מײַן ברודער אַביגדור אין אויסטראַליע, און מיט 3 יאָר צוריק איז, נאָך 6 יאָר שווערע ליידן, פּריציטיק פּאַרשניטן געוואָרן מײַן שוועסטער טעמע. אַלע קרבנות פון גרויסן חורבן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען אָנגעהויבן רעדן צווישן די לאַנדסלײַט וועגן אַ יזכור־בוך. אויף אַ מאַקאָווער אזכרה, אין ניו־יאָרק, האָט הרב שמואל הילערט און יעקב חיים סאָבעל, גערעדט און באַטאָנט די וויכטיקייט פון אַזאַ ספר, אין אָנדענק פון די מאַקאָווער קדושים און באַמערקט, אַז פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט, קאָנען מיר קיין אַנדער מצבה נישט שטעלן, ווייל נישטאָ קיין קברים נאָך זיי. און דער איינציקער וועג איז נאָר צו פאַראייביקן זייערע נעמען אין דעם מאַקאָווער יזכור־בוך, צוזאַמען מיט אַלע קדושים פון אונדזער חרוב־געוואָרענער קהילה.

רפאל צבי בהרב / חיפה

ביום אבל

ביום אבל וסבל ומגור מסביב, דברי הנביא הקשב.
מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה,
חדל מלבכות, מלשאת קינה;
כאבן לא ירפא, מצערך ומסבלך לא יגרעו מאומה;
יקרות הדמעות, אולם בהן לא תכבה השרפה, הלהבות.
ראה, דמעותיך נופלות על שן סלע צחיח,
לא ירככו לב־אבן קשיח.
חרף מלבכות, כי אין שומע בכיך, אין רואה שברך;
מחה אותן, בל יראו האויב העמלק,
בהן בל ישתעשע, בל ישמח, בל יתמוגג,
בל יראה בהן רפיון ידיים, וכי כוחך אין,
ראה הנה השונא, השטן המשחית, זיינו משחיז,
לטרפך טרף מחדד החרב,
גם קרוב הוא, מאיים מחריד ללא הרף.
היה לכן זריז וער, להכותו חרם, להכריעו מהר,
גדודי חייליו פזר, ראש פתניו נסר... הסר,
ואם במספר הנך מעט, אין דבר, הוכחת כבר,
ולא פעם אחת, כי לא הכמות, כי אם האיכות היא הקובעת, היא המכרעת!
ואתך הלא היתרון בידע ובכשרון, ומי שאלה לו — לו הנצחון.
וליתר בטחון, התאחדו התלכדו כולכם כאחד, בל יחסר אף אחד.
בל תבקש בל תתבע יושר וצדק אצל זדים בני־בליעל,
אשר עינם לבצעם, ידם חמס ומעל, פיהם שקר, לשונם רעל;
ולא אצל הפכפכים, חורשי מזימה ותככים,
ההופכים משפט למשפח, חוק לצחוק, ולית דין ולית דיין.
שכוח תשכח מעזרת זרים מהחוץ,
בך אין להם ענין, להם אינך נחוץ;
הכרנום באותם ימי אימים, כשדמך נשפך כמים,
כשעינוך רצחוך שרפוך,
והם בשויון נפש ראוך, ובחיבוק ידיים.

לא נדו, לא שמו עין, שתקו לא פצו פיהם לרוצח לא אמרו הרף,
באין להם רווחים ותועלת — מה לה נהרי נחלי דם, אהבת חרב!!
כן, ללא כל שמץ מצפון, רגש ואחריות,
הוכיחו את השקר, את הצביעות,
ולמרבה הכאב והצער, עוד כיום מוסיפים הם רשע על פשע,
מאתנו מתרחקים מתחמקים, ואת שונאינו מקרבים,
לנו עורף פונים, עזרה מונעים,
ואת שונאנינו־אויבינו, במיליארדים מעשירים וקונים,
את השרץ בק"ן טעמים מטהרים.
אם עזרה, רק מידידים נאמנים מסורים כנים,
ואם כאלה אין, בעצמך לבדך התכונן,
בכל העוז המרץ והכוח,
בכל הנסיון הידע, פרי מאמצי המוח,
כגבור אזור עצמה, ובנחת זרועך למדהו לקח לאויב לעמלק,
שירגיש ידך ויכיר, שביכלתך למגרו, למלק ואותו לסלק.
האמן בכוחך ובמאבקך הצודק,
והיה מלא בטחון בנצחון,
ובעזרת צור ישראל תצליח,
תשיג המטרה המקווה והמיוחלת,
בביתך ארצך, מנוחה שלמה, חיים שלווים, ובטחון אמת.

קרית מוצקין, ד' אייר תשכ"ג,
יום זכרון לחללי צה"ל.

רחל פּאָמעראַניעץ / חיפה

יסורים־וועג פון פוילן, רוסלאַנד — ביז ישראל

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, פרייטיק פאַרטאָג, האָב איך פּלוצים דערהערט געשרייען און געוויינען פון מענטשן אין אונדזער גאַס. איך בין אַרויס פון שטוב און די ערשטע, וועלכע איז מיר אַנטקעגנגעקומען מיט דער טרויעריקער בשורה, איז גראָד געווען אַ קריסטין, סאָביעסקאָ, וועלכע האָט זיך געצלמט און מיט אַ וויינענדיקער שטימע געזאָגט: „גאָט, מיר זענען פאַרלוירן. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן מיט אונדז די מלחמה!״

אין שטעטל איז אַנטשטאַנען אַ בהלה, אַ טייל מענטשן זענען אַנטלאָפן קיין וואַרשע. די יונגע מענער האָט מען גלייך מאָביליזירט. צווישן זיי אויך מיין ברודער ז״ל. צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען דערהערט פייקן אין גאַס און מען האָט געמאָלדן, אַז אַלע מענער, וועלכע געפינען זיך נאָך אין מאַקאָוו זאָלן גלייך פאַרלאָזן די שטאָט, פאָרן קיין פולטוסק און זיך צושטעלן צום מיליטער. מיין מאַן חיים מיט זיין ברודער יעקב האָבן צוזאַמען מיט נאָך אַ סך מענער זיך געלאָזט קיין פולטוסק, אָבער צום מיליטער האָט מען זיי נישט גענומען צוליב זייער עלטער. זענען זיי אַוועק ווייטער קיין ווישקאָוו און פון דאָרט קיין ווענגראָוו. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט, זענען זיין אַנטלאָפן קיין אָסטראָווע. אָבער דאָרטן האָבן שוין די דייטשן זיי געכאַפּט און איינגעזעצט אין תפיסה, אָפּגעהאַלטן זיי עטלעכע טעג און שפּעטער באַפרייט. זיי האָבן זיך געלאָזט צוריק קיין מאַקאָוו, צופוס. די דייטשן האָבן שוין דאַן געהערשט אין גאַנץ פוילן. די שטימונג אין שטאָט איז געווען זייער אַ געדריקטע. מיט שרעק און זאָרג האָט מען דערוואַרט דעם מאָרגנדיקן טאָג.

„רעכטלאָז אויף אַלע געביטן״

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן זיך שטעלן, 8 אַזייגער פרי, אין מאַרק מיט די זאַכן, וואָס יעדער איינער קאָן נאָר מיט זיך מיטנעמען. איך האָב פאַרשלאָסן די שטוב, געגעבן דעם שליסל אונדזערער אַ שכנה, אַ קריסטין, און אַוועק צוזאַמען מיט מיין מאַן און קינדער אין מאַרק אַריין. דאָרט האָב איך באַגעגנט אַלע מאַקאָווער יידן. אַ דייטשער מיליטערמאַן האָט דאַן געהאַלטן פאַר אונדז אַ רעדע, אַז פון היינט אָן זענען אַלע יידן רעכטלאָז אויף אַלע געביטן. נאָר ווער עס וויל אַרויספאָרן צו דער רוסישער גרענעץ — קען דאָס טאָן. עס זענען אויך געשטאַנען אין מאַרק צוגעגרייטע וואָגנס פאַר אַריבערפירן די יידן צו דער גרענעץ, אָבער אַ קליינע צאָל פון זיי איז דאַן אַוועק אַהין. די מערהייט האָט זיך אָפּגעהאַלטן, ווייל קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז עס קען קומען צו אַזאַ חורבן. אַ געוויסע צאָל מענער איז, ווי

געזאָגט, יאָ אַוועק און געלאָזט „צייטוויייליק" זייערע פרויען מיט קינדער אין דער היים. אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט מיט מיר. מיין מאַן האָט אַוועקגעגעבן דעם שליסל פון דער בעקעריי דעם מאַגיסטראַט. און נאָכדעם ווי מען האָט אים נישט געוואָלט צונעמען אַפילו פאַר קיין געוויינלעכן אַרבעטער אין דער בעקעריי, האָט ער באַשלאָסן אַוועק אויף דער רוסישער זייט, זען ווי אַזוי מ'קען זיך דאָרט איינאָרדענען און שפּעטער אונדז, די פאַמיליע, אַרויסנעמען אַהין. מיט ווייטאָק און טרויער האָב איך באַגלייט מיין מאַן אין זיין וועג און געבליבן אַליין מיט די קינדער.

אינצווישנצייט איז די לאַגע אין מאַקאָוו געוואָרן שווערער און סכנותדיקער. יעדער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך נייע צרות און נייע גזירות. אויך דער גרענעץ־דורכגאַנג צו רוסלאַנד איז כמעט געשלאָסן געוואָרן. מיט נסים איז מיר געלונגען אַדורכצורייסן זיך מיט די קינדער און קומען קיין לאָמזשע צו מיין מאַן, וווּ ער האָט זיך געפונען אין יענער צייט. מיר זענען שפּעטער אַריבער קיין ביאַליסטאָק. דאָס לעבן דאָרט, ווי פון אַלע פּליטים, איז געווען זייער שווער. אָבער מיר האָבן זיך געטרייסט דערמיט, אַז מיר וועלן נאָך קומען, אין אַ שלום־צייט, צוריק קיין מאַקאָוו און זיך טרעפן ווידער מיט די אַלע טייערע יידן און קרובים.

באַפעל צו נעמען סאָוויעטישע פּעסער

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין ביאַליסטאָק, אַז אַלע „ביעזשענצעס" (פּליטים) מוזן זיך פאַרעגיסטרירן און מעלדן, צי זיי ווילן בלייבן רוסישע בירגער און נעמען רוסישע פּאַספּאָרטן. אָדער זיי ווילן צוריק אַהיים, ד. ה., צום דייטש. אין ביאַליסטאָק האָבן זיך כמעט אַלע מאַקאָווער פאַרשריבן צו פאָרן צוריק אַהיים, טראָץ דעם, ווי זיי האָבן געוווּסט וואָס עס דערוואַרט זיי דאָרט. מען האָט אָבער נישט געוואָלט נעמען קיין פּאַספּאָרטן אויס מורא, אַז צוליב דעם, וועלן זיי שוין קיינמאָל נישט קענען זיך צוריקקערן אַהיים. דאַקעגן די מאַקאָווער, וועלכע האָבן געווינט אין לאָמזשע, האָבן כמעט אַלע גענומען רוסישע פּאַספּאָרטן און מ'האָט זיי באַזעצט אין סלאָנים. צווישן זיי איז אויך געווען מיין שוואָגער יעקב פּאָמעראַנץ מיט זיין ברודער און פאַמיליע.

די, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן צוריקצופאָרן, צווישן זיי אויך מיין פאַמיליע, האָט מען ביינאַכט אַרויסגענומען פון שטוב, אונדז אויפגעלאָדן מיט דעם ביסל אָרעמקייט אויף לאַסט־וואָגנס און אַוועקגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. מיר זענען געפאָרן לאַנגע טעג און נעכט ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין קאָטלאַס. דאָרטן האָט מען אונדז „אַרויפגעזעצט" אויף באַרזשעס און שפּעטער פאַנאַנדערגעשיקט אין פאַרשידענע מקומות. וואָכן־לאַנג זענען מיר געשווומען און דערנערט זיך מיט טרוקענעם פּראָוויאַנט, וואָס מען האָט אונדז אויף דער „שיף" דערלאַנגט. דער קאָנטאַקט מיט מיין פאַמיליע אין לאָמזשע איז איבערגעריסן געוואָרן. פיל צרות, בענקשאַפט און פּיין האָבן אונדז באַגלייט

אין דעם וועג. אונדזער מקום, ווו מ׳האָט אונדז אַראָפּגעלאָזט, איז געווען אין סעווער קאָמי א.ס.ס.ר., ביים ווייסן ים. דאָרט האָבן מיר געדאַרפט אָנהייבן אַ ניי לעבן, ביי פרעסט פון 60 גראַד צעלסיוס. דער ווינטער האָט געדויערט 8 מאָנאַטן און אין קורצן זומער איז מען געווען פאַרפּלייצט פון קאָמאַרן, וועלכע האָבן פּשוט געריסן שטיקער פון די לאַגערניקעס. צענדליקער מענטשן זענען פאַרפרוירן געוואָרן ביי די אַרבעטן אין וואַלד, ביים שניידן ביימער. דאָס איז פּאַקטיש געווען דאָרט די איינציקע אַרבעט, ביי אוממענטשלעכע באַדינגונגען. געשפּייזט האָט מען זיך מיט קאַשעס און פיש־זופּן, אויך פאַר דעם האָט מען געמוזט אויסאַרבעטן די נאָרמע ביי דער שווערער אַרבעט אין די וועלדער.

צום גליק איז געלונגען מיין מאַן אַריינצובאַקומען זיך אויף אַרבעט אין דער אָרטיקער בעקעריי און אַדאַנק דעם איז אונדזער לאַגע געוואָרן לייכטער. מיר האָבן געהאַט אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל מעל אין שטוב. איך האָב זיך באַמיט אויך צו העלפן אַ סך מענטשן מיט אַ ביסעלע מעל און ברויט, כאָטש צוליב דעם האָט אונדז געדראָט אַרעסטירט צו ווערן. אַנדערטהאַלבן יאָר האָבן מיר „געלעבט" אין דאָזיקן סיבירישן „גן־עדן", איזאָלירט פון דער וועלט, נישט ווייסנדיק ווי ס׳האַלט מיט דער מלחמה. מיר האָבן געלעבט מיט בטחון, אַז אפשר וועט דאָך גאָט זיך מרחם זיין אויף אונדז, און באַווייזן אַ נס, אַז מיר זאָלן אַרויסגיין פון דעם גיהנום. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס עס קומט פאָר מיט די יידן אין פוילן און אין מאַקאָוו.

מיר ווערן באַפרייט פון לאַגער

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר פלוצלונג באַקומען אַ מעלדונג, אַז מיר ווערן באַפרייט אויפן סמך פונעם אָפּמאַך, וואָס גענעראַל שיקאָרסקי האָט געשלאָסן מיט די רוסן. מ׳האָט פאַר אונדז צוגעשטעלט וועגענער און דערלויבט יעדן איינעם צו פאָרן ווו ער וויל. אַלע יידן־פּליטים האָבן דאַן באַשלאָסן זיך לאָזן צו די וואַרעמע מקומות, אין מיטל־אַזיע אין וועג זענען מיינע קינדער קראַנק געוואָרן און מיר זענען געצוווּנגען געווען אויס־צושטייגן אין קירגיזיע. אַ סך מענטשן זענען קראַנק געוואָרן אויפן וועג. עס איז נישט געווען קיין שום מעדיצינישע הילף, און די קראַנקע זענען אויסגעגאַנגען אין וועג. צוזאַמען מיט אונדזערע קראַנקע קינדער זענען מיר אַריין אין אַ קאָלכאָז. מיר האָבן זיך אַריינ־געצויגן אין אַ ליימענער קיביטקע. מיין מאַן האָט זיך תיכף איינגעבראָכן און קראַנק געוואָרן. איך האָב געמוזט אַרומגיין ביים קראַנקן מאַן און ביי די קינדער. פון וואָס צו לעבן האָבן מיר נישט געהאַט. מיר האָבן געמוזט אויספאַרקויפן יעדעס מאָל אַן אַנדער מלבוש, כדי צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. מיר האָבן זיך דערנערט ממש מיט גראָז און שוין דערמאָנט דאָס „גוטע" פון סיביר.

שפּעטער, ווען מיין מאַן און די קינדער זענען געזונט געוואָרן, האָבן מיר גענומען

אַרבעטן אין „קאָלכאָז״ *, אָבער לעבן פון דער אַרבעט האָבן מיר נישט געקענט. עס איז געווען „ווייניק צום לעבן און אַ סך צום שטאַרבן״.

אין יענער צייט האָט מען מיין מאַן מאָביליזירט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. איך בין געבליבן אַליין מיט די פינף קינדער. מיין לעבן איז געווען איין קייט פון יסורים און פיין. איך האָב מיר נישט געקענט קיין עצה געבן. אָבער גאָט האָט מיר געגעבן כוח און איך האָב דערלעבט דעם סוף פון דער מלחמה. אין יאָר 1946 איז מיין מאַן צוריק־געקומען פון דער אַרמיי און דאַן איז אונדז געלונגען צו פאָרן קיין פּוילן אַלס רעפּאַט־ריאַנטן. גלייך ביים אַריבערשרייטן די פּוילישע גרענעץ האָבן מיר זוכה געווען צו אַ „קבלת פּנים״ פון די פּאָליאַקן. מ׳האָט אונדז באַוואָרפן מיט שטיינער אין די וואַגאָנען, ווו מיר זענען נאָך געזעסן. זעענדיק ווי די פּאָליאַקן נעמען אונדז אויף, האָבן מיר באַלד אָנ־געהויבן צו קלערן צו וואָס גיכער צו פאַרלאָזן די ערד, אויף וועלכער עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן די קרעמאַטאָריעס און גאַזאָווניעס אויף אומצוברענגען די יידן. מיר האָבן זיך צייטווייליק באַזעצט אין שטשעטשין און אַריינגעגעבן די קינדער אין „גורדוניה״. דאַן האָט די פּוילישע רעגירונג נאָך טאָלערירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז אונדז געלונגען אַרויסצופאָרן קיין דייטשלאַנד, ווייל פון דאָרט איז דער וועג געווען לייכטער קיין ישראל. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אולם און די קינדער זענען אַוועק לערנען אַ פאַך און העברעיש.

מיר פאָרן קיין ישראל

אין יאָר 1948, ווען מען האָט פּראָקלאַמירט מדינת ישראל, און ווען די מלחמה מיט די אַראַבער האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מיין עלטסטער זון פרייוויליק זיך געמאָלדן און גלייך איבערגעשיקט געוואָרן, דורך פאַרשידענע וועגן, קיין ישראל. אָנקומענדיק אין לאַנד האָט ער זיך מאָביליזירט און געקעמפט פאַר ירושלים. איך האָב זיך געוואָנדן צו דער סוכנות אין דייטשלאַנד און געבעטן מען זאָל אונדז אויך דערמעגלעכן צו קומען קיין ישראל. דאָרט האָט מען מיר דערקלערט, אַז מיין צווייטער, יינגערער זון, זאָל צוערשט פאָרן און שפּעטער וועלן זיי אונדז אויך איבערשיקן קיין ישראל.

דער צווייטער זון איז אויך עולה געווען און מ׳האָט אים איבערגעשיקט אין קיבוץ עין־חרוד. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען מיר אויך אָנגעקומען אין לאַנד. אין דער זעלבער צייט איז מיין עלטסטער זון באַפרייט געוואָרן פון מיליטער. דער צווייטער זון איז אָפּט אַהיימגעקומען פון קיבוץ, און דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צוביסלעך אויס־צולייטערן. מיר האָבן זיך באַזעצט אין חיפה. דער יינגערער זון איז אַוועק אין מיליטער און האָט זיך גוט אויסגעצייכנט. ער האָט געשפּילט אויף אַן אַקאָרדיאָן אין דעם אָרקעסטער פון חיל־אויר. מיר האָבן פון אים געהאַט אַ סך נחת. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט

* „קאָלכאָז״ — קאָלעקטיוועווירטשאַפט.

דאָס גליק. דעם 24־טן אויגוסט, פאַרנדיק פון דער היים אין מחנה אַריין, אין אַ מיליטעריש לאַסט־וואָגן, איז פאַרגעקומען אַ שווערע אויטאָ־קאַטאַסטראָפע און מיין זון איז צוזאַמען מיט נאָך חיילים אומגעקומען. דאָס דאָזיקע אומגליק האָט אונדז אינגאַנצן צעבראָכן. נאָך היינט קענען מיר נישט קומען צו זיך. מיר האָבן אים אָפּגעהיטן אין משך פון די אַלע שווערע יאָרן פון וואָגלען אין וואַנדערן, פון סיביר ביז מיטל־אַזיע און ווען עס איז געקומען דאָס גרויסע גליק, מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו דער יידישער מדינה מיטן ציל אָנצוהויבן אַ ניי, ווירדיק לעבן, איז פּלוצלונג געקומען דאָס אומגליק. איך האָב כאָטש די איינציקע טרייסט, וואָס פאַרלייכטערט אַ ביסל מיין אומגליק, וואָס מיין זון ז״ל איז אומגעקומען אין יידישן לאַנד און געקומען צו קבורה אין אונדזער הייליקער ערד.

אימפאזאנטע הזכרה נאך די קדושים אין מאקאוו און אומגעגנט

מאנטיק דעם 15טן דעצעמבער 1947 (אור ליום ג בטבת תש"ח) זיינען זיך אין פירסטענפעלדברוק ביי מינכען צוזאמענגעקומען די "אודים מוצלים מאש" — דאס על פי נס ניצול געווארענע רעשטל פון דער אלטער, מיוחסדיקער פוילישער קהלה ואם בישראל מאקאָוו און איר אומגעגנט וואס איז היינטצוטאג צעשפרייט צווישן די שא"הפ אין גלות גרמניה, כדי אין א נאענטער סביבה באערן דעם הייליקן אנדענק פון די טויזנטער מארטירעריש אומגעקומענע בני־עיר.

נאך מעריב און יאר־צייט קדיש וואס ווערט דורכן גאנצן עולם געזאגט בציבור, ווערט דער אפיציעלער טייל געעפנט דורכן אנגעזעענעם לאנגיעריקן מאקאווער געז. טוער (היינט פרעז. פון מאקאווער לאנדסלייט אין דייטשלאנד) ה' אברהם גארפינקעל וועלכער לאדט איין אין פרעזידיום די ה"ה: פרעז. סימא: צוקערמאן און ראזענבערג (פארשט. פונעם ארטיקן יידיש קאמיטעט). די לאנדסלייט: י. מ. דאבריס. י. סעגאל. ש. שילדערייין (מאקאוו). גרורא (רוזשאן). הענדעל (פולטוסק) אריאס (פראשניץ) און גליזאוויצקי (ארזשל). ביי א שטילקייט וואס ווערט אפט אונטערבראכן דורך ספאנטאנישע געוויינען. ביי דער טונקעלער שיין פון די „יזכור"־ליכט הערט דער שטייענדיקער עולם אויס דעם „אל מלא".

ה' שמחה שולדענריין זאגט: אין אט די פאר אונדז הייליקע הזכרה־מינוט, באהערשט אונדז אלע דא. די פארבליבענע איינזאמע זאנגען פון נאכן בלוטיקן שנים. דער איין און איינציקער אימהדיקער געדאנק. אז ניטא שוין אויף אייביק אונדזער היימישע משפחהדיקע עדה. אפגעמעקט אָן מינדעסטן שפור אונדזער יידיש שטעטל. חרוב געווארן מאקאָוו. חרוב געווארן א מאמע־שטאט פונעם פאלק ישראל בייזאמען מיט אירע פילצאליקע שוועסטער קהילות פון מזרח און מיטל אייראפע. נאכן אלגעמיינעם איבערבליק איבער מאקאָווער אלטערטימלעכער קהילה. אירע מערקווירדיקייטן. רבנישע גדולים און פערזענלעכקייטן פון וועלט רום ווי ר' נחום סאקאלאוו. ד"ר יעקב אראנסאן, רעד. בן־ציון כילינאוויטש א. א. דערמאנט דער רעדנער דעם לעצטן דור מאקאָווער בעלי־בתים חסידים. בעלי־מלאכות און אינטעליגענטן. וועלכע האבן באשיינט דעם נאבעלן נאמען פונעם מאקאווער ייד בכל תפוצות הגולה באזונדערס אין א"י. ניט דערלעבט האבן אונדזערע בני־עיר. די אויסגעטרוימטע נחמת ציון! דעריבער וועט דער אויפריכטיקסטער תקון פאר זייער הייליקן געדענקעניש זיין — מיטבאטייליקן זיי אינגאנצן אין אויפבוי פון ציון. נאכן ארויסטריט פון די לעבנגעבליבענע מאקאווער יוגנט־אקטיוויסטן פלאטוי און ווישניא. ווערט באערט דער אנדענק פון די בני־עיר. אומגעבראכטע נאך אין געטא אויף דער מאסן־תליה אין די טרעמבלינקער און אשוויענטשימער גאזקאמערן. מיט באזונדערן יראת הכבוד ווערט דערמאנט דער געוואגטער איינשטענדלערישער פרווו. פון די העלדן מו"צ הרב לאנגפוס טוביה סעגאל. באשע פלאטקא הי"ד א. א. וועלכע זיינען אבזוריותדיק אומגעבראכט געווארן. גרויס אנזען האט ארויסגערופן דער בריוו פון דעם בן־עיר ד"ר קאַציאַק. דער פארשטייער פונעם ארטיקן קאמיטעט ה' צוקערמאן דריקט אויס זיין טיפ מיטגעפיל.

די טרויער־אקאדעמיע ווערט געשלאסן מיט התקוה.

ש. בן חיה

כתבה בעתון יהודי במינכן, בשנת 1947

באַריכט אין מינכענער יידישער צייטונג, אין יאָר 1947

יחזקאל איצקאָוויטש

איך זע דיך, מאַמע...

(צום אָנדענק פון מײַן אומגעקומענער מוטער שרה לאה ז״ל)

איך זע דיך, מאַמע, מיט אייגעלעך, וואָס גאַפּען אומבאַוווסט,
ווען דו טוליעסט מיך צו דיר, בעת איך זויג דיין ברוסט,
באַשלייערסט מיין הענטעלע מיט אַ בענדעלע רויט...
גלעטסט מיין קעפּעלע און צערטלסט מיין הויט.

איך זע דיך, מאַמע, ביים וויגעלע מיין קליינס,
ווען דו זינגסט מיר אַ לידעלע צום פאַרשטילן מיין געוויין,
מיט מעשהלעך וועגן פערדעלעך, ציגעלעך און שאָף,
ביז עס באַפאַלט מיך אַ מידקייט, וואָס פאַרזינקט מיך אין שלאָף.

איך זע דיך, מאַמע, אין דיין פולן באַשטאַנד,
ווי דו פירסט מיך, דיין בן־יחיד, אין חדר ביי דער האַנט.
דיין פּנים שטראַלט מיט שמחה און שטרעב,
אויף דעם גרויסן נחת, וואָס דו האָסט דערלעבט...

איך זע דיך יומטובדיק באַקליידט און באַצירט,
דיין געזיכט לויכט מיט פאַרגעניגן, מיט פרייד אָן אַ שיעור
אין טאָג פון מיין בר־מצווה. דו בענטשסט מיך און וויינסט
מיט טרערן פון נחת, די גאַנצע וועלט איז דיין...

איך זע דיך, מאַמע, אין די יאָרן פון מיין יוגנט־פּראַכט,
ווען איבער מיין צוקונפט ביסט פאַרזאָרגט און פאַרטראַכט.
פאַר מיין מאָרגן — פאַרשיידענע פּלענער באַשטימט,
און אין מיטן דיין שפּינען — געפּלאַצט איז דער דרים...

איך זע דיך, מאַמע, אין די גרוילעכע שטורעם־טעג,
ווען דו מיט ברכות באַגלייט האָסט מיין וועג,

די הערצער האָבן געצאַפּלט צווישן האָפענונג און לייד...
דער לעצטער הייסער קוש האָט אונדזביידן צעשיידט.

איך זע דיך, מאַמע, פון ווייטער פאַרוואָגלטער ערד
ווי עס פירן דיך רוצחים מיט ביקס און מיט שווערד,
דיינע אויגן איינגעטונקען אין צער און אין וויי,
דיין פנים פאַריאָמערט, פאַרשוואַרצט ווי פון בליי...

איך זע דיך, מאַמע, ווי דו קריצסט דיינע ציין,
פון יסורים־געראַנגל און גרויליקן פיין...
דיינע ליפּן מורמלען : וויי מיר און ווינד,
פאַרגעס נישט, מיין קדיש, נעם נקמה, מיין קינד.

איך זע דיך, מאַמע, אַזוי דייטלעך... אַזוי גוט...
צווישן די וואָלקנס אין הימל שוועבסטו אין בלוט...
אין שטורעם הער איך דיין יאָמער, דיין געוויין...
אין פייער, זע איך, ווי עס גייט־אויף דיין געביין...

משה כץ / גבעת עליה, יפו

דריי לידער

אַ מצבה מיין שטעטעלע

מאַקאָוו, מיין שטעטעלע,
ווו איך האָב מיין יוגנט פאַרבראַכט ;
דאָס אָרט, ווו די טייערסטע מיינע זענען אומגעקומען
און די קינדער האָט מען פאַר זייערע אויגן אויסגעשלאַכט.

צו דיין אָנדענק טו איך אַ בוים פלאַנצן,
אַ מצבה פאַר דיין קהילה־קבר שטעלן,
געוועלבט מיט הימל־בלאָען זייד בייטאָג
און מיט ליכטיקע קינדער־אויגן באַשטערנט ביינאַכט.

אינעם בלאָז פונעם ווינטל צווישן די צווייגן הער איך די שטים
פון מיינע טייערע,
אינעם שאָרך פון די ביימער־בלעטער — זייער סודותדיקן שמועס
און אינעם טרויער־געזאַנג פונעם פויגל צווישן די מצבה־בלעטער —
זויג־קינדערס געוויין.

אינעם פרימאָרגן מיטן זון־אויסשטראַל אויף די טויאיקע פעלדער אַרום
פאַרשווינדן די ליכטיקע קינדער־אויגן — די שטערן.
מיט זיי — פון די ביימער די טוי־טראָפּנס — זייערע טרערן.

ווער נישט געשלונגען האָט טרערן

ווער נישט געשלונגען האָט טרערן אָנשטאָט ברויט,
ווער נישט יעדע רגע געראַנגלט האָט זיך מיטן טויט,
ווער נישט יעדן טאָג געצאַנקט האָט פון הונגער און פון קעלט,
דער דיך נישט קען — אָ, גרויזאַמע וועלט!

ווער נישט אויף אַלע פיר געפויזעט האָט איבער דער נאַסער ערד,
ווער נישט ברעקלעך לעבן אויסגעריסן האָט די אַרומיקע שווערד,
ווער נישט לעבנסדורשטיק אויפגעגעבן האָט זיין לעצטן שטרעבן,
דער דיך נישט קען, אָ, מידיק פאַרשאָלטן לעבן!

ווער נישט געחלומט האָט וועגן אַ לאַנגער פינצטערער נאַכט,
ווער נישט געשאָלטן האָט גאָט, זיין וועלט מיט איר פראַכט
און ניט געלעסטערט האָט זיין תורה און זיין געבאָט,
דער דיך ניט קען — אָ, אַלמעכטיקער גאָט!

ווער ניט חדשים און יאָרן אויפן טיפסטן לעבנס־דעק
זיך געקייקלט האָט, צום תהום פון אָן סוף, אָן אַ ברעג
און נישט פאַרלוירן האָט דאָס לעצטע — דעם אייגענעם שאָטן,
דער אייך נישט קען — אָ, וועלט, אָ לעבן, אָ שטן!

אין באַגינען

צום אָנדענק פון מיינע טאַטע־מאַמע
און ליבע ברידער.

אין באַגינען שפּייט מיט פלאַמען
אַ שוואַרצער האָן און קרייט.
יידן, יונג און אַלט צוזאַמען,
שטאַרבן זייט בעריט!
קומט אַ שיינענדיקער מאָרגן —
בלוטיק איז זיין טראָט,
אינעם מדבר ברענט אַ דאָרן.
פאַרבאָרגן האָט זיך גאָט...
אויף די שלאַכטן ליגט געשאָכטן
זוניקער פאַרלאַנג...
געווען אַ לעבן און צעבראָכן —
טוט עס וועמען באַנג?
שווער באַלאָדן און אָן כוח
טאָפּטשען מיר אויפן וועג.
אינעם לויער, דער רוצח,
שאַרפט שוין שווערע העק.
ערשטע פרילינגס־שוואַלבן קרייזן —
הינטער שטאַכלדראָט.
ליגן מתים אין די הייזער,
פאַרבאָרגן האָט זיך גאָט...
לאַכט דער פרילינג אויסגעלאַסן,
אַלץ אין בלומען־הויט...
ליגן מתים אין די גאַסן,
גיסט זיך יידיש בלוט.
באַגלייט דער פרילינג מיט הייסן פיבער...
ווייסט מען ווו מען גייט —
קרעמאַטאָריום. מאַסן־גריבער.
דורשט־ און הונגער־טויט...
זינגט אויף וועג אַ גריל פאַריסן

אַ טויטן־גרעבער ליד.
מאַכט אַ ברכה על המיתה —
שטאַרבן גייט אַ ייד...
ליגט אַ זונענשטראַל אויף וועגן
צעצויגן ווי אַ וואָרעם...
שפּרייט דער פרילינג אויס געוועבן
אויף די פרישע קברים.

שמואל בורשטין / נתניה

רק מבטך נשאר...

מוקדש לזכרו של מודי וידידי
ר׳ אברהם יצחק זילברברג ז״ל
מקדושי מאקוב.

עוד זכור אכזרך
בארץ ירדן וחרמון
אותך ומבטך
באותו ליל כיפור אחרון,
לפני שנכחדת, אתה ועמך.

*

בימים ההם, בשובך מגור,
עטוף שתיקה ובדידות,
חשתי שלא מדעת
ברוח הקדושה שנדף ממך,
בזרם הכיסופים שנבע מליבך.

*

ראיתיך אז עוטה טלית,
שרוי בתפילה... ותיפקחנה עיני,
ואראה עולמך הפנימי, הקדוש.
מבטך חדר בי, ועולמך אפפני
ומיני אז לא אדע מנוחה.

*

שור, נהרי תלאות שהציפוני
לא שטפו מבטך!
שלהבת ייסורי החיים לא שרפתהו!
בכוח מחודש
הוא חולש עלי.

*

הלילה ראיתיך בחלומי
עומד ליד אוז׳יץ הנהר,
ומבטך היוקד עברני
ביתר שאת.

*

עוד זכור אזכרך
בארץ ירדן וחרמון.

נתניה, כ״ו אלול, תשכ״ב

אישים ודמויות

פערזענלעכקייטן און געשטאלטן

יעקב חיים סאַבאַל / ניו־יאָרק

קדיש נאָך חברים

כי גדול כים שברך, מי ירפא לך (איכה ב׳, יג).
(ווייל גרויס ווי דער ים איז דיין בראָך, ווער וועט דיך היילן)

עס איז פּשוט שווער צו גלויבן, אַז דער גרעסטער טייל פון מיינע חברים איז מער נישטאָ. עס איז שווער שלום צו מאַכן מיטן גורל, אַז זיי געפינען זיך מער נישט צווישן די לעבעדיקע, הגם ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָן איך זיי. עס דוכט זיך, אַז אָט זע איך יעדן איינעם פון זיי און רעד מיט זיי. אָבער דער ביטערער אמת איז, אַז זיי זענען אומ־געקומען אויף אַ שוידערלעכן אופן. עס זענען געבליבן בלויז די דעראינערונגען, זכרונות פון אַמאָל...

ווי אַזוי קאָן מען פאַרגעסן? קאָן מען דען אָפּווישן מיט דער האַנט כמעט דריי צענדליק יאָר לעבן? די בענקשאַפט נאָגט ביז גאָר און דאָס האַרץ ווייטיקט.

פון קינדווייז אָן דערצויגן געוואָרן צוזאַמען, געלעבט צוזאַמען פון די חדר־יאָרן אָן, שפּעטער אין די פאַרשיידענע שולן און דערנאָך אין געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן, תמיד צוזאַמען ווי ברידער און שוועסטער, ווי קינדער פון איין „טאַטע־מאַמע" אין אונדזער שטעטל, אין וועלכן מיר האָבן זיך אויסגעלעבט, צוזאַמען פאַרבראַכט און צוזאַ־מען געחלומט וועגן אַ בעסערן מאָרגן. איצט זענען זיי מער נישטאָ.

געקומען איז דער גרויסער חורבן. די נאַצי־מערדער האָבן אָן שום מענטשלעכער רחמנות, אָן שום הומאַניטאַרן געפיל זיי אומגעבראַכט, פאַרברענט און פאַרגאַזט.

איך ווייס נישט, צי דער טראַדיציאָנעלער קדיש איז די פּאַסיקע תפילה נאָך אַזוי פיל קדושים וטהורים...

זיי זענען דאָך נישט געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. נישטאָ אין ערגעץ קיין מצבה נאָך זיי. בלויז זייער אַש שוועבט נאָך אין דער לופט און מאָנט אַ תיקון, פאָדערט, אַז מיר זאָלן זיי קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

אין דער גאַנצער חורבן־ליטעראַטור האָט זיך נאָך נישט באַוויזן דער מאָדערנער

ירמיהו, דער פאַסיקער מקונן, וועלכער זאָל באַוויינען די אַלע קדושים, די פאַרשניטענע קינדער — די צוקונפט און האָפענונג פון אונדזער פאָלק.

איך בין אין ספק, צי איך וועל אימשטאַנד זיין זיי אַלע אויסרעכענען, אָבער איך וועל זיך באַמיען, כאָטש מזכיר זיין איניקע פון זיי:

ווער קען פאַרגעסן?

יעקב חיים גאָלדשטיין, דער באַוווסטזינקיער שוואַרץ־חנעוודיקער בחור, דער אינטעליגענט, דער גלענצנדער רעדנער, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן פאַרנומען אַ געהעריקן פלאַץ אין דער פירערשאַפט פון „החלוץ", „החלוץ הצעיר" און אין אַנדערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

מאיר פישל ליכטענשטיין, דער געניטער סוחר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט זיין פאָטערס געשעפט און איז שטענדיק געווען גרייט יענעם צו העלפן — דער שטענדיקער קאַסירער פון „החלוץ", קיין זכר איז נישט געבליבן פון זיין גאַנצער משפחה.

אין זיינס אַ פּאָסט־קאַרטל, געשריבן אין יענע יאָרן, פאַרשעלט ער דעם טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן — אַזוי גרויזאַם זענען געווען זיינע צרות.

איטשע סעגאַל, דער פשוטער איטשע, וואָס האָט קיין הויך וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער אַקטיווער מיטגליד אין קאָמיטעט פון „החלוץ".



ועד „החלוץ הצעיר" במאקוב, בשנת 1928

קאָמיטעט פון „החלוץ הצעיר" אין מאַקאָוו, אין יאָר 1928

הערשל ווייסבערג, דער באַגאַבטער און טאַלאַנטפולער אַרטיסט, וועלכער האָט באַרייכערט און באַשיינט אַלע ציוניסטישע אונטערנעמונגען.

סענדער הערצבערג, מיין חדר־חבר, אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון איוו״אָ־קרייז און מיטאַרבעטער פון פאָלקס־אוניווערסיטעט. ער איז געווען אויסגעקאָכט אין דער יידישער ליטעראַטור. אויך זיין גאַנצע משפחה איז אומגעקומען.

חיים־לייזער פרעשבערג, אַ בחור פון קראַנקע עלטערן, געווען אַן אַקטי־ווער מיטגליד אין „החלוץ״ און איינער פון די גרינדער פון „החלוץ הצעיר״.

יוסף קרוקעווער, פול מיט חכמה, האָט פאַרמאָגט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, דער שטענדיקער קאַסירער פון „השומר־הצעיר״, אַן אָרנטלעכער און פּינקט־לעכער, אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון בערקע הענדעל ע״ה.

חיים ברוך סעגאַל האָט פאַרמאָגט אַ סך הומאָר, אייביק מיט אַ וויץ אויף די ליפּן; שטענדיק פריילעך געמאַכט און געוויילט יעדע געזעלשאַפט.

הענעך בלום, מיין שול־חבר, אַ גרויסער מתמיד. ער איז אַוועק שטודירן קיין בעלגיע און דאָרט אומגעקומען.

משה ראָזענבערג (שמואל שרייבערס זון), מיין חדר־חבר, אַ שטילער בחור, באַהרשט איניקע שפּראַכן. ער האָט געפירט זיין פאָטערס ביוראָ (צו שרייבן ביטעס).

יוסף שאַמאָוויטש, דער פעאיקער יאָסל, מיטן האַרציקן הומאָר. ער איז געווען אַ באַאַמטער אין מאַגיסטראַט. קיין זכר נישט געבליבן פון אים און זיין משפחה.

משה יהודה פרעשבערג, דער פשוטער, האַרציקער, אידעלער משה־יהודה, אַ געטרייער, איבערגעגעבענער ציוניסט. קיינמאָל איז פאַר אים נישט שווער געווען אויסצופירן אַ ציוניסטישע שליחות, אָדער טאָן אַן אַרבעט פאַר ציוניסטישע צוועקן.

יעקב יעדוואַבניק, דער געטרייער אַרבעטער אין דער שלום־עליכם־ביבליאָ־טעק, אַקטיווער מיטאַרבעטער אין דעם „קרן־קימת״־קאָמיטעט.

יעקב ליכטענשטיין, דער אינטעליגענטער שטילער סטודענט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע סטודענטן, וואָס האָט באַקומען אַ דיפּלאָם. נאָכהער געווען לערער אין די מלוכהשע פאָלקס־שולן.

לייזער־חייקל פרעשבערג, דער פשוטער חייקל, געווען אַ געטרייער חבר אין „החלוץ״, קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט זיך פון אָנטיילנעמען אין אַ בלימל־טאָג פאַרן קרן־קימת. ער איז געווען אַ שטענדיקער באַזוכער אויף אַלע פאַרזאַמלונגען פון „החלוץ״.

פרידאַ וויינגערקאַ, די באַוווּסטזיניקע און באַלעזענע, וועלכע האָט קעגן דעם ווילן פון איר אָרטאָדאָקסישן פאָטער, בגניבה מיטגעאַרבעט אין „השומר־הצעיר״. זי איז געווען אַ מיטגלידערין אין קאָמיטעט און אָנגעפירט מיט אַ גרופּע יונגע מיידלעך.

אַלטע הענדעל (בערקעס שוועסטער), די באַשיידענע, צאַרטע אינטעליגענטע אַלטע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט אַ קבוצה אין „השומר־הצעיר״. זי איז אויך געווען מיטגליד אין קאָמיטעט פון קרן־קימת.

אסתר פיעקאַרטשיק, די שיינע, קלוגע אסתר, מיט איר חכמה און אינטע־ליגענץ. זי איז געווען אַ שטענדיקע מיטאַרבעטערין אין „השומר־הצעיר" און אין קאַ־מיטעט פון קרן־קימת.

יענטע שניידערמאַן מיט איר שיינער שטימע. זי האָט מיט איר זינגען שטענדיק באַרייכערט אַלע פּראָגראַמען פון די ציוניסטישע אונטערנעמונגען; זי איז געווען די איבערגעגעבענע לערערין און דערציערין פון דער „פּרעבלווקע" (קינדער־שולע).

חייטשע ווילענבערג (ווייסבערג), די שיינע חייטשע מיט איר זיסן שמייכל. זי איז געווען אַ געטרייע מיטאַרבעטערין פון די באַזאַרן פון קרן־קימת.



קבוצת חברים מתנועת „יוגנט" במאקוב — שנתיים לקיום התנועה, בשנת 1924

אַ גרופּע מיטגלידער פון דער „יוגנט"־באַוועגונג אין מאַקאָוו
צום 2־טן יאָרטאָג פון איר עקזיסטענץ, אין יאָר 1924

פייגע־רבקה רייטשיק (גארפינקעל), די שיינע, בלאָנדע פרוי, וועלכע האָט פיל מיטגעהאָלפן אין די באַזאַרן פון קרן־קימת.

גיטל אָסטרי, די אינטעליגענטע שטילע גיטל. זי האָט שפּעטער געאַרבעט אַלס קאַסירערין אין דער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַנק.

פייגע־שרה גלאַגאָווער (קרוקאָווער), די חנעוודיקע פייגע־שרה, האָט אָנגע־פירט מיט אַ קבוצה אין „השומר־הצעיר". קיינמאָל האָט זי זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אָנ־טיילנעמען אין אַ בלימל־טאָג פאַרן קרן־קימת.

באַשע פלאַטקאַ, די אינטעליגענטע סטודענטין, די גרויסע מאַרטירערין, וועלכע האָט נקמה גענומען אין דעם נאַצי־רוצח, האָט ממש מקיים געווען דעם „תמות נפשי עם..." איר נאָמען וועט פאַראייביקט ווערן צווישן די העלדן.

ווער קען פאַרגעסן די שיינע מאַקאָווער יוגנט. הגם דער גרעסטער טייל פון זיי האָט נישט געהאַט קיין הויכע בילדונג, האָבן זיי דאָך פאַרמאָגט איינגעבוירענע אינטעליגענץ, געווען אויטאָדידאַקטן. זיי זענען געווען באַגאַבט און טיכטיק אויף אַלע געביטן און פאַר־נומען אַן אָנגעזען אָרט אין קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט.

ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ פערזענלעכקייטן עס וואָלטן פון זיי אַרויסגעקומען; ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן אָרט זיי וואָלטן פאַרנומען אין דער יידישער געזעלשאַפט; ווער ווייסט ווי גרויס זייערביישטייער וואָלט געווען פאַרן יידישן קולטור־לעבן.

און זיי זענען מער נישטאָ.

די אבידה איז גרויס. מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

הרב בן־ציון ראַזענטאַל / טשיקאַגאָ

מאַקאָוו של מעלה...

אין דעם גרויסן חורבן איז דאָס פרומע, גייסטיקע מאַקאָוו, טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים, צוזאַמען מיט די אַלע טייערע, ריינע יידישע נשמות פון אונדזער שטאָט. אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו שרייבן וועגן די פּערזענלעכקייטן, איינפלוסן און פירערשאַפט אין אונדזער קהילה, וועלכן ביישטייער זיי האָבן געגעבן פאַר דער גייסטיקער, רעליגיעזער פיזיאָנאָמיע און געשטאַלטונג פון מאַקאָוו און וועלכן אָרט מאַקאָוו האָט פאַרנומען צווישן די אַנדערע קהילות אין פאַרמלחמהדיקן פוילן.

ווען איך האָב באַקומען פון אונדזער גוטן פריינד מר יעקב סאָבאָל, גענעראַל־סעקרעטאַר פון מאַקאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, אַ ווענדונג, אין וועלכער ער פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל אויך אָנטיילנעמען אין דעם יזכור־בוך, וואָס אונדזערע מאַקאָווער לאַנדסלייט אין אַמעריקע און אין ישראל גרייטן־צו אַרויסצוגעבן, האָב איך עס באַטראַכט פאַר זייער אַ שווערע אויפגאַבע. און ספּעציעל האָט ער מיר באַטאָנט, אַז מיין אַרטיקל זאָל זיין געווידמעט די טייערע, הייליקע נשמות פון דעם אָרטאָדאָקסישן טייל פון אונדזער שטאָט, וואָס זענען געווען אַזוי נאָענט מיט מיר געבונדן להבדל״ח און דעם רעליגיעזן לעבן פון אונדזער שטאָט בכלל. שוין גאָר אַ שווערע פליכט איז דאָס פאַר מיר געווען, ווייל איך האָב געדאַרפט אויפלעבן אין מיין זכרון די אַלע יעניקע גוטע פריינד, מיט וועלכע איך האָב געדאַווגט צוזאַמען, געווען אין איין אָרגאַניזאַציע צוזאַמען, געאַרבעט פאַר תורה און יידישקייט צוזאַמען: אין דער „אגודת ישראל״ און חדר „יסודי התורה״ און אין „בית־יעקב״, אין גערער שטיבל פאַרבראַכט „משמורים״ יעדן דאָנערשטיק ביינאַכט צוזאַמען — אָך, ווי שווער איז דאָס פאַר מיר געווען צו שילדערן אַזעלכע טייערע, הייליקע יידן, אַזוינע איבערגעגעבענע פריינט. מיר זענען דאָך געווען איין נשמה, איין געדאַנק. איין ציל האָט אונדז שטענדיק פאַרבונדן: דער געדאַנק פון תורת־אמת און פאַרשפּרייטן תורה מיט אַזויפיל מסירת־נפש און איבערגעגעבנקייט פאַר גאָטס וואָרט און דערציען נייע יידישע דורות, וואָס זאָלן ממשיך זיין און גיין אין זעלבן וועג, ווי אונדזערע עלטערן זענען געגאַנגען אין „רוח ישראל סבא״. דערמאָנענדיק זיך, אַז זיי זענען אומגעקומען מיט אַזוינע טראַגישע טויטן דורך די חיהשע רוצחים, ימח שמם — ווער אויף דעם מזבח פון טרעבלינקע און ווער אויפן מזבח פון מיידאַנעק — ווי קאָן מען נישט ווערן צוזאַמענגעבראָכן, ווי קען מען נישט פאַרגיין אין אַ געיאָמער? ווויי, וויי, וואָס עס איז געוואָרן פון אַזעלכע ריינע נשמות! אַפילו קיין געביין איז דאָך נישט געבליבן

פון זיי, זייער אַש איז צעשפרייט אויף שבעה ימים. און אפשר, האָב איך געטראַכט, וואָלט פאַר מיר בעסער געווען נישט צו שרייבן וועגן זיי, כדי איך זאָל אין מיין מהלך־המחשבה נישט דערוועקן אין מיר, חס־ושלום, קיין ספקות, אין דער אמונה, אינעם כל יכול, דעם באַשעפער פון אַלע וועלטן: „זו תורה וזו שכרה״? אָבער איך האָב צוריקגעטראַכט, ווי די גמרא דערציילט, וועגן ישעיהו הנביא און חזקיהו, מלך פון יהודה. ווען ישעיהו האָט אים געענטפערט: „בהדי כבשי דרחמנא למה לך״, דאָס איז פון די באַהאַלטענע וועגן פון רבש״ע. און מיר קאָנען קיין קשיות נישט פרעגן. דעריבער ליגט אויף מיר אַ פליכט, אויב קיין אַנדערער איז נישטאָ, צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן די שיינע יידן, דעם „פני״ פון אונדזער שטאָט, וואָס זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט.



בית הספר „בית יעקב״ ובנות אגודת־ישראל במאקוב

„בית־יעקב״־שולע און בנות אגודת ישראל אין מאַקאָוו

און אפשר — האָב איך נאָך געטראַכט — איז דאָס אַ טייל פון מיין ציל אין לעבן, וואָס דער רבש״ע האָט אַזוי געמאַכט, אַז איך זאָל בלייבן דער „אחד בעיר״, וואָס זאָל קאָנען איבערגעבן לדורות־עולם, ווער זענען עס געווען די יידן און וואָס האָבן זיי געשאַפן? ואם לא עכשיו, אימתי? — און אויב איך וועל איצטער נישט באַשרייבן, ווען וועל איך האָבן נאָכאַמאָל די געלעגנהייט עפּעס איבערצולאָזן לזכרון פון די קדושי־עליון פון אונדזער שטאָט, און זאָלן דאָס טאַקע די עטלעכע שורות, וואָס איך וועל ווידמען וועגן יעדן איינעם, וואָס איך קאָן נאָר געדענקען, זיין אַ זכר פאַר זייערע נשמות הקדוש ת לנצח. און זאָל דאָס טאַקע בלייבן פאַרשריבן לדורות פאַר אונדזערע מאַקאָווער אומעטום, ווו זיי געפינען זיך. און זאָל עס ווערן איבערגעגעבן צו אונדזערע קינדער און קינדס־

קינדער, וויאַזוי די עליטע פון מאַקאָוו האָט געלעבט און וויאַזוי זי איז טראַגיש אומ־געקומען.

הרב ר׳ יצחק־צבי אַדעלבערג ז״ל

עס איז ווינטשנסווערט, און מיט רעכט, צו שרייבן צום ערשטן וועגן דער גייסטיקער געשטאַלט פון אונדזער לעצטן רב ז״ל, הרב ר׳ יצחק־צבי אַדעלבערג הי״ד, וועלכער איז געווען מיינער זייער אַ נאָענטער פריינד. מיר האָבן געלערנט צוזאַמען אַ שיעור, אין די ערשטע יאָרן נאָך מיין חתונה, ווען איך בין געווען אויף קעסט ביי מיין שווער ר׳ מאָטל ישמח ז״ל. ער איז אָנגעקומען צו ווערן רב אין שטאָט טאַקע אין דער זעלבער וואָך, ווען איך האָב חתונה געהאַט, אין תרצ״ב, ר״ח אדר. ער האָט באַקומען דעם ערשטן סידור־קידושין אויף מיין חתונה. ער איז געווען פון די שיינע רבנים אין פוילן: אַ למדן, געקענט די שפּראַך פון לאַנד — גערעדט אַ שיינעם פויליש. איך געדענק, ווען ער האָט געהאַלטן אַ רעדע אין מיטן מאַרק, פון דעם באַלקאָן פון מאיר אָסטרעס הויז, אין פויליש. די גויאישע שכנים האָבן דאָס זייער באַוווּנדערט. אויך ווען דער קאַרדינאַל פון פּלאָצק איז געקומען קיין מאַקאָוו, איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט אַ דעלע־גאַציע, מיט דעם ראש־הקהל מענדל קליין בראש, און ער — דער רב, האָט אים מקבל־פנים געווען מיט ברויט און זאַלץ און געגעבן אַ ברכה, אין פויליש, פאַרן אַריינפאָר אין שטאָט. אויך זיינע דרשות, וואָס ער פלעגט האַלטן פון צייט־צו־צייט אין גרויסן בית־המדרש, האָבן שטענדיק געמאַכט אַ גוואַלטיקן רושם.

ער איז געווען אַ גרויסער כלל־טוער אין שטאָט, סיי אויפן רעליגיעזן געביט און סיי אויפן סאָציאַלן — העלפן מענטשן אין זייער נויט. ער איז געווען אַ תלמיד פון דעם גרויסן רב הרב טוביה גוטענטאַג (טביומי) ז״ל, פון סאָכאַטשין, וואָס איז געווען אַ גאון אין תורה און געוואָרן באַוווּסט אויף דער וועלט דורך זיין ספר „טל ישראל״. אויך איז דער מאַקאָווער רב געווען אַן איידעם פון דעם יאַבלאָנער רבין ז״ל. אַרויס פון שטאָט זענען מיר צוזאַמען, דעם זונטיק פון די ערשטע סליחות 1939, נאָך דעם ווי די נאַציס זענען אַריין, און מער האָב איך זיך מיט אים נישט באַגעגנט.

ווו ער איז אומגעקומען, מיט זיין טייערער משפחה, די פרוי און זיבן קינדער, איז מיר, צום באַדויערן, נישט באַוווּסט. תנצב״ה והי״ד.

ר׳ ישראל סעגאַל ז״ל

ר׳ ישראל סג״ל איז געווען דער שענסטער ייד און חסיד, למדן אין גערער שטיבל. ער איז געווען פּרעזידענט פון „אגודת ישראל״ אין מאַקאָוו. אויך איז ער געווען מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער נאַציאָנאַלער „אגודה״ אין פוילן, אַ תלמיד פון „אבני נזר״

ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשאָווער זצ״ל. ער האָט געאַרבעט אַ סך פאַר דעם חדר „יסודי התורה״ און אין אַלע יידישע פראַגן פון שטאָט האָט מען זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג — וואָס זאָגט אויף דעם ר׳ ישראל סג״ל. ער איז געווען אַ ייד אַ פּיקח און מען האָט זיך געקאָנט מיט אים מיישב זיין אין אַלע ענינים, סיי אין גייסטיקע און סיי אין וועלטלעכע זאַכן. ער איז געווען אַ גרויסער לעדער־סוחר, אַ גאַנצע וואָך אַריינגעטאָן אין מסחר אין וואַרשע און געקומען אַהיים בלויז אויף שבת. פונדעסטוועגן האָט ער קיינמאָל די גמרא אָדער דעם רמב״ם נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין האַנט. אין דער שאַרפסטער לומדות האָט מען געקענט מיט אים שמועסן. דאָס זעלבע, זיך מיישב זיין מיט אים אין אַ שאלה פון יו״ד, צי פון אבן־העזר, אָדער גאָר אין אַ דין־תורה אין „חושן משפּט״. ער פלעגט זיצן אין אַ סך בוררותן, ביי אַ סך רבנים, און אויספירן די שווערסטע דין־תורות, איז געווען אַ טיש־זיצער ביים גערער רבין זצ״ל, וואָס נישט קיין סך חסידים זענען צו דעם זוכה געווען — צו קריגן אַ טיש אין גער. ער האָט געשטאַמט פון מלאַווע. זיין פאָטער איז געווען חיים־שמעיה, דער מורה הוראה ז״ל. ער האָט חתונה געהאַט פאַר ר׳ זלמן אורליקס טאָכטער (זלמן גאַרבער), וואָס מען האָט גערופן זיין הויז „דער צאַרסקער דוואָר״. אָנהויב מלחמה האָבן מיר זיך געטראָפן כמעט יעדן טאָג אין ביאַליסטאָק און אַ סך פאַרברענגט צוזאַמען, דערציילט איינער דעם צווייטן אונדזערע צרות, וויאַזוי מיר זענען אַנטלאָפן פון די נאַציס צו דעם טייל פוילן, וואָס איז געוואָרן פאַרנומען דורך די סאָוויעטן. איינער אַליין איז ער דעמאָלט געווען, אָן זיין משפּחה. נאָך דעם, ווי מען האָט אונדז פון ביאַליסטאָק פאַרשיקט קיין סיביר, אין יאָר 1941, האָב איך מער פון אים נישט געהערט. ערשט נאָך דער מלחמה האָב איך זיך געטראָפן מיט זיין זון שמואל־דוד און אויך באַגעגנט זיינע אייניקלעך פון דעם עלטסטן זון ר׳ לייבל, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין אָסטראָווע. זיי געפינען זיך אין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק. זיי פירן זיך ב״ה אין דעם זעלבן וועג פון זייער גרויסן פאָטער און זיידן.

ר׳ שמעון־חיים חילינאָוויטש ז״ל

ר׳ שמעון־חיים חילינאָוויטש און זיין פרוי בת־שבע ע״ה זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן אינגאַנצן נישט געלעבט פאַר זיך, נאָר אַלץ פאַר יענעם. זיי האָבן זיך מפרנס געווען בכבוד פון זייער אָרעמען געוועלבל. נאָר טאָמער האָט ווער געדאַרפט אַ הילף, איז זייער פּרנסה זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען, נאָר זיי זענען בלויז געווען פאַרנומען מיט דעם מענטש, וואָס האָט געדאַרפן די הילף. טייערע, גוטע נשמות זענען זיי ביידע געווען. ער האָט געהאַט אַ גרויסן טאַטן, ר׳ נטעלע ז״ל, דער ראש־ישיבה פון מאַקאָווער ישיבה.

שמעון־חיים איז געווען אַ ברודער פון בן־ציון חילינאָוויטש, מיטאַרבעטער פון דער וואַרשעווער טאָג־צייטונג „דער מאָמענט״.

און נאָך דעם, ווי דער פאָטער זצ״ל איז נפטר געוואָרן, האָט ר׳ שמעון־חיים אַליין אָנגעפירט מיט דער ישיבה. ער איז געווען אַ תלמיד פון קאָוונער רב, געלערנט ביי ר׳ יצחק־אלחנן ז״ל אין כולל, אָבער איז געווען אַ גערער חסיד. מיר זענען געווען אינטימע פריינד, כאָטש אין יאָרן איז געווען צווישן אונדז אַ גרויסע דיפערענץ, פונ־דעסטוועגן האָט ער געהאַט אַ כוח המושך — אונדזער פריינדשאַפט האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער עלטער. תהא נשמתם צרורה בצרור החיים.

ר׳ אהרן בולמאַן ז״ל

ר׳ אהרון בולמאַן איז געווען אַ טייערער ייד, אַ שיינער חסיד, געווען אָפּגעהיטן מיט יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט; געלערנט מיט דעם עולם דעם „דף יומי״ יעדן טאָג, געווען דער בעל־קורא אין שטיבל, געהאַט אַ שווער לעבן די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, אָבער דער ייד האָט אַלץ מקבל געווען באהבה, געווען תמיד מיט שמחה און געלעבט מיט דעם גרויסן בטחון אין רבש״ע. קיינמאָל האָט מען אים נישט געהערט, אַז ער זאָל אַמאָל האָבן פּרעטענזיעס צום באַשעפער. השי״ד.

ר׳ פינטשע טוימאַן ז״ל

איז געווען אַ ווילער יונגערמאַן, אַ מיוחס און אַן איניקל פון נאָווידוואָרער רב ז״ל און משפחה מיטן גערער הויף. ער איז געווען פון דער גוואַרדיע אין גערער שטיבל. אַלעמאָל האָט ער מעיין געווען אין אַ שטיקל „שפת אמת״ פון דעם אַלטן גערער רבי זצ״ל. אַ וואָרט פון לעצטן גערער רבי אָדער אַ בריוו — אויב ער איז געקומען צו די חסידים — איז געווען ביי אים הייליק און טייער. פאַר אַ וואָרט פון רבין וואָלט ער געגאַנגען אין פייער אַריין. ער איז געווען דער לייטער פון „בית יעקב״, פלעגט אַ סך צייט פאַרברענגען אין נסיעות קיין גער, צום רבין ז״ל.

הי״ד.

ר׳ אליעזר ליכטיג ז״ל

ר׳ אליעזר מנקר איז געווען אַ שוואָגער פון ר׳ פינטשע טוימאַן. ער איז געווען אַ גרויסער יחסן, דעם שערענצקער רבס אַ זון, אַ ייד מיט ברעך און פלאַם־פייער. פאַר אַ מצווה האָט ער אַוועקגעגעבן זיין לעצטן גראָשן. ערב סוכות פלעגט ער פאַר זיך אַליין קויפן אַן אתרוג מיט אַ לולב און נישט געוואָלט האָבן מיט קיינעם קיין שותפות. כאָטש ער האָט דאָס געלט נישט געטאָרט אויסגעבן אויף דער דאָזיקער מצווה, ווייל עס האָט אים דורך דעם געקענט פעלן אויף צו מאַכן יום־טוב פאַר זיין משפחה. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, געקאָנט אַ סך לערנען און געזעסן יומם ולילה און געלערנט. כאָטש ער האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, האָט ער תמיד עוסק געווען אין תורה. זיינע קינדער האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט און אין פוילן.

תנצב״ה, הי״ד.

ר׳ ירוחם־פישל מונקאַרש ז״ל

ר׳ פישל מונקאַרש, מיין פעטער — ר׳ בצלאל ווילענבערגס איידעם — איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייט יידיש האַרץ. נישט געווען דער פאַל, אַז עמעצער זאָל בעטן ביי אים אַ טובה און ער זאָל אים האָבן אָפּגעזאָגט. דאָס נישט ווען העלפן יענעם איז גאָרנישט געווען אין זיין נאַטור. ער איז געווען אַ טייערע נשמה, אַ מזג טוב, געגעבן צדקה מיט דער פולער האַנט — איבער זיינע כוחות. ער האָט געשטאַמט פון נאַשעלסק פון די שענסטע משפחות. דער פולטוסקער רב ז״ל, הרב ר׳ משולם קויפמאַן, דער באַוווּס־טער גאון אין פריערדיקן דור, איז געווען זיין מחותן. זיין שוועסטער איז געווען דעם רבס שנור. אויך דער זאַמאָשטשער רב ז״ל, הרב בלום, איז געווען זייערס אַ מחותן. ר׳ יחיאל־פישל איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה צווישן אַלע קדושי מאַקאָוו.

תנצב״ה והי״ד.

נאָך אַזעלכע ווילע יידן פון גערער שטיבל, חסידים, אנשי מעשה, לומדים, גדולים בתורה, וואָס זייערע געשטאַלטן שטייען מיר פאַר די אויגן — ר׳ אברהם־יצחק, מלמד פון חדר. געווען אַ יונגערמאַן, אַ צדיק, געזעסן יעדן פרייטיק־צונאַכט ביז חצות אין שטיבל און געלערנט צוזאַמען מיט מיין פעטער דוד זאַמערפעלד — בצלאל ווילענבערגס איידעם, זכרונם יחד לברכה. און הרב הגאון הצדיק ר׳ דוד הענדעל ז״ל, וואָס איז אויך געווען מלמד אין חדר, געווען דער איידעם פון דעם חסיד וצדיק ר׳ משה־יוסף גאַרפינקעל ז״ל. ער איז געוואָרן רב אין וואָליע, ביי וואַרשע, נאָך דער פטירה פון זיין גרויסן פאָטער הרב הגאון ר׳ אברהם אהרון הענדעל ז״ל. זיין פאָטער האָט אויך געשטאַמט פון מאַקאָוו. ער איז געווען אַ פעטער פון מיין שוואָגער, ר׳ אלעזר הענדעל ז״ל, וואָס איז אויך נישטאָ מיט זיין פאַמיליע, הי״ד.

מיינע פעטערס, משה ווילענבערג, ישראלטשע ווילענבערג ע״ה, זענען געווען גרויסע

בעלי־צדקה און געשטיצט תורה מיט דער פולער האַנט, מדריך געווען די קינדער בדרך הישר.

די מזרח־יידן פון אַמשינאָווער שטיבל

הרב ר׳ וועלוול פיינציג ז״ל פון חדר „יסודי התורה״ איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ חסיד, געשטאַמט פון אָסטראָוו, ווו די פיינציגס זענען געווען פון די שענסטע פאַמיליעס אין שטאָט. ער האָט אין יאָר 1934, נאָך דער פטירה פון דיין ר׳ שמואל יוסף ראָזענטאַל ז״ל, קאַנדידירט אויפן אַמט פון דיין אין שטאָט. ער איז געווען דער קאַנדידאַט פון חסידישן צד, האָט אָבער פאַרלאָרן צום צווייטן צד, וועמענס קאַנדידאַט עס איז געווען ר׳ שמואל־יוספס איידעם, הרב לאַנגפוס ז״ל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דיין, און ער איז געווען דער דיין אין שטאָט ביז זי איז חרוב געוואָרן. ר׳ חיים דודל מלמד, איז געווען אַ ייד אַ צדיק און אַ חסיד, געהאַלטן זיך קליין, כאָטש ער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט תורה און יראת־שמים. שטענדיק מיט אַ שמייכל און אַ גוט וואָרט פאַר יעדן איינעם. הי״ד.

ר׳ קלמן סופר * ז״ל. געווען אַ ייד, וואָס האָט פאַרשטאַנען גוט די וועלט, איז געווען באַוווּסט אין אַ סך שטעטלעך אַרום מיט זיין זהירות און אָפּגעהיטנקייט אין זיין פאַך פון מלאכת הקודש אין שרייבן פרשיות און ספר־תורהס. איז געווען מלא מיט תורה און יראת־שמים.

ר׳ יעקב־לייב אבלאַדזינער ז״ל איז געווען פון די שיינע יידן אין שטיבל. כאָטש ער איז געווען אַ סוחר, אַ פאַרנומענער מענטש, האָט ער נישט פאַרפעלט יעדן טאָג צו לערנען אַ בלאַט גמרא.

און ר׳ מאיר אָסטרע ע״ה, און נאָך און נאָך. הי״ד. יהא זכרם ברוך.

די איידעלע יידן פון אַלעקסאַנדערער שטיבל

מיין שווער, ר׳ מאָטל ישמח ז״ל איז געווען אַ גרויסער סוחר, וואָס זיין וואָרט איז שטענדיק געווען הייליק. ער איז גאָרנישט געווען מסוגל צו קאָנען אַמאָל זאָגן אַ ליגן אָדער וועלן עמעצן אָפּנאַרן און באַשווינדלען, געווען באַליבט ביי יעדן איינעם, אַ גרויסער בעל־צדקה. ווער עס איז נאָר געקומען אַמאָל אין שליחות פון רבין פון אַלעקסאַנדער, אָדער פאַר דער ישיבה, האָט שטענדיק געהאַט די אכסניה ביי מיין שווער און שוויגער ע״ה. מיין שווער איז געווען אַ ייד אַ בעל־מידות־טובות, געהאַט טייערע קינדער. תנצב״ה.

ר׳ סענדער בעקער ז״ל — אַ גרויסער תלמיד־חכם, שטענדיק געלערנט תורה. אין שטאָט האָט מען אים זייער אָפּגעשאַצט פאַר זיין תורה און חסידות. מיין פעטער ר׳ יוסף ווילענבערג, וואָס איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה, איז געווען

* ר׳ קלמן סופר איז געווען אַ ברודער פון באַקאַנטן שרייבער און דיכטער ישראל שטערן.

פון די חשובע יידן אין שטיבל, געגעבן פיל צדקה פאַר אַלע היילקע צוועקן פון שטאָט און אומעטום.

ר׳ מאַנעס אינגבערמאַן, דער שטאָט־שמש, איז אויך געווען פון די דאַוונער אין אַלעקסאַנדרער שטיבל — אַ טייערער ייד, געהאַט קינדער מיט גאונישע קעפּ. זיין זון, וואָס איז געווען רב אין אַמעריקע, איז אומגעקומען אין דער קאַטאַסטראָפע פון דעם עראָפּלאַן, וואָס איז געפלויגן קיין ישראל און איז דורך די קאָמוניסטן אין בולגאַריע אַראָפּגעשאָסן געוואָרן. ער איז געווען אַ יונגערמאַן אַ גאון. אין אַלע ישיבות אין אַמעריקע האָט מען גערעדט פון זיין גאונישער לומדות. און נאָך און נאָך טייערע נאָבעלע יידן פון שטיבל. הי״ד.

די יידן פון חברה משניות

איך וויל אויך דערמאָנען די זעלטענע גוטע יידן פון דער „חברה משניות״, וואָס איך האָב געלערנט מיט זיי אַלע יאָרן — יעדן טאָג — משניות, אויבן, אין דעם גרויסן בית־המדרש.

אַזאַ ייד ווי אליהו דוד רישעלעווסקי ע״ה, אַ בעל מידות טובות, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך פון ליטע; ר׳ שמואל ראָזענבערג (שמואל ליכטציער), אַ טייערער ייד; די פרעשבערגס, סענדער, גדליהו, משה און זיין פאָטער. פאַרהאַרעוועטע יידן. אַ גאַנצע וואָך געפאָרן אין די דערפער מיט דעם „עטאַפּ״, ווי מען האָט עס גערופן, אָבער שבת און זונטיק האָבן זיי קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו קומען הערן לערנען משניות צי חומש. אָדער די אַנדערע יידן פון בית־מדרש, וואָס לויפן מיר דורך אין מיין געדאַנק. אַזאַ טייערער ייד, ווי הלל שיינבערג ז״ל — אַ גרויסער תלמיד־חכם. ער פלעגט מיר אַלעמאָל זאָגן, אַז כאָטש ער איז אַ מזרחי, פונדעסטוועגן לערנט ער יעדן טאָג דעם „דף יומי״ פון דער „אגודה״. ער איז געווען אַ ליטווישער ייד, וואָס האָט געהיטן דעם „שלחן ערוך״. ער איז געווען אַ שוואָגער פון דעם גרויסן ציוניסטישן מנהיג נחום סאָקאָלאָוו ז״ל. זיי זענען ביידע געווען איידעמס פון דער פרוי דאָבע סעגאַל, וואָס, אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט זי געהאַט דעם הויף אין דאָרף פּאדעש נעבן קראַסנאָשעלץ און נחום סאָקאָלאָוו האָט פאַרבראַכט, בעת זיינע קעסט, אין מאַקאָוו. אין דער זעלבער צייט האָט ער געגרינדעט אַ באַנק, און צוליב פינאַנסיעלע סיבות האָט ער זי געמוזט ליקווידירן. דאַן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע און געגרינדעט די „הצפירה״. זיין לעבנס־געשיכטע איז אַלעמען באַוווּסט.

עס איז ווערט צו דערמאָנען אַזאַ חשובן ייד, אַן אַמשינאָווער חסיד, ר׳ יעקב דוד הענדעל ז״ל, וואָס איז געווען אַ תלמיד־חכם, שטענדיק געזעסן און געלערנט אויף זיינע עלטערע יאָרן. ער האָט געהאַט גוטע קינדער, וואָס האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין שטאָט.

הי״ד.

זאָלן מיר מוחל זיין די משפּחות פון די קדושים, וואָס זיי זענען ווערט דערמאָנט צו ווערן צווישן די רעליגיעזע און פרומע יידן פון אונדזער שטאָט און איך האָב אין זיי פאַרגעסן און נישט דערמאָנט. יעדער איינער קאָן פאַרשטיין, אַז נאָך אַ פּעריאָד פון אַ האַלבן יובל יאָרן און דורכמאַכנדיק אַליין אַזויפיל צרות און יסורים, איז אוממעגלעך, אַז דער מלאך פון שכחה זאָל נישט שולט זיין אויף מיין זכרון. אויף וויפל מיין זכרון האָט מיר געדינט, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין הייליקער פליכט צו דערמאָנען די הייליקע נשמות און איך בעט אַנטשולדיקונג פון די אַלע אַנדערע, אַז זיי זאָלן חס־ושלום, נישט רעכענען מיר צום שלעכטן, אַז איך האָב דאָס חלילה געטאָן מיט אַ כוונה נישט צו דערמאָנען זיי. דאָס איז געשען פשוט צוליב דעם, וואָס כ'האָב זיי נישט געדענקט — ואתם הסליחה.

עס וואָלט נישט געווען גאַנץ און ריכטיק דאָס בילד פון אונדזער שטאָט בכלל און פון דעם רעליגיעזן טייל פון די מאַקאָווער יידישע איינוווינער בפרט, ווען איך זאָל נישט געבן אַ געוויסע אָפּשאַצונג פון אַזעלכע צוויי יידן: איינער אַ חסיד, וואָס איז געווען באַקאַנט נישט נאָר אין מאַקאָוו, נאָר אין דער גאַנצער געגנט און אפשר אין גאַנץ פוילן מיט זיין פרומקייט און חסידות און גוט האַרץ. און דער צווייטער — דער ערשטער בעל־הבית אין שטאָט, וואָס איז אויך געווען באַקאַנט פאַר זיין גרויסער נדבנות, וואָס דער ייד האָט אַרויסגעוויזןביים לעבן.

כאָטש זיי זענען אַוועק פון דער וועלט נאָך איידער דער קריג איז אויסגעבראָכן, ווילט זיך וועגן די דאָזיקע יידן זאָגן ווי דער נביא ישעיהו אין קאַפּיטל נ"ז „כי מפני רעה נאסף הצדיק", איידער דאָס שלעכטס האָט געדאַרפט אָנקומען, זענען די צוויי צדיקים אַוועק אין דער אמתער וועלט.

דאָס ערשטע וויל איך דערמאָנען דעם חסיד ר' משה־יוסף גאַרפינקעל ז"ל, ווי מען פלעגט אים רופן אין שטאָט „משה־יוסף בעקער". כאָטש איך האָב ר' משה־יוספן שוין אין מאַקאָוו נישט געפונען צווישן די לעבעדיקע, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגער ישיבה־בחור און געלערנט אין ישיבה אין וואַרשע. דאָס איז געווען ערב ראש־השנה. איך האָב געוואָלט פאָרן קיין אַמשינאָוו. איך האָב פשוט נישט געוווּסט, וועלכע באַן צו נעמען. איז צוגעקומען צו מיר אַ ייד מיט אַן איידעלן, שיינעם אויסזען, און צו מיר געזאָגט: „קום, יינגעלע, מיט מיר".

אַרויפקומענדיק אויף דער באַן, האָב איך געזען, ווי דער ייד פּילט, אַז ער איז שוין ביים רבין. ער האָט אויסגעטאָן זיין אויבער־ראָק און פון אונטן האָט ער שוין געטראָגן זיין שבתדיקן שלאַפראָק. ער האָט אַרויסגענומען אַ ביסל „יין־שרף" מיט פאַרבייסן, אַזוי אַז איך בין אויך געוואָרן אין אַן אַנדער שטימונג, געשוועבט אין אַן אַנדער וועלט. זייענדיק אין אַמשינאָוו, האָב איך באַלד אויסגעפונען ווער דער ייד איז: ער זיצט אין אַמשינאָוו עטלעכע וואָכן און ביז דער רבי רופט אים נישט אַריין, הייסט אים נישט פאָרן

אַהיים און געזעגנט זיך נישט מיט אים — פּאַרט ער נישט. און אַזוי, אַז ער קומט אויף ראש־השנה צום רבין, זיצט ער ביז חול־המועד סוכות.

אַמאָל האָט געטראָפן, אַז זיין פרוי איז געקומען צופאָרן און אַריין צום רבין מיט אַ גוואַלד, פאַרוואָס דער מאַן זיצט דאָרט: די בעקעריי־אַרבעט קען נישט אָנגיין, און פירן אַליין דעם מסחר איז איר שווער. און אַזוי איז אויך געווען אין דער היים. ער פלעגט דאַוונען זייער שפּעט, ממש אַמאָל ביז פאַרנאַכט, און ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט אַוועקצוגיין פון דער בעקעריי, פלעגט ער אַליין אַרומטראָגן צו אָרעמע אלמנות,



בצער יגון קודר ובעינים זולגות דמעות הננו מודיעים בזה ע״ד
פטירת חברנו החסיד ועניו המצוין המופלג בתורה ויר״ש נדיב-לב
היקר והנחמד האוהב ואהוב לכל ר׳

משה יוסף הכהן גארפינקעל

שנפטר בשם טוב אחרי מחלה כבדה וקצרה ביום א׳ תצא בעיר
מאקאוו. בשנת ס״א לימי חייו
ואנחנו מגישים כוס תנחומים לבני חברנו להועד חפ׳ כמ׳ אברהם
גארפינקעל ולכל משפחתו השרויים בצער ומרת הנפש
המקום ינחמם מתוך שאר אבלי ציון וירושלים
בשם החברה לינת הצדק דפה מאקאוו
יו״ר אלתר ריבקא

מודעת אבל על פטירתו של ר׳ משה יוסף הכהן גרפינקל ז״ל

נעקראָלאָג וועגן דער פטירה פון ר׳ משה יוסף הכהן גאַרפינקעל ז״ל

קראַנקע, שוואַכע אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן, קוישן פון זיינע געבעקסן און צעטיילט יעדן נצרך, מחייה געווען אַ סך, אַ סך נשמות, געראַטעוועט פון הונגער און נויט.

אברהמל מאלאַך, דער שניידער, וואָס איז געווען אַ פאַרברענטער „בונדיסט", האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז פון איין ייד האָט ער געהאַלטן, און דאָס איז געווען ר' משה־יוסף בעקער. מען האָט איבערגעגעבן, אַז ווען ס איז אָנגעקומען צו אים די ידיעה, אַז ר' משה־יוסף איז נפטר געוואָרן, האָט ער געזאָגט, אַז „מען האָט צוגענומען פון אים זיין „בן־בית", זייך הויז־מענטש האָט מען אַרויסגעגנבעט".

אָט אַזאַ ייד איז ר' משה־יוסף בעקער ז"ל געווען. תנצב"ה. זאָל ער זיין אַ מליץ־יושר פאַר זיינע קינדער. זיי מעגן זיין שטאָלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט אַזאַ פאָטער.


ר' בצלאל ווילענבערג ז"ל

ער איז געווען אַ זעלטענער מענטש, וואָס מען האָט געדאַרפט זוכן צווישן טויזנטער און איך ווייס נישט, צי מען וואָלט אַזאַ בכלל געקאָנט געפינען. ער איז געווען דער ערשטער בעל־הבית אין שטאָט. פון זיין הויז פלעגט אַרויסגיין צדקה מער ווי פון דער גאַנצער שטאָט צוזאַמען. יעדע וואָך, מיטוואָך און דאָנערשטיק, פלעגן אַלע אָרעמעלייט אין שטאָט קריגן פון אים צו עטלעכע קילאָ מעל אויף שבת און אַזוי אין משך פון יאָרן. די גאַנצע הכנסה, וואָס ער פלעגט האָבן פון דער פסחדיקער מעל, האָט ער אַוועקגעגעבן אויף אויסצוהאַלטן דעם חדר און „בית־יעקב". דער מינדסטער ידישער קרעכץ האָט אים גערירט. גלייך אויפן אָרט האָט ער יענעם געהאָלפן, געשטעלט אויף די פיס.

איך בין אַן עדות, ווייל איך האָב אַליין דאָס בייגעוווינט, ווי עס איז איינמאָל געקומען צו פאָרן שאַפן געלט דעם בראָקער צדיקס אַן איניקל, ר' אליעזר בראָקער ז"ל. האָט ער געזען, ווי פרייטיק, ערב שבת, נעמט ער אָנטאָן זיין צעריסענע קאַפּאָטע, איז דער אַלטער ר' בצלאל צוגעגאַנגען צו דער קליידער־שאַנק, אַרויסגענומען זיין נייע, זיידענע קאַפּאָטע און געגעבן אים אַ מתנה. אַליין האָט ער אָנגעטאָן זיין אַלטע קאַפּאָטע.

יעדער אורח הגון, וואָס איז געקומען אין שטאָט, איז געווען דער אורח פון ר' בצלאל ווילענבערג — מיט עסן און שלאָפן. ער פלעגט יעדע וואָך אַוועקשיקן קיין וואַרשע צו די ישיבות פון ראַדזימינער רבי זצ"ל, זעקלעך מיט מעל, כדי צו שפּייזן די קינדער פון דער ישיבה. ער איז געווען דער באַגלויבטסטער מענטש אין שטאָט. אַלע נדנים פלעגט מען אים אָנטרויען, אַפילו אָן אַ שריפט. ווען די מאַקאָווער „סאָסייטי" אין אַמעריקע פלעגט שיקן הילף, ספּעציעל ערב פסח, צו צעטיילן פאַר אָרעמע אויף מצות, איז דאָס געלט געשיקט געוואָרן נאָר צו ר' בצלאל ווילענבערג. און נישט נאָר ביי יידן איז ער געווען דער איש נאמן, נאָר אויך גויים האָבן געהאַט צו אים דעם פולן צוטרוי.

ווען עס איז געווען דער מאַרק־טאָג און די פּויערים פלעגן ברענגען די תבואה צו פאַרקויפן, האָבן זיי נישט פאַרהאַנדלט מיט קיינעם, איידער דער „דזיאַדעק" איז



תלמוד־תורה במאקוב, 1924

תלמוד־תורה חדר אין מאַקאָוו, אין יאָר 1924

נישט אַרויסגעקומען אויפן מאַרק און געשטעלט דעם פּרייז, ווייל זיי האָבן אויף זיכער געוווּסט, אַז דער „דזיאַדעק" וועט זיי נישט אָפּנאַרן אַפילו אויף אַ גראָשן. ער פלעגט זיך טאַקע שטענדיק פירן, אַז איידער ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן מאַרק, האָט ער פריער טעלעפאָנירט קיין וואַרשע און זיך אינפאָרמירט וועגן פּרייז. אַזוי אַרום פלעגט ער אויסרעכענען וויפל ער דאַרף צאָלן פאַרן ווייץ.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין דעם טאָג, ווען ער איז נפטר געוואָרן, זומער 1937, איז פּונקט אויסגעפאַלן אַ יריד אין שטאָט, האָבן די קריסטן געבעטן, אַז מען זאָל אָפּהאַלטן די לוויה ביז פאַרנאַכט, ווייל טאָמער קומט זי פאָר בייטאָג, וועט געשטערט ווערן דער גאַנצער יריד, ווייל די פּויערים וועלן אַלץ איבערלאָזן און גיין באַגלייטן דעם נפטר. און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. אַלע קריסטן, אין די הונדערטער, האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה, נאָכגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ביז צום בית־עולם. צווישן זיי זענען געווען אַ סך פּריצים, מיט וועלכע ר׳ בצלאל פלעגט האַנדלען. אויך דער אָרטיקער ריכטער אָלשעווסקי האָט אָנטיילגענומען אין דער לוויה. דער „סענדזיאַ" איז געווען זיינער אַ גוטער פריינד. ער האָט אַ סך טובות געטאָן צו יידן אַדאַנק ר׳ בצלאלן. טייל פון אונדז געדענקען אַוודאי די געשיכטע פון שמעון מאיר ראָזען ע"ה. מען האָט אים איינגעזעצט אין טורמע, און ווי ר׳ בצלאל האָט גאַראַנטירט פאַר אים מיט זיין פאַרמעגן, כדי אים אַרויסצונעמען, אַזוי איז ער טאַקע באַפרייט געוואָרן.

אין טאָג פון זיין פּטירה איז ער נאָך געווען ביים פולן באַוווּסטזיין. ער האָט צוגע־רופן זיינע קינדער צום בעט און זיי געהייסן שענקען אַלע חובות, וואָס יידן זענען אים שולדיק, אָפּגעבן זייערע משכנות און וועקסלען. און אַזוי האָבן זיינע קינדער געטאָן. ביי זיין פּטירה זענען געווען פאַרזאַמלט אין הויז מער ווי הונדערט יידן. עס זענען געקומען די רבנים פון פלאָצק, פולטוסק, סאָכאַטשין און דער רב פון שטאָט. זיי האָבן אים מספּיד געווען ביי דער שול און ביים חדר און דער פלאָצקער רב האָט אים מספּיד געווען אויפן בית־עולם. ר׳ בצלאל איז אַלע יאָרן געווען דער גבאי פון חברה קדישא. איך געדענק, ווען די פרויען פון „לינת־הצדק" האָבן געשריבן אַ ספר־תורה. צום „סיום הספר" האָט מען דעמאָלט געבראַכט דעם אַמשינאָווער רבין זצ"ל. גלייכצייטיק האָט ער געדאַרפט שאַפן געלט אין מאַקאָוו. ר׳ בצלאל ז"ל, מיט די שיינע יידן פון שטאָט זענען דעמאָלט אַרויסגעפאָרן מקבל־פּנים זיין דעם רבין. ער איז געקומען פון אָסטראָווע, ווו ער האָט געווילט אַ שבת. מיר זענען געפאָרן ביז רוזשאַן און מען האָט דאָרטן גע־פּראַוועט אַ סעודה ביי איינעם פון די אַמשינאָווער חסידים, דוכט מיר, ביי ר׳ ישראלטשע זילבערבערג ז"ל. ר׳ בצלאל איז דעמאָלט געווען ביים רבין עטלעכע מאָל. שפּעטער, ווען איך בין געקומען צו פאָרן צום רבין ז"ל קיין אַמשינאָוו, האָט ער מיר געזאָגט, אַז נאָך דעם, ווי ער איז געקומען צו פאָרן אַהיים, האָט ער אַריינגערופן זיין משפּחה און האָט געזאָגט, אַז ער האָט געזען אַ ייד אין מאַקאָוו, וואָס זיינע שיינע חסידים, די שטריימל־יידן מעגן זיך שעמען פאַר אים און אַראָפּנעמען פון אים אַ מוסר־השכל.

זייערע פאַבריקן אין לאָדזש אַרבעטן אום שבת אויף אַ שטר־מכירה, און דער ייד, ר׳ בצלאל, ווייל נישט האָבן דעם היתר פון שטר־מכירה און אַזוי האָט ער זיך געפירט זיין גאַנץ לעבן, סיי ווען ער איז געווען רייך און אויך דעמאָלט, ווען ער איז נאָך נישט געווען פאַרמעגלעך. שטענדיק איז ער געווען אַן אָפּגעהיטענער ייד און ליב געהאַט תלמידי־חכמים און בני־תורה, מחזיק געווען תורה. דעם חדר „יסודי התורה״ האָט ער געבויט פאַר זיין געלט און שפּעטער אים איבערגעשריבן אויף דער צענטראַלער „אַגודה״, אויף ר׳ שייקע ראָזנבוימס נאָמען, וועלכער איז געווען פּרעזידענט. דירה־געלט פאַרן „בית־יעקב״ האָט ער געצאָלט אַלע יאָרן, זייט די שולע האָט עקזיסטירט. דער ייד איז געווען אַ מוסטער פאַר דער שטאָט מיט זיינע גוטע מידות און נאָבעלער אַרבעט, סיי פאַר גאָט און סיי פאַר מענטשן. זאָל ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן פון אונדז, פון אַלע מאַקאָווער בכלל, און פון אונדז, איינילקלעך, וואָס האָבן די זכיה געהאַט צו האָבן אַזאַ טייערן ייד פאַר אונדזער וועגווייזער. יהי זכרו ברוך.

אַזוי איז אויסגעריסן געוואָרן און פאַרשוווּנדן פון דער יידישער מאַפּע איינע פון די שענסטע יידישע קהילות אין פּוילן דורך די טמאדיקע, רשעותדיקע הענט פון די דייטשן, ימח שמם. צוזאַמען מיט די הונדערטער יידישע קהילות, גרויסע און קליינע, וואָס זענען אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן. אָבער אונדזער קהילה, אונדזער שטאָט, וועט שטענדיק און אייביק דערמאָנט ווערן אין די ספרים און ביכער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך די גרויסע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט און פאַרנומען שטעלעס אין אונדזער שטאָט. אַזוי איז געווען רב אין מאַקאָוו, מיט איבער הונדערט מיט פופציק יאָר צוריק, דער גרויסער גאון ר׳ לייביש חאַריף (חריף), וואָס איז דערנאָך געוואָרן רב אין פּלאָצק. ער האָט ביי זיין לעבן מחבר געווען 24 ספרים אויף דער גאַנצער תורה, גאונות און חריפות. אויך איז געווען רב אין מאַקאָוו דער חידושי מהר״ך, הגאון ר׳ אלעזר פּולטוסקער ז״ל, וואָס איז געווען באַוווּסט אויף דער גאַנצער וועלט מיט זיין גאונות און חסידות. רב אין מאַקאָוו איז אויך געווען דער גאון און צדיק ר׳ פייוועלע גריצער זצ״ל, דער ערשטער רבי פון דער אַלעקסאַנדערער דינאַסטיע, דער פאָטער פון ר׳ יחיאל פון אַלעקסאַנדער, און ער איז טאַקע געקומען צו קבורה אויף דעם מאַקאָווער בית־החיים. ער איז געווען אַ תלמיד און חסיד פון ערשטן וואָרקער רבי, ר׳ יצחק ז״ל. מאַקאָוו איז אויך באַשריבן אין דער היסטאָריע צוליב דער מחלוקת, וואָס עס האָט געפירט מיט העכער 150 יאָר צוריק דעם מגיד ר׳ דוד יערוזאָלימסקי. ער האָט געשריבן קעגן די גרויסע פירער פון חסידות אין יענער צייט — קעגן דעם קאָזשעניצער מגיד זצ״ל, קעגן דעם „חוזה״ פון לובלין און רבין ר׳ אלימלך פון ליזענסק זצ״ל און נאָך אַנדערע מנהיגים פון דרך החסידות. ער האָט פאַרשיידענע פּאַמפלעטן אָנגעשריבן. ר׳ ישראל סעגאַל ז״ל האָט מיר נאָך געהאַט געוויזן איינעם פון די פּאַמפלעטן, וואָס איז געבליבן פון מגיד. איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן צו משפּטן דעם מגיד וועגן זיין התנגדות צו דעם וועג פון חסידות, ווייל דאָ איז נישט דער פּלאַץ פאַר דעם און געוויס איז ער

געוועזן פאַרפירט צוגלייך מיט די אַנדערע קעגנער פון חסידישן דרך. אָבער זאָל מען נישט מיינען, אַז דער מגיד איז געווען עפּעס אַ „קטלא קניא באגמא״, אַז ער איז געווען אַ קליין מענטשעלע. איך ווייס, וואָס עס איז במסורה איבערגעגעבן, אַז איינמאָל, ערב פסח אינדערפרי, ווען עס איז געווען די לעצטע שעה צו פאַרקויפן דעם חמץ צו אַ גוי, ווי דער דין איז, האָט ער געשיקט רופן דעם בעל־הבית פון דער „בראָוואַרניע״ (ברויעריי), אַז ער זאָל באַלד קומען און פאַרקויפן די אַלע שנאַפּסן אין חמץ. יענער האָט זיך אָבער נישט געמאַכט וויסנדיק און נישט געקומען. עס איז אַדורך נאָך אַ ווײַלע, האָט ער געשיקט נאָכאַמאָל דעם שמש אים רופן און יענער האָט נישט געענטפערט. ביז עס איז געקומען דער זמן צו ענדע און ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען. האָט דער מגיד געגעבן אַ זאָג: דער דין איז דאָך, אַז „אין ביעור חמץ אלא שריפה״. איז מאָמענטאַל געקומען אַ פייער און האָט פאַרברענט די „גאָזשעלניע״ און זיין גאַנץ פאַרמעגן איז אַוועק מיטן רויך.

די ערשטע ישיבה ביי אונדז אין מאַקאָוו איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תרנ״ח דורך דעם גאון און צדיק, דער רבי פון הרב הערצאָג ז״ל, ר׳ נתן נטע זצ״ל. מיין פאָטער ז״ל איז געווען פון די ערשטע תלמידים אין דער ישיבה. אויך מיינע פעטערס, מיין פאָטערס ברידער, האָבן געלערנט אין דער ישיבה. דאָס אַלץ איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע פון אונדזער שטאָט. אויך אַזאַ ריז, ווי נחום סאָקאָלאָוו, וועגן וועלכן כ׳האָב שוין פריער דערמאָנט, איז אויסגעוואָקסן אין אונדזער שטאָט מאַקאָוו און נאָך סופרים וחכמים. אַזוי, אַז אונדזער טייערע ידישע שטאָט וועט גייסטיק בלייבן און עקזיסטירן אייביק — הגם פיזיש עקזיסטירט די קהילה שוין נישט מער.

אַלע הייליקע נשמות אירע וועלן בלייבן צווישן אונדז אויף שטענדיק, לדורות, און דאָס דאַרף זיין אונדזער שבועה צו די נשמות הקדושות: קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיי און קיינמאָל נישט פאַרגעבן די רוצחים, וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער אומשולדיק בלוט.

ארץ, אַל תכסי דמם!

ד״ר יהודה ראָזענטאַל / טשיקאַגאָ

מיינע מאַקאָווער זיידעס

איך וויל אין מיין באַשיידענעם בייטראָג ראַטעווען פון תהום הנשיה צוויי מאַקאָווער משפחות, פון וועלכע איך בין היינט דאָס איינציקע, לעבעדיקע איינקיל.

מיין זיידע, פון דער מאַמעס צד, איז געווען דער תבואה־מעקלער גדליה פרידמאַן (מיטן כאַראַקטעריסטישן פאַר מאַקאָוו צונאָמען: „גדליה גאָרגל״). ער איז געווען אַן אַמשינאָווער חסיד. איך געדענק אים ווי דורך אַ נעפּל. מיר זענען אַוועק פון מאַקאָוו קיין מלאַווע ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד. איך געדענק נאָר, אַז ער איז געווען זייער הויך און דאַר. ער איז געשטאָרבן אַ פּאָר יאָר נאָכדעם, ווי מיר זענען געקומען קיין מלאַווע. דער טאַטע האָט געזאָגט נאָך אים קדיש אין גערער שטיבל. די באָבע פעסיע, די מעלשענקערין, האָט איבערגעלעבט דעם זיידן ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

עטלעכע וואָכן נאָכן אויסברוך פון קריג, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זייער אָפּענסיווע קעגן די רוסן, זענען מיר, איך און דריי שוועסטער, געלאָפן פון מלאַווע קיין מאַקאָוו, וווּ מיר האָבן פאַרבראַכט די ימים־נוראים און סוכות ביי דער באָבען. ווען די רוסן האָבן אָנגעהויבן זייער קעגן־אָפּענסיווע זענען מיר צוריקגעקומען קיין מלאַווע. מער בין איך אין מאַקאָוו נישט געווען, וואָס איך באַדויער ביז היינט.

שוין זייענדיק אין אַמעריקע (אין יאָר 1939) בין איך געוווּיר געוואָרן פון מיין ברודער ברוך איצל (בערנאַרד), אַז דער זיידע גדליה איז אין די אַכציקער יאָרן געקומען קיין אַמעריקע, פאַרבראַכט דאָ פינף יאָר, געפעדלט, אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט און צוריקגעפאָרן קיין מאַקאָוו. די באָבע פעסיע האָט געבוירן אַ סך קינדער. זיי האָבן זיך אָבער נישט געהאַלטן, געשטאָרבן יונג. געבליבן לעבן איז בלויז מיין מאַמע, פייגע־רבקה. דער זיידע איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע מיט געלט אויף אַ נדן פאַר דער בת־יחידה. ער האָט געוואָלט זיך איינקויפן אין יחוס און זיין טאָכטער משדך זיין פאַר אַן איידעם, אַ תלמיד־חכם. דאָס איז געווען מיין פאָטער, מאיר־שלמה ראָזענטאַל.[1]

במשך פון די פינף יאָר, וואָס ער איז געווען אין אַמעריקע, האָט דער זיידע נישט געגעסן קיין פלייש. די מאַמע האָט אונדז, קינדער, קיינמאָל נישט דערציילט וועגן זיידנס לעבן אין אַמעריקע, אַזאַ פּסול איז דאָס געווען אין אירע אויגן. זי האָט זיך מיט דעם געשעמט. כאָטש זי פלעגט אָפט דערציילן, אַז האַלב מאַקאָוו איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע.

[1] מיין פאָטער האָב איך באַשריבן אין פנקס מלאַווע (1950).

אָבער דאָס איז געווען דער „המון־העם". זי פלעגט אויך דערציילן אַן אַנעקדאָט, ווי אַ ייד גייט אַרויס אין אָוונט כלומרשט צוצומאַכן די לאָדנס, נעמט־מיט אין געהיים, טלית און תפילין, קלאַפּט־אָן אין לאָדן און שרייט הויך: שרה, זיי געזונט, זאָלסט וויסן, אַז איך פאָר קיין אַמעריקע...

עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז די איינדרוקן, מיט וועלכע דער זיידע גדליה איז אין די אַכציקער יאָרן צוריקגעקומען פון אַמעריקע, האָבן געווירקט אויף מיין מאַמען, אַז ווען מיין ברודער ברוך־איצל האָט אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן אונדז אַלעמען געוואָלט אַריבערנעמען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט זי עס קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. זי האָט נישט געוואָלט פאָרן „אין טריפהנעם לאַנד אַריין".

די באָבע פעסיע, וואָס איר פאַמיליע־נאָמען איז געווען בלום, האָט געהאַט צוויי ברידער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון מאַקאָוו צוליבן פריזיוו. איינער פון זיי, יצחק, האָט געענדערט זיין נאָמען פון בלום אויף אַפּעלבוים. ער האָט זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד, דאָרט חתונה געהאַט. זיינע קינדער האָבן געדינט אין דער דייטשער אַרמיי, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דערנאָך געוואָרן רייכע סוחרים. יצחק אַפּעלבוים איז גע־בליבן זייער פרום. ער האָט דערנאָך זיך באַזעצט אין באַזעל און געווען טעטיק אין אָר־טאָדאָקסישן לעבן. די ייִנגסטע טאָכטער זיינע, (שאַרלאָטע), האָט שטודירט אין איטאַליע. דאָרט האָט זי באַגעגנט ד״ר יעקב בלובשטיין (סלע), דער ברודער פון דער העברעאישער דיכטערין רחל בלובשטיין. זי האָט מיט אים חתונה געהאַט. ד״ר יעקב בלובשטיין האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. ער איז געווען זייער טעטיק אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, געגרינדעט דעם בית־העם אין תל־אביב, געקענט גוט לאַטיין און אויך איטאַליעניש. ער האָט איבערזעצט שלמה אבן גבירולס פילאָזאָפיש ווערק „מקור חיים" פון לאַטיין אויף העברעיש. ער האָט איבערזעצט פּעדאַגאָגישע ווערק פון איטאַליעניש און העברעיש. ד״ר סלע איז געשטאָרבן אין יאָר תרצ״ו. די אַלמנה, יצחקס טאָכטער, לעבט היינט אין חולון.[2]

אַ צווייטער ברודער פון דער באָבע פעסיע האָט זיך באַזעצט אין באָרדאָ, פראַנק־רייך. וועגן אים ווייס איך גאָרנישט. איך ווייס נאָר, אַז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן געלעבט אין באָרדאָ צוויי אומפאַרהייראַטע טעכטער זיינע מיטן פאַמיליע־נאָמען בלום.

מיין זיידע פון מיין טאַטנס צד, האָט געהייסן ברוך־איצל (יצחק) ראָזנטאַל. ווען מיין טאַטע איז געבוירן געוואָרן, אַרום 1870, איז דער זיידע שוין אַלט געווען איבער פופציק. פון דעם איז צו זען, אַז ער איז געבוירן געוואָרן מסתמא צום סוף פון צווייטן צענדליק פון ניינצנטן י״ה, ד״ה פאַר 1820. דער זיידע האָט געשטאַמט פון אַ נגידיש־מתנגדישער משפחה, פון ר' דוד ממאַקוב, געווען אַ ייד אַ למדן און אַ גרויסער ירא־

[2] זע וועגן ד״ר יעקב בלובשטיין (סלע), דוד תדהר, אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו, א, 260.

שמים. אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אַ יורד און ער האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט דער אַלמנה דינה מלכה, פון פּראַשניץ. און דאָרט איז ער געשטאָרבן. דער טאַטע איז געווען דער בן־זקונים פון דער באָבע דינה־מלכה און פון זיידן ברוך־איצל. ביידע האָבן געהאַט קינדער פון פריערדיקע זיווגים. ווי מיין מאַמע פלעגט מיר דערציילן, איז די באָבע מלכה שוין געווען קרוב לחמישים ווען מיין טאַטע איז געבוירן געוואָרן. דאָס האָט מען אויסגעטייטשט ווי אַ ברכה פון טשעכאַנאָווער צדיק, ר׳ אברהם לאַנדא. דאָס איינציקע ספרל וואָס איך האָב געירשנט פון מיין פאָטערס גרויסער ספרים־שאַנק און עס געראַטעוועט קיין אַמעריקע, איז דער „קונטרס למלאת חסרונות הש״ס״. אַזאַ ספרל האָט זיך געקענט געפונען נאָר אין אַ שטוב פון אַ תלמיד־חכם. אויפן שער פון ספרל געפינט זיך די אויפשריפט „שייך להרבני הנגיד המופלג בתורה כקש״ת מוה״ר ברוך־יצחק נ״י ראזינטהאל, מתנה לבן מאיר שלמה ראָזינטאַהל״. אויף דער עלטער, ווען ער האָט געלעבט אין פּראַשניץ, האָבן אים די פּראַשניצער געגעבן דעם צונאָמען „גאָטיע״ צוליב זיין יראת שמים.

ווען ר׳ דוד בן בנציון יחזקאל ממאקוב, דעם זיידן פון מיין זיידע ברוך־איצל איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן דורך די היסטאָריקער פון חסידות, וואָס אינטערעסירן זיך מיטן קאַמף, וואָס די מתנגדים האָבן געפירט קעגן דער חסידישער באַוועגונג.[3] ר׳ דוד ממאקוב איז געווען צוערשט אַן אָנהענגער פון ר׳ מנחם מענדל מוויטעבסק, אַ תלמיד פון רבי ר׳ בער פון מעזריטש. דערנאָך האָט ער זיך אַנטוישט אין חסידות און איז געוואָרן איינער פון די פאַנאַטישסטע באַקעמפער פון חסידות, זיך אָנגעשלאָסן אין דעם קרייז פון ווילנער גאונס תלמידים און האָט געשפּילט אַ צענטראַלע ראָל אין דאָזיקן קאַמף. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם. דאָס האָבן אויך צוגעגעבן זיינע קעגנער. ער האָט איבערגעלאָזט דריי און צוואַנציק ספרים, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז פאַרלוירן געגאַנגען. די איבערגעבליבענע כתבים ווערן איצט צוגעגרייט צום דרוק פון באַקאַנטן פאָרשער פון יענער תקופה, פּראָפעסאָר מרדכי ווילענסקי, פון באָסטאָן.

דער מגיד ר׳ דוד ממאקוב האָט געשטאַמט פון ראַזנאַי.[4] ער האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1759. אין מאַקאָוו, ווו ער איז געווען דיין און מגיד, האָט ער געלעבט פון יאָר 1772 ביז צו זיין פּטירה, אין יאָר 1815. ער האָט געהאַט דריי זין: ר׳ יחזקאל, וואָס איז געווען רב אין ראַדזימין. נאָך דער פּטירה פון ר׳ דוד איז ער געווען עטלעכע חדשים רב אין מאַקאָוו און איז נפטר געוואָרן דעם זעלבן יאָר, אין 1815. ר׳ אהרן רפאל און יצחק, וואָס האָבן געלעבט אין מאַקאָוו. ער האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער, רחל, וואָס איז געווען פאַרהייראַט צום נגיד און תלמיד־חכם ר׳ יהושע ראָזענטאַל. נחום סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען אַ מאַקאָווער איידעם, שרייבט וועגן ר׳ יהושע ראָזענטאַל, דעם פאָטער

[3] זע מרדכי וילנסקי, Polemic of Rabbi David of Makow against Hasidism, Proceedings of the American Academy for Jewisch Research, vol. 25 (1956), 137—156.

[4] און נישט פון ראָוונע. לויט אַ פּריוואַטער מיטיילונג פון פּראָפעסאָר ווילענסקי.

פון זיידע ברוך־איצל „הרב הגדול רב יהושע ז״ל היה סוחר אדיר ועם זה היה למדן מופלג גדול בתורה עד כי לא יכול היה אף רב אחד מהרבנים ששמשו במאַקאָווי לעמוד לפני חריפותו ובקיאותו״.[5] אַ ברודער פון מיין זיידן איז געווען ר׳ אברהם־יאָסל (יוסף) ראָזענטאַל, אַ למדן מיט אַ נייגונג צו וועלטלעכער בילדונג. ער איז געווען אַ פריינד פון נחום סאָקאָלאָוו. ווען אברהם־יאָסל איז געשטאָרבן, האָט אים סאָקאָלאָוו געווידמעט אַ זייער וואַרעמען הספד אין דער „הצפירה״.[6] דער זיידע ברוך־איצל האָט געהאַט פון דער ערשטער פרוי אַ זון מיטן נאָמען אבא ראָזענטאַל. ער איז געווען אַ ייד אַ בן־תורה און אַ מטופל מיט קינדער. האָט אָבער נישט געהאַט קיין מזל און נישט מצליח געווען אין מסחר. ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אָנהויב יאָרהונדערט. דערנאָך אַריבערגעבראַכט די משפּחה. ער איז געווען אַ בעל־תפילה אין טשעכאַנאָווער בית־מדרש, אין ניו־יאָרק. ער האָט געקאָנט דאָס גאַנצע דאַווענען בעל־פּה. אַפילו די ימים־נוראימדיקע תפילות. זיינע קינדער זענען אַלע אַמעריקאַניזירט און פאַרשוווּנדן אין גרויסן יידיש־אַמעריקאַנער תהום.

דער זיידע האָט אויך געהאַט צוויי נגידישע איידעמס, איינער איז געווען שלום סאָ־לאָרז פון טשעכאַנאָווע, אַ צוקער־פאַבריקאַנט און אַ פרנס. ער איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ יורד. זיינע קינדער, עטלעכע טעכטער און אַ זון (ברוך־איצל — בערנאַרד) האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. די קינדער זענען אַלע געבליבן פרום. עטלעכע איניקלעך זענען טעטיק אין דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג. איין איידעם פון שלום סאָלאָרז, מאַקס (מנחם־מענדל) טערקעלטויב, האָט זוכה געווען צו אַן אויסערגעוויינלעכן אַריכות ימים. ער איז שוין איבער די הונדערט (עד מאה ועשרים), שטאַמט פון ראַדזי־נער חסידים. ער געדענקט נאָך ווי אַזוי ער איז ווי אַ חדר־ייִנגל, געגאַנגען צופוס צו דער לויה פון ר׳ דוד קאָצקער (אַ זון פון ר׳ מענדעלע). מאַקס טערקעלטויב איז געווען אַמאָל אַ חשובער בעל־הבית (אַ בעל בעמיו) און זייער טעטיק אין אָרטאָדאָקסישן לעבן אין ניו־יאָרק. שלום סאָלאָרז קינדער אין ניו־יאָרק האָבן זיך שטאַרק פאַרצווייגט און אויס־געוואַקסן. זיי זענען מיינסטנס פאַרשוווּנדן אין גרויסן אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ און די אור־אור־איניקלעך הויבן זיך שוין אָן צו פאַרמישן מיט נישט־יידן.

דער צווייטער איידעם פון זיידן ברוך־איצל, איז געווען דער נגיד אפרים פערלמוטער פון מאַקאָוו. ער האָט מאַריך ימים געווען און איז געשטאָרבן אין מלאַווע אין טיפן עלטער פון 93 יאָר. אַ טייל פון אפרים פערלמוטערס משפּחה האָט זיך געראַטעוועט קיין ארץ־ישראל. ציוניזם און השכלה האָבן זיך טיף אַריינגעריסן אין די הייזער פון זיינע קינדער, אין וואַרשע, מלאַווע און מאַקאָוו. איין איניקל, ברוך־איצל פערלמוטער, איז נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אַוועק קיין ארץ־ישראל, געווען דאָרט אַ פּאָר יאָר און דערנאָך געקומען קיין אַמעריקע און געוואָרן זייער טעטיק אין פאַרבאַנד, אין ניו־

[5] „הצפירה״, 1888, נומער 181, לעצטע זייט.
[6] „הצפירה״, דאָרט.

יאָרק. אַ צווייט אייניקל, בעריש פּערלמוטער, איז געווען דער רוח־החיים פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג אין מלאַווע. חיים אליהו פּערלע, אַן איידעם פון אפרים פּערלמוטער און אַ זון פון באַקאַנטן תלמיד־חכם ר׳ ירוחם־פישל פּערלע, איז געווען דער רוח־החיים פון דער מזרחיסטישער באַוועגונג אין מלאַווע. בעריש פּערלמוטער און חיים אליהו פּערלע האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם יידישן דערציאונגס־וועזן אין מלאַווע, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. אפרים פּערלמוטערס אייניקלעך זענען געווען זייער טעטיק אין „השומר־הצעיר״ אין מלאַווע. מען קאָן איצט אָנטרעפן איבער גאַנץ ישראל אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך פון אפרים פּערלמוטער, אין קבוצים (משמר העמק, כפר מנחם א״א), רעננה, חולון, חיפה, תל־אביב, ירושלים א״א.

אייניקע אור־אור־אייניקלעך פון אפרים פּערלמוטער, קינדער פון די, וואָס האָבן זיך מאַטעריעל שוין אַרויפגעאַרבעט אין מדינת ישראל, הויבן זיך אָן באַווייזן אין אַמעריקע. עטלעכע אייניקלעך פון בעריש פּערלמוטער, דער פּיאָנער פון עליה קיין ארץ־ישראל; דער, וואָס האָט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געשיקט זיינע קינדער אין אַגרי־קולטור־שולן זיך פאָרצובערייטן פאַר ארץ־ישראל און וואָס איז איינער פון די ערשטע אַוועק פון גלות־פוילין מיט דער גאַנצער משפחה זיך צו באַזעצן אין הייליקן לאַנד, האָבן שוין אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, אין גאָלדענעם לאַנד אַריין.

אור־אייניקלעך פון זיידן ברוך־איצל לעבן היינט אין אַמעריקע אויך פון טאַטנס צד. דאָס זענען קינדער און אייניקלעך פון מיין ברודער ברוך־איצל (בערנאַרד) ע״ה. אַ טאָכ־טער מיט איר משפחה אין מעקסיקע און אַ טאָכטער און צוויי זין אין ניו־יאָרק און אין לאָס אַנדזשעלעס.

און אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, דאָס לעצטע אייניקל פון די צוויי מאַקאָווער זיידעס.

צוויי מאַקאָווער רבנים פן אַכצנטן י״ה

עס זענען באַקאַנט די נעמען פון צוויי רבנים פון מאַקאָוו, וואָס האָבן געגעבן הסכמות אויף ספרים. איינער האָט געהייסן משה בן־גרשון. ער האָט געגעבן אַן הסכמה אויפן ספר „מכתב אליהו״, אַ פירוש אויף פרקי אבות פון אליהו ב״ר אריה ליב מקוברין, געדרוקט אין האַמבורג, אין יאָר תע״ה (1715). די הסכמה איז געשריבן געוואָרן י״ח תשרי תע״ג (1713).

דער צווייטער האָט געהייסן אברהם בר״ח (בן ר׳ חיים ?). ער האָט געגעבן אַ הסכמה אויפן ספר אבן־שהם, אַ דרוש־ספר פון ה״ר משה ב״ר יהודה מאמשטשלב. געדרוקט אין לאָנדאָן, תקל״ב (1772). די הסכמה איז געשריבן געוואָרן אין יאָר תקכ״ז (1767).

זע Index approbationum מפתח ההסכמות, נומערן 34, 2548. Leopold Loewenstein (Berlin, 1923),

יעקב חיים סאַבעל / ניו־יאָרק

מאַקאָווער יידן

די שאַנד איז זייער גרויס און זייער גרויס איז דער ווייטאָג,
און וואָס איז גרעסער? זאָג דו, בן־אדם!
(„בעיר ההריגה" — „אין דער שחיטה־שטאָט")
ח. נ. ביאליק

לזכר אבי מורי ישעיהו ב"ר אברהם סאָבעל.
געווידמעט אויך דעם אָנדענק פון די, נאָך וועלכע ס'איז קיין זכר נישט געבליבן.

די מאַקאָווער יידן, די קרבנות פון דעם גרויסן חורבן, זענען געווען אָנשטענדיקע, פשוטע, האַרציקע יידן; אָרעמע, מיטלקלאַס און רייכערע; יידן סוחרים, אַרבעטער און האַנטווערקער. יעדער איינער פון זיי האָט זיך אויסגעלעבט אויף זיין שטייגער — ווער בעסער, ווער ערגער. זיי זענען מער נישטאָ, אומגעקומען צוזאַמען מיט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

אויף אונדז, די איבערגעבליבענע, ליגט אַ גרויסע אַחריות — פאַראייביקן זייער הייליקן אָנדענק.

לאָמיר דערמאָנען בלויז אַ קליינעם טייל יחידים פון די אומגעקומענע פערזענ־לעכקייטן. ווייל דער אמת איז, אַז יעדער איינער איז געווען אַ געוויסע פערזענלעכקייט, יעדער איינער האָט פאַרמאָגט זיין גוטסקייט, זיינע מעלות־טובות און זיינע גוטע מידות — דער חסיד, דער ציוניסט, דער בונדיסט, דער פאָלקסמענטש און דער סתם־ייד פון אַ גאַנץ יאָר. אַלע צוזאַמען זענען זיי געווען אונדזערע — די טייערע אומפאַרגעסלעכע מאַקאָווער יידן.

מיר וועלן געדענקען:

יחיאל מאיר פלאַטאָ, מיט זיין מאַיעסטעטישן אויסזען, דער ערלעכער סוחר, שטענדיקער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער ראַטמאַן, מיט וועמענס וואָרט מען האָט זיך גערעכנט. אַפילו די גויים האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט און דרך־ארץ. די שיינע היים זיינע איז שטענדיק געווען אַ "בית־ועד" פאַר זיצונגען פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

שמואל פיאַנקאַ (שמואלקע פיאַנקאַ), דער דירעקטאָר פון די מלוכהשע פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינדער, דער שטילער אינטעליגענט, דירעקטאָר פון דער יידישער באַנק, ראַטמאַן און איבערגעגעבענער כלל־טוער, שטענדיק גרייט געווען צו העלפן יעדן איינעם מיט ראַט און טאַט.

משה ראָזענבערג (רבקה מנשהס איידעם), דער סעקרעטאַר פון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע, אָנפירער מיט דער יערלעכער קרן־היסוד־אַקציע, לאַווניק אין מאַגיס־טראַט און טיכטיקער מיטאַרבעטער אין אַלע ציוניסטישע אונטערנעמונגען.


מאיר אָסטרי, דער איבערגעגעבענער און געטרייער מזרחיסט, קאַסירער אין דער יידישער באַנק, ענערגישער כלל־טוער און וואַרעמער ייד.

חיים מאַנטלאַק, דער געניטער סוחר, גוטער ציוניסט, שטענדיקער נדבן לטובת די ציוניסטישע פאָנדן.

יוסף הענדעל (יאָסל הענדעל), דער קליינער זאָרגלאָזער יאָסל, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי לאה געהאַט דעם בעסטן רעסטאָראַן אין שטאָט. זיין אַכסניה אָדער צוקערניע איז געווען אַ זאַמלפונקט פאַר אַלע. דאָרט האָבן יידן געשמועסט וועגן פּאָליטיק, דיסקוטירט. דאָרט האָט מען באַהאַנדלט די יידישע לאַגע און שטאָטישע פּראָב־לעמען.

יצחק וועסאָלעק, דער אומפּאַרטייאישער באַשיידענער אינטעליגענט, לערער אין די אַלגעמיינע יידישע רעגירונגס־שולן, האָט פאַרטראָטן די יידישע אינטערעסן אין פאַרשיידענע שטאָטישע אינסטיטוציעס. ער איז בכלל געווען אַ ווילער מענטש און פריינטלעך צו יעדן.

יוסף רעכטמאַן — יאָסל, אַ גוטער, איבערגעגעבענער ציוניסט, גענומען אָנטייל אין יעדער זאַמל־אַקציע פאַרן קרן־קימת און קרן־היסוד.



הנהלת „טאַז״ במאקוב, בשנת 1937

„טאַז״־פאַרוואַלטונג אין מאַקאָוו, אין יאָר 1937

עזרא ראָזשאַנעק, דער תבואה־סוחר, אייגנטימער פון דער מיל אין סמאראצק, איבערגעגעבענער ציוניסט, ראַטמאַן אין שטאָטראַט, אַ ייד מיט אַן אָפענער האַנט און אָפן האַרץ.

מרדכי בלום (ר׳ פיוולס זון), אַ שיינער ייד, אַ קלוגער דערפאָלגרייכער סוחר, שטענדיק גרייט געווען צו באָרגן אַ גמילות־חסד, איינער פון די גרויסע שפענדער פאַר די ציוניסטישע פאָנדן, אַ גרויסער בעל־צדקה.

יצחק דאָברעס, אַן אָנגעזעענער סוחר, אַן אַקטיווער ציוניסט, געווען טעטיק אויך אין סוחרים־פאַראיין.

אברהם ראָזענטאַל (זון פון דיין ר׳ שמואל־יאָסל ז״ל), אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, אַ לערער אין די אַלגעמיינע רעגירונגס־שולן.

דוד מינאָגאַ, אַ פירער פון „בונד״, ראַטמאַן אין שטאָטראַט, אַ האַרציקער פאָלקס־מענטש, פון פאַך אַ סטעלמאַך. ער איז שטענדיק גרייט געווען איבערצולאָזן זיין וואַרשטאַט און לויפן אַ טובה טאָן אַ ייד. אַ טיכטיקער טוער אין „טאָז״.

אברהם מאַלאַך, אַלעמענס „גוטער ברודער״, דער בעסטער מענער־שניידער אין שטאָט, אַ פאַנאַטישער בונדיסט און פריילעכער פאַרשוין.

הענעך ווייסמאַן, אַ פירער פון „בונד״, ראַטמאַן אין שטאָטראַט, מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער באַנק, פאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון אָרעמען בעל־מלאכה.

יהודה־מאיר רייטשיק, איינער פון די יונגע פירער פון „בונד״, פון פאַך אַ שוסטער; פון אָרעמע, קראַנקע עלטערן; אַ וואַרעמער און האַרציקער מענטש.

מתתיהו לודווינאָוויטש, זיין שוואָגער יצחק פיאַנקאָ, זיין שוואָגער אַרקע פיאַנקאָ — דאָס זענען געווען מענטשן פון אַן אייגנאַרטיקער משפחה. זייער באַשעפטי־קונג: פערד־הענדלער. גוטהאַרציקע מענטשן, שטאָלצע יידן. זיי זענען געווען באַקאַנט מיט אַלע שררות פון די אַרומיקע דערפער, שטענדיק געווען גרייט צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד און אָננעמען זיך פאַר אַ ייד.

לאָמיר דערמאָנען הערשל כונאָוויץ, דוד־בערל קורניק, שלום יונה יאָנאָסאָוויטש, מאָטל קרוקאָווער. דער לעצטער — אַ ריינער, ציכטיקער, שמייכלענדיקער ייד מיט די שבתדיקע געמזאָווע שטיוול; נאָטקע קאַשטאַן מיט דער קיילעכדיקער שיינער באָרד, שטענדיק מיט דער האַנט אין קעשענע גרייט צו געבן אַ נדבה. ער האָט זיך באַנוצט מיט פסוקים פונעם דאַווענען און פון תהילים.

נפתלי שוסטער מיט דער רויטער באָרד, אַ ווילער ייד, אַ מטופל מיט קינדער, אין די שבתים און יום־טוב־טעג זיך אויסגעפוצט מיטן זייגער און דיוויסקע. שבת פאַר מנחה איז ער געווען דער תהילים־זאָגער פאַרן עמוד אין אַלטן בית־מדרש.

שמואל וויינטרויב (שמואל דעם חזנס), אַ קליין יידעלע מיט אַ שיינעם כתב־יד, געשריבן ביטעס פאַר יידן צו די פאַרשיידענע שטאָטישע און רעגירונגס־אַמטן.

מתתיהו לאַסקאַ, פון פאַך אַ סטאָליער, אויך צוגעהאַנדלט מיט פעל. ער איז נישט געווען סתם קיין סטאָליער, — ער איז געווען אַ קינסטלער: וואָס די אויגן האָבן געזען, האָבן געמאַכט די הענט.

וועלוול וואָלפאָוויטש (דער לאָמער וועלוול), פון פאַך אַ שניידער, אַ הויכער ייד, אַ גרויסער אָרעמאַן. אין די וואָכן־טעג האָט ער געדאַווענט פאַרן עמוד אין אַלטן בית־מדרש.

אברהם סקאַלאַ, טוביה סקאַלאַ, צוויי ברידער, ערלעכע, ווילע מענטשן, גוטע מעכאַניקער, טאַלאַנטירטע בעלי־מלאכות, גרויסע וויצלער, אייביק מיט הומאָר. אברהם סקאַלאַ איז געווען דער איינציקער ייד, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס מעכאַניקער אין דער „צוקראָווניע" אין דאָרף שטשיק.

הלל הענדעל (הילטשע,) אַ קלוגער ייד, אַ מסתפק במועט און אַ שמח בחלקו, אַ טעטיקער מזרחיסט, דערצויגן די קינדער אין נאַציאָנאַלן יידישן גייסט.

פנחס כץ, אַ סוחר, תמיד ציכטיק געקליידעט. ער איז שטענדיק געווען גרייט אַ צווייטן אַ טובה צו טאָן.

אשר יוסף גרינבערג, האָט האַרציק געדאַווענט פאַרן עמוד אין שניידער־שטיבל, און אין אַלטע בית־מדרש.

הערשל לאשער, יצחק גאָגאָל (דער לאָמער יצחק), שיימע פיעקאַר־טשיק, אברהם ראזאנעק, רפאל הירש אזרילעוויטש, הערש־יצחק געצעלאָוויטש, יאַנקל דוד שעלסקי, מלך ווייסגאַרבער — יידן בעלי־מלאכות, פשוטע, האַרציקע, ליבע פאָלקס־מענטשן.

אליעזר ליכטענשטיין (לאָזער), אַ ייד אַ סוחר, אַרומגעפאָרן אויף ירידים, אַ בעל־טובהניק, קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט קיין גמילות־חסד.

איטשע־מאיר ליכטענשטיין, תמיד מיט אַ שמייכל אויפן פנים, געווען טעטיק אין „לינת־הצדק". דער איינציקער ייד, וואָס האָט געהאַט די פאַרטרעטונג אין שטאָט פון דער מלוכה־לאָטעריע, געווען אויסגעקאָכט מיט די גויישע באַאַמטע און דאָס אויסגענוצט, כדי צו טאָן אַ יידן אַ טובה.

יצחק איצקאָוויטש, אַ קליין יידעלע, אַ קלוגער סוחר, אויך אַרומגעפאָרן איבער ירידים. ביי אים האָט מען שטענדיק באַקומען אַ גמילות־חסד אָדער אַ הלוואה.

משה קליינהויז (משהלע שרייער) — אַזוי האָט מען אים גערופן. ער איז ח"ו נישט געווען קיין שרייער, האָט אַפילו נישט געקענט הויך רעדן. אַן אָפּגעהיטענער ייד, האָט געקאָנט גוט לערנען. ווען יידן, בעלי־מלאכות האָבן פאַרטאָג געפּאַקט די סחורות צו אַ יריד, האָט מען געקענט זען אים, צוזאַמען מיט ר' יאַנקל דוד הענדעל גיין לערנען אין אַלעקסאַנדערער שטיבל.

פרייטיק בייטאָג, נאָך אַ צייט פאַר ליכט־צינדן, האָט ער שוין אָנגעהויבן אַרויסיאָגן די קונים פון זיין מאַנופאַקטור־געשעפט, כדי נישט מחלל שבת צו זיין.

מענדל קליינער, אַ חכם און אַ יודע־ספר, אַ מיטגליד אין דער יידישער גמינע, אַן אַקטיווער כלל־טוער.

דוד גאָלדוואַסער, אַ הויכער, שיינער ייד, אַ סוחר, געווען זייער אַקטיוו אין דער גמילות־חסד־קאַסע, אייביק גרייט געווען צו העלפן אין אַ נויט.

שלמה־הענעך אַלבעק, אַ ייד אַ תלמיד־חכם. זייענדיק אַ גערער חסיד איז ער אויך געווען אַן אמתער פאָלקס־מענטש, אַ פריינד פון יעדן איינעם. ווו נאָר אַ בוררות אין שטאָט, איז ער געווען איינער פון די בוררים, צוליב זיין חכמה און אויסגעהאַלטנקייט.

מענדל סטודענט, אַ קלוגער ייד, אַן אָנגעזעענער סוחר, אַ מיטגליד אין שטאָט־ראָט, אַ מיטגליד אין דער יידישער גמינע, אַ כלל־טוער, באַקאַנט געווען אין שטאָט מיט זיין מתן־בסתר.

שמואלקע יעראַזאָלימסקי, אַ שיינער ייד, אַ סוחר און אַ טיכטיקער מיט־גליד אין ביקור־חולים און אין „לינת הצדק".

משה־ניסן רובין, אַ האַרציקער מענטש, האָט פאַרמאָגט אַ זיסע שטימע, גע־דאַוונט פאַרן עמוד אין די ימים־נוראים אין אַלעקסאַנדערער שטיבל. אַפילו פון די זייטיקע שטיבלעך איז מען געקומען אים הערן.

הערשל אָרלאָווסקי, אַ מזרחיסט, ראַטמאַן אין שטאָטראַט, אייגנטימער פון אַ האָלץ־טאַרטאַק. ער איז געווען דער ערשטער צו באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער אין דעם דאָזיקן פאַך. ס'איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז די ערשטע גרופע פון „החלוץ" האָט אָנגעהויבן איר „הכשרה" אין זיין טאַרטאַק. ער איז געווען אַ שטענדיקער נדבן פאַרן קרן־היסוד.

יוסף און ישראל ווילענבערג (זין פון ר' בצלאל), יידן סוחרים מיט גוטע הערצער, מיט אַן אָפענער ברייטער האַנט צו העלפן יענעם.

שלמה מאָדריקאַמיען מיט זיינע זין און זלמן פאָגעלמאַן, די שטאָ־טישע קאַפּעליע כלי־זמרים, וואָס האָבן געשפּילט אויף אַלע יידישע חתונות.

זלמן פאָגעל, אַ קליין יידעלע מיט אַ האַלב שוואַרץ־ווייסער באָרד, אַ ביסל טויב־לעך, האָט צוגעגעבן אַ ספּעציעלן חן דער גאַנצער קאַפּעליע. זיי האָבן פאַרשאַפט פיל פרייד אויף יידישע שמחות.

לאָמיר געדענקען די טיכטיקע גוטהאַרציקע פרויען, וואָס האָבן פיל געלייסטעט מיט זייער אָפּפערוויליקער אַרבעט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטאָט, ווי: באַזאָרן פאַרן קרן־קימת, בלימל־טעג און אַנדערע ווויל־טעטיקע צוועקן. צביה פליאַטאָ, שיינדל, רעקאַנט, חיה שולדענריין, רייזל מאַנטלאַק, פייגל דאָבּרעס, חוה ריבאַק, חיה פיאַנקאָ, שרהטשע בלום, רבקה רעכטמאַן, גאָלדע ווילענבערג, פרוי ראָזשאַנעק, יאַכעט שיינבערג, גיטל ווילענבערג, פרימעט אַזרילעוויטש, רבקה בלום, פערל סקורניק (מ'האָט זי גערופן „פערל די צדיקת"), — וועלכע האָבן זיך געווידמעט צו באַזוכן קראַנקע, אָרעמע

פרויען, אַריינטראָגן פאַר אַן אָרעמער משפחה אַ „חלה״ אויף שבת און אָפט מחיה געווען קראַנקע מיט אַ ביסעלע „איינגעמאַכטס״, וואָס זיי אַליין האָבן צוגעגרייט.

לאָמיר זיך דערמאָנען אַ שבת אין מאַקאָוו. ס׳זענען געגאַנגען פון דאַווענען יידן פון שול, פון דעם אַלטן בית־המדרש, פון נייעם בית־המדרש, פון די שטיבלעך — אַלע אויס־געפוצט אין שענסטן און בעסטן. די פנימער האָבן געשיינט. אַוועקגעוואָרפן די וואָכעדיקע דאגות־פרנסה, זאָרגלאָזע, נשמה־יתירהדיקע יידן, ווי די שכינה וואָלט אויף זיי גערוט. די חסידים אין די זיידענע קאַפּאָטעס, דער בעל־מלאכה מיט די אָפּגעפּוצטע שטיוול, די יאָסלס, די דודס, די ישעיהוס, די משהס, די אברהמס, די מענדלס, די שמואלס, די מאירס, די הערשלס, די חיימס א.א.וו.

דאָס זענען געווען די מאַקאָווער יידן, דאָס זענען געווען די כלל־טוערס, די סוחרים, די בעלי־מלאכות, דאָס זענען געווען אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, זיידעס, באָבעס.

זיי זענען מער נישטאָ. זיי זענען אומגעקומען נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען יידן.

דעמבעס זענען געפאַלן, אָבער די וואָרצלען, דער שורש איז געבליבן.

זייער גייסט איז אונדזער ירושה. מיר וועלן נישט פאַרגעסן די יחוס־בריוו פון אונ־דזערע טאַטעס. זיי וועלן אייביק פאַרבלייבן אין אונדזער זכרון, זיין איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער.

הי״ד.

אלון בכות על פטירתו של
ר׳ אברהם יוסף ראזענטאל ז״ל

מאמר שהופיע ב„הצפירה״ מספר 181
ביום ט״ז אלול תרמ״ח 1888, מאת נחום סוקולוב.

נמסר לדפוס ע״י **מ. צינובין**

העיר מאקוב (אשר בפלך לאמזא במדינת פולין) אבדה את כלי חמדתה, הרב הגדול בתורה ובחכמה, איש המופת במעלות ובכשרונות, השריד מגזע משפחה רמה בישראל. מוהר״ר אברהם יוסף ראזענטהאַל ז״ל עזב לאנחות את עדתו, את משפחתו, את ידידיו ואת חושבי־שמו מקרוב ומרחוק. כענבים במדבר מצאתי את אדם המעלה הזה, אדם גדול ומצוין לכל משפטו, בעיר אשר בה גרתי שנים מספר.

בעבותות אהבה נאמנה נקשרה בו נפשי, עד כי קשתה עלי הפרידה אשר נפרדתי מעליו בעזבי את העיר ההיא, ומה גם הפרידה האחרונה הזאת...

בלב דוה ובידים רועדות הנני רושם הטורים האחדים האלה לזכר יהודי זה, אשר אנוכי האחד ואולי עוד מעטים עמדי ידעו להוקירו כערכו.

קהל הקוראים לא הסכינו לראות דברי נהי ומספד מר על מות אנשים אשר לא נודעו להם בעודם בחיים, ושמם לא יצא על ארץ רבה, ואולם הנבונים יודעים, כי יש אשר האנשים האלה „הנסתרים והנעלמים בסתר המדרגה", שקולים כנגד הרבה מפורסמים, ואחד מיחידי סגולה אלה היה ר' אברהם יוסף ז"ל! בו נפגשו כל המעלות והמידות אשר בהן מצוין היה הדור הישן, וצבי עדיו זה לגאון שמהו לעיני כל יודעיו ומכיריו.

אבי אביו היה הגאון הנערץ והנקדש בפי בני דורו ר' דוד „המגיד ממאקוב" מבית מדרשו של הגר"א ז"ל, נודע לשם בגודל חסידותו ופרישותו ובהתנגדותו הנמרצה אל המתחסדים, אביו הרב הגדול ר' יהושוע ז"ל היה סוחר אדיר, עם זה היה למדן מופלג בתורה, עד כי לא יכול אף רב אחד מהרבנים ששמשו במאקוב לעמוד לפני חריפותו ובקיאותו.

בן נאמן לשני הגדולים האלה היה ר' אברהם ראזענטהאל ז"ל. הוא לא התהלך בגדולות ובנפלאות, לא התרומם על מפלגת בעלי הבתים, אבל מרום ונישא היה עליהם במעלת רוחו.

כל ימיו עסק בתורה ובסחורה, בחכמה ובמלאכה, ולבו היה ער לכל דבר תושיה. בינתו היתה ישרה וצרופה אשר כמוה לא נמצאה בין רבבות אדם. כוח משפטו היה אמיץ ונפלא. שיקול דעתו בהוייות העולם ובעיני העם היה שיקול דעת אדם גדול, ופלא היה לשמוע מפי האיש הזה אשר בילה רוב ימיו בעיר קטנה, דברי הגיון כדורבנות ומסמרות נטועים ושקולים בפלס התבונה ונשענים על אדני הנסיון, עד כי נחשב גם בעיני ההמון לפלא יועץ, אשר דבריו כדברי האורים.

ר' אברהם יוסף ראזענטהאל זצ"ל היה חותם תכנית וכליל פאר, יהודי ארטודוקסי נאור, משכיל דורש את אלוקים, מיחד בלבו יראת שדי טהורה עם אהבת אדם ברה ומזוקקה עם כל עוצם אהבה לעמו אהבה אל הארץ הזאת אשר בה נולד, אהבת אזרח נאמן, ורבים מבני עם הארץ בקשו קרבתו ונאותו לאורו.

ר' אברהם יוסף היה אדם צנוע ועניו, ושנא שנאת מות את הבטלה, את הגאוה, את הלוקסוס והיו בו ממעלות השטאיקים * ומגודל רוחם.

בן שבעים ושבע שנים היה במותו, ועד יום נפלו למשכב היה בריא בגופו ובנפשו לא כהתה עינו ולא נס ליחו. ביום ב' באלול בשעה התשיעית בערב הובל האיש הזה לקבורות בלוית כל אנשי העיר, וכל העם געה בבכיה והרב הגאון האב"ד דמאקוב נשא עליו מספד.

---

* הסטואיקים.

מי יתן והיתה רוחו, רוח אמונה והשכלה, חכמה ועצה, שלום וסבלנות מהלכת בתוך העיר האבלה, ולא תדע מה, כי היא לא תבין מה גדולה האבידה אשר אבדה לה במות ר׳ אברהם יוסף ראזענטהאל ז״ל.

פעילות הציונים בעיר בשנות 1917—1918
לפי הידיעות בשבועון „הצפירה״

„הצפירה״, 19 באפריל 1917.

ביום כ״ח מרץ שעבר נפתחה ה„לשכה הציונית״ במאקוב במעונה המיוחד. באותו יום בערב היתה בנשיאותו של מר מ׳ בז׳וזו אספת־היסוד שלה, שהיא האספה הכללית של אגודת צעירי ציון הקודמת. מן הדו״ח שמסר היו״ר אפשר לראות שהעבודה הציונית התפתחה בעיר זו באופן מצוין, הן בחומר והן ברוח. מספר חברי האגודה עלה לשמונים, ומספר השוקלים עד 104. במשך השנה ערכה האגודה שבע עשרה הרצאות חשובות על נושאים ציוניים ועבריים שונים, אשר הועילו הרבה להפצת הרעיון הציוני בין חוגי הצעירים, שבעה נשפים שהזמן גרמם וגם יום פרחים אחד בל״ג בעומר שעבר.



מר אייזנברג, נציג המרכז צעירי־ציון בורשה, מבקר במאקוב, בשנת 1917

ה׳ אייזנבערג, פאַרשטייער פון דער צענטראַלע צעירי־ציון אין וואַרשע, באַזוכט מאַקאָוו, 1917

הכנסותיה של האגודה במשך השנה היו 1512 מרק למטרות ציוניות, כמו לנטיעת עצים ביער הרצל, לעזרת הפועלים העבריים ולטובת נגועי המלחמה בארץ־ישראל, 641 מרק למטרה פילנטרופית מקומית, והשאר לכלכלת מוסדות צבוריים שונים כמו בית־עקד כללי, שעורי ערב עבריים, בית עם וכדומה.

אחרי האספה נערך נשף פרידה לכבוד מר מ׳ בז׳וזו לרגלי יציאתו את העיר, בנשף השתתפו טובי הציונים שבעיר ובנאומי הכוס ברכו ושבחו את עבודתו הנאמנה והמסורה של מר מ׳ בז׳וזו לטובת הציונות שבראשה עמד בעיר זו במשך שבע שנים רצופות, ובאומץ רוח שאין כמוהו הקדיש לה את מיטב כוחותיו הצעירים. כל הנאספים החליטו ליסד על שמו ביבליותיקה עברית, ורבים מהם נדבו באותו מעמד סכומים הגונים למטרה זו.

בימים אלו נפתח בעיר מוסד שני חשוב ומועיל והוא בית התבשיל הכללי המחלק כשלוש מאות ארוחות ליום בחנם, את חלק הכי גדול בעבודת בית התבשיל לוקחים גם כן הצעירים והצעירות הציוניים הראויים להכרת תודה מרובה.

*

„הצפירה״, 31 במאי 1917.

מאקוב.

בל״ג בעומר שעבר נערך בעירנו ע״י הקומיסיה ל„קרן הקיימת״ יום פרחים מיוחד לטובת הפונד הלאומי, שבו נמכרו תוי ק״ק עם פרחים תכלת ולבן.

ההכנסה היתה 237 מרק, וחצי מזה הופרש למטרה פילנטרופית מקומית.

באותו יום נערכה כאן ע״י „הלשכה הציונית״ מניפסטציה גדולה וטיול היערה שבו השתתפו שלושת בתי־הספר העבריים שמספר תלמידיהם הגיע לשלוש מאות, כל התלמידים והתלמידות של שעורי הערב העבריים, חברי הלשכה הציונית וחברת „חובבי הקריאה״, בס״ה כחמש מאות איש.

בשבת ל״ג בעומר שהה בעירנו מר קירשנבוים אשר הלשכה הציונית המקומית הזמינה אותו מוורשה.

בשבת בצהרים דבר מר קירשנבוים בחוג צר של צעירים וצעירות בעברית ע״ד „תפקידה של האשה העברית בכלל והבת העבריה בפרט״.

במוצאי שבת נערך בבית־העם מיטינג עממי גדול. באולם מלא מפה לפה יותר מ־200 איש נשא מר קירשנבוים נאום מלא תוכן ע״ד „מצב התנועה הציונית בשעה זו״. דבריו של מר קירשנבוים שנאמרו בשפה פופולרית ובצורה יפה ובהתלהבות רבה, עשו רושם כביר ונתקבל במחיאות־כפיים סואנות מאת כל הנאספים.

אחרי־כן קרא מ׳ בז׳וזו את שתי הרזולוציות הידועות בדבר דרישת שווי זכויות בפולין וערובות לקולוניזציה יהודית חפשית בארץ ישראל, הן נתקבלו פה אחד.

במצב רוח מרומם ובשירת התקוה נסגר המיטינג.

לפני שבועות אחדים נתאשרו כאן בחירות היועצים למועצה העירונית, ובכל שלוש הקוריות נבחרו תשעה יהודים, ובהם שלושה ציונים, האדונים מאיר אוסטרי, שלמה

גרניביץ ואבא בירנבוים, שלושת היועצים האלה הם חברים ללשכה הציונית, וגם בין שאר היועצים יש שלושה שוקלים תמידים.

היהודים שמספרם עולה לשבעים וחמשה אחוזים מתושבי העיר, נשאו ונתנו לפני הבחירות עם הפולנים וגם היו נכונים לותר מצדם על שלושה או ארבעה מנדטים, אולם הפולנים הודיעו באופן מוחלט שבאם לא יבטיחו להם רוב מכריע במועצה העירונית, לא ישתתפו כלל בבחירות, וכן עשו, ומפני זה נבחרו בעירנו רק יועצים יהודים.

בכל זאת מצאו היועצים היהודים לנחוץ עתה בבחירת ארבעה חברים למגיסטרט לבחור בשני פולנים ושני יהודים (אחד ציוני).

בישיבה האחרונה של המועצה העירונית בעת אשור התקציב של בתי הספר הפולנים והיהודים, נתעוררה ע״י היועץ מאיר אוסטרי השאלה: במה נבדלים בתי הספר היהודים מהפולנים ,אחרי שבבתי הספר היהודיים אינם נלמדים לימודים עבריים מיוחדים, ודרש להנהיג בבתי ספר אלה גם לימודים עבריים. בהצעה זו תמך גם הפולני סטאש ארטיפיקוויטש. רק היועצים „האורטודוקסים" יצאו נגד ההצעה בטענם שללימודים עבריים יש מקום ב„חדר" ולא ב„שקולעס" שבהם לומדות ילדות. בכל זאת הוחלט ברוב דעות שהמורים היהודים המלמדים עד היום את הלימודים הכלליים ילמדו להבא גם את השפה היהודית, ולהשתדל כי לשנת הלימודים החדשה ימנו מורה עברי מיוחד ללימודים עבריים.

*

„הצפירה", 5 ביולי 1917.

מאקוב.

לפי האיניציאטיבה של הלשכה הציונית המקומית נפתח כאן לפני שבועיים „גן ילדים" עברי העומד תחת השגחתה של הגננת המומחה מרת ל. אושורובסקי מוורשה.

בשבת שעברה היתה כאן אספה כללית של כל הורי הילדים בנשיאותו של מר מ׳ בז׳וזו, אחרי מסירת דו״ח ובאור ערכו החינוכי והחברתי של ה„גן" נבחר ועד הורים בשביל הנהלתו שבו נכנסו האדונים: י. מ. פליאטוי, י. רעקאנט, ש. גרניביץ, י. מוסקין, י. מ. ווילנברג, והגבירות פ. ברנבוים ול. ווילנברג.

ביסודו של „גן הילדים" זה, שבו לומדים כבר כעת כשלושים ילד, נעשה שוב צעד אחד קדימה בהתפתחותה הנורמלית של השפה העברית בעירנו. יש לקוות שהוא יתפתח וישתכלל במשך הזמן ויעמוד על הגובה הראוי לו.

בשבוע זה נפתחה בעירנו מחלקה חדשה של מתחילים ע״י שעורי ערב דפה.

*

„הצפירה", 25 באוקטובר 1917.

מאקוב.

ביום ב׳ דחוהמ״ס היתה פה באולם בית־עם האספה הכללית של האגודה „צעירי ציון" המקומית. מן הדו״ח שמסר היו״ר אפשר לראות שהעבודה הציונית הולכת

ומתפתחת בעירנו באופן מצוין הן בחומר והן ברוח. מספר חברי האגודה מגיע כבר למאה, ומספר השוקלים בעיר עד 170.

במשך הקיץ ערכה האגודה שלוש עשרה הרצאות פומביות שהועילו הרבה להפצת הרעיון הציוני בין חוגי הצעירים, חמישה נשפים שהזמן גרמם ושני ימי פרחים: בל״ג בעומר ובחמשה עשר באב שעברו.

הכנסות היו לאגודה במשך חצי השנה סך 1202,76 מרק מזה 615,25 מרק לטובת ק״ק ונגועי המלחמה בא״י, והשאר לסדור לשכה ציונית, תמיכת שעורי ערב עבריים ובית עקד.

באספה דנו גם כן על סעיפי הפרוגרמה של הקונפרנציה הציונית העתידה וע״ד אופני העבודה הציונית וסדורה בעירנו, בנידון זה נתקבלו החלטות חשובות ביניהן: 1) לעזור יסוד אגודת „מזרחי״ בעירנו, 2) לפתוח בראשית החורף בית מחסה בשביל שלוש מאות ילדי עניים החוזרים על הפתחים, 3) ליסד אגודה „פרחי ציון״ שבה יתקבלו בתור חברים צעירים וצעירות משלש עשרה עד שמונה עשרה שנה. לאחרונה נבחר ועד ציוני שבו נכנסו הח״ח: צבי אורלובסקי, גיטל וילנברג, פיוול בלום, י. מ. סקורניק, נתן מונצ׳קובסקי, חיים מונטליאק ושמעון רוזנטל. ע״י הועד נבחרו גם שש ועדות: להכנסות, ל„קרן קיימת״, לשפה העברית, לתעמולה, לפילנטרופיה ולבקורת.



בזר למען קרן־קימת במאקוב, בשנת 1934

באַזאַר לטובת קרן־קימת אין מאַקאָוו, אין יאָר 1934

לועידה הציונית שתתקים בוורשה ביום 28 אוקטובר נבחרו החברים אבא בערענבוים ומשה בזווז בתור צירים של הלשכה הציונית בעירנו.

*

„הצפירה" 6 ביוני 1918.

מאקוב.

בית־עם בעירנו נכנס בימים האחרונים לרשותו של הועד הציוני יחד עם הביבליוטיקה שלו המכילה כאלף ספרים. לרגלי דבר זה נתגבר ערכה של אגודת „צעירי־ציון" ומספר חבריה כבר עולה ליותר ממאה וחמישים איש. בבית־עם נערכות מזמן לזמן הרצאות שונות על ענינים לאומיים, בעת אחרונה הרצה: מר ליפמן וד"ר מירלאס מפולטוסק, מר ישראל שטרן מאסטרולנקה והחברים המקומיים: ה"ה משה בז'וזו, המורה קוצ'יאק, פיוול בלום, ישראל מונצ'קובסקי ואחרים. בחריצות יתרה עובדת הקומיסיה של הפונד הלאומי, היא התחיבה לאסוף השתא אלפים מרק ומחצית הסכום כבר אספה, בעת שעד עתה היו מאספים פה לטוב הקה"ק רק שלוש, ארבע מאות מרק לשנה. גם אגודת „פרחי ציון" שכל חבריה הם נערים־ות בני י"ג—י"ז שנים, מתפתחת יפה, מספר החברים עולה על שמונים, בשעורי הערב העבריים שפתחה, לומדים בשקידה רבה פ"ד תלמידים ותלמידות את השפה העברית מפי שני מורים. יש לה, לאגודה זו מעון מיוחד וביבליוטיקה לבני הנעורים, בראש האגודה עומד ועד, ועל ידו קומיסיות אחדות.

ההסתדרות הציונית בפולין ארגנה בקיץ שנת 1917 מבצע של אסוף חתימות על גלוי דעת בדבר ארץ ישראל לעם ישראל.

כל חותם מחויב היה לתרום למען נגועי־המלחמה בארץ־ישראל. בעירנו נקבצו 1034 חתימות ותרומות בסכום של שלוש מאות ותשעים זהובים.

תולדות הרבנות במאקוב עד שנת תרמ"א

העתיק וערך **משה צינוביץ**

רשימה זו פורסמה ע"י ר' משה ניימאן ממאקוב ב„הצפירה" משנת תרס"ה (1900) גליון מספר 281. ואלה הם דבריו.

עירנו נודעת לשם בספר הדורות, על ידי רבניה וגאוניה הגדולים, אנשי השם אשר לאורם הלכו רבים וממימיהם אנו שותים עד היום, ביניהם יחשבו: הגאון מ' אברהם אביש, שהיה לפי המסופר אחיו של הגאון הגמ' צבי־הירש גינזבורג, אב"ד במזריטש, אביו של הגהמ"פ מ' אברהם אביש אב"ד בפפד"מ (בפרנקפורט דמאין), נפטר בשנת תקי"ד.

בימיו היה הגאון מ' משה הכהן מגיד בעירנו (מובא ב„קהלת משה").

בשנים של אחר כך היה הגאון מ׳ דוד מגיד בעירנו. נפטר בשנת תקע״ה, על מותו נשא מספד תמרורים הק״מ משה זאב מביאליסטוק, והוא נדפס בספרו „אגודת אזוב״ (ביאליסטוק תקפ״ד ב„אלון בכות״).

הגאון הנודע מ׳ אריה לייב צונץ בעל מחבר הספרים: „יעלת חן״, „גט מקושר״, „פני אריה״ ועוד. בספרו „פני אריה״ הוא כותב „בעת ששנינו סוגיא זו בק״ק (בקהילה קדושה) מאקוב בשנת תקפ״ז נפטר בווארשא ג׳ איר תקצ״ג״. אלפי יהודים לוו אותו לבית עולמו. בספר אבן הבוחן של הדרשן ר׳ נתן חיימזון מאורל. בדרוש ג׳ מובאו דברי ההספד שנשא על הגאון ר׳ לייב צונץ זצ״ל.

הרב הקדוש מ׳ נתן, חתן הרב הקדוש מ׳ חיים חייקיל מאמדור, תלמידו של הרב הקדוש מלובלין („החוזה מלובלין״), העמיד תלמידים רבים (בהקדמת ספרו „חיים וחסד״ ו„בשם הגדולים החדש״).

הרב הקדוש ר׳ אברהם אבלי רוזן, בעל מחבר הספר „ברכת אברהם״ על קבלה, היה תלמידו של הרה״ק מאמדור הגאון מ׳ פייביל דאנציגר, תלמידם של הרבנים הקדושים מה״ר שמחה בונם מפשיסחה ומה״ר מווארקי (מובא בספר שו״ת „חמדת שלמה״ שלחן ערוך אבן העזר, סימן ח׳) והוא אביו של הרה״ק בוצ״ק (בוצינא קדישא) מ׳ יחיאל זצ״ל מאלקסנדר.

בסוף הקדמת הספר „ברכת אברהם״ של הרב אברהם אבלי נאמר: „ונשלם זה החבור, יום גימ״ל שהוכפל בו כי טוב בז׳ אדר שנת תק״פ לפ״ק פה מאקוב הסמוך לע״מ ווארשא״.

הגאון מ׳ משה צבי זינגר בעל מחבר הספר „חדושי מהר״ם צבי״, בחלק ב׳ של הספר עמוד כ״ח כותב הרב המחבר: „רוב מהדרוש הנ״ל דרשתי במאַקאָווי בפרשת ויגש כשנתקבלתי להיות שם לרב. ולפי ערך הקהלה שהורגלו בגדולי ישראל מהראוי לדרוש לפי ערכם״. בהקדמה לספר שכתב בנו נאמר: „ורבים השיב מעין במוסריו הנעימים היוצאים מן חדרי לבבו הקדוש, בשלושה בתי דינין: בעיר מאַקעווע ואחריו בעיר סאָקאָלאָוו ואחריו בעיר שעדליץ״.

הגאון מ׳ אליעזר הכהן בעמח״ס „אבות דר׳ אלעזר״ וחדושי מהר״ך והיה בסוף ימיו אב״ד בסאָחאַטשאָב

הגאון אפרים פישל סאלומון, נין ונכד להגאונים מהר״ם מלובלין ומהרש״ל, הוא שמש פה בכתב הרבנות משנת תרט״ז עד יום עלותו השמימה, הוא כ׳ שבט תרמ״א. מלבד שהיה גאון גדול בתורה עשה לו שם עולם לא יכרת בטוב לבבו ונדבת רוחו כי היה הראש והראשון לכל דבר צדקה בעירו והרוח החיה בכל מוסד נכבד ומפעל טוב.

קאַהן (יחיאל־) מיכאל*

געבוירן אין מאַקאָוו אין יאָר 1867. זיין פאָטער אברהם יצחק מיכעס, אַ פשוטער ייד, פון פאַך אַ סטאָליער, אַ פאַרברענטער מתנגד, איז געווען אָנגעזען אין שטאָט, אַ סך יאָרן געווען „דאָזאָר", געשפילט אויך אַ ראָלע אַלס פאָדריאַטשיק פון דער רעגירונג ביי שאָסייען. געווען אַ וואַלד־סוחר אאַז״וו. באַקומען אַ שטרענג יידישע דערציאונג, פון 3 יאָרן אָן געלערנט אין חדר און ביי מלמדים גמרא, צו 12 יאָר — ביים רב אין גאָוואָראָווע (אָסטראָלענקער קרייז), זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פעאיקייטן, התמדה און גרויסער פרומקייט, הגם געווען צו לעבנסלוסטיק צו שלעפן דעם שווערן יאָך פון חדר, צו 13 יאָר אַנטלאָפן פון דער היים קיין ווילנע, געלערנט אין ר׳ מעלהס קלויז, אין ר׳ שמואל פעסקינס כיתה, שטאַרק אָפגעקומען אַלס אָרעם־בחור, זייער פיל אויסגעשטאַנען אין דער ישיבה פאַר זיין פוילישער אויסשפּראַך, דאָך געלערנט מיט גרויס התמדה, זיך געגרייט צו פאָרן קיין וואָלאָזשין און דערגרייכנדיק די מיליטער־עלטער איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. געפעדלט אין באָסטאָן מיט צעלניק, גערייניקט די גאַסן פון שניי. דערנאָך געוואָרן אַ שניידער, גלייכצייטיק געלערנט ענגליש, פאַרלאָזט דעם שאַפּ, דערטיילט לעקציעס, און דאַן אָנגעקומען אין דער לאַטיינישער הויכשול. צו דער צייט (1886) געהערט זיין דעביוט אין דער „ניו־יאָרקער אידישער פאָלקס־צייטונג", אַרויסגעגעבן פון מ. מינץ און ד״ר בראַסלאַווסקי. אונטער דעם רושם פון דעם פראָצעס איבער די שיקאַגער אַנאַרכיסטן, נאָוועמבער 1887 (וואָס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד), זיך פאַרטיפט אין דעם שטודיום פון דעם אַנאַרכיזם, אָנגעהויבן אויפצוטרעטן אַלס רעדנער און אַגיטאַטאָר. זינט דער באַנייאונג פון דער „פ.א.ש.", יוני 1890, געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער און צו יענער צייט, שוין אַ סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט פון ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, אַריבערגעפאָרן קיין באַלטימאָר, ווו ער האָט שטודירט מעדיצין, אָנגעפירט אַן אינטענסיווע אַגיטאַציע פאַר אַנאַרכיזם. צוויי מאָל איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה און באַשריבן זיינע איינדרוקן און איבערלעבונגען פון דער געפענגעניש אין אַ ריי אַרטיקלען אין „אַרבייטער פריינד", זיך אויך באַטייליקט אין דער אָרטאָדאָקסישער וואָכנצייטונג „דער איזראַעליט", וואָס אַלעקסאַנדער האַרקאַווי האָט דאַן אַרויסגעגעבן אין באַלטימאָר. אָבער צוליב זיין, קאַהנס, מיטאַרבעטערשאַפט, האָט דער דרוקער זילבערמאַן אָפגעשטעלט די צייטונג, כדי נישט איינצורייסן זיך מיט די אָרטאָדאָקסן, וועלכע האָבן פאַרפאָלגט ביטער קאַהנען און זיין פרוי, זיי אַריינגעלייגט אין חרם אאַז״וו. דאַן זיך באַטייליקט אין האַרקאַוויס ראַדיקאַלער צייטשריפט „דער יידישער פראָגרעס", געווען דער פירער פון קאַמף קעגן דער יידישער

* פון זלמן רייזינס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, באַנד 3.

אַרטאָדאָקסיע אין באַלטימאָר, און פאַר אַ שאַרפער רעדע אַפילו געוואָרן אַרעסטירט. דאָך נישט קוקנדיק אויף די רדיפות און אויף דער נויט, האָט ער, אַ דאַנק דער פרוי, וועלכע האָט געאַרבעט אַלס נייטאָרין, געענדיקט זיין שטודיום, באַזעצט זיך, אַרום 1893, אין בראָנזוויל, ניו־יאָרק, און אין אַ פּאָר יאָר אַרום אין ברוקלין, ווו ער האָט פּראַק־טיצירט אַלס איינער פון די דערפאָלגרייכסטע יידיש־עמיגראַנטישע דאָקטוירים. האָט אייניקע מאָל אויך באַזוכט אייראָפּע, שטודירט אין בערלין, געאַרבעט אין דער שאַריטע און אין אַנדערע שפּיטעלער. דעם לעצטן באַזוך, 1923, אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער גרויסער ענגלישער צייטונג „טהע ניו יאָרק איוונינג מייל" באַשריבן אויך אין אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „פ.אַ.ש.". בשעת דער וועלט־אויסשטעלונג אין פּאַריז, 1900, זיך אויך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט אין אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס.

פון זיינע אומצייליקע אַרטיקלען אין דער „פ.אַ.ש." (מיט וועלכן אָרגאַן ער איז אַלס איינער פון די ערשטע פירער פון דעם אַנאַרכיזם אין אַמעריקע, פאַרבינדן איבער 27 יאָר פון איר עקזיסטענץ), פּובליציסטישע, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע, סאָציאָלאָגישע, קולטור־היסטאָרישע, אַ סעריע אַרטיקלען „וואָס ווילן די אַנאַרכיסטן", 1921, וועלכע באַהאַנדלען די טעאָריע און די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דעם אַנאַרכיזם, פון די פאַרשיידענע שטרעמונגען און פאָרשטייער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. האָט אויך איבערזעצט בעללאַמיס „לוקינג בעקוואַרד" (אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד"), פּ. קראָפּאָטקינס „מעמואַרן פון אַ רעוואָלוציאָנער" (אין „פ.א.ש."), געשריבן אַ גרעסערן אַריינפיר צו די געזאַמלטע לידער פון י. באָוושאָווער, אויך אָנגעשריבן אַ בוך „רעלי־גיע און וויסנשאַפט" און אַ בוך „די מיטלען צום צוועק און וואָס איז דער צוועק".



בקורו של בן־ציון חילינוביץ', חבר מערכת „מאָמענט" במאקוב, בשנת 1919

באַזוך פון בן־ציון חילינאָוויטש, מיטאַרבעטער פון „מאָמענט", מאַקאָוו, 1919

בן־ציון חילינאָוויטש הי״ד

געבוירן אין לאָמזשע אין יאָר 1889. זיין פאָטער, ר׳ נטעלע, אַ ייד אַ למדן און תלמיד־חכם, האָט געגרינדעט די באַקאַנטע מאַקאָווער ישיבה, געווען ראש־ישיבה און מנהל אַ לאַנגע צייט, און באַזעצט זיך מיט דער פאַמיליע אין שטאָט. בן־ציון האָט באַקומען, אַזוי ווי אַלע יינגלעך דעמאָלט, אַ טראַדיציאָנעלע, רעליגיעזע דערציאונג, געלערנט אין חדר, דערנאָך אין פאָטערס ישיבה און אין די ישיבות פון גער און סאָכאַטשאָוו, זיך געגרייט צו רבנות. אונטערן איינפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין יאָר 1905, האָט ער איבערגעריסן דאָס לערנען אין ישיבה און זיך אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכע לימודים, געמוזט צוליב דעם פאַרלאָזן זיין פרומע היים און אַוועק קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָט ער זיך געלערנט צו ווערן אַן אַפּטייקער. אין יאָר 1912 געוואָרן מיטאַרבעטער פון דער טאָג־צייטונג „דער מאָמענט״ אין וואַרשע, דאָרט פאַרעפנטלעכט פובליציסטישע אַרטיקלען, טאָג־בילדער, רעפּאָרטאַזשן א. אַנד.

נאָך פוילנס אומאָפּהענגיקייט, אין 1918, געווען סיים־קאָרעספּאָנדענט פון „מאָמענט״, „ווילנער צייט״, „לעמבערגער טאָגבלאַט״ און פון אַ ריי אַנדערע צייטונגען. פאַרעפנטלעכט אויך אונטערן פסעוודאָנים בן־אדם, בן־ציון, בן־צמח, וויטש און אַנדערע.

בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע איז ער אין וואַרשעווער געטאָ, געווען אַ מיטגליד פון דער אַזוי גערופענער ווירטשאַפטס־קאָמיסיע, און אָנגעפירט, צוזאַמען מיט קיפּניסן, דעם פּרעסע־רעפעראַט פון „דזשאָינט״. אָנהויב 1942 באַקומט ער פון דער מאַכט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַן אָוונט־צייטונג אין יידיש, וווּ חוץ מעלדונגען איז אויך געווען נייעס און אינפאָרמאַציע, וואָס האָט אַ ביסל אויפגעהייטערט די יידן אין געטאָ. בעת דער אַקציע, זומער 1942, איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע שרייבער, וואָס האָבן געוווינט אין זעלבן הויז און מיט זיין משפּחה, אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרט אומגעקומען.

(לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, דריטער באַנד)

*

בן־ציון חילינאָוויטש פלעגט קומען אויף פּסח און סוכות, טיילמאָל אויך אין די הייסע זומער־חדשים אַ היים, קיין מאַקאָוו. אויף דער איינלאַדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז ער אויפגעטראָטן מיט רעדעס און לעקציעס אויף פאַרשיידענע טעמעס, ליטעראַרישע און פּאָליטישע. זייענדיק גוט באַפריינדעט מיטן גרויסן הומאָריסט יוסף טונקעל („דער טונקעלער״), רעדאַקטאָר פון דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג פון „מאָמענט״, און האָבנדיק אַליין אויך אַ נייגונג צו הומאָר און שפּיל, איז בן־ציון אויפגעטראָטן אויף די אויפנאַמעס און באַנקעטן, וואָס מיר פלעגן אים איינאָרדנען, מיט מאָנאָלאָגן און פּאַראָדיעס פון טונקעלערס רייכן רעפּערטואַר. אויך געלערנט אונז זינגען חסידישע און סאַטירישע לידער.

זיין עלטערער ברודער ר׳ שמואל־חיים חילינאָוויטש הי״ד, איז געגאַנגען אין פּאַטערס, ר׳ נטעלעס דרכים. ער האָט געוירשנט די הנהלה פון דער ישיבה ביז זי האָט זיך ליקווידירט אין יאָר 1914 ביים אויסברוך פון דער מלחמה.

זייערע צוויי שוועסטער פייגל און לאהטשע זיינען געווען אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוערינס. לאהטשע איז יאָרן־לאַנג געווען מיטגלידערין פון ציוניסטישן ועד, געווען טעטיק אין „קרן קיימת" און אין דער קולטור־קאָמיסיע. אין זייער היים זיינען זיך אַמאָל צונויפגעקומען יעדן שבת גרופּעס יוגנטלעכע, כדי צו לערנען יידישע געשיכטע און ליטעראַטור.

לאהטשע מיט איר פאַמיליע האָבן זיך געראַטעוועט פון לאַגער און זיך באַזעצט אין אַמעריקע. **י. מ. ס.**

דרך מלאת חתחתים ותלאות

מתוך הספר „תנובת ציון" מאת הרב בן־ציון רוזנטל נ"י, רבה של קהילת „שערי תורה אנשי מערב" בשיקאגו, שנת תשכ"ב

...נתגלגל הדבר ואחר כך באתי בברית הנשואין עם זוגתי הראשונה מרת חוה ע"ה, בתו של הרבני החסיד המפורסם ר׳ מרדכי שמואל ישמח ז"ל הי"ד מעיר מאקוב.

אחרי חתונתי נעניתי לבקשת חותני ז"ל והייתי סמוך על שולחנו כחמש שנים שבהן התמסרתי לתורה ולעבודה בהתמדה רבה.

כמה שנים הייתי מורה־צדק בעיר, שלא על מנת לקבל פרס, כי חותני זקני הנדיב המפורסם רב בצלאל וילנברג ז"ל ספק לי די צורכי בכבוד גדול.

„לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי", הפסוק הזה של דוד המלך עליו השלום עולה על דעתי ברשמי זכרונותי האיומים אשר עדו עלי.

בפרוץ המלחמה הנוראה השניה נמלטנו, אני אשתי ובני ביתי מגיא צלמות הנאצי ימח שמם, והגענו, אחרי טלטולים וגלגולים רבים, ליערות סיביריה שברוסיה ושם היינו אסירים שנה וחצי. יצאנו משם בדרך נס והלכנו למדינת אוזבקיסטאן. היינו למעלה משני חדשים נע ונד בדרך מלאת חתחתים ותלאות, באם הדרך מתו עלי מתוך יסורים של רעב וצמאון שתי הילדות היקרות שלנו. לאחר שנת אבל, כאב ותוגה, נפטרה גם אשתי נשמתה עדן, ונשארתי גלמוד כאבן בחיים של צער ויסורי נפש. שוב ישבתי ללמוד בהתמדה גדולה שלא לפול חס ושלום ביאוש רחמנא לצלן... וגם לימדתי עם כמה בחורים תורה.

בזמן שבתי במדינת אסיה, בעיר ראטרג׳י, סמוך לסאמארקנד, תיקנתי תקנות גדולות ליהודים הספרדים דשם, כי הם היו יראים וחרדים, אבל לא היה להם מנהיג שידריך אותם על פי דרכי התורה... ועברו על יסודות התורה הקדושה בשוגג... כל התקנות ולימוד תורה ברוסיה הקומוניסטית היו בחזקת סכנה לי וגם לאלה שמלאו אחרי.

בשובי למדינת פולין נתקבלתי למשרת ראש ישיבת „נצח ישראל" של שארית הפליטה בעיר לודז', ואחר כך בעיר קאטוביץ עד שבאתי לצרפת משם למדינת אמריקה, בשנת תש"ח קבלו אותי בעיר שיקאגו לרב בקהלת „בני אברהם לאנשי וורשה".

כעבור שנתיים נתקבלתי לרב בקהילה „שערי תורה אנשי מערב" נר"ו (נטרם רחמנא ופרקם) המכלכלים אותי בכבוד גדול ואף עזרו לי לבוא לארצות הברית.

ואלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי, על מיתת ילדותי שנספו בימי הזעם הנורא, וגועו מתוך עוני וצער ורעב במדינת אסיה.

בתי הילדה פרידה ע"ה בת ה' שנים, עלתה נשמתה ביום ג' מר־חשון שנת תש"ב, בתי הילדה פיגה ע"ה בת ז' שנים, עלתה נשמתה למרום ביום י"א מר־חשון שנת תש"ג תנצב"ה.

גם אציגה־נא יד ושם לזכרון עולם לאמן, לאשתי הראשונה הצנועה והצדיקת מרת חוה נשמתה עדן, בת הרב החסיד ר' מרדכי שמואל ע"ה, נפטרה ח' בשבט שנת תש"ג תנצב"ה, זכר כולן לברכה.

מצבת קדושים

מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה, על חורבן בית ישראל הנחרב באירופה, ששה מליונים קדושים וטהורים מאחינו ואחיותינו, על מיליון ילדים נשמות טהורות שהועלו על המוקד על ידי הרוצחים הגרמנים הארורים ימח שמם, בכבשני אש, ובכללם הקהילה הקדושה דעיר מאקאוו (פולין) שנחרבה והובלה לטבח על עקידת מיידאנעק וטרבלינקה. היתה עיר ואם בישראל, ביחוסה שישבו בה על כס הרבנות גאונים וצדיקים היינו: הגאון ר' ליבש חריף זכר צדיק לברכה מפלוצק, ר' אלעזר פולטוסקר זצ"ל, ר' פייוול גריצר זצ"ל זי"ע (זכותו יגן עלינו). בה נתיסדה הישיבה הראשונה במדינת פולין בשנת תרנ"ו על ידי הגאון והצדיק והפרוש ר' נתן נטע חילינוביץ זצ"ל, מעיר לומז'ה.

במקום הזכרה אזכור נשמות ידידי: הרב הגאון ר' יצחק צבי אדעלברג ז"ל, רבה האחרון של קהילת מאקוב. והרב הגאון חריף ובקי חסיד מפואר ר' ישראל סגל ז"ל, והרב הגאון ר' זאב פיינצייג ז"ל, היה מנהל החדר „יסודי התורה" ובפרט נשמות קרובי בני משפחתי הלא הם: ר' ירוחם מונקרש ומשפחתו, ור' צבי אורלובסקי ואשתו, ר' מנדל סטודנט ראש הקהל האחרון. הרבני החסיד ר' אהרון בולמן, ר' יעקוב דוד הענדל, החסיד המופלג ר' שמעון חיים בנו של הגאון ר' נטע חילינוביץ ז"ל ואשתו בת־שבע עליה השלום, מנהלת „לינת צדק", ועוד בעלי־הבתים תלמידי חכמים יראים ושלמים, חסידים ואנשי מעשה, יזכרם אלקינו לטובה עם שאר הקדושים וצדיקי עולם.

ארץ אל תכסי דמם ואל יהיה מקום לזעקתם, עד אשר ישקול ד' ממרום וינקום נקמתו, ויגאלנו גאולת עולם במהרה בימינו אמן.

העתקה מתוך הספר בשנויים קטנים ע"י י. מ. ס.

דברי אבל ותנחומים על פטירת הר"ר מרדכי פינקעל ז"ל

(„הצפירה", 24 ביולי 1903)

הגיעה אלינו שמועה מעציבה כי הרב רבי מרדכי פינקעל שבק חיים לכל חי אחרי מחלה ממושכה בעיר אסטראווא פלך לאמזא.

רבי מרדכי פינקעל היה משרידי ת"ח של הדור הישן, הוא היה בן הגאון המצוין רבי פישילי זצ"ל שהיה אב"ד במאקוב ורוב ימיו ישב בבריסק דליטא ועסק במסחר והגה בתורה וגם היה קורא בספרי השכלה, אדם של צורה, תלמודי מובהק, בעל רוח עצה ודעת, בן משפחה מיוחסת היה, רבי מרדכי פינקעל נמנה כל ימיו בין בעה"ב החשובים והמעולים.

בדמי ימיו שב ויקבע מושבו במאקוב, והיה שם ביתו אחרי פטירת אביו, ויהי שם מהראשונים לכל עניני צבור, התורה והעבודה, וערכו היה נשגב בעיני כל בני עירו.

בשנים האחרונות הלך וחלש, ומחלה מאנה הרפא דכאה את גוו האיתן, ואף כי עוד לא הגיע לזקנה מופלגת, כי רק כשבעים שנה מלאו לו — הלכה המחלה הלך וכבד, וגם מסבות חייו התהפכו עליו, ויגר בבית גיסו באָסטראוו, ושם הכבידה המחלה את אכפה עליו ותכריעהו.

הוא הניח לאנחות את בנו, הוא סופרנו הנכבד מר אלעזר דוד פינקעל, את צאצאי בנו המנוח, את משפחת אשתו המנוחה שהוקירו את מעלתו. ישלח להם ה׳ תנחומים, ונפש המנוח תהי צרורה בצרור החיים לנצח ויהי זכרו ברוך לעד.

מפעולות „קרן היסוד" בעיר

מכתב שפורסם בעתון „היום" בספטמבר 1925

ממאקוב כותבים אלינו:

ביום ה׳ 20 לאוגוסט, באו אלינו הרב יצחק בורג וד"ר יוסף שולמן, כדי לנהל מגבית לטובת „קרן היסוד".

המשבר הכלכלי וגם התנאים המקומיים הבלתי נוחים, לא יכלו ליצור קרקע נוח לעבודה רחבה, והועד המקומי דרש אפילו מאת הלשכה המרכזית לדחות את המגבית. אולם המשלחת לא התחשבה עם החלטתו זו של הועד המקומי, ותבוא

למאקוב, ומאושרים אנו לראות ולהיוכח, עד כמה חסר יסוד היה יאושנו הקודם. כי על אף כל צוק העתים, נשאר העם נאמן לרעיון של א״י, ואת זה הוראינו לדעת בשבוע „קרן היסוד" שנערך בעירנו.

האורחים הנכבדים ערכו בהצלחה שלש אספות־עם, ועוררו את הלב לרעיון של א״י. התוצאות הממשיות של עבודתם עברו את כל אשר פעלנו, וביחס לשנה שעברה גדל מספר התורמים בחמשים אחוז.

מוצאים אנו לנחוץ להזכיר את עבודתם המסורה של ה״ה מ. אוסטרי, א. ברנבוים, י. מ. לוו, שר, ורקנט שעמדו לשורתה של המשלחת, ובמשך כל זמן המגבית עבדו ברוב מרץ והצלחה. בעבודה המעשית עזרו גם כן הח״ח י. מ. סקורניק, מ. רוזנברג וחברי „השומר הצעיר".

אל הועד החדש נבחרו החברים: ש. רקנט — יושב ראש, א. ברנבוים — סגן יו״ר, מ. אוסטרי — גזבר, י. מ. סקורניק — מזכיר, י. מ. לוו, ש. פיאנקו ומ. רוזנברג.

יהודי מאקוב ישארו זמן רב תחת השפעתה של המגבית המוצלחת הזאת לטובת מפעל הבנין של א״י.

א. מקובאי

כל העסקנים במגבית ההיא למען „קרן היסוד" הנזכרים במכתב, חוץ ממני, הכותב את השורות האלה — כולם יהודים נכבדים, משכילים, שעסקו בצרכי ציבור באמונה, ניספו בשואה. הי״ד.

י. מ. ס.

הסופר אלעזר דוד פינקעל ז״ל

אביו הרב ר׳ מרדכי דוד פינקעל, בנו של הרב המפורסם ר׳ אפרים פישל ז״ל, היה, לפי דברי ידידו נחום סוקולוב „תלמיד חכם הגה בתורה וגם היה קורא בספרי השכלה, אדם של צורה, תלמודי מובהק בעל רוח עצה ודעת". בשנות השמונים של המאה שעברה פורסמו ב„הצפירה" מכתביו של ר׳ מרדכי פינקעל, הוא כתב על מאורעות העיר בטוב־טעם ובשפה ברורה המעידה שמלבד היותו תלמיד חכם, נהירין היו לו מכמני הלשון. בנו אלעזר דוד נולד במאקוב בשנת 1862, למד בבריסק דליטא, בעיר שהוריו עברו לגור, תורה ותלמוד, ושמו הלך לפניו כתלמיד מובהק ועלוי, הלך בעקבות אביו ושם מעיניו גם בספרי מדע וחקירה, היה מחונן בכשרונות לרכוש שפות בנקל, וידע לשונות הקלסיות ולשונות העמים על בוריין, לרבות גם ערבית ויפנית, תרגם ספרים מספרות העולם לעברית. אחרי פטירת סבו, הרב ר׳ אפרים פישל ז״ל, חזרו הוריו לגור במאקוב.

ב„הצפירה״ של 12 ביוני 1881, בזמן הפרעות ביהודים בדרום־רוסיה נדפס מכתב מאלעזר דוד, וזו לשונו:

מאקוב.

„אדוני המו״ל!

יקבל־נא כבודו סך של תשעה רוכ׳ (רובל־כסף) בעד אחינו העשוקים בערי הנגב אשר נקבץ על ידי מאת האנשים האלה:״ (כאן באה רשימת התורמים ביניהם אביו הר״ר מרדכי פינקל 3 רו״כ והוא, הכותב 2 רו״כ), ומסיים את המכתב בנוסח זה: „ואקוה כי בבוא הדבר בדפוס ימהר גם ידידי נתן אביגדור רוזנברג מפה, לשלוח את יתר הנדבות הנאסף ע״י לערך עשרים רו״כ.״

אלעזר דוד מהר״מ נ״י (בן הרב מרדכי נרו יאיר) **פינקעל**

באותה שנה לקח לאשה את בתו של הגביר נחום הלברשטט מוורשה, שהיה יהודי הדוק וחסיד, ובחר באלעזר דוד כבן תורה ולמדן, לחתן עבור בתו שיהיה סמוך על שולחנו ויעסוק בתורה, כפי המנהג לפנים אצל יהודי פולין. אולם חתנו, במקום ללמוד גמרא ופוסקים קרא ספרי השכלה ולמד לשונות לועזיות. המעשים האלה גרמו לסכסוכים בינו ובין חותנו החסיד עד שנפרד ממנו והמשיך בלמודיו.

הוא התחיל לתרגם דברי מדע משפות אחרות לעברית והדפיסם ב„הצפירה״ וב„המליץ״, השתתף גם בתרגום ספרו הגדול של קרפלס: „תולדות הספרות העברית״ ועוד ספרים רבים, עד שנעשה מהעוזרים הראשים של „הצפירה״ בה עבד כעשרים שנה, אחר כך עבר לעתון האידיש „היינט״ בוורשה, ובאותו זמן פירסם גם מאמרים בשבועון „הצפירה״. מבחר מאמריו המקוריים ודברי תרגום אסף בספרו „פרקי דרבי אלעזר״ א־ב וורשה תרס״ד—תרס״ה). כל ימיו ישב על התורה והעבודה וקנה הרבה חכמה ודעת כאביו בזמנו היה חביב ונערץ על חבריו וידידיו, כי היה ענו ותמים בכל דרכיו.

במלחמת העולם הראשונה, בזמן שלטון הגרמנים בפולין, חלה במחלת הטיפוס ונפטר בדמי ימיו בתשעה לחודש יוני (כ״ט סיון) שנת 1918.

על כגון דא נאמר: „חבל על דאבדין ולא משתכחין״.

יעקב מ. סקורניק

מקורות:

ג. קרסל: לקסיקון הספרות העברית בדורות האחרונים, כרך שני.


„הצפירה״: 24 ביולי 1903.

„הצפירה״: שבועון 25 באפריל 1918.

הרב ר' אפרים פישל ניימאן ז"ל — רבם של אנשי מאקוב בניו-יורק

נולד בעירנו בשנת 1882 אצל אביו ר' מרדכי ניימאן (נכדו של ר' פישל ז"ל), היה מורה הוראה וראב"ד שנים רבות. (נפטר בשנת תרע"ה).

אפרים פישל למד בישיבת מאקוב בהנהלתו של ר' נטעלע, ואחר כך אצל אבא ואצל ר' חיים הערץ היילפערן ראב"ד בעיר ביאליסטוק שם למד גם שפת המדינה והחוקים הנוגעים לרב ועדתו, למד גם בוילנה בבית מדרשו של הגאון ובמוסקבה. לאחר שקבל




הרב אפריים פישל ניימן זצ"ל, מחבר הספר „בית אפריים", נכדו של הצדיק הגאון ר' מוטלה ממאקוב.

הרב אפריים פישל ניימאַן זצ"ל, מחבר פון ספר „בית אפריים", אַן אייניקל פון מאַקאָווער צדיק ר' מאָטעלע.

סמיכות לרבנות הגיעו, בשנת תרפ״א, הרב, רעיתו הנכבדה בתיה, ושתי בנותיהם העדינות גולדה־רייזל ומאטיל לארצות־הברית ונתמנה לרב בבית הכנסת של אנשי מאקוב בניו־יורק.

כשלושים שנה ישב על כס הרבנות והיה אהוב ומכובד על אנשי עדתו, היה עוסק בצרכי הצבור ופעיל באגודת הרבנים בניו־יורק כחבר ההנהלה. מחונן בכשרון סופר פרסם מאמרים בעניני דת יהדות ודברי ימי ישראל, בכתבי עת שהופיעו בארצות הברית ובפולין בשתי הלשונות: עברית ואידיש. חבר גם ספרים, ביניהם הספר: „דרכי החיים" על חוקות הגויים, מנהיגיהם ומדותיהם (ניו יורק 1948). בקונטרס, „בית אפרים" (ניו־יורק תרפ״ג) כותב הרב אפרים פישל: „בזה אקבע ברכה נאמנה לאנשי עירי מאקוב, הגרים פה במדינת אמריקה, הנכבדים והיקרים, המצוינים באהבת תורה ויראת שמים, אשר אהבתם גדולה אלי ובכל כבוד יספיקו די צרכי בעין יפה". והרב המחבר מסיים: „ואני מתפלל בעדם אל ה' שישלם להם כגמולם ויברך אותם בברכה והצלחה וכל משאלות לבבם ימלא לטובה".



קברו של הצדיק הגאון ר' מוטלה זצ״ל באוהל קברי הצדיקים במאקוב
דער קבר פון הצדיק הגאון ר' מאָטעלע זצ״ל און אוהל פון די קברים פון די צדיקים אין מאַקאָוו

בשנת 1949 עלה הרב אפרים פישל ז״ל ארצה והתישב בעיר חולון. בקיץ של שנת 1952 נסע הרב לבקור בארצות הברית ונפטר פתאום בניו־יורק. מעריציו וקרוביו העלו את ארונו למדינת ישראל בה מצא מנוחת עולם.

אנשי מאקוב לא ישכחו זכרו, זכר צדיק לברכה עד סוף כל הדורות.

י. מ. ס.

מלך ראַוויטש

כיל אַראָנסאָן ז״ל

(געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900 אין שטעטעלע מאַקאָוו, אין פוילן. אין די צוואַנציקער יאָרן אַוועק קיין פּאַריז. דאָרט דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום. געשטאָרבן אין נאָוועמבער 1966)

אַלץ איז ביי דעם גרויסן — אפשר גאָר גרעסטן — קענער פון דער פּלאַסטישער קונסט ביי יידן געווען אומגלויבלעך פון איין זייט און רעאַל און דערגרייכבאַר פון דער אַנדערער זייט. זיינע אויסטערלישע געגנ האָבן אים באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן זיינס. זיין משפחה־נאָמען איז געווען פּראָסט און פשוט: אַראָנסאָן. אָבער אַראָנסאָן האָט עס נאָך פּשוטער געמאַכט: כיל (מסתמא יחיאל). אין פראַנצויזיש האָט מען אים גערופן: שיל — שיל אַראָנסאָן. ער אָבער האָט וועגן די נאַרישקייטן נישט געטראַכט. ער איז געווען פּאַרטאָן אין קונסט בכלל און יידישער קונסט בפרט. ער איז נישט געווען סתם אַ שטאַרקער ליב־האָבער פון קונסט בכלל און ביי יידן בפרט. ער האָט פאַנאַטיש געדינט דער קונסט. צי די געטין פון דער קונסט האָט אים כאָטש אַ ביסל אָפּגעדינט זיין גרויסע ליבע צו איר — און וויאַזוי — דאָס ווייס איך נישט.

איך האָב אים ווייניק געקענט. ער איז קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטן. ער האָט אַלעמאָל ווי אַ שאָטן געוואַרט ביז יענער וועט צו אים צוגיין. צייט האָט ער אַלעמאָל געהאַט. אַלע זיינע פּראָבלעמען זענען געווען קונסט־פּראָבלעמען. עסן, קליידער און דירה האָט ער נישט גענומען שטאַרק ערנסט. זיי זענען ביי אים געווען אַן אָנשיקעניש — וואָס אָן זיי קענען נאַרישע מענטשן נישט לעבן. אויך ער — יחיאל אַראָנסאָן — אַזוי. און — וואָס איז דאָס וויכטיקסטע — אָן לעבן קען מען נישט באַוווּנדערן די קונסט ביי יידן בפרט און נישט־יידן בכלל.

וויאַזוי האָט ער — כיל אַראָנסאָן — אויסגעזען ווילט איר וויסן: מאָגער ווי אַ הונגער־קינסטלער, וואָס טאָמער עפּנט ער אויף דאָס מויל — איז חלילה נישט צוליב עסן, נאָר צוליב דערציילן עפּעס אַ טשיקאַווע באַגעגעניש, אָדער אַ טשיקאַווע מעשה פון דער וועלט פון קונסט. בשעת מיין אַרבעטן אַלס סעקרעטאַר פון פאַראיין פון יידישע זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער אין וואַרשע — זיץ איך אַמאָל פאַרטון אין חשבונות —און האָב נישט באַמערקט, אַז עמיץ איז אַריינגעקומען און שטייט און שוויגט הינטער מיר: איך אַנטשולדיק מיך. אָבער דאָס אינטערעסירט אים נישט — אַראָנסאָנען. ער האָט איצט איין פּראָבלעם: ער וויל פאָרן קיין פּאַריז מחמת דאָרט איז דער צענטער פון דער קונסט פון דער גאַנצער וועלט. און שוין איז ער אַוועק פון קאַנצעלאַריע — און איבערגעלאָזט זיין פּראָבלעם מיט מיר... אָבער ווי גרויס דער נס איז געווען, אין יענע בהלה־יאָרן צו קריגן אַ וויזע און אַ פּאַס אין פּוילן — באַזונדערס פאַר אַ ייד, — דאָס קען זיך נאָר פאָרשטעלן דער, וואָס האָט עס מיטגעמאַכט.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז אַראָנסאָן שוין געווען אין פּאַריז און דאָרט אָנגעהויבן זיין דאָן־קיכאָט־קאַמף — פאַר יידישער קונסט אין דער קונסט־מעטראָפּאָליע פון דער וועלט. דער חלום איז געווען: אַרויסצוגעבן אַ רעפּרעזענטאַטיוון אַלבום מיט רעפּראָדוקציעס פון פיל צענדליקער יידישע מאָלער, וואָס האָבן אין דער מעקקאַ פון דער פּלאַסטישער קונסט פון דער וועלט — אין פּאַריז פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות — אַריינגעטראָגן זייער קאָליר, ליניע, דינאַמיק און גאָט־געבענטשטן טאַלענט. דעמאָלט ווען אַנדערע האָבן אַ ביסל איראָניזירט וועגן דאָן קיכאָטישן פּלאַן — האָט זיך אַראָנסאָן נישט אומגעקוקט אויף זיי. עטלעכע הונדערט פּאָרטרעטן און פּראָפילן פון פּאַריזער יידישע קינסטלערס האָט כיל אַראָנסאָן דאָ צונויפגעפירט. יעדן איינעם פון זיי האָט ער געגעבן די מעגלעכקייט צו זיין פּאַטרעטן אין דעם זיבעטהאַלבן־הונדערט גרויסע פּאָליאָס מיט וויניקסטנס דריי בילדער. די פּראָפילן זענען קורץ, קלאָר און דער עיקר — מיט אייביקן ענטוזיאַזם — געשריבן. דאָס בוך לייענט זיך און די בילדער באַוואונדערן זיך — מחמת אַראָנסאָן פאַרשטייט קונסט בכלל און יידישע בפרט. צווישן די גרויסע מאָלער פון דער וועלט, וואָס האָבן געגלויבט, אַז דער פּלאַן וועט פאַרווירקלעכט ווערן — איז געווען מאַרק שאַגאַל. אַ בוך — ניין, אַ פונדאַמענטאַלער ספר וועגן און פון די וויכטיקסטע מאָלער־יידן אין פּאַריז. אַ בוך — ניין, אַ גרויס ווערק און דווקא אין יידיש איז דאָ געקומען צום וואָרט. פּונקט ווי די פּירושים און עסייען זענען דורך דעם בוך געקומען אויף צו בלייבן. און אַזוי אויך די הונדערטער רעפּראָדוקציעס.ליידער זענען זיי געדרוקט בלויז מיט שוואַרצן קאָליר חוץ צוויי. דאָס טאָר אָבער נישט מינערן דעם ווערט פון דעם בוך, וואָס נאָר כיל אַראָנסאָן האָט עס געקענט צושטאַנד־ברענגען און פאַרווירקלעכן. וויאַזוי? פרעגט איר. גאַנץ פּשוט עס איז אַ נס פאַר דעם יידישן מאָנפּאַרנאַס אין דעם פערטל־יאָרהונדערט צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

דאָס איז אַ מאָנומענטאַל ווערק. לאָמיר עס אָנקוקן פון דער פיזישער זייט: דאָס בוך

וועגט 12 פונט... געדרוקט אויף דעם דויערהאַפטיקסטן פּאַפּיר. די רעפּראָדוקציעס אין קאָלירן זענען נאָר דאָ צו צוויי בילדער. איינס פון חיים סוטין און דאָס אַנדערע פון מאַרק שאַגאַל.

שטיל ווי אַ שאָטן איז ער געקומען פון אַ פּויליש שטעטל קיין וואַרשע — שטיל ווי אַ שאָטן איז ער אַרום דעם יאָר 1926 אַוועק קיין פּאַריז — און דאָרט האָט ער שטיל ווי אַ שאָטן געהאָרעוועט איבער זיין לעבנס־ווערק — בילדער און געשטאַלטן פון מאָנ־פּאַרנאַס.

פריער איז כיל אַראָנסאָן נאָכגעגאַנגען זיין לעבן־גאַנג דער וויזיע פון זיין לעבנס־ווערק — און דערנאָך איז די פאַרווירקלעכטע וויזיע נאָכגעגאַנגען נאָך אים. צוליב עפּעס אַן ענין האָב איך אַ קורצע צייט קאָרעספּאָנדירט מיט אַראָנסאָנען. מיינע בריוו צו אים זענען פול געווען מיט באַוווּנדערונג פאַר זיין דערגרייכטער לעבנס־וויזיע. אָבער זיינע בריוו צו מיר — פול מיט ביטערניש. פריער — בשעת דער אַרבעט — איבער זיין לעבנס־ווערק. איז דאָס געווען אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט מיט גייסטיקער מי און שטודיום.

פערציק יאָר האָט ער געוואַנדערט אין דער מדבר פון דעם נישט־גלויבן אין דער שליחות פון דער קונסט אין לעבן פון אַ פאָלק, אין לעבן פון דער גאַנצער מענטשהייט — אָבער ער האָט זיין חלום־ציל דערגרייכט און דערלעבט. דורך אים האָט יידישע קונסט באַקומען אַ תיקון און דורך אָט דעם תיקון זיין לעבן פול מיט מי און האָפענונג.

איינס פון די בעסטע קונסט־ביכער ביי יידן און זיכער דאָס פאַרנעמיקסטע בוך וועגן דער פּלאַסטישער קונסט ביי יידן, און דווקא אין יידיש.

דער קאָצקער רבי הייסט אַ קלעזמער פון מאַקאָוו שפּילן אויף יידישע חתונות

אין „טאָג מאָרגן זשורנאַל" פון 4־טן פעברואַר 1968 ברענגט דער באַקאַנ־טער שרייבער מנשה אונגער, אַ מעשה פון אונזער שטאָט. געדרוקט אין ספר „עמוד האמת", זייט 127.

דער פאָטער פון חסיד ר' יהושע יעקב פון מאַקאָוו, איז געווען אַ פּשוטער ייד, און זיין פּרנסה איז געווען וואָס ער פלעגט שפּילן אויף חתונות. אין די תקנות פון מאַקאָווער קהילה איז געווען פאַרשריבן, אַז קיינער טאָר נישט שפּילן אויף אַ חתונה אַ חוץ דער דאָזיקער קלעזמער, וואָס דאָס איז געווען זיין איינציקע פּרנסה.

ווען דער קלעזמער איז נפטר געוואָרן, האָבן די שטאָט בעלי־בתים געוואָלט מאַכן זיין זון ר' יהושע־יעקל פאַרן קלעזמער, אַז ער זאָל שפּילן אויף די חתונות. האָט ר' יהושע־יעקל אַזוי גרינג נישט געקאָנט באַשליסן ביי זיך, אַז ער זאָל שפּילן אויף חתונות, ווו

פרויען טאַנצן. איז ר׳ יהושע־יעקל געפאָרן צום קאָצקער רבין פרעגן אַן עצה. האָט דער קאָצקער רבי אים געזאָגט: „עס שטייט מער געשריבן וועגן דעם, אַז מען זאָל נהנה זיין פון יגיע כפו, ווי פון יראת שמים. אָבער עס זאָל זיין בלויז יגיע כפו, און דער מוח זאָל עוסק זיין אין רוחניות״. האָט ר׳ יהושע־יעקל זיך נוהג געווען, אַז ער פלעגט שפּילן אויף די חתונות אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט ער זאָל נישט זען ווי די פרויען טאַנצן. און ווען דער קאָצקער רבי האָט חתונה געהאַט מיט זיין צווייטער פרוי, האָט ער געשפּילט אויף דעם רבינס חתונה.

(צוגעשיקט פון ד״ר יהודה ראָזענטאַל)

ד״ר יהודה ראָזענטאַל

דער מחבר פון „מיינע זיידעס אין מאַקאָוו״, זון פון מאיר־שלמה ראָזענטאַל, למדן און גערער חסיד, איז געבוירן אין יאָר 1904 אין מאַקאָוו. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, איז דער פאָטער מיט זיין פאַמיליע אַריבער וווינען קיין מלאַווע. יהודה ראָזענטאַל האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג, געלערנט אין וואַרשע, שפּעטער אין די אוניווערזיטעטן פון בערלין און לייפּציג און אין דער הויכשול פאַר יודאַאיסטיק אין בערלין. אין יאָר 1939 אָנגעקומען אין די פאַרייניקטע שטאַטן, שטודירט אין דראָפּסי־אוניווערזיטעט, דאָרט באַקומען זיין דאָקטאָראַט. פון יאָר 1942, פּראָפעסאָר אין דער הויך־שול פאַר יידישער וויסנשאַפט אין טשיקאַגאָ. אויף דעם געביט האָט ד״ר ראָזענטאַל פאַרעפנטלעכט פאָרשונגס־אַרבעטן אין צייטונגען און אין וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן אין עברית, יידיש, ענגליש און דייטש.

(ג. קרסל: „לכסיקון הספרות העברית״,
דורות אחרונים, כרך שני, עמוד 842)

זיינס אַ גרויס ווערק פון 780 זייטן אין 2 בענד „מחקרים ומקורות״ איז לעצטנס דערשינען אין פאַרלאַג המדרשה ללימודי היהדות בשיקאגו, בשיתוף עם הוצאת ראובן מס, ירושלים תשכ״ז. דאָס ווערק האָט באַקומען גוטע אָפּרופן פון ערנסטע קריטיקער אין דער העברעאישער פּרעסע סיי אין ישראל און סיי אין די פאַרייניקטע שטאַטן. דער באַקאַנטער העברעאישער, פאָרשער און געלערנטער אפרים שמואלי, האָט פאַרעפנט־לעכט אַ גרעסערע קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ספר אין ניו־יאָרקער „הדואר״, גליון י״ד פון ג׳ בשבט תשכ״ח, אונטערן קעפּל: „יבולו המחקרי של היסטוריון עברי״. אין סוף פון דעם אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן מאמר שרייבט אפרים שמואלי: „ספרו של הד״ר רוזנטאל הוא אוצר בלום של חידושים וסיכומים בחכמת ישראל. הד״ר יהודה

רוזנטאל הוא אחד מתלמידיו הדגולים של בית המדרש הגבוה לחכמת ישראל בברלין (שלו הקדיש מאמר אינפורמאטיבי חשוב בכרך השני של ספרו). לאחר שמילא כריסו ש״ס ופוסקים למד את שיטות המדעים וחיבר יחד תורה, חכמה ודרך ארץ״. דער חשובער מחבר ענדיקט זיין מאמר: „הוא אחד החוקרים היהודים המעטים בארץ זו, הכותבים עברית. ומי יודע אם לא אחד המעטים מבני הדור האחרון של חכמי היהודים בארה״ב שעיקר כתיבתם עברית״.

אין פנקס מלאַווע געפינט זיך אַ ביאָגראַפישע רשימה וועגן זיין פאָטער שלמה ראָזענטאַל, וואָס האָט אָן אינטערעס פאַר יעדן פון אונזער שטאָט. אַגב ווערט דאָרט דער־ציילט, אַז נאָכן טויט פון מגיד „האָבן זיינע קינדער און קינדס־קינדער געהאַט אויס־צושטיין געברענטע צרות פון די חסידים. עטלעכע מאָל האָבן די מאַקאָווער חסידים פאַרברענט דעם אוהל אויפן קבר פון מגיד. דעם מגידס טאָכטער, וואָס האָט גערודפט די חסידים האָבן זיי אַמאָל אין ערב־פסח אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, זיי האָבן איינגעשמירט די שוועל פון איר הויז מיט סמאָלע און זי האָט פאַרשמירט אירע יום־טובדיקע קליידער״...

(ד״ר יהודה ראַזענטאַל, פנקס מלאַווע, ניו־יאָרק 1950)

י. מ. סקורניק



דב הנדל ז״ל
בערקאָ הענדעל ז״ל

ד״ר מנחם גור־קוציאק / חיפה

בערקאָ

(דב הענדעל ז״ל)

ווי לעבעדיק שטייט ער מיר פאַר מיינע אויגן, מיין חבר און יוגנט־פריינד דב הענדעל, וואָס גערופן האָבן מיר אים אין שטעטל: בערקאָ.

פון אַ באַלעבאַטישער שטוב איז ער געווען, דער זון פון ר׳ הלל־הילטשע הענדעל. ער האָט געלערנט אין חדר, אין דער פראָ־גימנאַזיע פון פערעלמאַן און דאַן געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין די באַגריפן פון קליינעם שטעטל — געגאַנגען לערנען אַ פאַך.

ווייניק פאַכן זענען דאַן געווען אין מאַקאָוו: שוסטער, קאָמאַשנמאַכער און שניידער. און אַזוי איז בערקאָ אַנגעקומען צו שניידעריי אין וואַרשטאַט פון בעסטן שטאָטישן שניי־דער אברהם מלאך. אָבער דאָס איז געווען אַ קליינער טייל פון זיין אַרבעט. דער עיקר פון זיין לעבן איז געווען געווידמעט ארץ־ישראל, ציוניזם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין טעטיקייט אין דער יוגנט־באַוועגונג „השומר־הצעיר״.

דער „השומר־הצעיר״ איז געגרינדעט געוואָרן אין מאַקאָוו אין יאָר 1918 דורך מאיר קאַנאַרעק, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין פלאָצק, שפּעטער איז ער באַקאַנט געווען אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער אין מלאַווע.

בערקאָ איז אַריינגעטראָטן אין „השומר־הצעיר״ אין יאָר 1918 צוזאַמען מיט אברהם ראָזענטאַל, יאַנקל שיינבערג, אַלטער קאָציאַק, וואָווע רייטשיק און אַנדערע בחורים און מיידלעך פון שטעטל. אין שפּיץ פון „השומר־הצעיר״ זענען דאַן געשטאַנען שמואל־זעליג הענדעל און יעקב־משה סקורניק.

גאָר אינגיכן שלאָגט זיך בערקאָ אַרויס פון אַלע איבעריקע און ווערט איינער פון די פירנדיקע חברים פון דער הנהגה המחוזית אין מלאַווע. שפּעטער איז ער עולה קיין

ארץ־ישראל, טרעט אַריין אין קיבוץ עין־שמר פון „השומר־הצעיר" און דאָרט פאַלט ער פון אַן אַראַבישער קויל, אין יאָר 1938.

עס האָבן זיך אין אים באַהאַפטן די פעאיקייטן פון אַ פירער, די נשמה פון אַ קינסט־לער און אַ גרויסע ליבע צו מענטש און נאַטור. אָט די אייגנשאַפטן וואָלטן ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען אים געקענט פירן צו גרויסע אויפגאַבן און וויכטיקע טאַטן.

בערקאָ האָט זיך געריסן צו אַן אַנדער לעבן און נישט געפינענדיק עס אין די אָרעמע, הילצערנע הייזער פון מאַקאָוו, פלעגט ער וואַנדערן איבער פעלדער און וועלדער און דאָרט האָט ער זיך אויסגעלעבט אויפן שויס פון דער נאַטור.

אויב דער רבונו־של־עולם האָט רייך געמאַכט מדינת פוילן מיט שיינע לאַנדשאַפטן און פייזאַזשן, איז אַ גרויסער טייל פון דעם געפאַלן אין חלק פון שטעטעלע מאַקאָוו.

דאָס שטעטל אַליין איז געלעגן אין מאַזאָוויע, דער זאַמדיקער, אָרעמער טייל פון פוילן. אָבער אַרום דעם שטעטל זענען געוואַקסן שיינע סאָסנע־וועלדער, האָבן זיך גע־צויגן לאַנקעס ביי די ברעגן פון טייכל אָזשיץ, וואָס האָט זיך געשלענגלט און אַריינגע־שניטן אין דעם שטעטל גופא.

שבת פאַרטאָג. אַלע שלאָפן, נאָר די יונגע מיידלעך און יינגלעך פון „השומר־הצעיר", אונטער דער אָנפירונג פון בערקאָ, לאָזן זיך אַרויס פון שטעטל און גייען אין וואַלד. דאָרט שמועסט מען וועגן ארץ־ישראל, מען זינגט העברעאישע לידער און מען חלומט וועגן אַ פריי יידיש לעבן אין דאָזיקן לאַנד.

אין יענע שיינע פרילינגס־טעג, וואָס דער יונגער דיכטער מנחם האָט באַזונגען אין די פערזן:

> פרילינג איז געקומען, עס שיינט די זון, די הימלען בלוי,
> עס גרינען פעלדער און פרימאָרגנס טובלען זיך אין טוי,
> פון דער שוואַרצער ערד קוקן בלימעלעך אַרויס,
> קוקן און זיי וווּנדערן זיך: — גאָטס וועלט איז גרויס.
> עס קומען אַן די פייגעלעך און זינגען אַן אַ שיעור...

פלעגט בערקאָ מיט זיינע חברים וואַנדערן איבער בערגלעך און טאָלן, פעלדער און וועלדער.

אַ קינסטלערישע נשמה האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם בחורל בערקאָ. ער פלעגט צייכענען, מאָלן, שניצן, קינסטלעריש פאָטאָגראַפירן און מעגלעך, ווען מען וואָלט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו שטודירן, וואָלט אויסגעוואַקסן פון אים אַ מאָלער, אַ סקולפּ־טאָר. אָבער אָנשטאָט דעם, האָט דאָס לעבן אים פאַרשלאָסן אויף לאַנגע שעהן, יעדן טאָג, אין שניידער־וואַרשטאַט, און דערפאַר פלעגט ער זיך אַרויסרייסן ווי אַ פויגל פון אַ שטייג. אין די שפּאַצירן אָדער אין „קן" פלעגט ער אויסדריקן אין געזאַנג דעם גאַנצן אומעט, טרויער און פיין.

עס געדענקען זיך מיר די אָוונטן, ווען מיר פלעגן זיצן אין „קן" פון „השומר־הצעיר" און זינגען דאָס ליד פון אָרעמע מענטשן:

עס איז געווען אַן אָרעמאַן,
נישט געהאַט וואָס צו עסן און אָנצוטאָן...

און שפּעט אין דער נאַכט פלעגן זיך טראָגן אין דער לופטן די לידער פון די שומרים. און נישט נאָר אין דער נאָענטער סביבה פלעגן וואַנדערן די שומרים מיט בערקאָ בראש, אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך: פּולטוסק, רוזשאַן, קראַסנאָשעלץ פלעגן אָנקומען די מאַקאָווער שומרים. באַקאַנט זענען געווען די אויספלוגן („וויציעטשקעס"), וואָס בערקאָ פלעגט אָרגאַניזירן.

און אין שטעטל פלעגט מען זינגען דאָס פּאָפּולערע לידל:

גייען מיר אויף אַ „וויציעטשקע", גייען מיר אויף אַ שיינער,
גייען אויף איר שומרימלעך, גרויסע און קליינע.
בערקאָ איז דער קאָמענדאַנט, מנחם העלפט אים אונטער,
גייען גייט מען זומער, ווייל מען גייט נישט ווינטער...

יאָרן זענען פאַרביי. איך בין געווען סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט און לויפנדיק פון איין קאָ־רעפּעטיציע צו דער צווייטער, האָב איך פּלוצעם דערזען אַ באַקאַנט פּנים — בערקאָ.

— וואָס לויפסטו, מנחם? — פרעגט ער מיך.

און קוקנדיק אויף אים, האָב איך זיך אַליין אַ פרעג געטאָן: צו וואָס דאָס לויפן?

מיר זענען אַוועק איבער די וואַרשעווער גאַסן און שעהן־לאַנג געשמועסט וועגן די מאַקאָווער צייטן.

עס זענען ווידער אַוועק יאָרן. בערקאָ איז שוין אין ארץ־ישראל, געפינט זיך אין קיבוץ, און פּלוצלונג די שרעקלעכע ידיעה: דב הענדעל איז געפאַלן פון אַן אַראַבישער קויל, אין קיבוץ.

אין מאַקאָוו האָבן מיר זיך צוזאַמענגעקומען, מיט אַלע זיינע פריינד און חברים. איך גיי אַרויף אויף דער בינע פון שטאָטישן קינאָ (מ׳האָט שוין אינצווישנצייט אויסגעבויט אַ קינאָ אין שטעטל). כ׳וויל רעדן, אָבער די ווערטער זאָגן גאָרנישט. כ׳פיל נאָר, אַז בערקאָ פעלט, אַז קיינער קען אים נישט פאַרטרעטן.

איך גיי שפּעטער איבער די געסלעך פון מאַקאָוו און איך שפּיר ווי פאַריתומט מיר זענען אַלע געוואָרן צוליבן טויט פון בערקען. מיר דוכט זיך, אַז די הייזלעך זעען אויס נידעריקער, די זון שיינט נישט ווי פריער, דער אזשיץ איז קליין און פלאַך געוואָרן, די וועלדלעך פון דער „גזשאנקע" זעען אויס בידנע און אָרעם — עס פעלט בערקאָ.

אין מדינת ישראל איז די שארית הפליטה פון דער מאַקאָווער קהילה זיך צוזאַמענגעקומען ביי בערקעס קבר אין קיבוץ עין־שמר צו דער יערלעכער אזכרה.

איך שטיי און קוק אויף דעם מצבה־שטיין, ווו עס זענען אויסגעקריצט די ווערטער „דב הענדעל״.

דאָס גאַנצע לעבן פון דעם מענטש איז קאָנצענטרירט אין דעם שטיין. און שטייענ־דיק אויפן קבר פון מיין יוגנט־חבר און פריינד, האָב איך געפילט, אַז דער דאָזיקער שטיין און נאָך אַזעלכע שטיינער — דאָס זענען דער יסוד פונעם בנין פון אונדזער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט, דער יסוד פון אונדזער מדינה.

זאָל דיר די ערד פון אונדזער היימלאַנד גרינג זיין, ליבער חבר און פריינד.

ת. נ. צ. ב. ה.

ישראל פומרנץ ע״ה



ישראל פומרניץ ז״ל
בן חיים ורחל,
נפל במלוי תפקידו בצה״ל
ב־כ״ד מנחם־אב תשי״א

ישראל פאָמעראַניעץ ז״ל
זון פון חיים און רחל׳טשע,
געפאַלן כ״ד מנחם־אב
תשי״א

נולד במאקוב בשנת 1932. בזמן מלחמת הגרמנים בפולין נמלטו הוריו ובני ביתם לרוסיה, ועל ידי כך נצלו מהשואה שהמיטו עלינו הנאצים ימ״ש.

אחרי המלחמה, בשנת 1946, הגיעו מתוך נדודים ותלאות לעיר אולם שבגרמניה. בזמן מלחמת השחרור בישראל גויס אחיו הגדול, שהגיע מגרמניה ארצה עם עליה ב׳, והשתתף בקרבות הדמים על ירושלים. בעקבותיו עלה גם ישראל והתישב בקבוץ עין־חרוד, בו התגורר עד שהמשפחה כולה באה ארצה.

ישראל היה עלם נחמד בעל כשרונות ומרץ, עבד ביום ולמד בלילה, בן נאמן להוריו וחביב על חבריו, יודע נגן וזמרה, עליז ושמח בחלקו.

בשנת 1950 התיצב לצה״ל ונתקבל לחיל האויר. גם פה הצליח בלימודיו והצטיין בתפקידיו, כיודע־נגן השתתף בתזמורת צה״ל.

בשנת 1951, כשחזר מחופש במכונית ליחידה שלו, נספה בתאונת דרכים קטלנית, יחד עם חמשת חבריו בצה״ל.

גדול הכאב והיגון על חיי הצעירים שנגדעו. ומלב חבריו ואנשי עירו לא ימוש זכרו של ישראל ע״ה לעולם.

י. מ. ס.

סג"מ רני וויסברג ז"ל

נפל לאחר מלחמת ששת הימים בעת פינוי מוקשים ברמת הגולן. רני ז"ל נולד בעפולה, להורים יוצאי־מאקוב — יששכר וצילה וויסברג. סבו דב־בריש היה בעל בית־הדפוס היחיד במאקוב. הוא הוא שארגן, ביחד עם תלמידו יעקב, חוג לתנ"ך.



סג"מ רני וויסברג

אבי־סבו, מנחם־מנדל לבקוביץ', הרב מפרשניץ, הוציא אנציקלופדיה לדיני ישראל בשם: „קהלת מנחם".

רני ז"ל ירש את מרבית תכונותיהם וכשרונותיהם של בני המשפחה שנכחדו בשואה, מציור ועד גילופי־עץ. היה בוגר בית־ספר תיכון, ומחנכו העיד עליו שהיה „נער קורן פשטות, ענווה ורצינות; בעל לב טוב, שנכסף תמיד אל היפה והמועיל, מצטיין בלימודיו ובציור, פעיל בחברת התלמידים ומקובל עליהם, בעל כשרונות ובעל סקרנות אינטלקטואלית היה, מגלה עניין בענפי מדע שונים. היה שולף תשובות מהירות וקולעות, צולל למעמקי בעיות מתוך־רוח של בינה ושכל טוב".

בצבא שירת בחיל־ההנדסה, ובמלחמת ששת הימים התמנה לקצין מודיעין של הגדוד. לאחר המלחמה קיבלו חייליו פקודה לצאת למשימה קשה ומסוכנת: הרמת שדות מוקשים סוריים. רני ז"ל דחה את חופשת החתונה שניתנה לו, ויצא בראש חייליו.

ואז התפוצץ אחד המוקשים ושם קץ לחייו. החיוך נותר על פניו גם עם מותו. הוא הותיר חיילים המומים ומעריצים, ובבית — אהובה והורים שכולים.

זכרו המבורך לא ימוש מקרבנו לעולם.

הועד

הרב ר׳ פינחס אינגבערמאַן ז״ל

אומגעקומען אין אַרונטערגעשאָסענעם עראָפּלאַן פון „אל־על״ אין בולגאַריע,
אין יולי 1955

עס ציטערט די האַנט צו שרייבן, אַז הרב פינחס אינגבערמאַן ז״ל איז מער נישט צווישן די לעבעדיקע. דער יונגער און ענערגישער רב איז געווען פול מיט לעבן. תורה און חכמה האָט פון אים שטענדיק געשפרודלט. צו זאָגן תורה איז ביי אים געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן. מיר האָבן דערוואַרט אינגיכן זיך צו פרייען ביי זיין חתונה. אָבער אַנשטאָט זיך משמח זיין ביי אים אויף דער חתונה, האָבן מיר אים געבראַכט צו קבורה.

נאָך אַלס יונגער יינגל, ווען ער איז אָנגעקומען קיין פּולטוסק, ביי וואַרשע, אין דער בית־יוסף ישיבה, ביי דעם ראש הישיבה הרב הגאון ר׳ יצחק עלפאַנד הי״ד, האָט ער שוין געהאַט דעם נאָמען: „דער מאַקאָווער עילוי״. זיין ערשטער שיעור־רבי איז געווען הרב ר׳ משה טורנער שליט״א, היינט אין ברוקלין. ער דערציילט, אַז שוין דעמאָלט, ווען פינחס אינגבערמאַן איז אַלט געווען 12 יאָר, האָט ער שוין אַרויסגעוויזן גרויסע פעאי־קייטן מיט זיין שאַרפן מוח.

שפּעטער קומט ער קיין ביאַליסטאָק אין דער צענטראַלער ישיבה „בית־יוסף״, וואָס האָט געהאַט 36 ישיבות אין פאַרשידענע טיילן פון פוילן, וואָס 12 פון זיי האָב איך געגרינדעט. דער הויפּט־ראש־הישיבה איז געווען דער באַוווּסטער גאון ר׳ אברהם יפה שליט״א, וועלכער איז היינט דער ראש־הישיבה פון דער ביאַליסטאָקער ישיבה „בית־יוסף״ אין ברוקלין.

ווען דער יונגער פינחסל איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, האָט ער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע 400 בחורים, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין ישיבה. כאָטש קיין עילויים האָבן אין דער ישיבה נישט געפעלט, דאָך האָט מען געוווּסט, אַז פינחס מאַקאָווער איז אַ שם דבר. ער איז געווען אַן עילוי אין פולן זין פון וואָרט. סיי אין תורה, סיי אין זכרון האָט ער אַרויסגעוויזן ממש וווּנדער, און אַלס יונגער בחורל האָט שוין דער ראש־הישיבה שליט״א געזאָגט אויף אים, אַז ער וואַקסט אַן אדם גדול, און אַזוי איז ער געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה און מחדש געווען חידושי תורה, ביז די מלחמה איז אויסגעבראָכן. דאַן איז ער צוזאַמען מיט דער ישיבה פאַרשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד, קיין סיביר. ער איז אָנגעקומען מיט אַ גרופּע בחורים אין אַ לאַגער, צוזאַמען מיט דעם ראש־ישיבהס איידעם, הרב הגאון ר׳ יהודה לייב נעקריץ שליט״א, היינט ר״ם אין דער ישיבה בית־יוסף אין ברוקלין.

אין דעם דאָזיקן לאַגער האָט ער געמוזט האַקן האָלץ אין וואַלד, אין די גרויסע סיבי־רער פרעסט, און דערצו ליידן הונגער און נישט האָבן די געהעריקע בגדים, וועלכע מען דאַרף אין אַזעלכע קעלטן. גייענדיק אין וואַלד פלעגט ער מיט זיך נעמען עטלעכע בלע־

טער פון אַ גמרא, און ווען ער האָט געענדיקט די בלעטער פלעגט ער זיך בייטן מיט זיינעם אַ חבר אויף אַנדערע בלעטער. ווען ס׳איז געקומען פרייטיק, פלעגט ער מאַכן אַן עירוב תחומין, בכדי צו קענען גיין שבת פון זיין דאָרף צום צווייטן דאָרף, ווו עס האָבן זיך אויך געפונען ביאַליסטאָקער ישיבה־בחורים. מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען און פאַרברענגען דעם שבתדיקן טאָג אין תורה און מוסר.

ער האָט זיך געהיט נישט נכשל צו ווערן חס ושלום אין חילול שבת אָדער אין מאכלים אסורים. מען קען זאָגן אויף אים ווי דוד המלך האָט מספיד געווען אבנרן: „ידך לא־אסורות, ורגליך לא לנחושתים הוגשו, כנפול לפני בני־עוולה נפלת ויוסיפו כל העם לבכות עליו" (שמואל ב׳, ג׳, לד).

אויך אויף דעם יונגן רב און קדוש קען מען זאָגן: „מיט דיינע הענט האָסטו געשריבן חדושי תורה און געטראָגן בלעטער גמרא; מיט דיינע פיס ביסטו געגאַנגען לערנען תורה, און געפאַלן ביסטו פון אַ פאַרברעכערישער האַנט, וואָס האָט איבערגעריסן דיין בליִענדיק, יונג לעבן".

נאָך דער באַפרייאונג קומט ער, אין יאָר 1946, קיין אַמעריקע, אין דער ישיבה בית־יוסף אין ברוקלין, ווו ער זעצט־פאָר זיין לערנען אייניקע יאָר און ווערט דער רב אין פלעינפילד, ניו־דזשערסי. זייענדיק דאָרט רב צוויי יאָר, ווערט ער שפּעטער אויפגענומען אַלס רב אין „תפארת ישראל" — בריסקער שול אין ברוקלין, ווו ער שאַפט זיך אַ גרויסן נאָמען צווישן רבנים און לומדים. דער 35־יעריקער רב האָט דערגרייכט אין זיין לערנען אַזוי פיל ווי אַן אַלטער רב.

מיר זיינען זיכער אַז השי"ת וועט נישט שווייגן פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט „כי דם עבדיו יקום, ונקם ישיב לצריו, וכפר אַדמתו עמו".

הרב משה הלוי שולמאַן

(„טאָג־מאָרגן זשורנאַל")

יהודה ארז / תל־אביב

מינדל פרידמן־רייצ׳יק ז״ל

הכרתיה עוד לפני שראיתי את פניה אפילו בתצלום. דבר זה מעיד על התכונות המיוחדות של אישיותה.



מינדל רייצ׳יק־פרידמן ז״ל
מינדל רייטשיק־פרידמאַן ז״ל

אסון קרה לי במשפחתי, שהעיב על חיי, אף כי עשיתי מאמצים רבים להסתירו מהבריות. והנה יום אחד אני מקבל מכתב ארוך ממנה, באידיש עסיסית, והוא ספוג כולו מין רוך נשיי ואהבת־אדם, שהפליא אותי הן בצורתו הנאה והן בתכנו האנושי העמוק. כלום גם באמריקה הרחוקה, שעל אנשיה מספרים, כי הם נתונים רובם ככולם ל„ביזנס", ואין להם בעולמם אלא צבירת דולרים — כלום יש אנשים שמועקת הזולת נוגע כל כך ללבם? ושפת־אנוש חמה זו, שיש בה תבלין של נשמה־יתירה בת תרבות העיירה היהודית גומלת־חסדים ושופעת רגישות לצרת הזולת — כיצד נשתמרה בכרך הסואן, שגלגליו הופכים ומהפכים ומרסקים את יישות האישיות? ואני — מה אני לה ומי אני לה? איני אלא ידיד־נעוריו של קרובה. ואף עם ידידי זה לא התראינו עשרות בשנים, ורק לפני זמן קצר חידשנו את הקשרים בינינו.

במכתבה קראה לי לבוא לארצות־הברית להתארח בה איזה זמן, כדי להחליף אויר ואוירה ולהשתחרר מהמועקה. והדברים ללא מלים „גבוהות", ללא פתתיקה. פשוטות המלים, כה כנות, מעוררות אמון, כה שובות־לב.

לא יכולתי להיענות מיד להזמנתה האדיבה. עברו חדשים רבים, שנים, עד שזכיתי לראות לפני בחיים אותה דמות, שצירפתיה בדמיוני על יסוד המכתבים ששיגרה לי. ודמותה בחיים עלתה על דמותה שבדמיוני.

ראיתיה בביתה, במסעדה שממנה התפרנסה, בסביבת משפחתה הענפה, במגעיה עם ידידיה ומכריה ובעסקנות הציבורית שלה — נוסח אמריקה: אי־אפשר היה לא להעריכה ולא להוקירה ולאהבה.

ביתה בית פתוח היה, וכל אשר בו האיר־פניו לכל הבא בצל קורתו. בבואי, כבר מצאתי שם ישראלי אחד יוצא־מאקוב, שעשה רוב ימיו בניו־יורק בביתה. ולפניו נכנס ויצא בביתה ישראלי אחר, שהמלצתי עליו, ומפתח הבית בכיסו, והוא בא ויוצא כרצונו, אוכל ושותה ונח והולך לו, ועקבותיו ניכרים... בפריז׳ידר הגדוש דברי מאכל ומטעמים ממטעמים שונים... וכך נמשך הדבר חדשים רבים, עד שאותו אדם מצא לו אשה והקים לעצמו בית באמריקה, אבל את המפתח לא החזיר...

למותר לאמר, שהרגשתי בבית זה כבביתי שלי, מיד למן הרגע הראשון. וכך כל איש שעבר את סף הבית הזה. כמה האשה הזאת ידעה את סוד הכנסת־האורחים המנעימה!

עד־מהרה ראיתי אותה בעבודתה במסעדה. בעוד חושך בחוץ, היא יוצאת לעבודתה וחוזרת עם חשכה. והעבודה מפרכת. דאגה לקניות, לסדרי המסעדה, לחשבונות, ליחסים עם העובדים, עם הלקוחות — וכך ימים תמימים, שעות על שעות ללא הפסקה. מאין היה לה הכוח הפיזי לכל זה, והיא אשה קטנה, נמוכת־קומה, וכפי שנתברר לאחר מכן — כבר אז קיננה בה מחלה אנושה שקיצרה את ימיה.

ולאחר יום־עבודה — נסיעה לגיסה, לבקר את האם הזקנה, חותנתה. ולעיתים קרובות מאד. ודאגה לבני המשפחה. ולעיתים מזומנות מסיבות החוג של ה„פארבאנד" בביתה; מי שלא ראה את הכנותיה למסיבות אלה, לא ראה עבודת־קודש באהבה וברטט־שבנפש. שעות עמדה והכינה מטעמים שונים: סנדוויצ׳ים זערורים בצורות גיאומטריות שונות, ממולאים גבינות שונות, בשר, נקניק, מסודרים בצורה נאה בצלחות ומקושטים בשלל גוונים של ירקות שונים — תאוה לעיניים. וכל זה ערוך על שולחנות שאף הם היו מקושטים ירק ופרחים, ובקבוקים — מלאכת מחשבת ממש. הייפלא שכל זה הישרה אווירה מיוחדת על החברים באי־הבית? ולמותר לומר, שכל ההוצאה היתה מכיס משפחת פרידמן, וההכנסה כולה — קודש לארץ־ישראל העובדת.

ובהתפזר המסיבה — שעה ארוכה לסידור הבית, עד לאחר חצות־הלילה, ולמחר — עוד לפני שהאיר השחר, שוב לעבודה.

אהבה ללא־גבול רחשה לארץ־ישראל, והערצה לאנשיה, ובייחוד לחלוציה. לא אחת חשבתי, בראותי אותה בעבודתה, כי אילו עבדה כה קשה בארצנו כמו שעבדה בניו־יורק, היתה מתפרנסת כאן בכבוד לא פחות מאשר שם. ולא אחת, חשבתי, כי כמה מחברינו בארץ אינם יודעים להעריך את נאמנותם ומסירותם של ידידינו באמריקה, שבעבודתם

יש לא מעט מהחלוציות — אמנם, נוסח אמריקה. מינדל היתה מהמצויינים שבין ידידי ארץ־ישראל העובדת.

סוף סוף נתגשם חלומה והיא ביקרה, ביחד עם יהושע, בארץ ב־1960, ולא היה גבול לאשרם. נתלוויתי אליהם בסיורם בגליל העליון ובמקומות אחרים. הרבה דיברו שניהם על עליה לארץ. הם חזרו לאמריקה ולבם נשאר בישראל. האמן האמנו, כי עוד יבואו אלינו, יהיו אזרחי ישראל ונהנה מחברתם הטובה — והנה יום אחד הגיעתנו הבשורה הרעה על מותה של מינדל הטובה והמיטיבה.

מחלה ממארת שמה קץ לחייה, והיא נעקרה מתוכנו.

יהודה ארז / תל־אביב

מינדל פרידמאַן־רייטשיק ז״ל

איך האָב זי געקענט אַפילו נאָך איידער איך האָב געזען איר געזיכט אויפן בילד. דאָס באַוויזט די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון איר פּערזענלעכקייט.

אין מיין משפחה האָט פּאַסירט אַן אומגליק, וואָס האָט פּאַראומערט מיין לעבן, כאָטש כ׳האָב געמאַכט גרויסע באַמיאונגען דאָס אויסצובאַהאַלטן פון לייטן. און אָט, אין אַ געוויסן טאָג באַקום איך אַ לאַנגן בריוו פון איר, אין אַ זאַפטיקן יידיש, און ער איז אינגאַנצן אָנגעזאַפּט מיט אַ מין פרויען־סובטעלקייט און מענטשן־ליבע, וואָס האָט מיך איבערראַשט סיי אין זיין שיינער פאָרם און סיי מיט זיין טיפן מענטשלעכן אינהאַלט. קען דען פּאַסירן, אַז אויך אין דער ווייטער אַמעריקע, אויף וועמענס מענטשן מען דערציילט, אַז זיי זענען פון קאָפּ ביז די פיס אַריינגעטאָן אין ביזנעס, און דער איינציקער אינטערעס זייערער איז צו מאַכן וואָס מער געלט — קען דען פּאַסירן, אַז אַזעלכע מענטשן זאָל אָנגיין די פּיין פון אַנדערע? און ווי אַזוי — האָב איך געטראַכט — האָט זיך די דאָזיקע וואַרעמע, מענטשלעכע שפּראַך, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל נשמה־יתירהדיקייט, וועלכע דרינגט אַרויס פון דער קולטור פונעם יידישן שטעטל, וואָס האָט געשפּרודלט מיט מיטגעפיל פאַר יענעמס ליידן — זיך קאָנסערווירט ביי איר אין דער רוישיקער שטאָט, ווו עס ווערט צעמאָלן די אינדיווידואַליטעט פון דער פּערזענלעכקייט? און איך — וואָס גיי איך איר אָן? איך בין דאָך נישט מער ווי אַ יוגנט־פריינד פון אירס אַ קרוב. און אַפילו מיטן דאָזיקן ידיד מיינעם האָב איך זיך נישט געזען צענדליקער יאָרן, און ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן מיר באַנייט דעם קאָנטאַקט.

אין איר בריוו האָט זי מיך איינגעלאַדן קיין אַמעריקע און דאָרט זיך אויפהאַלטן אַ געוויסע צייט, כדי צו טוישן די לופט און די אַטמאָספער און זיך באַפרייען פון דער לאַסט. די ווערטער זענען געווען נישט קיין „הויכע", אָן פּאַטעטיק. פּשוטע, אויפריכטיקע ווערטער, וואָס דערוועקן צוטרוי, דערמוטיקן.

איך האָב נישט געקענט באַלד אָננעמען איר העפלעכע איינלאַדונג. עס זענען פאַרביי אַ סך חדשים, יאָרן, ביז איך האָב געהאַט די זכיה צו זען אין לעבן די דאָזיקע געשטאַלט, וואָס כ'האָב מיר פאַרגעשטעלט אין מיין פאַנטאַזיע אויפן סמך פון די בריוו, וואָס זי האָט מיר געשיקט. איר געשטאַלט אין לעבן האָט נאָך איבערגעשטיגן די גע־שטאַלט, וואָס כ'האָב זיך אויסגעמאָלן אין מיין פאַנטאַזיע.

איך האָב זי געזען ביי איר אין שטוב, אין רעסטאָראַן פון וועלכן זי האָט געצויגן איר פּרנסה, אין קרייז פון איר פאַרצווייגטער משפחה, אין קאָנטאַקט מיט אירע פריינד און באַקאַנטע און אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — נוסח אַמעריקע: עס איז אוממעגלעך געווען זי נישט אָפּצושאַצן, נישט ליב האָבן און שעצן.

איר הויז איז געווען אָפן פאַר אַלע און ווער עס איז אַהין אַריינגעקומען איז אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס. קומענדיק אַהין, האָב איך דאָרט געטראָפן אַן אַנדער ישראלדיקן תושב, אַן אָפּשטאַמיקער פון מאַקאָוו, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט זיך געפונען ביי איר אין שטוב. און פאַר אים איז געווען אַ יוצא ונכנס אין איר שטוב אַן אַנדער ישראלדיקער איינוווינער, וועלכן איך האָב רעקאָמענדירט. ער האָט געהאַט דעם שליסל פון הויז ביי זיך אין קעשענע און פלעגט אַריינקומען און אַרויסגיין ווען ער האָט געוואָלט, געגעסן און געטרינקען, און איז אַוועק איבערלאָזנדיק באַדייטנדיקע שפורן... אין פריזשידער, ווו עס האָבן זיך געפונען פאַרשידענע שפייזן. און אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ לאַנגע צייט, ביז דער מענטש האָט געפונען פאַר זיך אַ פרוי און אויפגע־שטעלט פאַר זיך אַליין אַ היים, אָבער דעם שליסל האָט ער נישט צוריקגעקערט...

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך האָב זיך געפילט אין דער דאָזיקער שטוב אַזוי ווי אין מיין אייגענער היים, שוין פון דער ערשטער מינוט אָן. און אַזוי יעדער מענטש, וואָס איז נאָר אַריבער די שוועל פון דאָזיקן הויז. און ווי אַזוי די דאָזיקע פרוי האָט געוווסט דעם סוד פון אָנגענעמען הכנסת אורחים!

איך האָב זי באַלד דערזען ביי איר אַרבעט אין רעסטאָראַן. ווען עס איז נאָך פינצטער געווען אינדרויסן, איז זי שוין אַרויס צו איר אַרבעט און צוריקגעקערט זיך ווען ס'איז שוין געווען פינצטער. אַ שווערע אַרבעט איז דאָס געווען. זי האָט געזאָרגט פאַרן איינ־קויף, פאַר דער אָרדענונג אין רעסטאָראַן, פאַר די רעכענונגען, פאַר רעגולירן די אַרבעט, קאָנטאַקט מיט די קליענטן — און אַזוי לאַנגע טעג, שעהן נאָך שעהן אָן איבערייס. ווו האָט זי גענומען דעם פיזישן כוח פאַר דעם אַלעם? זי איז דאָך געווען אַ קליינע פרוי, פון נידעריקן וווקס, און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — שוין דעמאָלט האָט איר געטאָטשעט אַ שווערע קרענק, וואָס האָט פאַרקירצט אירע יאָרן.

און נאָך אַ לאַנגן טאָג אַרבעט — אַ נסיעה צו איר שוואָגער, אַ באַזוך ביי איר אַלטער מוטער, ביי איר שוויגער. און דאָס — זייער אָפּט. און די זאָרג פאַר איר משפחה, די אָפּטע מסיבות פון דעם „פאַרבאַנד־קרייז" ביי איר אין שטוב; ווער עס האָט נישט געזען אירע צוגרייטונגען צו די דאָזיקע מסיבות, האָט נישט געזען קיין עבודת־הקודש. מיט ליבע און מיט נשמה־ציטער. לאַנגע שעהן איז זי געשטאַנען און האָט צוגעגרייט די פאַר־שידענע מטעמים: מיניאַטור־סענדוויטשן אין פאַרשידענע געאָמעטרישע פאָרמען, אָנגע־פילט מיט כלערליי קעזן, פלייש, וווּרשט, אויסגעלייגט אין אַ שיינער פאָרם אויף טעלער, באַפּוצטע מיט אַ שלל פאַרבן פון פאַרשידענע ירקות — אַ פאַרגעניגן צוצוקוקן. און דאָס אַלץ איז אויסגעסדרט אויף טישן, וואָס אויך זיי זענען געווען באַפּוצט מיט גרינס און בלומען, און פלעשער — ממש אַ קונסטווערק. איז דען אַ ווונדער, וואָס דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ באַזונדערע אַטמאָספער צווישן די חברים, וואָס זענען געקומען אין שטוב אַריין? עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די גאַנצע הוצאה איז געווען פון טאַש פון דער דאָזיקער משפחה און די גאַנצע הכנסה — געווידמעט דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

און ווען די מסיבה האָט זיך פאַרענדיקט, די געסט זענען אַוועק — דאָס צורוימען די שטוב ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט און אויף צומאָרגנס — נאָך איידער עס איז ליכטיק געוואָרן אינדרויסן — ווידער צו דער אַרבעט.

אומבאַגרענעצטע ליבע האָט זי געטראָגן פאַר ארץ־ישראל, פאַרערונג פאַר אירע מענטשן און באַזונדער פאַר אירע חלוצים. נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, זעענדיק זי ביי דער אַרבעט, אַז ווען זי וואָלט אַזוי שווער געאַרבעט ביי אונדז, אין לאַנד, ווי זי האָט געאַרבעט דאָרטן, אין ניו־יאָרק, וואָלט זי זיך מפרנס געווען דאָ, מיט כבוד, נישט ווייניקער ווי דאָרט. און נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, אַז אַ סך פון אונדזערע חברים אין לאַנד קענען נישט אָפּשאַצן די געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט פון אונדזערע פריינד אין אַמעריקע, וואָס אין זייער אַרבעט איז דאָ נישט ווייניק חלוציזם — אמת לויטן אַמעריקאַנער נוסח. מינדל איז געווען פון די אויסגעצייכנטע צווישן די פריינד פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

סוף־סוף איז איר חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן און זי האָט באַזוכט, צוזאַמען מיט יהושען דאָס לאַנד, אין 1960, און עס איז נישט געווען קיין גרענעץ פאַר זייער גליק. איך האָב זיי באַגלייט אויף זייער אויספלוג אין גליל העליון און אין אַנדערע ערטער. אַ סך האָבן ביידע גערעדט וועגן אַן עליה אין לאַנד. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע און זייער האַרץ איז געבליבן אין ישראל. געגלויבט האָבן זיי, אַז זיי וועלן נאָך קומען צו אונדז, וועלן זיין ישראל־בירגער און מיר וועלן געניסן פון זייער גוטער חברשאַפט — און אָט, אין אַ געוויסן טאָג, איז אָנגעקומען די טרויעריקע בשורה וועגן טויט פון דער גוטער און איבערגעגעבענער מינדל.

אַ שווערע קראַנקייט האָט אַ סוף געמאַכט צו איר לעבן און זי איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז.

שושנה ע״ה

דאָס הויז פון אַנשל קאַציאַק, דירעקטאָר פון דער העברעישער שול ביי אונדז אין שטאָט, איז געווען אָנגעזאפּט מיט רעליגיעז־נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. די קינדער — געראָטענע, פעיקע, דערצויגענע אין גייסט פון זייער פאָטער, — האָבן געדינט אַלס מוסטער פאַר דער בעסערער יידישער יוגנט אין שטאָט. קאַציאַקס קינדער האָבן אַלע געקענט העברעיש און געווען טעטיק אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין מאַקאָוו. שושנה, די טאָכטער פון אַנשל קאַציאַק, איז געווען אַ שיין מיידל, מיט אַ מילד וויים־ראָז פּנים, אַ קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר און שוואַרצע, תמיד שמייכלענדיקע אויגן.

אין יאָר 1918, ווען מאיר קאַנאַרעק פון מלאַווע האָט ביי אונדז אין שטאָט געגרינדעט דעם „השומר הצעיר״, איז שושנה אַריינגעטראָטן אין דער דאָזיקער באַוועגונג און געוואָרן באַשטימט אַלס „ראש קבוצה״ און שפּעטער אַלס סעקרעטאַרין פון „השומר הצעיר״.

טראָץ איר אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט זעצט זי פאָר אירע לימודים. זי מאַכט אַדורך אַ לערער־קורס און האַלט־אויס מיט הצלחה דעם עקזאַמען. זי קריגט איינלאַדונגען פון דער „תרבות״־צענטראַלע אין וואַרשע צו אַרבעטן אַלס לערערין אין איינער פון די העברעישע שולן, וואָס זענען דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אין פוילן. אָבער שושנה וויל זיך נישט שיידן מיט איר היים און מיט די יוגנטלעכע פון „השומר הצעיר״, וועלכע האָבן זי שטאַרק רעספּעקטירט און געשעצט. שושנה האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין מאַקאָוו און אַרבעטן אין דער שולע פון איר פאָטער. זי איז געווען אַ גוטע פּעדאַגאָגין און דערציערין, דערצו האָט זי פאַרמאָגט אַ שיינע שטימע און איך טאַלאַנט צום זינגען. אירע העברעישע שומרים־ און קינדער־לידער, וואָס זי האָט געלערנט אין שולע און אין „השומר הצעיר״, זענען געווען פּאָפּולער אין שטאָט. האָבנדיק אויך אַרטיסטישע פעיקייטן, פלעגט זי אָפט אויפטרעטן מיט געזאַנג און דעקלאַמאַציעס אויף די אָוונטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט.

אין יאָר 1935 האָט זי, צוזאַמען מיט איר מאַן, באַזוכט רמת־גן. זי איז דעמאָלט געווען ביי מיר אין הויז. איר מאַן איז געווען אַן ארץ־ישראל־בירגער, מיט וועלכן זי האָט זיך באַקאַנט און חתונה געהאַט אין פוילן. געווען איז שושנה, ווי תמיד, פריילעך, גוט געשטימט — ממש גליקלעך, וואָס איר טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן און זי געפינט זיך אין הייליקן לאַנד. זי האָט מיר דעמאָלט דערציילט וועגן אירע הכנות צו ברענגען קיין ארץ־ישראל די מיטגלידער פון איר משפחה, וואָס זענען נאָך געבליבן אין פוילן.

דער אַכזריותדיקער טויט האָט אָבער צונישט געמאַכט אַלע אירע פּלענער. זי איז יונגערהייט אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז נאָכן געבוירן דאָס ערשטע קינד. די טרויע־

ריקע ידיעה וועגן איר טויט האָט דערשיטערט די מאַקאָווער אין לאַנד און אין די תפוצות.

זאָלן די דאָזיקע שורות דינען ווי אַ מיטגעפיל־אויסדרוק און טרייסט פאַר איר פאַרבליבענער טאָכטער, וואָס האָט נישט זוכה געווען צו קענען איר מוטער, שושנה, איינע פון די בעסטע טעכטער פון אונדזער חרוב־געוואָרענער קהילה מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק.

כבוד איר אָנדענק!

ישראל פרענקעל

מקוב, כסלו, תרע"ח.

תכנית.

בליל שבת, בשלישי בכסלו
באילם „חובבי־הקריאה"
על ידי הסקציה המהואית הציונית.

„חשה היתומה"


מחזה בארבע מערכות מאת י. גורדין.

הנפשות:

יואל טרכטנברג — מר פ. בלוך
פרידה, אשתו — הגברת לאה חילינוביץ
ולדימיר, בנם — מר ש. בייפר
קרולינה, בתם — הגברת ג. סג"ל
מרק קארנוויין, חתנה — מר נ. אונטשקובסקי
מתי שטרכל, גיסה של פרידה — מר י. י. רוזנמן
חשה, בתו — הגברת ג. סג"ל

אמה בבית טרכטנברג, צעירים וצעירות.
מקום המאורע—יקטרינוסלב.

החזן—מר י. א. פלשוי   הספרן—מר א. אוסטרי



מאַקאָוו   נאָוועמבער   1917.

פראָגראַמע.

שבת ביי נאַכט, 17 נאָוועמבער
אין לאָקאַל פון „ליעבהאָבער"
דורך די ציוניסטישע דראַמאַטישע סעקציע

„חאַשע די יתומה"

דראַמא אין 4 אַקטן, פון י. גאָרדין.

פּערזאָנען:

יואל טראַכטענבערג — ה' פ. בלוך
פרידע, זיין פרוי — פרל. ל. חילינאָוויטש
ווילאַדימיר, זייער זוהן — ה' ש. בייפר
קאַראָלינע, זייערע טאָכטער — פרל. ג. סג"ל
מאַרק קאַרנווייטין איהר חתן — ה' נ. אַנטשקאָווסקי
מאַטיע שטרייכעל, פרידעס שוואָגער — ה' ראָזענמאַן
חאַשע, זיין טאָכטער — פרל. ג. סג"ל

א קאַמערטעדבען ביי טראַכטענבערג, יונגע לייט און מאַמזעלן.— די האַנדלונג קומט פאָר אין יעקאַטערינאָסלאַוו

סופליער—ה' י. א. פלאַשוי   רעזשיסער—ה. אַסטרי

תוכניה המחזה „חשה היתומה" בבצוע החוג הדרמטי במאקוב, בשנת 1917

פראָגראַם פון דער פאָרשטעלונג „חאַשע די יתומה", אויסגעפירט דורכן מאַקאָווער דראַמ. קרייז, 1917

דוד בוכנר / תל־אביב

נפש יקרה ודמות רבת פעלים

לזכרו של יהושע מקובר ז״ל



יהושע מקובר ז״ל
המזכיר הראשון של ארגון יוצאי מאקוב בישראל

יהושע מאַקאָווער ז״ל
ערשטער סעקרעטאַר פון מאַקאָווער פאַרבאַנד אין ישראל

נפש יקרה, איש רב פעלים, אחד ממעצבי דמותו של הנוער בעירנו, היה חברנו יהושע מאקובר.

נולד למשפחת פועלים, ועל תורת העבודה התחנך וגדל, בפנותו בראשית דרכו אל נוער ארץ־ישראל העובדת.

בתקופה ההיא געש הנוער בעירנו וכל אירגוניו נסחפו בסערת הרוחות שהתחוללה בו. מי ימינה ומי שמאלה — ולא תמיד בהתאם למוצאו המעמדי של האדם. מאקוב היתה אחת הערים שבה היה הנוער כולו מאורגן ובעל הכרה. היו אלה שנות 1925/26 והצעירים והצעירות אשר הסתובבו באפס מעשה, בלי מקצוע ובלי עתיד, החלו לעשות את חשבון הנפש שלהם, ולחלל נזרקה השאלה: לאן ?!

שאלה זו לא נתנה להם מנוחה, עד שחלק מהם מצא את דרכו ליבשת אמריקה או לארצות מערב אירופה ואילו רובו של הנוער התרכז בתנועות הציוניות ויצא לקבוצות ההכשרה, כדי להתכונן לעליה ארצה.

התנועה גדלה והתרחבה, למרות השנים הרבות שהנוער נאלץ להמתין ללא כל אפשרות לעלות לארץ, בגלל מדיניות השלטון הבריטי העויין. אבל לאט לאט התגברנו

על כל המכשולים ובכוח הרצון החזק, ובכל הדרכים האפשריות, עלו לא מעט מצעירי עירנו ארצה.

*

ביניהם היה גם יהושע, אשר הודות לפעילותו המתמדת בתנועה, זכה לקבל אישור עליה מטעם החלוץ, למרות שלא עבר הכשרה — צעד שהיה ללא תקדים באותם הימים.

שכן יהושע כאילו נולד להיות עסקן ציבורי. עוד בגיל צעיר ניהל בכשרון רב את ספריית הקרן־הקיימת בעירנו. היה זה „מקדשו", בו השקיע את כל אונו ומרצו. ערב ערב היה מופיע על משמרתו בספריה ששכנה בבית מר פלאטאו. הוא ניחן בזכרון בלתי רגיל, ידע בעל פה את כל שמות הספרים והכיר את ציבור הקוראים ומי קרא מה. בין היתר הוא כיהן גם כמזכיר קפא"י (קופת פועלי ארץ ישראל) בעירנו — אחד המוסדות הציוניים החשובים בפולין — שמטרתו היתה להושיט עזרה כספית לפועלי ארץ ישראל. כן היה מזכיר „החלוץ" ו„פרייהייט" שנוסדו באותם הימים, ויהושע היה בין מיסדיהם.

הוא היה בין הפעילים הראשונים במעלה בכל מוסד של התנועה הציונית. יכולתו הרבה וכשרונו המזהיר סייעו בידו בכל שטח שבו פעל. היה נאה דורש ונאה מקיים.

*

עלייתו לארץ ב־1935 והשתרשותו בה הם פרק בפני עצמו. לא קל היה למצוא מקום עבודה באותם הימים, ונשאלה השאלה, איזה מקצוע יבחר לו? מטבעו בז לכל עבודה קלה ונוחה. הוא רצה להיות פועל ממש ולחיות מיגיע כפיו. הוא בחר בבניין. חייו לא היו קלים, אבל הוא היה מאושר והיה גאה על עבודתו. כשרונו ורצונו העז גרמו לכך שתוך זמן קצר היה בין בעלי המקצוע המעולים ביותר בענף, בו עלה למדרגת מנהל עבודה. הוא היה מקפיד על הדיוק ועל המשמעת ומעבידיו וגם הפועלים שעבדו במחיצתו העריכו אותו וכיבדוהו.

בהיותו מסור בלב ונפש לעבודתו, בה מצא סיפוק רב, לא הבחין בכך שבריאותו התערערה והלכה. כל מאמצי המשפחה והידידים לעזור לו להסתדר בעבודה יותר קלה לא הועילו. עד שבא היום המר, שבו נפל למשכב ממנו לא קם עוד.

*

זכורים הימים בהם ניהל את מזכירות יוצאי מאקוב בארץ. מה כאב ליבו כאשר לא עלה בידו לעזור לאנשי עירנו בהגיעם ארצה, אחרי השואה, אלא מעט מאוד, בהיות הקופה ריקה.

הוא היה שנון ובהיר מחשבה, עומד בתוקף על עקרונות. ואם כי לא תמיד קיבלנו את דעתו לגבי עניינים העומדים ברומו של עולם בארץ ומחוצה לה, כיבדנו אותו והשתדלנו להבינו.

את זמנו הפנוי הקדיש לקריאת ספר טוב שלא מש מידו משך כל שנותיו בארץ. הוא היה חבר מסור וטוב לב ומוכן להושיט עזרה בכל עת, וכן אב ובעל למופת.

הלב דואב על שלא זכה לראות את עתיד ילדיו, העושים חייל בלימודיהם כתלמידים מצטיינים. קשה להשלים עם המחשבה הנוראה שאינו עוד אתנו. ליבו נדם לנצח. למשפחתו היקרה ולחבריו הרבים וכל בני העיר מאקוב אבד חבר עדין־נפש ואדם יקר.

לא נשכחהו לנצח.

יהודה ראָזענמאַן / ניו־יאָרק

ר׳ אליעזר־דב בן ר׳ פנחס

(לייזער שוחט)

פריינד אין ישראל האָבן מיר פאַרגעוואָרפן: ס׳טייטש, דיין טאַטע, ר׳ לייזער שוחט, איז דאָך געווען אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט אין דער אַלטער היים — פאַרוואָס שרייבסטו נישט וועגן אים, כדי מענטשן זאָלן לייענען, זיך דערמאָנען און וויסן, ווער ער איז געווען?

טראָץ דעם, וואָס איך בין קעגן דעם, אַז קינדער זאָלן פראָפּיטירן פון דעם נאָמען פון אַ באַרימטן פאָטער, דאָך בין איך מסכים: די פערזענלעכקייטן בכלל, און פון מאַקאָוו בפרט, געהערן דעם גאַנצן פאָלק און מען מוז וועגן זיי שרייבן, כדי צו באַשטראַלן מיט זייער ליכט אויף די קומענדיקע דורות.

ר׳ אליעזר איז געווען שוחט, מוהל, בעל־תפילה, חברה־קדישא־מאַן, הויפּט פון „מלביש ערומים״, אַ בורר, אַ רודף־שלום. שטענדיק געווען גרייט צו דינען אַלעמען מיט ראַט און טאַט. האָט מען געדאַרפט, האָט ער אויך אָפּגעשפּראָכן אַ „גוט אויג״. איז אַ פרוי געגאַנגען צו קינד, מ׳האָט געקלאַפּט אין די לאָדנס שפּעט אין דער נאַכט און געבעטן הילף, איז לייזער שוחט געקומען דער ערשטער. ער האָט שוין געהאַט זיינע קוויטלעך און הייליקע ספרים, וואָס ווען מ׳האָט זיי אונטערגעלייגט דעם קראַנקן צוקאָפּנס, האָט עס געבראַכט די ריכטיקע ישועה...

כ׳דערמאָן זיך: ווען מ׳האָט אַמאָל דערציילט מיין טאַטן, אַז מ׳האָט מיך געזען, אין אַ שבת נאָכמיטאָג, ביים טייך גליטשן זיך — ווי דער מנהג איז געווען אין די ווינטער־דיקע שבת־טעג — האָט זיך געטאָן חושך. איך געדענק נאָך די פּעטש, וואָס כ׳האָב דע־מאָלט באַקומען. „ס טייטש״ — האָט דער טאַטע געשריגן — „חלילה מחלל שבת זיין און

נישט לערנען, נאָר שטיין ביים טייך און צוקוקן זיך, ווי קינדער באַלעווען? אַן עבירה, אַ גרויסע עבירה".

אָדער, אַז שמואל יוסף ראָזענטאַל, דער דיין, וועלכער פלעגט זאָגן שיעור אין דער ישיבה, ווו איך האָב געלערנט, זאָל חלילה זאָגן דעם טאַטן, אַז איך לערן נישט מיט התמדה, וואָלט מיר מער נישט געפעלט. אויסער פעטש, מוסר, מוסר — אָן אַ מאָס. און איך מוז צוגעבן, אַז דאָס האָט געהאָלפן.

וועלכער ייד האָט מער פון ר' לייזער שוחט געדינט גאָט — נישט מחמת מורא, נאָר מחמת אהבה? ער האָט ליב געהאַט דאַוונען, טאָן מצוות. אין דעם האָט ער געפונען אַ סאַטיספאַקציע פאַר זיך און פאַר גאָט. מען קען זאָגן, אַז ר' לייזער שוחט האָט קיין „איך" נישט געהאַט. זיינע העכסטע פאַרלאַנגען זענען געווען — צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָרעמעלייט, העלפן יעדן, וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט. חוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ חברה־קדישא־מאַן, וואָס דאָס האָט געמיינט: טהרת־המת, הלווית המת, איז ער אויך געווען דער שטאָטישער בעל־תפילה — אַן אַמט, וועלכן ער האָט פאַרנומען במשך פון 60 יאָר. ווער געדענקט נישט, מיט וואָס פאַר אַ שברת־הלב ער איז גע־שטאַנען ביים עמוד? ווי אַ שווערער באַרג וואָלט געלעגן אויף זיינע פלייצעס, אַזוי האָט ער זיך געפילט אַלס שליח־ציבור. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז בעטן, ער מוז וויינען און הכנעהדיק אויספועלן ביי גאָט אַ גוט, געזונט יאָר פאַר אַלע מתפללים. זיינע „שיר המעלות", „ממעמקים קראתיך ה'" קלינגען מיר נאָך עד־היום אין די אויערן. עס פלעגט צעברעכן דאָס האַרץ. דער גאַנצער עולם האָט מיטגעוויינט.

ר' לייזער שוחט האָט געהאַט זיין אייגענעם כאָר — זיינע 4 זין און אויך זלמן פאדעל, וואָס פלעגט שפילן אויפן באַס ביי שלמה קלעזמער. ער פלעגט אויך צו־באַמבלען.

ר' לייזער שוחטס פערזענלעכע פריינד זענען געווען: משה יוסף גאַרפינקעל (דער בעקער), שמואל יוסף ראָזענטאַל (דער דיין), אויך אַלע גמרא־מלמדים, ביי וועלכע מיר, יינגלעך, האָבן געלערנט.

זיינע זין: חיים שוחט ע"ה, אַ פרומער ייד, אַ שוחט און מוהל;

יהושע ראָזענמאַן, ע"ה, אַ שוחט גסה, אַ פרומער ייד, אַ ירא־שמים און יודע ספר;

ישראל יוסף ראָזענמאַן, ע"ה, אַ שוחט, געוועזענער סעקרעטאַר פון שוחטים־פאַריין אין ניו־יאָרק;

יחיאל ראָזענמאַן, ע"ה, אַ געשעפטסמאַן;

דוד ראָזענמאַן, ע"ה, אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אין די פלאַמען פון היטלער־גיהנום;

יהודה ראָזענמאַן — דער שרייבער פון די שורות, ווי אויך צוויי שוועסטער: פייגע־שרה, פאַרהייראַט צו משה־זעליק, זון פון יחיאל פון מאַקאָוו; און נחמה, אויך פאַרהייראַט.ביידע וווינען אין ניו־יאָרק.

נחמה סלע־לבקוביץ
יעקב לבקוביץ / תל־אביב

קווים לדמותו של אבינו, המורה יחזקאל לבקוביץ ז״ל

מתוך נבכי העבר צפה ועולה דמות דיוקנו הנאצלת של אבינו, המעוטר זקן מידות, שמעליו מצח רחב ובו זוג עיניים מפיקות חוכמה. במיוחד שמור בזכרוני ליל טבת ארוך, עת הסבה כל המשפחה לשולחן, ואבינו ז״ל סיפר לנו את תולדות חייו ובאילו נסיבות ותנאים התגבשה אישיותו.

אבינו ז״ל נולד בשנת 1878, בעיר רוז׳אַן שעל שפת נהר נאַרב, פלך לומז׳ה. בגיל שנתיים התייתם מאביו, ואמו, שהיתה נכה, התפרנסה מהוראה. היא לימדה את בנות העיר תפילה וכתיבת כתובות ברוסית. מכונה היתה בפי כל „שרה גיטל הלמדנית״. ואמנם לפי המושגים דאז נחשבה ללמדנית. שכן ידעה חומש עם רש״י ואת כל פרקי תהילים בעל־פה.

באבינו גילו המלמדים כשרונות בלתי רגילים. עוד בילדותו הפתיע בשכלו החריף. משחר נעוריו קינן בו צמאון לדעת. הוא לא הסתפק בלימודי הקודש והחל ללמוד בסתר את שפת המדינה. פעם „נתפס בקלקלתו״ זו על ידי שני בחורים, חובשי ספסלי בית המדרש. חיש מהר פשטה בעיר השמועה שהבחור התפקר, ומשך זמן מה היה מנודה מהחברה. אך היחס מצד החברה לא הרתיע אותו והוא המשיך להשתלם בסתר בעברית וברוסית. הוא הרגיש שהמקום צר לו ושאף למרחב.

בהגיעו לגיל 16 הגיעו לאוזניו הדים קלושים מליטא על התעוררות לאומית בקרב העם היהודי, ויסודה של התנועה הציונית. שמועה זו הצמיחה לו כנפיים. הוא ראה בעיני רוחו שמסתמן מסלול שבו יוכל ללכת. אז גמלה בליבו ההחלטה לעזוב את מקום מגוריו ולנוד למקום בו היכו שורש ניצני התחייה. אולם מחוסר אמצעים לא עלה הדבר בידו. תכופות היה מיטלטל בין יאוש לתקווה.

המיפנה — גיוס לצבא

גיוסו לצבא היווה מיפנה רצוי בחייו. הוא ויתר על זכותו להשתחרר מהצבא כבן יחיד, ולמזלו נשלח לקובנה, עליה חלם כל ימי נעוריו. הוא התבשם מאוד מהאווירה ששררה שם, השתלב מהר בחברה החדשה ורכש לו ידידים רבים. הוא ביקר בבית המדרש למורים, התחקה אחרי שיטות הוראה חדשות וראה בעין טובה את אי אפליית האשה מהגבר בלימודי הקודש.

אחרי שנת שירות בצבא עמדו מפקדיו על כשרונותיו והוא הועלה לדרגת „פלדוובל״.

שנתיים עברו עליו בשקט נפשי ובתנאים טובים מבהינה כלכלית וחברתית, כי בתוך עמו ישב. אך לא לעולם חוסן. הוא הועבר למקום נידח, המרוחק מיישוב יהודי. שם התענה והסתגף עקב היעדר שחיטה כשרה. בראותו כי כוחותיו תשים והולכים, נסע לווילנה, אל „חפץ חיים״, לשאול בעצתו. הרב התיר לו לאכול טריפה, אך לא למצוץ את העצמות. עם זאת, למרות היתרו של הרב, התנזר אבינו גם להבא ממאכלי פיגול — עד סוף שירותו. יחד עמו שירת בצבא עוד יהודי ממאקוב. אביו של פיאַנקא, מנהל ביה״ס הממשלתי. גם הוא נזהר מלאכול טריפה.

בתום שירותו חזר אבא הביתה, אדם מחושל, עשיר בנסיון חיים ובמטען של ידע, שבעזרתו חתר לקראת הגשמת יעודו.

עשרים בני ישיבה

בגיל 26 נשא לאשה את בתם של אליעזר ואיטה אלבסטר, הנדיבים שלשולחנם הסבו בשבתות עשרים בני ישיבה. כל ערב יום חמישי אפו, בישלו, רקחו, טרחו ועמלו למען בני התורה — שלוש בנותיהם: אמנו חיה־בתיה, טובה וציפורה הי״ד. גם הן נישאו למורי הוראה. האחד קלמן, סופר הסת״ם הידוע, אחיו של ישראל שטרן, המשורר והסופר הדגול. הוא ייסד את האגודה שלומי אמוני ישראל במאקוב והיה למדן גדול, נואם בחסד, עשה לילות כימים, כתב ספרי תורה ועסק בתשמישי קדושה.

השני, מרדכי דויד הי״ד, היה למדן וגם משכיל גדול, כיהן כמורה ב„חדר״ הכללי.

בנו היחיד של סבנו, אלתר אלבסטר הי״ד, היה ממניחי היסוד של התנועה הציונית במאקוב.

אבא ז״ל היה סמוך שלוש שנים על שולחנו של סבא. במשך זמן זה עסק בכתיבת בקשות ועירעורים לערכאות ולפעמים שימש גם כפרקליט. כל תהליך משפטי שעבר תחת ידו הוכתר בהצלחה. עיסוקו זה היקנה לו שם בין חשובי העיר, כגון הרופא וילצ׳בסקי, הילל שיינברג, ברנבוים, טיטונוביץ, אוסטראו, סגל, רייצ׳יק ועוד ביקשו קרבתו והזמינוהו לביתם לשם מתן שיעורים בעברית לבניהם. אישים אלה אף סייעו בידו בהנחת היסוד לבית הספר המתוקן. הם אף השתתפו בייסוד תנועת „המזרחי״ בעירנו.

בראשית דרכו בשדה ההוראה נתקל אבינו בהתנגדות נמרצת מצד החרדים. החידושים שחידש בשטח החינוך לא היו לרוחם. הוא הוציא את הילד מתחומו הצר של ה„חדר״ והכניסו לכיתה רחבת ידיים, ברחוב ז׳ילוני רינק, המצויידת בלוח, ספסלים וכדומה, ולידה מגרש רחב ידיים ששימש להתעמלות כל בוקר לפני התפילה. בשבתות אחרי הצהריים הוא לימד אותם פרקי אבות וערך עִמהם טיולים ביער, בישרו את גבם הכפוף ובנוטעו בליבם אהבה אל הצומח והחי. בשובם מהטיול היה מסדרם בשורה וצליליהם של שירי ציון, שבקעו מפיהם, התפשטו בחללו של הרחוב היהודי.

חידישים אלה עוררו סערה גדולה. על כל צעד ושעל שמו החרדים מכשולים על דרכו של אבינו. לא פעם חזר מבית הכנסת, „אמשנובר שטיבל״, מעוצבן וממורמר. הם

מררו את חייו ורדפוהו עד חורמה. טיפחו בלב תלמידיהם איבה כזאת כלפיו, עד שאחד מהם אף העז לידות אבן בחלון בית־ספרו של אבינו, שעל קיומו נאבק שנים רבות.

אך עמלו לא היה לשוא. הוא קצר פרי הילולים. מספר תלמידיו התרבה והלך מדי שנה בשנה. לבית ספרו נהרו תלמידים גם מן הערים הסמוכות כגון פרושניץ, פולטוסק, וכן מהכפרים, ובית הספר נתמלא מפה אל פה.

קשה לתאר את שמחת אבינו בבוא חג ל״ג בעומר. הוא קישט את תלמידיו בסרטי כחול־לבן. שם מגיני דוד בכובעיהם ונתן דגלי ציון בידיהם. כך הם עברו בסך את חוצות העיר — היערה, עם קשתות וחיצים כדת.

אך אבא לא בא על סיפוקו עד שמילא את יעודו בשלמות. הוא פתח קורסים ללימוד עברית לילדות, בשעות הערב.

בין הנערות שלמדו בהם היתה אחת, בת עשר, שהצטיינה בקולה הערב. היתה זו ינטה שניידרמן, שהפכה לאחר מכן לזמרת ידועה. אבא אהב זימרה והיטיב לשיר על פי תווים. הוא אף אירגן מקהלה מעורבת מבנים ובנות „בנוסח ליטא״. כשהדבר נודע בעיר הרימו החרדים צעקה, ובבואו להתפלל ב„שטיבל״ ביום השבת המטירו עליו החרדים מטר גידופים והשמצות, שלולא התערבותו של משה־יוסף גרפינקל (הצדיק) ששיכך את הסערה, מי יודע עד היכן היו הדברים מגיעים.

כעבור כמה שנים הלכו גם אנשי ה„אגודה״ בדרכו של אבינו. הם יסדו בית ספר כללי בהנהלת וולוול פיינצייג ויעקב קליין, אליו הובאו מורים מביאליסטוק ומווילנה. הלשון העברית שפסלוה קודם לכן תפסה מקום חשוב בתוכנית הלימודים שלהם. נפלו המחיצות ביניהם לבין אבא ונכרתה ברית שלום. המורים דוד לוין ופורטנוי מבית ספרם היו ידידיו הטובים של אבינו ואורחים שכיחים בביתנו.

כאשר נוסד ה„חדר״ הכללי ראה בכך אבא מעין הסגת גבול מחד והתגשמות אידיאל חייו מאידך. רבה לאין גבול היתה שמחתו בראותו את השפה העברית כובשת לה עמדה אחר עמדה וחודרת לכל שכבות העם. לבסוף החליט שהגיע השעה לאפשר גם למקומות אחרים ליהנות מהחינוך העברי הלאומי. הוא נסע לעיר מולדתו רוז׳אן, שם יסד בית ספר, וגם בעיר גובורובה פתח סניף. כך הלך מחיל אל חיל והכשיר את עצמו ואת תלמידיו לקראת המטרה הנשגבה של עלייה לארץ ישראל. בעקבית הקניית הלשון העברית ראה אתחלתא דגאולה ועקבתא דמשיחא. בלהט נפשו הצית את כל מי שבא בקרבתו ולהט זה הנחיל לבניו ולדור שהתחנך על ברכיו.

באישיותו התגלמו שלושה תוארים: רבי, מורה ומלמד.

נחמה סלע־לבקוביץ
יעקב לבקוביץ / תל־אביב

ביתנו

דמותו של אבי ז״ל, מעלה עמה את הנוף המאקובאי, השבילים בהם דרכו רגליו, הנהר בו היה טובל או שולה דגים בחכתו. היער שבו טייל, לאורכו ולרוחבו, עם עלות השחר ובכל עונות השנה.

כי אוהב טבע היה. מראות הטבע, חליפותיו ותמורותיו, שימשו לו מקור השראה והתרוממות הרוח. הוא היה חלק בלתי נפרד מהנוף המאקובאי בעת שהותו בחיק הטבע הוא התמזג עמו כליל, כשכל־כולו אומר אושר והתפעלות.

כשנתקל מבטו בקבוצה איזו שהיא של השומר הצעיר, שחנתה על אחד ההרים, עלתה נהרה על פניו, כאשר שמע את צלילי השפה העברית בפי חניכיו, אותם קידם בחיוך רחב ובברכת שלום לבבית.

אלטה הנדל הבלתי נשכחת, שהיתה אחת התלמידות המצטיינות שלו, שימשה כראש קבוצה והאצילה מסגולותיה הנעלות על מאות הניכיה.

*

הנה צף ועולה ה„שטיבל" האמשינובאי, בו התפלל שחרית יחד עם יריביו החרדים, שבערבים היו הופכים לידידיו. כי דף הגמרא קירב את הלבבות ועם הפלגתם לסוגיית התלמוד נשכח הריב. הנה רחוב פופרזצ׳נה, המקביל לרחוב פרזאשניש, שם עמדה הביקתה שלנו. מבחוץ נראתה כאילו מטה לנפול, אך מבפנים היתה מעוז של תורה ובית ועד לחכמים. מורי בית ספר „יבנה" — המנהל רוזנבלום, פורטנוי ודוד לוין מצאו בביתנו מקלט חם, שכן שנה תמימה היו גולים מביתם ומחמת משכורתם הזעומה נבצר מהם לבלות בחיק משפחתם. עד חצות לילה הפליגו בוויכוחים סוערים. אליהם הצטרפו הדודים קלמן שטרן, הסופר סת״ם, ומרדכי דוד, הלמדן והמשכיל. השיחות היו מתובלות במימרות חז״ל, בפסוקים מהזוהר ועוד. כן דנו בהוויות העולם והתנצחו בעניינים מפלגתיים. שיחה עריבה קלחה ויצרה אווירה נעימה בחלל הבית.

*

אנו רואים עוד לנגד עינינו את יום השבת בביתנו, במלוא זוהרו וקדושתו. כולנו מסבים לשולחן ואור זרוע על הכל. אבא ז״ל, פתח כדרכו בזמירות שבת וסיים בשירי ציון — „במחרשתי", „על אם הדרך", „אל הציפור" וכדומה, עם „מקהלתו" כמובן. אחותנו רחל, הי״ד, שהיטיבה לשיר, שימשה כקול ראשון. משה ויהודה — כקול שני.

השירה גברה והלכה, פרצה החוצה והידהדה בחלל האוויר. מכל קצות העיר התאספו בני אדם, צבאו והתרפקו על החלונות והדלתות. צלילי שירי ציון חדרו לעצמותיהם וגעגועים עזים מילאו ליבותיהם לציון...

אבינו היה אוצר בלום של יכולת רוחנית ומעשית כאחת. בעליית הגג של ביתנו הוא החזיק מערכת כלי נגרות ומסגרות — סדנאה ממש. שם אימן את ידיו בכל מלאכה. התקין דלתות וחלונות לביתנו. הוא אף הכין תוכנית בנייה, לפי כל כללי ההנדסה, והעיריה נתנה את אישורה לתוכנית זו. אין לדעת מה רחוק יכול היה אבינו להגיע בכשרונותיו, אילו רק ניתנה לו אפשרות לכך.

א. תלמיד

ליכט אין דער נאַכט

שפעט אין דער נאַכט. דאָס שטעטעלע מאַקאָוו שלאָפט. די קליינע הילצערנע הייזלעך אויף דער טשעכאַנאָווער גאַס, געפאַרבט אויף ווייס, באַלייכטן די פינצטערניש. אויפן שטיינערנעם ברוק הילכן אָפּ טריט פון אַ פאַרשפעטיקטן דורכגייער. בלויז פון איין הילצערן הייזל שלאָגט אַרויס ליכט דורך די פענצטער. דאָס איז דאָס לעצטע הויז אויף דער טשעכאַנאָווער גאַס. דאָרט געפינט זיך דער „חדר מתוקן" פון העברעאישן לערער ר' אַנשל קאַציאַק.

ווען דער פאַרשפעטיקטער פאַרבייגייער קוקט אַריין אין צימער פון „חדר", זעט ער, ווי עס שטייט דאָרט דער לערער ר' אַנשל און שרייבט מיט קרייד, קליינע, קלאָרע, זויבערע אותיות אויפן וואַנט־טאָוול — אַ לעקציע פאַר די תלמידים אויף מאָרגן.

מאָרגן איז כ' תמוז, די יאָרצייט פון ד"ר בנימין זאב הרצל ז"ל און ר' אַנשל וויל דערציילן זיינע שילער פון „חדר מתוקן" (פאַקטיש איז עס אַ העברעאישע שולע, אָבער אין דעם קליינעם חסידישן שטעטל מאַקאָוו איז לייכטער אָנצוגיין מיטן נאָמען „חדר מתוקן") וועגן „גרויסן ציוניסטישן פירער, וואָס האָט אויפגעלויכטן ווי אַ שטערן אויפן פינצטערן הימל פון גלות".

ר' אַנשל קנייטשט דעם שטערן, אַ סך וויל ער דערציילן זיינע תלמידים וועגן גרויסן מנהיג און וועגן דער גרויסער אידעע פון ציון, אָבער דער וואַנט־טאָוול איז צו קליין, שרייבט ער קליינע, קלאָרע אותיות, כדי ער זאָל קענען נאָר אין געדאַנק איינפלאַנצן אין האַרץ פון זיינע תלמידים.

ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס שרייבן און געוואַשן די הענט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט נישט געדאַוונט קיין מעריב. שטעלט ער זיך אַנידער און נעמט שטילערהייט שעפּטשען: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב"...

אוי, ירושלים, ירושלים! ווי ער בענקט איצט צום לאַנד פון די אָבות!

ר׳ אַנשל גייט־צו צו דער שאַפע, נעמט אַרויס דאָס גרויסע בוך מיט פּאַפּירן און דאָקומענטן און לייענט נאָכאַמאָל דעם בריוו פון פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע. די דאַטע: 1920. מען איז אים מודיע, אַז צוליבן מצב איצט אין ארץ־ישראל, קומען אין באַטראַכט צו עליה נאָר ער אַליין און זיינע דריי זין, די פרוי און טעכטער מוזן דערווייל בלייבן אין פּוילן. ער זיפצט טיף אָפּ. נישט באַשערט עולה צו זיין מיט דער משפחה. דערווייל איז ער פאַרבליבן אין שטעטעלע מאַקאָוו, וואָס ליגט אויפן טייך אָזשיץ, און לערנט מיט יידישע קינדער עברית, תנ"ך, פלאַנצט־איין ליבע צו ארץ־ישראל.

פון סלאַניאַווער וועג הערט מען שוין קרייען פון הענער, ווען ער גייט שטיל אַריין אין זיין וווינונג, וואָס געפינט זיך אין שכנותדיקן בנין, כדי אָפּצורוען זיך נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג.

נישט לייכט איז געווען דער וועג פון ר׳ אַנשל קאַציאַק, ווען ער איז אָנגעקומען אין יאָר 1917 פון וואַרשע קיין מאַקאָוו.

עס איז געווען די צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין וואַרשע האָט געהערשט אַ מאַנגל אין שפּייז־פּראָדוקטן. ווען דער מאַקאָווער בעל־הבית ר׳ אבא בערענבוים האָט זיך באַקענט אין וואַרשע מיטן לערער, אים איינ־געלאַדן צו קומען קיין מאַקאָוו און עפענען אַ „חדר מתוקן", האָט דער לעצטער מסכים געווען.

ר׳ אַנשל האָט געשטאַמט פון ליטע, געלערנט אין וואָלאָזשינער ישיבה, געשריבן העברעאישע לידער און געחלומט צו פאָרן שטודירן פילאָזאָפיע. אָבער אָנגעקומען איז ער אין קליינעם חסידישן שטעטעלע מאַקאָוו. די רייזע פון וואַרשע קיין מאַקאָוו האָט ער דורכגעמאַכט אין אַ גרויסער בויד, וואָס האָט זיך געשלעפּט איבער די בלאָטיקע פּוילישע וועגן. ער איז דערפאָרן צו דער הילצערנער בריק, וואָס האָט אַריינגעפירט אין שטעטל, און זיך געלאָזט ווייטער איבערן גרויסן מאַרק מיט די קליינע איינשטאָקיקע הייזער און אַ ביסל חורבות פון דער לעצטער מלחמה. ר׳ אבא בערענבוים האָט אים האַרציק אויפ־גענומען און שוין צוזאַמענגנס האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ טייל באַלעבאַטים פון שטעטל, וואָס זענען פאַראינטערעסירט געווען אין „חדר מתוקן": רעקאַנט, שיינבערג, הענדעל, מאָנטשקאָווסקי און אַנדערע.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען געדונגען אַ דירה אין אַ הילצערן הויז לעבן טייך אָזשיץ. ר׳ אַנשל האָט געעפנט זיין „חדר מתוקן" און אַראָפּגעבראַכט זיין פאַמיליע פון וואַרשע.

פרילינג. עס גרינען די פעלדער, די זון שיינט. עס דוכט זיך, אַז דעם גרעסטן טייל

פון די זון־שטראַלן שלינגען־איין די זויבערע וואַסערן פון טייכעלע אָזשיץ. די תלמידים פון ר׳ אַנשלס „חדר מתוקן״ — חיים בערענבוים, משה שיינבערג, יאַנקל סאָבאָל, אליעזר מאָנטשקאָווסקי, שמואליק קליינהויז, היים הענדעל, יאַנקל גאָלדשטיין, אברהמל ריבאַק און אַנדערע לויפן צום טייך, אויך ר׳ אַנשלס ייִנגערע ייִנגלעך — ירחמיאל און מנחם־מענדעלע געפינען זיך צווישן זיי.

מען לויפט באָרוועס אין וואַסער און מ׳וויל כאַפּן די קליינע פ־שעלעך, וואָס שווימען אין טייכל. דערנאָך לויפט מען צו די חורבות פון ריזיקעס הייזער, כדי צו שפּילן זיך אין באַהעלטעניש. נאָר אָט קלינגט שוין דאָס גלעקל. ר׳ אַנשל לאָזט נישט זיינע תלמידים לאַנג באַלעמוטשען — מען דאַרף זיך ווידער נעמען צו דער תורה ועבודה.

ל״ג בעומר 1918. אַלע יידישע חדרים אין שטעטל גייען צוזאַמען אין מאַקאָווער וואַלד צו פייערן דעם יום־טוב. יידישע קינדער מיט בלוי־ווייסע פענער גייען דורך די גאַסן, זינגען העברעאישע לידער און צווישן זיי דאָס ליד פון ש. ל. גאָרדאָן: „היערה, היערה בקשת וחץ״.

ר׳ אַנשל אָרגאַניזירט אין זיין „חדר מתוקן״ די ערשטע העברעאישע קינדער־ביבליאָ־טעק. צום ערשטן מאָל טרעטן אַרויס די תלמידים פון זיין שולע אין אַ העברעאישער פאָרשטעלונג. ר׳ אַנשל ווירקט אויף זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן רעדן העברעאיש אויך אין גאַס. די מאַקאָווער בעלי־בתים וווּנדערן זיך, ווי עס שפּאַצירן יונגע ייִנגלעך און רעדן אַ פליסיקן עברית.

דער גרעסטער טייל תלמידים פון ר׳ אַנשלס „חדר מתוקן״ איז אַריין אין די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען פון „השומר־הצעיר״ און „החלוץ״. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געפונען זיין וועג אין די הכשרה־קיבוצים און דורך זיי — צו עליה קיין ארץ־ישראל.

קומענדיק אין לאַנד, האָבן זיי געקענט עברית, וואָס זיי האָבן געלערנט ביים לערער ר׳ אַנשל.

כאָטש ר׳ אַנשל איז געווען אַ רעליגיעזער ייד, פון די פירנדיקע חברים פון „מזרחי״, איז ער אָבער נאָענט געווען צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט ליבע האָט ער גערעדט וועגן די חלוצים, וואָס בויען מיט שווייס און בלוט דאָס לאַנד.

ר׳ אַנשל איז טעטיק געווען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מאַקאָוו. זיין פרוי, מלכה, וועלכע איז געווען פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון „לינת הצדק״, האָט צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע פרויען געטראָגן הילף פאַר קראַנקע און עלנטע.

ר׳ אַנשלס „חדר מתוקן״ איז געווען אַ מאָדערנע שולע, אָבער אין הינזיכט פון אויפמאָנען שכר־לימוד איז ר׳ אַנשל געווען אָפּגעשטאַנען. אָרעם איז געווען דאָס שטע־טעלע מאַקאָוו און שווער איז געווען מיט פרנסה. די עלטערן פון ר׳ אַנשלס תלמידים פלעגן בלייבן שולדיק דעם קליינעם שכר־לימוד. אָבער ר׳ אַנשל פלעגט קיינמאָל נישט צוריקשיקן צוליב דעם אַ תלמיד אַהיים. ווען צום סוף חודש פלעגט מען דאַרפן צאָלן

דירה־געלט פאַרן חדר און געהאַלט פאַר די לערער און מלמדים, איז די קאַסע געווען פוסט. אין גראָבן בוך, וואָס פלעגט ליגן אין דער שאַפע, פלעגן וואַקסן די רשימות פון נ״ח (נשאר חייב). און ווען ר׳ אַנשל האָט אין יאָר 1927 ליקווידירט דעם חדר און איז אַרויס־געפאָרן פון שטעטל, האָט ער מיטגענומען אַ בוך מיט חובות, וואָס זענען קיינמאָל נישט באַצאָלט געוואָרן. אָבער נישט אַזאַ ייד, ווי ר׳ אַנשל, האָט זיך דערפון גענומען צום האַרצן. ער איז געווען שטאָלץ, וואָס אַ דור קינדער האָט ער אויסגעלערנט עברית און דערצויגן אין גייסט פון ליבע און געטריישאַפט צו ארץ־ישראל.

אין יאָר 1927, נאָך 10 יאָר אַרבעט אין מאַקאָוו, האָט ר׳ אַנשל פאַרלאָזט דאָס שטעטל און זיך צוריק באַזעצט אין דער געבורטס־שטאָט פון זיין פרוי, אין גרייעווע.

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ר׳ אַנשל אָנגעפירט מיט אַ העברעאישער שולע אין גרייעווע. אין יאָר 1939, ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין אין שטעטל, האָט ר אַנשל, דאַן אַ ייד, פון העכער 65 יאָר, נאָך אַלץ געלערנט מיט זיינע תלמידים יידישע לימודים.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד איז גרייעווע אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה באַזעצט געוואָרן דורך די נאַצישע האָרדעס און דער גורל פון די גרייעווער יידן איז געווען ענלעך צום גורל פון אַלע יידישע קהילות — אַ געטאָ און דאַן דער וועג קיין אוישוויץ. אויך ר׳ אַנשל קאַציאַק ז״ל איז אַוועק מיטן לעצטן וועג פון אַלע גרייעווער יידן, צוזאַמען מיט זיין זון, דעם לערער אַלטער קאַציאַק מיט זיין פאַמיליע, און זיין יינגסט טעכטערל רחל ז״ל (זיין פרוי מלכה איז געשטאָרבן אין גרייעווע פאַר דער מלחמה).

זאָלן די דאָזיקע שורות דינען אַלס אַ מצבה אויפן אומבאַקאַנטן קבר פון מיין לערער ר׳ אַנשל קאַציאַק הי״ד, וואָס האָט דערצויגן טויזנטער תלמידים אין ליבע צום פאָלק ישראל און ארץ־ישראל און אַליין נישט זוכה געווען צו באַטרעטן די ערד פון ציון, צו וועלכער ער האָט זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט און געטרוימט.

ת.נ.צ.ב.ה.

חיה־גיטל פרעשבערג / תל־אביב

זכרונות פון מיין פאָטערס הויז

נאָך זיין טויט האָט מיין זיידע איבערגעלאָזט פינף זין: יעקב־מאיר, סענדער (מיין פאָטער), אברהם, אליעזר און פישל (מיין מאַנס פאָטער). זיי האָבן געירשנט אַ גרויס גאָרנדיק הויז אויף דער פּאָפּזשעטשנע גאַס. ביים איינטיילן זיך מיט ירושות פלעגן אָפט פאָרקומען שאַרפע מחלוקות צווישן די יורשים. מחלוקות, וואָס זענען נישט איינמאָל איבערגעגאַנגען אין געריכט און גורם געווען אַ לאַנג־יאָריקע שנאה צווישן ברידער און שוועסטער. אַנדערש איז געווען ביי די פינף ברידער פרעשבערג, וואָס האָבן געלערנט אין זייער טאַטנס הויז גוטע מידות, ערלעכקייט און ליבע צום מענטש. זיי זענען געווען געטריי איינער צום צווייטן, געמיינזאַם זיך געהאָלפן — נישט נאָר בחורוויז, נאָר אויך נאָך דער חתונה.

אָפּגעזעסן שבעה, זענען די ברידער זיך צונויפגעקומען צו דער באָבע אין הויז און אין משך פון איין אָוונט זיך איינגעטיילט מיט דער ירושה. יעדער פון זיי האָט באַקומען לויט אַ גורל, אַ דירה אין הויז. איינגעטיילט זיך רואיק מיט די שטאַלן און שפּייכלער וואָס אויפן הויף. קיינעם נישט באַעוולט.



חדר „יבנה" בתהלוכת ל"ג בעומר, בשנת 1932

אַ ל"ג בעומר־מאַרש פון חדר „יבנה", אין יאָר 1932

איינער פון די ברידער האָט פאַרקויפט זיין ירושה צו זיינעם אַ ברודערן־זון און די איבעריקע 4 ברידער זענען געבליבן וווינען אונטער איין דאַך, פאַרנעמענדיק זיך מיט דער זעלבער פּרנסה. וואָס איז געקומען בירושה פון מיין זיידן — קרעמעריי. דאָס הייסט: יעדער פון זיי איז מיט פערד און וועגעלע געפאָרן אַ גאַנצע וואָך אין אַן אַנדער געגנט אין די דערפער, אין פריצישע הויפן אַרום שטאָט, פאַרקויפט דאָרט שטאָפן און קאָפּ־טיכער, געהאַט די זעלבע פּרנסה.

עס האָט נישט געטראָפן, אַז איין ברודער זאָל משיג גבול זיין דעם צווייטן; איינער זאָל מקנא זיין דעם אַנדערן. פאַרקערט — זיי פלעגן אָפט קויפן צוזאַמען זייערע סחורות און זיך מיישב געווען איינער מיטן צווייטן אין די ענינים פון זייער מסחר. אין שטאָט, ווי אין דער סביבה, זענען די ברידער פרעשבערג געווען אַ מוסטער פון גוטן און געמיינזאַמען צוזאַמענלעבן פון מענטשן, וואָס וווינען אונטער איין דאַך און האָבן די זעלבע פּרנסה.

געווען זענען זיי שטילע, גוטמוטיקע און פרומע יידן. זייענדיק אַ גאַנצע וואָך צווישן קריסטן, האָבן זיי שטרענג אָפּגעהיט יידישקייט. מיין טאַטע האָט אויסער טלית און תפילין מיטגענומען מיט זיך אין דאָרף אויך זיין טעפּל, שיסל, לעפל און מעסער. אַליין געקאָכט פאַר זיך נאָר מילכיקס און אייער.

פאַר זייער פרומקייט און ערלעכקייט האָבן די פריצים און די פויערים זיי געשעצט און געהאַט צו זיי צוטרוי.

אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן פלעגט דער טאַטע זיצן אין די פויערישע כאַטעס, דערציילן געשיכטעס פון תנ״ך און נייעס פון דער וועלט. עס איז געווען אַ שווערע פּרנסה. 5 טעג אין דער וואָך געווען נע ונד, נישט געשלאָפן אין קיין בעט. אין אונדזער היים האָט פון זונטיק ביז דאָנערשטיק געהערשט אַ שטילער אומעט. מיין מאַמע רבקה, אַ קלוגע פרוי, וואָס האָט געקענט גוט דאַווענען און לייענען אין דער „צאינה וראינה״, די סדרה פון דער וואָך, האָט אַלע מאָל געזאָגט פאַר די שכנות: „עס איז נישט קיין לעבן, אַז אַ טאַטע פון קינדער זאָל נישט זיין אַ גאַנצע וואָך אין דער היים״.

אין די דאָזיקע טעג איז זי, די מאַמע, געווען אומעטיק. פלעגט אָפּקאָכן די מאָל־ציַיטן און גרייטן צום טיש אַזוי, כלאחר יד. דערפאַר האָבן מיר, די קינדער פון די ברידער פרעשבערג, געוואַרט אַ גאַנצע וואָך און אויסגעקוקט אויפן דאָנערשטיק פאַר־נאַכט, ווען די טאַטעס זענען אַהיימגעקומען פון דאָרף. דאָנערשטיק, נאָך מיטאָג, זענען מיר געגאַנגען באַגעגענען דעם טאַטן. זומער — אַפילו גאַנץ ווייט פון שטאָט. גרויס איז געווען די שמחה, ווען מיר האָבן דערזען פון דערווייטנס דעם טאַטנס פערד־און־וועגעלע. דער טאַטע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויפגענומען אונדז מיט פרייד אויפן וואָגן, געקושט און געדריקט צו זיך, אויסגעפרעגט וועגן דעם, וואָס מען הערט אין דער היים. ער האָט כסדר מיט אונדז גערעדט, אָפּלאָזנדיק די לייטשעס. דאָס פערד, וואָס האָט גוט געקענט דעם וועג אַהיים, איז אַליין געגאַנגען אין דער ריכטונג צו אונדזער הויז.

שוין דאָנערשטיק אין דער פרי איז אין שטוב געוואָרן פריילעכער. די מאַמע און די מומעס זענען געקומען פון גאַס מיט פולע קוישן, געררוימט די שטוב, זיך געפּאָרעט אין קיך, אָנגעטאָן די שבתדיקע קליידער און אָפּגעוואַרט די מענער, וואָס פלעגן אָנקומען פאַר נאַכט. עס האָט געהערשט אַ שבת־יומטובדיקע שטימונג אין הויז מיטן טאַטנס קומען פון דאָרף, ביז צו זיין אַוועקפאָרן זונטיק אין דער פרי.

ווען איך האָב שפּעטער געלייענט אין מענדעלע מוכר־ספרימס דערציילונג „דאָס ווינטשפינגערל", די רירנדע שילדערונג פון שבת און וואָך ביי משהלעס אָרעמען טאַטן, שמואליק טאַנדעטניק, האָב איך דאָס גוט אָפּגעפילט, ממש ביז האַרץ־קלעמעניש. הגם מיין טאַטע איז קיין אָרעמאַן נישט געווען, האָב איך אָבער איבערגעלעבט און געפילט דאָס זעלבע וואָס זיי, בעת מיין טאַטנס קומען אויף שבת, און נאָך שבת — בעת זיין אַוועקפאָרן אין דאָרף.

די פינף ברידער זענען, ווי געזאָגט, געווען פרומע יידן, אָבער נישט פאַנאַטיש. זיי האָבן זייערע קינדער געלאָזט לערנען אין חדר און אין ישיבה. די מיידלעך — אין



קבוצת חלוצים בהכשרה לפני עליתם ארצה, בשנת 1925

אַ גרופּע מאַקאָווער חלוצים אויף הכשרה פאַרן עולה זיין קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1925

דער פוילישער פאָלקסשולע און אין „חדר מתוקן", אָדער אויף אָוונט־קורסן פאַר העברעיש. משה־יהודה פרעשבערג, דער זון פון מיין פעטער אליעזר, איז געווען אַן אַקטיווער ציוניסטישער טוער, רעדנער און לאַנגיאָריקער מורשה פון „קרן קימת" אין שטאָט (זיין שוועסטער שרה און איר מאַן יחיאל פרעשבערג געפינען זיך אין ישראל).

מיין פאָטער האָט מיר נישט געשטערט, יונגערהייט, אַריינצוטרעטן אין „החלוץ הצעיר". דער ראש הגדוד, חיים גאָלדשטיין, איז געווען אַ טאַלאַנטפולער בחור, ענערגי־שער פירער און גוטער רעדנער. ער איז אומגעקומען אין וואַרשע. דער מזכיר איז געווען יעקב־חיים סאָבאָל — היינט אין ניו־יאָרק, באַקאַנט צווישן די לאַנדסלייט מיט זיין טעטיקייט לטובת דעם מאַקאָווער פאַרבאַנד אין ישראל.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אונדזערע „זביורקעס" (צוזאַמענטרעפן) זומער אין וואַלד, אויפן באַרג, נעבן טייך אָזשיץ. דאָרטן האָבן מיר געלייענט א. ד. גאָרדאָנס בריוו פון ארץ־ישראל, געזונגען העברעישע לידער, גערעדט וועגן הכשרה און עליה. נישט אַלע וואָס האָבן דורכגעמאַכט הכשרה — סיי פון „החלוץ", סיי פון „השומר הצעיר" — האָבן געהאַט דאָס גליק צו קריגן אין יענער צייט סערטיפיקאַטן, כדי עולה צו זיין. די גרעסטע מערהייט פון דער טייערער יידישער יוגנט, און אויך די ברידער פרעשבערג, זענען דורך די נאַצישע רוצחים, ימח שמם וזכרם, פאַרפייניקט, פאַרברענט אָדער פאַרגאַזט געוואָרן צוזאַמען מיט די 6 מיליאָן יידן.

געבענטשט זאָל זיין זייער אָנדענק.

דוד בוכנר / תל־אביב

לדמותו של בן־ציון הנדל

בן־ציון הנדל נולד וגדל אצל הורים שהיו מחסידי אַמשינוב. הם היו חסידים מתקדמים, ושמו מעיד על זיקתם לציון בביתם. עד גיל 16 קיבל חינוך מסורתי ולמד בחדר. כשהגיעה לעירנו, מאקוב, הבשורה על הקמת ארגון "החלוץ" בפולין, והידיעה על אפשרות הכשרה ועליה לארץ, היה בין הראשונים שפשט את בגדיו המסורתיים ונרשם ל"החלוץ". הוא היה בין ראשוני הארגון החדש, בתקופה שבני הנוער בעירנו לקחו חלק פעיל בארגונים הקיימים: ה"בונד" והתנועה הציונית. "החלוץ" קרא לנוער להשתחרר מבטלה ומחיי־ניוון.

אחרי תקופה קצרה יצא בן־ציון להכשרה, לקלוסוב, מרכז ההכשרות בפולין דאז, ולמד נגרות. הוריו לא קבלו את המקצוע החדש של בנם בשמחה, אולם בן־ציון שכנעם שהמקצוע דרוש לבנית הארץ.

בשנת 1929, כשכל שערי הארץ היו נעולים ע"י ממשלת המנדט היה הוא בין המעטים שהצליח לעלות ארצה. זכורני שאותו ערב נפרד מחבריו ב"החלוץ" ועשרות חבריו ליווהו בשירה ובריקודים. השמחה הביאה אותו לידי דמעות. בהגיעו ארצה פקדוה מאורעות קשים והיה בין ראשוני המתיצבים להגנה. הוא התגורר מול קן הפורעים דאז, שכונת ברנר. ימים ולילות בילה בעמדות ומצא עבודה במקצועו, אצל אברהם קריניצי (ראש עירית רמת־גן), שהיה בין ראשוני נותני העבודה בענף הנ"ל. בני עירי שבאו אחריו ארצה, מצאו בית חם וחבר מסור ונאמן המוכן לכל עזרה. עם השפל בעבודה ובבנין, עבר לראשון־לציון, הקים משפחה והתחיל לעבוד באופן עצמאי. בן־ציון אהב את מקצועו בכל ליבו. הוא היה מאושר וגאה, ולא התלונן. חי חיי צנע. בשעות הפנאי היה פעיל במפא"י, התאחדות בעלי המלאכה ובועד יוצאי מאקוב. היה מסור ומוכן לכל הקרבה. ביתו היה בית פתוח לכל נצרך. מצא אושר בחיק משפחתו למרות השנים הקשות שעברו עליו. תמיד היה חיוכו הרחב מלווה טפיחה על הכתף ואמירת: "יהיה טוב, חבר".

הידיעה על מותו הדהימה את חבריו הרבים ובני עירו. קשה להאמין שלא נראה יותר בישיבות ובאזכרות את דמותו הבלתי נשכחת ומליאת חיים.

תהיה נשמתו צרורה בצרור החיים.

A VISIT TO THE HOME-TOWN MAKOW TWENTY-THREE YEARS AFTER THE HOLOCAUST

By: MAX PIANKA, Ph. D.

In February 1966 I received an invitation from the Polish Academy of Sciences for a two weeks lecture tour in Poland. The invitatoin was also extended to my wife. I had misgivings about going to Poland, the grave of our people. However, this was to be a scientific tour and, after all, the Polish Government is considered by the Israeli Government to be friendly and a number of scientists from Israel have visited Poland. My wife and I decided to accept the invitation. We visited Poland in June, 1966. I delivered a number of lectures at the Universities of Warsaw, Lodz and at an Institute near Cracow. We were given a most friendly reception and covered a great deal of the country in a chauffeur — driven car.

While in Warsaw I made it clear to my hosts that I would like to meet Jews and I was introduced to a charming Assistant Professor at the University, who spoke excellent Yiddish and Hebrew. We went to the Yiddish Theater to see Scholem Aleichem's "Schadchonim un Menschen". It was a delightful performance. One felt though as if visiting a museum. The audience used ear-phones for a simultaneous translation into Polish, it was obvious that the younger people did not speak Yiddish. In a Jewish restaurant most of the dishes were "heimish" but the waiters did not speak Yiddish. There is practically no new Yiddish literature and the management of the Theater has to rely on the old Yiddish classics only.

The feeling in Warsaw, just as it was during our visit to Makow, was that of unreality. It was heartrending to see Warsaw and a score of small towns, especially Makow, without the hustle and bustle and the warmth of Jewish life. Our feelings of sadness and of nostalgia were overwhelming, beyond imagination...

The horror and tragedy of Auschwitz which has been turned

into a Museum of atrocities, can not be deleted from one's memory. My wife's parents perished there and, I believe my Dear Mother too and many of our Dear Makower Landsleit. We felt it is our duty to visit there and render to their sacred memory our act of solemn devotion, and "there" I said "Kaddish". Nothing can be forgotten, nothing can be forgiven...

From Warsaw we went by car via Ppltusk to visit the Home-Town Makow. I felt compulsively driven to re-visit the town where my childhood memories and the most memories of our town's people are buried. I would have felt lacking in my duty, how painful it was, to be in Poland and not to go to Makow, so I went.

My pilgrimage brought me to the "Marek", the Market Place with a post in its center, carrying a bill with the name and plan of the town.

It is still a "Powiat" town with a population of over 4000 inhabitants. There is not a single Jew living there now.

The Ciechanowska Street, where so many Jewish families lived and traded, has changed appearance and name. Where our house stood, is now an empty lot. Where the "Yatkes" were, there is now a cinema "Mazowsze".

Further up, in place of the "Talmud Tora", where so many of our children were educated according to our ageless Tradition of orthodox Judaism, there are now some wooden dwellings. Where stood The Public School, my Father's original "Szkola Powszechna", the center of so many extramural cultural and social activities, which I remember, one of our visiting lecturers from Warsaw, aptly referred to as "The Makower University", there are now some small shops.

We went across to where the Synagogue, Our Shul and the Bet-Midrash were the site of the war-time Ghetto, whence our people were deported to their doom, there is now just an empty lot.

Miraculously, the row of houses near the river Orzyc is now somehow narrow and shallow.

We then turned to the Bazaar across the bridge. The school, which was built before the war on the Bazaar for the Jewish

children, still stands intact. It houses now a high school. The headmaster occupies in fact, the same office, which my Father occupied.

Imagine my feelings when the choir of the school sang for us at the reception held for my wife and me, at which we were introduced to the pupils of the school as important guests of the Polish Academy of Sciences and the Ministry of Chemical Industry, the speaker referring to me as the son of the pre-war headmaster and beloved leader in our town. This was really poetic justice.

On the slope of a hill facing the river Orzyc is a graveyard of some Jews and non-Jews shot or hanged for minor offences by the Nazis. I was told that some survivors of our own Makower Jews, who came back to Makow after the war, have transferred the bodies of the Jews from this common grave to the Beis Olem.

The Jewish cemetaries, the old Beis Olem and the new Beis Olem in Makow do not exist any more, they are completely destroyed, there are now just empty lots. What a shame ?...

The hydroelectric station "Turbina" on the river still stands, but it is not functioning and the nearby baths "Laznia" are still in operation. The water pumps in the Market Place "(Rynek)" are now electrically operated. The part of the town where the church is, remains intact, like nothing happened. All the houses are there just as I remembered them and the "Alejki", where we used to take our evening strolls are still there as a witness to the tragic division of our home-town into the Jewish and Christian parts, one of which is practically obliterated and the other still standing intact.

This is how Makow, our home-town looked now, 23 years after the Holocaust, after the big "Hurban".

I was under the impression that I have visited a Cemetery, a Grave-Yard without graves.

Leaving the town I had the feeling that the Ashes of our "Kedoshim" are stlil wandering in the air.

I heard an echo with an Outcry, calling:

"Zachor — Tizkor"... "DO NOT FORGET"...



מצבת־זכרון לקדושי מאקוב ביער הקדושים, ירושלים

אַ מצבה נאָך די מאַקאָווער יידן אין יער־הקדושים אין ירושלים

יזכור

עם ישראל את הקדושים והטהורים, הישרים והתמימים בני מאקוב־מזוביצק כלואי ומעוני הגיטאות ומחנות ההשמדה, אשר נהרגו ונחנקו, נתלו ונשרפו חיים על ידי המרצחים הגרמנים, בימי מלחמת העולם השניה.

נזכור ולא נשכח עד נשימתנו האחרונה את האבות והאמהות, האחים והאחיות, אנשים, נשים וטף, ואת כל עדת בני עירנו הנשמות הטהורות שבדם קר הומתו והושמדו על ידי הצורר הנאצי ועוזריו על לא עוון ועוול בכפם.

נזכור את בנינו ובנותינו הגבורים והאמיצים מיוצאי עירנו, אשר חרפו את נפשם מנגד ונפלו בהיאבקם נואשות נגד משטר הפשע הנאצי.

יבורך זכרם לעולמי עד!

יזכור

געדענקען זאָל דאָס פאָלק ישראל די קדושים און טהורים, די ישרים און תמימים פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, די געפייניקטע און געוודפטע אין די געטאָס און פאַרניכטונגס־לאַגערן, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט מיתות משונות דורך די דייטשע נאַצי־מערדער אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

נישט פאַרגעסן וועלן מיר ביז אונדזער לעצטן אָטעם־צוג די טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, מענער, פרויען און קינדער — די גאַנצע עדה יידן פון אונדזער שטאָט, די לויטערע אומשולדיקע נשמות, וואָס זענען קאַלטבלוטיק פאַר־טיליקט געוואָרן דורך די דייטשע נאַצי־מערדער.

געדענקען וועלן מיר די מוטיקע זין און טעכטער פון אונדזער שטאָט, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אינעם פאַרצווייפלטן געראַנגל קעגן דעם פאַרברעכערישן נאַצי־רעזשים.

געבענטשט זאָל זיין זייער אָנדענק!

רשימת הקדושים

א

אָבלודזינער יעקב־לייב
אָבלודזינער חיה־שיינדל
אָבלודזינער שלמה
אָבלודזינער משה און פאַמיליע
אָבלודזינער קאַלציע
(לעווקאָוויטש) און פאַמיליע

אַדלער אברהם־מעכל און פאַמיליע
(פון כאָזשעל)

אהרונאָוויטש פאַמיליע

אונגער חיים־יעקב און פאַמיליע

אונגער אפרים־פישל
אונגער הינדע
אונגער אנטשל
אונגער מענדל
אונגער אריה
אונגער בריינע
אונגער גיטל
אונגער חוה

אַזרילעוויטש רפאל־הערש
אַזרילעוויטש שרה
אַזרילעוויטש פנחס
אַזרילעוויטש צירל

אַזרילעוויטש עזריאל
אַזרילעוויטש נחמה
אַזרילעוויטש יעקב־משה

אַזרילעוויטש צירל
אַזרילעוויטש יונתן

אזרילעוויטש שמואל־יוסף
אַזרילעוויטש פרימעט
אַזרילעוויטש שמחה
אַזרילעוויטש שרה־רבקה

אינגבערמאַן מנחם־מאַנעס
אינגבערמאַן חוה בריינדל
אינגבערמאַן פערל
אינגבערמאַן יהודית
אינגבערמאַן שרה

אינגבערמאַן הרב פנחס
אינגבערמאַן דוד
אינגבערמאַן לאה
אינגבערמאַן משה
אינגבערמאַן חנה־פייגע

אייזענמאַן (פעלטע) און פאַמיליע

אייזענמאַן פאַמיליע

אייזענשטאַט נפתלי
אייזענשטאַטביילע־רחל
אייזענשטאַט חיה
אייזענשטאַט יוסף

איצקאָוויטש יצחק
איצקאָוויטש שרה־לאה

איצקאָוויטש־ווישינסקי פריידל און קינדער
איצקאָוויטש פערל
איצקאָוויטש־גאָטפריד יענטע און מאַן
איצקאָוויטש רחל
איצקאָוויטש פישל
איצקאָוויטש חנה־רבקה
איצקאָוויטש פערל
איצקאָוויטש יענטע
איצקאָוויטש אבא און פאמיליע
איצקאָוויטש יוסף־לייב
איצקאָוויטש רייזל
איצקאָוויטש הענע
אַלבעק שלמה־הענעך
אַלבעק רחל־לאה
אַלבעק לייבל
אַלבעק חיים
אַלבעק שמחה
אַלבעק מאַשע
אַלבעק נחמה
אַלטער זיינוול און פאַמיליע
אַלטער יוסף־לייב (פון וואַרשע)
אַלטער איטע (פון דער היים אָרליק, מאַקאָוו — וואַרשע)
אַלטער משה
אַלטער אברהם
אַלטער דוד
אַלטער יצחק
אַלטער רחל
אַלטער חנה
אַלטער אסתר

אָסטרי מאיר
אָסטרי ברײַנע
אָסטרי נחמה
אָסטרי גיטל, מאַן און קינד
אָסטאַשעווער בעריש און פאַמיליע
אָפּענהיים פּנחס
אָפּענהיים בלומע
אָפּענהיים שמואל
אָפּענהיים פעסע
אָרלאָווסקי הערשל
אָרלאָווסקי דבורה
אָרלאָווסקי שרה־אסתר
אָרלאָווסקי חוה
אָרלאָווסקי נחמן
אָרלאָווסקי יוסף
אָרליק יעקב־חנוך
אָרליק אַדעלע (איידל)
אָרליק שמואל־דוד
אָרליק שלמה־זלמן
אָרליק פייגע
אָרליק יצחק
אָרליק רויזע
אָרליק חנה־חוה און מאַן שמואל
אָרליק דינה און פאַמיליע
אָרליק חיים
אָרליק רחל
אָרליק וועלוועל
אָרליק פערל
אָרליק דוד
אָרליק באַשע

אָרליק דוד און פאַמיליע
אָרליק חיים
אָרליק רחלטשע און קינד
אָרליק משה און פאַמיליע
אָרליק חוה, מאַן יחיאל
און קינדער

אָרליק אהרן
אָרליק גיטל

אָרליק מאיר
אָרליק חנה
אָרליק רבקה

אָרליק וואָווע

אָרליק טאָבע
אָרליק שרה, מאַן ראָזענבאום
און קינדער

אָרליק מרדכי־בער

אָרזשעך ישראל־לייב
אָרזשעך חנה־רחל
אָרזשעך חיה־דבורה
אָרזשעך יעקב
אָרזשעך מאיר־מרדכי

אַשענמיל שמואל־אברהם
אַשענמיל רחל
אַשענמיל פריידל

ב

באַציאַן וועלוול און פאַמיליע

באַציאַן בנימין און פאַמיליע

באַרענשטיין רייזע (כ"ץ)
און פאַמיליע

באַרענשטיין מיכאל
באַרענשטיין שיפרה און קינדער
באַרענשטיין שייע און פאַמיליע
באַרענשטיין גרשון און פאַמיליע

באַרשט מענדל
באַרשט מינדל און קינדער

באַרענשטיין יאַנקל און פאַמיליע

באַרענשטיין יהודה־לייב
און פאַמיליע

באַרדאָוויטש משה־מאיר
באַרדאָוויטש ניכע און קינדער
באַרדאָוויטש שמחה
באַרדאָוויטש חיה און קינדער

באַראַב פייוול און פאַמיליע

בוכנער אברהם־יצחק
בוכנער גאָלדע
בוכנער ישראל־חיים
בוכנער פייגע
בוכנער ישראל־פייוול
בוכנער ברכה (באַרענשטיין)
און פאַמיליע

בולמאַן אהרן און פאַמיליע

בורשטין שלמה

בורשטין צביה־לאה (גארפינקעל)
און קינדער

בורשטיין פישל און פאַמיליע

בזשאָזאַ חנוך (הענעך)
בזשאָזאַ מרגלית

בזשאָזאַ אברהם
בזשאָזאַ שרה
בזשאָזאַ מיניע

ביטש יצחק
ביטש טאָבע
ביטש פעסע
ביטש דבורה
ביטש חיים
ביטש פריידע
ביטש שמואל

ביילים פישל
ביילים ביילה
ביילים אביגדור
ביילים משה
ביילים טעמע

בלאַכאָוויטש דוד און פאַמיליע

בלאַנק פאמיליע

בלום הערשל
בלום הענעך
בלום רבקה
בלום אסתר
בלום לארציע (און מאן פערקאַל)
בלום יצחק

בלום שמשון

בלום גיטל
בלום מרדכי (בן שמשון)
בלום דבורה
בלום פייגע
בלום משה
בלום מאַניושע

בלום מרדכי (בן־פייוול)
בלום שרה'טשע (טענענבאַום)
בלום בלימציע
בלום שמואל־לייב
בלום יואל
בלום אברהם
בלום צימע־זיסע
בלום רחל

בלום איצל
בלום דבורה
בלום חיה־רבקה

בלום אהרן און פאַמיליע

בלום דוד און פאַמיליע

בלום ברוך און פאַמיליע

בלום משה און פאַמיליע

בלום פייוול און פאַמיליע

בלום־ראָזענבאַום פיילע און זין

בלום־זילבערבערג און פאַמיליע

בלום יאָסל
בלום איטע

בלענקיטנער בערל
בלענקיטנער רויזע

בלענקיטנער פעסעלע
בלענקיטנער שלמה
בלענקיטנער בתיה
בלענקיטנער פעסע
בלענקיטנער חנה׳לה

בערגאַזין לאה
בערגאַזין חיה
בערגאַזין פייגע
בערגאַזין רחל
בערגאַזין מענדל
בערגאַזין אריה
בערגאַזין שמחה

בענדער שמחה־הערש
בענדער מרים
בענדער חיה

בעלדיקער עזריאל־מרדכי און פרוי

בעלדיקער הערש־מאיר און פאַמיליע

בערנבאַום אבא

בערנבאַום מרדכי
בערנבאום שרה

בערענהאָלץ אריה
בערענהאָלץ אסתר

בערגסאן יוסף און פאַמיליע

בערענסאָן בערל און פאַמיליע

בער חיים־מאיר און פאַמיליע

בער יחיאל
בער ברכה
בער־שרה־פייגע

בערלינסקי מאיר און פאַמיליע

בערלינסקי נחמה

בערמאַן פישל און פאַמיליע

בערמאַן יעקב און פאַמיליע

בראָצקי ישראל און פאַמיליע
באָטשאַן גדליה
באָטשאַן פייגע

ג

גאָגאָל מאיר־מאַנעס
גאָגאָל טעמע־גיטל
גאָגאָל משה
גאָגאָל מלכה
גאָגאָל פעסע
גאָגאָל שלמה
גאָגאָל פנחס
גאָגאָל חיים

גאָגאָל שרה־גיטל
גאָגאָל יעקב
גאָגאָל מרים

גאָגאָל יצחק און פאַמיליע
גאָגאָל לייבל

גאַוואָרטשיק חיים דוד׳ל
גאַוואָרטשיק רייזל

גאָוסמאַן אסתר־לאה (לילענטאל)
און פאַמיליע
גאָוסמאַן חיים־מאָטל הרב
און פאַמיליע

גאָלדשטיין דוד־לייב
גאָלדשטיין רייזל
גאָלדשטיין יעקב־חיים
גאָלדשטיין פעסע (אלבעק)

גאָלדשטיין שרה (כ"ץ)

גאָלדשטיין יצחק און פאַמיליע

גאָלדוואסער פישל
גאָלדוואסער העניע
גאָלדוואסער יעקב
גאָלדוואסער קרוסע
גאָלדוואסער הינדע

גאָלדוואסער חיים־דוד
גאָלדוואסער חנה־גיטל
גאָלדוואסער סימע

גאָלדוואסער יעקב
גאָלדוואסער פריידל
גאָלדוואסער יוסף

גאָלדבאַום יחיאל און פאַמיליע

גאָלדבאַום איטשע־מאיר
גאָלדבאַום שאָשע

גאָלדבאַום אברהם
גאָלדבאַום מנוחה
גאָלדבאַום נעכע
גאָלדבאַום לייבל
גאָלדבאַום יעקב־זלמן

גאַלינאַ הערשל
גאַלינאַ רחל און קינדער

גאַרפינקעל משה־יוסף
גאַרפינקעל מירל
גאַרפינקעל ברוך־דוד
גאַרפינקעל ישראל־יצחק

גאַרפינקעל פייגע־רבקה (רייטשיק)
גאַרפינקעל הענעך (חנוך)
גאַרפינקעל צימע־מיכלע
גאַרפינקעל מירל

גאַרדביין פאַמיליע

גוויאַזדאַ יוסף
גוויאַרזדאַ רחל
גוויאַזדאַ זלאַטע

גוטלייזער מתתיהו
גוטלייזער שאשע

גזשעביעניאַזש זלמן און פאַמיליע

גלאָגאָווער פישל און פאַמיליע

גלאָגאָווער אליעזר
גלאָגאָווער העניע (איצקאָוויטש)
גלאָגאָווער הערשל
גלאָגאָווער משה־דוד

גלאָגאָווער יהודה־לייב און פרוי
גלאָגאָווער עזריאל

גראַדאָוויטש אליעזר און פאַמיליע
גראָדזיצקי חיה־מלכה
גראָדזיצקי אברהם־יצחק
און קינדער

גראָמב משה־אהרן
גראָמב טאָבע
גראָמב שרה־לאה

גראַמב גרשון־העניך
גראַמב יצחק

גראַניעוויטש שלמה
גראַניעוויטש אסתר
גראַניעוויטש לאה (לוטשאַ)
גראַניעוויטש חיים
גראַניעוויטש יעקב

גראַסמאַן יואל'קע
גראַסמאַן נחמה

גראַסמאַן שמואל־יעקב
גראַסמאַן מינדל און קינדער

גרודעק יחזקאל און פאַמיליע

גרינשפאַן סענדער
גרינשפאַן ליפטשע
גרינשפאַן משה

גרינשפאַן חוה און קינדער

גרינבערג פישל
גרינבערג זיסע

גרינבערג אשר יוסף
גרינבערג לאה
גרינבערג פערל

גרינבערג רחל
גרינבערג בלומע

גרינבערג ראובן און פאַמיליע

גרינבערג נתן און פאַמיליע

גרינבערג הערשל און פאַמיליע

גרינבערג יצחק און פאַמיליע

גערליץ דוד
גערליץ זישע
גערליץ שרה (ריבאק)

גליקסבערג הערש־בער
גליקסבערג שיינדל
גליקסבערג שרה
גליקסבערג חוה
גליקסבערג חיה־ליבע

גליקסבערג פרימעט
גליקסבערג לייבל
גליקסבערג ריבטשע

געלודע שלמה און פאַמיליע

געצעלעוויטש הערש־יצחק
געצעלעוויטש מלכה

ד

דאָברעס איצל
דאָברעס פייגל
דאָברעס חיה־שרה
דאָברעס לאה קע
דאָברעס דבורה

דאָברעס יהודית
דאָברעס ניסן־יהודה

דאַווידאָוויטש משה און פאַמיליע

דאָמב פייגע

דאַמב אברהם און פאַמיליע

דאַמב וועלוועל (שוחט)
דאַמב מישקע און קינדער
דאַמב מענדל

דאַמב שלמה־זלמן
דאַמב שרה
דאַמב חיה

דאַמב יצחק און פאַמיליע

דאַמבעק יעקב
דאַמבעק שרה

דאַמבעק טעמע
דאַמבעק דאָרע
דאַמבעק פייגע

דזיענקעוויטש יעקב־מאיר
דזיענקעוויטש רחל־לאה
דזיענקעוויטש שרה'טשע
דזיענקעוויטש צירל
דזיענקעוויטש רבקה
דזיענקעוויטש טעמע
דזיענקעוויטש שמואליק
דזיענקעוויטש יענטל

ה

האַלצקענער יצחק
האַלצקענער רחל־לאה און קינדער

האַכמאַן הענעך (זון פון שלמה און שיינדל סעגאל)

היבעל נחום

היבעל צירל און טאָכטער

היבעל שעפּסל און פאַמיליע

היבעל פישל און פאַמיליע

הילערט הענעך
הילערט חיה־דבורה

הענדעל הלל
הענדעל שרה־בלימע
הענדעל אלטע
הענדעל שמואל־זעליג (פּאַלאַק)

הענדעל אסתרל (סאַבאַל)
הענדעל אידע
הענדעל הענע
הענדעל דבורה־גיטל
הענדעל יאָסל
הענדעל לאה
הענדעל שמואליק
הענדעל חיה (מלאך) און מאַן
הענדעל גאָלדע

הענדעל דוד (הרב)
הענדעל נחמה (גארפינקעל) און קינדער

הענדעל יעקב־דוד
הענדעל באשע

הענדעל אברהם
הענדעלביילע

הערצבערג דוד
הערצבערג פייגע
הערצבערג לייבל

הערצבערג סענדער און פאַמיליע
הערצבערג שלמה און פאַמיליע
הערצבערג שלום־אליהו
און פאַמיליע

הערצברג הינדע
הערצברג באַשקע

הערצברג רבקה
הערצבערג חוה
הערצברג חנה

הערצברג נתן און פאַמיליע

הערצבערג חיים־אהרן און
פאַמיליע

הערצבערג מרדכי און פאַמיליע

וואָלפּאָוויטש וועלוועל
וואָלפּאָוויטש עטע
וואָלפּאָוויטש מרדכי און פאַמיליע
וואָלפּאָוויטש דוד און פאַמיליע

וואַלפיש שלמה
וואַלפיש צירל
וואַלפיש טעמע
וואַלפיש יעקב־מאיר

וואָנסיאַק משה־לייב
וואָנסיאַק אסתר־לאה
וואָנסיאַק יאָסל און פאַמיליע
וואָנסיאַקביילע־רחל

וואָנסקאָלאַסער אברהם
וואָנסקאָלאַסער שיינטשע
וואָנסקאָלאַסער מאיר

וואָרשאָווער אהרן
וואַרשאָווער רחל און קינדער

וואַרשאָווער מענדל

וואַרשאָווער גיטל

וויאַטראַק פישל
וויאַטראַק חוה

וויאַטראַק שמחה

וויאַטראַק חיה און קינדער

וויאַטראַק לייביש
וויאַטראַק שרה און קינדער

וויאַטראַק שמואל
וויאַטראַק שרה און קינדער

וויגאָדאָ אהרן־יצחק
וויגאָדאָ צימע
וויגאָדאָ אסתר
וויגאָדאָ רבקה

וויגאָדאָ אהרן־יצחק
וויגאָדאָ צימע
וויגאָדאָ אסתר
וויגאָדאָ רבקה

וויגאָדאָ יחזקאל
וויגאָדאָ יענטע

ווילטשעווסקי הערש
ווילטשעווסקי נעכע

ווילענבערג יאָסל
ווילענבערג גיטל
ווילענבערג משה און פאַמיליע

ווילענבערג משה
ווילענבערג שבע
ווילענבערג וואָווע
ווילענבערג איטשע
ווילענבערג פייגע־לאה
ווילענבערג דוד

ווילענבערג בצלאל
ווילענבערג פריידע

ווילענבערג ישראל
ווילענבערג גאָלדע
ווילענבערג משה
ווילענבערג אסתר
ווילענבערג אַייזיק

ווייסגאַרבער מלך
ווייסגאַרבער חנה־לאה
ווייסגאַרבער מרדכי
ווייסגאַרבער בריינע און נאָך קינדער

ווייסבערג הערשל
ווייסבערג חיה'טשע (ווילענבערג)

ווייסבערג דב (בעריש)
ווייסבערג ברוך
ווייסבערג פייגע
ווייסבערג עטל און פאַמיליע

ווייסבערג מענדל (מאַן פון באַשע פלאָטקע)

וויינטרויב שמואל
וויינטרויבביילע
וויינטרויב הענעך
וויינטרויב מרדכי־דוד
וויינטרויב וועלוול

וויינשטאק פערל

וויסאָקער נח און פאַמיליע

ווייסמאַן הענעך
ווייסמאַן לאהטשע (באַרשטש) און קינדער

ווייסמאַן יחיאל'קע

ווישיניאַ יעקב־דוד
ווישיניאַ יהודית
ווישיניאַ ביילע
ווישיניאַ רויזע
ווישיניאַ רבקה

ווישיניאַק משה און פאַמיליע

ווענגערקאַ חנא־בינעם און פאַמיליע

ווענגערקאַ לייבל און פאַמיליע

ווענגראָווער יעקב

ווערסאָלעק מאיר און פאַמיליע

ווערסאָלעק יצחק
ווערסאָלעק חוה און קינדער
וויינשטיין אברהם
וויינשטיין נחמיה

זאַמערפעלד שמחה־בינעם
און פאַמיליע

זאַמערפעלד יוסף־מענדל
און פאַמיליע

זאַמערפעלד חיים־שמואל
זאַמערפעלד חיה־אסתר
(גאַרפינקעל) און פאַמיליע

זאַמערפעלד דוד
זאַמערפעלד צימע און קינד

זאַקליצעווער זאַנוול און פאַמיליע

זאַקליקאָווסקי ישראל
זאַקליקאָווסקי שרה (סטודענט)

זאַקס חיה־שרה
זאַקס פייוול

זגריזעק לייבל און פאַמיליע

זגאַל פנחס
זגאַל ביילטשע (סאַבאַל)
זגאַל רחל'ע

זגאַל יעקב
זגאַל רבקה און טאָכטער

זילבערבערג יצחק
זילבערבערג בלימע
זילבערבערג אברהם־יוסף
זילבערבערג חיה און קינדער
זילבערבערג שלמה
זילבערבערג שרה און קינדער
זילבערבערג שרה־פערל
זילבערבערג סימע
זילבערבערג מנחם

זילבערבערג יעקב־דוד פרוי
און קינדער

זילבערמאַן חוה און קינדער

זשוטקעוויטש אליעזר
זשוטקעוויטש רחל

זשעפקאַ פאַמיליע

זשעלאַזנער אברהם־לייב
און פאַמיליע

זשעלאַזנער ישראל־חיים
זשעלאַזנער יאכטשע
(לודווינאַוויטש)
זשעלאַזנער יהושע

ח

חיים־יצחק (מלמד) און פאַמיליע

ט

טאָדרעס יצחק (ריקאווער)
טאָדרעס באשע (ריקאָווער)
טאָדרעס דוד
טאָדרעס ישעיהו

טאַוב וואָלף און פאַמיליע
טאַוב ליטמאַן
טאַוב אברהם
טאַוב אפריים
טאַוב יחיאל
טאַוב שרה
טאַוב ברײנע

טאַפּט מאנעס

טאָפּער פייוול און פאַמיליע

טורעק וואָלף און פאַמיליע

טייטלבוים מענדל־משה
און פאַמיליע

טשמיעל יצחק
טשמיעל חיה־בלימע
טשמיעל אביגדור און פאַמיליע
טשמיעל־משה און פאַמיליע
טשמיעל לייבל און פאַמיליע
טשמיעל אברהם און פאַמיליע

טשמיעל פייגע
טשמיעל עטל

טשערוואנאגורא אברהם
טשערוואנאגורא יואל
טשערוואנאגורא יצחק
טשערוואנאגורא חיה־שרה
(ריישיק)

טוטשין חיה־עטע (די רביצין)

יאַבלאנטשיק יחזקאל
יאַבלאָנטשיק פּערל (איצקאָוויטש)
יאַבלאָנקאַ שמואל (דער 2־טער
מאַן פון פּערל סקורניק)

יאַנאָווער קארפּל און פאַמיליע

יאַנאָווער ברוך־דוד און פאַמיליע

יאָנאַסאָוויטש וועלוועל
און פאַמיליע

יאָנאַסאָוויטש שלום־יונה
און פאַמיליע

יוסטמאַן בנימין און פאַמיליע

יעדוואַבניק יעקב
יעדוואַבניק חיה־איטה
(פּערלבערג)

יעדוואַבניק לייבל
יעדוואַבניק שמואל'קע

יעדוואבניק מרדכי
יעדוואב יצחק־מאיר
יעדוואב רחל
יעדוואב איטקע
יעדוואב מאַלע
יעדוואב אריה
יעדוואב שרה
יעדוואב שמואל־דוד
יעראָזאָלימסקי רפאל און פאַמיליע
יעראָזאָלימסקי דוד און פאַמיליע

יעראָזאָלימסקי שמואל
יעראָזאָלימסקי אסתר
יעראָזאָלימסקי יוסף און פאַמיליע

ישמח מרדכי־שמואל
ישמח רבקה־לאה
ישמח דוד
ישמח משה־אהרן
ישמח מעכל
ישמח גיטל (הענדעל)
ישמח רחל

כ

כהנא אליעזר און פאַמיליע
כוויטייקאַ ביילע און פאַמיליע
כוויטייקאַ יעקב־דוד
כוויטייקאַ ליבע
כוויטייקאַ אלקנה און פאַמיליע
כוויטייקאַ יענקל און פאַמיליע
כוויטייקאַ יצחק און פאַמיליע
כונאָוויטש הערשל
כונאָוויטש גיטל און פאַמיליע
כילינאָוויטש שמעון־חיים
כילינאָוויטש שבע
כילינאָוויטש בן־ציון
כילינאָוויטש אסתר

כץ יאנקל
כץ זיסע
כץ מרדכי און פאַמיליע
כץ פישל
כץ חיים און פאַמיליע
כץ פיינע און פאַמיליע
כץ פישל און פאַמיליע
כץ אברהמל
כץ חיים
כץ ציפע
כץ חנקע
כץ פנחס
כץ פריידע־רחל
כץ זלמן־מנשה און פאַמיליע
כץ אהרן

כּץ באשע
כּץ לייבל
כּץ בערל
כּץ חיים
כּץ פּנחס

כּץ מרדכי
כּץ חיה־ברכה
כּץ רויזע
כּץ בריינע

כּץ דוד
כּץ רחל
כּץ יחיאל
כּץ מרדכי

כּץ שיפרה

כּץ אברהם און פאַמיליע

כּץ משה און פאַמיליע

כשאַנאָווער אפרים־יוסף
כשאַנאָווער פייגע
כשאַנאָווער שמואל־יוסף
כשאַנאָווער יחזקאל

כשאַנאָווער שלמה־יעקב

כשאַן עזרא
כשאַן חיה־לאה (פּיאַסעצקי)
כשאַן משה

ל

לאַדיגאַ פאַמיליע

לאַמאַניעץ יחיאל און פאַמיליע

לאַמאַניעץ שמואל און פאַמיליע

לאַסעק אברהם
לאַסעק חיה־סילקע
לאַסעק שרה
לאַסעק הענעך
לאַסעק יוחנן

לאַסעק מרדכי־פּסח און פאַמיליע

לאַסעק יעקב
לאַסעק שיינע־אסתר

לאַסקאַ מתתיהו
לאַסקאַ שרהטשע

לאַסקאַ יואל־דוד
לאַסקאַ משה
לאַסקאַ עטקע
לאַסקאַ הענע
לאַסקאַ גאָלדע

לודווינאָוויטש מרים און קינדער

לודווינאָוויטש מתתיהו
און פאַמיליע

לודווינאָוויטש פּערל
לודווינאָוויטש יאָסל
לודווינאָוויטש שרהטשע

לודווינאָוויטש יעקב־בערטשע
און פאַמיליע

לודווינאָוויטש שמואל
און פאַמיליע

לודווינאָוויטש יאָסל
לודווינאָוויטש שלמה

לודווינאָוויטש גיטל (גאַלינאַ)
און פאַמיליע

לודווינאָוויטש דבורה
און פאַמיליע

לודווינאָוויטש רייזע (זאַלאַנטש)
און פאַמיליע

לודווינאָוויטש פרימעט
(גרינבערג) און פאַמיליע

ליבאָוויטש יעקב־שמואל
ליבאָוויטש מינקע
ליבאָוויטש חיה

לוקאָוויצקי יונה און פאַמיליע

לילענטאַל חיים־לייב
לילענטאַל רחל
לילענטאַל מאיר
לילענטאַל שמחה־בינעם

לילענטאַל אברהם־וועלוועל
לילענטאַל ברײנע

ליכטענשטיין יעקב
ליכטענשטיין צירל
ליכטענשטיין בן־עמי
ליכטענשטיין כרמי

ליכטענשטיין אליעזר
ליכטענשטיין שרה

ליכטענשטיין מאיר־פישל
ליכטענשטיין יחיאל־משה
ליכטענשטיין פנחס
ליכטענשטיין שלמה־יודל
ליכטענשטיין הערשקע

ליכטענשטיין חיים־אהרן
ליכטענשטיין חיה־אסתר
און קינדער

ליכטענשטיין איטשע־מאיר
ליכטענשטיין פריידע־הינדע

ליכטענשטיין אַרקע
ליכטענשטיין מרים
ליכטענשטיין מאָטל, פרוי
און קינד
ליכטענשטיין רחל

ליכטענשטיין פנחס
ליכטענשטיין שרה

ליכטענשטיין פישל
ליכטענשטיין חוה (כין)
ליכטענשטיין לייב
ליכטענשטיין שרה

ליכטיג אליעזר און פאַמיליע
ליכטיג אברהם־מיכל
ליכטיג מענדל

ליפשיץ פנחס
ליפשיץ פריידל
ליפשיץ יעקב און פאַמיליע
ליפשיץ פייגע (פראַם) און מאַן
ליפשיץ אליעזר

ליפאוויטש פיישע
ליפאוויטש סימע און קינדער

לייבאָוויטש מינקע און פאַמיליע

לעוו יעקב־משה און פאַמיליע

לעווינגער משה
לעווינגער שרה
לעווינגער רויזקע
לעווינגער אסתר

לעסמאַן זכריה
לעסמאַן חיה־שרהטשע

לעסמאַן הענעך
לעסמאַן ראובן
לעסמאַן מאיר־וואָלף

לעסער פאַמיליע

לאַשער הערשל און פאַמיליע

לאַשער לייבל און פאַמיליע

לאַשער פייגע־לאה
לאַשער פישל
לאַשער שיינע

לאַשער פישל און פאַמיליע

מ

מאַגלאַ בערל

מאָדריקאַמיען שלמה און פאַמיליע

מאָדריקאַמיען ראובן און פאַמיליע

מאַלאַך אברהם און פאַמיליע
מאַלאַך רבקה (קרוקאווער
און קינדער)

מאַלאַך בנימין און פאַמיליע

מאָנטלאַק חיים
מאָנטלאַק רייזל און קינדער

מאָנטשקאָווסקי יהושע
מאָנטשקאָווסקי אסתר־מרים

מאָנטשקאָווסקי גרוניא
מאָנטשקאָווסקי פעלא

מאָנטשקאָווסקי בעלא (טאָכטער)

מאָנטשיק חיים־אליהו און פאַמיליע
מאָנטשיק משה־הערש

מאָנטשאַק יחיאל
מאָנטשאַק שרהטשע און קינדער

מאָנטשאַק בנימין און פאַמיליע

מאָנקאַזש פישל
מאָנקזש מינדל
מאָנקאַזש טאָבע
מאָנקאַזש יצחק
מאָנקאַזש עלקע
מאָנקאַזש אסתר
מאָנקאַזש יאָסל

מאָסקאָוויטש יהודה־לייב

מאָסקאָוויטש פישל
מאָסקאָוויטש חיה־רחל
מאָסקאָוויטש שרה־אסתר
מאָסקאָוויטש משה־אהרן
מאָסקאָוויטש יעקב

מאַקאָווער ישעיהו
מאַקאָווער רייזל
מאַקאָווער הערשל

מאַקאָווער לייבל

מאַקאָווער בינקע און קינדער

מאַקאָווער יעקב און פאַמיליע

מאַקאָווער יוסף

מאַקאָווער חיה
מאַקאָווער מאָטקע
מאַקאָווער שמואליק
מאַקאָווער אהרן

מינץ וועלוועל
מינץ ביילטשע און קינדער

מינץ־בלום און זייערע 7 קינדער

מינאָגאַ שמואל און פאַמיליע

מינאָגאַ דוד און פאַמיליע

מינאָגאַ סענדער און פאַמיליע

מראָצקי לייבל און פאַמיליע

נ

נאַדבאָרני בערטשע און פאַמיליע

נאָוויסקי אסתר

נאָוואָדוואָרסקי בענדעט

נאָוואָדוואָרסקי חנה
נאָוואָדוואָרסקי ראשקע
נאָוואָדוואָרסקי חיה־אסתר

נאָוואָדוואָרסקי לייבל

נאָוואַק לייזער און פאַמיליע

ניימאַן יאנעס און פאַמיליע

ניימאַן פריידע

ניימאַן (סטאָלניין) טובה

ניימאַרק מאיר און פאַמיליע
ניימאַרק מרים

ס

סאָבאָל משה און פאַמיליע

סאָבאָל פישל און פאַמיליע

סאָבאָל ישעיהו (בן אברהם)

סאָבאָל חוה

סאָבאָל דבורה
סאָבאָל אברהם
סאָבאָל שלמה

סאָבאָל ישעיהו (בן הירש מאיר)
סאָבאָל חנה און קינדער

סאָבאָטקאַ ביילע

סאַפּיאַן פריידע און פאַמיליע

סאַלאָמאָן ראובן און פאַמיליע

סאַלאָמאָן זאַנוול און פאַמיליע

סאַלאָמאָן פישל און פאַמיליע

סאָסקין (עלטערן)
סאָסקין מאשע
סאָסקין יאַשעק
סאָסקין יוסף

סטודענט מענדל
סטודענט פעלר
סטודענט מאניע
סטודענט הערשל
סטודענט חנה
סטודענט פייוול
סטודענט לאה

סמאָליאַזש יאנקל
סמאָליאַזש זיסע און קינדער

סעגאַל חיה־פייגע

סעגאַל איטע

סעגאַל חיים־ברוך און פאַמיליע

סעגאַל דבורה

סעגאַל משה און פאַמיליע

סעגאַל פישל
סעגאַל ליבע
סעגאַל טוביה
סעגאַל חיה

סעגאַל הערשל און פאַמיליע
סעגאַל ישראל און פאַמיליע

סעגאַל משה
סעגאַל טאָבע
סעגאַל שמואל

סעגאַל יעקב־מאיר
סעגאַל גיטל
סעגאַל יעקב־מרדכי
סעגאַל טראַנע און פאַמיליע

סעגאַל חיים־לייזער
סעגאַל חוהטשע
סעגאַל יצחק (איטשע)
סעגאַל גאָלדע (קליינער)
סעגאַל ריטע

סעגאַל פישל (קראַסנאָשיעלץ)
סעגאַל באַשע

סעמפּ נפתלי
סעמפּ מרים־רבקה
סעמפּ שאול
סעמפּ מינדל
סעמפּ משה

סענדלער אברהם און פאַמיליע

סקאַלע משה
סקאַלע לאה־גיטל

סקאַלאַ יצחק
סקאַלאַ מלכה

סקאַלאַ אברהם
סקאַלאַ פייגע־רחל
סקאַלאַ מאַשע
סקאַלאַ חנה

סקוזאַ אהרן
סקוזאַ חנה
סקוזאַ לאה
סקוזאַ יעקב
סקוזאַ לייביש
סקוזאַ אסתר
סקוזאַ שמואל

סקוראַ שמואלקע
סקוראַ גענענדל

סקוראַ יוסף
סקוראַ משה
סקוראַ רחל

סקורניק יאַנקל
סקורניק זלאַטקע
סקורניק פערל

סקזשיניאַק שייע און פאַמיליע

סקזשיניאַק מענדל און פאַמיליע

סקזשיניאַק משה און פאַמיליע

סקזשינאָוולאַגער יאַנקל און פאַמיליע

סקזשינאָוולאַגער פנחס און פאַמיליע

סרעברניק איטע

ע

עאוגעניוש גרשון און פאַמיליע

עברי ישראל־חיים
עברי הענע־רבקה
עברי הערשל און פאַמיליע
עבריידאָמב חנה־פייגע

עברי חיה

עפשטיין אלטער און פאַמיליע

עפשטיין חיה

פ

פאַגעלמאַן זלמן און פאַמיליע

פאַדעמבאָוויטש אהרן־לייזער
און פאַמיליע

פאַדעמבאָוויטש רבקה

פאַטער לייבל און פאַמיליע

פאַליוואָדאַ יודל און פאַמיליע

פאַלישוק איטע

פאַמעראַניעץ יוסף
פאַמעראַניעץ יעקב
פאַמעראַניעץ באשע
(הערצבערג)

פאַמעראַניעץ ניסן
פאַמעראַניעץ יצחק
פאַמעראַניעץ רבקה (זוואָלסקאַ)

פאַמעראַניעץ ישראל

פאַם חנא און פאַמיליע

פאַסקאָוויטש יצחק און פאַמיליע

פאַסקאָוויטש יהודה־לייב
און פאַמיליע

פאַסקאָוויטש אברהם

פוקס יצחק און פאַמיליע

פוקס יוסף

פוקס מלך

פוקס חיה

פוקס חנה
פוקס אסתר

פוקס משה
פוקס שיינדל
פוקס פייוול
פוקס בריינע

פורמאנסקי יאנקל
פורמאַנסקאַ איידל

פיאַנקאַ שמואל
פיאַנקאַ חיה
פיאַנקאַ איזיא

פיאנקא יצחק און פאַמיליע

פיאַנקאַ ארקע
פיאַנקאַ רחל־לאה און קינדער

פיאַנקאַ אפרים
פיאַנקאַ באשע־דבורה
און פאַמיליע

פיאַנקאַ מאיר און פאַמיליע
פיאַנקאַ יודל

פיאַנקאַ נפתלי

פיאַסעצקי אברהם־אליהו
פיאַסעצקי שרה־רבקה
פיאַסעצקי שמואל
פיאַסעצקי פרימטשע
פיאַסעצקי איטקע
פיאַסעצקי שלמה און פאַמיליע

פיאַסעצקי יאנקל און פאַמיליע
פיאַסעצקי רחל

פיאַסעצקי אברהם־פישל
פיאַסעצקי הערש־משה

פיגאַ יעקב
פיגאַ רויזע און פאַמיליע

פיגאַ אריה און פאַמיליע

פיגאַ שמחה און פאַמיליע

פיעקאַרטשיק שיימא
פיעקאַרטשיק ציפע
פיעקאַרטשיק אסתר
פיעקאַרטשיק מאיר
פיעקאַלטשיק־סעגאַל עלקא

פילאר לוי־יצחק

פילאר גיטל און קינדער

פילוט פאַמיליע

פילער־פערלבערג אברהם־פישל
פילער הערש־משה

פיינצייג וועלוועל
פיינצייג מינדל און פאַמיליע
פיינצייג יחזקאל און פאַמיליע

פינקעלמאַן יעקב
פינקעלמאַן באַשע
פינקעלמאַן דוד

פינקעלשטיין חיים־יעקב
און פאַמיליע

פישנער הערשל און פאַמיליע

פישנער אבא און פאַמיליע

פישמאַן פאַמיליע

פלאָידאַ הערש־איטשע
פלאָידאַ רויזע און פאַמיליע

פלאַטאַו יחיאל־מאיר
פלאַטאַו ציביה
פלאַטאַו לוטשא
פלאַטאַו חנה־בלומה

פלאַטאַ מאיר
פלאַטאַ ברײַנע
פלאַטאַ מאָטל

פלאָטקאַ ברוך־מרדכי
פלאָטקאַ לאה
פלאָטקאַ שמואל־לייזער
פלאָטקאַ־גאַרפינקעל רבקה־רחל
און קינדער
פלאָטקאַ באשע און קינד

פלאָטקאַ איטע־גאָלדע
פלאָטקאַ ישראל

פעלדבערג אפרים־פישל
פעלדבערג יאַכעט
פעלדבערג אברהם־הירש
פעלדבערג אהרן־בנימין
פעלדבערג חיה־שרה

פעציניאַש ישראל־מאיר
פעציניאַש חיה־נעכע און פאַמיליע

פערעלמוטער יעקב
פערעלמוטער שיינדל

פערלבערג איצל
פערלבערג פרימעט
פערלבערג רחלטשע (ראָכטשע)

פערלבערג רפאל־ראובן
פערלבערג שרה
פערלבערג יונה
פערלבערג נאטע

פרידמאַן מאטיע און פאַמיליע

פרידמאַן אסתר־איטע

פרידמאַן חנהטשע (סעגאַל)
פרידמאַן יונה־משה

פריימאַן יחיאל
פריימאן חיה־גיטל
פריימאַן רויזע־פייגע
פריימאַן אברהם

פרעשבערג פישל און פאַמיליע

פרעשבערג חיים־לייזער
און פאַמיליע

פרעשבערג גדליה
פרעשבערג ליפטשע
פרעשבערג פייגע
פרעשבערג לייזער־חייקל
פרעשבערג שמואל
פרעשבערג לייב־זעליג

פרעשבערג משה־יהודה
פרעשבערג רבקה
פרעשבערג חיה

פרעשבערג סענדער

פרעשבערג מלכה
פרעשבערג הענדל
פרעשבערג מינדל
פרעשבערג מיכלע
פרעשבערג אברהם
פרעשבערג יצחק
פרעשבערג טויבע־איטע
פרעשבערג בלימע

פערעלבערג חנה־בלימע
פערעלבערג בער
פערלבערג שיינדל

פערעץ יעקב און פאַמיליע

פערקאַל יחיאל און פאַמיליע

פערקאַל ראובן און פאַמיליע

פערש רחל און פאַמיליע

פראָנענבערג משה
פראָנענבערג רחל
פראָנענבערג אברהם־מרדכי
פראָנענבערג צירל
פראָנענבערג שרה־טאָבע
פראָנענבערג יענקל

פראָנענבערג יצחק־ הירש
און פאַמיליע

פראַנק שרה (אלטער פון מלאַווע)

פראַנק זלמן (פון פראַשניץ)

פראַנק רחל (פון ציעכאנאווי־
וואַרשע)

פרידלאַוב מנשה

פרידלאַוב עטא־גיטל
(פיעקאַרטשיק)

פרידלאַוב אסתר

פריד אליעזר
פריד לאה
פריד גבריאל־פסח
פריד פייגע
פריד ליבע
פריד חיה־הינדע
פריד שמחה און פאַמיליע

פרעשבערג אליעזר־דוד
פרעשבערג העניע
פרעשבערג משה־יהודה
פרעשבערג פייגע־רבקה
פרעשבערג יצחק
פרעשבערג יוסף

פרעשבערג פישל
פרעשבערג אסתר־מלכה
פרעשבערג יצחק
פרעשבערג אברהם־אבא

פרעשבערג יעקב
פרעשבערג פסח

פרענקעל מאיר און פאַמיליע

פרענקעל יעקב און פאַמיליע

פרענקעל אברהם־יודל

פרענקעל יצחק־מאיר (איטשע)
פרענקעל רייצע

פרענקעל משה
פרענקעל דינה
פרענקעל יעקב
פרענקעל לאה
פרענקעל זאב (וולאַדעק)
פרענקעל מאיר
פרענקעל פעלע
פרענקעל ניושע

פרענקעל־פאָלמאַן חיה (פעלע)
פרענקעל־אייבעשיץ שרה
און קינד אַדאָנעק

צ

צוקער גיטל
צוקער יעקב

צוקערמאַן שמואל־גרשון
צוקערמאַן אסתר־רבקה
צוקערמאַן נחמה (כומע)

ציגעל יצחק און פאַמיליע

ציון משה

ציון שיינדל (סקורניק)

ציון רודע
ציון שרה
ציון יחיאל־אלטער

ציווינער אלתר־משה

ציטרינאָוויטש פאַמיליע

ציבעלמאַן נפתלי און פאַמיליע

ציעכאַנאָווער רחלטשע (ראָכטשע)
ציעכאַנאָווער־קירשענבאַום רבקה
ציעכאַנאָווער חנה־הדסה
ציקאָריאַ עזריאל

צעגלאַ פאַמיליע
צערטנער יעקב־לייב
און פאַמיליע
צענטוראַ פאַמיליע

ק

קאָבער יצחק
קאָבער נעשע און פאַמיליע
קאָבער אברהמל
קאָציאַק אַנשל און פאַמיליע
קאַלוסקי שלום און פאַמיליע
קאַלינסקי פאַמיליע
קאָפּלאָוויטש גדליה
קאָפּלאָוויטש גאָלדע
קאָפּלאָוויטש יצחק
קאָפּלאָוויטש ליבע (ריקאַווער)
קאָפּלאָוויטש דוד
קאָפּלאָוויטש משה
קאָפּלאָוויטש־ריקאַווער ליבע
קאָפּלאָוויטש בעניע
קאָפּלאָוויטש שמעון
קאָפּלאָוויטש דוד
קאַלענדער הענעך און פאַמיליע
קאַלענדער שלום און פאַמיליע
קאַמיען שמחה־בינעם
קאַמיען פערל

קאַמיען מרדכי־דוד און פאַמיליע
קאַנאַרעק משה און פאַמיליע
קאַנטאָר יחזקאל
קאַנטאָר יענטע און קינדער
קאַנטאָר יאָסל
קאַראַש פאַמיליע
קאַרלינסקי הערשל און פאַמיליע
קאַשטאַן נאָטקע און פאַמיליע
קולאַס יצחק
קולאַס הענעיע
קולאַס מינדל
קולאַס ירחמיאל
קולאַס שרה
קורניק מיכאל און פאַמיליע
קורניק שמואל־דוד און פאַמיליע
קורניק הערשל און פאַמיליע
קורניק פייוול
קורניק דרעזל
קורניק ראַשקע

קורניק דוד־בערל און פאַמיליע
קיט שמואל־יוסף און פאַמיליע
קיט משה און פאַמיליע
קיט שיינע־רחל און פאַמיליע
קירשענבאום הינדע (ריקאָווער)
קירשענבאום דוד
קירשענבאום אהרן
קירשענבאום וועלוועל
קירשענבאום רבקה
קירשענבאום חיה
קירשענבאום יוסף
קירשענבאום רחל
קירשענבאום אברהם
קליינהויז גיטל
קליינהויז בעלע
קליינהויז משה
קליינהויז חייקע
קליינהויז גיטל און פאַמיליע
קליינהויז לאהטשע און פאַמיליע
קליינהויז רחלטשע (ראַכטשע) און פאַמיליע
קליינהויז פייגע
קליינהויז וואָווקע
קליינער יעקב
קליינער אסתר
קליינער לייבל
קליינער בעריש

קליינער פערל־חיה
קליינער מינדל
קליינער פריידע־ביילטשע
קליינער גיטל
קליינער חיים־שלום
קליינער מענדל
קליינער פריידע און קינדער
קאַמיאַטעק משה און פאַמיליע
קראַנגראַד יצחק
קראַנגראַד חיה־שרה
קראַנגראַד הענע
קראַנגראַד פישל־מרדכי
קרוקאָווער יוסף
קרוקאָווער פייגע־שרה
קרוקאָווער משה־דוד
קנאָפּעל־איצקאָוויטש חיה און קינדער
קאָוואַל דוד און פאַמיליע (פון כאָזשעל)
קאָוואַל פייוול (פון כאָזשעל)
קאָוואַל ליבע (פון כאָזשעל)
קאָוואַל יטע (פון כאָזשעל)
קאָוואַל לאה (פון כאָזשעל)
קויפמאַן שמואל אברהם
קויפמאַן חיה אסתר
קויפמאַן משה בער
קויפמאַן פייגע פעסע

ר

ראָגאָזאַ אברהם
ראָגאָזאַ גאָלדע
ראָגאָזאַ טעמע

ראָגאָזאַ יצחק־יעקב (איטשע)
ראָגאָזאַ שרה־אסתר

רוזשאַנער מרדכי
רוזשאַנער הינדע און קינדער

רוזשאַנער שלמה און פאַמיליע

רוזשאַנער משה
רוזשאַנער הדסה (האָדעס)

רוזשאַנער ישעיהו (שיע)
רוזשאַנער פייגע־לאה און פאַמיליע

רוזשאַנעק עזרא
רוזשאַנעק רעלא
רוזשאַנעק עטע

רוזשאַנעק אברהם
רוזשאַנעק רבקה
רוזשאַנעק יעקב־בנימין
רוזשאַנעק הערשקע

ראָזענבערג הערשל און פאַמיליע
ראָזענבערג שמואל (שמשונס)
ראָזענבערג שרה

ראָזענבערג חיים־דוד און פאַמיליע

ראָזענבערג משה

ראָזענבערג ברכה און קינדער

ראָזענבערג דוד־יוסף און פאַמיליע

ראָזענבערג שמשון

ראָזענבערג יודל און פאַמיליע

ראָזענבערג שמואל און פאַמיליע
(דער שרייבער)

ראָזען שמעון־מאיר און פאַמיליע

ראָזען פייגע

ראָזענטאַל דוד און פרוי

ראָזענטאַל אברהם
ראָזענטאַל רייזל
ראָזענטאַל דוד
ראָזענטאַל שמואליק

ראָזענטאַל שמואל־יוסף
און פאַמיליע
ראָזענטאַל (ישמח) חוה
ראָזענטאַל פייגע
ראָזענטאַל פריידע

ראָזענמאַן דוד און פאַמיליע

ראָזענמאַן חיים־שוחט
ראָזענמאַן אליעזר שוחט
ראָזענמאַן צביה
ראָזענמאַן אליעזר (שוחט)
און פאַמיליע
ראָזענמאַן (שוחט) ישראל־יוסף
ראָזענמאַן (שוחט) יחיאל
ראָזענמאַן (שוחט) ישעיהו

ראָזענשטיין אברהם־זאנוול

ראָזענשטיין עטע און פאַמיליע

ראָזענבלום דוד־הערש און פרוי
ראָזענבלום משה

ראָטבלאַט גדליהו
ראָטבלאַט שרה
ראָטבלאַט מאיר

ראָטער בלומע־רחל
ראָטער שלמה און ברודער

ראָטשטיין ישראל

ראָטשטיין (גארפינקעל)
שרה־שיינע און קינדער

ראָלניק פישל און פאַמיליע

ראָלניק אברהם און פאַמיליע

ראָקיטא פאַמיליע

ראָמאַנער מאיר און פאַמיליע

ראָשיניאַק יעקב־מאיר
ראָשיניאַק רחל
ראָשיניאַק דוד
ראָשיניאַק פרימעט
ראָשיניאַק הינדע

רובין אליעזר

רובין הינדע

רובין פנחס
רובין־כץ ליבע און קינד

רובין משה־ניסן
רוביןביילע־פייגע
רובין בנימין
רובין רחל און קינד אברהם־יהודה
רובין מיכלע (ראָדזאַנאָווסקי)
רובין פנחס
רובין ליבע און קינד מאשע
רובין ירחמיאל

רודעק קלמן
רודעק חיה
רודעק אהרן

רודעק הערשל און קינדער

ריבאָק הערשל און קינדער
ריבאָק הערשל און קינדער
ריבאָק חוה

ריבאָק ניסן און פאַמיליע
ריבאָק משה
ריבאָק לאהטשע

ריבאַק לייביש
ריבאַקביילע

ריבאַק יחיאל
ריבאַק הדסה (האָדעס)
ריבאַק שמואל
ריבאַק רייזל
ריבאַק עלקע

ריזיקאַ בוטשא
ריזיקאַ פייגע
ריזיקאַ ביילטשע
ריזיקאַ נעמי

רייזיקאַ נתן און פאַמיליע

רייזער לאהטשע

רייטשיק פריידקע און קינדער

רייטשיק שלום
רייטשיק קריינדל און פאַמיליע

רייטשיק שמואל
רייטשיק יהודה־מאיר
רייטשיק יענקל

רייטשיק אברהם
רייטשיק רבקה
רייטשיק חוה
רייטשיק יעקב

רייטשיק וועלוועל
רייטשיק משה
רייטשיק אברהם
רייטשיק אסתר

ריקאָווער דוד
ריקאָווער שרה־רבקה

ריקאָווער נתן
ריקאָווער חוה
ריקאָווער דוד

ריקאָווער אליהו
ריקאָווער העניע

רישעלעווסקי אליהו־דוד
און פאַמיליע

ש

שאַמאָוויטש יוסף
שאַמאָוויטש דבורה
שאַמאָוויטש אברהם

שאַמאָוויטש איצל
שאַמאָוויטש מאַניע
שאַמאָוויטש שמעון
שמאַוואַוויטש יענטע

שולדענריין יצחק־שלמה
שולדענריין חיה

שטערן קלמן (סופר)
שטערן טאָבע און קינדער

שיינבערג אברהם־הלל
שיינבערג יאַכעט

שיינבערג דוד
שיינבערג דבורה־איטע
שיינבערג ריבציע
שיינבערג לייב
שיינבערג אליהו

שלאָמאָוויטש צבי־זאב
שלאָמאָוויטש הינדע (שעלסקי)
שלאָמאָוויטש יעקב
שלאָמאָוויטש הינדע (גאָגאָל)
שלאָמאָוויטש אליעזר־דוד
שלאָמאָוויטש מאיר־מאַנעס
שלאָמאָוויטש לייבל
שלאָמאָוויטש מאַטעס
שלאָמאָוויטש פייגע
שלאָמאָוויטש פייגע (ראָשיניאַק)

שליאַזער יעקב

שליאַזער אסתר־לאה און קינדער

שליאַזער נחמן און קינדער

שמולעוויטש אלתר און פאַמיליע

שמולעוויטש יודל און פאַמיליע

שניאַדאָווסקי בנימין
שניאַדאָווסקי שרה־עטע

שניאַדאָווסקי יעקב־מאיר
שניאַדאָווסקי הענע־גיטל

שניאַדאָווסקי וואָלף
שניאַדאָווסקי שרה־דרייזל
שניאַדאָווסקי באַשע
שניאַדאָווסקי דוד

שניאַדאָווסקי לייזער
און פאַמיליע

שניידערמאַן פייגע
שניידערמאַן יענטע

שניידענמאַן בראָנטשע
שניידערמאַן אַנשל

שניידערמאַן יוסף
שניידערמאַן חנה
שניידערמאַן שלום
שניידערמאַן אליהו
שניידערמאַן מאיר

שעלסקי פייוול און פאַמיליע
שעלסקי יודל

שעלסקי יעקב־דוד

שרעמער ישעיהו
שרעמער איטע־דבורה
שרעמער יוסף־פנחס
שרעמער קיילע־פערל
שרעמער לייבל
שרעמער מרדכי
שרעמער שרהטשע און קינדער
שרעמער טאָבע
שעער ישראל (פון כאָזשעל)
שעער בלימה

שערמאַן רחל לאה

ת

תאומים פיינטשע און פאַמיליע

פראָנענבערג משה
פראָנענבערג רחל
פראָנענבערג אברהם
פראָנענבערג צירל
פראָנענבערג שרה־טובה
פראָנענבערג יעקב
פראָנענבערג דוד

באָרנשטיין חוה
באָרנשטיין הרשל
באָרנשטיין הערצקא
באָרנשטיין בינה
באָרנשטיין משה

תוכן * אינהאלט

עמוד

פתח דבר / יעקב מ. סקורניק 7
פאָרוואָרט / יצחק בראַט 9
דער פנקס הדמים / יחזקאל איצקאָוויטש 11
די געשיכטע פון יזכור־בוך / מרדכי ציעכאַנאָווער 13
פעולת ארגון יוצאי מאקוב בישראל / ישראל פרנקל 19

פרקי היסטוריה • געשיכטע

מאַקאָוו (געשיכטע פון דער פאַרטיליקטער קהלה) / יעקב מ. סקורניק 29
זינג! / יצחק קאַצענעלסאָן 99
מאקוב לפני מלחמת העולם הראשונה / רפאל־צבי בהרב 105

הווי • לעבנסשטייגער

געווען אַמאָל אַ שטאָט מאַקאָוו / יעקב־חיים סאַבעל 115
דער מאַרק / אברהם שילה (ריבאַק) 148
מאַקאָוו אַ שטעטל מיט פאַרלאַנגען / נתן שחר (מאַנטשקאָווסקי) 150
מיין שטעטל מאַקאָוו / דאַבע גודעס קאַלינאַ 154
פון מיין שטעטל / חנא סטאַלניץ 158
אַ טאָג אין מאַקאָוו / ד"ר מ. גור (קאַציאַק) 162
זכרונות פון מיין געבורט־שטאָט מאַקאָוו / אליעזר שחר (מאַנטשקאָווסקי) . . 170
הטחנה / נחמה סלע־לבקוביין' 174
אַ גאַס אין מאַקאָוו / מרדכי ציווינער 176
וואָס מען האָט דערציילט וועגן מאַקאָווער שול / הרב שמואל הילערט . . . 181

בעולם החדש • אין דער נייער וועלט

מאַקאָווער יידן אין דער נייער וועלט / יעקב־חיים סאַבעל 187
הילף פון ווייטן שאַנכיי / מ. צ. 200

פעולות־תרבות, בתי־ספר, מפלגות
קולטור־טעטיקייט, שולן, פאַרטייען

	עמוד
שולן אין מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק / אידאַ בעער־גאַרפינקעל	205
„בונד" אין מאַקאָוו / לייבל גאָגאַל	217
מיטן שטראָם / איטה פשוט (רושיניאַק)	221
זכרונות / אסתר חסד־עליון (דומבק)	225

שואה וגבורה • אומקום און גבורה

דאָס וועלט־געוויסן האָט נישט דערוואַכט / יחזקאל איצקאָוויטש	229
קלעפּ, פּייניקונגען, אומקום / מאיר־הערש ציעכאַנאָווער	237
צווישן מענטשן־חיות / מאיר רובין	252
ממסע השמדה והחורבן / משה אבא קמין	273
רויטע בלומען / יחזקאל איצקאָוויטש	277
אַ בינטל טרויעריקע זכרונות / שמואל טאוב	283
מאַקאָווער יוגנטלעכע אין אוישוויץ / אידה כ"ץ־בעער־גאַרפינקעל	291
דם על פרחים לבנים / יחזקאל איצקוביץ'	305
איבער בלוטיקע וועגן / מרדכי ציעכאַנאָווער	309
אין די גרויליקע יאָרן / שלמה רייטשיק	338
נומער 81434 / א. אייזנבערג	348
השואה ולקחה / רפאל־צבי בהרב	353
מאַקאָוו אין חורבות / יחזקאל איצקאָוויטש	357
דער באַזוך אין מיין שטעטל / משה כ"ץ	362
אַ מצבה / צירל ביילים (אַזשעך)	365
ביום אבל / רפאל־צבי בהרב	367
יסורים־וועג פון פוילן, רוסלאַנד — ביז ישראל / רחל פּאָמעראַניעץ	369
איך זע דיך, מאַמע... / יחזקאל איצקאָוויטש	374
דריי לידער / משה כ"ץ	376
רק מבטך נשאר... / שמואל בורשטין	380

אישים ודמויות • פערזענלעכקייטן און געשטאַלטן

קדיש נאָך חברים / יעקב־חיים סאָבעל	383
מאַקאָוו של מעלה / הרב בן־ציון ראָזענטאַל	388
מיינע מאַקאָווער זיידעס / ד"ר יהודה ראָזענטאַל	403
מאַקאָווער יידן / יעקב־חיים סאָבעל	408

עמוד

אלון בכות על פטירתו של ר׳ אברהם־יוסף ראָזענטאַל ז״ל / נ. סוקולוב 413
פעילות הציונים בעיר בשנות 1917—1918 415
תולדות הרבנות במאקוב עד שנת תרמ״א / מ. צינוביץ 419
קאַהן (יחיאל) מיכל / י. מ. ס. 421
בן־ציון חילינאָוויטש 423
דרך מלאת חתחתים ותלאות 424
דברי אבל ותנחומים על פטירת הר״ר מרדכי פינקעל ז״ל 426
מפעולות „קרן היסוד״ בעיר 426
הסופר אלעזר דוד פינקעל ז״ל / יעקב מ. סקורניק 427
הרב ר׳ אפרים־פישל ניימאַן ז״ל 429
כיל אַראָנסאָן / מלך ראַוויטש 431
דער קאַצקער רבי הייסט אַ קלעזמער שפּילן 433
ד״ר יהודה ראָזענטאַל 434
בערקא / ד״ר מנחם גור־קאַציאַק 436
ישראל פומרנץ ע״ה / הועד 439
סג״מ רני וויסברג ז״ל / הועד 441
הרב ר׳ פינחס אינגבערמאַן ז״ל / הרב משה שולמאַן 442
מינדל פרידמאַן־רייצ׳יק ז״ל / יהודה ארז 444
מינדל פרידמאַן־רייטשיק ז״ל / יהודה ארז 446
שושנה ע״ה / ישראל פרענקעל 449
נפש יקרה ודמות רבת־פעלים / דוד בוכנר 451
ר׳ אליעזר־דב בן ר׳ פנחס / יהודה ראָזענמאַן 453
קווים לדמותו של אבינו / נחמה סלע־לבקוביץ — יעקב לבקוביץ . . . 455
ביתנו / נחמה סלע־לבקוביץ — יעקב לבקוביץ 458
ליכט אין דער נאַכט / אַ תלמיד 459
זכרונות פון מיין פאָטערס הויז / חיה־גיטל פּרעשבערג 463
לדמותו של בן־ציון הנדל / דוד בוכנר 467
MAX PIANKA, Ph.D. / A Visit to the Home-town Makow 468
יזכור 473
רשימת הקדושים 475
רשימת התמונות ותוכנן 510
רשימה פון די בילדער און זייער אינהאַלט 513

רשימת התמונות ותוכנן

עמוד

חלופי־מכתבים עם פרופ׳ ברל מארק ז״ל 16
קבוצת חלוצים עם משה קלינר לקראת עליתו לא״י 20
מכתב עידוד מאת ה„רליף״ המקובאי 23
חגיגה בבית הכנסת הגדול במאקוב 37
שער מהספר „חבלים בנעימים״ 45
כיתת בית הספר העממי במאקוב 56
חנוכת ל״ג בעומר של „פרחי־ציון״ 68
בקורו של הלל צייטלין במאקוב 70
מועצת העיר עם ראש העיר היהודי יעקב־מאיר סגל 75
תנועת פועלי־ציון במאקוב 77
מגויסי־צבא במאקוב 79
ערב פרידה למר משה בז׳וזה 86
קבוצת צופים „ראובן״ במאקוב 89
קן „השומר הצעיר״ 95
פעילי „השומר הצעיר״ 96
סניף „החלוץ״ במאקוב 96
חברי „השכלה״ במאקוב 107
ועידת הגליל הרביעית 111
בוגרי בית־הספר העממי 115
כיתת בית־הספר „יבנה״ 117
כיתת תלמידים בגימנסיה היהודית במאקוב 119
קבוצת צעירי „מזרחי״ 121
הועד של „לינת הצדק״ במאקוב 123
ועד אנשי מאקוב למען שיפוץ בית־המדרש הישן 124
הנהלת „לינת הצדק״, יו״ר יצחק ווסולק ז״ל 126
נשף פרידה לישראל פרנקל בשנת 1931 128
נשף פורים של הקק״ל במאקוב 130
ועד הספריה ע״ש שלום עליכם 132
יום הפרח למען הקק״ל 133
בזר של קק״ל 133
תנועת „החלוץ הצעיר״ במאקוב 135
סניף „החלוץ הצעיר״ בשנת 1933 137
לקראת עלייתן של חברות „השומר״ הצעיר שרה אורליק ובײלצ׳ה סקורניק . . . 139
גן־הילדים במאקוב בהנהלת ינטה שנידרמן 141
הפגנת ה־1 במאי במאקוב, 1917 142
יום ראשון בככר השוק במאקוב 144
אברהמלה שואב־מים במאקוב 146
תעודת חבר של „השומר הצעיר״ 149

עמוד

הנהלת גן־הילדים העברי הראשון במאקוב 151
מסיבת צעירי־מאקוב בשנת 1919 155
חנא סטולניץ המשורר 158
השער של ספר השירים „ליכט אין דער נאַכט" 159
יהודי מאקוב בחפירות תעלות־מגן, 1939 160
הגשר בדרך ליער 161
קולנוע „שוויאַטאַביד" במאקוב 163
תנועת הצופים במאקוב 165
סניף „השומר הצעיר" במאקוב 168
רחוב פילסודסקי — מימין: בנין הדאר 171
הטורבינה להפעלת כוח החשמל 172
שדרות „החרות" 177
קבוצת צעירים בשנת 1923 179
מכתב מ„אורט" לגב' פיאַסצקי בשאנכיי 201
פעילותה של הגב' פיאַסצקי בשאנכיי הרחוקה 202
כיתת בית־הספר העממי עם המורים שמואל פיאַנקאַ ואיטה כ"ץ 206
כיתת בית־הספר העממי, בשנת 1932 207
כיתת בית־הספר היהודי העממי, 1930 208
טיול לוויליצ'קה 209
מנהלי „אורט" עם החניכים במאקוב 209
כיתה ו' בטיול בדנציג ובגדיניה 211
כיתת גימנסיה במאקוב, 1918 213
כיתה א' של הגימנסיה 215
חורשת גז'נקה במאקוב 216
תחנת האוטובוסים „פוצ'קלניה", בככר השוק 217
ראשי תנועת ה„בונד" בשנת 1929 219
קבוצת „חבצלות" לרגל נסיעתה של מירל קירשנבאום לארה"ב 225
ערב פרידה למשפחת איצקוביץ' 235
אזכרה לקדושי מאקוב 236
יהודי מאקוב בחפירות תעלות מגן, 1939 238
מכתב ל„ג'וינט" 240
עצמות 21 הקדושים שנתלו בגיטו מאקוב 244
קבוצת חלוצים בהכשרה 251
תשובת „ג'וינט", 1940 257
מבט על מקום הרצח 259
כנס יוצאי מאקוב בשנת 1946 281
תעודת זהות של השלטונות האמריקאיים על היותו עצור במחנה הריכוז 284
אשור על מספר היהודים במאקוב בשנת 1940 286
אזכרה לקדושי מאקוב, 1945, גרמניה 301
עצרת הזכרון האחרונה בגרמניה, 1947 303
מראה כללי של מאקוב 305
החורשה גז'נקי 306
מכתב מקהילת מאקוב לג'וינט, 1940 317
גופות של 21 הקדושים 321
עצרת אבל לזכר הקדושים, בשנת 1947 339
ליד בית המדרש הישן, בדרך לבית הקברות 342

עמוד

מספר 81434 על ידו של מ. צ׳יכנובר 352
חורשה ע״ש קהילת מאקוב, ביער הקדושים, ירושלים 354
ילדי מאקוב בקיטנת „סאָז״, 1937 357
נהר אוז׳יץ 359
כתבה בעתון יהודי במינכן על אזכרה 373
ועד „החלוץ הצעיר״ במאקוב, 1928 384
קבוצת חברים מתנועת „יוגנט״ במאקוב 386
בית הספר „בית יעקב״ ובנות אגודת־ישראל במאקוב 389
מודעת אבל על פטירתו של ר׳ משה יוסף הכהן גרפינקל 397
חדר תלמוד־תורה במאקוב, 1924 399
הנהלת „סאָז״ במאקוב, 1937 409
מר איזנברג, נציג „צעירי־ציון״ מבקר במאקוב 415
בזור למען קק״ל במאקוב 418
בקורו של בן־ציון חילינוביץ׳ במאקוב 422
הרב אפריים־פישל ניימן ז״ל 429
קברו של הצדיק הגאון ר׳ מוטלה זצ״ל 430
ברקו הנדל ז״ל 436
ישראל פומרנץ ז״ל 439
סג״מ רני וויסברג ז״ל 441
מנדל רייצ׳יק־פרידמאן ז״ל 444
תכנית המחזה „חסיה היתומה״ 450
יהושע מקובר ז״ל 451
חדר „יבנה״ בתהלוכת ל״ג בעומר 463
קבוצת חלוצים בהכשרה לפני עלייתם ארצה 465

רשימה פון די בילדער און זייער אינהאַלט

	זייט
בריוו־אויסטויש מיט פּראָפ. בערל מאַרק ז״ל	16
משה קליינער צו זיין עולה זיין קיין א״י	20
דערמוטיקונגס־בריוו פון מאַקאָווער „רעליעף״־קאָמיטעט	23
פייערונג אין דער גרויסער שול	37
שער פון ספר „חבלים בנעימים״	45
אַ קלאַס פון דער פאָלקס־שול אין מאַקאָוו	56
ל״ג בעומר־פייערונג פון „פרחי־ציון״	68
באַזוך פון הלל צייטלין אין מאַקאָוו	69
די שטאָט־פאַרוואַלטונג מיטן יידישן בירגערמייסטער יעקב־מאיר סעגאַל	75
„פועלי־ציון״ באַוועגונג אין מאַקאָוו	77
מאַקאָווער רעקרוטן	79
געזעגענונגס־אָוונט לכבוד משה בזשאָזאַ	86
אַ גרופּע סקויטן „ראובן״ אין מאַקאָוו	89
קעמערל פון „השומר הצעיר״	95
אַקטיוויסטן פון „השומר הצעיר״	96
סניף פון „החלוץ״ אין מאַקאָוו	96
„השכלה״־מיטגלידער אין מאַקאָוו	107
פּערטע „גליל״־קאָנפערענץ	111
אַבסאָלווענטן פון דער פאָלקס־שול	115
אַ קלאַס פון דער „יבנה״־שול	117
אַ קלאַס פון מאַקאָווער יידישע גימנאַזיסטן	119
אַ גרופּע „מזרחי״־יוגנט	121
קאָמיטעט פון מאַקאָווער „לינת הצדק״	123
קאָמיטעט פאַר איבערבויען דעם אַלטן בית־המדרש	124
קאָמיטעט פון „לינת הצדק״, פּרעזעס יצחק וועסאָלעק ז״ל	126
געזעגענונגס־אָוונט לכבוד ישראל פרענקעל, 1931	128
פורים־באַל פון קרן־קיימת אין מאַקאָוו	130
קאָמיטעט פון שלום־עליכם ביבליאָטעק	132
אַ בלימל־טאָג לטובת קרן־קיימת	133
באַזאַר פון קק״ל	133
„החלוץ הצעיר״־באַוועגונג אין מאַקאָוו	135
סניף פון „החלוץ הצעיר״ אין יאָר 1933	137
צום עולה זיין קיין א״י פון „השומר־הצעיר״ חברות שרה אָרליק און ביילטשע סקורניק	139
קינדער־גאָרטן אונטער דער לייטונג פון יענטע שניידערמאַן	141
1־טער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין מאַקאָוו, 1917	142
אַ זונטיק־טאָג אין מאַקאָווער מאַרק	144
אברהמלע וואַסער־טרעגער אין מאַקאָוו	146
מיטגלידס־קאַרטע פון „השומר־הצעיר״	149
פאַרוואַלטונג פון ערשטן העברעאישן קינדער־גאָרטן	151

זייט

פײַערונג פון אַ גרופּע יוגנטלעכע, אין יאָר 1919 155
דער דיכטער חנא סטאַלניץ 158
שער־בלאַט פון בוך לידער „ליכט אין דער נאַכט" 159
מאַקאָווער יידן ביים גראָבן אָקאָפּעס אין יאָר 1939 160
די בריק אויפן וועג צום וואַלד 161
קינאָ־טעאַטער „שוויאַטאָוויד" אין מאַקאָוו 163
סקויטן־אָרגאַניזאַציע אין מאַקאָוו 165
סניף פון „השומר הצעיר" אין מאַקאָוו 168
פּילסודסקי־גאַס — רעכטס: בנין פון פּאָסט־אַמט 171
די וואַסער־טורבינע פאַר עלעקטרישער קראַפט 172
פרייהייטס־אַלייע 177
אַ גרופּע יוגנטלעכע אין יאָר 1923 179
אַ בריוו פון „אָרט" צו פּרוי פּיאַסעצקי, אין שאַנכיי 201
טעטיקייט פון פּרוי פּיאַסעצקי אין שאַנכיי 202
אַ קלאַס פון דער פאָלקס־שולע מיט די לערער שמואל פּיאַנקאַ און איטע כ"ץ 206
אַ קלאַס פון מאַקאָווער פאָלקס־שול, 1932 207
אַ קלאַס פון דער יידישער פאָלקס־שול, 1930 208
אויספלוג קיין וויעליטשקע 209
לייטערס פון „אָרט" מיט די שילער אין מאַקאָוו 209
אויספלוג פון 6־טן קלאַס קיין דאַנציג און גדיניע 211
גימנאַזיע־קלאַס אין מאַקאָוו, 1918 213
ערשטער קלאַס פון גימנאַזיע 215
דער מאַקאָווער גזשאַנקע־וועלדל 216
אויטאָבוסן־סטאַציע „פּאָטשעקאַלניע" אין מאַרק 217
פירער פון דער „בונד"־באַוועגונג אין יאָר 1929 219
גרופּע „חבצלות" צום אָפּפאָר פון מירל קירשענבאַום קיין אַמעריקע 225
געזעגענונגס־אָוונט לכבוד דער משפחה איצקאָוויטש 235
אזכרה געווידמעט די מאַקאָווער קדושים 236
מאַקאָווער יידן גראָבן אָקאָפּעס אין יאָר 1939 238
אַ בריוו צו „דזשאָינט" וועגן הילף 240
ביינער פון די 21 קדושים וואָס זענען אומגעקומען אויף דער תליה אין געטאָ 244
אַ גרופּע חלוצים אויף הכשרה 251
ענטפער פון „דזשאָינט", 1940 257
אַ בליק אויפן רציחה־פּלאַץ 259
צוזאַמענטרעף פון מאַקאָווער שארית הפליטה, 1946 281
באַשטעטיקונג פון דער אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט פאַר אַ געוועזענעם קאַצעטלער 284
באַשטעטיקונג וועגן דער צאָל יידן אין מאַקאָוו, אין יאָר 1940 286
אזכרה נאָך די מאַקאָווער קדושים, דייטשלאַנד, 1945 301
לעצטע טרויער־אַקאַדעמיע אין דייטשלאַנד, 1947 303
אַלגעמיינער אויסבליק פון מאַקאָוו 305
דאָס וועלדל גזשאַנקי 306
אַ בריוו פון מאַקאָווער געמיינדע צום „דזשאָינט", 1940 317
קערפּער־טיילן פון די 21 קדושים 321
טרויער־אַקאַדעמיע נאָך די קדושים, 1946 339
ביים אַלטן בית־המדרש, אויפן וועג צום בית־עלמין 342
דער נומער 81434 אויף דער האַנט פון מ. ציעכאַנאָווער 352

זייט

וועלדל אויפן נאָמען פון דער מאַקאָווער קהילה אין יער־הקדושים, ירושלים . . . 354

„טאָז״־קאָלאָניע פאַר קינדער, 1937 357

דער טייך אָזשיץ 359

באַריכט אין מינכענער יידישער צייטונג וועגן אַן אזכרה 373

קאָמיטעט פון „החלוץ הצעיר״ אין מאַקאָוו, 1928 384

אַ גרופּע מיטגלידער פון „יוגנט״־באַוועגונג אין מאַקאָוו 386

„בית־יעקב״־שולע און בנות אגודת־ישראל אין מאַקאָוו 389

נעקראָלאָג וועגן דער פטירה פון ר׳ משה יוסף הכהן גאַרפינקעל 397

תלמוד תורה חדר אין מאַקאָוו, 1924 399

„טאָז״־פאַרוואַלטונג אין מאַקאָוו, 1937 409

ה׳ אייזנבערג, פאָרשטייער פון „צעירי־ציון״ באַזוכט מאַקאָוו 415

באַזאַר לטובת קק״ל אין מאַקאָוו 418

באַזוך פון בן־ציון חילינאָוויטש אין מאַקאָוו 422

הרב אפריים־פישל ניימאַן ז״ל 429

דער קבר פון צדיק הגאון ר׳ מאָטעלע זצ״ל 430

בערקאָ הענדעל ז״ל 436

ישראל פאָמעראַנץ ז״ל 439

סג״מ רני ווייסבערג ז״ל 441

מינדל רייטשיק־פרידמאַן ז״ל 444

פראָגראַם פון דער פאָרשטעלונג „חאַשע די יתומה״ 450

יהושע מאַקאָווער ז״ל 451

אַ ל״ג־בעומר־מאַרש פון חדר „יבנה״ 463

אַ גרופּע מאַקאָווער חלוצים פאַר זייער עליה 465

*PXV
(Makow-Mazowie